STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03024

VUNDER IN VANDER

Melech Ciemny

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מלד טשעמני

וווּנדער אין וואַנדער

(בלעטלעך פון מיין טאָגבוך)

סעפטעמבער 1939 — סעפטעמבער 1969

רמת־גן
אייגנס
תשל״א — 1971

MELECH CIEMNY

WUNDER IN WANDER

1971

★

מלך טשעמני / ווונדער אין וואַנדער

רמת־גן, אייגנס, ת.ד. 364

★

נדפס במדינת ישראל תשל״א

Printed in Israel 1971

★

סודר ונדפס בקואופרטיב עובדי הדפוס הכללי בע״מ, רח׳ השוק 26, ת״א.

*** — — 6

ערשטער טייל

1 — האַמער און סערפּ קאָנטראַ מגן־דוד — — 7
2 — לוניניעץ על פּרשת דרכים — — 10
3 — קעניגסבערגס קעניגרייך אין לעמבערג — — 13
4 — אין דער מלוכה פון זישע באַגיש — — 19
5 — די שוואַרצע רשימה און משה בטלן — — 22
6 — אַ קוריאָז: בער — — דער העברעער — — 25
7 — עס וועט זיין גוט — — 28
8 — פּליטים־קאַרטאָפל געמישט מיט טעאַטער־„פּליטים" — — 34
9 — אַ חזירשע מעשה — — 36

צווייטער טייל

1 — ווינציקער עסן — ווינציקער אַרבעטן — — 39
2 — „פּיסק"־מלאָכה — — 40
3 — דער קאַלמיקישער „פּאָליטרוק" — — 44
4 — אַ מעשה מיט אַ פערד און אַ מעשה אין דער מעשה — — 46
5 — באָריס דער „קאָמסאָמאָליעץ" — — 54
6 — „בויך"־ווערט און געלט־ווערט — — 58
7 — אַ בריוו קיין מאָסקווע: „סאָיוז פּיסאַטעלעי" — — 59
8 — אַ יידיש בריוועלע: „איר זאָלט זיין מיין גאַסט" — — 62
9 — אַ זיסע נאַכט; לאָמיר זיך געזעגענען — — 64

דריטער טייל

1 — הייסע קישקעלעך אַנטקעגן לעניו־מאַוזאָליי — — 67
2 — אַ וואַרעם־יידישע שטוב — בשכנות מיט באָגדאַן כמעלניצקי — — 70
3 — מיט יידישע שרייבערס אין אַ יידיש־טעמפּל — — 74
4 — וואַרשע ברענט; — אויפן בוידעם פון קיעווער „שטערן" — — 75
5 — אַ יידיש שטעטל אין אַ יידישן נאַציאָנאַלן ראַיאָן — — 78
6 — אסתר די ביבליאָטעקאַרשע און נחום דער „פּאָליטרוק" — — 84
7 — אויס מיט די וואָילאָקעס — — 90
8 — אַ „בעזבאָזשניק" אין שטעטל — — 93
9 — געוויין אין אַן אויסגעשטערנטער נאַכט — — 97
10 — אומרואיקע הימלען איבער נייזלאַטאַפּאָל — — 101
11 — עוואַקואַציע — — 104

פערטער טייל

1 — יאַנגי־יול — „נייע טעג״ — — 107
2 — „ער האָט דיזענטעריע״ — — 109
3 — היימישע יידן — אין טאַשקענטער באַלאַגאַן — — 112
4 — „לעהיטראַאָט״ — — 113
5 — נאַגע, ליכטיקער נאַנעטשקע — — 114
6 — אַ לעבן אַזאַ — — 117
7 — זיך אָפּגעבריט אין בוכאַרע — — 119
8 — אַן אַנשיקעניש — סטאַלינאַבאַד — — 124
9 — מאַרי — קאַשע געשמאַלצן מיט קדחת — — 128
10 — „פֿאַן מאַריץ״ גיט מיר אַ נאָמען — — 131
11 — פּאַפּ־זאַטשעגרוכע און אַפּיצערסקע גולאַזשן — — 134
12 — אַ געגעראַל — מיין מלאך־המוות — — 140
13 — קאַראַ־קול — מיין נייע געזעלשאַפט: משוגע? — — 144
14 — דער „פֿאַן מעצענאַס״ — — 148
15 — „איר זענט דאָך געווען ביי אונז אין שטעטל״ — — 156
16 — מיין שותפות מיטן „פֿאַן גאַיאַווי״ — — 162
17 — אַ פאַרכעוואַטער סטאַלין — — 164
18 — שייע דער מסור — — 168
19 — „פֿאַרכאַדסטרוי״ — דאָס סאָוועטישע גיהנום של מטה — — 171
20 — ביעגאַוואַט — אַ באַוועגלעכער גולם — — 175
21 — אַ טאַטערישע וועלט — — 178
22 — אויפשטאַנד פון אַנשטעקנדיקע — — 183
23 — „פּליטה״ — אין דער וועלט אַריין — — 187
24 — סאַמאַרקאַנד — נסים ונפלאות — — 190
25 — דער צדיק פון „זאַגאַטזערנאַ״ — — 197
26 — פאַרוואָס האָט ער מיך נישט דערשאָסן? — — 199
27 — אַנשיקענישן, באַגעגענישן, סיורפּריזן — — 201
28 — אין זכות פון אַ בלאַט גמרא — — 207
29 — די „טריפהנע יידישקע״ מיטן נאַגאַן — — 211
30 — עוזר — מיין גיכע הילף — — 215
31 — אין אַ וועלט פון דינע און גראַבע באַשעפענישן — — 218
32 — רייזע־פיבער — — 227

פינפטער טייל

1 — תם ונשלם — — 230
2 — און די סאָלדאַטלעך האָבן נישט געשאָסן — — 234
3 — רחמנות אויף אַ דייטשיש קינד? — — 238
4 — האַלעוועשקעס, אָדער: דער גרויסער יאַריד — — 240
5 — קעלץ — פריער און דערנאָך — — 242
6 — דאָס נייע קאַפּיטל: טרעפענישן און שטויסענישן פון לאַגער
צו לאַגער — — 248

7 — אַ שוואַרצע נאַכט — צו דער גרענעץ — — 255
8 — עס רודערט זיך... — — 258
9 — פון לאַגער צו לאַגער — — 261

זעקסטער טייל

1 — מינכען — דער „מרכז" — — 269
2 — אין די הויזן... — — 270
3 — פון צייטונג צו צייטונג — — 272
4 — „רק קח" און „אַדאָלף בלייבטרוי" — — 275
5 — און אפשר אויפהערן זוכן יושר? — — 280
6 — ליקווידאַציע — און די שרייבערס גאָלד און קייט — — 282
7 — עס גרייטן זיך געריכטן... — — 286
8 — הימל און ערד און — ווי־דער־גוט־מאַ־כע־ריי — — 288
9 — זיך ווידער פאַרפלאָנטערט... — — 292
10 — אַ רחמנות־פעקל פון דער שווייץ — — 294
11 — די „גאָלדענע קייט" און דער קאַשמאַר — — 297
12 — דייטשלאַנד: מקום מוכן לפורעניות — — 305
13 — כאַרכע פון מאָנטעווידעאָ און זיין קוזין אין מינכען — — 310
14 — אַ שמועס וועגן גוטע און שלעכטע יידן — — 315
15 — אַ בינטל פּאַטשערקעס וועגן דעם „צעקאַ" — — 317
16 — אַ גוטע בשורה: אַרגענטינע — — 322

זיבעטער טייל

1 — אַ נייע צייטונג — נייע צרות — 324
2 — האָט „חבר מאַטיע" שייכות מיט שטוטגאַרטער אַנטיקן־גאַלעריע? — — 332
3 — די קאָרעספּאָנדענץ פונם חבר שקר — — 336
4 — אָפּאַטאָשו: „פאַרשווייגט"; לייוויק: „ווען יידן הויבן אָן פאַלן" — — 338
5 — אַ רייזע־אַגענט, וואָס ראַטעוועט שרייבערס — — 343
6 — בריוו... רייזע־פיבער — היץ־פיבער — — 345
7 — וואַנדער אין וואַנדער — — 350

אַכטער טייל

1 — בוענאָס־איירעס: גוטע לופט — „מוי ביען" — — 371
2 — בערל גרינבערג: „זאָל זיך דיר דער קאָפּ נישט פאַרדרייען" — — 374
3 — פיגורן אין רעדאַקציע „די פּרעסע" — — 377
4 — „אַקטן"־געזעלשאַפט — — 381

**

די „בלעטלעך" זענען געשריבן במשך דרייסיק יאָר אין פאָרם פון אַ טאָגבוך — לרוב טראַגישע טעג, אַזוי די וואָכן, די חדשים און יאָרן; פון איין זייט די דייטש־נאַציישע מערדערייען, פון דער צווייטער — דער סאָוועטיש־ציניש[ע]ר גאַנגסטע־ריזם, בתוכם — „די וועלט", וואָס דער קאָמיזם פון איר „נייטראַלער סטראַטעגיע" האָט היפּשלעך פאַרשטעלט די טראַגישע זייט אין אַ מאָוימדיקער צייט. נישט אַלע „בלעטלעך" זענען פאַרנאָטירט געוואָרן צווישן די „וואַנדער" בכדי זיי זאָלן אַריינ־גענומען ווערן אינם בוך. געוויס „נאַטירלעכע" טעג און געשעענישן, וואָס דער מחבר האָט זיי, אמת, פאַרצייכנט אויף זיינע פּאַפּיר־ברעקלעך, נאָר מחמת דאָס בוך איז נישט קיין געשיכטע־כראָניק האָט ער זיי געלאָזט פאַר דעם מער־אָביעק־טיוון באַשרייבער.

די צייט באַשאַפט דעם מענטש. דערביי ווענדט זיך אין וועלכער מאָס דער מענטש פּאַסט זיך אַריין אין דער צייט. פאַראַן פאַרשידענע מאָסן — גרויסע און קליינע; פאַראַן אויך פאַרשידענע מענטש־מאָסן.

די טראַגישע טעג האָבן אויך באַשאַפן טראַגי־קאָמישע מענטשן: קליינע פּיעניק־לעך וואָס האָבן זיך דווקא געוואָלט (און ווילן) אויסגלייכן מיט וואַלד־ריזן — זיך אַריינפּאַסן „ביי אַלע אומשטענדן". זיי מוזן זיך לאָזן אָנזען. ממילא האָט אויך דער מחבר זיי נישט געקאָנט אויסמיידן. בפרט: אין די „באַפרייערישע טעג" אָנהייב נאַציישער אינוואַזיע; אין די נאָכמלחמהדיקע לאַגער־יאָרן; אויך — אין געוויסע באַזעסענע ישובים אויפן דרום־אַמעריקאַנישן קאָנטינענט. און יאָ: אויך אין ישראל פעלן נישט דידאַזיקע קופצים בראש. —

און אַזוי האָט זיי דער מחבר „אויפגעכאַפּט" אויף די וועגן פון זיינע וואַנדערונ־גען. זייער רוב פאַרבלייבט אַנאָנים. ווייל נישט די נעמען זייערע לאָזן אונז עפּעס צוהערן — — די „מעשים רעדן פאַר זיך". סיווי — אַ „מענטש מיט קאָפּ" וועט זיך אַנשטויסן אויפן „מי ומי".

אַזוי קוקט אויס דער ערשטער באַנד. אַזוי אויך דער צווייטער באַנד ביים דערזען בקרוב דאָס טאָגליכט. די „בלעטלעך" זענען אינדיווידועלע איבערלעבענישן, וואָס דער גורם הזמן האָט צום איבערלעבער און באַשרייבער צוגעהעקלט פאַרשידענע טיפּן, היימישע און אומהיימישע (מערער די צווייטע). די „בלעטלעך" זענען פאַרצייכנט אין דער ערשטער פּערזאָן; ממילא איז דידאָזיקע „פּערזאָן" פאַר־אַנטוואָרטלעך פאַרן באַשרייבענעס, וואָס ווערט אין דעם בוך אַרויסגעבערענגט אין געוויסע טיילן און קאַפּיטלעך.

עס איז אַזוי אויסגעקומען, אַז די דאָזיקע שורות ווערן געשריבן צום ערשטן יאָרצייט נאָכן טראַגישן אומקום פון **אברהם קריניצי**, בויער און פּאַטער פון רמת־גן במשך פיר צענדליק יאָר. אברהם קריניצי איז געווען דער סימבאָל פון פשטות. פון יידישלעכער און מענטשלעכער באַציאונג צום מיטמענטש.

די שורות — אַ דערמאָנונג צו זיין אָנדענק; זיין חלק — נישט צו פאַרגעסן אינם דערשיינען פון דעם בוך און ביים פאַרלייכטערן דעם מחבר די „חבלי קליטה".

רמת־גן, דעצעמבער 1970

ערשטער טייל

1. האַמער און סערפּ קאָנטראַ מגן־דוד

סעפּטעמבער 1939. מען רעדט עקשנותדיק וועגן באַפרייער — — — איז איצט די ריכטיקע צייט צו פאַרצייכענען. רופן עס „טאָגבוך", רופן עס „צייטפאַרטרייב"... מה נפקא מינה. אָט האַלט איך אין האַנט די „אייביקע פען" — איינציקער און וויכטיקסטער איבערבלייב פון מיין שרייבאַרבעט. און פּאַפּיר? סיידן זיך פאַרנעמען מיט קלייבן צווישן די חורבות... חורבות. ווי איז דאָס געשען וואָס גראָד איך בין אַרויס גאַנץ; זיץ אַזוי־אָ אויף אַ שטיין, אין אַ ווייס־חרובן אַרום, זיץ און וואַרט אויפן באַפרייער? אָט קריכן דאָ אַרום, איבער דער לענג און ברייט פון צעהויקערטן וועג, מוראַזשקעס, דריבנע ווערעמלעך. אין דער וועלט פון ווערעם, צווישן די פאַרשידענע גרייסן און מאָסן, געהער די מוראַזשקע צום מין „לייכטן" שרצל, וואָס קאָן זיך באַגראָבן אונטער דר'ערד, ליגן דאָרט אין אַ בונקער מיט צוגעגרייטן שפּייז; קאָן אַנטרינען פון אָנגרייפער.

זיץ איך דאָ אויפן שטיין און קוק צו די איילנדיקע מוראַזשקעס — זיי איילן אין די בונקערס; די ערד ציטערט אַרום זיי. זיץ איך און פיל דעם צעטרייסלטן אַרום — אויפרייסן הילכן־אָפּ פון די ערד־טיפענישן. אַן אָפּרו אַזאַ נאָך טעג לויפן. וויפל טעג? דער צענטער היינט. און אפשר דאָס צענטע יאָר אַזוי. איז מעגלעך אַזאַ חורבן במשך צען טעג? וואַרשע. מעזריטש. שעדלעץ. קאָברין. פּינסק. ביזאיצט האָט זיך מיר איינגעגעבן דורכצוקריכן צווישן ריזיקע לעכער פון צעפליקטן אַרום. איז כדאי געווען אויסצומיידן די דייטשע צינדבאָמבעס, געשליידערט פון חיות־דייטשן — כדי צו דאַרפן ווידער לעבן (אויב דער ביטערער גורל וועט נישט זיין צו מיר אַזוי טראַגיש־ביטער...) אין אַזאַ מין־אָ־מענטשן־געזעלשאַפט? פאַרשרייבן! אָט אַזוי. און אַז דער ביטערער גורל (ווי שוין פריער דערמאָנט)... וועל איך צונויפנעמען די נאָטיצן, זיי אויפלעבן, זיי מחיה־מתים־זיין ווי זיך אַליין — — —

זוניקע הימלען, שוואַרץ־פאַרקוילטע ערד פון רויך און שרפה, וואָס די דייטשע אומה (פאַרשאָלטן זאָל זי ווערן!) האָט אָנגעצינדן איבער פּוילן דער מדינה, איבער יידן, איבערן יידישן פאָלק. להשמידם ולהרגם. מיט אייניקע טעג צוריק, ערגעץ אויפן הריגה־וועג, האָט אימעצער אויסגערופן: „אונזערע (ס'הייסט: די פּוילישע) האָבן אָפּגעטריבן דעם שונא פון וואַרשע!" האָבן פּאָלאַקן גענומען לויפן צוריק. יידן — פאָרויס, ווייטער. די דייטשע באָמבעס האָבן געטריבן —

ווייטער. די באָמבעס צילן נישט צום פּאַלאַק. פאַר זיי, די פּאַלאַקן איז דאָס מלחמה, פאַר יידן — הריגה.
זיך איך אויפן שטיין און פאַרצייכן. וואָס — ווייטער? ווו — ווייטער? נצחיות? נצח ישראל? יידן האָבן דער וועלט געגעבן גענוג, כדי אַריינצוגיין אין פּאַנטעאָן פון גייסטיקער אייביקייט. — גענוג! פון איצט אָן — — חס מלהזכיר — — —
אַ יידיש דאָרף. יידן קוקן אויף מיר מיט אַ געוויסן תרעומת: אַט גרייטן זיי זיך אַנטקעגן־צו־גיין דעם באַפרייער — האָב איך אַריינגעשפּאַנט אין זייער שמחה מיט אַזאַ טרויער... מיינע פיס־טרעטערס זענען קיילעכיק, געשוואָלן. יידן־האָרע־פּאַשניקעס, מיט צעשמיסענע פּנימער פון ווינט און שטויב, פאַרברוינטע און פאַרפויערטע — פאַרזאַמלט אין קופּקעלעך און שמועסן. אַנדערע שטייען אויפן שאָסיי, וואַרפן אומגעדולדיקע בליקן צום וועג וואָס פירט קיין לוניניעץ. פון דאָרט דאַרפן זיי קומען... יידן־פּויערים זענען זיכער, אַז די דייטשן וועלן נישט פאַרברענען זייער דאָרף וואָס וואַרט אויפן באַפרייער.
איך נעם „קומען צו זיך”. אַ ייד האָט מיך אָוועקגעפירט — כמעט אָוועקגעטראָגן — אין זיין דאַרפישער וווינונג. הילצערנע ווענט. באַשינדלטע דעכער. ברייטע ערד־שטחים. יאָרן פּראַצע. אַ היימישער ייִדיש, אַ „קרעסאָווער”, ליגט זיך נחתדיק אויפן גומען ווי די קילע זויערמילך און ווי די קילנדיקע קאַרטאָפל־פּענעצלעך אַרום מיינע געשוואָלענע פיס. נישט לאַנג זיך געלאָזט „ביאַנטשען”. אַט בין איך שוין „ווידער אַ מענטש”. איצט ווילן מיינע גאַסטגעבערס וויסן: „האַ, ווו האַלטן מיר טאַקע אין דער וועלט?” — איבערגעטראָגן אַזויפיל שטורעמס, ממש אויף דער פּלייצע איבערגעטראָגן; אויסגעטראָגן: אָן אייגענע ווירטשאַפט. אויפגעהאָדעוועט דורות. שאַ. געהאַט אַ מלחמה. ווי לאַנג איז׳ס דען? צוואַנציק יאָר ערשט. געווען דאָ רוסן, געווען דייטשן, אויך פּאַלאַקן. נו, האָט מען נישט געלעבט? נישקשה, די דייטשן...
„אוי! — טו איך אַ פאַרצווייפלטן געשריי — וואָס רעדט איר, יידן?!”
מען ליגט פאַר מיר פאַנאַנדער אַ געלעגער. אויף דער אַנדער זייט ווענטל — אַ קרעכצן איבער פאַרמעגן, איבער קינדער, צוזאַמען מיט האָפענונג: אַט קומט דער באַפרייער; אַט אַזוי ממש: „דער באַ־פריי־ער”. איז דען ווער בכוח אַריינצוקריכן אין דער נשמה פון יידן, וואָס געפינען זיך צווישן מערדער און באַשיצער? אַ, גאָט, שיק אים וואָס־גיכער, דעם ריכטיקן באַפרייער, דעם אויסלייזער! — — —
בין איך טיף אַריינגעשלאָפן אינם טאָג? עפּעס טוט זיך אינדרויסן. מען לויפט צום שאָסיי. עס איז נישט קיין לויפן באַגלייט מיט יאָמער, מיט געשריי — ווי כ׳האָב דאָס געהערט ביזאיצט איבער יידישע וועגן; ניין. עס איז אַ פריידיק געלויף. מיין נאַכט־אָפּרו — נאָך צען מעת־לעת אימהדיק לויפן, אַנטלויפן פון מלאך־המות — האָט זיך צעלייגט איבער אַלע מיינע אברים מיט אַזויפיל בליי,

אַז עס איז מיר איצט שווער זיך אויסצוגלייכן, שווער צו שטעלן אַ טראַט. די שטוב איז ליידיק, זי געלאָזט צום הפקר. דאַרף מען זיך „צונויפנעמען”. נישט קיין תכלית צו קוועטשן די קני אין אַזאַ יידישער שמחה: קבלת פנים פאַר דער באַפרייערישער אַרמיי! דאָס קומט זי אָהער; דאָס מאַרשירט זי אַריין אין די פּוילישע געביטן — לויטן מאָלאָטאָוו־ריבענטראָפּ־חלוקה־פּלאַן. פּוילן עקזיסטירט נישט מער, געוואָרן פאַרזיקט... אַזאַ איז דער גורל פון שוואַכן, אָבער נישט טראַגיש. נישקשה. די פּאָלאַקן וועלן זיך וויסן „איינצואָרדענען” אונטער יעדער הערשנדיקער מאַכט. אָבער וויי צו דער „אויטשיזנע”... דער מערב — היטלערן, דער מזרח — סטאַלינען — — —

זיך אַריינגעלאָזט אין מחשבות. עפּעס בלאָנדזשע איך דאָ אַרום — ממש! — ווי אַ פרעמדער, אַ נישט־היגער. יידן גרייטן זיך צו אַ שמחה. און אפשר איז די געראַכטיקייט מיט זיי: גוט איין טאָג לעבן, אַ חיי־שעה. אָבער מיך טרייבט עס, לאָזט נישט איינשטיין אויפן פּלאַץ: לויפן, אַנטלויפן — פון אַלץ און פון זיך... און אָט אַזוי, טראַכטנדיק וועגן לויפן, קוקנדיק אויף מיינע מידע פיס און שטויביקן אַרום — אַ געגיי, אַ געפּילדער: אנשים, נשים וטף; — האָט מיין בליק זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ פאַרטרודעוועט קרענצל: ווייבער און מיידלעך זיצן אַריבער־געבויגן איבער עפּעס אַ חפץ, זענען שטאַרק אַריינגעטאָן דערין. אַ פּרוכת, יאָ — אַ פרוכת ממש. מען ציפּט דערפון, מען ציפּט אַרויס די גילדענע פעדעם, וואָס באַצירן די לשון־קודש־אותיות. איך קוק זיך איין. אַ ווייבל שטויסט זיך אָן אויף מיין פאַרוווּנדערטן בליק. זי שרייט־אויס: „אָט איז ער דאָך, דער פּליט פון וואַרשע!” אַהאַ, יאָ. און וואָס טוען דאָ ווייבער? איך פרעג נישט. אָבער זיי פּילן אָפּ אַרויס פון מיינע אויגן. סאַראַ מלאכת הקודש!

דאָס יידישע דאַרף האָט זיך אַרומגעזען: כדי דער קבלת־פנים פאַר דער באַפריי־ערישער רויטער אַרמיי זאָל זיין אַ פולער, מוז אויך זיין אַ רויטע פאָן. און אַזאַ האָבן יידן אין דאַרף נישט צוגעגרייט. אמת, מ׳האָט אויך געקענט אַראָפּציען אַ רויט ציכל פון אַ קישן, אַ רויט טיכל פון אַ דאָרפישער מוידס קאָפּ. אַ רויט קליידל... ניין. דאָרפס־יידן האָבן דערפילט מיט זייער גאַנצער און פולער יידישער נשמה, אַז כדי עס זאָל זיין פול און גאַנץ די נחמה — דאַרף מען פון אָרון־קודש אַראָפּ־ציען דאָס רויט־פּלושענע פּרוכת, אַרויסטעפּן פון דאָרט די יידישע אותיות, דעם מגן־דוד און אויף זייער פּלאַץ — אַרויפציען דעם האַמער מיטן סערפּ — — — שאַ — קנייפּ איך די באַקן — שטיל! ביזט אַ פרעמדער, אַן אַנטרונענער. געפעלט דיר נישט — לויף, אַנטלויף! — — —

געלאָזט דאָס דאָרף הינטער זיך, דאָס דאָרף און די דאָרפישע יידן, וואָס פאַרבייטן עם יידישן גאָט אויפן סטאַלין־געטש.

2. לונינִיעץ על פּרשת דרכים

דער פּוילישער וועג, וואָס פירט פון דאָרף קיין לונינִיעץ, שפּרייט זיך אַ רואיקער אונטער דער סעפּטעמבּער־זון. מען לויפט נישט איבער אים. מען שטערט אים נישט די מנוחה. דאָ איז רואיק. דאָ פאַלן נישט קיין דייטשע באָמבעס.

אין לונינִיעץ זיך מסתמא לענגער פאַרהאַלטן. דאָרט פאַראַן לייענערס פון דער צייטונג, ווו כ׳האָב מיטגעאַרבעט. מיינע לייענערס. אין נאָרמאַלע צייטן וואָלטן התלהבותדיקע בחורים געקומען צום וואָקזאַל — באַגעגענען אַ שרייבער. זייער שרייבער פון וואַרשע.

סיווי — פאַר דער איצטיקער צייט איז דער קבלת־פּנים זייער אַ לייטישער, אַ מענטשלעכער און אַ יידישלעכער אוודאי. נאָך מיין אָנקומען אין שטעטל האָט מען מיך אַוועקגעפירט אין ביבליאָטעק. דאָ וועל איך וווינען און ווייטער וועט מען זען. עד שיעבור זעם. דאָס שטעטל קאָכט — אין צרות און אין פרייד. אויך דאָ זענען געפאַלן דייטשע באָמבעס — אויפן בית עולם. אָפּגעקומען מיט שרעק. אַ דאַנק גאָט. איצט איז רואיק. איצט וואַרטן יידן אויפן דורכמאַרש פון דער רויטער אַרמיי. רויט. רויטע בענדער. נעכטיקע „פּאָליטישע” און היינטיקע באַלע־באַטים. אַזוי דרייט זיך די וועלט. יידישע בחורים שמועסן וועגן „הערשער און באַהערשטע”. שטעטלשע בחורים מיט גוטע כוונות, אָבער מיט אַ פּראָווינציעלער דיאַלעקטיק... עס גרייט זיך די „וולאַסט”. אַ סימן דערויף: נעכטן האָט אַ יידישער בחור אַזאַ, אַ בחור מיט „האַלבע לונגען” (ווי דער ברודער זיינער האָט אים פאַר מיר פאַרגעשטעלט), געזהאַלטן אַ רעדע אויפן מאַרק־פּלאַץ, ווו ער האָט געעצהט די שטעטלשע און דאָרפישע גוים, זיי זאָלן זיך אויפפירן „סטאַטעטשנע”: נישט ראַבעווען פון די שטאָטישע קראָמען, פון די פּוילישע קאַזאַרמעס; מחמת — „אַלץ געהער דאָך סיווי צו אייך און צו אַלעמען”.

איך קוק אויף די ביכער־רוקנס. הונדערטער יידישע ביכער, באַפלעקטע בלעטער מיט פינגער־אָפּדרוקן... כל־טוב: קלאַסישע און מאָדערנע ליטעראַטור, עטיק און מאָראַל און מענטשלעכקייט... פאַר וועמען איצט? ווער וועט זיי איצט לייענען? דאָס מענטשלעכע ליגט דאָך צעטראָטן אין מיטן ברוק.

ביי אַ גלאָז טיי מיט פאַרבייסעכץ, וואָס אַ מאַמע פון צוויי „צעשפּאָלטענע” ברידער איז מיך מכבד מיטן זאָג: „אַן איבערבלייבעניש פון גוטע צייטן”, באַמיט זיך דער ברודער מיטן רויטן בענדל דווקא אַריינצוקנעלן אין מיר דאָס גוטע, וואָס שפּראָצט אַרויס פון „גלייכהייט”, פון אָפּשאַפן „גוי” און „ייד”, פון „שאַפן איין געזעלשאַפט”. זופּ איך די טיי, קוק אויפן בחור און וויל אים פרעגן, צי דערפאַר האָט סטאַלין זיך געדאַרפט צונויפברודערן מיט היטלערן, צונויפטשעפּען דעם רויטן שטערן מיטן ברוינעם האָקנקרייץ — לטובת איין געזעלשאַפט? אָבער איך זופּ די טיי און שווייג. זיי אַ חכם און שווייג. אַזוי לערנען אונזערע חכמים.

און די טעג רוקן זיך. און „תכלית" זעט זיך נישט בקרוב. אויך די באַפרייערס האָבן שוין דורכמאַרשירט די שטאָט. אַ פריילעכער מאַרש געווען. ווער ס'האָט געזונגען און ווער — פאַרביסן געשוויגן — — — נישט פאַראַן וואָס מאַריך־צו זיין. אַן אַרמיי ווי אַלע אַרמייען. באָרוועסע און באַוואַקסענע סאָלדאַטן, פאַר־שטויבטע און נישט אויסגעשלאָפענע. און טאַנקען און אַנדערע משחיתים. אַזוי האָב איך זי געזען אינם פריידיקן טאָג: אַן אָקופּאַציע־אַרמיי. מה רעש? וואָס איז די שמחה — ביי יידן? יאָ. הלוואי, זאָל גוט זיין. יאָ. הלוואַי. עס שטעקט דאָך דערין היטלערס בלוטיקע לאַפּע — — —

עס ווערט קאַלט. די שטאָט איז פול מיט פּליטים. פונדאַנען פאָרט מען און לויפט מען ווייטער. מען שמועסט, אַז ליטע גיט האָפענונג. איך האָב נישט מיט וועמען זיך צו עצהן. בכלל, איז כדאי צו פרעגן וואָס־ווינציקער. סוף־סוף וועט זיך דאָך „איינשטעלן" אָרדענונג אין שטאָט. גלייכער געווען פריער עוקר־צו־זיין. וווהין? אין ביבליאָטעק האָב איך „אַ דאַך איבערן קאָפּ". און די פּיס מיינע האָבן זיך נאָכנישט אויסגעגלייכט נאָכן סעפּטעמבער־געלויף. וווהין ווידער וואַנדערן? און אַז עס קומט צו־רייד, טענהן מיינע היימישע בחורים, די דאָזיקע, וואָס האָבן באַוויזן צו פאַרבלייבן ביי זייער היימישקייט: „אַן אַנדערער אויף אייער אָרט, אַ פּליט, וואָלט גליקלעך געווען: אַזאַ וווינונג — אַ מלכות; זיצט מיט אונז דאָ; מ'עט זען"... און ברויט און זופּ ווערט געטיילט צווישן די פּליטים. דאָ איז היימלעך. דאָ, אין דער זופּ־„אָטשערעט", קאָן מען געפינען אַ היימיש פּנים... אָט נעכטן — אַזאַ געפינען: היימישע באַקן. יאָ. בפירוש: באַקן. דאָס געהערן זיי, די באַקן, צום געוועזענעם רעסטאָראַטאָר פון וואַרשעווער ראָג רימאַרס־קע־און לעש־גאַסן. די באַקן — אויך איצט נישט איינגעפאַלן. זיינע „פּיסקעס" זענען פריער געווען אַ רעקלאַמע פאַר קישקעלעך און קרויט, וואָס האָבן געזעטיקט יעדנס אויג. נישט איינמאָל פאַרזוכט זייער געשמאַקן טעם אין זיין רעסטאָראַן צוזאַמען מיטן דיכטער משה שימעל. איצט שטייט ער, דער בעל־ה„פּיסקעס", מיט אַ שיסל אין האַנט, וואַרט אויף אַ זופּ. ער איילט זיך. וואָסי? אָ! — צעשפּרייט ער די הענט ווי אין די גוטע צייטן ביים דערזען מיך — האַ, דער־לעבט! אָבער נישט ביי אים. נישט ער וועט שטיין אין ריי נאָך אַ זופּ. ער גייט צוריק קיין וואַרשע. נישקשה. אויך די דייטשן האָבן ליב אַ געשמאַקן פּרעס, אַ הייס קישקעלע מיט ווורשט. ער געדענקט זיי נאָך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. ער רעדט דערוועגן הויך. וואָסי, טאָר מען דען נישט זאָגן הויך, אַז די דייטשן לעבן בשלום מיט די רוסן? — — —

געסט אין ביבליאָטעק. דער רויט־שוואַרצער אַרום האָט מיך געמאַכט פאַר אַ מכניס־אורח: „אויפגענומען" אַ גרופּע פּען־יידן פון וואַרשע. נעכטיקע קעגנערס האָבן זיך היינט פאַרברידערט — — — זיי געברענגט פון וואָקזאַל, וווהין כ'מאַך

מיין טעגלעכן באַזוך — אָפּצונעמען גרוסן „פון דער וועלט". דאָס מאָל — אַ לעבעדיקער גרוס. ביי נח פּרילוצקין האָט זיך די באָרד האַסטיק פאַנאַנדער־געוואַקסן. ער טראָגט אויפן קאָפּ אַ טיפן בערעט און — אַ זאַק איבער דער פּלייצע. די גרופּע איז געבליבן פונם פּוילישן „זשורנאַליסטן־צוג". איצט פאַרט מען קיין ווילנע. פאַראַן אַ קליין ביסל צייט. נו, גלייכער צו פאַרשטעקן דעם קאָפּ פון „אַ גוט אויג". פּנחס שוואַרץ וויל דווקא וויסן, הלמאי איך זיץ דאָ, אין דעם העק. „ווו אַ שטיין קען אַ שטיין". איך לויפן קיין ווילנע? און אפשר טאַקע שויך, אָט איצט? שטערט מיר דערין מיין „שווערלעכע באַוועגלעכקייט". יאָ לויפן, נישט לויפן — אַז קיין באַמבעס פאַלן דאָך נישט. איי, וואָס... נו, מילא. בלויז אַ טראַכט טאָן. און אַזוי, גרייטנדיק זיך צום באַטראַכטן דעם ענין — — האָבן דערווייל טשעקאַווע בליקן גענומען קוקן דורך די פענצטערס, בליקן פון יידישע בחורים און מיידלעך... אַמאָליקע צייטן, מיט אַ חודש־צוויי צוריק, וואָלט שטעטל „געשטאַנען אויף די פיס" ביי אַזאַ־אַ שרייבערישן באַזוך; וואָלטן שריי־בערס זיך אויסגעמיישט מיט זייערע לייענערס. איצט? — אַנטלויפן פון אויס־געהונגערטע און איבערגעשראָקענע בליקן, זיך פאַרשטעקן ערגעץ — און וואָס־גיכער! — — —

בין איך פאַרבליבן אין ביבליאָטעק בכדי ממשיך צו זיין מיט מיין „אָבסערווירן" דעם גאַנג פונם „באַנייטן" לעבן אין שטעטל. אין נאָרמאַלע טעג, ווען די וועלט איז געווען בלויז האַלב־משוגע, וואָלט איך אויסגעפירט אַן אַנזעעוודיקע און פּראָדוקטיוו־שרייבעריישע שליחות, — איצט בין איך בלויז אַ פּליט, אַן אַנט־לאָפענער פון איין גיהנום און אַן אַריינגעפאַלענער אין אַ צווייטן גיהנום... דער־ווייל איז טשעקאַווע צו פאַרצייכענען: רויטאַרמייעצעס ליידיקן־אויס די שטעטלשע קראָמען; זיי קויפן אַלץ — שטייף־געפּרעסטע, באַלאָווע העמדער, פּידזשאַמעס און — זייגערס; פאַר אַ „טשאַסי" זענען זיי גרייט אָוועקצוגעבן אַ קילאָ „טשער־וואָנצעס". פּעק האָבן זיי פון אָט די רויטע פּאַפּירלעך. אַ מהומה. יעדן טאָג, פון פרי ביז אָוונט, לויפן זיי אַרום, די באַפרייערס, איבער די קראָמען און — טראָגן אַרויס פון דאָרט אַלץ, אַלץ. איז „דאָס" דער מוסטער פון בעסערער דערציאונג? און אפשר גאָר „יענץ", כ'מיין: יענץ בילד, ווו סטאַלין קוקט אַראָפּ פונם פּילסודסקי מאָנומענט? אַ פּריילעך־טשעקאַווע סצענע, באמנות: אַנטקעגן וואָקזאַל איז אויף אַן אַרומגעטאַקטן שטיין געזעסן מיט זיכערקייט פּוילנס באַפרייער, דער מאַרשאַל יוזעף פּילסודסקי; איצט האָבן די נייע באַפרייערס דאָס ערשטע, ביים אַריינקומען אין שטאָט, אַראָפּגעוואָרפן פּילסודסקין און אַרויפגעזעצט סטאַלי־נען. — — ליגט יוזעף מיטן קאָפּ איינגעגראָבן אין דער ערד און יאָסיף שטייט איבער אים: וואָנסעס קעגן וואָנסעס. און עס פילט זיך, ווי דער פּוילישער באַוואָנ־סעטער מאַרשאַל טוט אַרויפקוקן פון דר'ערד און פרעגן ביי זיין באַוואָנסעטן

גרוזיניש קאָלעגע: האָ, יאָסיף, ביזטו שוין טאַקע אַזוי פאַרזיכערט מיט אַדאַלפּס וואַנסעס? — — —

יאָ. וואָס וועט זיין דער סוף? ווי לאַנג וועל איך זיך אַרומדרייען דאָ, אין דעם טשאַד? און זע: כ׳געפין זיך צווישן אַזויפיל ביכער און קיין חשק נישטאָ צו נעמען איינס אין האַנט, דורכמישן די יידישע אותיות. אַ פּוסטקייט אין קאָפּ. פאַרטשאַדעט געוואָרן. פאַראַן אַ שמועה, אַז „אימעצער" וועט קומען און דורכקוקן די ביכער. מי במים ומי באש. גאָר געמאָלט, אַז דעמלט וועט מען אויך מיך „אַרויסרייניקן" פון דאַנען.

קאַלט. אָט אַזוי זיך אַריינגערוקט אינם חודש נאָוועמבער. מיינע היימישע בחורים באַזוכן מיך און ברענגען די סאַמע לעצטע נייעסן. און אָט האָבן זיי מיר געברענגט — אַ גאַרניטור פון אַ פּוילישן אָפיצער. היות עס איז שוין קאַלט און היות קיין „ציווילע הלבשה" געפינט זיך נישט אין שטעטל, איז, כדי כ׳זאָל נישט פאַרפרוירן ווערן, האָבן זיי דעם „זשאַלניערסקי מונדוזש" אַרויסבאַקומען פאַר מיר: אַ פלאַשטש, הויזן און אַ היטל מיט שפּיצן... אויך שיך, שווערע, באַטשווע־קעוועטע. וואָס וועל איך טאָן דערמיט; סאַראַ אויסזען וועל איך האָבן אין דעם־אַ „קאָסטיום"? אָבער די בחורים האָבן זייערס געטאָן מיט פיל אויפריכטיקייט: פון וואַרשע ביז איך אַרויס אַ זומערדיקער. וואָס איז די חרפה? אָט האָבן זיי אַלע פאַר זיך אויך גענומען מונדורן. מה רעש? אַזויפיל געוועזענע סאָלדאַטן טראָגן מונדורן. אַוודאי וועל איך האָבן אַ קאָמישן אויסזען; נו — איז דאָס טאַקע דער סימן, אַז די נייע אָרדענונג באַזעצט זיך, אַן אָרדענונג, וואָס מאַכט פונם מענטש — אַ קאַריקאַטור — — —

3. קעניגסבערגס קעניגרייך אין לעמבערג

באַקומען אַ פּאָסטקאַרטל פון לעמבערג. אַ פאַרבייפאַרנדיקער שרייבער האָט, זעט־אויס, איבערגעגעבן דאָרט מיין אַדרעס. סוף סוף איז די פּאָסט געבליבן די איינציקע מענטשלעכע אינסטיטוציע אין דער איצטיקער וועלט. זי, די פּאָסט, סעלעקציאָ־נירט נישט צווישן גוטע און שלעכטע מענטשן (לויטן באַפרייערישן שולחן־ערוך). אין קאַרטל איז מיר מודיע אברהם קעיס, אַ פריילעכער פּאָעט און באַזינגער פון וואַרשעווער גאַסן, אַז אין לעמבערג איז ממש אַ גן־עדן פאַר שרייבערס. מען זאָרגט פאַר זיי און מען באַזאָרגט זיי מיט אַלדעס גוטס. פון צווישן די שורות לאַכט אַרויס דער שטענדיק־שמייכלדיקער פּאָעט: „קום צו פאָרן, איידער עס טוען אַ נעם די שטאַרקע פרעסט."

וואָס וועט זיין דאָרט? געפינען זיך דען נישט אין לעמבערג די רויטאַרמייצעס מיט זייערע רויטע „טשערוואָנצעס"? און דער „שטאַלענער מיט די וואָנצעס"? — אָבער לוניניעץ מוז איך פאַרלאָזן, מוז טוישן די לופט. דערפאַר איז מיר

ס׳קאַרטל אַרייַנגעפּאַלן אין דער ריכטיקער צייט. מסתמא האָט ער עפּעס אַ פּלאַן ווי זיך צו ראַטעווען פון דער שרפה. מילא. ערגער ווי אונטער דער באַפרייערישער ממשלה וועט דאָך דאָרט נישט זיין.

באַוואָפנט מיט צידה לדרך: אַ קיילעכיק ראַזאָווע ברויט, אַ ווורשט־קישקע און ווונטשן פון די גוטע און היימישע יידישע בחורים פון לוניניעץ; פאַרוואָרפן מיין אַלדעס־גוטס־פאַרמעגן אין אַ זאַק איבער דער פּלייצע, — זיך אַרויפגעכאַפּט אויף אַ וואַגאָן־טרעפּל פון אַ זייער געפּרווירענעם און זייער באַאייזטן צוג. אַ נסיעה פון איין קאָנטינענט צו אַ צווייטן: פון מערב־ווייסרוסלאַנד צו מערב־אוקראַינע. אַ נייע מאַפּע. אַ נייער דרך.

און דאָ איז עפּעס געשען: אויף דער אייזקאַלטער נסיעה האָב איך דערפילט מיין נישטיקייט כלפּי דידאָזיקע, וואָס אין זייער זכות „באַוועגט זיך דער האַרי־זאָנט״. אָט זיצן זיי אינעווייניק, אין וואַגאָן. אמת, נישט איינגעהילט אין קיין טכויערנע פוטערס און אויך נישט זאַט איבער דער מאָס — אָפּגעריסענע יינגלעך פון פוילנס שטעט און שטעטלעך, — אָבער זייער איבערמענטש טוט אַרויסרופן פון זיי מיט הויכע קולות: „פּאָליטישע״, באַפרייטע פון די פּוילישע פאַשיסטישע תפיסות... איז דערפאַר נישט שייך זיך אויסצוטענהן מיט זיי, הלמאי זיי האָבן פאַרכאַפּט אַלע אינעווייניקסטע פּלעצער, זיך צעלייגט זייער באַלעבאַטיש און לאָזן נישט אַריין די פון דרויסן, וואָס הענגען אויף די טרעפּלעך, ווערן פאַרפרוירן. נישקשה, זיי, די „פּאָליטישע״, האָבן געפרוירן יאָרן — — —

אָבער קיין לעמבערג בין איך אָנגעקומען — מיטן ראַזאָווע ברויט און מיט דער ווורשט־קישקע — צולאַכעס אַלץ און אַלעמען. און אַן אַדרעס האָב איך אויך: אַקאַדעמיטשנע 10, ״סאָיוז פּיסמענניקיוו אוקראַיני״. אַז אַ כוח זאָל דעם דיכטער קעיס אין די הענט אַריין. דאָס האָט ער מיר געשריבן דעם אַדרעס. און נאָך אַן אַדרעס האָב איך: משה שימעל. דער פיינער דיכטער, אין וועמענס וואַרשע־ווער שטוב איך בין געווען זייער היימיש, איז אַ לעמבערגער. נו, איז ער דאָך פון וואַרשע זיכער אַנטלאָפן אַהיים.

אַ בייסיקער און רייסיקער פראָסט. איך טרעט מיט מיינע סאָלדאַטסקע שיך אויפן אייז, אויסגעקנאַטן פון טויזנטער און טויזנטער פּאָר פּיס, וואָס שלעפּן זיך איבער דער לענג און ברייט פון די לעמבערגער גאַסן. אָטאָ דאָ, אויף דער סאַמער לעגיאָ־נען־אַליי, געפינען זיך צייכנס וואָס די מלחמה האָט איבערגעלאָזט; דאָ זעט מען די מלחמה גופא. און אָט — אַקאַדעמיטשנע־גאַס. דאָס ערשטע מאָל וואָס איך געפין זיך אין לעמבערג, אין דער שטאָט מיט וועלט און יידישער געשיכטע, שטאָט פון קעניגן, פירשטן און — אַלטע און עלטסטע דפוסן פון ש״סן און ספרי קבלה, שטאָט פון אייגנאַרטיקער יידישער הלבשה, אדמו״רים און חסידים און — — —

איך האָב אַרונטערגענומען דעם זאַק פון דער פּלייצע, אַריבערגעשפּאַנט די שוועל פון דער געוועזענער פּוילישער אָפיצערן־קאַסינאָ און איצטיקן שרייבער־פאַריין. ביי די ערשטע טריט — צוויי באַקאַנטע פּנימער — ריכטיקע גאַליציאַנער: די דיכטערס א. און ב. ביידע זיצן זיי אַנטקעגן איינגאַנג, אין אַ שמאָלן קאָרידאָר, אויף אַ שטיינערנער באַנק. זייערע פּנימער — פאַרשטיינט. קיין שמייכל. עפּעס שמועסן זיי. איך גליטש זיך פאַרביי, שטויס־אָן דעם בליק אויף ב׳ס פּיס: לאַנגע, ווייבערשע זאָקן... עס טרייבט מיט קעלט פון די צוויי פּאָעטן און מיט פראָסט — בעת איך האָב פון זיי געוואָלט וויסן שימעלס אַדרעס. משה שימעל? ווי טאָר מען גאָר דערמאָנען דעמדאָזיקן נאָמען — סטייטש! ווי טאָרן זיי גאָר פאַרגעסן די אומצופרידנקייט מיט שימעלס רעצענזיעס וועגן זייערע שאַפונגען? און דאָך — אַ טראָפּן מענטשלעכקייט פון פּאָעטן אין דער איצטיקער מענטשלאָזער גזעל־שאַפט! — ווי דען? נישט ביי אלף און בית! זיי זיצן אויף דער שטיינערנער באַנק — פאַרשטיינטע. נישט געענטפערט און נישט געוואָלט וויסן פונוואַנען איך קום. אַ חוצפּה דאָס איז — צו דערמאָנען אַזאַ נאָמען: משה שימעל — — — אין זאַל — אַ יאַריד פון צעווייקטע קאַלאָשן, נאָכהענגענדיקע הויזן־מאַנקעטן, שטעכיק־באַוואָקסענע פּנימער. בלאָטע, ווו אַ בליק — בלאָטע. אַ מישמאַש פון קולות, פון שפּראַכן, פון צעשויבערטע קעפּ און ווילדע בליקן. דאָ הערשן נאָך דער „פּראָשען פּאַנאַ״ און „צאַלויען ראַנטשקי״ ביי די נעכטיקע פּובליציסטישע וואָרטזאָגערס פון „נאַשאַ פּאָלסקאַ״, פון „פּאָלסקאַ אָד מאָזשאַ דאָ מאָזשאַ״. וועגן וואָס שמועסט מען אַזוי האַסטיק און ראַשיק? נישט שווער אַרויסצוהערן: „נאָצ־לעג״, דאָס אַקטועלסטע — אַ בעט, ווו דעם קאָפּ אַוועקצולייגן.

יידיש האָט איר ווינקל רעכטס פון זאַל, נעבן אַ טיר פון אַ זייטיק צימער. פאַראַן פאַרשידענע „סעקציעס״ אינם דאָזיקן „סאָיוז״. אַ פּוילישע, אַן אוקראַינישע, אַ רו־סישע און אויך — אַ יידישע סעקציע. דערווייל נישט קיין — „יעווסעקציע״ — — יידישע פּענמענטשן, אַנטלאָפענע, געראַטעוועטע פון פייער, זוכן דאָ רעטונג, הילף. זוכן און געפינען זי ביי — דוד קעניגסבערג, דעם פּאָעט פון גאַליציע, וואָס איז, ווי באַקאַנט, שטאַרק ברוגז אויף די שרייבערס פון וואַרשע, פון טלאָמאַצקע דרייצן. איצט טיילט ער טאַלאָנען אויף מיטאָגן. ער באַשטימט — ווער איז ווער.

נישט אוספייעט זיך ריכטיק אַרומצוקוקן, — אַריינגעקוועטשט געוואָרן אין אַ ריי — אַ לאַנגע ריי צום טישל פון דוד ק. מען דאַרף זיך ביי אים רעגיסטרירן, כדי צו באַקומען זיין הכשר אויף אַ מיטאָג. עולם שטייט רואיק. באַקאַנטע פּנימער. יידישע שרייבערס. אַרויסגעריסענע פון היים, פון איינגעזעסענעם שטייגער, פון — יידיש לעבן און סביבה. איצט וואַרטן זיי אין ריי אויף אַ מיטאָג־טאַלאָן, וואַרטן געדולדיק. הינטער מיר: יהושע פּערלע — דער עלעגאַנטער און פּינקטלעכער יידישער שרייבער פון וואַרשע — מיט רויטע אויגן און אַ שטעכיקער גאָמבע.

ער גיט מיר שוואַכע האַפּענונגען אויף צו באַקומען אַ טאַלאַנט. ער איז אומרואיק.
„אַזאַ גאַאָרנישט!", מורמלט ער צווישן די ציין. אַט שטיי איך נאָנט פון טיש.
דער טאַלאַנטן־טיילער איילט זיך נישט. פריער קוקט ער זיך גוט און פינקטלעך
איין אינעם פנים פונעם טאַלאַנט־נעמער. זאָל ער נישט מאַכן קיין טעות. זאָל
ער נאָר נישט געבן דאָס מיטאָג צו — אַ וועמען־דאָרט... ער איז איצט דער
שפוט השופטים. זיין וואָרט!
„און ווער איז דער?" — וואַרפט ק. אויף מיר אַ שטעכיקן בליק, וויל וויסן פון
מיין געבוירן ביז מיין דערצויגן.
נייז. איך וועל אים נישט ענטפערן, נישט פאָרשטעלן זיך פאַרן „פּרעדסעדאַטעל";
אָבער פּערלע — ער האָט זיך כמעט אַרויפגעוואָרפן אויפן טיש מיט אַן אויס־
געשריי:
„אַ ,דרייצענער!' " —
דאָס מיינט, אַז ווידער שטייט נאָך אַ טאַלאַנט אַ שרייבער פון טלאָמאַצקע דרייצן,
וואָס קעניגסבערג קאָן נישט פאַרטראָגן דידאָזיקע ציפער, די ציפער „13". עפּעס
איז געווען אַ מעשה שהיה: ער האָט געוואָלט הילף פון וואַרשעווער שרייבער־
פאַריין פאַר אַרויסגעבן זיין יידיש־איבערזעצונג פון „פּאַן טאַדעאוש" און דאָרט
האָט מען נישט באַפרידיקט זיין בקשה. האָט ער איצט געפונען צייט צו נעמען
נקמה אַן די „דרייצענער"... נו, דעם טאַלאַנט האָב איך יאָ באַקומען און דער
„פּאַן טאַדעאוש" (ווי מ'האָט ק.— טיטולירט) האָט מיך באַוויליקט צו רעגיס־
טרירן. איך האָב זיך אייליק אַרויסגערוקט פונעם פאַרבלאָטיקטן צימער. נעבן דער
טיר — זיך באַגעגנט מיטן אַראָפּגעלאָזטן בליק פון דיכטער יעקב שודריך. ער
דערלאַנגט אַ געפרווירן בינטל פינגער. אַ דראָבנער אַזאַ מיט אַן אויסגעאיידלט
פנים. פון זיינע אויגן — צער:
„נישט אונזער שולד"...
עס הייסט: נישט אַלע גאַליציאַנער מאַכן דאָ חשבון מיט די וואַרשעווער...
אויף דער גאַס — דערזען דעם שמייכלדיקן פּאָעט קעיס. זיך נישט געענדערט.
דער שמייכל באַגלייטו אים פון וואַרשעווער גאַסן. ער שטעקט מיך אַן מיט זיין
שמייכל. תיכף פאַרגעסן אַן זייך קאַרטל, נישט געטראַכט צו פאָדערן פון אים
דאָס „גן עדן פאַר שרייבערס", ווי ער האָט מיר מבטיח־געווען. אַ פריילעכער
חי וקים, וויל ער, אַז אויך איך זאָל פילן זיין טעם. און זיין טעם — כאָטש
אַ צעשמייכלטער — וייער אַ ביטערער: האָט געלאָזט ווייב און קינד אין וואַרשע;
האָט נישט וווּ דעם קאָפּ אַוועקצולייגן. נו, האָט ער שימעלס אַדרעס און עס איז
זייער אַ גוטער געדאַנק דאָס גיין צו אים, אָבער — משה שימעל ליגט אין
שפּיטאָל... איז דערביי פאַראַן אַביסל גליק אויך. דהיינו: שימעל האָט דאָ
אַ טאַטן און יענער האָט אַ דירה. — דאַרף מען עפּעס צוטראַכטן — — —

דערווייל בין איך אַוועק אָפּנעמען דאָס טאַלאַן־מיטאָג. אויך דאָ — אַ געדרענג, אַ ריי. מען שטייט און מען רייבט האַנט אין האַנט. באַלד וועט מען זיך דערוואָ־רעמען — אַ זופּ מיט פלייש... איך שטויס־אָן מיין בליק אויף אַלטער קאַציזנע. ער זוכט אימעצן. זיינע האַלב־פאַרמאַכטע אויגן, זיין צעשויבערטער קאָפּ, אַלץ אויף אים זאָגט עדות: באו מים עד נפש. ער טוט פלוצים זיך אַ ווענד צו מיר מיט אַן אויסטערליש־אומגעריכטער שאלה:

„און אפשר וועט זיך מיר איינגעבן צו מאַכן מיט אייך דאָס געשעפט, הא?" סאַראַ געשעפט וויל אָט־איצט־דאָ־אַ מאַכן מיט מיר קאַציזנע? פון הינטער זיינע ברילן־גלעזער קוקט אָפּער אַזויפיל בעטעניש, אַז עס נעמט מיר ווערן פריקרע. ער לייגט מיר פאָר צו מאַכן אַ טויש־געשעפט: איך זאָל אים געבן מיין זופּ און ער וועט מיר דערפאַר געבן זיין פּאָרציע פלייש. קאַציזנע איז אַ וועגעטאַר־יער און דער הונגער איז דאָ שולט איבער נדיבת־לב. דערביי רוימט ער מיר איין אַ סוד, אַז אייביק וועט ער געדענקען מיין חסד של אמת. ער האָט פאַרגעלייגט זיין טויש־עסק צו אייניקע קאָלעגן, אָבער יענע האָבן געהאַלטן: מיט אַ זופּ קאָן מען כאָטש אָנוואַרעמען דעם גומען; מיטן פלייש — משטיינסגעזאָגט...

„דער מענטש איז פאַרחיהשט געוואָרן" — האָט קאַציזנע איינגעקנייטשט דעם שטערן און די הענט זיינע האָבן געדריגעט.

אויף דער גאַס — ווידער זיך געטראָפן מיטן פּאָעט קעיס. ווי זיין שטייגער — אַ שמייכלדיקער. ער איז מיר מודיע, אַז ר'לאָזט זיך בקרוב קיין וואַרשע — אַרויסראַטעווען ווייב און קינד. ער האָט שוין אַלע פּלענער. אָבער פריער מוז ער אָפּטרעטן אין ביאַליסטאָק: „דאָרט איז גאָר אַן גן־עדן פאַר די יידישע שרייבערס; זיי האָבן אַ באַזונדער הויז מיט אַלדעס גוטס"... ביז וואָס־ווען, דאַרף ער היינט ערגעץ איבערנעכטיקן. דער אָוונט רוקט זיך צו און דער פראָסט ברענט מיט קאַלט פייער. ער וויל פון מיר, כ'זאָל תיכף אַוועקגיין צו שימעלן אין שפּיטאָל. ער וועט שוין געפונען אַן עצה, אַז דער טאַטע זאָל מיך אַריינלאָזן אויף אייניקע נעכט. „און נעבן דיר וועל אויך איך זיך אָנוואַרעמען".

פאַרוואָרפן מיין פאַרמעגן איבער דער פּלייצע — דעם זאַק און אינעווייניק, אַ שפּאָר חלק פונם לוניניעצער ברויט און ווורשט־קישקע — געשפּרייזט איבער זייטיקע געסלעך, זיך דערדראַפּעט צום שפּיטאָל. משה שימעלן געטראָפן אַ זיצנ־דיקן אויפן בעט. אַ צייט האָט ער געקוקט אויף מיר, ווי געפאָרשט צי איך בין טאַקע איך. לסוף — זיך פאַנאַנדערגעוויינט. זיין גורל איז אַ געחתמעטער. ער וועט שוין פון שפּיטאָל נישט אַרויס. ער האָט זיך צעהיסט. אַ לונגען־אָנצינדונג ביים אַנטלויפן פון וואַרשע. ער וויל ראַטעווען זיין ווייב, זיין טעכטערל, זיין חנהלע... איך באַמי זיך אים צו טרייסטן. ער איז שטאַרק אָפּגעשוואַכט. די טעמפּעראַטור געפאַלן, אָבער — נישט כדאי, ניין, נישט כדאי צו לעבן... קיינער

קומט נישט צו אים. דער טאַטע, אַן אַלטער ייד אַ שניידער, האָט אַ יונג ווייב. און שימעל לעבט נישט מיט זיי בשלום. עס ווילט זיך אים עסן — איז נישטאָ ווער ס'זאָל אים עפּעס ברענגען. דאָ דערמאָן איך זיך אָן מיין אוצר אין זאַק. גיך אַרויסגענומען דאָס ברויט און ווורשט, סתם אַזוי... ביי שימעלן צעעפענען זיך די אויגן, גרויסע, אומעטיקע אויגן... פון שפּיטאָל האָב איך אַוועקגעטראָגן אַ ליידיקן זאַק... דערנאָך — אַ חלום וועגן אַ בעט, וועגן אָנגעוואַרעמטע זיך. איך האָב בפירוש מקנא־געווען שימעלן: ער ליגט אין אַזאַ ווייס בעט. אַ חלום! איך באַהאַלט נישט מיינע טראַכטענישן, גיב אָנצוהערן וועגן מאַכן אַ באַזוך ביים טאַטן דעם שניידער. דערויף טוט שימעל אַ זאָג מיט האָפענונג:

„גיי אַוועק צום טאַטן, דעם שניידער סאַרקין. ער האָט אַ שלעכט ווייב, אָבער אַ גוטע דירה. זאָג אים אַ ליגן: דו גייסט אין די נאָענסטע טעג קיין וואַרשע און פון דאָרט וועסטו אַראָפּברענגען מיין ווייב און טעכטערל. ער האָט זיי זייער ליב. גיי שנעל, איידער מען שליסט די טויערן. ער וועט דיך דערפאַר לאָזן איבערנעכטיקן."

איך האָב געפאָלגט. דער ליגן — אַן אָפּגעבאַקטער. די נאַכט, מיין ערשטע נאַכט אין לעמבערג (אוך, וויפל וועלטן כ'האָב שוין דאָ באַוויזן איבערצוקערן!) בין איך געלעגן אונטער אַ דאַך, געווען באַשיצט פונם שטעכיקן פראָסט. איז כדאַי געווען דאָס קומען אַהער פון לוניניעץ; אויסווייַנען אַ טאַלאַן ביי קעניגסבערגן און אָפּצונאַרן שימעלס טאַטן — כדי צו געפינען זיך אינם „גן עדן פאַר שרייבערס"? צו וואָס האָט דער שמייכלדיקער פּאָעט מיר געשיקט דאָס קאַרטל, גערופן אַהער? — — — צומאָרגנס איז מיר קלאָר געוואָרן: ער וויל זיך אויף־אַן־אמת אָנוואַרעמען נעבן מיר; מחמת ביז וואָס־ווען, עס הייסט, ביז זיין פאָרן קיין ביאַליסטאָק און גיין קיין וואַרשע, וועט ער דערווייל שלאָפן מיט מיר, אינם פעלדבעטל, וואָס שימעלס טאַטע האָט מיר צוגעטיילט אין דער קיך „בלויז אויף אַ נאַכט־צוויי".

„איז צוליב דעם האָסטו מיך גערופן אַהער?"

„כמעט יאָ". אַזאַ איז געווען דער חשבון: היות אין לעמבערג שלאָפט אַ מיליאָן פּליטים אין די גאַסן; היות די איינציקע מעגלעכקייט זיך אויסצובאַהאַלטן פון פראָסט — איז משה שימעל. נו, איז שוין די רעשט קלאָר. סיווי —

„וואָס איז די נפקא מינה ווו דו געפינסט זיך? נעכטן אין לוניניעץ, היינט אין לעמבערג און מאָרגן אין ביאַליסטאָק. איין בראָך אומעטום. אין ביאַליסטאָק וועל איך דיר מסתמא סילוקן דעם חשבון"...

איז געבליבן: ער וועט זיך פאַרשטעקן אין הויז־ווינקל ביים שניידער סאַרקין און אַז עס וועט זיך אויסלעשן דאָס ליכט וועל איך עפענען די טיר, אים אַרייַנלאָזן. פאַרטאָג וועט ער פאַרשווינדן. איז דער „שמוגל" אַזוי אָנגעגאַנגען

איניקע נעכט: איך האָב דעם פּאָעט אַריינגענומען צו זיך אין בעט (משטיינס־געזאָגט) און בײדע האָבן מיר זיך געוואַרעמט מיט אַנגסטן (אַז דער אַלטער זאָל נישט פּאַקן דעם „שמוגל") — ביז שימעלס טאַטע — אַ הויכער, אַ גראָער, אַ בייזער, כּלל נישט ענלעך צום זון — האָט דערהערט דאָס שליסן מיטן טיר־שלאָס; האָט ער איבערגעלאָזט ס'וואַרעמע בעט, ס'יונגע ווייב און אינם נאַכט־העמד אַריין אין קיך. עס האָבן נישט געהאָלפן קיין טענות: ביטערע טעג... רחמנות אויף אַ פּאָעט — — — „דער מענטש איז אַ חיה"... מער האָט ער מיך נישט אַריינגעלאָזט.

נו, דאַרף מען ווידער נעמען דעם (לײדיקן) זאַק אויף דער פּלייצע, זיך לאָזן אין וועג אַריין. אין לעמבערג האָב איך נאָך באַוויזן בייצוזיין אַ יומטובדיקע גאַסן־דעמאָנסטראַציע. צווישן די פאַרשידענע טראַנספּאַרענטן איז אויך געווען צו לייענען איינעם מיט יידישע אותיות:

„נידער מיטן אַלפאַבעטיזם!"

דערדאָזיקער טעות און די אומשולדיקע טעות־מאַכערס — זייער נצחון איז אומע־טום פּילעוודיק — — —

4. אין דער מלוכה פון זישע באַגיש

אַז דער רייסנדיקער פראָסט האָט מיך נישט צעריסן, איז ממש געשען איינער פון די נסים אַדאַנק וועלכע איך באַוויז אויפצוהאַלטן דאָס ביסל חיות. אַ פעליקע נאַכט געווען איינגעקלאַמערט אין אַ קאָנטראַל־ביידל פון אַ פאַרשלאָסענעם וואַגאָן, וואָס האָט זיך געשלעפּט נאָך אַ לאַנגן טראַנספּאָרט פון לעמבערג קיין ביאַליסטאָק. אַזאַ נאַכט און אַזאַ פראָסט! עס איז בפירוש געווען מיין גליק (דער באַשעפער באַשאַפט די רפואה צוזאַמען מיט דער מכה), וואָס כ'האָב נישט געהאַט ווו זיך אָוועקצולייגן אין ביידל. וואָלט איך זיך נאָר אויסגעצויגן, פאַרשלאָסן די אויגן — איז אַ סוף: פאַרפרוירן און אויס... איך וואָלט נאָך אפשר באַוויזן צו חלומען אַ קורצן חלום וועגן אַ רויט־ברוינעם בראַנד, וואָס טראָגט זיך איבער דער יידישער אומה אין צעפליקטן פוילן. פּליטים. יידן לויפן פון דאַנען אַהין און פון דאָרט אַהער — — — נצח ישראל?

אַ צונויפגעדרייטער אין מיין פאַרשטייפט־פאַרפרוירענעם שינעל, אַ שפּרינגענ־דיקער מיט פאַרקיילעכיקט־פאַרגליווערטע פיס־זוילן אין שווערע סאָלדאַטסקע שיך — טו איך זיך שלעפּן פון די רעלסן צו דער שטאָט. ווייסער פרימאָרגן. צונויפגעדריקטע מענטשן־רייען אַרום געשלאָסענע קראָמען. אויפן מאַרק באַוועגן זיך שאָטנס. דער טאָג שיילט זיך אַרויס מיט אַביסל זון, מיט אַביסל ליכט; און אפשר אויך מיט אַביסל האָפענונג?

שרייבער־הויז. שמאָלע טרעפּ פירן אַרויף. דאָ איז עס. אַ קאָרידאָר. אַ לאַנגער,

שמאָלער זאַל. בעטלעך. אייזערנע בעטלעך. אויף זיי — פּיס: לאַנגע פּיס, קורצע פּיס — פאַרוואָרפענע פּיס איבער ברודיקן שטרוי און פאַרזשאַווערטן אייזן. אַזאַ־אָ געדוך טראָגט זיך איבערן זאַל — פאַרע פון מענטשן און פון אַן אָנגעהייצטן אויוון. אַ געוועזענער טאַנצזאַל דאָ. איצט פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון די טעג־צערס — שרייבערס, זשורנאַליסטן, רעדאַקטאָרן פון וואַרשע און יידישע שטעט און שטעטלעך — „געוועזענע מענטשן". כ'שפּאַר זיך אָן אויף אַ פאַרענטש פון איינעם אַזאַ בעטל, קוק אַרום זיך, נישטער, זוך עפּעס — דעם נעכטיקן פראָסט; און אָט: קורצע פּיס, שמייכלדיקע אויגן... דער שרייבער שלמה בער לאַכט הנאה־דיק מיט זיינע קליינע אייגעלעך, אַריינגעקוועטשטע אין שטערן:

„אוי, אוי, שיינע צייטעלעך דערלעבט, האַ־האַ! וואָס וואַרט איר, האַ? נעמט זוכט אויס אַ בעטל און לייגט זיך אוועק!"

טאָ וואָסי ס'געלעכטער? און אַז מ'האָט אַ בעטל אין טאַנצזאַל — דאַרף מען לאַכן? נו, מסתמא ווייס ער דאָך, ש. ב. — אפשר יאָ. וואָס האָט ער געזאָגט — זוכן אַ בעטל? זיך פריער אָנוואַרעמען. עד, וואָלט איך געהאַט צייט (און פאַר־מאָגט די מוזע) וואָלט איך אָטאָ־דאָ־אויפן־פּלאַץ פאַרפאַסט אַ פּיעסע און זי אַ נאָמען געגעבן „פריילעכע נע־ונדניקעס". אַרום־און־אויף־די־בעטלעך, אַרום קלאַוויר און אויוון — גרופּקעלעך דערציילן זיך וויצן, לאַכן און קלאַפּן זיך איבער די פּלייצעס. אַ סומאַטאָכע, באַשמעלצט מיט פריילעכער גרימאַסע, וואָס נאָר די צעחרובטע צייט איז בכוח צו באַשאַפן. די איינציקע מעלה פונם דאָזיקן טאַנצזאַל־שרייבער־פאַריין איז, וואָס ער איז אַ יידישער (נישט קיין „סאַיוז" ווי אין לעמבערג); וואָס ער פאַרמאָגט ענלעכקייט צום קאָרידאָר פון וואַרשעווער טלאָמאַצקע דרייצן. בלויז דער בופעט פעלט דאָ. אויך די קאָץ... און אַז אַ קאָץ וועט זיך דאָ יאָוועןְ, וועט אויך זיין וואָס אָפּצועסן: אַ פליישׂ־ביינדל אַרומ־צוגריזשען.

און דערוויל — אַ זופּ, אַ שטיק ברויט, אַ נאָס בינטל שטרוי אויף דער פּאָדלאָגע אין קאַלטן קאָרידאָר. אויף וואָס וואַרט מען דאָ? יאָ. אַ שרייבער־בריגאַדע דאַרף קומען פון מינסק; וועט באַשטימען: מי לחיים... און ביז די בריגאַדע וועט קומען — פאַראַן אין ביאַליסטאָק אייגענע בריגאַדירן, אויך פּליטים — „פּאָלי־טישע" פון וואַרשע (וואָס אַדאַנק זיי איז פּוילן באַפרייט געוואָרן פון די „פּאַנעס"). נו, איז געוואָרן אַ „ביאַליסטאָקער שטערן", וואָס האָט זיך צעלייכט און צעלאַכט מיט יידישע אותיות. און נעכטיקע „געלע" זשורנאַליסטן און ראָמאַניסטן טוען היינט אַרומלויפן צווישן די ניי־אויפגעקומענע שוסטער־און־שניידער־אַרטעלן. מען באַשרייבט די גרויסע פרייד, וואָס עס הערשט אין פאָלק — אַ דאַנק דער מענטשן־ליבע, וואָס שפּראָצט אַרויס פונם פאָטער פון די פעלקער, דער לייכטנ־דיקער זון, דעם... גרויסן סטאַלין. פאַר אַ שרייבטיש דינט די פּיאַנאָ, אַרום

וועלכער עס קלעפּן די ניי־אויפגעלויכטענע „שטערן״־בליצערס ; ספּעציעל „צייכע־נען״ זיך אויס צוויי: דער ראָמאַניסט קוועטשער און דער וויצלינג פּינקע. נישקשהדיקע מייסטער־זינגערס פאַרן באַפרייער.

און — יאָ: עפּעס טוט זיך קאָכן אינם טאַנצזאַל. יעדן טאָג לײדיקן זיך אויס און פילן זיך תיכף אָן די אייזערנע בעטלעך. ווער עס פאַרשווינדט און ווער עס קומט. און קיין אָרדענונג אין זאַל איז נישטאָ. איצט גרייט מען זיך צו מאַכן סדר. מ׳וועט שאַפן אַ פאַרוואַלטונג. מ׳וועט צונויפשטעלן אַ רשימה. מ׳וועט באַשטי־מען: וואָס, ווער און ווען. הכלל. עס ווערט געמאַכט און זייער שטיל. מען שושקעט זיך אין די ווינקלען, אויף און אַרום די בעטלעך און אַ פאַרוואַלטונג איז געוואָרן בראש מיטן לאַדזשער זינגער, דעם גרויסן משה... און אויב וויל אימעצער וויסן, ווו דער ראש פון דער פאַרוואַלטונג וווינט (נאָכן איבערלאָזן דאָס אייזערנע בעטל), הענגט אַ צעטעלע אויף דער טיר, אַז דאָרט און דאָרט וווינט „מוישע״... פון ווען איז עס געוואָרן פון משה אַ „מוישע״? האָט ער זיך נישט אַביסל אונטערגעאיילט? — — —

אָבער דער הויפּט־אָנפירער מיט די שרייבער־פּליטים איז זישע באַגיש. ער האָט באַוויזן פריער צו פאַרכאַפּן די וויכטיקע פּאָזיציע: ער זיצט אין מאַגיס־טראַט; ער טיילט הילף: טאַלאָנען אויף זופּקעס, סתם־טובות. אויך אַ בעטל. ער איז צופרידן מיט זיין מערכה. די האָר אויף זיין קאָפּ זענען זיך העכער פאַנאַנדערגעוואַקסן און דער שטערן — געוואָרן ברייטער און טיפער. יאָ. אָרדע־נונג דאַרף זיין. אַנומלט האָט זיך שיער געגאָסן בלוט צווישן די שרייבערישע בעטלעך. איינער אַ בעטלדיקער אַזאַ האָט געפּאַכעט מיטן ברויט־מעסער איבער אַלעמענס קעפּ. דאָס איז געשען ביים צעשניידן די ברויטן, וואָס די וולאָסט גיט במתנה די שרייבער־פּליטים. דאָס אָפּגעראַטעוועטע ביסל גייסטיק האָב־און־גוטס איז געווען אין געפאַר. קוקנדיק אין די אויגן פונם מעסער־האַלטער איז געווען פון דאָרט אַרויסצולייענען — אַ פאַרלאַנג צו יושר און מער גאָרנישט... יושר פאַרלאַנגט ער אין אַ צייט, ווען אומיושר טוט באַלעבאַטעווען אין אַלע ווינקעלעך. און דערווייל בין איך ממשיך מיט מיין האָטעלעווען ביי דער טיר. ווינד און ווייַ. די בעטלעך ווערן אָנגעפילט וואָכן פריער איידער זיי ווערן אויסגעליידיקט. אגב, שמועסט מען, אַז אָט־אָט און טאָקע תיכף קומט די בריגאַדע פון מינסק, אַ שרייבערישע בריגאַדע, וואָס וועט מאַכן אַ ליאַד אין דער יידישער שרייבע־רישער משפּחה. אָבער קיין צייט צו וואַרטן איז נישטאָ. דער פראָסט ברענט, האָט שוין באַלד פאַרשרפעט מיין גאַנץ ביסל חיות. איך דאַרף נייטיק גיכע הילף. אויב וועט זי נישט קומען, — נישט צו ברענגען פאַרן מויל. און דאָ (ווי גרויס איז זיין חסד!) האָט זיך באַוויזן דער פריילעכער פּאָעט קעיס. ווי אַ מלאך פון הימל אַראָפּגעפאַלן. און תיכף אַריינגעפאַלן אין מיינע אָרעמס. ער פאָרעט זיך

וועגן אַראָפּברענגען ווייב און זון פון וואַרשע. האָט ער איצט דערהערט, אַז דאָס מזל שפּילט מיר נישט צו אינם שרייבעריש־מוזיקאַלישן טאַנצזאַל; עפּעס טראָג איך זיך אַרום מיט שוואַרצע מחשבות וועגן מיין צוקונפט.

„זיי נישט קיין בטלן — צעשמייכלט ער ברייט זיינע אויגן — האָסט אַלע מעגלעכקייטן צו ווערן דאָ יושב־ראש פון דער גאַנצער קאַפּעליע; שלאָג אַרויס פון קאָפּ אַלע טונקלקייטן און גיי אַראָפּ אויפן הויף און גראָב אויס אַן אייזערן בעטל פון אונטערן אייז און טראָג עס אַרויף אַהער און שטעל עס אַוועק אָט אָ דאָרט, אויבנאָן, אויף דער בינע, וווּ די פּיאַנאָ שטייט; זעסט: פּונקט פאַראַן פּלאַץ פאַר אַ בעט. אַזוי אַרום וועסטו ווערן אַ יושב ראש, אָדער גאָר — שוכב בראש...”

האָב איך זיך אייליק גענומען צו דער אַרבעט. אַ שכלדיקער פּלאַן. איך וועל זיך געפונען אין מיטן — צווישן הייסן אויוון און שרייבערישער פּיאַנאָ; און דער אויבנאָן וועט אויך זיין מיינער. הכלל: מיט ציין און נעגל אויסגעגראָבן אַ בעט פון אונטערן אייז, עס אַרויפגעטראָגן איבער די שמאָלע טרעפּ. געמיינט, אַז כ׳ענדיק זיך. אַ קאַטאָרזשנע אַרבעט דורכגעפירט. אָבער די פרייד פון שלאָפן אויף אַ בעט, אויף אַ שטרויזאַק, פאַרדעקט די צרות. איצט זיך נעמען פילן ווי אַ שטיקל מיטבאַלעבאָס אויפן דאַזיקן יאַרמאַרק. היינט ביינאַכט אויסציען די ביינער, אויסגלייכן די פיס. אַאַאַ!

אָבער — נישט אַלץ וואָס מען נעמט זיך אַליין קאָן אויף לאַנג באַשטיין; אַזוי זאָגט דאָס פאָלק. מחמת, נאָכן אַוועקשטעלן דאָס בעט און נאָכן דורכוואַרעמען דעם געפרוירענעם שטרויזאַק און נאָכן אָפּעטעמען אויך — האָב איך גענומען פילן, אַז נישט אַלץ וועט דאָ זיין כשורה. מיין בליק צום אויבנאָן — אויסגע־פילט מיט שרעק, מיט ציטער, גלייך מיין בת־יחידה וואָלט זיך דאָרט געפונען אין — געפאַר.

5. די שוואַרצע רשימה און משה בטלן

מען שמועסט: עס ווערט געגרייט אַ רשימה פון „אומגעוווּנטשענע”, אַ מסירה־צעטל אַזאַ, וואָס וועט איבערגעגעבן ווערן באַגישן צום באַטראַכטן... דערמיט דאַרף זיך אַנהייבן, לכל הדעות, די ערשטע „טשיסטקע” אינם באַפרייטן ביאַליס־טאָק. און ווען די רשימה וועט זיין פאַרטיק — בין איך גרייט צו שווערן ביי אַלע הייליקע (אויך ביי סטאַלינען, פאַרשטענדלעך), אַז מיין נאָמען וועט זיך אויך אויף איר געפונען. איך פיל דאָס מיט אַלע מיינע אברים. און אַזאַ שוואַרצע־רשימה־סוף האָב איך זיך פאַרדינט. דערמאָן זיך: מיט איייניקע יאָר צוריק אָנגעשריבן אַ סעריע שמועסן מיט בחורים, וואָס האָבן „געשוואַרצט” די גרענעץ „אַהין” — מיואשדיקע בחורים: געזען זייער צוקונפט אין ביראָבידזשאַן. איז

דאָך די לינקע פּראָפּאַגאַנדע געווען אַזוי שטאַרק און אַזוי פאַרכאַפּעריש. יאָ. האָב איך פאַרצייכנט די מיואשדיקע און טרויעריקע דערציילונגען פון אַזוינע „שוואַרצערס", וואָס זענען געזעסן דאָרט און דאָ אין תפיסות, געבליבן אויף דער „נאַקעטער באַנק" און — אָן אַ גלויבן. נאָכן אַרומגאַנצן און אַרומגלעטן די אויפגעכאַפּטע שמועסן, האָב איך זיי פאַרגעלייענט אויף טלאָמאַצקע 13. דערמאָן זיך: צווישן די צוהערערס האָט זיך דעמלט אויך געפונען דער דיכטער שמואל ז. איצט איז ער איינער פון די בכבודיקע „בעטל-באַלעבאַטים" דאָ. אמת, איך האָב טאַקע געטראַכט אַוועקצוגעבן דעם מאַנוסקריפּט אין אַ צייטונג אָדער אַרויס־געבן אין בוכפאָרם. איז אַלץ געבליבן אין וואַרשע און אַליין זיך קוים געראַ־טעוועט; אָט געפין איך זיך דאָ — נקי. וועלן זיי איצט מאַכן „אַ וועזן" דערפון? אָט אַזוי, טראַכטנדיק וועגן מיינע געוועזענע טונקעלע פּלענער און וועגן דער איצטיקער שוואַרצער רשימה, טו איך פאַרביימאַרשירן צווישן די בעטלעך אַרויף, צו דער פּיאַנאָ, דאָרט אַהין, ווו קוועטשער און פינקע טוען שרייבן זייערע שיר המעלותן פאַרן בליציקן „שטערן" און ווו עס וואַרעמט זיך און טריקנט זיך מיין בעט. — שטייט ביי זיין בעטל שמואל ז. איינגעהילט אין זיין וואַרשעווער וואַרעמען פּאַלטן, שמועסנדיק סתם אַזוי מיט דעם און יענעם. מיך דערזען — אָנגעשטעלט זיין בליק אויף מיין פּלייצע, מיך אַזוי באַגלייט ביז אַרויף, ביז דער טריבונע... דערמאָן זיך: נישט לאַנג צוריק, אין וואַרשע, האָט ער געהאַט צו מיר שטאַרקע טענות, הלמאי איך בין אַריין אַרבעטן אין „פאָלקסוואָרט" — אויף זיין פּלאַץ. די טענות האָט ער דעמלט אויסגעדריקט אין אַ בריוועלע צום שעף־רעדאַקטאָר (ד"ר יעקב העלמאַן): סטייטש, איך אַ ציוניסט און חבר מבטן ומלידה... זאָל גאָר באַקומען אַרבעט דער־אָ! — — — דאָס בריוועלע האָב איך שפּעטער געפונען אין אַ שופלאָד, בעתן פאַרברענען דעם רעדאַקציע־אַרכיוו פאַרן אַנטלויפן פון וואַרשע.

וויל ער איצט מאַכן מיט מיר חשבון, אָטאָ דאָ — סטייטש?! איך הער הינטער מיין פּלייצע:

„ער עסט סאָוועטיש ברויט און איז קעגן די סאָוועטן..."

יאָ, ש. ז. האָט דאָס געזאָגט, ער...

...מיין אָרעם, נאָס בעטל! דאָס געפיל האָט מיך נישט גענאַרט. און אפשר דאַרף זיין לכף זכות די אַלע, וואָס ווילן דווקא לעבן — אַפילו אויף יענעמס חשבון? קאַלט! מען דאַרף זוכן אַן אויסוועג. און אפשר קיין ווילנע? גיי שוין גיי — נישט קיין אַרטיקל פאַר קבצנים. דאָ האַנדלט מען מיט לעבעדיקע נפשות. ווער עס גיט מער, דער ווערט געשמוגלט גיכער. טאָ וואָס טוט מען פאָרט. אָט אַ טאָג און ווידער אַ טאָג — אַזוי ביזן היינטיקן טאָג. פריילעכער ווערט נישט. פאַרקערט. און ערשט — וואָס עס ווערט געגרייט ערגעצוווּ! — — —

היינטיקער טאָג: איך בין כמעט נישט געווען אין גאַס. איילִיק אָפּגעגעסן די טאַלאָן־זופּ, וואָס ליבעסווירדיקע קלויסטער־שוועסטער גיבן ערגעץ אין אַ קיך זייערער. צוריק אין טאַנצזאַל. די נאַכט נעמט זיך איילִיק אַריינרוקן, אַ פּראָס־טיקע, אַ מיאוסע נאַכט. ווען איך אַרויפקריכן אויפן „פּאַדיאָם", זיך אָוועקלייגן אויף מיין דורכגעוואַרעמט בעטל. וכך הווה: זיך אַוועקגעזעצט אויפן בעטל און גענומען קוקן אַראָפּ, אויף דער פּובליקע. לאַכנדיקע אויגן, לאַכנדיקע און שטעכנדיקע. און פּאָר מיינע אויגן שטעלט זיך אַוועק — די רשימה. אַ וויסטער חלום, וואָס עיפּושט מיט — וואָר. קאַלט! איך נעם אַראָפּשלעפּן די סאָלדאַטסקע שיך: אַאַאַ! — זיך אויסציען אויפן בעטל. דער טומל אַרום און אויף די בעטלעך נעמט זיך איינשטילן. די שעה איז שוין מסתמא אַ האַלבנאַכטיקע. איך שמעק צו דער לופט און אויך צו מיינע פּיס, וואָס גיבן אַרויס פון זיך אַ מין זויערן ריח, ווי זיי וואָלטן זיך געוויקט אין אַ פּאַס אוגערקעס. נו, אַט הייב איך אויף איין פוס, אַ צווייטן; זיך אויסציען, איינשלאָפן. אָבער — פון אַנטקעגן דער טיר, דערזע איך, שפּאַנט דער „קליינער מוישל", דער חבר „מוישל", וואָס מ'רופט אים משה בטלן, אַ וואַרשעווער קאָמוניסטישער זשורנאַליסט, וואָס איז דאָ איינער פון די מושלים איבער די גייסט־מענטשן. ער שפּאַנט אַרויף, העכער... אָט זיצט ער שוין אויף דער בינע. זיין אויסזען — אַ ישיבה־בחור. ער זעצט זיך אויפן בעט, אויף מיין בעט; ער נעמט זיך אויסטאָן... איך קוק אויף אים: האַ? וואָס מיינט דאָס? גאָרנישט. ער וואַרט נישט אויף מיין פראַגע. ער זאָגט קורץ און מיט תקיפות:

„היינט וועל איך שלאָפן אויף דעם בעט!"

ער, דער „קליינער מוישל", וועט שלאָפן אויף מיין בעט. און איך? אפשר אים אָננעמען ביים האַלז, אים אַראָפּשליידערן. איך נעם טיף אַריינקוקן אין זיינע אויגן, אונטער זיינע ברילן־גלעזער: האַ? וואָס?

„וואָס האָט איר געזאָגט? מיין בעט! איך..."

דער „מוישל" (משה ל.) ליגט שוין אָן אויסגעצויגענער אויפן אויסגעטרוקנטן שטרויזאַק, ליגט אויף מיין בעט, וואָס איך האָב אויסגעגראָבן פון אונטערן אייז. סטייטש?!

„נו, גייט שוין אַראָפּ פון בעט, איידער איך וואַרף אייך אַראָפּ!"

יאָ. ער איז בכוח אַראָפּצוּוואַרפן. נישט בלויז פון בעט... זיין מאַכט. שייך זיך קעגנצושטעלן? — — —איך מאַרשיר אַראָפּ פון „פּאַדיום". די צוויי שווערע שיך אין די הענט, מאַרשיר אַ באָרוועסער פאַרביי — אַ צירק. כ'לייג זיך אַוועק אויף מיין אַלטן פּלאַץ, אין קאָרידאָר, נעבן דער טיר. די טיר צום זאַל ווערט פאַרקלאַפּט. זאָלן די קאָרידאָר־לייט נישט שטערן די מנוחה, נישט אַוועק־נעמען די וואַרעמקייט. שאַ. אַ גוטע נאַכט. עס איז גאָרנישט געשען. ווער האָט

עס צוגעטראָכט דעם „אהבת ישראל"? אַ שקר, אַ גראָבער שקר! יאָ. דער עיקר קומט איצט: די רשימה. מען דאַרף וואַרטן. אַ ברירה?

6. אַ קוריאָז: בער — דער העברעער

דערשינען אַ ספּעציעלער נומער „ביאַליסטאָקער שטערן", אַ „פּאַרביקער". וואָסי געשען? מיט וואָס איז דער היינטיקער נומער אַנדערש פון נעכטיקן? — נעכטן האָט גערעדט חבר סטאַלין און היינט זעצט ער פאָר זיין נעכטיקע רעדע; אויך מאָרגן וועט ער ממשיך־זיין מיט דער היינטיקער רעדע; און דער איבערזעצער וועט פאַרזעצן מיטן איבערזעצן די רעדע זיינע, דעם חבר סטאַלינס, איבער־גיסן אין יידישע אותיות פאַרן סטאַלין־„שטערן" אין ביאַליסטאָק. טאָ מיט וואָס איז זיין היינטיקע רעדע אַנדערש פון דער נעכטיקער? וואָס האָט זיך דער עולם אַזוי צונויפגעקוועטשט אין די ווינקלען, אויף און אַרום די בעטן — און מען קוקט קופּקעוויז אינם בלאַט אַריין און מען גלאָצט דערביי אַזוי משונהדיק מיט די אויגן?

יאָ. אַ מאָדנע־משונהדיקער „שטערן" היינט. — עס געפינט זיך דאָרט די פּאָעמע „לעניך" פון מאַיאַקאָווסקי. נו, איז מה רעש? דער רעש איז, וואָס „לעניך" איז איבערגעדיכטעוועט געוואָרן פונם העברעאישן דיכטער פ. דער־פּאָר — די אויגן־גלאָצעניש. בער? ווי קומט דאָס גאָר צו אים? אַ שרייענדיקער קעמפער פאָר העברעאיש, קעגן גלות, קעגן קאָמוניזם. טאָ ווי קומט עס וואָס גראָד ער — אַ „שטערן"־דיקער מקורב מיט לענינען? מען שושקעט זיך און מען שווייגט. אַ שווייגנדיק שושקעניש. דער פראָסט אין דרויסן ברענט און דאָ, אין טאָנץ־פּאַרייך, איז וואַרעם. אַ בעט, אַ שטיק ברויט און אַ זופּ — טאָ ווי וואַרפט מען דאָס אַלץ אַוועק און גאָרנישט? ווי האָט ז. דער פּאָעט־ציוניסט, געזאָגט: „ער עסט סאָוועטיש ברויט"... אַז מען עסט סאָוועטיש ברויט דאַרף מען זיין סאָוועטיש — — —

זע: בער פּ. האָט זיך באַוויזן אין זאַל — אַ הויכער, אַ געקרייזלטער — מיט אַ קאָזאַצקע היטל אויפן קאָפּ און מיט אַ רויטן שטערן אויפן היטל. טאָקע משוגע אויפן קאָפּ? ער שפּאַנט אויף און אָפּ אַ שווייגנדיקער, אַ פאַרטועניער. ער שטעלט לאַנגע טריט און דער רויטער שטערן שפּאַנט מיט אים מיט — — — בער? איז דאָס זיין נייע פירמע? אָט אַזוי־אָ, אָפן און קלאָר? זעסט'אָך — אַז אָך־און וויי!

און עס רודערט זיך: די פאַרוואַלטונג פונם שרייבערישן טאַנצזאַל איז שטאַרק פאַרפאָרעט, פאַרטרודעוועט מיט צונויפשטעלן די „שוואַרצע רשימה" פון יעניקע שרייבערס, וואָס טאָרן נישט האָבן דעם זכות צו געניסן פון דער גאַסטפריינט־לעכקייט אינם דאָזיקן טאַנצנדיקן הויז. עס קומט־פאָר אַ שושקעניש. מען שרייבט

און מען מעקט. אַ נאָמען אַרויף, אַ נאָמען אַראָפּ. מי... ומי... יאָ, אַ לאַנגע, שוואַרצע רשימה האָבן זיי צונויפגעשטעלט. העכער צוואַנציק נעמען פון שרייבערס, וואָס דאַרפן אַרויסגעוואָרפן ווערן אויפן פראָסט. אַ האַרטער פסק־דין. אויך מיין נאָמען געפינט זיך דאָרט. עס וואָלט בפירוש געווען אַן עוולה, ווען ער געפינט זיך נישט דאָרט... טאַקע דאָס דערמעגלעכט מיר זיך אויסצולערנען אַ נייַ פאַך: דעטעקטיוו. מחמת צוגלייך ווי דער גרויסער „מוישע" און דער קליינער „מוישל" האָבן זייער אַרבעט: „רייניקן", איז מיין אַרבעט: אומרייניקן... — זאָל זיך פאַרן קומענדיקן היסטאָריקער — אַרויסברענגען דאָס אומריינע — — — נו, איז די רשימה פאַרטיק. און מיין „אַנגעשפּיצט" אויער האָט אויך אויפגעכאַפּט, ווען מ'וועט די רשימה אָוועקטראָגן צו באַגישן. און איך נעם זיך גרייטן צום מיטגיין — — —

און די שעה איז געקומען. נישט געמאַכט קיין טעות: די „באַוועגלעכקייט" פון די רשימה־צונויפשטעלערס איז אַזאַ, אַז די טיר איז געבליבן אָפן פאַר יעדן, ווער עס האָט נאָר חשק מיטצוגיין צו באַגישן; קליפּ־און קלאָר: מען גייט רייניקן און אַ סוף זאָל נעמען! אַ דראָענדיקע פויסט פאָכעט איבער די בעטלעך: „מיר וועלן איך וויזן!" און חברה „מיר", בראש מיט „מוישע" דעם גרויסן, האָט זיך אַוועקגעלאָזט און איך — פון הינטן. סיווי איז דער פּסק אַ פאַרטיקער — טאָ לאָמיר כאַטש רעאַגירן מענעריש.

און איך האָב רעאַגירט: זישע באַגיש, מיט צעשויבערטע האָר און אַ וויכטיק פּייערל אין די אויגן — אַן אַריינגעטאָענער אין אַ פּאַק פּאַפּירן. איבערן טישל — די לייט מיט דער רשימה. „מוישע" שטייט דער לעצטער. ער גרייכט מיט זיין קאָפּ זייער נאָנט צו באַגישעס ברילן. ער לייענט אַרויס פון דער רשימה נאָמען נאָך נאָמען. אין צימער איז אַ טומל. דאָ געפינען זיך נאָך טישלעך און נאָך „וואָלאָסט"־באַאַמטע. אויך דאָרט דערלאַנגט מען מסתמא רשימות... און איך וויל דווקא הערן פאַרלייענען מיין נאָמען און די „רעפּוטאַציע" וועגן מיין כבוד. שטופּ איך זיך נענטער, ליג שוין כמעט אויפן אַריבערגעבויגענעם פאַרלייענער. איך ליג מיט אַן אויער אויף זיין פּלייצע. און אַט... גענוג. מער וויל איך נישט הערן, וויל נישט הערן די וויטערדיקע „שטריכן" וועגן מיר. איך טו אַ שפּרונג און טו זיך אַ ריס און וויל דווקא גרייכן צום „גרויסן מוישעס" קאָפּ, צו זיינע האָר, וויל פאַרוויקלען דאָרט די פינגער. וויל... און מיינע קולות גרייכן איבער אַלע טישלעך: „אויסוואורפן!". אָבער שאַ. פאַרליר נישט די באַהערשונג. ניטע. ווילסט דווקא, מ'זאָל דיך פון דאַנען אַוועקפירן ערגעצוווּ? — אַט אַזוי הער איך ווי אימעצער רעדט צו מיר, וואָרנט מיך, אימעצער, אַ וואָרנענדיקער „איך", וואָס זיצט טיף אין מיר — — —

איך בין שנעל אַרויס אויף דער גאַס. דער פראָסט האָט אַ ברי געטאָן און גלייכ־

צייטיק באַרואיקט, איינגעשטילט די נערוון. ניין. אַליין וועל איך נישט פאַרלאָזן דעם שרייבערישן טאַנצזאַל. זאָלן דאָס אַנדערע טאָן. איך — נישט. איילּיק זיך אויפגעהויבן איבער די שמאָלע טרעפּ. צווישן די בעטלעך, ווי שטענדיק — ווער עס פּלוידערט, ווער עס פּייפט. יאָ, אויך פּייפערס זענען פאַראַן, שרייבנדיקע פּייפערס. איינער פון זיי — שלמה בער — ער האָט ספּעציעל מזל צו זיין איצטיקער „פּאַלאָזשעניע״. דאָ, אינם באַפרייטן ביאַליסטאָק, פילט ער זיך בעסער ווי אינם פאַרשקלאַפטן וואַרשע, ווו עס איז נישט לייכט אַנגעקומען דאָס אָפּדרוקן ערגעץ אַ „זאַך״. אַ סימן: אַנומלט האָט ער אויסגעשריגן, נאָכן דערזען „זיך״ אין „ביאַליסטאָקער שטערן״: „אָ, מ׳קען דאָ טאַקע מאַכן אַ לעבן!״... אַזאַ „פּאַלאָזשעניע״ אויף אונזערע שונאים, אָבער ב. לאַכט און פּייפט. איצט שטעל איך זיך אַוועק נעבן אים, סתם אַזוי, קוק אויף אים. די קליינע אייגעלעך — גאָר טיף אין זיין קאָפּ: איך ווייס, אַז אויך ער פאַרעט זיך אַרום די רשימה־מאַכערס. וואָס האָב איך אים דען געטאָן פאַרן שלעכטס?

„האָ, שלמה, אַ פיין שטיקל אַרבעט אָפּגעטאָן!״ — — —

ער קוקט נישט אין מיין זייט. איך נעם נישט אַראָפּ פון אים מיין בליק. זאָל ער פּרוּוון! אָבער ער פּרוּווט נישט. טוט בלויז אַ זאָג:

„אויב וועט איר מיך נישט לאָזן צורו, וועל איך רופן מיליץ!״

אַזוי? יאָ. איצט בין איך אַ באַזיגטער. געגוג בלויז די וואָרענונג. זיך תיכף אָפּגערוקט, זיך אַרומגעקוקט. אַן אומרואיקייט דאָ און דאָרט. בעטלעך ווערן אָפּגערייניקט. מען פּאַקט זיך... טייל פאַרמסרטע, וואָס ווילן נישט אויסשטיין די חרפה פון ווערן אַרויסגעטריבן, טראָגן זיך אַליין אָפּ. זעט־אויס, אַז די וואָרענונג איז שוין געקומען פון „אויבן״. אָבער איך וויל נאָך קלאָר מאַכן, וואָס עס איז געשען מיט די דאָזיקע פּאָעטן, דערציילערס און פּובליציסטן — וואָס עס איז געוואָרן פון די נעכטיקע פאַלקסיידן, — איצטיקע חונפים, מוסרים... אַזאַ געפאַלנקייט?! קלאָר: דער סלאָגאַן איז: „טשעפּע זיך צו יענעם, וועט מען דיך נישט טשעפּען״.

יאָ, יאַקאָש באַקום איך נאָך די זופּ און דאָס שטיק ברויט, אָבער די שמחה וועט לאַנג נישט אָנהאַלטן. וואָלט איך געהאַט ווו זיך אָפּצוטראָגן פון דאַנען. וווּהין? ביאַליסטאָק איז פאַרשטאָפּט מיט פּליטים. און צוריקגעשמועסט: פאַרוואָס זאָל איך נישט ווערן „איינער פון די פּליטים״? פאַרוואָס, צו אַלדע רוחות, נישט אויסמישן זיך מיט אַלעמען, מיט אַלע וואַרשעווער, מיט אַלע יידן? — — געטראַכט אַ טאָג און אַ נאַכט און ווידער אַ טאָג און געקומען צו דער מסקנה: אויב אָנגעהויבן, דאַרף מען ענדיקן! נישט לאַנג וועט דאָך אָנהאַלטן די „מוישע״־שפּיל. לאָמיר זען דעם סוף.

האָט צו מיר אין איינעם אַ טאָג אַזאַ דערגענטערט דוד ר., דער חבר פונם

„קליינעם מוישל". ביידע, אין זייערע ראָלן: „אויג און אויער" פונם טאַנצזאַל און ביידע קליינוווקסיק; קוים־וואָס־עס־האַלט־זיך. ר. מיינט ערנסט מיט זיין „פּאַליטרוק"־ראָל, אַפילו ער רעדט בנעימות און אַן געבייזער:
„מען זאָגט וועגן אייך, אַז איר זענט גראַד אַ שטילער; אָבער אַנצוהייבן די ליטע־ראַרישע קאַריערע מיט אַן אָנפאַל אויף דער רויטער אַרמיי! מילא, אַז עס געפעלט אייך נישט די סאָוועטישע אָרדענונג, נו"...
נו, נו; שטיי איך און קוק צום קלאַוויר, ווו „אַטשערקע"־שרייבערס בייגן זיך איבער שטיקלעך פּאַפּיר, באַשרייבן די פרייד פון די באַפרייטע פאַר דעם „שטערן"; קוק און זוך אַ וואָרט אַזא. הא? דאָס שמאָלע פּלייצעלע פון דוד ר. איז אַריינגעקוועטשט צווישן די בעטלעך. איך בין אַוועק צום אַרויסגאַנג. היתכן? בעת איך האָבן געשריבן „קעגן דער רויטער אַרמיי" האָב איך דאָך נישט געגעסן קיין סאָוועטיש ברויט, נישט איך, נישט שמואל ז., נישט שלמה ב. און נישט די אַלע דאָ וואָס... מילא. „יעדער וויל לעבן". און ווי קליין דאָס שטיקל לעבן איז! דערפאַר טאָר מען זיך דערמיט נישט טיילן מיט אַנדערע — — —

7. עס וועט זיין גוט

געקומען די שרייבער־בריגאַדע פון מינסק. בקרוב וועט מען רופן אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג. און דערווייל — אַ באַגעגעניש מיט איינעם אַ בריגאַדיר אַזא, דעם שרייבער וויינקער. גראָד נישט פון די באַקאַנטע נעמען, דערפאַר — אַ באַרע־דעוודיקע צונג. ער גאַסטראָלירט דעם טאַנצזאַל. נעמט אים עולם אריין אין ראָד, וואָרט אָפּצונעמען גרוסן פון „דאָרט". און וויינקער איז מחדש חידושים: פּששש! „דאָרט" איז נישט פאַראַן קיין יידן־פּראָבלעם; נישטאָ קיין יידן און נישטאָ קיין גוים. בלויז מענטשן פאַראַן.
„איר פאַרשטייט: מענ־טשן!"
און אָט — נאָפרימער: דער גאַסט האָט אַ ווייב, אַ ווייב ווי אַלע ווייבער, אָבער אַ רוסישע, עס הייסט אַ גויע, אַנטשולדיקט: נישט קיין יידישע. נו? וויינקער וואָלט זייער צופרידן געווען, ווען אַלע יידן האָבן חתונה מיט גויעס און גוים מיט יידענעס און אַלע זיי ווערן זיי — מענ־טשן.
איי, צו וואָס געדייען דאָרט יידישע שרייבערס און עס זענען פאַראַן יידישע שולעס און מען רעדט וועגן אַ יידיש פאָלק? גיי און דערגיי אַ טאָלק ביי אַ יידישן שרייבער, וואָס הייסט אַלע יידישע שרייבערס מאַכן אַ לעבן מיט גויעס.
אַזאַ איז דער ערשטער גרוס פון מינסק. דער חבר וויינקער האָט זיך מער נישט באַוויזן אין זאַל און קיינער האָט זיך נישט געפרעגט אויף אים.
אין האָטעל „ריטץ", דער שיינער ביאַליסטאָקער האָטעל, וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ הקדש, זיצט דער דיכטער זעליק אַקסעלראָד. מען זאָגט: אַ יידישער,

אַ היימישער ייד. שרייבערס גייען צו אים. אויך איך האָב געפּרוּווט מזל. אין אַ צימערל אויף אַ הויכן שטאָק — אַ צעקודלטער ייד, אַ ייד און אַ שרייבער מכּף רגל עד ראשו. דער ערשטער בליק אויף אים — יידישע היימישקייט. וואָס ער איז בכוח צו טאָן פאַר מיר? גאָרנישט. בפּירוש: גאָרנישט. אלא וואָס? ער איז זיכער, אַז עס וועט ווערן בעסער און בפּירוש — גוט. יאָ. עס וועט זיין גוט. ער צעטרייסלט די געקרייזלטע האָר: נישט געדייגעט; דאָך — אויב האָב איך מעגלעכקייטן ערגעצווו איבערצוּוואַרטן, עס הייסט: איבערצולײַדן די צייטווייליק־שלעכטע צייט... איר פאַרשטייט. די „וולאַסט" האָט זיך נאָכנישט איינגעשטעלט... באמת? מאַך איך אַ טעות? אָט האָבן מיר דאָך שוין אַ „וולאַסט" אינם שרייבער־רישן טאַנצזאַל? — — נו, נישט שייך זיך אויסצוטענהן מיט אַ גאַסט. נישט אַקסעלראָד האָט מיך געבערענגט אַהער און נישט ער האָט ביי מיר צוגענומען דאָס בעט. אָבער סתם גוט געווען צו שמועסן מיט אים, צו פאַרברענגען מיט אַ היימישן ייד. ער האָט מיך געטרייסט:

„ביי אונז, אין ראַטנפאַרבאַנד, ווערט קיינער, חלילה, נישט באַעוולט... יעדער לויט זיינע פעאיקייטן... אַלע ווערן פּאָטערלעך געשיצט"...

מיינט ער ערנסט מיט דידאָזיקע ווערטער? אַקסעלראָד האָט שטאַרק אַקצענטירט דעם „פּאָטערלעך" און בשעת־מעשה מיר טיף אַריינגעקוקט אין די אויגן. גאָר מעגלעך: ער האָט געוואָלט פון דאָרט אַרויסלייענען מיין גליק מיט דער גלעטנדיקער „פּאָטערלעכקייט" — — —

דער פראָסט האָט דאָ אַ באַזונדערן טעם; ער איז געזאַלצן: ער לייגט זיך ווי זאַלץ אויף נאַקעטע ווונדן. אַזאַ בייסעניש! אָבער אין גאַס זעט מען שפּאַצירנדיקע אין לייטישע פוטערס, אין שטיוול; דידאָזיקע פילן נישט שטאַרק די ענדערונג, די באַפרייאונג. זיי לעבן נאָך לויטן פריערדיקן שטייגער. פאַראַן אַפילו שמייכלדיקע אויגן, לאַכנדיקע... ווי אַ לאַכנדיקער פאַסט זיך עפּעס נישט אַריין אינם דאָזיקן באַלאַגאַן! די גאַס האַנדלט. ווו נאָר אַ ווינקעלע — אַ מענטשן־קופּקעלע. לרוב גייט־צו אַ מסחר מיט זייגערס. די רויטאַרמייצעס זענען שטאַרק פאַרליבט אין זייגערס. די סאָלדאַטן וויגן זיך בעת זיי האַלטן ביים אויער אַ זייגער. זיי שאָקלען זיך צוזאַמען מיט אים.

איך בין אַ בעלן זיך אַריינצופּלאָנטערן אין דער געדיכטקייט פונם באַזאַר. סתם אַזוי. גאַסן־קולות זענען טיילמאָל עלול צו פאַרטומלען דאָס אייגענע געשריי. איך בין אַריין אינם געדיכטעניש. לכאורה — אַלץ נאָרמאַל: אַ מסחר אין ביאַליסטאָק; אַ שטאָט לעבט מיט אייגענעם געווירבל, אומאָפּהענגיק פונם אַרום — נישטאָ בשכנות קיין דייטשן, נישטאָ אינעווייניק קיין רוסן... און אָט אַזוי, שטויסנדיק זיך צווישן סוחרים פון זייגערס, פוטערס און אַנדערע באַזאַרנע חפצים, נעמט

זיך מיר פלאָנטערן אויף דער צונג אַ לידעלע, וואָס מ׳האָט געזונגען אַמאָל, אין די גוטע יאָרן פון דער נאָוואָראַדאָקער ישיבה, אַ לידעלע מיט אַ מוסר־השכל:

העי טי דוראַקו / פּאַצאַ יעדיעש נאַ יאַרמאַרקו / ניע קופּויעש, ניע ספּזשעדאַיעש, / טילקאַ ראַביש זשאַרטו! (העי דו שוטה, פּאַרוואָס פאָרסטו אויפן יאַרמאַרק? נישט דו קויפסט, נישט דו פאַרקויפסט, נאָר דו מאַכסט חוזק!).

דאָס לידל (אָדער טייל פון אַ לידל) איז געווענדט צום ייד, וואָס פּלאָנטערט אַרום אויף דער וועלט אָן מעשים טובים, אָן טאָן אַ גוטע, אַ רעכטע זאַך... און אַזוי איצט, בעת מיין פּלאָנטערן איבערן גשמיותדיקן ביאַליסטאָקער מאַרק אָן שום טאָלק, איז דאָס מוסר־לידל מיין איינציקער באַגלייטער און דערמאָנער... אי דער טומל פאַרשטילט מיין „ממעמקים״, וואָס רייסט זיך פון אַלע מיינע אינגע־ווייַדן, אי — סוחרים, קוקנדיק אויף מיינע טרייסלדיקע ליפּן, זענען זיכער, אַז דאָס רוף איך אויס מיין סחורה. הכלל: אָן איבעררעאַשונג האָט מיר דער מאַרק פלוצים צוגעשטעלט:

אַ באַקאַנטער בליק; אַ נאָענטער, אַן אייגענער בליק — דער בליק פון מיין ברודער לייבטשע. ער האַלט אין די הענט אַ לאַנגן פוקסענעם עק. לייבטשע איז אַ קירזש־נער. ער האָט אַ פוטער־קרעמל אויף דער אַלטער וואַלאָווע. דאָרט וווינט ער און דאָרט האָט ער אַ ווייב און דריי קינדער. ער איז עלטער פון מיר מיט פינף יאָר, אָבער איצט קוקט ער אויס פיל יונגער, פריילעכער... ער האָט מיך אָנגעכאַפּט, געגומען אומגעלומפּערט טרייסלען, ווי ער וואָלט בדעה געהאַט אַראָפּ־צוטרייסלען פון מיר די סאָלדאַטסקע הלבשה. מיר האָבן נישט צופיל געשמועסט. ער האָט מיר בלויז אַריינגעשעפּטשעט אין אויער: ער גייט קיין וואַרשע און קומט פון וואַרשע. ער האַנדלט. דאָרט קויפט ער פוקסישע שווענץ און דאָ פאַר־קויפט ער זיי. נישקשה, פון אַ לעבן. ער טראַכט נישט דערווייל צו אַנטרונען פון וואַרשע. וווהין? פּאַניעס און יעקעס — איין כפרה און מ׳וועט זיי ביידן איבער־לעבן... און אויב וויל איך, איז ער גרייט מיך צוריקצופירן. עס איז בלויז אַ קליינע ריזיקע און אַ ביסל כאַבאַר. איך מעג זיך אויף אים פאַרלאָזן.

„זע נאָר סאַראַ פּנים דו האָסט! איך שטוב זענען אַלע זיכער, אַז ביזט אומגע־קומען. נו, ווילסט נישט גיין צוריק, טאָ גיב מיר כאָטש אַ צייכן פאַר דער מאַמען אַז דו לעבסט. זי האָט שוין אויסגעטרוקנט די אויגן פון וויינען״...

איך לאָז אים רעדן. ער איז לייכטזיניק, ווי אַלע דאָ, די „געלט־מאַכערס״, אויפן באַזאַר. לסוף האָב איך אים געוואָרנט:

„הער, גיי קיין וואַרשע אָבער צום לעצטן מאָל. ראַטעווע אַרויס וואָס עס לאָזט זיך. ראַטעווע אַלעמען. לאָז נישט גאָרנישט פאַר די דייטשן. געדענק!״

מיין ברודער קוקט אויף מיר מיט אַ מינע: זאָל ער זיך אָפּרעדן וועט אים ווערן לייכטער.

„זיי נישט קיין יאָלד און לאָז איבער דיינע שרייבער דאָ. זע נאָר סאַראַ תּכלית זיי האָבן געמאַכט פון דיר"...

מיר האָבן זיך נאָך דורכגעוואָרפן מיט בייסיקע ווערטער. לסוף זאָגט ער אַ רעזיג־נירטער:

„האָסט קיינמאָל נישט געוואָלט זיין קיין לייט און וועסט שוין קיין לייט נישט זיין"...

ער גיט מיר דעם אַדרעס פון זיין געדונגענעם צימער. אויב וועל איך אים דאַרפן זאָל איך קומען צו אים. ער איז זייער אַ „טרוקענער", דער ברודער מיינער — אַ סוחר, וואָס האָט דערצו ליב אַ קערטל אויך.

און אָט בין איך אין אַן אָוונט אַוועק צו אים, זען ווי ער לעבט דאָ, אין דער־דאָזיקער מהומה און, דער עיקר: צי פאַרמאָגט נישט דער ברודער אַ שטיקל איבעריק פּלאַץ פאַר מיר אינעם צימער זיינעם? איך ווער דאָך ממש פאַרפרוירן... פאַרוואָס האָט ער, דער ברודער מיינער, לחלוטין נישט דערמאָנט דערוועגן, בעת איך האָב אים געשילדערט מיינע טעג־און נעכט־וואַנדלונגען? היתּכן? ערגעץ אויף אַ שטאָק, אין אַ זייטיק געסל, טוט פון אַ געעפנטער טיר אַ שלאָג מיט געדיכטער פּאַרע. אַ ווײַלע בין איך געשטאַנען הינטער דער טיר. אַ יונג בחורל מיט קיילעכיקע בעקלעך און פוכקע הענטלעך — נישט ווי די וואַרשעווער פּליטים־קינדער, וואָס וואַלגערן זיך אין שמאַטעס אויפן פראָסט — דערהערט צו ווּעמען איך דאַרף, האָט ער פאַרקלאַפּט די טיר און פון אינעווייניק — זיין קול:

„פאַניע... עס פרעגט זיך אויף אייך אַ בעזשעניעץ"...

זיין יידיש — אַ ביאַליסטאָקער, אַ באַחנטער, טויזנטער אַזוינע קינדער האָבן אויס־געפּילט די יידישע שולעס, געווען דער יידיש־המשך פון יידישן פאָלק אין פוילן... וואָס וועט איצט ווערן פון דערדאָזיקער יוגנט? — — — מיין לייבטשע קומט אַרויס אַ צעשרויפטער, אַ פאַרשוויצטער. אין דער וווינונג פון דריי צימערן נעכטיקן צען פוטער סוחרים, עס הייסט, אַז במקום נעכטיקן — שפּילט מען אין קאָרטן; נישטאָ קיין פּלאַץ פאַר אַלעמען.

„טאָ ווו וועסטו זיך אַהינטאָן? בכלל: דיין געזעלשאַפט? אַז דאָ געפינען זיך בלויז שוועניץ, כ'מיין סוחרים פון שוועניץ און נישט קיין שרייבערס"...

חוץ אַלעם, איז מיין ברודער אויך אַ ציניקער, צוגלייך ווי אַלע זענען זיי דאָס, אַלע פון זיין סגאַל, וואָס געלט־אַוואַנטורעס זענען ביי זיי אויבנאָן. ער באַוויליקט מיט מיר אַראָפּצוגיין אויף דער גאַס. מיינע רייד וועגן אַנטלויפן פון די דייטשן האָבן נישט קיין פּעולה. „ראשית — זאָגט ער — לאָמיר זען דיינע גליקן". און

כדי ער זאָל מיך זען אַ גליקלעכן, שטופּט ער מיר אַריין אין האַנט איניקע טשערוואָנצעס אויף „צו קויפן אַ קילאָ צוקער"... הונדערט רובל. „מיר געפינען זיך אין ס.ס.ס.ר. און די ראשי־תיבות זענען: סאַכאַר סטאָיט סטאָ רובלעי". אַ באַקאַנטע אַריטמעטיקע אויפן חשבון פון דער נייער וולאַסט. איך האָב זיך כמעט נישט געזעגנט מיט מיין ברודער. מיך באַגלייט דער „בעזשעניעץ", מיט וועלכן עס האָט מיך באַצייכנט דאָס רואיקע ביאַליסטאָקער בחורל.

סך־הכל פיר חדשים האַלט־אָן מיין נע־ונד — חדשים פון עלנד און פּיין — אָבער במשך דער צייט באַמי איך זיך איינצוהאַלטן מיין „מאַנסבילישקייט". איצט פיל איך זיך גאָר פאַרלוירן. איצט האָב איך זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ בריקל און געוויינט, הויך און רעשיק אַריינגעוויינט אין דער פּראַסטיקער נאַכט. קיינער הערט נישט מיין געוויין. אַ טרעטן פון סאָלדאַטסקע שטיוול איבערן איז הילכט אין חלל. ביאַליסטאָק זינקט אין דער שפּעטער נאַכט־שעה, זינקט־איין אין בית־הקברות־שטילקייט. בלויז איך באַוויין מיין גורל, דעם גורל פון מיין ברודער. פאַר קיין שליח־ציבור האָט מיך קיינער נישט געמאַכט — — שטראָמיקע טרערן אין אַ שפּעט־פּראַסטיקער נאַכט.

טשעקאָווע: ווער וועט דאָ קליגער אויסשפּילן — לייבטשע מיט זיינע פּוקסישע שוועמענץ און קאַרטן אָדער איך מיט מיין בטלנות?

לעצטע נעכט אין קאָרידאָר פון שרייבערישן טאַנצזאַל. איך מוז זוכן אַ צווייטע אַכסניה. און דערוויל איז געקומען אַ נייע דעלעגאַציע פון „יענער זייט". מען רעדט וועגן אַן אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג. דאָרט וועט אויפטרעטן אַ וויכטיקע פּערזאָן. שולמאַן איז זיין נאָמען. כדאי צו הערן. און ס'איז באמת כדאי געווען צו הערן. — און צו זען, ווי אַ פאָרשטייער פון יידיש־סאָוועטישן שרייבערטום רעדט צו שרייבערס און בשעת־מעשה טרייסלט זיך אויף דער רעכטער זייט פון זיין „רובאַשקע" אַ — רעוואָלווער... בפירוש צו פילן, אַז נישט דער שולמאַן רעדט, נאָר — דער רעוואָלווער. סיווי — שולמאַן און דער רעוואָלווער —ביידע פאַרוואַרפן די צונויפגעזאַמלטע שרייבערס מיט חטאים און פשעים. דער בעל־הרעוואָלווער, וואָס האָט אויך אַ פּנים פון אַ שלעגער, רופט־אויף די שרייבערס צו סליחה ומחילה. און עס הייבט זיך אָן אַ שפּאַנען צו דער טריבונע — אַ באַ־שולדיקן איינער דעם צווייטן. אָן עולים ויורדים. אַ ירידה צווישן יידישע שרייבערס. דערמאָנען נעמען? חס ושלום, די „אונטערטעניקע" האָבן שוין סיווי באַקומען זייער שטראָף — דורך שפּייען זיך אַליין אין פּרצוף — — — — די גרעסטע צאָל קלעפּ פונם רעוואָלווערניק האָט נעבעך אַריינגעכאַפּט דער אַלטער פּסח קאַפּלאַן, רעדאַקטאָר פון ביאַליסטאָקער געוועזענעם „דאָס נייע לעבן". אָט — אַ ניי לעבן — — —

— — — כ׳בין געוואָרן איינער פון פיל טויזנטער. אַ פּליט געוואָרן, אַ „בעזשע־ניעץ״, אָן אַ מקום־מנוחה, אָן — גאָרנישט... אַרויסגעשליידערט אויף דער גאַס. הפקר. אין האָטעל „ריטץ״ גיט מען אַ טעפּל הייס וואַסער. גוט, וואָס אַ רחמנות־חברה האָט גענומען אויף זיך די מצווה פון אונטערוואַרעמען די פּליטים. נו, זיץ איך אַזוי אויף אַ בענקל און זופּ פונם טעפּל און דערזע אַנטקעגן — שמואל ז. זיין פּנים טראָגט אויף זיך די פאַרב פון דער פאַרבלאָטיקטער פּאָדלאָגע. איך קוק צו זיין פינצטער ווינקל. דאַכט זיך, אַז אויך ער האָט שוין באַקומען זיין שטראָף. נו, גענוג. איך פאַרקוועטש זיך טיפער — אין זיך. אָן פּעולה. ז. קומט־צו. מיר קוקן זיך אָן. איך זע אין זיינע אויגן — טרערן. ער וויל וויסן ווו כ׳געפין זיך און וואָס כ׳האָב בדעה צו טאָן. איך שווייג. בכלל, איז אַ מצווה דאָ צו שווייגן, בפרט פאַר איינעם, וואָס... ניין. לאָמיר נישט אַרויפברענגען קיין שלעכטע מחשבות. ש. ז. בייגט זיך איין, עטעמט אַרייך אין מיר זיין אָטעם, באַוויזט זיינע אויגן — פאַרטרערטע אויגן:

„זייט מוחל; איך האָב אייך געטאָן אַן עוולה. איך האָב בפירוש נישט געפילט וואָס איך זאָג און וואָס איך טו. אַלץ געווען שלא בכוונה״.

ער טראָגט נאָך אויף זיך דעם וואַרשעווער פּאַלטן. איך זיץ איינגעגראָבן אינם פּוילישן שינעל; דער פּאָעט אין זיין פּאַלטן — איבער מיר. אַזוי וויל דער פּאַסקודנער גורל. דער איידעלער און פיינפילנדיקער דיכטער פילט בפירוש זיין זינד קעגן מיר... מוז ער איצט שטיין און בעטן מחילה. און גראָד איז מיין לאַגע אַ בעסערע פון זיינער. איך האָב שוין באַוויזן „אַריינצוּוואַקסן אין דער גאַס״; פאַר אים איז די צרה אַ פרישע: נאָרוואָס אַרויסגעוואָרפן פונם שרייבע־רישן געזינדל... יאָ. מיר איז בעסער: שוין באַוויזן דורכצוגיין זעקס גיהנומס ביזן גרייכן צום זיבעטן (אַזויפיל, דאַכט זיך, גיהנומס זענען שולט איבערן מענטש־באַשעפעניש); ער, נעבעך, האַלט איצט ביים ערשטן (און אפשר צווייטן) גיהנום. אַ לאַנגער מהלך.

מיין לעצטער בליק אויף אים: מוחל... מוחל...

אייליק און אכזריותדיק זיך אויפגעהויבן פונם בענקל, אַרויס אויף דער פאַר־פרוירענער גאַס.

מוחל! — — —

פון אַ גאַס־ווינקל גייט מיר אַנטקעגן שמעון וו., אַ בחור פון שטעטל סאָקאָלאָוו; ער האָט געהונגערט אין וואַרשע אַבי צו זיין נאָנט פונם „געדרוקטן וואָרט״. אַ פאַרחלומטער אַזאַ. איצט קוקט ער אויף מיר מיט אַ געוויסער צופרידנקייט. וואָסי די גדולה? הער אַ מעשה: זיין בן עיר, דער איצט־סאָוויעטישער שרייבער אייזיק פּלאַטנער, איז צווישן די בריגאַדירן פון „יענער זייט״. על־כן, זינט

שמעון וו. האָט זיך מיט אים, מיט זיין געוועזענעם סאָקאָלאָווער לאַנדסמאַן צונויפגעטראָפן, איז אים גוט דאָ.
„עס פעלט מיר גאָרנישט" — שמייכלט דער פאַרחלומטער בחור.
אויף דאָס „געדרוקטע וואָרט" האָט ער דאָ, מיט דער הילף פון זיין אייזיקן וועט נאָך שמעון ווערן אַ גרויסער סאָוועטישער שרייבער.
עס פעלט דאָך אים — גאָרנישט — — —

8. פליטים־קאַרטאָפל געמישט מיט טעאַטער־„פליטים"

יאַנואַר 1940. ביזאיצט געוועזן אַ פליט. פון איצט — אַ „בעזשעניעץ". יידן זענען פליטים געוועזן זינט זיי זענען געוואָרן אַ פאָלק. פליטים פון פאָגראָמען און פון אינקוויזיציעס; יידן זענען געלאָפן פון עק ביז עק וועלט. און אומעטום האָבן קאָמיטעטן קעגנגעטראָגן דעם פליט אַ שיסעלע גריץ און אַ שטיק ברויט.
„פליטים" — אַן אָרגאַניזאַציע; געוועזן מיט וואָס צו וועקן רחמנות: רחמנות אויף פליטים. „נאָרמאַל" געוועזן, בעת דאָס גיהנום האָט זיך אַראָפגעלאָזט אויף דער ערד, אַז יידן זאָלן אַנטלויפן, זוכן רעטונג, ווערן — פליטים.
ביאַליסטאָק האָט פאַרוואָרפן די „פליטים"; פאַר איר זענען מיר — בעזשענצעס.
איז „בעזשעניעץ" אַ באַצייכענונג לגנאי אָדער לשבח? הינו הך... סיווי זענען ווינציק וואַרשעווער יידן פאַרבליבן אין ביאַליסטאָק. און הלוואי זאָלן ביאַליס־טאָקער יידן יאָ פאַרבלייבן אין זייער היים... צווישן דעם רוב נישט־פאַרבליבענע אין ביאַליסטאָק האָב איך אויך מיין נאָמען אַריינגעשטעלט; צי דערפאַר, וואָס דער „בעזשעניעץ" געפעלט מיר נישט, צי אויך, ווייל דידאָזיקע עיר ואם בישראל קוקט גיכער אויס ווי אַ גרויסער הקדש, — איך וויל ראַטעווען מיין ברעקל גוף פון צעפאַלונג; האָב איך זיך גענומען נאָכפרעגן וועגן אַ פיצינקע מקום־מנוחה ערגעצוווּ, אַ ווינקעלע פון אַ ישוב, ווו איבערצוואַרטן די מהומה. אָבער וואָס־ווייטער כ'טו לויפן, טיפער פאַל איך אַריין. און אַריינגעפאַלן בין איך דאָס מאָל אין אַ שטעטעלע אַזאַ, דאַכט זיך — דאָס זוך איך דאָך, אַ ברעקעלע שטעטל מיטן נאָמען אָרלע —
יידן נשרפים; נישט אוספייעט אויפצוריכטן זייער שטעטל נאָך אַ העליש פייער; האָבן באַוויזן אויפצושטעלן הילצערנע סקעלעטן, וואָס זענען אָבער געבליבן נאַקעט צוזאַמען מיט זייערע באַלעבאַטים אינם באַפרייטן, בלאָ־פראָסטיקן אויר — — —
און ווען איך האָב זיך באַוויזן אין דעם שטעטל, ווו אַמאָל האָט גערוט די מנוחה אַליין, האָט מיך אויפגענומען אַ קאָמיטעט, אַ פליטים־קאָמיטעט. איז דאָס גראָד מיר זייער געפעלן געוואָרן. אָט בין איך נישט הפקר. אָט — באַקום איך אַ וווינונג און אַ הבטחה אויף קאַרטאָפל צו־זעט במשך דעם ווינטער. מיין באַלע־

באַס — אַ האָרעפּאַשנער דאָרף־גייער. זיין הילצערנע כאַטע שטייט אַ נאַקעטע קעגן פראָסט. דורך די שפּאַרונעס פון די אַנטבלויזטע ברעטער פייפט אַן אַכזריות־דיקער ווינט. אַ קעלט! אין שטוב איז קעלטער ווי אין דרויסן. אָבער פריילעכער איז אינעווייניק ווי אויסנווייניק. אַ ציגלנער אויוון, האָלץ און אַ קעלער מיט קאַרטאָפל. האָט מען זיך ראשית פאַנאַנדערגעשמועסט. דערנאָך איז מען געוואָרן היימיש, אַזוי נאָנט און היימיש, אַז מאַן און ווייב — נישט לאַנג נאָך דער חתונה: די היימישקייט אַליין — האָבן מיר געטרויט זייער באַלעבאַטישקייט און דאָס פּיצינקע נפשל, זייער קינד, אויך. מאַלע ווו באַלעבאַטים דאַרפן גייך, דאַרפן זוכן פרנסה. און איך בין אַ לידיקגייער, אַ פּליט, אַ זאַך, וואָס מ׳דאַרף דערויף רחמנות־האָבן... דערפאַר זיצן מיר צוזאַמען אין די קאַלעמוטנע אָוונטן אַרום דעם גליאיקן אויוון, וואָס שפּריצט מיט פריילעך־ליכטיקע פונקען איבער די נאַקעטע און טונקעלע ווענט, באַהעלט די מרה־שחורה־פּנימער פון מאַן־ווייב־קינד און דעם פּליט צווישן. מען עסט קאַרטאָפל־„פּאַשטידע״, וואָס ווערט געבראָטן אויף אַ פייערדיקן דרייפוס. אַ רחמנות אויפן קינדעלע, וואָס וויינט אָן אויפהער אויפן ביטערן גורל (מסתמא), אי מחמת קעלט, אי מחמת אַנדערע זאַכן, וואָס אַזאַ עופעלע דאַרף האָבן און וואָס די נייע וולאַסט האָט נישט צו געבן. און אַזוי־אָ טוען פאַרשווונדן גראָע, פּראָסטיקע טעג און אומעטיקע, פינצ־טערע נעכט אינם שטעטל אָרלע פון נאָך אַ שרפה.

טאָ ווי לאַנג, עד מתי, וועל איך אַזוי זיצן און — גאָרנישט? סוף־סוף וועט דאָך קומען אויפן אָרט פון די רויטע בענדלעך אַ מונדירטע אָרדענונג — מיט גראָע אָדער גרינע מונדירן. וועט מען דאָך דעמלט זיכער וועלן וויסן עפּעס נעענטערס פון מיר: געאַרבעט אַמאָל? בדעה צו ברענגען נוצן להבא? נאָרמאַלע שאלות, וואָס וועלן מסתמא מצדי בלייבן אָן תשובות. טאָ וואָס פאָרט? האָב איך געטראַכט און — זיך דערטראַכט —

אויפגעזוכט נאָך יידן פּליטים, וואָס האָבן געפונען מקלט אין אָרלע און וואָס האָבן אויך געזוכט ״תכלית״; צוזאַמען זיך צונויפגערעדט — צו לאָזן זיך פילן אין שטעטל; צו ברענגען נוצן מיט אונדזער דאָ־זיין: — שאַפן אַ טעאַטער, אַ יידיש טעאַטער ממש. און זאָל ווערן „ליהודים״ אינם פאַרפרוירענעם יידישן שטעטל. נו? בחורים און מיידלעך און טאַטעס־מאַמעס און קינדער אויך — אַלע צוזאַמען האָבן מיר צונויפגעשטעלט דעם „אַנסאַמבל״ און גאָר אינגיכן האָב איך פאַר אַלעמען פאַרגעלייענט מיין אייליק־געשאַפן „שטיק״ מיטן נאָמען — „פּליטים״: יידן לויפן איבער וועגן און שטעגן, יידן, סאָלדאַטן, ביקסן. מען לויפט. מען שיסט. מען שלאָגט דעם שונא... בין אויך אַריין אין דער ראָל פון רעזשיסער. ביים שיין פון אַ קאַניצל זיצט דער אַנסאַמבל און הערט מיינע אָנווייזונגען. און רעפּעטיציעס מאַכט מען. די קולות טראָגן זיך איבערן שטעטל

און אַלץ ווייס, אַז עס ווערט געגרייט אַ גרויסע זאַך. דערמיט האָב איך געגרייכט מיין ציל: די חשיבות פון די פּליטים הייבט זיך אין שטעטל. „פּליטים" ווערט אויס־חסד; עס ווערט אַ — „שטיק".

9. אַ חזירשע מעשה

אָבער אייניקע טעג פאַרן גרויסן וווּנדער — אַן אומדערוואַרטע טרויעריקע געשעעניש, וואָס דראָט, נישט בלויז צו צעשטערן אונזער גרויסע טעאַטער־אונטערנעמונג, נאָר — צו צעשטערן דאָס דרייפערטל פאַרברענטע און צעשטער־טע שטעטל. ומעשה שהיה:

קיין אָרלע איז אָנגעקומען אַ טראַנספּאָרט ביכער — סטאַלינס „קראַטקי קורס", ביכער מיט שיינע טאָוולען און מיט גאָר אַ שיין בילד פונם „פאָטער און באַפריי־ער", דעם „געניאַלן פירער און פעלקער פריינד". אויף זיינע באַקן און דיקע וואָנסעס — דער חן פון אַ מלאך און באַשיצער, פון אַן אויסלייזער און קינדער־ליבהאָבער. בקיצור: די גרויסקייט, די איידלקייט און שיינקייט אַליין. בלויז ערגעץ אין אַ ווינקל פונם סטאַלין־מלאך־בילד — אַ לענגלעך סטעמפּעלע, וואָס דערציילט אַ חידוש, אַ זאַך, וואָס איז דער היפּוך פונם גרויסן אמת —

דאָס לענגלעכע סטעמפּעלע אַנטפּלעקט אַן אויסטערלישן סוד, דהיינו:

„סטאַלין איז אַ גרוזינישער חזיר".

גיי ווייס. פון אַלע ווינקלען קוקט אַראָפּ און שיינט אַראָפּ אַ פּנים מיט רויטע בעקלעך און מיט שמייכלדיקע גוטע אויגן, וואָס גלעטן, צערטלען, וואַרעמען און פּלוצים — — — סטאַלין — אַ חזיר!

איז אַ גרויסע בהלה אויסגעבראָכן אין אָרלע, פּונקט ווי בשעת דער שׂרפה. בחורים מיט רויטע בענדלעך טוען אַרומלויפן איבער גליטשיק־פּראָסטיקע געסלעך. זיי טראָגן פאַרקוועטשט אונטער זייערע אָרעמס די סטאַלין־חזיר־ביכער — קאָנפיסקירטע. זיי טראָגן די אָפּגענומענע ביכער ווי מען טראָגט אַ שרץ, אַ מיאוסע זאַך, עלעהיי — אַ געפּגרטע קאַץ.

והעיר אָרלע אבלה.

אַ מעשה־נבלה איז ערגעץ אָפּגעטאָן געוואָרן. און ביים הייסן אויוון אין דער פינצטער־פאַרפרוירענער שטוב פון מיינע גאַסטגעבערס טענהט דער באַלעבאָס אַריין אין דער בלעך מיט דער קאַרטאָפל־פּאַשטידע:

„שלעכט, די חזירים וועלן"...

„שאַ — טוט דערויף זיין יונג ווייבל הערן אַ קרעכץ — שוויג, דו"...

פון דער טונקל קוקן ארויס איבערגעשראָקענע אויגן, גלעטן דאָס פריש־געבוי־רענע נפשל אויף דער מאַמעס אָרעמס. און איך שווייג. די חזירשע מעשה איז נישט מיין עסק. נייִן. איך דאַרף זיין אַריינגעטאָן אין דער טעאַטער־אונטערנע־

מונג. סאַראַ שייכות האָט די קונסט מיט — חזיר?! דורכגעפירט די לעצטע רעפּעטיציעס. די חזיר־מעשה איז יאַקאָש פאַרדושעט געוואָרן. רויטבענדלדיקע בחורים איילן ערגעץ, לויפן ערגעץ. ווערמענס עסק איז עס דען. און דער פראָסט. די פינגער ווערן פאַרשטייפט. אָבער עס העלפן נישט קיין תירוצים: עס מוז ווערן פלאַקאַטן און די פלאַקאַטן דאַרפן הענגען איבערן שטעטל... ווער אימעצער קומען אויף דער פאָרשטעלונג אין דער פייערלעשער־בודע? ווער ווייס, צי כ'וועל נישט מוזן אַנטלויפן פון שטעטל אין מיטן נאַכט... אַז דער חזיר זאָל מיך כאָטש נישט איבעריאָגן — — —

און כ'בין נישט אַנטלאָפן. דאָס ליידיקגייערישע שטעטל האָט אויסגעפילט די בודע, באַזעצט אַלע פאַדערשטע און הינטערשטע בענק. נישט בלויז יידן זענען געקומען זען אַ יידיש „שטיק". עס זענען געקומען גוים אויך. באַוואַנסעטע גוים און גויעס — אַלע מיט רויטע באַקן, אָפּגעסמאַליעטע פון פראָסט און פון פרעסן חזיר (אוך דער חזיר!). הכלל: דורך די „הינטערקוליסן" האָב איך געזען דאָס „גאַנצע שטעטל" אין דער פייערלעשער־בודע. דאָס רוב פּלעצער — באַזעצט מיט פויערשע שובעס. אויך פון די אַרומיקע דערפער זענען די פויערים געקומען זען מיינע „פּליטים".

אַ פּחד איז מיך באַפאַלן, שרעק צוזאַמען מיט פרייד. דערפאַר, ביי מיינע אַקטיאָרן — „טאַטעס פון קינדער" — בלויז פרייד, הוילע אָפּטימיזם: וואָס־גרעסער דער עולם, שענער די שמחה. און אַז איך האָב זיך גענומען צום אַרויסגעבן די לעצטע באַפעלן: וואָס צו זאָגן, ווי זיך צו דרייען און וויאַזוי צו שיסן, האָט מען מיך פשוט אָוועקגעשאַרט אין אַ ווינקל: „עס וועט שוין זיין גוט... מען ווייס שוין וואָס צו טאָן"... און זיי ווייסן. שייך צו זאָגן — נאָך אַזויפיל רעפּעטיציעס. און אָט אַ דאַנק גאָט: דער פאָרהאַנג האָט זיך אויפגעהויבן, ממש — אויפגעהויבן. צוויי יונגען זענען געלעגן אויפן דאַך און דורך אַן עפענונג געצויגן דעם פאָרהאַנג מיט מיני שטעקנס, וואָס ווערן מסתמא גענוצט בעת אַ שרפה. הכלל: אויף דער סצענע איז געוואָרן ליכטיק און מיך — אַרומגעכאַפּט אַ טרייסל־דיקע פינצטערניש. די אַקטיאָרן שטופּן זיך און שטויסן זיך אויף די שמאָלע ברעטער: פאַרגעסן די „עברי"... עס העלפט נישט מיין „סופלירן", מיין „געבן לשון" דורך אַ שפּאַרע — זיי הערן מיך נישט; איך שריי הויך, העכער — מיינע פאַרצווייפלטע ווערטער הערט מען מסתמא אויפן זאַל.

אויספיר: די „פּליטים" האָבן זיך געשטויסן אויף דער סצענע און איך — דראַמאַטורג, רעזשיסער און סופליאָר — האָב דער ערשטער געמאַכט „פּליטה" פון הינטער דער סצענע... אַ פאַרפרוירענער און איבערגעשראָקענער „ביז טויט" האָב איך דורך הינטערגעסלעך זיך אַריינגעשאַרט אין מיין קאַלטער קוואַרטיר,

ווו עס הערט זיך דאָס פּישטשען פונם עופּעלע, איינגעטוליעט אויף דער מאַמעס הענט. דער באַלעבאָס געפינט זיך אין טעאַטער. איך האָב זיך אַוועקגעוואָרפן אויף מיין ברעטער־געלעגער און אָפּגעקרעכצט אַ נאַכט, אַז דער־אין־הימל וואָלט געמעגט רחמנות־האָבן אויף זיין קנעכט — — —

צומאָרגנס. דער באַלעבאָס מיינער האָט צו מיר טענות, הלמאי ער האָט מיך נישט געזען אויף דער סצענע: די „גאַנצע שטאָט" האָט געוואַרט אויף מיין אַרויס־טריט — אַזאַ גרויסער אַקטיאָר... איך האָב געפּרוווט פאַרדעקן די חרפּה: געווען פאַרגרימירט, עס הייסט — פאַרשטעלט, שווער געווען מיך צו דערקענען. לסוף — ריזיקירט און אים אַ פרעג געטאָן:

„געווען אַ שיינע פאַרשטעלונג?"

ער האָט מיך אָנגעקוקט מיט אַ ביטער פּנים:

„מילא די פּאָר קאָפּיקעס, וואָס כ'האָב געגעבן פאַר די „בעזשענצעס", מילא... אָבער די מעשה אַליין איז גוט געווען פאַר די חזירים"...

זיצן מיר אַזוי אין דרייען: דער באַלעבאָס, זיין ווייבל און איך — אין אַ פּראָס־טיקער סוף־יאַנואַר־נאַכט נעבן פייער־צונגען־וואַרפנדיקן אויוון, קוקן זיך איבער אויף די אויפפלאַמענדיקע פּנימער, וואָס האָבן דעם אויסזען פון טאַנצנדיקע פלעקן אויף אַ שוואַרצן הינטערגרונט.

„נישקשה — רייסט איבער דער באַלעבאָס דאָס שוויגעניש, ביים אַריינוואַרפן אַ האָלץ־שייט אין אויוון — קאַרטאָפל־פּאַשטידע וועט סטייען אויף אַ גאַנצן ווינטער און זיי, די חזירים, וועלן סיווי נישט דערהאַלטן ביז פּסח" — — —

צווייטער טייל

1. ווינציקער עסן — ווינציקער אַרבעטן

מערץ 1940. ערשטע טעג אויף ווילד־פרעמדער ערד; ווילד, מחמת דאָ, אויף דעם אייזיקן באָדן, האָט נאָך ביז מיר (אַזוי בין איך זיכער) קיין נאָרמאַל־מענטש־לעכער פוס נישט געטראָטן. און פרעמד איז די ערד דאָ, ווייט און פרעמד פאַר מיר, דעם ייד פון וואַרשע, וואָס איז צוואַנציק פון זיינע דרייסיק יאָר געווען אַ יושב אוהל, געווען געקנאָטן פון אַן אַנדער מין טייג, אַנדערש געקנאָטן פון די שכנים דאָ, אין דער טשעליאַבינסקער קוילן־וויסטעניש.

יעמאַנזשעלינסק — אַ דאָרף אויף דער טשעליאַבינסקער באַנליניע. דאָס דאָרף האָבן אויפגעבויט פאַרשיקטע נאָך מימי ניקאָלייקע; איצט, בימי סטאַלינקע — פריש אַנגעשיקטע: „קולאַקעס". זיי זענען דאָ די שוטרים און שופטים און היטערס פונעם געזעץ. און דער פראָסט בריט, ברענט־אויס ווייסע פלעקן אויף פנים און הענט. אַ שפּיי — אַ שטיק אייז. די ערד — קוילן און אייז. שאַכטעס — אויבן און אונטן. פאַראַן בלויז איין הילצערנער באַראַק — די קיך און קאַנטאָר. די פריש־געברענגטע ווערן איינקוואַרטירט אין פּאַלאַטקעס. דאָ און דאָרט — אַ גראָבן אין אייז מיט שווערע לאָמען: טיפע לעכער פאַר סלופּעס — אויפצו־שטעלן אַ הילצערנעם וווין־באַראַק.

נאָכן באַקענען זיך נעענטער מיט דער נייער „פּאָלאָזשעניע", האָט מען ערגעץ באַשלאָסן: גענוג גערוט! אַרויס אויף דער אַרבעט — און זאָל זיך רודערן! אָט אַזוי בין אויך איך באַשאָנקען געוואָרן מיט מיין אַרבעט־מכשיר: אַ שווערן, אַ געפּרווירענעם לאָם; גרעסער און שווערער פון מיר — דער קבלת־פּנים אויפן צווייטן טאָג נאָכן אָפּשטייגן פון דער „טעפּלושקע". און אַזוי האָב איך גענומען קראַצן מיטן שווערן אייזן אויפן דיקן אייז, געקראַצט און געקראַצט — און קיין לאָך נישט געמאַכט. און אפשר דאַרף מען נישט מאַכן. ווייס זיי דער רוח. איז דען מעגלעך דאָ, אויף דעם אייז, צו מאַכן אַ לאָך? יאָ. ס'איז מעגלעך. אַזוי האָט געפּסקנט דער „דעסיאַטניק", אַ טעמפּער יונג מיט שטעכיקע חזיר־האָר אויף הענט און פּנים. ער גיט מיר אַ לעקציע, וויאַזוי אויפצוהייבן און אַראָפּצולאָזן דעם לאָם. און דאָס באַווייזט ער אין פּראַקטיק: ער טוט אַ הייב דעם לאָם און טוט אים אַ לאָז־אַראָפּ, אַז — פונקען פליען פונם אייז: „אַזוי בראַטאָק, דאַרף מען אַרבעטן; אַ זעץ און אַ לאָך! קראַצן וועסטו זיך אין באָד"... אַזוי קוקט־אויס מיין ערשטע „נענטערע" באַקענונג מיט אים־אָ, דעם באַפעלער און באַלעבאָס איבערן מענטשן־מאַטעריאַל... „מאַטעריאַל", עלעהיי: אַ שטיק האָלץ, אַ שרויף,

אַ לאָם... און — יאָ. דער לאָם אין מיינע הענט וויל נישט פאָלגן. אַן עקשנותדיק אייזן; נישט מבין אויפן בריגאַדירס לעקציעס... און קיין לאַך — לויט דער נאַרמע — וויל נישט ווערן. לסוף איז מיין פרנסה־געבער מיד געוואָרן פון געבן מיר לעקציעס. ער האָט זיך אַרומגעזען, אַז איך בין גאָר צופרידן פון זיין זעצן מיטן לאָם איבערן אייז. נאָך יעדער אַזאַ לעקציע האָב איך געפלעגט אויסדריקן מיין צופרידנקייט פון זיין אַרבעט און אים געבעטן, ער זאָל געבן נאָך אַ זעץ מיטן לאָם... טפו, האָט ער לסוף אויסגעשפּיגן: אומריאָש! וועסט דאָ אָוועק־פּגרן! — — —

סיווי נעם איך אַריינוואַקסן אין דער־אָ סביבה. אַ סימן דערויף: מיינע טרעטערס זענען באַשאָנקען געוואָרן מיט צווי ברעזענטענע טשובאַטעס, וואָס האָבן אַ טבע צו ווערן צוגעפרוירן צו די פיס. איך ווער אַ גייער צו דער אַמבולאַטאָריע־פּאַלאַטע, ווו שטענדיק איז אַ ריי פון אָפּגעפרוירענע. כדאי זיך אָוועקצושטעלן אין דער ריי; בעסער ווי צו שטיין מיטן לאָם אויפן אייז. ביים איינגאַנג — אַ פּושקע מיט וואַזאַלין. ווער עס פאַרשמירט מיט דעם שמירעכץ די אָפּגע־פרוירענע באַקן, ווער — עס שטופּט דאָס שמירעכץ צווישן די ליפּן: אויס־שמירן דעם פאַרטריקנטן מאָגן. און אַזוי בין איך געוואָרן איינער פון די סטאַבילע זיצערס ביי דער „סעסטראַ". אין איר פּאַלאַטקע איז וואַרעם. וואָס פאַרמאָג איך און וואָס האָב איך צו פאַרלירן? בעסער דאָ ווי אויפן פראָסט... לסוף איז זי, די „שוועסטער" — אַ פאַרטרוקנטע און אויסגעמוטשעטע קאַביטע — געקומען צו דער מסקנה, אַז איך טויג באמת נישט צו קיין שווערער אַרבעט; אַז איך און דער לאָם קאָנען נישט זיין קיין שותפים צו דער ריזיקער קוילן־פאַבריק. האָט זי מיר געגעבן אַ „ספּראַווקע" צום נאַטשאַלניק, ער זאָל מיך צוטיילן צו לייכטער אַרבעט. „ביץ גאַדיען" — און שויך. נאָך פאַראַן אַ גרעסער גליק? אוך! יאָ. פאַר לייכטער אַרבעט באַקומט מען לייכטע עסנס. נישט קיין דיעטע פאַר אַ שוואַכן מאָגן, נאָר — קלאָרער: פאַר ווינציקער אַרבעט, ווינציקער עסן. און אפשר איז גוט אַזוי. מיין דעוויז איז סיווי אַ גאַנדיסטישער: ווינציקער עסן, ווינציקער אַרבעטן.

2. „פּיסק"־מלאכה

דער פאַרטיק־געוואָרענער באַראַק נעמט אַריין זעכציק נפשות. מיין נאָנטסטער שכן — אַ לאָדזשער ייד, אַ סאָציאַליסט פון פינפטן יאָר. ספּעציעל „צום האַרץ" איז מיר געוואָרן איינער אַ שוסטער פון גראָדנע, — ווי אַרויסגענומען פון אַ קינדער־מעשהלע: אַ פאַררייסן נעזל, לאַכנדיקע אייגעלעך און איינגעצויגענע באַקן, גרייט צום פייפן. אַ ציניקער און טאָקע אַ פייפער אויך. ער פייפט אויף דער גאַנצער וועלט. אַ שוסטער — גאָלדענע הענט. איז אים צוגעטיילט אַ ווינקל

צו פֿאַרלאָטען די שטיוול פֿון די שאַכטיאָרן. ער מאַכט אָבער „נעבן־אַרבעט" און אַזוי אַרום — „נעבן עסן": ברויט און מילך פֿאַר זיך און אויך — איך בין נהנה פֿון זיין הכנסת אורחים. ער איז אַ רפֿואה צו מיינע צרות; אַ לץ, אַ נאַש בראַט, אַן אָפּחוזקער פֿון דער גאַנצער אַרומיקער וולאַסט. „אייערע רובעלס — זשמורעט ער די קליינע אייגעלעך — וויל דאָך קיינער נישט נעמען אין האַנט; איר גיט מיר בעסער ברויט און מילך; דאָס האָט איר דאָך גענוג, איר קולאַקעס! מיט די רובעלס אייערע ווישט איך אונטער דעם ט—ס"...

דער לאַדזשער האָט געברענגט מיט זיך אַ ייִנגל, אַן אַרויסגעראַטעוועטן פֿון דער היטלער־מגיפֿה. ער האָט פֿיינט די באָלשעוויקעס צוזאַמען מיטן פּראַסטיקן דרויסן. ביידע — איין אומגליק. „דאָס איינציקע: איבערהאַלטן און איבערוואַרטן. אַן ענדערונג וועט דאָך מוזן קומען: אָדער היטלער וועט ברעכן דעם קאָפּ, אָדער סטאַלין דעם קאַרק, אָדער — ביידע צוזאַמען"...

דער באַראַק אַרבעט אין שיכטעס — זעקס שעה אונטער דר'ערד און ס'אייגענע אויבן. אונטער דר'ערד מיינט: אין דער טיפֿעניש פֿון אונטער־דער־ערד ממש; אויבן — אין דער אָפֿענער שאַכט, ווו די קוילן ווערן „געשניטן" מיט אַ בייסיקן עקסקאַוואַטאָר. מיין „לייכטע אַרבעט" געהער צום אויבן: רייניקן מיט אַ לאָם די ציין פֿון דער ריזיקער גראַב־מאַשין, דעם עקסקאַוואַטאָר. מחמת ביים אַרויס־ברענגען די קוילן פֿונם גרוב טראָגט זיך פֿון זיי אַ געדיכטע פּאַרע און דאָס איז דער גורם, אַז ביים אויסליידיקן דעם „פּיסק" זאָלן רעשטלעך קוילן בלייבן פֿאַרפּרוירן אינעווייניק. די רעשטלעך דאַרף איך אויסרייניקן; קראַצן מיטן לאָם אינעווייניק, צווישן די ציין פֿונם פּיסק.

האָט געטראָפֿן אין איינעם אַ פּראַסטיקן טאָג אַזאַ: דער מאַשיניסט האָט אַראָפּ־געלאָזט אויף דער ערד־אויבערפֿלאַך די שטאָלענע ציין; איך בין אַריינגעקראָכן צווישן זיי און זיך גענומען צום קראַצן מיטן לאָם. אַוודאַי איז די אַרבעט לייכטער ווי דאָס גראָבן מיטן לאָם אויפֿן איז, אָבער — נישט געדאַכט זאָל'ס זיין — פֿאַר אויסגליטשן זיך קאָן קיינער נישט קאַווירן. און איך האָב זיך אויס־געגליטשט אויפֿן קאַלטן שטאָל און געבליבן ליגן אין פּיסק — נישט אַ ריר־זיך־צו־טאָן. אַן כוחות. דער מאַשיניסט אויבן, אַן אַנגעפּעלצטער אין זיין וואַרעמער קלאַטקע, האָט נערוועז געצויגן דעם שטאָלענעם טראָס, געוואַרט אויף מיין צייכן וועגן אַראָפּלאָזן אין גרוב די שטאָלענע ציין; און אַז דער צייכן איז נישט געקומען — טשאָרט וועזמי! — האָט ער פֿאַרקלאַפּט דעם „פּיסק", אים אַ הייב געטאָן אַ דרייסיק מעטער הויך און — מיך „אויסגעשפּיגן" אין טיפֿן גרוב אַריין.

אויפֿגעוועקט זיך אין באַראַק. אַרום מיר פֿאַרקעט זיך די „סעסטראַ", די גוטע גראַעטשקע „שוועסטער", מיט איר קעסטעלע רפֿואות. זי ווישט מיינע צעראַצטע

באַקן, גלעט דעם צעבײַלטן שטערן און באַשמירט די װוּנדן מיטן גוטן װאַזעלין־זאַלב — די אײנציקע װירקנדיקע רפואה אין איר לאַבאָראַטאָריע. איבער מיר שטײט אױך דער שוסטער. ער פֿאַרציט די באַקן װי צום פּײפֿן; שפּײַט אַרום זיך: טפֿו זאָלן זײ װערן מיט זײערע „פּאַריאַדקעס", מיט זײער באַציאונג צום אַרבעטער! אױך דער לאַדזשער שװײגט נישט. „אין מײנע צײטן" — נעמט ער װי זײן שטײגער אָנציען די פּראָטעסט־נאָטע אױפֿן פֿינפֿטן יאָר, — יענע ריכטיקע רעװאָלוציע האָט „גאָר אַנדערש געמײנט"; אָבער דער זון זײנער, דאָס אױסגעדאַרטע ײנגל, ציט אים ביי אַ האַנט, דערמאַנט אים, אַז דאָ איז טיף אוראַל און נישט — צאַריש פּױלן — — —

בין איך אַזױ אָפּגעלעגן אײניקע טעג אַ צעבײלטער, געװוּסט, אַז די לעכער אין מײן קאָפּ זענען נישט גענוג טיף כּדי מען זאָל מיך אָנערקענען פֿאַר אַן אינװאַליד... אמת, פֿון דער „פּיסק"־מלאכה האָט מען מיך באַפֿרײט; דערפֿאַר בין איך געװאָרן צוגעטײלט צו דער אַכראַניקעס־בריגאַדע. דאָס מײנט: דרײ נעכט במשך דער װאָך צו היטן דאָס פֿאַרמעגן אױפֿן דאָזיקן קױלן־פּלאַץ. װאָס היטן? װעמען און קעגן װעמען היטן? נישט שײך צו פֿרעגן.

גראָער דרױסן. הימל און ערד — אײן שטיק אײז. פֿון צװישן די אײז־פּלאַכטעס קוקן אַרױס בינטלעך פֿאַלין װאָס דערמאָנען, אַז ערגעץ אין דער װײטער װעלט האַלט עס שױן אין גרינען. דער שטח פֿון יעמאַנזשעלינסקער „ראַזרעז" (אָפֿענע שאַכטעס) איז באַזעצט מיט באַראַקעס, קאַנטאָרן און הילכיקער טומל פֿון בױען די שװער־אינדוסטריע לױטן פּלאַן פֿון דער סאָװעטישער „פּיאַטילעטקע": שטײגן און איבערשטײגן. עס ליגט שױן אױך אַ באַנליניע קײן טשעליאַבינסק פֿאַר די קױלן־טראַנספּאָרטן.

צוזאַמען מיטן װאַקסן פֿון דער קױלנפֿאַבריק, װאַקסט אױך דער אָנזען פֿון גראַד־נער שוסטער. נאַטשאַלסטװאָ האָט געהײסן אױפֿשטעלן פֿאַר אים אַ באַזונדער באַראַקל. דאָרט פֿאַרלאַטעט ער די שאַכטיאָרישע גומענע מונדירן, די אינזשע־ניערישע שטיװול און אױך די קולאַצקע ברעזענטענע שיך. צו עסן — „איבערן קאָפּ". אָבער געבליבן איז ער בײ זײן סקעפּטיציזם. ער לעבט „כמעט װי אַ בור־זשוי" אין דער יעמאַנזשעלינסקער פּראָלעטאַרישער קױלן־געמײנדע, אָבער זײנע קללות זענען געצילט צו דער „בורזשואַזער קאַסטע".

„איר פֿאַרשטײט — טוט ער אַרײנטענהן אין זײנע נאָנטסטע פֿאַרטרױאונגס־לײט: דעם לאָדזשער און מיר — זײ ברענגען מיר חזיר־שמאַלץ און אײער און װײסע ברױטן ... האַ? זײערע שטיװעלעך דאַרפֿן גלאַנצן אױפֿן חשבון פֿונם אױסגע־מאָרעטן אַרבעטער!" ער פֿאַרמאָגט יושר, אַסך יושר. ער שעלט אַלעמען, רוסן און יידן און אַלע שולדיקע, װאָס האָבן געמאַכט אַ זאַ רעװאָלוציע. ער איז גרײט

איבערצולאָזן דעם „שוווילטאָג״ זיינעם און אַנטלויפן, „לויפן אין דער וועלט אַריין״ —

„מ׳קאָן דאָך דאָ צעשפּרינגען און צעזעצט ווערן פונם זיצן אָט־אַזוי־אָ״...

ער מיינט ערנסט מיט זיין פּלאַן צו אַנטלויפן. ער וויל אַז דער לאָדזשער זאָל לויפן צוזאַמען מיט אים. פאַראַן אַ באַנליניע, פאַראַן וואַגאָנעס — וועט מען איינזיצן אין איינעם אַ זונטיק, אַ „וואָסקראָסעניע״...

אָבער דער לאָדזשער איז צוריקגעהאַלטן:

„נאַרישקייטן, דאָ לויפט מען נישט. וווהין לויפן? האָט איר נישט געהערט גאָפּאָלעאָנס זאָג: אין רוסלאַנד וועלן דעם שונאס סאָלדאַטן פאַרלירן די פיס פונם בלויזן לויפן... בכלל בין איך שוין צו־אַלט צום לויפן און ערשט מיין יינגל... פאָלגט מיך: אַז מען טשעפּעט אייך נישט — טשעפּעט זיך אָפּ פון אייער פּלאַן״...

אָבער דער שוסטער וויל זיך נישט אָפּטשעפּען פון זיין אַנטלויף־פּלאַן; וואָלט ער געהאַט אַ שותף, אָ! און דאָ טוט ער זיך אַ נעם צו מיר. ער לייגט מיר אַריין פייגעלעך אין בוזעם: פון טשעליאַבינסק ביז מאָסקווע איז בלויז אַ שפּרונג און פון דאָרט צו דער פרייער וועלט — אַ האַז... דאָ? אַז אַן אומקומעניש אויף די אַלע פּאָליטרוקן און קאָמיסאַרן... און תיכף לאָזט ער זיך אַוועק אויף אַ פילאָזאָפישן שפּאַציר:

„די מעשה איז אַזאַ: די שטוב מיינע איז געווען אַ קולטורעלע, כאָטש אַ שוסטע־רישע. איך האָב גערייענט יידיש און מיין ווייב — אַ דייטשקע פון געבוירן — דייטש. זי איז געווען אַ פולע דעמאָקראַטקע און זי האָט אויך גערעדט יידיש. אָבער יידן האָב איך פיינט געהאַט, נישט ווייל זיי זענען געווען יידן, נאָר ווייל זיי האָבן אַרויפגעצוווּנגען אויף אייראָפּע אַן אזיאַטישע קולטור, אויב מ׳קאָן די קאַפּאַטע־ציוויליזאַציע אַנרופן קולטור״...

„נו, גענוג געפּלוידערט״ — האָב איך זיך אַריינגעמישט ווי שטענדיק אין אַזאַ שמועס און דערביי האָט מיר אַרויסגעהאָלפן דער לאָדזשער:

„נישט איצט איז די צייט צו רעדן שלעכטס אויף די יידן פון וואַרשע, לאָדזש און גראָדנע. דער היטלעריזם הרגעט זיי אַן אויסנאַם״...

„אָט דערצו קום איך דאָך; אַז איר לאָזט נישט רעדן — האָט דער שוסטער פאַנאַנדערגעוואָרפן זיינען ברודיקע פינגער: — טוט אַ קוק וואָס עס טוט זיך אין קאַפּעיסק, אין דערבייאיקן שטעטל, וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ לאַגער פאַר די יידן פון לעמבערג און קראָקע. איך האָב אָפּגענומען גרוסן פון דאָרט. יידן מיט בערד און פאות און גאַליציאַנער קאַפּאָטעס — טויזנטער... קומט איר און זאָגט, אַז דער היטלעריזם... און דער סטאַליניזם?״ — — —

„נו, שוין, זאָל שוין נעמען אַ סוף! — האָט אַ פאַרוויינטער זיך אונטערגערוקט דאָס יינגל — דאָ, טאַטע, איז דאָך נישט באַלעט"...

„נאָך ערגער. אָבער רעכט האָסטו, מיין זון. זאָל טאַקע זיין גענוג".

3. דער קאַלמיקישער פאַליטרוק

ערגעצוווּ האָט מען באַשלאָסן צו געבן נייע פופייקעס (וואַטניקעס) די „פאַר־דינסטפולע אַרבעטער". דער לאַדזשער — איינער פון זיי. זיין פריווילעגירטקייט: צוזאַמען מיטן יינגל פילט ער אויס די נאַרמע ביים גראָבן גריבער און ביים... געבן מאַכאָרקע דעם בריגאַדיר. ער ווייס, אַז מאַכאָרקע שטייט דאָ העכער פון אַרבעט. דערפאַר האָט ער נישט זעלטן פאַרטוישט זיין ברויט אויף אַ זעקעלע מאַכאָרקע, כדי דערמיט צו זעטיקן דעם רויך־אַפעטיט פונם בריגאַדיר און כדי — נישט צו דאַרפן הערן קיין דראָאונגען אַוועקגעשטעלט צו ווערן אויף דער „שוואַרצער ליסטע". הכלל: דער לאַדזשער האָט זיך באַוויזן אין באַראַק מיט אַ נייער גרין־איבערגעצויגענער פופייקע. דער פראָסט רייסט פאַסן. און דער וואַטניק איז בלויז אַן איינרעדעניש, אַז ער וואַרעמט אויף אַן אמת. האָט ער זיך אַרומגעדרייט איבערן באַראַק און געזוכט אַ ווינקל ווו זיך אָנצוואַרעמען. לסוף דערפילט, אַז דאָס אייניציקע וואַרעמע ווינקעלע איז דער ציגלנער אויוון, וואָס קנאַקט פריילעך מיט זיינע קויל־פונקען. האָט ער גענומען טוליען די פלייצע צו די ציגל און אין דער רגע זיכער געפילט אַ טאָפּלטע וואַרעמקייט: פון דער נייער וואַטע און פון די קוילן. דאָס טאַקע איז, קענטיק, געווען דער גורם, אַז מחמת גרויס פאַרגעניגן זאָל ער נישט פילן דעם פונק וואָס האָט זיך אַריינגע־גנבעט אין דער וואַטע פון זיין נייער פופייקע.

אַ טומל. אַ געשריי. די שרפה איז נישט קיין געפערלעכע, אָבער זי האָט באַוויזן אויסצוברענען אַ קיילעכיק ברוין לאָך פונקט אין מיטן דער פלייצע פון דער שיינער פופייקע. אַזאַ עגמת־נפש! געהאַט אַביסל פאַרגעניגן... נו, צו דער אַרבעט מוז מען גיין. און מיט וואָס צו פאַרדעקן די פאַרברענטע וואַטע האָט ער נישט. מילא. עס גייט צו זומער. אים זענען באַקאַנט די געגנטן דאָ און ער ווייס, אַז נישט אַ גאַנץ יאָר דאַרף מען טראָגן אַ וואַטניק. אַזוי האָט ער געטרייסט זיין פאַרטרויערט יינגל, בעת טאַטע און זון האָבן געשפאַנט צום אויספילן די נאָרמע אין אַ גרוב נעבן די שאַכטעס. און אַזוי שפאַנענדיק האָבן זיי נישט באַמערקט, ווי פון הינטן טרעט דער „פאַליטרוק", דער מיט די קאַלמיקישע באַקן־שפיצן.

בכלל, האָט דערדאָזיקער „מורה דרך" פון יעמאַנזשעלינסקער שאַכטן־ראַיאָן הנאה אַרויסצווייזן זיין טריישאַפט צו די העכערע איבער אים דורך — „איבער־דערציאונג". ער פלעגט צו זיך אַריינרופן דעם און יענעם און איינטענהן מכוח

דער „שטאָלענער טריישאַפּט“ פון חבר סטאַלין צום סאָוועטישן מענטש. דערבײַ —געטרייסלט מיט אַ פינגער אויפן „קראַטקי קורס“, געשמייכלט זיגעריש און זייער צופרידן מיט זיינע שפּיציקע באַקן: האַ, אָט שטייט אַזוי בפירוש געשריבן און אַזוי זאָגט טאַקע דער חבר סטאַלין. חלילה. דער „פּאָליטרוק“ וועט אַליין נישט אויסטראַכטן פון קאָפּ. אַזוי טוט ער דערציען געוועזענע פּוילישע אָפיצערן, פּאָליציאַנטן און סתם פּריציםן פון דער פּוילישער פּאַנסטוואָ. דאָסזעלביקע — מיט יעדן. ווי אַ מיסיאָנערישער פּרעדיקער, וואָס טייטלט אויפן „טעסטאַמענט“ מיט אַ ציטער אויף די ליפּן: אַזוי זאָגט הער גאָט... ווייזט דער קאַלמיק מיט אַ פינגער אויף אַ „בפירושן פּסוק“ אין „פּאָטערס“ הייליקער שריפט: אַזוי זאָגט חבר סטאַלין.

בפרט האָט ער הנאה צו שמועסן וועגן סטאַלינישער דיאַלעקטיק און מאַטעריע מיטן לאָדזשער, כאָטש יענער ברענגט כסדר אַ מוסטער דאָס „פינפטע יאָר“.

„נישט אמת, אַז דער אַרבעטער האָט געזיגט — דערציילט ער אין באַראַק ווי ער האָט אריינגעזאָגט דעם קאַלמיק; מיט וועמען טענהט ער דאָ און וועמען וויל ער „דערציען“, האַ?“

איצט אָבער, ביים טרעטן איבערן אייז, דערפילט ער דעם טעות דורך — די שטעכיק־קרומע אייגעלעך פונם „פּאָליטרוק“, וואָס אָבסערווירט דאָס ברוין־אויסגעברענטע לאָך אויף דער נייער פופייקע.

„האַ, אַזוי דאַנקסטו אָפּ, אַזוי אָ, האַ?“

זיינע רויט־שפּיציקע באַקן האָבן זיך געצונדן אונטער די פלאַמיק־פּראָסטיקע זון־שפּיזן, וואָס האָבן געהאַלטן אין מיטן דורכשטעכן דעם קאַלטן הימל ערב פּרילינג. איצט איז אים אונטערגעקומען די געלעגנהייט צו מאַכן „חשבון“ מיט איינעם, וואָס וויל זיך נישט באַפרייען פון אונטער די איינפלוסן פון קאַפּיטאַליזם און שונאים פונם סאָוועטישן רעזשים. און אָט זעט זיך בולט: האָט באַקומען אַ נייע פופייקע, וואָס פאַר אַנדערע וואָלט עס געווען אַ גליק; האָט ער געלאָזט אויסברענען אַ מיאוס לאָך אויפן סאַמע אָנזעעוודיקן פּלאַץ און טראָגט זיך דערמיט אַרום ווי מיט אַן עקלהאַפטן טראַנספּאַרענט: „מוחל זיי זייערע מתנות!“ דעם „ענין“ האָט פאַרגלעטיקט די „אובאָרשציצע“, די אויפרוימערקע פון באַראַק. זי האָט פאַרלאַטעט דאָס אויסגעברענטע לאָך און דאָס גלייכגעוויכט האָט ווידער אָנגעהאַלטן צווישן פּאָליטרוק און זיין דערצויגלינג.

גראָד דער „אינצידענט“ האָט פאַרשטאַרקט דעם „שטויס“ ביים שוסטער צום אַנטלויפן. „קוקט אייך צו — האָט ער געטענהט ווי זיין שטייגער מיט אַ פילאָ־זאָפיש משל — אָט איז ביי מיר אין דער בודע וואַרעם און אָט האָט איר זיך געוואַרעמט ביים אויוון; אַ פונק דאָ און אַ פונק דאָרט — אַ פייער וועט זיך צעפלאַקערן אַרום אונז, אַ שרפה, ווי כ'בין אַ ייד. לאָמיר זיך ראַטעווען פון דעם

גיהנום, ווו עס ווערן געברענט אומשולדיקע באַשעפֿענישן, בעת די שולדיקע זענען „פּאָליטרוקן״, פּרעסן און הוליען אויפֿן חשבון פֿון פֿאַרפּייניקטן — — — איך האָב געשוויגן. דער לאַדזשער האָט זיך איינגעטוליעט אין דער קאָלדרע און געפּרוווט אַרייננכאַפּן אַ ביסל שלאָף. בכלל, איז נישט מעגלעך צו אָפּאָנירן דעם שוסטערט ווילן. ער צינדט זיך אָן מיט אַזאַ פֿייער — צום פֿאַרברענען אַלעמען. איבערוואַרטן? הא? עס וועט אייביק אַזוי נישט אָנהאַלטן?

„דאָ? — טרייסלט ער מיט זיין שמאָלן, אויסגעבויגענעם גוף — איבערוואַרטן? דאָ וועט זיין אונזער אַלעמענס קבר, דאָ, אונטערן אייז!״

און דערוויל — ביז צום באַשטימען דעם אַנטלויף־טאָג — שפּאַן איך אַרום דריי מאָל במשך דער וואָך אונטערן נאַכט־פֿראָסט, ווער פֿאַרשטייפֿט און פֿאַרגליווערט, אַז גאָט דער איינציקער מעג זיך דערבאַרעמען אויף מיינע אייזיקע טרערן, וואָס טוען קלעפּן אויף די באַקן.

4. אַ מעשה מיט אַ פֿערד און אַ מעשה אין דער מעשה

צוויי זענען מיר, די נאַכט־שומרים: אַן אַלטער רוס מיט אַ פֿאַרפֿרוירן, אַרומגעצ־שיילט פּנים; ווי אַלט ער איז? מסתמא אַ יאָר פֿופֿציק איז ער פֿאַרשיקט אין יעמאַנזשעלינסק — אַזאַ איז די תשובה זיינע; — און איך, וואָס בין שוין כמעט ענלעך צו אים, בפֿרט, ביים אַראָפּנעמען פֿון אים דעם פֿעלץ, ביים אַרויפֿציען אים אויף זיך ערב מיין גיין אויף נאַכט־שמירה. יאָ. איין פֿעלץ האָבן מיר דריי. וואָס פּלוצים — דריי? מחמת צוויי זענען מיר, די שומרים און דער דריטער — אַ פֿערד, וואָס שלעפּט די וואַגאָניעטקעס מיט קוילן פֿון דער שאַכט. איז דער פֿעלץ אַ דרייאיקער: פֿאַרן רוס, דעם ייד און דעם פֿערד. איידער איך פֿלעג אַריינגיין אין „סושאַלקע״ (ווו עס טריקענען זיך די שאַכטיאָרסקע מלבושים), כדי זיך אָנצוואַרעמען, האָב איך דעם פֿעלץ פֿאַרלייגט אויפֿן פֿערדס פֿעל: זאָל עס אויך כאַפּן אַ וואַרעמען דרעמל. טוט אַזוי דער פֿעלץ זיך באַוועגן (ממש: באַוועגן...) אויף די פּלייצעס פֿון די צוויי שומרים און פֿון דעם איינעם פֿערד. אַ באַוועגלעכער פֿעלץ. מיין שומר־שותף רעדט וועגן דעם פֿעלץ, וואָס ער געדענקט אים נאָך העט־העט פֿון (צאַר) באַטיושקאָס צייטן, ווי וועגן אַ טייל פֿון דער באַלשעוויסטישער רעוואָלוציע: אַ דאַנק איר איז דער בורזשואַזנער פֿעלץ אין דינסט קעגן די סאַבאָטאַזשניקעס און לטובת דעם באַלשעוויזם... קכי־כי!

יאָ. אַ באַוועגלעכער פֿעלץ. אַז איך פֿאַרוואַרף אים איבער מיינע שמאָלע באַרקעס ווערט מ׳ר וואַרעם און די לייז — וואָס מיין שותף געדענקט זיי שוין אַ יאָר פֿופֿציק — נעמען קיצלען אונטער די פּאַכוועס, אַז כ׳מוז וואָס־גיכער אַריין אין דער „סושאַלקע״, כדי די פֿעלץ־מתנה איילעק אָפּצוטרעטן דעם פֿערד. רוקן

זיך אַזוי טעג און נעכט — וואַכן, אייביקייטן: איך און פערד, פערד און פעלץ. הכלל: תכלית? איבערגעלאָזט אַזאַ גרויסע משפחה אין וואַרשע — אין פּיסק פון משחית. עס איז איצט די אידיליע צווישן „פּאַטער" און „פירער". פאַרשווונדן דער פאַשיזם, דער היטלעריזם און, מסתמא, אויך — דער קאָמוניזם. מען קושט זיך אין די באַוואָנסעטע פּיסקלעך. און ווייל מען קושט זיך, שמועסט מען, איז פריי דער וועג צו שיקן אַ שפּייזפּעקל, אַנצובינדן קאָנטאַקט, זיך פאַנאַנדערצושרייבן מיט משפּחה. איז דאָס גראָד נישט שלעכט. אָבער פאַר מיר — אַ פּראָבלעם. נישט כ'ווייס ווי מען מאַכט דאָס און נישט כ'האָב פון וואָס צו מאַכן.

איז מיר איינגעפאַלן אין איינער אַ שמירה־נאַכט אַריינצוגיין אין קיך, אין דער גרויסער קיך, וואָס שפּייזט ביי אַ 500 מיילער; אויסנוצן מיין „פאַרבינדונג" מיט דער קעכין — אַ שמאַלציקע גויע וואָס איז זייער צופרידן ווען אַנדערע אַרבעטן פאַר איר. דידאָזיקע צופרידנקייט האָב איך איר צוגעשטעלט — דורך וואַשן דעם ריזיקן קעסל און דורך צעהאַקן האָלץ פאַר דער קיך. בשעת־מעשה פלעג איך אויסרעדן פאַר איר מיין ביטער האַרץ און זי — קרעכצן איבער מיין ביטערן גורל. האָב איך אין דער איצטיקער מיטן נאַכט, בעת זי האָט געגרייט די קיך צום מאָרגן־איבערבייס פאַר די שאַכטיאָרן, זיך אַוועקגעשטעלט נעבן איר מיטן בינטל צעהאַקט האָלץ און ווי נעכטן — איר דערציילט וועגן אַן אַלטער מאַמען, וועגן אַ טאַטן, ברידער און שוועסטער, וואָס גייען־אויס פון הונגער און וואָס ווערן געשלאָגן פון מערדערס אין פּוילן — — — זי האָט זיך געכאַפּט ווער די מערדערס זענען און אָן קונצן — וואָס אַ קעכין קען! — אויסגעשריגן:

„גיטלעראָווסקיע מערזאַווצי!"...

נו, קיינער האָט נישט געהערט איר אויסגעשריי און דערפאַר האָט עס קיינעם נישט געשאַט. בלויז איך האָב געהאַט דערפון נוצן: זי האָט מיר צוגעזאָגט צוצוגרייטן אין אַ זעקעלע וואָס נאָר זי וועט קענען. און געקענט האָט זי שוין יאָ... האָט זי מיר טאַקע געגעבן אַ היפּש ביסל געטרוקנטע פאַרפל — אַן אוצר. אפשר צוויי קילאָ. אָבער דאָס איז ווינציק פאַר אַ פּעקל. האָב איך געזוכט תחבולותן און — זיך אַ נעם געטאָן צו מיין „אָכראַניק"־שותף. נישט לאַנג האָט געדויערט און ער האָט מיר געגעבן אַ פאַרדאַרטע ווורשט־קישקע. דערצו — אויסגעטרוקנט אַביסל ברויט־פּענעצן. פון שוסטער באַקומען אַ זעקעלע צוקער. און דאָס לעבן איז ווידער אַוועק אויפן „נאַרמאַלן גאַנג": די שאַכטעס גיבן אַרויס קוילן פאַר דער קוילן־אינדוסטריע; די שאַכטיאָרן באַקומען אַ קילאָ ברויט און צוויי ווייץ־קאַשעס אַ טאָג; אַ לעבן — טיף אונטער דר'ערד. בלויז אויבן, אויף דער נאַקעטער ערד, האָט זיך פון צייט צו צייט גערודערט: קולות,

קללות און — שטרייקן. דאָס לעצטע פּילט זיך זייער אָפּט. און שטענדיק טוט דער „פּאָליטרוק" דערויף רעאַגירן מיט אַ וואָרענונג:

„או נאַס זאַבאַסטאָוואַט ניעלזאַ" (ביי אונז טאָר מען נישט שטרייקן).

דאָס איז אַ וואָרענונג מיט אָנצוגעהערעניש. און דאָס האָט דערפירט צו דיס־קוסיעס צווישן לאַדוישער און דעם קאַלמיק. וואָס הייסט: מען טאָר נישט שטרייקן? מיט וועלכע רעכט נעמט אַ פּראָלעטאַרישע מאַכט אַוועק דאָס געווער פונם אַרבעטער? — — — פאַרשטייט זיך, אַז דער קאַלמיק האָט דערויף געשמייכלט: קאַפּיטאַליסטישע דערציאונג... נו, צו קיין געפערלעכע אַרויס־טריטן איז דערוייל נישט געקומען — שטרייקן? נישט אַרבעטן? מען דאַרף וואָרענען. פאַראַן שטראָף־עקספּעדיציעס. געזינטער נישט צו זיין קיין עקשנים. דאָ הערשט דאָך נישט דער פּוילישער פּאַן — — —

און אָט — אַ גליקלעכע איבעררעשונג: באַקומען אַ בריוו פון וואַרשע, אַ באַשטע־טיקונג אויפן דערהאַלטענעם פּעקל און אַזויפיל פרייד פון צווישן די שורות, וואָס זיי האָבן פון מיר אַ לעבעדיקן גרוס און אַזויפיל טרויער: „דער קראַן איז צעבראָכן און דאָס וואַסער גייט אַריבער דעם זלעוו"; אַ רמז: באו מים עד נפש... אויך האָב איך געלייענט אין בריוו, אַז אימעצער האָט איבערגעגעבן וועגן מיין „אַרבעט אַלס סטרוזש — איז דאָס אמת?"... אַ סטרוזש? ווי קומט צו מיר אַזאַ־אַ אַרבעט, צו מיר, דעם ישיבה־בחור, וואָס משפּחה האָט פון אים דערוואַרט אַזויפיל נחת; דעם שרייבער, וואָס האָט געהאַפּט און געמאַכט האָפן אויף גאָר גרויסע האָפענונגען... אָבער קשה איז מיר פאַרט: פונוואַנען האָט מיין משפּחה אין וואַרשע געוווסט אַזוי פּינקטלעך מכוח מיינע עסקים דאָ? לאַנג פאַרשן האָב איך נישט געדאַרפט — אימעצער פון אונזער באַראַק איז געהאַט פאַרשוווּנדן... דאָס האָט ער פריער אויפגענומען אַדרעסן, געוואָלט אפשר האָבן ערגעץ אַ נאַכטלעגער — ביז צום אַרויסראַטעווען די משפּחה זיינע — — — ווי די זאַך זאָל האָבן יאָ אָדער נישט געווען — דער גראָדנער האָט איצט באַקומען אַ באַשטעטיקונג פאַר זיין אַנטלויף־פּלאַן: „זעט איר — מ'קאָן זיך יאָ ראַטעווען, אַז מ'וויל נאָר!"... דאָך — איז ער געזעסן אין זיין באַראַקל, געוואַרט אויף עפּעס אַ נס.

און איך? מיינע מוח־קעמערלעך האָבן זיך גענומען קאָנצענטרירן בלויז אויף איין פּונקט: אַרויס אַ לעבעדיקער פונם קאַלטן גיהנום. איבערלאָזן דאָס גליקלעכע לעבן פאַרן קאַלמיק און די רעשט אונטעוועלט־חברה.

האָט דידאַזיקע חברה פריער פאַרכאַפּט און באַשלאָסן מיך אַרויסצופירן פון מיין גלייכגילט און מיך אַריינצופירן אין אַ — פערדשטאַל. געמיינט איז: מאַכן מיך פאַר אַ „קאָניוך". וכך הוה: אָן שום קונצן און פּרעגענישן. האָט דער נאַטשאַלניק איבער די פערד מיך אַוועקגעשטעלט נעבן אַן אַרומגעפליקטער פּעל, אַ פערד

אַזאַ און מיר געגעבן אַ לעקציע, אַ מין „קראַטקי קורס", וואָס און ווי איך האָב צו טאָן במשך אַ געפּרווירענער נאַכט. בקיצור: איך בין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר צוויי פערד. איינס אין דער אַרבעט — פירן וואַגאָניעטקעס מיט קוילן פון דער שאַכט צו אַן אָפּשיט — דאָס צווייטע שפּאַנט אַרום איבערן פּלאַץ מיט אַ שטריק אויף די פאָדערשטע פיס. פאַרשטאַנען? טוישן די פערד יעדע שעה: איינס אַרבעט, ס׳צווייטע שפּאַצירט. פּאָניאַל? אַוודאי. ווידען? איצט איז פאַרשוווּנדן מיין מעגלעכקייט אויף אָפּרו, אויף אָנוואַרעמען זיך, אויף רייניקן דעם קעסל, אַריינכאַפּן אין מיטן נאַכט אַביסל קאַשע... אויס! אָבער צו מיין עקשנות — איבערצולעבן און איבערצוקומען — איז נישט פאַראַן קיין גרענעץ. מהאַי טעמא האָב איך זיך אויך באַמיט צו געפינען חן ביי די פערד און ביי זייער נאַטשאַלניק. איינגעשפּאַנט און אויסגעשפּאַנט... אַזוי אַ פעליקע נאַכט, ביז — אין איינער אַזאַ נאַכט — ווען הימל און שטערן און דער פראָסט האָבן צוגעזען מיין צער — האָט זיך פּלוצים באַוויזן די קעכין, ווי אַן אומגעריכטער מלאך, מיך אַריינגעפירט אין קיך, צוגעשטעלט צום אויוון:

„וואַרעם זיך אָן. זע נאַר, דו ביזט דאָך פאַרפרוירן, ווייס ווי אַ שטיק רוי טייג. גיי, נאַ, קום... איך האָב באַשטעלט איינעם פאַר דיין אַרבעט... נאַ"...

נישט איך האָב געהערט און נישט פאַרשטאַנען איר פּלוידעריי. געוווּסט האָב איך אָבער, אַז זי איז אין מיר פאַרליבט... אַז זי פלעגט שטאַרק לויבן מיין אופן פון רעדן, מיין פאָלגן און דער עיקר — מיין פינקטלעך אויסקראַצן דעם קעסל, אים אויסרייניקן אין אַלע ווינקעלעך און ערשט מיין צעהאַקן דאָס האָלץ... ווונדער צו דערציילן! נו, האָט זי פאַר אַ שיסל קאַשע „באַשטעלט" אַ פאַרטרעטער: זאָל זיך יענער — אַ לובלינער ייד — פאַרען אַרום די פערד און קוילן. מיך דאַרף זי ביי דער קיך־אַרבעט. שייך אָפּצופרעגן: אַ שיסל קאַשע טוט הערשן איבער אַלע געזעצן און איבער אַלע נאַטשאַלניקעס.

מיין מזל! דעם לובלינער ייד, אַ געראַטעוועטע האַלעוועשקע און מיט כיטרע שפּיצלעך נישט צו דאַרפן אַרבעטן אויפן פראָסט, איז די אַרבעט אַרום די פערד נישט געפעלן. בכלל, האָט ער געוואָלט פּטור ווערן פון גראָבן גריבער מיט דער הילף פון זיין קאָנטשאַפט מיט דער קעכין (אָ, די קעכין, נישטאָ אירסגלייכן!); דערצו האָט ער געדאַרפט אויך מיינע פּטור־ווערן, געדאַרפט עפּעס צוטראַכטן קעגן מיר, כדי — ער זאָל פאַרנעמען מיין פּלאַץ ביים רייניקן דעם קעסל — — דער חלום פון יעדן באַלאַגערטן. נו, האָט ער זיך דערטראַכט: אין איינער אַ מיטן נאַכט. דער פינצטערער חלל אויסגעפילט מיט מיליאָנען קאַלטע שטעכלקעס, וואָס דרייען זיך און וויקלען זיך אַרום מיין נאַקעטן האַלז, אַרום נאָז און באַקן. אַ קעלט! טאַקע איצט האָב איך געדאַרפט אַריין אין קיך און מיין „פאַרטרעטער" — איבערנעמען דעם פעלץ, מאַכן די נאַכט־שמירה. וכך הווה. ער האָט גענומען

דעם פעלץ און — זיך אַוועקגעשטעלט נאָכקוקן מיינע באַוועגונגען אַרום דעם קעסל: ווי איך קריך אַריין אין אים, ווי כ׳קראַץ דאָרט אַרום די ווענט, ווי כ׳מאַך דאָרט „אַ לעבן" מיט דער צוגעברענטער קאַשע. הכלל: קאַשע דאָ, קאַשע דאָרט. ער האָט זיין צוגעגרייט שפּיצל איילים דורכגעפירט: פאַרקלאַפּט דעם צודעק איבערן קעסל און אים אַ שליידער געטאָן באַרגאַראָפּ, צום קוילן־אָפּשיט... און כ׳האָב זיך געגומען קייקלען. און געדאַכט האָט זיך מיר, ווי דער פּראַסטיקער הימל וואָלט זיך צעשפּאָלטן אויף מיליאָנען קייקעלעך און אַלע זיי — זיך צעקייקלט איבערן קעסל, אויף מיין לייב און לעבן... און נאָך האָב איך געפילט: עס צעשיטן זיך ביי מיר אינווייניק די קישקעס מיט די געדערעם, מיט אַלע מיינע אברים, וואָס שטעלן צונויף מיין בידנעם גוף. — — — אָבער צו אַלע צרות קומט אַ סוף. אויך די קעסל־טראַסקעניש האָט זיך אָפּגעשטעלט — מיט אַ האַסטיקן טראַמאַטק איבער מיין מוח. איצט איז ליכטיק געוואָרן אַרום מיינע אויגן, כאָטש אין קעסל איז געווען נאַכט, טיפע נאַכט, שטאָק פינצטער.

ווי לאַנג בין איך אַזוי געלעגן אינם פאַרשפּאַרטן קעסל? ביז צום לעצטן אָטעם. וואָלט די קעכין נישט געדאַרפט דעם קעסל, וואָלט זי נישט אַרויס אין דרויסן אים אַריינגעמען אינעווייניק. און דאָ האָט מיר צוגעשפּילט דאָס קאָפּ גליק: זי איז אַרויס, גענומען זוכן אַרום זיך און דערזען, אַז נישטאָ דער קעסל און נישטאָ דער קעסל־רייניקער; אַז ביידע זענען פאַרשוווּנדן. האָט זי זיך אויף אַן אמת דערשראָקן און גענומען רופן אויפן קול:

„אַ־כ־ר־אַ־נ־י־ק!"

אויף אירע געשרייען איז אָנגעלאָפן דער „פּאַרטרעטער". געהייסן האָט עס, אַז דאָס איז ער דער „אַכראַניק". אָבער די קעכין האָט געזוכט אַרום דעם קיך־באַראַק און מיט ביידע הענט זיך געפּאַטשט איבער די זייטן:

„קודאַ אַן פּאָפּאַל, ק׳טשאָרטו" (ווו איז ער פאַרפאַלן געוואָרן, צום טייוול!)... ס׳הייסט: וועלכע שדים האָבן דעם קעסל אַוועקגעשלעפּט פון דאַנען... נו, האָט דאָ דער לובלינער אַרויסגעוויזן זיינע פעאיקייטן: ער האָט דעם קעסל געפונען פאַרשטעקט נעבן אַ באַרגיקן קוילן־אָפּשיט. ביים אַרויסשלעפּן מיך אַ קוים־זשיפּעדיקן האָט ער זיך געשטיקט פון געלעכטער און דאָס — האָט אים פאַרמסרט. די קעכין האָט אים אַריינגעזאָגט „פּאַ־מאַטערי" און אים די שיסל קאַשע נישט געגעבן. עס האָט נישט געהאָלפן זיין פאַרענטפערן זיך, אַז ער האָט געמאַכט בלויז „אַ שוטקע" — די קאַשע האָב איך אויפגעגעסן. און דאָס האָט אים נאָך מער — פאַרדראָסן. צומאַרגנס האָט ער געמאַכט אַ שענערע „שוטקע":

בעתן טוישן די פערד פון דער קוילן־וואַגאָניעטקע, האָט ער ביים באַפרייטן פערד נישט צוגעבונדן די פאָדערשטע פיס, נאָר עס געלאָזט אַוועקשפּאַצירן אין דער נאַכט אַריין. איך האָב זיך געפּאַרקעט ביים האַקן האָלץ, זיך געגרייט צום

פאַרזוכן די היינטיקע קאַשע און ער — געפירט מיטן אויסגערוטן פערד די קוילן פון דער שאַכט צום אַפּשיט. דאָס האָט געדאַרפט זיין דער לעצטער שאַנס זיינער: מיך וועט מען זיכער אַראָפּנעמען פון דער נאַכט־אַרבעט — וועט דער פלאַץ פריי ווערן פאַר אים. פאַרלוירן געגאַנגען אַ פערד? סאַרא שומר, סאַרא אחריות! דאָס שמעקט אויך מיט האַרבן אַרעסט. אין זיין מוח האָבן זיך געקייקלט חלומות וועגן שיסלען מיט קאַשע, טעפּ מיט קאַשע, קעסלען מיט קאַשע... קאַשע און קאַשע גאַנצענע נעכט. עס וועט נאָך בלייבן אַן איבערבלייב. ער וועט נאָך מאַכן אַ געשעפט פון קאַשע, אַ קאַשע־געשעפט — — —

דערווייל איז אָנגעלאָפן אַ וואַגאָניעטקע מיט קוילן פון אונטן אַרויף. מען האָט געדאַרפט אונטעראיילן מיטן פערד, כדי אויפצוכאַפּן די קוילן, אָבער דאָס פערד — אַ פאַרפרוירן־פאַרמאַטערטע פעל, וואָס האָט געלעבט פון ביטערן פאַלין — האָט זיך נישט געקענט רירן פון אָרט. די וואַגאָניעטקע איז אַרויפגעקומען, זיך איבערגעקערט, געלאָזט אַ קופּע מיט קוילן און צוריק אַראָפּ אין שאַכט. באַלד וועט אַרויפקומען אַ צווייטע, אַ דריטע. מ׳וועט די צוגעפרוירענע קוילן דאַרפן האַקן מיט לאָמען. און אָט וועט אָנלויפן דער אינזשעניער. עס וועט ווערן אַ בהלה. און ביים לובלינער אין קאָפּ האָט זיך געקאָכט אַ קאַשע... ער האָט איילִיק אַרויפגעוואָרפן דעם פעלץ אויפן דרעמלדיקן פערד. זאָל עס זיך וואַרעמען. און ער — אַוועק איבערן אייזיקן וועג צום באַראַק. זיך געגנוג אָנגעפרוירן.

„אַ־כ־ר־אַ־נ־י־ק!"

אַ באַקאַנט רופן. דאָס מיינט מען טאַקע מיך. אָבער ווו איז מיין „פאַרטרעטער"? האָט ער שוין ווידער פאַרקאָכט אַ קאַשע? אַרום דעם קאַרגן ליכט פון די עלעקטרישע לעמפלעך, וואָס באַלייכטן די אייזיקע שניילעך אין דער חשכות, האָבן זיך אין דער שפּעטער נאַכט־שעה באַוועגט שאָטנס — געשיקט קללות אינם פאַרשווּנדענעם שומרס יחוס אַריין אויף עטלעכע דורות. און איך האָב זיך איילִיק אַ לאָז געטאָן איבער די שינעס, וואָס פירן צו דער צוגעפרוירענער וואַגאָניעטקע און צום דרעמלדיקן פערד מיטן פעלץ אויפן רוקן. דאָ דערזען דעם חורבן: אַ קופּע פאַרפרוירענע קוילן; די שאַכט האָט אָפּגעשטעלט דאָס אַרויפשיקן די וואַגאָניעטקע. מען דאַרף אָפּרייניקן דעם פלאַץ... איילִיק האָב איך גענומען מיט די הענט פאַנאַנדעררייסן דאָס פאַרפרוירענע שוואַרצע גאָלד. מיין לאַגע — אַן אומהיימלעכע: דער טיטל „אָכראַניק" איז דאָך בלויז אַ צוטשעפּעניש. אינדערעמתן בין איך אַ „קאָניוך": דאַרף היטן די פערד און פירן די קוילן. און דאָ האָב איך ביידע נישט אויסגעפירט. געקראַצט דעם קעסל...

דער אינזשעניער האָט מיך לסוף דערטאַפּט ביים פאַרפרוירענעם קוילן־אַפּשיט. ער האָט מיך אַוועקגעטריבן, געהייסן גיין שלאָפן: מאָרגן וועט מען מאַכן דעם חשבון. ער האָט צונויפגעברענגט שאַכטיאָרן מיט לאָמען. זיי האָבן געשאָלטן מיט

טויטע קללותביים צעגראַבן די קוילן. און איך האָב זיך אַוועקגעלאָזט ברענגען דאָס אויסגערוטע פערד, כדי עס איינצושפּאַנען אין דער וואַגאָניעטקע. והסוס איננו. נישטאָ קיין פערד. אָט האָט איך דערפילט, אַז אַ פערד איז ענלעך צו אַ מענטש: עס וויל עסן; אויך וויל עס אָנוואַרעמען די פעל אין אַזאַ קרירה. און וואָס, פון די צוויי גוטע זאַכן, האָט דאָס בידנע פערד געקאָנט דערוואַרטן פון מיר, דעם „קאַניוך", משטיינסגעזאָגט; מיין עובדא: זאָרגן פאַרן פערד ווי פאַר זיך אַליין... הכּלל: נישטאָ קיין פערד. דער פאַרשווין (אָדער פאַרשווינטע) האָט עוקר געווען: אַ פרייע וועלט — הפקר! טאָ וואָס בין איך שולדיק? עד, סאַרא חשבון איך וועל מאָרגן אָפּגעבן! — — —

אַלץ איבערגעלאָזט און גענומען שטעכן מיינע פייכטע אויגן־גלעזער אין דער טיפער חשכות. ערגעץ ווייט באַמערקט, ווי עפּעס באַוועגט זיך — ווייט און טיף אינם פאַרפרוירענעם סטעפּ. צונויפגענומען דאָס לעצטע בינטל כוחות און זיך אַוועקגעלאָזט אין דער ריכטונג פונם באַוועגלעכן פלעק. ווער קאָן זיך איצט, אין אַזאַ פינצטערער נאַכט, אין אַזאַ שפּעטער שעה באַוועגן — אויב נישט אַ פערד! און נישט געמאַכט קיין טעות: דער שקאַפּ (אָדער שקאַפּע) מאַרשירט איבער אַ שמאָל, הויקערדיק שטעגעלע. צווישן די פיס — די לאַנגע שטריק. דידאָזיקע שטריק דאַרף איך אָנכאַפּן ביים ברעג. אָ, דעמלט וואָלט איך געווען גליקלעך ביז גאָר! אָבער דאָס פערד (שוין גאָרנישט קיין פערד!) האָט דערשנאַפּט מיינע מאַנעוורעס: ווי נאָר מיינע פינגער האָבן זיך אַ צי געטאָן צו דער שטריק — אָט־אָט! — האָט עס אַ הייב געטאָן די הינטערשטע פיס... לכתחילה האָב איך געפּרוווט דערצו פייפן, זיך באַמיט אָנצולויפן פון פאָרנט און עס אַ כאַפּ טאָן ביים קאָפּ (וויי־וויי — דאָס פערד איז העכער פון מיר מיט אַ פיר קעפּ!), אָבער אַלע מיינע תחבולותן האָבן נישט קיין פּעולה. דאָס פערד איז כיטרער פון מיר; עס שפּרינגט אויף אַ געצייכנטן וועג — פאַר מיר אַ וועג אין כּף הקלע אַריין. וווהין פירט מיך דאָס פערד? ווי לאַנג וועלן מיר סטייען כוחות אַזוי־נאָכצולויפן? עד, ווען ס'עפּנט זיך אַ גרוב, וווהין מירביידע — פריער דאָס פערד און דערנאָך איך — דערלאַנגען אַ טראַסק אַריין — — — פאָטער אין הימל! — האָב איך געהויבן די אויגן צו די מערדערישע שטערנדלעך, וואָס שטעכן אייזיק אויף מיינע נאָז און באַקן — זע, דערבאַרעם זיך, האַ? רעד צום פראָסט! און אָן דעם פערד טאָר איך נישט צוריקקומען. נישטאָ קיין צוריק! נו, איז די שפּיל פאַרן טייוול. דעם שטריק וועל איך נישט אָנכאַפּן. זיך געלאָזט פירן פונם פערד אַ באַגאָסענער מיט געפרוירענער פייכטקייט, וואָס האָט געגעצט פון היטער מיין לויזיקער פופּיקע (די איינציקע נקמה: אין די לייז). און אַזוי שפּאַנענדיק, זייענדיק פאַרשלונגען פון אַ ריזיק־שוואַרצן נאַכט־פּיסק, איז דאָס איינציקע גליק מיינס, וואָס דאָס פערד האָט מיך מיטגעפילט: עס גייט זייער

פּאַמעלעך, נאָר מיט איין פאַרלאַנג צו מיר: איך זאָל נישט אָפּשטיין, כדי נישט צו דאַרפן אונטערלויפן און דעמלט ווערט דאָס פערד זיין געצווונגען אַ הייב צו טאָן די הינטערשטע פיס און זיך צו לאָזן אין אַ גאַלאָפּ. אָ, דעמלט בין איך אַ פאַרלוירענער; דעמלט רייסט זיך פון אַלע מיינע אינגעווײדן דער „ממעמקים״...

נו, האָב איך שלום־געמאַכט מיט מיין פּאַסקודנעם גורל: איינגעבויגן דעם קאָפּ, צוגלייך ווי דאָס פערד, געשפּאַנט נאָך די טריט פון מיין מלאך־המות — אַ שעה, צוויי, דריי... ביז — פונוויטן האָט זיך דערזען אַרויסשיילן פון דער שיטער־ווערנדיקער חשכות אַ לאַסטאויטאָ, וואָס האָט געפירט די פאַרטאַגיקע אַרבעטער־שיכט צום „ראַזרעז״. דאָ האָב איך אַ טראַכט געטאָן: אפשר כדאי אָנצוהייבן שרייען, רופן הילף, כדי דער אויטאָ זאָל זיך אַ יאָג טאָן נאָכן פערד.

עס וואָלט סיוזי געווען אַן איבעריקע טירחה: נישט לאַנג האָט געדויערט און כ׳האָב זיך דערזען אין דער „קאָניושניע״, וואָס האָט צוגעשטעלט פערד פאַר די שאַכט־אַרבעטן. אַ מהלך פון פיר קילאָמעטער דורכגעמאַכט במשך אַ געפרוירענער נאַכט. דאָס פערד האָט זיך תיכף דערפילט אין דער היים, איז אַריין אין שטאַל און איך — נאָך דעם. אונז ביידן, מיך מיטן פערד, האָט מקבל־פּנים־געווען אַן אַלטער, אויסגעדינטער „קאָניוך״ (איבער אַלע קאָניוכעס), אַ „קולאַק״, וואָס געפינט זיך דאָ זינט די ערשטע רעוואָלוציע־טעג. לכתחילה האָט ער זיך אַרויפגעוואָרפן אויף דער בידנער פעל פונם פערד און דערנאָך — אויף מיר: „סאַרא „קאָניוך״ דו ביזט, ק׳טשאָרטו!״

אַ וואַרעמקייט אין דער „קאָניושניע״. שייך צו זאָגן: וואַרעם; אַנטקעגן דעם אייזיקן דרויסן איז דאָ ממש אַ מרחץ. טעם גן־עדן. עס ווילט זיך מיר שטאַרק אַריינקריכן צווישן די פערד, זיך אַריינטוליען צווישן זיי און אָט אַזוי, אַזוי — — —

„וואָס האָסטו זיך פאַרקוקט דאָרט, האַ, נו־נו! עס האָט זיך דיר פאַרגליסט אַ בינטל היי, דו לאָדער, דו!״

דער אַלטער קולאַצקער קאָניוך, וואָס זיינע באַקן זענען ענלעך צו איינעם פון די פערדישע הינטנס, האָט מיך „פאָ מאַטערי״ אַרויסגעטריבן פון שטאַל. אויך דעם פערד, וואָס איז אַ נאַכט פאַרפרוירן געוואָרן, כדי אַריינצוכאַפּן אַביסל היי, האָט ער נישט געלאָזט הנאה־האָבן פון דער שטאַלישער מנוחה. און מיט רעכט:

„דאָס איז סאַבאָטאַזש, בראַטאַק; קריך אַרויף אויפן פערד און הײדאַ צוריק צו דער שאַכט! נישט דיר קיין קליניקייט אַזאַ גוליאַנקע, בראַטאַק!״

דער דרויסן — גראָ און בלאָ און בלענדנדיק פאַרפרוירן. שטיקלעך אייז פאַלן פון הימל, פאַרהאַקן דעם אָטעם. וויאַזוי רעדט מען זיך צונויף מיטן פערד, עס זאָל מוחל־זיין און מיך אַוועקפירן צוריק? איך קוק אויפן פאַררויכערטן האָריזאָנט. דער „קאָניוך״ פאָרעט זיך אַרום פערד. דערנאָך — אונטערגעשטעלט צוויי

גרויסע, פאַרהענטשקעטע הענט, מיך געהייסן אַרויפקריכן מיט אַ פוס און אַרויפשפּרינגען אויפן פערד. נאָך איידער כ׳האָב זיך לייטיש באַזעצט, האָט ער אַ האַסטיקן פאַכע געטאָן מיט אַ בייטש און די פעל האָט מיך אַ טראַסקע געטאָן אויף אַ זייט — אָט־אָט און כ׳וועל צעריבן צווישן דעם פערד און דעם אייזיקן באָדן. אָבער ניין. דאָס מאָל בין איך קליגער געווען פונם פערד. אמת, קיין לייצעס האָט דער אַלטער מיר נישט געגעבן, אויך נישט קיין זאָטל, דערפאַר אַ געדיכטע גריוּוע פאַרמאָגט דאָס פערד יאָ. און דידאָזיקע האָר־באַרשט האָט מיך געראַטעוועט. ניין. כ׳וועל זיך נישט לאָזן אַראָפּשליידערן — אַ מכה מיינע שונאים און דעם סוס בתוכם... אַן איינגעגעסענער מיט די פינגער צווישן די צעקאָדלטע האָר בין איך געלעגן אַן אויסגעצויגענער אויפן פערדס רוקן און אָט אַזוי — טאַנצנדיק אַ ווײַנענדיקער און ווײַנענדיק אַ טאַנצנדיקער — האָבן מיר ביידע, איך און דאָס פערד, אַרייַנגעטאַנצט אין דער שאַכט־זאָנע. אַ פערדישער קאָפּ, אָבער דעם וועג האָט עס פּינקטלעך געדענקט: אַזוי אַהין און אַזוי צוריק — איבער די זעלביקע שטעגעלעך און בערגעלעך. וואָלט איך אַליין געדאַרפט אויסגעפונען דעם וועג אויפן צעהויקערטן סטעפּ, וואָלט איך זיכער געבליבן אַ מאַכל פאַר אַ הונגעריקער חיה אין אַן אייזיקער נאַרע ערגעץ.

שפּעטער פרימאָרגן. דער „ראַזרעז״ — אין זיין פולער האַמעריי. דאָס האַמערן פּיל איך איבער מיין קאָפּ, אויף מיינע באַקן און זייטן. מען טראָגט מיך. מען הוידעט מיך. און אָט, ווערט מיר וואַרעם... וואַרעם... דער שוסטער שטייט איבער מיר. קענטיק, אַז כ׳בין אויפן וועג פאַרפרוירן געוואָרן, כמעט צוגעוואַקסן צום פערד... איצט, אין דער „סושאַלקע״, ווערט אַנטפּלעקט דערדאָזיקער סוד. פּע, זייער פאַסקודנע. אַ צונויפגעדרייטער בין איך געלעגן אויפן „פּיעקעליק״ פונם וואַרעמען אויוון. קיין אָטעם. קיין לעבעדיקער שפּור פון מיין עקזיסטענץ. וואָס איז באמת געשען?

מיין איצטיקער וועג פירט — צו דער שפּיטאָל־פּאַלאַטע. דאָ האָב איך זיך דערפילט ליגן אין אַ בעט, אַ בעט ממש, אויף אַ ווייס ליילעך און אונטער קאָלדרעס — אַ טוץ מטמאה. און צווישן די קאָלדרעס — אַ כלי אַזאַ, אַ מאָדנע כלי, וואָס בלאָזט מיט וואַרעמקייט. מחיה נפשות. אָבער די אויגן האָב איך נישט געקענט עפענען. עס הייסט, אַז זיי, די אויגן, זענען יאָ געווען אָפן, אָבער געזען האָבן זיי גאָרנישט. עס האָט מיך געוואָרפן — אין היץ און אין קעלט...

5. באַריס דער „קאַמסאָמאַליעץ״

די „סעסטראַ״ קומט יעדן טאָג אין באַראַק, פרעגט זיך נאָך אויפן געזונט פון די איינוווינערס, פאַרהאַלט זיך ביי „ליגנדיקע״. נעבן מיר שטייט זי לענגער. אָט בין איך אַרויס פון שפּיטאָל. איצט „קום איך צו זיך״. זי איז אַ ווייסע, די

„שוועסטער", אַ בלאַסע אַזאַ. אויך די האָר זענען ביי איר ווייס. זי וויל וויסן, צי כ'קען שוין אַראָפּגיין פון בעט. זי פאַרלענגערט דעם „קראַנקן ביולעטין" אויף נאָך אייניקע טעג. זי וואָלט מיך גערן באַפרייט אויף נאָך אַ חודש, באַפרייט אינגאַנצן... וואָרום, משטיינסגעזאָגט, אַ האַלעווּעשקע... אַזוי רעדט זי צום לאַדזשער. ביידע פאַרשטייען זיך. אויך זי, די „סעסטראַ", געפינט זיך נישט דאָ אויפן „האַניק חודש". זי קוקט מיך אָן מיט אַ מאַמעשן בליק און פאַרשווינדט. אָבער ווי קען מען רוען אין אַ באַזאַר? דער באַראַק באַוועגט זיך. עס געפינען זיך דאָ מכל המינים פּאַנעס: „פּאַניע אָפּיצעזשע", „פּאַניע וולאַדזאַ", „פּראַסיען פּאַנאַ", „פּאַני"... אויך געוועזענע (און איצטיקע) פּראָסטיטוטקעס ווינען דאָ. און אַלע צוזאַמען, אַלע „פּאַנעס", שעלטן זיך אין ווייטע דורות אַריין: „אידזש פּאַן נאַ זביטאַ לעב", „אַ זשעבי פּאַן זלאַמיע"...

אויך אַ רוס געפינט זיך דאָ. נאָך גאָר יונגער. באַריס הייסט ער און איזן איז ער — אַ „קאָמסאָמאָליעץ". ער געפינט זיך דאָ נישט פון נחת. עפּעס איז ער ערגעץ אַראָפּ פון דער „ליניע", האָט מען אים אַהערגעשיקט אויף „איבערדער־ציאונג". איז ער דאָך נישט דאָ קיין בן־יחיד. אַלע מיר ווערן „איבערדערצויגן". דערמיט איז זיך מטפל דער קאַלמיקישער „פּאָליטרוק".

ליג איך אין צרות, וואַרט, אַז די ביינער מיינע זאָלן באַקומען צוריק וואָס זיי קומט: זאָלן ווערן עלאַסטישער און בייגעוודיקער. שיינט דאָך שוין די זון אַזוי הויך. אויך דאָ וואַרעמט די זון, אַ סימן: עולם באַראַקניקעס האָט אַראָפּגעוואָרפן די פופייקעס. מען האָט אפילו אָפּגעשטעלט דאָס הייצן די אויוונס. אָבער מיר איז קאַלט. די „סעסטראַ" טענהט אַריין אין מיר, אַז איך דאַרף רוען, שלאָפן. זי גיט מיר פיגולקעלער אַזוינע אויף צום שלאָפן. נאָר גיי שלאָף אין אַזאַ יאַרמאַרק. מיין באַדינער איז דעם לאַדזשערס ייִנגל. נעבעך אַ רחמנות אויף אים. קיין ברעקל פלייש פאַרמאָגט ער נישט אויף זיך. ער דעקט מיר איין די פיס, דערציילט מיר די לעצטע נייעס פון דער וואַנט־צייטונג — אַלץ פריילעכע נייעס: היטלערס אַרמייען מאַרשירן איבער גאַנץ אייראָפּע; זיי וואַרפן באָמבעס... די טשע־ליאַבינסקער קאָנסערוון־פאַבריק האָט אַוועקגעשיקט אַ טאָן קאָנסערווירט פלייש קיין פוילן. קיין פוילן? יאָ. פאַר היטלערס אַרמיי. איך וויל שלאָפן.

באַריס זיצט אויף זיין געלענדער. ער האַלט שוין נאָך דער אַרבעט. איצט זיצט ער און ציט אַ האַרמאָשקע. ער שפּילט און אַרום אים זינגט מען. בכלל: נאָך זיין אָנקומען אַהער איז געוואָרן פריילעכער, האָבן די פוילישע פּאַנעס אויפגעלעבט. די צרה אָבער איז, וואָס די גאַנצע פריילעכקייט געפינט זיך אַנטקעגן מיין „רו פּלאַץ" און זי טוט מיר עגבערן איבערן מוח. און כדי געזונט־צו־ווערן, מוז איך האָבן רו, מוז איך שלאָפן. אַזוי האָט געזאָגט די „שוועסטער". און עס ווילט זיך מיר איצט טאַקע שלאָפן. נאָר גיי שלאָף, אַז די האַרמאָשקע זיינע, באַריסעס,

זעגט און זעגט און זינגט. רוף איך צו איינעם אַזאַ רעשיקן זינגער. מען רופט אים „פּאַניע וולאַדזאַ”. און אַזוי טיטוליר איך אים: „הע, פּאַניע וולאַדזאַ!” — האָט אים גראָד דאָס באַליידיקט. אַ פלאַקסיקער שייגעץ מיט אַ הויך־פּאַרריסן נעזל. געווען אַ „היטער פון געזעץ” אין „נאַשאַ פּאָלסקאַ”. ער טראָגט נאָך די פּאָליציייאיש־אָפיצערסקע שטיוול. אַ וואַזשנער פּאַרשוין געווען. טאַ וואָס האָט עס אים איצט באַליידיקט? האָט ער זיך אַ האַסטיקן קער געטאָן צו מיר און עפּעס אַריינגעזאָגט. איך האָב נישט געהערט, אָבער מיין שכן האָט זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט. ווייזט אויס, אַז ער האָט מיך צוריק־טיטולירט מיטן „זשיד”. מילא. איז ער דאָך דערויף אַ פּאָלאַק און אַ „פּאַן וולאַדזאַ” דערצו. וואָס דען זאָל ער זאָגן צו אַ ייד... אָבער גאָט איז מיין עדות, אַז גראָד אין דער איצטיקער שפּעטער נאַכט־שעה ליגט מיר נישט אין זינען צו „באַליידיקן זיין כבוד”. איך וויל בלויז ער זאָל רואיקער טופּען מיט זיינע שטיוול און זינגען אַביסעלע שטילער. נו, איז מיין בקשה און דעם לאַדזשערס אזהרה (ער האָט געוואָרנט מיט „קאָנסעקווענצן”) דערגאַנגען צו באַריסן.

באַריס האָט קליינע אייגעלעך און אַ קיילעכיקע מאָרדע. אַז ער לאַכט, פּאַרקריכן די אייגעלעך טיף אונטערן שטערן און די מאָרדע באַגיסט זיך מיט שוים. ער האָט אַ יאָר אַכצן. אַ פריילעכער. אַ הפקרער: ער טראַכט נישט וועגן זיך און וויל אויך נישט דאגהן וועגן יענעם. אָבער געבוירן און געהאָדעוועט — אונטער־דער קאָמוניסטישער זון. ער זינגט טאַקע פּאַרשידענע לידלעך, אין וועלכע עס רעדט זיך וועגן „באַפרייער און דערלייזער, דעם גרויסן סטאַלין”. און איצט, פּלוצים, איז דער קאָמוניזם אויסגערונען פון באַריסן, דעם „קאָמסאָמאָליעץ”. ער האָט איינגעצויגן די „גאַרמאָשקע”, זי אָוועקגעשליידערט אויפן געלענדער און פּאַנאַנדערגעשאַרט די „פּאַנעס” פון אַרום זיך (אַ, ווי די פּוילישע פּאַנעס שעפּן נחת פונם דאָזיקן „קאָמסאָמאָליעץ”!). ער האָט דאָס געטאָן, כדי מיך בעסער צו זען, זיך איינצוקוקן אין מיין באַוואַקסן פּרצוף; כדי צו קאָנען אַריבערשרייען טאַקע גלייך מיר אין פּנים אַריין:

„העי, טי, יאָב טוואָיאַ זשידאָ מאַט!”

בשעת מעשה אַקצענטירט יעדן אויסדרוק פונם דאָזיקן רוסישן „מי שברך”. ער האָט נישט געלאַכט, כאָטש אַרום האָבן די פּאַנעס זיך געשטיקט פון לאַכן. באַריס וואַרט אויף אַן אָפּרוף פון מיר אָדער מיין שכן. איך האָב אַריבערגעצויגן די קאָלדרע איבערן קאָפּ. אַ מיטל צום שווייגן. אויך דער לאַדזשער שווייגט. תיכף האָט זיך דאָס געזאַנג באַנייט מיט מער אימפּעט און הירזשעריי. עס איז אַ זיג־געזאַנג, אַ מין „זיג הייל” פון פּאָלאַקן־כאָמעס בראש מיט אַ רוסישן קאַצאַפּ. און כדי דער זיג זאָל זיין אַ פולשטענדיקער, האָט באַריס אויסגעשפּיגן אַרום זיך אייניקע מאָל, זיך אַ הייב געטאָן אויפן געלענדער, אַרויפגעלייגטביידע הענט

אויף דער האַרמאָשקע און — פאַרענדיקט דאָס „קאַפּיטל" מיט דעם געהעריקן אויסרוף־אַרויסרוף (אפשר וועלן מיר זיך איצט אָפּרופן?):

„יעבי איך טרעך עטאַזשני באַהאַ מאַט!"

„דערלאַנגט" דעם דריישטאָקיקן גאָט און דער מאַמען אַריין. איצט האָט ער זיך באַרויקט; איצט האָט ער שוין אַלעמען „אָוועקגעלייגט" — — —

און די שפּעטלעכע נאַכט־שעהן נעמט זיך דער באַראַק אויסליידיקן. די נאַכט־אַרבעטער גייען צו זייער שיכט. דאָס „בילד" נעמט זיך בייטן: אַנדערע פּנימער, אַנדערע „פּאַנעס". ווערט רואיקער. מידע פון דער טאָגאַרבעט, פאַרקריכן די געקומענע אין זייערע ווינקלען. צווישן די געקומענע — דער שוסטער. ער ברענגט מיר אַ מתנה: אַ פלאַש הייסע מילך. איך מוז זי תיכף אויסטרינקען. ער ווינטשט מיר דערביי — מיט עכט יידישער דביקות — „אַ רפואה שלמה".

„עך! — פאַררייסט ער די אויגן אַרויף — געגומען און זיך פאַרפלאַנטערט מיט אַ שקאַפּע... שיער פאַרפרוירן געוואָרן... ט׳זעסטו, מיר וואָלטן שויןביידע געווען העט ווייט"...

איצט נעמט דער לאָדזשער דאָס וואָרט. עס דערוואַכט אין אים דער אַלטער קעמפער, נאָך פון יענע גוטע צייטן, פון די „פינווער יאָרן":

„האַ, ווי געפעלט׳ס אייך; אָט 26 יאָר נאָכן „אָקטיאַבר", נאָכן פאַרטרייבן דעם צאַר און זעט: אַן 18 יעריקער שניעק, אַ דערצויגענער אונטער דער רעוואָלוציע, באַנוצט זיך אויף אַזאַ מיאוסן אופן מיטן רוסישן „מאַטערי", מיטן „זשיד".

זיינע שטעכיקע באַקן האָבן זיך אָנגעבלאָזן, גרייט אַלץ און אַלעמען דורכצושטעכן מיט אַ פאַרהילכנדיקן פייף: האַ, וואָס האָבן מיר, דעמאָקראַטישע רעוואָלוציאָנערן, געזאָגט און פאַרגעזען?!

איז געבליבן: אָנשרייבן אַ בריוו צום „פּאָליטרוק". אמת, נישט דער לאָדזשער און נישט דער שוסטער האָבן צוטרוי צום קאַלמיק, אָבער טאָן עפּעס מוז מען דאָך: אי מ׳דאַרף הערן אַ תשובה אויף דער שאלה, וואָס אַזוינס עס מיינט „קאָמוניסטישע דערציאונג", אי — אַרויסרופן דעם וואָלף, ס׳הייסט: דעם „פּאָליטרוק", פון זיין נאָרע. ספּעציעל איז דערין פאַראינטערעסירט מיין שכן: אָט וועט ער אים, דעם קאַלמיק, אַ באַוויז־טאָן — וואָס „זיין" רעוואָלוציע האָט אויפגעטאָן.

דעם בריוו האָט אָנגעשריבן זיין יינגל. ער האָט זיך שוין אויסגעלערנט צונויפצו־שטעלן די רוסישע אותיות. איך האָב דיקטירט אויף יידיש, אַריינגעטאָן אינם אינהאַלט די גאַנצע ענערגיע פון מיין אויסדריקונגס־קראַפט. די איצטיקע נאַכט האָב איך געפילט אַביסל פאַרלייכטערונג אין מיין חולאת: פאַרט אָפּגעהאַלטן אַ נצחון; פאַרט פאַראַן גערעכטיקייט... כ׳בין נישט אַזוי נאַיוו צו דערוואַרטן יושר, צו דערוואַרטן אַ שטראָף פאַר באַריסן; אָבער די ווערטער מיינע פון

בריוו האָב איך אַרויסגעבערענגט הויך. דעם באַשייד צו זיי האָט צומאַרגנס געמאַכט דער שוסטער:

„האָ, ווי פילסטו זיך? ביינאַכט האָסטו גערעדט פון היץ”...

„און פון חוזק” — האָט דער לאָדזשער צוגעגעבן.

און דערנאָך איז געקומען דאָס דערוואַרטע: דער „פּאָליטרוק” האָט זיך באַוויזן אַ שמייכלדיקער אין באַראַק און ווי שטענדיק האָבן די שפּיציקע ביינער דורכגעשטאָכן זיינע באַקן; ער האָט געשטשירעט די גאָלע ציין איבער אַלע ווינקלען; זיך אָנגעשטויסן אויף גאַריסן, האָט ער אים הויך באַגריסט מיט „טאָוואַרישטש”:

„העי, באַרקאַ, מאַכסט פריילעך דאָ, הע, באַראַ... הע־הע־הע”...

זוניקער מיטנטאָג. טייל נאַכט־אַרבעטער פילן אויס דעם באַראַק מיט געכראָפּ, אַנדערע „שמועסן” זיך דורך לויטן רוסישן און פּוילישן שטייגער. דער טאָג־שיכט איז פאַרנומען — ווער אין שאַכט, ווער ביי די גריבער. פון די יידן בין איך איצט איינער אין באַראַק. מיין „קראַנקן־ביולעטין” האַלט זיך אין ענדיקן. נאָך אַ טאָג־צוויי און כ׳וועל דאַרפן אויספילן אַ פונקציע אין דעם קאַראַהאַד פון קנעכט און ראַבאָטן.

יאָ. געוועזן פאַרצווזען, אַז דער בריוו וועט נישט האָבן קיין פּעולה. דעם לאָדזשער איז געבליבן בלויז צו קרעכצן: „זיי האָבן אַ תל געמאַכט פון דער רעוואָלוציע”. איצט האָט דער גראָדנער אָנגענומען אַ „לעצטן באַשלוס”: אַנטלויפן און וואָסגיכער — כל־זמן עס שיינט די זון. און די זון דאָ איז בלויז אַ גאַסט: באַווייזט זיך און פאַרשווינדט.

6. „בויך”־ווערט און געלט־ווערט

אַהאַ, עס טוט זיך שוין ווידער אין יענעם ווינקל, ווו עס שטייט דאָס באַלעבאַטישאיינגעסדרעטע בעט פון עסטושאַ. יונגען שלעפּן זי. אירע קולות — שפּאַלטן די ווענט. עסטושאַ, אַ מיידעלע פון אַ יאָר אַכצן מסתמא. זיך געראַטעוועט צוזאַמען מיט איר יונגערן ברודער פון סלאָנים. געלאָפן, אַנטלאָפן, ביז מ׳האָט זיי געבערענגט אַהער. עסטושאַ און זעליק. זי איז אַ דערלאָנגערקע אין סטאָלאָווע. זי הונגערט נישט. אַ פּוכקע אַזאַ, אַ קיילעכיקע, מיט הויך־שפּרינגענדיקע בריסטלעך. אַלע יונגען דאָ ווילן זי „האָבן” און זי „געהער” פּאַקטיש צו אַלעמען. אַ רחמנות אויף דעם מיידל. אָבער קיין צו גרויסע צניעה איז זי סיוווי נישט. און זי קאָן דאָס נישט זיין, אַפילו זי זאָל וועלן. איין מיידעלע מיט „גליסטנדיקע גלידער” צווישן אַ פערציק יונגען.

דערווייל האָט זעליק באַוויזן אָפּצוטאָן אַ „שטיקל אַרבעט”. אמת, נישט בלויז ער, אָבער זיין חלק איז פּילעוודיק דערביי.

וואָלט אַזאַ זעליק איצט געווען אין סלאָנים, וואָלט ער געווען אַ שולייגל; וואָלט

ער אַרומגעלאָפן מיט אַ טעקע שולביכער — פון שולע און צוריק. דאָ גראָבט ער גריבער. ער איז אַן איבערגעוואָקסענער לויט זיינע זעכצן יאָר, אַ שמאָלער מיט אַ פלאַטשיק פנים און שפּיציק־אויסגעצויגענער נאָז.

אויף אים האָט געוואָרפן „אַן אויג" די ביבליאָטעקאַרשע, זינאַ. זי לאַשטשעט אים, דעם צעשראָקענעם בחור... זי זיצט יעדן אָוונט אין צווייטן עק באַראַק, אין אַ געפּרוּוירן־הילצערן צימערל, פאַרלייגט די ווענט מיט סאָצ.־און פּאָליט.־ליטעראַטור. דיקע ביכער מיט געפּרעסטע רוקנס. די שאַכטיאָרן לייענען נישט די ביכער פון זינאַס ביבליאָטעק. בלויז זעליקן זעט מען דאָרט אַריינגיין — אַריינגיין און אַרויסגיין אין שפּעטע אָוונטן. דער בחור — שמועסן לצים — גרייט זיך צו ווערן דאָ אַ פּאָליטישער קאָמיסאַר; ווי דען? אַז ער לייענט אַזויפיל און אַזוי שפּעט! — — —

זעליק האָט אָבער דערווייל באַוויזן צו מאַכן זינאַן אַ „בויך"... ווי? ווען? ווי אַזוי איז עס געשען? דאָס איז זיין סוד. אויף קיין מעשה פרעגט מען נישט קיין קשיא. ביי זעליקן טוט זיך די פּלייצע מער אויסבייגן. די פיס זיינע שלעפּן זיך אים נאָך, ווי זיי וואָלטן געווען שווערע קלעצער.

נו, זעליק וועט שוין בלייבן אַ יעמאַנזשעלינסקער בירגער. אויך זיין שוועסטער, עסטושאַ, וועט מסתמא בלייבן דאָ צוזאַמען מיט אים.

און אונזער קאַלמיק?

ער שמייכלט מיט זיינע שפּיציקע באַקן־ביינער. פון אַזוינע „מעשׂות" איז ער גאָר צופרידן. אָטאָ דאָס הייסט פרייהייט! ער איז בלויז נישט צופרידן פון דער מעשׂה מיטן גנב, וואָס מ׳האָט געכאַפּט „אַרויסציִען" פון איינעמס אַ קעשענע אַ בייטעלע מיט געלט. אָ, דאָ האָט ער געהאַלטן אַ „שטאַרקע רעדע" און טאַקע אַן אָרגאַניזירטע נעבן דער ביבליאָטעק:

„טאָוואַרישטשי! דער ציל פון דער קאָמוניסטישער רעוואָלוציע איז, אָפּצושאַפן דאָס געלט; אַזוי שרייבט דער חבר סטאַלין אין „קראַטקי קורס"; אדרבא, אָט טוט אַ קוק ביי דער חברטע זינאַ אין ביבליאָטעק... איז געקומען דער גנב, געגנבעט געלט כדי צו געבן די פּאַפּירלעך אַ ווערט... דאָס איז דאָך קאָנטררעוואָלוציע!" — — —

אָ, ווו דער „פּאָליטרוק" האָט אויפגעוואָכט! און ער האָט דאָך אַ זיכערן עדות: זינאַ און איר... ביבליאָטעק.

7. אַ בריוו קיין מאָסקווע: „סאָיוז פּיסאַטעלעי"

וואָס וועט זיין דער תכלית? עס זעט זיך נישט פאַר, אַז צום זיצן דאָ זאָל נעמען אַ סוף. נאַטשאַלסטוואָ לייגט־פאַר „וווינונגען" אין די נייע באַראַקן, לייגט־פאַר „סטאַבילע אַרבעט" און פאַר סטאַכאַנאָווצעס — אַ גן־עדן אויפן סטעפּ. זיך

סטאַבּיליזירן דאָ? אַז אויסגיין זאָל׳ס צו מיינע שונאימס קעפּ. ניין. איך וועל נעמען זוכן מזל אין דרויסן, אין דער אויסערלעכער וועלט און טאַקע — דער יידישער. דערשיינען דאָך דאָ יידישע צייטונגען און פאַראַן יידישע שרייבערס. איבעריקנס: האָב איך דאָך נישט וואָס צו פאַרלירן.
זיך אַוועקגעזעצט און געוּמען שרייבן — אַ בריוו אין יידיש; אים אַרויסשיקן, ווי נח די טויב — אַ קול־קורא פון אַ קוילן־מבול. איז דערפון געוואָר־געוואָרן מיין נאָנטסטער שכן. לויט אים — אַ געדאַנק: נישטאָ וואָס היזק צו האָבן. אמת, ער איז נישט קיין גרויסער מאַמין אין אַ תשובה אויף אַזאַ בריוו; דאָך — פאַרבינדט ער דאָס ביסעלע האָפענונג מיטן אַרויסראַטעווען זיין יינגל:
„אפשר וועלן זיי זיך דאָך אָפּרופן; פאַרט פאַראַן דאָ אַ יידישע פרעסע, יידישע שולן און ביבליאָטעקן און מיין יינגל איז דאָך געקנאָטן געוואָרן אויף יידיש... מילא, איך, נו, איך וועל שוין דאָ בלייבן, אָבער דאָס יינגל"...
די רייד גיבן מיר צו האָפענונג, כאָטש אַלץ קוקט אויס רוי און פאַרנעפּלט. אָבער גוט, וואָס אַ פּעסימיסט ברענגט אַמאָל אַרויס אַן אָפּטימיסטישן געדאַנק...
אין מיין בריוו טו איך בעטן — נאָכן שילדערן אַביסל פון מיין כשרער ביאָגראַפיע — מ׳זאָל מיר העלפן אין די ראַמען פון געזעץ און יושר. פאַרשטייט זיך, אַז כ׳בין זייער צופרידן מיט דער סאָוועטישער אָרדענונג. אלא וואָס? בין איך דאָך אַ ייד, ווילט זיך מיר זיין צווישן יידן און אויך — אַרבעטן לויט מיין ספּעציאַלנאָשטש... נאָכן פאַרטיק ווערן מיטן בריוו, האָב איך אַליין פאַרלוירן די אמונה אין אים. דאָך — אַוועקשיקן די טויב: זאָל זי זען, צי ס׳איז פאַראַן אינם גרויסן סאָוועטישן סאָיוז ערגעץ אַ ווינקל ווו זיך אָפּצורוען. קיין אַדרעס האָב איך נישט. נו, גיט זיך אַ ייד אַן עצה: אָנגעשריבן אויף אַ לײדיק ווינקל פון בריוו (קיין קאָנווערט איז נישט בנמצא):
„סאָיוז פּיסאַטעלעי, מאָסקוואַ" —
אַ נישקשהדיקע פירמע, וואָס איז מסתמא באַקאַנט אויף דער פּאָסט. אַראָפּגע־וואָרפן אַן עול, אַ מין מאַניע, וואָס איז מיר אַריין אין קאָפּ, נישט געלאָזט צורו. איצט האָב איך זיך באַרויִקט.
דער דרויסן — מיטן אַפּריל. אויפן אָרט פון די אייזיקע שפּיזעלעך, וואָס האָבן אָן רחמנות געשטאָכן אויפן לייב, פליען איצט אַרום מחנות קאָמאַרעס — פּאַראַזיטן, בלוט־צאַפּערס. ספּעציעל פרעסן זיי זיך איין אין די נעכט אינם פלייש (משטיינסגעזאָגט, וויפל פלייש איך פאַרמאָג עס!) און נאָגן און נאָגן. האָב איך דערפאַר גענומען אַרומשפּאַנען אויף מיין נאַכט־שמירה איינגעהילט אין אַ מין ליילעך: אַ זאַק, וואָס די קעכין האָט מיר געגעבן און וואָס האָט אויך געצוצט אימעצן פאַר אַ בעט־צודעק. הכלל: ווי די הינט האָבן מיך דערזען אין מיין ליילעך־הילעך איז געוואָרן אַזאַ ריטשעריי, אַז די גאַנצע שאַכט „האָט זיך

געשטעלט אויף די פיס״: וואָט, אַ שד, אַ נישט־גוטער, אַ פּיפּערנאָטער...
טפו!

צוביסלעך בין איך אַריין ״אין דער ראַל״. אויסגעזוכט ווינקעלעך, ווו צו קענען אַריינכאַפּן אַביסל שלאָף; אויך געוווּסט ווי צו מאַנעווורירן — נישט צו מוזן אַ פּעליקע נאַכט ליגן אין דרויסן. דערפאַר מסתמא האָט נאַטשאַלסטוואָ אויף מיר געקוקט אַזוי ביטלדיק (ווי כ׳האָב עס בפּירוש פאַרדינט), אַז — כ׳בין נישט ווערט די פּאָר הונדערט גראַם ברויט. אָבער לעבן און איבערלעבן ווילט זיך פאָרט. —

נו, איז געשען אַ נס: עס האָט אויפגעלייכט אַ שטערן פון קיעוו... באַקומען פון דער פּאָסט אַ פּעקל צייטונגען מיט יידישע אותיות: ״דער שטערן״. אַ יידישע צייטונג פון קיעוו. אָ, האָט מיין בריוו יאָ דערגרייכט ערגעץ. נו, טאָ לאָמיר דער־ווייל מאַכן אַ כוסה, זיך אָנשיכורן מיט די פּירקאָנטיקע אותיות נאָך אַ שיידן זיך העט־העט — שוין יאָרן אַוועק.

אָבער דעם לאַדזשער רירט עס נישט. נאָכן איבערדרייען דאָס בלאַט אויף אַלע זייטן גיט ער עס אַ שליידער פון זיך:

״קאַרטאָפּל־פּאַרזעץ דאָ, בוראַקעס־קולטור דאָרט״...

דער גראַדנער וויל עס בכלל נישט נעמען אין האַנט:

״יעוו־סעק־ציע! יידישע פּאַגראַמטשיקעס! צי זיי שלאָגן אויף רוסיש, צי אויף יידיש״.

און אַזוי האָב איך אָנגעהויבן צו ווערן פאַרפלייצט פון די בלעטער — איבער־זעצונגען פון רוסיש וועגן דער סטאַלינטשיזנע. אַזוי בלאַט נאָך בלאַט. זעלטן אַ ברעקל כראָניק וועגן אַ יידיש לעבן, אַ יידיש בוך. דאָך — די צייטונג וועקט אין מיר האָפענונגען. אַז ערגער קאָן דאָך נישט זיין און בעסער — דאַרף מען נאָר דערלעבן צו די בעסערע צייטן... אין איינעם אַ נומער — אַ נאָטיץ וועגן ״פאַרדינטן טויט פון יודאַש טראָצקי״. דאָ האָט זיך גענומען וויקלען אַ דיסקוסיע אַרום אונזערע קויקעס. דער לאַדזשער איז פּאַר טראָצקין, דער גראַדנער קעגן. אָבער ביידע צוזאַמען שעלטן זיי סטאַלינען מיט דער גאַנצער תוכחה. ״הייס״ אין אונזער ווינקל און איך באַמי זיך אַרויפצופירן די וויכוחים אויף אַנדערע רעלסן. אַזוי נאַכט נאָך נאַכט. ביז — מיטן ״שטערן״ האָט זיך גענומען פאַר־אינטערעסירן דער קאַלמיק. ער האָט דערזען די פאַנאַנדערגעשפּרייטע בלעטער, געהערט דעם טומל אַרום זיי. איז אים ״סתם אַזוי״ געוועזן טשעקאַווע צו וויסן: ״וו׳טשאָם דיעלאָ״. האָט ער גענומען אַ ״שטערן״, אים געהאַלטן מיטן קאָפּ אַראָפּ און געקוקט. פּלוצים האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף סטאַלינס וואָנסעס. האָט ער תיכף איבערגעדרייט דאָס בלאַט — אַרויף. סטאַלין טאָר נישט שטיין מיטן קאָפּ אַראָפּ. אַ צופרידענער האָט ער אָפּגעזיפצט: אָ, נישט קיין קראַמאַליע

אין זיין שאַכטיאַרסקער קעניגרייך. ער האָט דערשנאַפּט די רוסישע אותיות: „זוועזדאַ", קיעוו. איצט וויל ער דווקא וויסן, וואָס דער ערשטער „קאָפּ" זאָגט דאָרט, ווו עס געפינט זיך סטאַלינס קאָפּ. די שעה — אַ שפּעט־נאַכטיקע. דער לאַדזשער טרייסלט זיך אין שלאָף, אָדער מאַכט אַן אָנשטעל אַזאַ, כדי זיך אָפּצוטרייסלען פון געבן אַ תשובה, פון אַריינלאָזן זיך אין אַ שמועס מיט דעם־אַ. אָבער יענער וויל נישט אָפּטרעטן. האָט מיין שכן זיך אַ טרייסל געטאָן אויף די ברעטער, זיך געלייגט אויף איין זייט, אויף דער צווייטער; לסוף — זיך אַוועקגעלייגט אויפן בויך און אַרויסגעוואָרטשעט (ווי פון בויך אַרויס):
„רעטש טאָוואַרישטשאַ סטאַלינאַ".
אַהאַ, איצט ווייס ער שוין, דער „פּאָליטרוק", אַז דאָס איז די רעדע פון חבר סטאַלין, אָבער — טאַקע איבער דער רעדע וואָלט ער זייער געוואָלט זיך פאַנאַנדערשמועסן... און ווידער האָט מיין שכן באַזיגט די רעוואָלוציע. ער איז אַזוי געלעגן מיטן הינטן אַרויף ביז דער קאַלמיק האָט פאַרלאָזט דעם באַראַק...
די צייטונג דינט אויך פאַר אַ שלום צווישן די יידן, באַריסן און די פּוילישע פּאַנעס. דאָס נעמט זיך פונם נאַטירלעכן דראַנג צום רייכערן מאַכאָרקע. מחמת — כדי צו רייכערן מאַכאָרקע מוז מען האָבן אין וואָס זי צו פאַרוויקלען. און פּאַפּיר איז טייערער פון ברויט. און גראָד דאָס סאָוועטישע צייטונג־פּאַפּיר איז ווי ספּעציעל באַשאַפן פאַר וויקלען אין איר מאַכאָרקע־„קאָזעפּיסלעך". און דווקא — צוזאַמען מיט דער פאַרב. הכלל: דאָס געדרוקטע צייטונג־פּאַפּיר איז גאָר אַ יקר־המציאות פאַר... מאַכאָרקע. יאָ, איז דער שפּיציק־אויגיקער באַריס פּלוצים געוואָרן ווייכהאַרציק און באַטיטלט מיך מיט „טאָוואַרישטש". און גליקלעך איז ער, ווען כ'גיב אים אַ צייטונג פאַר „קוריטעלני בומאַגאַ". אַ, ביזאיצט האָט ער גאַרנישט געוווסט ווי ברייטהאַרציק יידן זענען: „פּאַ מאַטערי!" — ווי געשמאַק עס רייכערט זיך אין אַ יידישער צייטונג! — — — אַזויאַרום האָט דער קיעווער „שטערן" דערגרייכט זיין ציל — כאָטש ביי אונז אין באַראַק: שלום צווישן יידן און גוים.

8. אַ יידיש בריוועלע: „איר זאָלט זיין מיין גאַסט"

די קאַמאַרעס האָבן אויפגעהערט מיך צו בייסן. זיי האָבן שוין פון מיר אַראָפּגע־פרעסן דאָס לעצטע ברעקל פלייש. שווער און אויסמאַטערנדיק איז דאָס אַרומגיין ביינאַכט אויף שמירה. וואָלט כאָטש געווען עפּעס הנאה־צו־האָבן פון אַזאַ מין אַרומגיין... האָב איך אויסגעפונען, אַז כדאי צו היטן דעם סחורות־מאַגאַזין. סתם אַזוי. וואָסי? יעדן טאָג ברענגט מען דאָ אַן אַזויפיל אַרטיקלען, וואָס זענען ווערט מיליאָנען פאַרן „שוואַרצן מאַרק" אין טשעליאַבינסק... פאַרוואָס טאַקע נישט היטן דעם מאַגאַזין אויך? הכלל: נאָך יעדן עיגול איבערן ריזיקן שאַכט־

פלאַץ — זיך איינגעטולעט אויפן בריקל פונם מאַגאַזין און אַריינגעכאַפּט אַ דרעמל. אַזוי אַרום דערגאַנגען צום סוד פון מאַכן פרנסה: היות יעדן פאַרטאָג לויפט מען אָן פון אַלע זייטן צו פאַרכאַפּן „אָטשערעט" און היות יעדער וויל זיין דער ערשטער — האָט מען ביי מיר באַשטעלט דעם ערשטן פלאַץ; פאַרטאָג בין איך געווען אַ „לעבעדיקער עדות", אַז דער־אַ, אָדער די־אַ איז דאָ געווען, געשטאַנען ביי דער טיר. הלוואי — דער לובלינער זאָל מיר נישט אויסכאַפּן דאָס פאַרגעניגן, ווי ער האָט מיר געהאַט אויסגעכאַפּט די קאַשעס — — — אַ קשיא אויף אַ מעשה!..

און בייטאָג שיינט די זון. עס איז מאַי. און דער אַרום איז אַזוי איינגעהילט אין שוואַרץ — אַ שוואַרץ־קוילִיקער פּוירהאַנג, אַז עס זעט זיך נישט קיין גרעזעלע, קיין בלעטעלע. אויך די זון איז אַ פאַרריסטע — — —

מאַרוסיאַ די בריווטרעגערין — אַ פריילעכע מויד וואָס האָט ספּעציעל הנאה צו קאַקעטירן אַרום דעם „פּוילישן באַראַק" — לאָזט הערן איר מענעריש קול: „העי, סטאַראָזש!" (זי רופט מיךביים ריכטיקן נאָמען; קיין אַנדערן פאַרמאָג איך נישט).

גראַד זיץ איך אויף די אייבערשטע טרעפּלעך פון אַ לייטער, זוך נעבן דאַך אַ רייִנעם זון שטראַל, אַ וואַרעמען פלעק פאַר מיין צעקנאַדערטער הויט. עס איז נאָך דער אָוונטדיקער „גאַריאַטשע פּיטאַניע". באַלד וועל איך זיך איינהילן אינם ליילעך, אַרויסגיין אויף נאַכט־שמירה. נו, האָב איך מעכאַניש אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו מאַרוסיאַס קולות. מסתמא האָט זי געברענגט אַ פּעקל צייטונגען. ווייז איך מיט אַ פינגער ווו זי זאָל דאָס אַוועקלייגן, אָבער זי פּאָכעט צו מיר אַרויף מיט אַ קאָנווערט: „נו, קריך שוין אַראָפּ, לאָדער, ט'האָסטו אַ בריוו פון קיעוו!" פון קיעוו? אַ בריוו צו מיר? אייליק אַראָפּ פון לייטער. יאָ, טאַקע פון קיעוו.

„טייערער כאַווער...

...די כאַווירים פון מאָסקווער שרייבער־פאַריין האָבן מיר צוגעשיקט אייער בריוו און געבעטן, איך זאָל זיך מיט אייך מעטאַפּל־זיין... טאָ גיב איך אייך אָן מיין אַדרעס אין קיעוו און ווי נאָר איר וועט האָבן די געלעגנהייט זאָלט איר פאַרפאָרן צו מיר און זיין מיין גאַסט... ביז דעמאָלט וועל איך זיך באַמיען צו טאָן אַלץ לעטויבעס אייך... ג...ב"...

איבערגעלייענט דעם בריוו און צוריק אַרויפגעקראָכן אויפן לייטער. דאָס מאָל — אויפן סאַמע העכסטן טרעפּל, וואָס גרייכט צום שפּיץ דאַך. וואָלט איך נישט קיין מורא געהאַט געניזוקט צו ווערן, וואָלט איך זיך אַרויפגעדראַפּעט אויפן דאַך, זיך דאָרט רואיק אַוועקגעלייגט, זיך אַריינגעוויקלט אין די לעצטע זון שטראַלן און דעם בריוו געלייגט צוקאָפּנס, דעם בריוו מיט די יידישע אותיות,

וואָס וואָלטן מיר געדינגט ווי פוך פּאַר אַ קישעלע... זע, זע, ווי גוט דער מענטש איז, אויך דער סאָוועטישער מענטש; זיך פאַרנומען מיט מיין געשיקטן בריוו קיין מאָסקווע, אים געלייענט, נישט אַוועקגעוואָרפן — — — ווי ליב זיי זענען מיר געוואָרן. אויך דער „פּאָליטרוק". אויך באָריס... און מאַרוסיאַ, די בריוו־טרעגערין — אַוודאי.

אַראָפּ פון לייטער. אונטערן געבאַלקנטן סופיט פון באַראַק דראַפּעט זיך אַ כראָפּען פון דער נאַכט־שיכט. אויך איך וואָלט זיך געדאַרפט צולייגן, כדי צו קענען זיך שפּעטער פאַרמעסטן מיט די בלוט־זייגערס, די קאָמאַרעס. אָבער איך האָב איצט אַ וויכטיקערע אַרבעט: תיכף ענטפערן אויפן בריוו. אויף אַ זאַ בריוו דאַרף מען ת י כ ף ענטפערן. און דאָ באַווייזט זיך דער שוסטער מיט אַ הייסער פלאַש מילך:

„נעם גיכער און קער איבער; דאָס איז אַ רפואה פאַר אַ שוואַכן מוח"...

און אָט דערזעט ער דעם קאָנווערט, לייענט דעם צוריקאַדרעס: „טראָיצקי פּערעאולאָק... קיעוו". ער קוקט מיך אָן מיט פרעגנדיקע אויגן: סודות?

„אָט איז עס! — האָב איך אַרויסגעפּלאַצט מיט פרייד — די תשובה אויף מיין בריוו קיין מאָסקווע".

מיט כוונה האָט ער אויסגעהערט דעם אינהאַלט פון בריוו, דערנאָך — אַ שפּיי געטאָן איבער דער ברייט פון דער פּאָדלאָגע:

„זייער פיין; זיך לייטיש אויפגעפירט, אָבער זיי וויסן, אַז אַלע הינט האָבן איין פּנים. אַ גוטער הונט, אַ בילנדיקער הונט — די צורה ביי אַלע אַ — הינטישע"...

אָבער קיינער איז סיווי נישט בכוח צו צעשטערן מיין פרייד, אַפילו אויך נישט די הייסע מילך... אַ גוטע נשמה, דער שוסטער, אָבער זעט אויס, אַז מיר וועלן זיך מוזן געזעגענען. הלוואי — בקרוב. אין מיינע ענטפערס — קיין קיעוו און מאָסקווע — האָב איך געדאַנקט פאַר אָפּשאַצן די חשיבות פון מענטש, פאַר גרייט־זיין צו העלפן און אַזוי ווייטער. איילִיק אַוועקגעשיקט די בריוו. מיין ווייטערדיקער גאַנג איבערן „ראַזרעז" קייטלט זיך מיט — גיין אַנטקעגן אַ ניי לעבן, אַ יידיש לעבן, צווישן יידישע שרייבערס אינם סאָוועטנלאַנד. מחיה נפשות — — —

9. אַ זיסע נאַכט; לאָמיר זיך געזעגענען

„וואָסקרעסעניע". זונטיק רוט מען. דער הייניקער זונטיק טיילט זיך אויס פון די פאַבריקע. עס טומלט זיך אינם „פּוילישן באַראַק". עולם לויפט אַרום מיט טעפּ און שיסלען, מיט וויאַדרעס און קאָטיאָלקעס. וואָסי געשען? אַ וויכטיקע נייעס. אין טשעליאַבינסק אויפן וואָקזאַל גיט מען היינט „מאַראָזשעניע". ווער עס וויל — נעמט וויפל ער וויל. נו, פאַרמאַגט דער „ראַזרעז" אַן אייגענע באַן. האָבן זיך

אויף איר אַרויפגעכאַפּט אַ מאַן הונדערט. דער „ראַזרעז" פּאַרט איינהאַנדלען „מאַראַזשעניע" — — אַ זעקס־קילאָמעטער נסיעה.

מיטן טאָג, דער קאַלמיק אַלאַרמירט אַלע זיינע מענטשן. אויך געשיקט אַ וואָרענונג קיין טשעליאַבינסק. דער פּריקאַז איז אַרויסגעהאַנגען אויפן דאָרטיקן פּעראָן: „תיכף צוריקקומען! עס זענען אָנגענומען די געהעריקע מיטלען!"

און אַלע זענען צוריקגעקומען. ביז איינעם. און יעדער — מיט אַ שיסל, מיט אַ טאָפּ, אַ וויאַדרע — „מאַראַזשעניע". און באָריס האָט פאַרוואָרפן די האַרמאָשקע איבערן אַקסל, אַריינגעשטעקט אַ הילצערן לעפל אין אַ שיסל זיסן אייז — „מאַראַזשעניע".

ביז שפּעט נאָך חצות האָט מען געזופּט און געשלינגען פון דער שוין־וואַרעם־געוואָרענער „מאַראַזשעניע".

און אַ פּעליקע נאַכט האָט זיך געטראָגן פון די געלענדערס אַ גרעפּצן און פּ־צן און ווערזען... צו דער מאָרגנדיקער שיכט איז אַ העלפט געבליבן אין באַראַק... די פּאַנעס האָבן באַקומען — פּאַנאָס.

פון די „אונזעריקע" איז דער לובלינער געווען דער „אַפּלייזער". ער האָט אַזוי „דערלאַנגט" פון אויבן און אונטן, אַז אוממעגלעך געווען פאַר דער „שוועסטער" אים צו גרייכן — צו דערלאַנגען אים אַ רפואה.

אַזאַ זיסע נאַכט אין באַראַק — — —

— — — סוף כל סוף... דער שוסטער באַגלייט מיך קיין יעמאַנזשעלינסק. פון דאָרט — מיט אַ פור צום וואָקזאַל. פון טשעליאַבינסק — מיט אַ „קאָמאַנדעראָווקע" און בילעט קיין קיעוו. אַן אָרנטלעכער פּאַסאַזשיר.

סוף יאַנואַר 1941. דער גראַדנער וויל פון מיר וויסן, וויאַזוי „דאָס" איז געמאַכט געוואָרן. מיין תשובה: מען האָט מיך גערופן אין קאַנטאָר, דערלאַנגט אַלע „בומאַזשקעס" און מיר געוווּנטשן אַ גליקלעכע רייזע. דאָס אַלץ. אַוודאי האָט דער קאַלמיק געפּרוּווט אויף מיר ווירקן, כ'זאָל נישט דורכמאַכן די נסיעה, די געפערלעכע נסיעה צו דער גרויסער שטאָט, ווו מ'וועט מיך נישט צושרייבן, נישט געבן קיין אַרבעט... אַ, דער כיטראַק, דער... מיין געלעגער־שכן, דער לאָדזשער, האָט ממש געוויינט: אי וואָס איך פאַרלאָז אים, אי — סאַראַ גליק!

ער האָט מיך נישט געקאָנט באַגלייטן. עס איז זיין אַרבעט־צייט. איצט האָט דער שוסטער הנאה פון יעמאַנזשעלינסקער הכנסת־אורחים.ביידע זענען מיר פאַרבעטן אין אַ פּויערשער כאַטע, ווו די פענצטערלעך זענען אַזוי פאַרקאָוועט מיט פראָסט, אַז שווער אינעווייניק אַ פּרצוף אונטערצושיידן. בלויז פון אַ ווינקל לייכט־אַראָפּ אַן איקאָנע־ליכט איבערן פּנים פון דער הייליקער מוטער — אַ פאַרשטויבטע, אַ פינצטערע.

די באַלעבאַטים — „קולאַקעס״, וואָס זיצן דאָ זינט די ערשטע רעוואָלוציע־טעג, שוין אַרום די צוואָנציק יאָר, זענען אונז מכבד מיט הייסן „פּאַנטש״, היימיש געמאַכטן בראָנפן, וואָס מען טרינקט אין טיי־גלעזער; אויפן נאַקעטן טיש — גרויסע שטיקער שוואַרץ ברויט און געבראָטענע קאַרטאָפל. דאָס פּאַרמאָגן זיי איצט. און דערמיט זענען זיי אונז מכבד. אָ, ווי זיי דערפרייען זיך יעדער מאָל מיט די באַפרייטע, וואָס גייען פאַרביי זייער פענצטער. אַז אַ געזונט אויף זיי — זאָלן זיי אונז געדענקען, פּאַטערל. זיך איבערגעצלמט — זיך און אונז.

דער שוסטער נעמט דעם וועג אויף צוריק. איך שריי צו אים אַראָפּ פון וואָגן: „צום ווידערזען!״

מיין געשריי האָט פאַרטראָגן דער ווינט. איך האָב בלויז געזען דעם שוסטער זיך אַרויפוואַקלען אויפן הויקערדיקן וועג, וואָס פירט צום „ראַזרעז״... וועט ער נאָכקומען, דער גוטער גראָדנער? אַ טוב שבאדם. אַ פּראָסטער חי וקיים, אָבער אַ ספּעציעל־גוטע נשמה. ער האָט געשווירן ביים געזעגענען, ביים דריקן מיך צו זיך, אַז ער וועט קומען, וועט נאָכקומען — אָן אַ בילעט, אָן אַ „בומאַזשקע״. בלייבט געזונט, איר היימישע און אומהיימישע — באַלאַגערטע! — — —

דריטער טייל

1. הייסע קישקעלעך אַנטקעגן לענין־מאַוזאָליי

פעברואַר 1941. אייניקע שעה אין מאָסקווע. דאָ דאַרף איך איבערזיצן אין אַ צוג, וואָס וועט מיך פירן קיין קיעוו. אַ בייסיקער פראָסט. איך בין איינגעהילט אינם פוילישן שינעל, וואָס האָט פאַר דער צייט באַוויזן צו ווערן היפש דורכגעלעכערט. די איינציקע מתנה, וואָס יעמאַנזשעלינסק האָט מיר מיטגעגעבן אין וועג אַריין — וואַילאַקעס מיט האַלבע זוילן, אונטער וועלכע עס קאַלאַטשען זיך נאָך מיני קאַלאַשן, וואָס זייערע אַפּאַנעצ שמייכלען הנאהדיק צום מאָסקווער פאַרפרוירן־ברוגזן הימל.

אין אַזאַ־אַ־הילוך בין איך אויסגעשטיגן פונם צוג טשעליאַבינסק־מאָסקווע. דאָ בין איך געווען זיכער, אַז די עלעגאַנטע הויפּטשטאָט וועט מיך אויפנעמען ווי אַן איבערבלייבעניש פון דער פאַרשפּילטער פוילישער מלחמה, אַ נע־ונדניק, וואָס מען דאַרף אים שטעלן אַ מאָנומענט — אַן אָנדענק פון העראיזם. בין איך לכתחילה, אַן קאַטאָוועס, געווען בדעה נישט צו פאַרלאָזן דעם וואָקזאַל: וואַרטן דאָ ביז דער קיעווער צוג וועט אָנקומען. אָבער — ווי שייך: זיין אין רוים און נישט זען דעם פּויפּסט? האָב איך טיפער פאַרשטעקט די פאַרפרוירענע פיס אין די געלעכערטע וואַילאַקעס און געשפּאַנט צום אַרויסגאַנג. אויפן וועג האָט זיך מיר דווקא פאַרגלוסט עפּעס איבערצוקייען. בין איך דאָך אַ פּאַסאַזשיר מיט אַ בילעט קיין קיעוו. נו,ביים בופעט — כאַטש נעם און לייג זיך אַרויף אויף די פּאַליצעס. אויב בין איך באַקליידט מיט אַ „ספּעצ־קאָמאַנדעראָווקע" — אַ שליח פון דער פּאַרטיי, פון אַ פאַבריק, אַ קאָלכאָז, אַ... נו, קאָן איך באַקומען אַ הייסע קאַשע מיט ברויט; בין איך אַ מיליטערמאַן, אַן אָפיצער, אַ „פּאָליטרוק" (מיין מיליטערישער שינעל געהער צו אַ נידעריקערער מדרגה...) מעג איך אַרויפגיין אויבן, אויפן ערשטן שטאָק און זיך אונטערלענען מיט כל־טוב. — — —

הכלל: איך האָב געמוזט רעזיגנירן פון די כל־מיני פּריווילעגיעס, וואָס ספּעציעלע מודעות האָבן צוגעטיילט דעם בעסערן פּאַסאַזשיר. אמת, אַ „קאָמאַנדעראָווקע" פאַרמאָג ;זיך (אָן דעם באַקומט מען דאָך בכלל נישט קיין בילעט), אָבער גלייכער זי קיינעם נישט צו באַוויזן: אויף איר איז פאַרצייכנט אַ מין פּאַראַגראַף מיט אַ צושריפט, אַז דער געוויסער פּאַסאַזשיר איז באַפרייט פון יעמאַנזשע־לינסקער „ראַזרעז" (אַ וואַזשנער יחוס!) און אַז... יאָ. מיין בליק איז געפאַלן צום אַרויסגאַנג. תיכף זיך גענומען גליטשן איבערן אייזיקן ברוק. מאָסקווע באַוועגט זיך — אין שטיוול, וואַילאַקעס, שינעלן. געמיינט: מ'וועט מיך אַרומ־

רינגלען מיט פּאָטאָ־אַפּאַראַטן. קיינער קוקט זיך נישט אום אויף מיר. אַזוינע פיגורן און אַזוינע וואָילאַקעס פּעלן אויך נישט צווישן די מאָסקווער בירגער.

די שעה — אַרום צען. אַ מיליציאָנער שפּאַנט איבער דער לענג פונם וואָקזאַל־פּלאַץ. זעט־אויס, אַז אויך אים איז קאַלט. ער טראָגט טאַקע שטיוול אויף די פיס און אַ פוטערן היטל אויפן קאָפּ, אָבער צווישן קאָפּ און פיס געפינט זיך אויך עפּעס; און דאָס שינעלעכל זיינט איז נישט פיל בעסער פון מיינעם. נו, איך זוך צוויי אַדרעסן: פון שרייבער־פּאַריין און לעניך־מאַוזאָליי. דעם ערשטן דאַרף איך דאַנקען פאַר איבערלייענען מיין בריוו און זיך טאַקע פאַרשטעלן אויך: הנני העני; דעם צווייטן דאַרף איך סתם אנקוקן. נישט שייך דורכצולאָזן אַזאַ געלעגנהייט. איז דער ריכטיקער אַדרעס — דער מיליציאָנער. ראשית: זאָל ער זען, אַז כ׳בין נישט סתם אַ „פּערעסעלעניעץ״, נאָר ממש אַ פּאַסאַזשיר מיט אַ „קאָמאַנדעראָווקע״ און אַ בילעט וואָס פירט קיין קיעוו, הכלל — אַ פּאַסאַזשיר, וואָס וויל זיך טרעפן מיט די מאָסקווער שרייבערס און מיט לענינען. שנית: זאָל אים נישט איינפאַלן צו קוקן אויף מיר — סתם אַזוי. איך האָב פיינט אַז פּאָליציאַנטן צי מיליציאָנטן (אָדער ווי זיי זיי רופן זיך דאָרט) זאָלן קוקן אויף מיר. לויט זייער קאָנסטיטוציע קומט־אויס: גייט דער בירגער צו־גיך, איז אַ סימן אַז ער האָט אָפּגעטאָן אַ שלעכטע זאַך; גייט ער צו־פּאַמעלעך, — גרייט ער זיך אָפּצוטאָן אַ שלעכטע זאַך. בקיצור: אין וועלכער ריכטונג דאַרף איך שטעלן מיינע ערשטע טריט — גיכע טריט אָדער פּאַמעלעכע טריט? און דאָ האָט זיך מיר געדאַכט, אַז דער פאַרפרוירענער מיליציאָנער האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן, איין קוק... האָב איך איילִיק באַשלאָסן: איידער ער זאָל צוגיין צו מיר, וועל איך צוגיין צו אים.

„איזוויניטיע (אַנטשולדיקט, הייסט עס), וויאַזוי קאָן איך גרייכן צום... לעניך־מאַוזוליי?״ — האָב איך זיך אויסגעגלייכט מיטן מיליציאָנער און שטאָלץ (אָן פּחד) אים אַריינגעקוקט אין די אויגן.

און מאָדנע: מיט מיין גאַנצער מוטיקייט האָב איך פּאָרט נישט געהאַט דעם מוט צו פרעגן אויפן אַדרעס פונם „סאָיוז פּיסאַטעלעי״, אַן אַדרעס, וואָס קאָן אַרויסרופן חשד כלפּי דעם זייער אומסימפּאַטישן פרעגער. מילא, לעניך — געהער ער דאָך צום גאַנצן פאָלק, כ׳מיין: צו אַלע פעלקער; אָבער שרייבערס? אין אַזאַ הילוך? אין אַזוינע וואָילאַקעס? אין אַזאַ אַרומגעשאָסענעם פּוילישן שינעל? חסר דעה! די מאָסקווער שרייבערס וועלן מיר שוין מוזן מוחל־זיין פאַר מיין נישט וויזיטירן זיי.

זיך אַראָפּגעלאָזט צו דער אונטערערדישער באַן, ווו ס׳האָט מיך באַגעגענט איר סטראַטעג און בויער, לאַזאַר קאַגאַנאָוויטש — זיין בילד ביים סאַמע איינגאַנג, זיינע יידישע אויגן און סטאַלינישע וואָנסעס. זיך אַראָפּגעלאָזט גאָר אונטן, זיך

אַריינגעכאַפּט אין וואַגאָן, וואָס האָט מיך אין אייניקע מינוט אַרום אַרויסגעשיקט אַרויף, אויבן, אויפן „קראַסני פּלאָשטשאַד". אַ שאָד, וואָס אַזוי גיך. איך בין גרייט געווען אַזוי צו פאָרן אין „מעטראָ" נאָך אַ שעה און צוויי... געווען דאָרט וואַרעם. און ס'האָט זיך געוואָלט שלאָפן. איי, ווען זיי לאָזן מיך אַזוי זיך אויסציִען אויף אַזאַ באַקוועמער באַנק און אַריינכאַפּן אַביסל שלאָף, וואָלט איך זיי מוחל־געווען אַלץ באַנאַנדער.

און — ווידער אַ פראָסט, אַ בייסיקער און בלאָזיקער. האָבן טענות? באַלד זיך אָוועקלאָזן קיין קיעוו און דאָרט... יאָ. גלייכער וואָס־ווינציקער צו טראַכטן. נישט פאַראַן קיין איבעריקע צייט. אַריין אין „אַטשערעט", זיך אָוועקגעשטעלט הינטער אַ לענג פון אַ צוויי קילאָמעטער. קוקנדיק אויפן עולם, וואָס גליטשט זיך צו קבר־אבות, איז מיר געוואָרן קשה: אָט ליגט ער שוין דאָ, דער באַלזאַמיר־טער פאָטער, קיילעכיקע צוואַנציק יאָר מסתמא. צי זעען אים דידאָזיקע הונדערטער עולי־רגלניקעס צום ערשטן מאָל? און קומען טאַקע דידאָזיקע פאַרטשובעטע קאָלכאָזניקעס זיך אָנזאַפּן מיט דער הייליקייט, וואָס פרירט אין דעם מאַרמאָרענעם הייזל — בשכנות מיט דער פּראַוואָסלאַוונער צערקווע און צלמים? גיי און פאַרשטיי. און די „אַטשערעט" רוקט זיך. און הינטער מיר — מיטן אויג נישט צו גרייכן דעם ברעג. אָט איז זי — די נייע רוסישע רעליגיע: דער באַלזאַמירטער טויטער לענין און לאָלקעוואַטער לעבעדיקער סטאַלין. באָזשע...

מיין טראַכטן האָט זיך אויטאָמאַטיש אָפּגעשטעלט. גלייכער אַזוי. נאָך פאַראַן צו רוקן זיך אין ריי מסתמא אַ האַלבן קילאָמעטער, ווי פּלוצים האָט מיך אָפּגעריסן פון אָרט אַן אייליק געלויף צום קעגנאַיבערדיקן טראָטואַר. וואָסי ס'געלויף? ווי לאָזט מען דאָס איבער די ריי, אין וועלכער מען פרירט שוין אַזוי לאַנג און מען לאָזט זיך אַוועק אין אַזאַ מהומהדיק געלויף איבער דער ברייט פונם רויטן פּלאַץ און דאָרט... אוי, דאָרט... אויך איך בין געלאָפן. און נישט קיין חרטה־געהאַט. נישקשה. לענין וועט נישט אַנטלויפן און די הייסע קישקע־לעך... האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אויף יענער זייט, אויפן טראָטואַר אַנטקעגן דעם טויטן לענין, פאַרקויפט מען אין אַ קיאָסק לעבעדיקע, הייסע קישקעלעך — איין רובל אַ שטיק... אָ, דאָ פיל איך זיך היימיש. שוין דורכגעמאַכט די לעקציע: אַ שטויס און אַ שטופּ און — אַ קישקעלע וואָרעמט מיך אויף דער האַנט און צווישן די ציין... איז די צרה: נאָר איין קישקעלע. און אין אַזאַ פראָסט ווילט זיך נאָך און נאָך. זע איך ווי דער רוסישער עולם (איי, וואַנקע!) לויפט ווידער און ווידער — פון קיאָסק צום ברעג — היין און צוריק מיט קישקעלעך... בין אויך איך געלאָפן... געהאַט מזל: מאַסקווע האָט מיך אויפגענומען מיט צוויי הייסע קישקעלעך. מער האָט נישט געסטייעט.

און תיכף, ווי דער „לאַראַק" האָט זיך געשלאָסן, האָט דער קישקעלעך־עולם — אין וואַילאַקעס, לאַפּטשעס און אויך שטיוול — זיך צוריק אַ לאָז געטאָן אויפסניי אין „אַטשערעט" צום געלן גאַט, וואָס ליגט אַ פאַרגלאָזטער אינם מאַרמאָרנעם הייזל. און ווידער רוק איך זיך אין ריי און קוק — צוזאַמען מיט אַלע — צום „לאַראַק" אַנטקעגן: אפשר עפנט ער זיך? אפשר וועט מען ווידער דערלאַנגען קישקעלעך? — — — אָט שויןביים אַריינגאַנג אין מאַוזאָליי. זיך אַראָפּגעלאָזט אייניקע טרעפּלעך. „ער" ליגט אין אַ קאַסטן אונטער גלאָז. בלויז די אייבערשטע העלפט, דער קאָפּ. אַ וואַקסענע לענין־מומיע. דאָס בערדל פריש פאַרקעמט און פאַרשמינקעוועט. דער אונטערשטער טייל — ליידיק, פאַרדעקט מיט אַ שוואַרצער טוך. איז עס טאַקע „ער"? נישט פאַראַן קיין צייט צו פאַרשן. אַ קוק און „ופּעריאַד". יאָ, אינדרויסן, אונטערן קאַלטן הימל, מעג איך באַשטעטיקן דעם פאַקט: אַזוי זענען פאַראייביקט אין שטיין, האָלץ און אייזן — אויך בודאַ און אויך יעזוס און אויך אַלע די געטשקעס און געטשלעך און הייליקייטן; קוקן דאָך אויפן לענין־געטש די פראַוואָסלאַוונע צלמים אויף די צערקוועס אַרום דער הייליקער קרעמל־מויער. די רוסן האָבן פון זייער רעוואָלוציע, נאָכן אויסהרגענען די צאַרישע געטער, פאַראייבעריקט אייגענע צוויי: אַ טויטן מיט אַ קורץ בערדל און אַ לעבעדיקן מיט לאַנגע וואָנסעס... שטראָף מיך נישט, קאָמוניסטישער גאָט, פאַר די בייזע מחשבות — — —

אַרויסמאַרשירט פון דער רעליקוויע, געקוקט אויף די פּנימער פון מיינע מיטמאַרשירער: וואָס טראַכטן זיי, די פאַרלאַטעטע קאַלכאָזניקעס און פאַר־לאַפּטשעטע קאַלכאָזניצעס וועגן דעם־אָ, וואָס ליגט אינעווייניק — האַ? דער פראָסט — אַ בריענדיקער: אייז געפרוירן רוסלאַנד — פון טשעליאַבינסק ביז מאָסקווע. עך, באַטיושקאַ ראָסיאַ! איך האָב נאָך געוואָרפן אַ לעצטן בליק צו דער רויטער קברים־וואַנט, ווו עס זענען איינגעמויערט די קעסטלעך אַש פון די רעוואָלוציאָנערע אַפּאָסטאָלן.

אַוועק צום „מעטראָ", צום וואָקזאַל. קיין הייסע קישקעלעך איבערן וועג מער נישט באַגעגענט. אַ שאָד.

2. אַ וואַרעם־יידישע שטוב — בשכנות מיט באַגדאַן כמעילניצקי

מערץ 1941. שניי־נאַסער פאַרטאָג. אייליק געשפּאַן איבער טראָטואַרן. פופייקעס, פוטערנע היטלען און „מאַטשעיוווקעס" מיט ברייטע, אַרויפגעריסענע דאַשקעס. אַ נעפּל הענגט אַראָפּ פון גראָען הימל, פאַרטשעפּעט אויף דעכער, מישט זיך אויס מיטן ווייסן רויך פון די קוימענס.

איך גליטש זיך אין מיינע אָפּגעניטע וואַילאַקעס איבער די קיעווער גאַסן —

באַרג־אַרויף, באַרג־אַראָפּ — זוך אַ גאַס מיטן נאָמען טראַיצקי פּערעאולאָק. ווייזט זיך אַרויס, נאָך לאַנגע בלאָנדזשעניש, אַז אַזאַ מין גאַס איז כלל נישט בנמצא אין קיעוו. עס איז בלויז אַ ווינקל פון אַ גאַס, אַ געסלקע. און מיך אינטערעסירט איצט נישט די גרייס און לענג פון דערדאָזיקער גאַס; אויך נישט דער הימל און די קוימענס און נישט די מענטשן מיט זייערע פּוטערנע אויערן־היטלען און אַרויפגעריסענע דאַשקעס. ניין. איך בין דורכגעפרוירן, הונגעריק און — במחילה גמורה — לייזיק און בייסיק. בין אויך גרייט מוחל צו זיין אויף אַ טייל פון מיינע בענקענדיקע פאַרגעניגנס, ווען — מען דערלאַנגט מיר אַ צייטונג, אַ ידיעה, וואָס עס טוט זיך מיט דער מלחמה און וואָס עס הערט זיך העט־דאָרט — נישט ווייט פונדאַנען — אין וואַרשע... אַוודאַי לויפן פאַרביי בירגערס מיט אַ „פּראַוודאַ", מיט אַ „זוועזדאַ", אָבער ווײ־ווײ: פּעטע סטאַלין־קעפּ פאַרנעמען דעם אויבנאָן. ער שמייכלט, דער „פאָטער", ער רעדט — „ער" און די קוקורוזע־קולטור פאַרנעמען און באַשיינען דעם אויבן... און אפשר האָט זיך שוין די מלחמה געענדיקט? — — —

אַן אַלטיטשקער שטעלט פאַמעלעכע טריט איבערן נאַסן טראָטואַר. מסתמא מאַכט ער שוין נישט קיין לעבן פון אַרבעט. אָפּגעטאָן ס'זייניקע. האָט ער צייט. האָב איך זיך אויסגעגלייכט מיט אים. זיינע וואָנסעס — פאַרגעלבט פון טאַבאַק. דאָס פּנים — צעקנייטשט פאַרמעט. איך פרעג אים אויף מיין געזוכטן אַדרעס. ער לייגט אַרויף אַ האַנט אויף מיין אַקסל, קוקט מיך אָן זייער גרינטלעך און פאָרשעריש. ער האָט אין מיר תיכף דערקענט — „אַ פּלעננִיק", אַ באַפרייטן פּוילישן סאָלדאַט. אָ, האָט ער שווער אָפּגעזיפצט און זיך גענומען פאַר מיר אָפּרעדן וועגן זיינעם אַ געפאַלענעם זון ביי די טויערן פון לעמבערג, ביים באַפרייען דורך דער רויטער אַרמיי מערב אוקראַינע. ביזאיצט איז אים נישט קלאָר פון וועמענס קויל דער זון איז געפאַלן — פון אַ פּוילישער אָדער דייטשער. אויך די „וולאַסט" האָט אים נישט געגעבן קיין קלאָרע תשובה... מיר שפּאַנען צוזאַמען. ער גייט טאַקע אין יענער געגנט, וואָס ליגט אין קרייז פון כמעלניצקי־מאָנומענט. איצט איז מיר שוין צוביסלעך קלאָר דער וועג. וועל איך זיך אָוועקלאָזן אַהין מיט גיכע טריט. שווער מיר נאָכצושפּאַנען דעם אַלטן מיט זיינע טשערעפּאַכע־טריט.

זיך אַוועקגעגליטשט. ווידער באַרג־אַראָפּ און אַרויף און — יאָ: אָט זיצט ער אויפן פערד, דער פאַגראָמשטיק־העלד... באַגדאַן כמעלניצקי! דערדאָזיקער נאָמען האָט דאָך אָנגעוואָרפן אַזויפיל שרעק אויף יידן און יידישע שטעטלעך... ווי שייך, ער זאָל גאָר זיין אַ העלד ביי די סאָוועטישע באַפרייערס?

„טראַיצקי פּערעאולאָק? אָט, רעכטס, אַנטקעגן".

אויף איינעם אַ שטאָק, אויף איינער אַ טיר — צוגעקלעפּט צעטעלעך מיט נעמען.

ביי יעדן נאָמען — וויפל מאָל צו קוועטשן אויפן עלעקטרישן קנאָפּ. אַ פרוי עפנט די טיר. מיין נאָמען? אויף איר פנים צעלייגט זיך אַ שמייכל מיט אַלע יידישע חנען. זי ווייס שוין אַלץ. דער מאַן וועט באַלד קומען. זאָל איך דערווייל זיך מאַכן באַקוועם. ס׳איז דאָך אַזאַ קרירה. זאָל איך זיך פילן היימיש. אַראָפּ־וואַרפן די וואַילאַקעס. אַט אַזוי. אַנוואַרעמען די פיס.

איין־צימער־וווינונג. די קיך — אין קאָרידאָר. יעדע ווילע לויפט די פרוי אַרויס, אַ בליק וואַרפן צום געקעכטס. דערנאָך איז געקומען אַ טעכטערל פון שולע. דערנאָך — דער מאַן. ער האָט מיך לאַנג געהאַלטן אין זיינע אָרעמס. אַ הויכער, אַ בלאַסער: אין די מיטעלע יאָרן. ער האָט מיך אָנגעקוקט. פון זיינע אויגן — די גוטסקייט אַליין. ער דאַרף מיר נישט פרעגן. פון מיינע בריוו איז אים אַלץ קלאָר. איצט איז אים געבליבן איינס — צו קרעכצן. און אַזוי האָט ער געטאָן. און פון זיין קרעכצן אַרויס טראָגט זיך דער יידישער ווײ אויפן חורבן, אויפן יידישן חורבן, וואָס קומט־פאָר ממש הינטער די פענצטערס — — —

„איך וואָלט אייך דערקענט אין גאַס — האָט ער פלוצים אַ זאָג געטאָן — אַפילו מיר האָבן זיך קיינמאָל נישט געזען״...

דאָס דרינגט ער אַרויס פון מיינע בריוו, ווו כ׳האָב זיך פאַר אים פאַרגעשטעלט מיט אַלע פרטים, אַפילו די וואַילאַקעס און דעם פוילישן שינעל נישט פאַרגעסן. „אָבער פאַר אַלעם — האָט זיך אָנגערופן די פרוי — דאַרפט איר זיך אָפּפרישן נאָכן לאַנגן וועג״.

געהייסן האָט עס, אַז כ׳דאַרף זיך אַרומוואַשן, אַרומראַזירן, אַביסל זיך איבערטאָן. יאָ. בלויז „אַביסל״. מחמת די קעלט וועט נישט דערלאָזן, כ׳זאָל זיך באַפרייען פונם אומגעלומפּערטן שינעל און קיין פאַרבייט האָבן מיינע גוטע גאַסטגעבערס נישט אויף זיין אָרט. דערפאַר אונטערוועש — יאָ.

און תיכף איז געוואָרן:

דאָס איינציקע פענצטער פאַרשטעלט מיט אַ „שפּאַניש״ ווענטל. די מאַמע דאַרף זיך פאַרנעמען מיטן טעכטערל, וואָס איז געקומען אויף מיטאָג פון שולע. דער־פאַר איז זיך דער מאַן מטפל מיטן גאַסט. ער פאַרבעט מיך אַהינטערן ווענטל. דאָרט שטייט אַ שיסל וואַרעם וואַסער. ממש אַן אויפלעבונג. זיך אַרומגעוואַשן און אָנגעטאָן אַ ווייס העמד. נישט איבערגעביטן נאָר אָנגעטאָן ממש. שוין אַזוי לאַנג, יאָרן שוין, וואָס כ׳טראָג נישט קיין העמד... יאָ. און אַ בעטל אויך אַוועקגעשטעלט הינטערן ווענטל. דורכן פענצטער קוקט אַריין די קיעווער זון — אַ קאַלטע, אָבער אַ היימישע, אַ מענטשלעכע און דאַכט זיך — אַ יידישע. אַוונט. מיר זיצן ביי טיי. ערשטער אָוונט אין שטוב פון אַ יידיש־סאָוועטישן שרייבער. נישט שרייבערישע ענינים האָבן אונז צונויפגעברענגט — — — יידיש־מענטשלעכע. דאַכט זיך: נאָר מיט אַ יידישן שרייבער קאָן זיך פאָרן

מענטשלעכקייט. און אפשר בין איך זיך טועה. גראָד דאָ האָבן דאָך אונז צונויפגעשידוכט בישט־יידישע שרייבערס פון מאָסקווע. נו, גלייכער נישט צו חקרנען. איצט פיל איך זיך גוט מיט דידאָזיקע יידן, אין דער יידישער שטוב.
— אַזוי היימיש און אַזוי גוט, אַז עס ווילט זיך מיר אָפּטאָן עפּעס אַ נאַרישקייט: גלעטן און האַלזן זיי אַלע. ווי איך דערפיל אָבער תיכף, זענען די מענטשן דאָ נאַטירלעך: זיי האַלטן מיך פאַר אַן אייגענעם און פאַרלאַנגען נישט דערפאַר קיין לויב... מיר שמועסן, אָבער אונזער שמועס בינדט זיך נישט. עס ווערן דערמאָנט נעמען פון יידישע שרייבערס. ער ווייזט מיר סטאַלינס ווערק, געבונדן אין לעדער און געליישט מיט גאָלד. זיי פאַרנעמען אין זיין ספרים־שאַפקע דעם אויבנאָן. אויף זיין פנים ליגט אַ צופרידענער שמייכל. און אפשר איז דער שמייכל אַ טרויעריקער? פאַראַן מענטשן, וואָס לאַכן אויך אין טרויער. יאָ. פאַראַן טרויעריקע שמייכלען... עס ווילט זיך מיר שמועסן אָן איבעררייס. פירן אַ שמועס, וואָס זאָל זיך ציען פון יעמאַנזשעלינסק ביז קיעוו און ווייטער. איך פּרוביר. וועל אויך אַריינפלעכטן דעם בריוו מיינעם און וועלן וויסן, וויאַזוי ער האָט געגרייכט פון מאָסקווע קיין קיעוו. און בכלל: ווי זאָגט מען ניט אַ דאַנק דער משפחה דערדאָזיקער פאַר איר הכנסת־אורחים? — — — ג. ב. האָט מיך אַרונטערגעפירט הינטערן וועגטל און געוווּנטשן אַ גוטע נאַכט... דערמיט האָט זיך געענדיקט אונזער שמועס, וואָס האָט גאָרנישט געזאָגט און גאָרנישט געמיינט. וואָס אמת — אין בעט זיך געפילט זייער אומבאַקוועם: איין צימער, אַוועקגענומען דאָס איינציקע פענצטער, צעשטערט די אינטימקייט פון אַ יידישער משפּחה... צומאָרגנס האָט מיך ב. אַרויסגעפירט באַווייזן קיעוו. איך מייד־אויס צו פרעגן; וויל אַפילו נישט וויסן וואָס ער טראַכט מכוח „תכלית” פאַר מיר. איך באַמי זיך צו הערן און וואַרטן. און אָט באַווייזט מיר מיין באַגלייטער אַ ברויט־קראָם: „מען גייט אַריין און מען נעמט. אַ קילאָ ,אויף דער האַנט׳. ווייס ברויט. און אויב וויל אימעצער נאָך אַ קילאָ, גייט ער ווידער אַריין און באַקומט ווידער”...

שוין לאַנג הינטער אונז דער כמעלניצקי־דענקמאָל. האָב נאָכנישט געפונען די געהעריקע ווערטער, צו פרעגן די געהעריקע קשיא... בכלל, רעדט ער און איך הער. גלייכער אַזוי.

„אָט איז דער כרעשטשאַטיק. מיר וועלן נאָך דאָרט שפּאַצירן. איצט פאַרקערעווען מיר אויף טשערוואָנאַ־אַרמייסקאַ. דאָ געפינט זיך אַ שולע פאַר יונגע יידישע טאַלאַנטן מיט שרייבערישע פעאיקייטן. אַ רעגירונג־שולע. אַזעלכענע געפינען זיך אַ סך אין די גרויסע שטעט פון ראַטנפאַרבאַנד. אַלע פעלקערשאַפטן פאַרמאָגן דאָס. יידישע קינדער, פון קינדערגאָרטן ביז אוניווערזיטעט, רעדן, שרייבן און לערנען יידיש... איר וועט זיך באַלד באַקענען מיט זיי”.

אין דעם־אָ הילוך? איך שעם זיך מיט מיין אויסטערלישער הלבשה. וויל פּטור־

ווערן פונם משונהדיקן שינעל... האָב איך זיך דערוועגט אַ פרעג צו טאָן: „אפשר איז מעגלעך, חבר... אַריינצוגיין ערגעץ אין אַ קראָם און על חשבון הגביר צו נעמען אַ מאַנטל, כ׳מיין: קויפן אַ מאַנטל, שיך...

ב. האָט איינגעשטאָכן זיין בליק אויף ערגעץ אַ פונקט. מעגלעך, ר׳האָט מיין שאלה נישט געהערט און אפשר יאָ... סייווי — געבליבן אָן אַ תשובה. גוט. מער וועל איך נישט „דערקוטשען״. אויב פילט ער זיך גוט צו שפּאַצירן מיט מיר איבער די צענטראַלע קיעווער גאַסן און מיך צו־פירן צוגאַסט — דאַרף אויך מיר זיין ניחא. בכלל: איז ער דאָך נישט מחויב צו טאָן פאַר מיר איבער זיינע כוחות — — —

3. מיט יידישע שרייבערס אין אַ יידיש־טעמפּל

טשערוואָנאַ־אַרמייסקאַ, אַ גאַס צווישן קיעווער רוישיקע גאַסן. אויסערלעך טיילט זי זיך נישט אויס מיט אירע מאַסיוו־אַלטע בנינים, מיטן איילקן געגיי פון אירע באַווינערס און מיט אַלץ, וואָס דערמאָנט אַ פאַרמיטאָג־שעה אויף אַ טומלדיקער גאַס. בלויז איין פונקט איז דאָ פאַראַן, וואָס האָט אַ ספּעציפישן חן פאַר — יידן. דאָס איז דער יידישער היכל, אַ מין בית־המדרש פאַר יידיש־לומדים לויטן סאָוועטישן שטייגער — באַווירצט מיטן יידישן אלף־בית. באַלד וועלן מיר זיין דאָרט. מיין פירער איז ספּעציעל שטאָלץ דערמיט. באַלד זיך צונויפטרעפן מיט תלמידים און מתמידים... און מיט יידישע שרייבערס, די מאָדערנע ראשי ישיבות, בעלי־השיעורים און שאַרפע קעפּ.

מיר שפּאַנען איבער אַ לאַנגן קאָרידאָר. פון ערגעץ נאָענט — אַ רעש; טירן עפענען זיך, פאַרקלאַפּן זיך. מיר שטעלן זיך אָפּ נעבן אַ קיילעכיקן טיש אין אַ ברייטן דורכגאַנג ביים סוף אָדער מיטן פונם לאַנגן קאָרידאָר. ג. ב. שמייכלט צופרידן. ער ווייזט דורכן פענצטער, ווו שילערס באַוועגן זיך אויפן הויף מיט רעש. יידישע יוגנט. איך קוק זיך זשעדנע איין אין די פנימער פון דער יידיש־יידישער סאָוועטישער יוגנט, וואָס לערנט די תורה פון זיין יידישע שרייבערס. שווער אָפּצורייסן דעם בליק פונם דאָזיקן פענאָמען. ביז אימעצער האָט מיר אַ ריר געטאָן ביי אָן אַקסל. דאָס האָט מיין גאַסטגעבער מיך פאָרגעשטעלט פאַרן דירעקטאָר פונם אַנשטאַלט, דעם שרייבער אָרלאַנד. אַלץ אויף אים שמייכלט — זיין גלאַט פּנים, גלאַטער קאָפּ, די אויגן. עס טראָגט זיך פון אים אַ וואַרעמקייט. מיר האָבן זיך אָנגעשפּאַרט ביים טיש און אַזוי, שטייענדיק, זיך אַ וויילע אָנגעקוקט. איך וואַרט אויף אַן „אַרויסרוף״. סוף־סוף בין איך דאָך אַ פרעמדער דאָ, אַ היימלאָזער; אמת, צווישן אייגענע... יאָ, צווישן אייגענע זיך גענומען פילן, ווען דער טיש איז געוואָרן געדיכט אַרומגעשטעלט מיט טשעקאַווע יידן, מיט שרייבערס, לערערס — דערציערס.

אין מיטן די לעקציעס. די אַריינגעקומענע האָבן, זעט־אויס, געוווּסט פון מיין באַזוך, דערפאַר טוען זיי צו מיר אַזוי היימיש שמייכלען, ווילן וויסן עפּעס פון „יענער זייט״; ווי האָבן דאָרט געלעבט יידן, יידישע שרייבערס און אַלץ דערמיט — האָ? בישט איינער האָט אַזוי שמייכלדיק אַרויסגעלאָזט אַ קרעכץ, אים גיך אַראָפּגעשלונגען און — געשוויגן. מען האָט געברענגט טיי. אַ קבלת־פּנים „אויף איין פוס״. אַ צוויי מבינים אויגן קוקן אויף מיר מיט בענקשאַפט צום פוילישן ייד. אַ קאָלעקטיוו שווייגן. בלויז אויגן רעדן.

טו איך אַ פרעג ביי אָרלאַנדן:

„מיינט איר טאַקע באמת צו דערציען יידישע שרייבערס דאָ?״

„ניין. קיין שרייבערס, אויך יידישע, דערציט מען נישט. דאָס מוז קומען ממילא. אָבער יידישע לייענערס קומען זיכער אַרויס פונדאַנען און דאָס — מיט דער הילף פון אונזער רעגירונג; איר דאַרפט דאָס פאַרשטיין״ — האָט ער אַקצענטירט די לעצטע ווערטער.

דעם שמועס פאַרגעזעצט אויף דער גאַס. אָרלאַנד האָט מיר געוווּנטשן, כ׳זאָל פאַרענדיקן דעם נע־ונד און ווערן אַ טייל פון דער יידיש־שאַפערישער אינטע־ליגענץ דאָ. שפעטער האָט מיר ג. ב. געזאָגט, אַז עס ווערט געטאָן מ׳זאָל מיך דאָ איינאָרדענען. „אָבער דאָס לעצטע וואָרט האָט די מיליץ: אויב זי וועט וועלן צושרייבן אַ פאַראַגראַפניק צווישן די איינוווינערס פון דער שטאָט קיעוו״... שפּאַנען מיר איבער טאָפּטשענדיקע גאַסן און געסלעך און שווייגן. אַ פאַרבאַרגענער שמייכל קוקט אַרויס פון מיין באַגלייטערס אויגן. אויף זיין בלאַס, לענגלעך פּנים — אויסגעגאָסן די באַקאַנטע יידישע גוטסקייט פון אַ היימישן ייד און יידישן שרייבער.

4. וואַרשע ברענט; — אויפן בוידעם פון קיעווער „שטערן״

אייניקע טעג שפּעטער — ווידער אויף אַ שפּאַציר. דאָס מאָל — צו דער רעדאַקציע „שטערן״, וואָס געפינט זיך אין איין לאָקאַל מיט דער „זוועזדאַ״. וואָס־אמת, אינטערעסירן מיך נישט די צייטונגען גופא, מיך, דעם „צייטונג־פרעסער״. די סאָוועטנמאַכט פאַרמאָגט דעם כוח: אָפּצוגעוויינען פון עסן און פון לייענען צייטונגען... דער „שטערן״ און צוזאַמען מיט אים די רעשט צייטונגען — קאָפּירן איינער פון צווייטן. קיין אָריגינעלער געדאַנק, קיין פובלי־ציסטיק, קיין שרייבערישע פּען. אָבער איך דאַרף דאָך „אַריינוואַקסן״, כאָטש — פון די שמועסן ביי מיינע גאַסטגעבערס פיל איך בפירוש, אַז גיכער וועל איך פון דאַנען „אַרויסוואַקסן״.

אין רעדאַקציע „שטערן״. אונטן — גערויש פון לינאָטיפּן און געוויינלעכער טומל פון אַ דרוקעריי. אַ ווייל זענען מיר געשטאַנען ביים אַריינגאַנג. ב. בלאַנדזשעט

אַרום מיט זיין בליק. זוכט אימעצן. עס לויפט פאַרביי אַ יונגערמאַן אָנגעטאָן אין אַ „רובאַשקע״. אַרומגענומען מיט אַ ברייטן פּאַס. אין זיינע הענט — פּריש־אָפּגעצויגענע „לאָקשן״. מיין בליק זיך אָנגעשטויסן מיט זיינעם. ער האָט מיך זייער אומצופרידן אָנגעקוקט. זיינע בייזע אויגן פאָרן זיך מיט דער רובאַשקע. דאַכט זיך, ערגעצוואו אים געזען — אין ביאַליסטאָקער „שטערן״?

מיר הייבן זיך איבער שמאָלע טרעפּלעך — אַ קאַלט בוידעם־שטיבל. נעבן אַ טישל — אַן עלטערער ייד, אַריינגעטאָן אין אָפּגעדרוקטע פּאַפּיר־בייגעלעך. ער דערלאַנגט מיר אַ געפרוירן פינגער־בינטל. זאָגט זיין נאָמען, אָבער איך האָב ליידער נישט דערהערט. זיך פאַנאַנדערגעשמועסט. איך וויל דווקא וויסן וואָס עס טוט זיך אין דער וועלט. העכער אַ יאָר גאָרנישט געהערט. און אַזאַ מלחמה! איז דאָך דער בעסטער פּלאַץ פאַר אינפאָרמאַציע — אַ רעדאַקציע. דער אַלטער טוט אַ טרייסל מיטן קאָפּ — אַ טרוקענער שאַרבן מיט טיף־פאַרקוועטשטע אויגן אונטער גראָע ברעמען; ער ציט־אויס אַ האַנט צו אַ ווינקל, וווּ ס׳הענגט אַ בוידעם־טירל:

„זייט מוחל און קריכט דאָרט אַריין וועט איר אַלץ וויסן״...

לכתחילה נישט תופס־געווען די כוונה פון זיינע רייד. ערשט, ווען ב. האָט מיך צוגעפירט צום טירל און כמעט אַריינגעשטויסן אינעווייניק, האָב איך זיך געכאַפּט, אַז דאָ, אין דעם געפרוירענעם און פאַרעיפּושטן בוידעם, געפינט זיך אַן אוצר: פּעק מיט יידישע צייטונגען פון גאָרער וועלט. אייליק גענומען מישן די ניו־יאָרקער צייטונגען. פון די „קעפּ״ — אַ מישונג אין מוח: צעשאָסענע יידן, חרובע קהילות, פאַרברענטע שטעט, געטאָס... טויטע, טויטע, טויט ———

ווי לאַנג בין איך אַזוי געזעסן אין דעם קאַלטן בוידעם, אויף די פּעק פאַרשטויבטע צייטונגען? וואָלט מיך ב. נישט אַרויסגעפירט פון דאָרט, וואָלט איך אינעווייניק פאַרבליבן — אַ פאַרפרוירענער, אַ דערשטיקטער.

אויפן טישל — טיי. איך פאַרקוועטש דעם קאָפּ צווישןביידע הענט און שווייג. אַלע דריי שווייגן. ביים געזעגענען האָב איך געוואָלט וויסן, הלמאַי דער יידישער „שטערן״ פאַרשווייגט דעם יידישן חורבן אין אייראָפּע. דער אַלטיטשקער האָט זיך אויפגעשטעלט, מיך אַרומגענומען, צוגעדריקט צו זיך, ווי ר׳וואָלט חשק געהאַט זיך אין מיר אָנצוואַרעמען. ער האָט מיט יאוש אַ זאָג געטאָן, טרייסלענדיק מיטן גאַנצן גוף:

„אפשר. מסתמא וועט מען נאָך שרייבן״...

די קיעווער גאַסן זענען באַדעקט מיט צעשמאָלצענעם שניי. עס רינט פון די דעכער. מיטן טאָג־שעה. אַ געדיכטע מענטשן־מאַסע איילט גאַס־איין, גאַס־אויס. די זון דערציילט וועגן אָנקומענדיקן פרילינג. להיפוך די מענטשן: ווי איינגע־

הילט אין אַ וואָלקן, אַ כמאַרע — נישט קיין שמייכל, נישט קיין שטיפן פון שולקינדער. שאַ. אַלץ איז ערנסט, זייער ערנסט. אַ שווייגן. בלויז דער טראַמוואַי־געקלאַנג גיט אַריין „לעבן" אינם כרעשטשאַטיק און פאַדאָל.

מיינע וואָילאַקעס לאַכן שוין גאָר. עס האָט זיך געמאַכט אַן עפּענונג אינם סאַמע רעכטן שפּיץ נאָז און פון די זוילן — לאַנג קיין זכר נישטאָ. דער איינציקער ראַטונעק צו מיינע פיס — די אָפּאַנע־קאַלאָשן; האָבן זיי אַ טבע צו פּאַטשן אינם שניי־קויט און מיך צו באַשפּריצן ביז העט אַרויף, ביז אונטערן קאָלנער פון מיין צעשויבערטן שינעל... ווי לאַנג איז דער שיער צו זיצן ביי מיינע גאַסטגעבערס — ממש אויפן קאָפּ זייערן? אמת, וואָס־לענגער כ׳געפין זיך ביי זיי — שוין דער זעקסטער טאָג — וואַרעמער זייער באַציאונג, אָבער — תכלית! אַוודאַי האָט מיך ב. באַרואיקט, אַז מען טראַכט וועגן מיר און אַז דער „ענין" ליגט שוין „אויפן ריכטיקן פּלאַץ"; אם כן — געפּרוווט אַ שמועס טאָן מכוח דינגען ערגעץ אַ צימער ביז דער תשובה, וואָס קאָן זיך פאַרציען חדשים.

„דאָס נישט — האָבן מאַן־וויב מיך באַרואיקט — מחמת, ראשית, זענט איר ביי אונז זייער אַ חשובער גאַסט, ממש אַן אייגענער, אַ משפּחהדיקער; ושנית, וועט אייך קיינער נישט פאַרדינגען קיין צימער, ווייל אַזוינס איז נישט בנמצא; חוץ מזה דאַרפט איר זיין „צוגעשריבן" ושלישית — וועט די גאַנצע מעשה דויערן נאָך אַ טאָג און אפשר דאָס אויך נישט".

וכך הווה.

צומאָרגנס, נאָכן דאַזיקן שמועס, ביים אויפשטיין פרי הינטערן „שפּאַנישן" ווענטל, זיך אַרומוואַשן און איבערבייסן — האָט ג. ב. מיר אָנגעזאָגט די בשורה (וואָס ער האָט נאָך נעכטן געוווּסט, אָבער געוואָלט כ׳זאָל האָבן אַ רואיקע נאַכט), אַז די מיליץ וויל מיך נישט „צושרייבן" אין קיעוו, מחמת אויף מיין „אודאָסט־וואָרעניע" געפינט זיך דער באַקאַנטער פּאַראַגראַף, וואָס דערלויבט מיך נישט צו באַזעצן זיך אין גרויסע שטעט. איז איין מאָל אַוועק. און צום צווייטן מאָל: „וועט איר פאָרן קיין נייזלאַטאָפּאָל. דאָרט איז אַ יידישער ראַיאָן מיט אַ יידישער אָנפירונג און יידישע שרייבערס און אַ יידישע צייטונג דערשיינט דאָרט... אַ היימיש־יידישע געגנט, ווו איר וועט ממש אויפלעבן און זיך פילן ווי אין אַ פּויליש־יידיש שטעטל, וואָס איר בענקט דאָך דערצו זיכער מיט אַלע אייערע רמ״ח אברים... איך האָב פאַר אייך צוגעגרייט אַ צאָל בריוו צו חברים דאָרט, וואָס וועלן אייך אויפנעמען און העלפן איינאָרדענען. אַפילו אַ בילעט שוין אויך צוגע־גרייט... חברים וועלן אייך דאָרט אָפּוואַרטן ביים אַריינפאָר אין שטעטל. נישט געדאגהט!"

איך דאַגה נישט. וואָרום, בסך־הכל איז דאָך ג. ב. מיר גאָרנישט שולדיק און ער מוז נישט טאָן, וואָס ער טוט פאַר מיר. אויך צו פילן, אַז דער נייזלאַטאָפּאָל־

פלאַן איז געווען צוגעגרייט פון פריער. און דאָס מיט דער הילף פון די שרייבערס דאָ. וואָרום, לכתחילה געווען קלאָר, אַז די זיכערהייט־וולאַסט וועט מיך נישט לאָזן זיך באַזעצן אין קיעוו — אַ געקומענעם פון אַלדע רוחות און מיט אַ פּאַראַגראַף דערצו — — — און דערפאַר — מיין באַוווּנדערונג פאַר דעם גוטן פּאַרפאָלק, וואָס האָט מיך געהאַלטן ביי זיך קרוב צוויי וואָכן און פאַר די שרייבערס בכלל, וואָס האָבן מיך געלאָזט איבער די געהייליקטע שוועלן פון די סאָוועטישע אינסטיטוציעס... נו, אַלץ בלייבט איינגעהילט. אויך דאָס — וואָס מיין בריוו קיין מאָסקווע איז גראָד געשיקט געוואָרן צו ג. ב.: וואָס, וויאַזוי און צוליב וואָס? אַ שווייגן. ווי כ׳וואָלט געקומען צו אַ גוטן קרוב פון ווייטע מקומות, סתם אַזוי — — -- בכלל: פאַרוואָס האָט זיך מיט מיר מטפל געווען אַזאַ סאָוועטישע אינסטיטוציע, ווי דער שרייבער־פאַריין? נישט קלאָר. וועל ביי קיינעם נישט פרעגן. בעסער אַזוי...

אין טאָג פון מיין אָפּפאָר האָט די פרוי פריער צוגעגרייט דאָס מיטאָג און טאָקע אַ ראָסל־פליייש. מיין געזעגענען זיך מיט איר — אָן ווערטער: אַ האַנט־דרוק פון אַ גוטער שוועסטער, וואָס וואַרט אויף בעסערע צייטן, אויף ווידער זיך צו טרעפן — אין נחת און פרייד.

ג. ב. האָט מיך אָוועקגעפירט צום וואָקזאַל, מיך אַריינגעזעצט אין וואַגאָן און לאַנג געפאָכעט מיט דער האַנט — ביז דער צוג איז פאַרשוווּנדן.

5. אַ יידיש שטעטל אין אַ יידישן נאַציאָנאַלן ראַיאָן

אַפּריל 1941. די באַן דערגייט נישט ביז נייזלאַטאָפּאָל. עס בלייבט אַ היפשער מהלך — זיך אויפצוהייבן אויף אַ שפּיץ באַרג און זיך אַראָפּצולאָזן אויף אַ בלאָטיקן וועג, העט אַראָפּ, ביזן גרייכן צום צענטער פונם „יידישן נאַציאָנאַלן ראַיאָן".

באַוואָפנט מיט אַ צענדליק בריוו — פון דער שמנא וסלתא פון די קיעווער שרייבערס — שטיי איך איצט מיט מיין צעפאָכעטן שינעל און צעלעכערטע וואַליאַקעס אויפן שפּיץ באַרג, קוק אַראָפּ און אַרום זיך, וואַרט עס זאָל מיך אימעצער אָננעמען ביי אַ האַנט און אָוועקפירן צום רעדאַקטער פון „דער יידישער קאָלווירטניק". דער אַרום דערמאָנט אָן דעם אַריינפאָר אין אַ היימיש־יידיש שטעטל. יידן מיט קאַשקעטן, מיט צעפלאַשעטע בערד און אָן בערד, שטויסן זיך אויף וועגענער, שלעפּן נאָך זיך פאַרשידענע חפצים, טרייסלען האַסטיק מיט די הענט און רעדן אַ ווילנער, אַ מינסקער און אַ קיעווער יידיש. מחיה נפשות. וואָלט נישט געווען גליטשיק אונטער מיינע זויללאָזע וואַליאַקעס און וואָלטן מיינע פיס נישט געבעטן אַביסל מנוחה, וואָלט איך זיך אַזוי געשטויסן צווישן דידאָזיקע יידן אַ מעת־לעת אַ גאַנצן, אַריינגעזאַפּט אין זיך דעם לעצטן איבערבלייב פון יידישן שטעטל. בפרט — אַז קיינער באַוויזט זיך נישט אויפן

האַריזאָנט: דער פאַרגעזאָגטער „קבלת פּנים" איז בטל געוואָרן... נו, איז טאַקע גוט צו שטיין דאָ צווישן די יידן, וואָס פאָרן אַראָפּ און פאָרן אַרויף און טומלען אין אַזאַ געדיכטן, אַזאַ היימישן יידיש — — אָבער עס ווילט זיך אָוועקזעצן, זיין ערגעץ אין אַ שטוב און עס ווילט זיך אויך אָפּעסן און דורכשמועסן. מאַלע, וואָס עס ווילט זיך...

האָב איך זיך אויסגעגלייכט מיט איינעם אַ ייד, וואָס — בפירוש צו פּילן — אַ קאַפּיטל תהילים איז אים נישט פרעמד און סתם אַזוי אַ זינג געטאָן:

„...הוי, אוי־אוי — ממעמקים קראתיך..."

האָט מיך דער ייד אָנגעקוקט פון אונטן אַרויף, פון די צעשמייכלטע וואַיִלאַקעס ביזן צעעפנטן שינעלסקן קאָלנער:

„אַ ייד?" — טוט ער זיך וווּנדערן אויף מיין נישט־יידישן הילוך.

„און נאָך סאַראַ ייד! — האָב איך אים באַפרייט פון די ספקות — אַ ייד פון יידיש־לאַנד און פון יידן־לאַנד".

„אַ פּוילישער?! — ווי איז מיר! אַ „פלעננער"?"

„ניין. סתם אַזוי אַ שאַריתניק".

„אָ! אַ „בעזשעניעץ"...

ווי פיינט כ'האָב דאָסדאָזיקע וואָרט, האָב איך דאָך זיך געמוזט מודה־זיין און צעשאָקלט דעם קאָפּ אויף יאָ: אַ „בעזשעניעץ". און אַז דער ייד איז גרייט געווען מיך אויסצוהערן, האָב איך אים בקיצור דערציילט מיין געשיכטע: פונוואַנען און וווּהין.

„אַ, מ., דער שרייבער? נו, אַלע קענען דאָך אים. ער דאַרף אייך אָפּנעמען? מסתמא פאַרגעסן. נעמט, כאַפּט אייך אַרויף אויף דעם וואָגן און פאָר אַ דריי קערבלדיקן וועט ער אייך אַראָפּפירן".

תיכף האָבן מיך יידן אַרומגערינגלט, געוואָלט וויסן „וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט" און וואָס מען שמועסט אין קיעוו און וואָס עס הערט זיך אין ראַיאָן. „אַז אַ ייד קומט פון אַזאַ גרויסער וועלט — היינטיקע צייטן! — ווייס ער דאָך מסתמא וואָס צו דערציילן".

פון זייערע אויגן איז אַרויסצולייענען אומבאַהאָלפנקייט און שרעק פאַר עפּעס פאַרהוילנס. ליגט דאָך זייער געגנט אַזוי נאָענט צו דער מלחמה.

„טאָ וואָס זאָגט איר, האַ, וועט עס אונז נישט טרעפן? — האָט דער אָנטרייבער, וואָס נעבן אים האָב איך זיך געטרייסלט, מיר אַריינגעפרעגט אין אויער — ביי אונז שמועסט מען... האַ, איז עס אמת?"

מייבע בליקן זענען איינגעשטאָכן אינם אַרום: נידריקע הייזקעס שיילן זיך אַרויס פון צווישן בלעטער־געדיכטעניש. אויף ביידע זייטן — באַאַרבעטע פעלד־שטחים. גלייך מיטן וועג — גערטנדלעך און געסלקעס — פּויערישע באַלעבאַטישקייט.

„טפררר! דאָ שטייגט מען אויס".

איך האָב זיך געפילט אַביסל פאַרלוירן ביים דערזען זיך נעבן אַ סלופּ, וואָס ווייזט וויפל קילאָמעטער עס איז קיין קרעמענטשוג, וויפל קיין זאַפּאָראָזשע און וויפל קיין קיעוו. נעמען פון היימיש־באַזעצטע יידישע שטעט, אָבער איך אַ — היימלאָזער... אַ ווייל אַזוי געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אָן סלופּ, אַרומגענומען מיטן בליק די הייזקעס, די דעכלקעס, די אַרומלויפנדיקע הינער און, ועל כולם, אַ ברייטע, גאָר ברייטע און גאָר טיפע און פעט־צעגלאַנצטע בלאָטע, וואָס האַלט אין זיך די גאַנצע שטעטלשע זון. דאָס איז מסתמא דער מאַרק און דאָרט־אָ — די הויכע געביידע מיטן שפּיץ פאָרנט — דער בית המדרש, אַ?

קינדער מיט שול־רענצלעך ציען פאַרביי מיר, פלוידערן געדיכט און מיר איז שווער צו „כאַפּן" דאָס לשון זייערס. מעגלעך, אַז זיי רעדן רוסיש, מעגלעך, אויך — אוקראַיניש. איך קוק זיך איין אין זיי. מאָגערע פּנימלעך און אָרעמאַנסקע מלבושימלעך. מיין איינגעשטאָכענער בליק האָט זיי אָפּגעשטעלט און פאַרחידושט. האָב איך דאָס תיכּף אויסגענוצט און אַרויסגעפּלאַצט אין אַן אַקצענטירטן (כמעט ליטעראַרישן) יידיש:

„ווו געפינט זיך דאָ די דירה פונם רעדאַקטער...?"

אַ, ווי פלוידערנדיק די קינדער זענען געוואָרן; ווי יעדער פון זיי האָט זיך געשטויסן דער ערשטער צו מיר און מיך דווקא געוואָלט באַדינען:

„דער שרייבער?"

„דער רעדאַקטער?"

„פון דער קאָאָפּעראַטיווע?"

„פאַראַן ביי אונז אַ פולע אַזוינע"...

איך וויל הערן און הערן. אַ פייכטקייט אין די אויגן. ווי לאַנג, שוין לאַנג נישט געזען קיין יידישע קינדער, נישט געהערט אַזאַ קלינגענדיקן, אַזאַ נאַטירלעכן יידיש!

ווייזט זיך אַרויס, אַז כ'דאַרף גיין אַביסל רעכטס, דורך אַ שמאָל וועגעלע און גערטעלע און — — כ'האָב אַרויסגענומען דאָס פּעקל רעקאָמענדאַציע־בריוו. אין אַ שמאָלן קאָרידאָר שטייט ביי אַ וואַנט אָנגעשפּאַרט אַ ווייבל, קוקט אויף מיר, וואַרט כ'זאָל דורכגיין; האָב איך זי אַ פרעג געטאָן אויפן געזוכטן אַדרעס. דאָס ווייבל האָט זיך דערפילט אומבאַהאָלפן, גלייך ס'וואָלט פאַר איר געשטאַנען מי־יודע־סאַראַ־גאַסט — און זי האַלט גאָר איצט אין מיטן וואַשן וועש.

„אַ — האָט זי אַביסל פאַרשעמט און אַביסל פאַרלוירן אַ זאָג געטאָן — דאָס זענט איר... פון קיעוו. מיר, איך און מיין מאַן, האָבן זיך געריכט, אַז איר וועט קומען אין אָוונט. נו, זייט מוחל און קומט אַריין אין שטוב... היינט האָבן מיר

דאַנערשטיק און די צייטונג ווערט אַרויסגעפּאַרטיקט... איז ער אין רעדאַקציע. נו, זיצט, פּילט זיך היימיש״...

דאָס ווייבל רעדט גיך, אָן אָפּשטעל. אין שטוב — צווי קליינע דאָרפיש־אַרטיקע צימערלעך — שמעקט מיט וועש, מיט זויער און קראָכמאַל. און אַט אַזוי טוען פּאַר מיר אַרויסשווימען מיינע ישיבה־„טעג״ פון העט אַמאָל: געקומען ערגעץ אין אַ שטוב אַפּעסן אַ „טאָג״, איז ער, דער „טאָג״, געווען איינגעטיילט בשותפות — דער בעל־ה„טאָג״ האָט מיר געגעבן קמח, דערפאַר האָט ער באַקומען פון מיר תורה. אַ שותפות־געשעפט, וואָס האָט זיך געצויגן פון עולם־הזה, ביז עולם־הבא. דאָ, איצט זיצנדיק אין דער שטוב פון מיינע נייע גאַסטגעבערס (און „טאָג״־געבערס), ווייס איך נישט וואָס איך וויל פון זיי און וואָס זיי דאַרפן מיר גֶעבן; פּשוט: סאַראַ שותפות־געשעפט האָב איך מיט זיי? — — —

דאָס ווייבל האָט זיך אַנטשולדיקט: זי גייט רופן דעם מאַן און איך זאָל זיך דערווייל מאַכן באַקוועם. נו, בין איך צופרידן, וואָס מ׳האָט צו מיר צוטרוי. דאָס אַליין מאַכט מיך פילן היימיש און באַקוועם. איך קוק זיך אַרום: קליינע פענצ־טערלעך, באַשטעלט מיט געדיכטע בלומען־געוויקסן; אַן איינגעסדרט גערטנדל גרינט זיך און פרישט זיך הינטער די פענצטערס, באַדעקט מיט זון־שפּריצן, וואָס שפּרייטן זיך איבער די ווענט און גרייכן צו מיר, גלעטנדיק מיינע שטעכיקע באַקן, אַ, ווי כ׳נייטיק זיך איצט אָן אַזאַ גלעטנדיקער האַנט!

מ. איז אַריין מיט אַ פרישער צייטונג. איך האָב געהאַט אונטערגעדרעמלט אויפן בענקל. ביים דערפילן אים —זיך אויפגעריסן פון אָרט, אים געוואָלט באַגריסן, אָבער די מידקייט האָט מיך צוריקגעשטויסן... ער האָט מיך אָנגעכאַפּט ביי אַן אַקסל:

„זיצט, שטערט זיך נישט, בלויז אַ קליינע ווילע; אַט באַלד וועט איר אָפּרוען״. אַ שמייכלדיקער, אַ בלאָנדער, פּינטלט אַביסל מיט די אויגן. מסתמא אין די הויכע דרייסיקער. די בריוו? אויך אַן זיי האָט ער געהערט וועגן מיר. חברים פון קיעוו און מאָסקווע קומען עפּטער קיין נייזלאַטאָפּאָל אויף אָפּרו. נישקשה. וואָלט נאָר היינט נישט געווען דאָנערשטיק, ווי ער וואָלט מיר פּאַרלייכטערט דאָס אָנקומען אַהער.

אויפן טיש האָט זיך באַוויזן אַ קריג מיט הייסע מילך, ברויט, האָניק. אַ מלכות־דיקער איבערייס. ביז וואָס־ווען זאָל איך זיך צורוקן צום טיש, איבערכאַפּן.

„ביי אונז, קאָלווירטניקעס — גיט מיר מ. אַ לעקציע וועגן עסן — איז גילטיק דער זאָג: כל זמן שהנשמה בקרבי, — עסן און ווידער עסן און אָבער עסן״... אַריינגעקראָכן אינם ערשטן „טאָג״: אויסגעטרונקען צווי גלעזער הייסע מילך, פאַרביסן און אַוועק זיך אַרומוואַשן. און אַ בעט איז געגרייט. אַ שלאָפבאַנק אַזאַ, אָנגעוואָלגערט מיט קישנס און פערענעס. קודם, זיך אויסרוען און דערנאָך וועט

מען שמועסן. און אויב איך וויל, קאָן איך כאַפּן אַ בליק אין פרישן „קאַלווירטניק״. מ. איז צופרידן מיט זיין נייער באַשאַפונג — ווי יעדער רעדאַקטאָר, וואָס ברענגט אַ פרישע שאַפונג אויף דער וועלט.

דער יידישער קאַלווירטניק״ — פעטע אותיות אין אַ ווינקל פון אַ קורץ זייטל. דער ערשטער „קאָפּ״ איז זיך מטפל מיטן ווייך־אַראָפּנעם און מיט די לעצטע רעזאָלוציעס פון אל.ק.פ.(ב). דערנאָך — האָט געזאָגט דער כאַוער סטאַלין.... זיין „זאָגן״ פאַרנעמט קרובֿ צו צווי פון די פיר זייער מאָגערע זייטלעך. און ווייטער — כראָניק פון קאַלווירטישן פאַרטיי־לעבן, זיצונגען פון ראַיספּאָלקאָם; דער קאָמ־ביינער האָט איבערגעשטיגן די נאָרמע און דער שמיד האָט צוגעשטעלט פּינקטלעך די פּאַדקאָוועס פאַר די אַקער־פערד. אומזיסט געזוכט אַ שורה וועגן יידן, וועגן דער נאַצישער מלחמה קעגן יידן, וועגן אויסראָט פון יידישן אייראָפּע. נישטאָ!

עס טרייסלט מיך. איילִיק זיך אַריינגעוואָרפן אינם צוגעגרייטן בעט. נישט שייך צו פרעגן. בין איך דאָך בלויז אַ גאַסט, אַ מין „טעג״־עסער... איצט בין איך זיך מטפל צו זוכן דעם באַשייד אויף דער שרייבעריש־מענטשלעכער באַציאונג צו מיר: געטריבן פון דער שרייבער־סביבה אין סאָוועטישן ביאַליסטאָק, פאַרטריבן קיין יעמאַנזשעלינסק אויף „איבערדערציאונג״. אפשר. אפשר האַלטן מיינע גוטע גאַסטגעבערס אין קיעוו און דאָ, אַז איך בין שוין אַן „אויסגעמענטשלטער״, ס׳הייסט: שוין ראוי צו ווערן אַ מיטגליד אין דער סאָוועטישער געזעלשאַפט. מעגלעך. והראיה: מ. האָט אין אַ געוויסן טאָג מיר אָנגעזאָגט די בשורה, אַז ער טראַכט ערנסט וועגן אַריינגעמען מיך אין רעדאַקציע. נאָר וואָס דען — „מיר וועלן נאָך שמועסן דערוועגן; עס פאַרלאַנגט זיך נאָך די הסכמה פונם ראַיאָנעם אויספיר־קאָמיטעט און דערווייל קומט אַריין אין רעדאַקציע און באַקענט זיך מיט דער אַרבעט״.

בין איך אַריינגעקומען. וואָרום, סתם אַרומגיין און ציילן די פליגן איז דאָך מסתמא נישט קיין תכלית; און אויך וועט דאָך דערפון נישט זיין קיין פרנסה. און לאָמיך נישט פאַרגעסן: איך געפין זיך אונטער סאָוועטישע הימלען און כ׳קען דאָך נישט פאַרלאַנגען מער פריווילעגיעס פון אַנדערע יידן אונטער די־דאָזיקע הימלען... יאָ, זיך דערווייל באַקענט מיטן זעצער־פערסאָנאַל און מיט אַלץ אַרום דעם. וואָס אַלץ צוזאַמען האָט מיך צוריקגעפירט מיט פופציק יאָר צוריק, ווען יידן האָבן געזעצט אותיות מיט דער האַנט און די דרוקמאַשין איז געדרייט געוואָרן מיט דער הילף פון קאַלבעס — — — פיר פּאָר הענט דרייען ביי צווי גרויסע רעדער, דרייען און אַזוי אַרום — במשך אַ וואָך דרייען — דרייען זיי אַרויס דעם „קאַלווירטניק״.

הכלל: איך וויל נישט „זאַטשעפּען״ מיט מיין גאַסטגעבער, פּרוביר איך

לויבן די „געשמאַקע איינאָרדענונג" פון דער דרוקעריי, אָבער ער ענטפערט תיכף מיט אַ זויערן שמייכל:

„אין וואַרשע האָט מען געמאַכט ציַיטונגען אַביסינקע אַנדערש"...

נו, סאַראַ פאַרגלייך? זענען דאָך דערשינען ציַיטונגען אויך אין מעזריטש און אין ביאַלע און אין שעדלעץ.

„אייער זלאַטאָפּאָל — טו איך אים טרייסטן — איז צו פאַרגלייכן מיט, למשל, אונזער ביאַלע — אַ יידיש שטעטעלע מיט אַלע חנען און מיט אַ ציַיטונג, אויסער־לעך ענלעך צו אייערער"...

איך באַמי זיך אויסצומיידן דאָס פירן „ליטעראַרישע שמועסן". לאָמיר זיך באַקענען מיטן שטעטל. און מכוח „תכלית", נישקשה. מען זאָרגט שוין פאַר מיר. פאַרט צווישן יידן און יחוס עצמי פאַרמאָג איך דאָך אויך... שייך צו זיין פאַר־דאגהט?

אַ באחנט יידיש שטעטעלע. איך האָב זיך תיכף אַריינגעפּאַסט מיט מיין הילוך: אויך דאָ טראָגן יידן צעטאָפּטשעטע וואַליאַקעס און משונהדיקע רעקלעך, וואָס געדענקען נאָך זיכער ניקאָלייקעס ציַיטן.

נייזלאַטאָפּאָל איז אַ צענטער פון יידישע קאָלאָניסטן. ווו אַ קער מיטן בליק — יידן. אויך דער מיליציאָנער — אַ יידיש־רעדנדיקער בחור; און אַז כ'האָב זיך צו אים נענטער צוגעקוקט — געפונען אַ טרייסט: אויך זיינע וואַליאַקעס זענען נישט פיל סימפּאַטישער פון מיינע... הכלל: אַ יידיש שטעטל מיט יידן, וואָס אויך די געציילטע גוים זענען יידן בעל כרחם: זיי רעדן יידיש. און די יידן זענען באַלע־באַטיש איינגעאָרדנט; מיט קאָלעקטיווער שותפות און מיט פּריוואַט אייגנטום: הייזקעס מיט גערטנדלעך און קעלבער און הינער. פאַראַן סמנים, אַז העט־אַמאָל האָבן נייזלאַטאָפּאָלער יידן אויך פאַרמאָגט קראָמען און אַ מאַרק, וואָס האָט פאַרנומען אַ העלפט פון שטעטל. איצט — בלויז אַ זכר פונם אַמאָל: אַ קיאָסק, ווו אַ ייד „גיט" די נייטיקע קליייניקייטן וואָס עס פעלן טיילמאָל אויס אין אַ יידיש־קאָלאָניסטישער שטוב: אַ קעסטעלע שוועבעלעך, אַ בינטעלע שיך־בענדלעך, אַ קינדער־שפּילצייג. און פון יענע קראָמען־סמנים זענען טאַקע פאַרבליבן די קראָמען מיט אָפענע לאָדנס, אָבער אינעווייניק שטייען בעטן מיט שענקלעך און טישן מיט שטולן. און דאָס אַלץ וואַרעמט זיך און לופטערט זיך אינם אַפּריל, אינם ערב־פּסח אין שטעטל — טירן און טויערן פאַנאַנדערגעפּראַלט צום מאַרק. און דער מאַרק גופא? אויך ער איז פאַרבליבן איינזאַם, אַ בלאָטע אין מיטן, אין סאַמע מיטן שטאָט, אַ טיפע בלאָטע וואָס (ווי תושבים זאָגן) געדענקט נאָך די טעג פון רעוואָלוציע און וואָס צעגלאַנצט זיך יומטובדיק אום סאַמע ערב פּסח.

און דערוויל — זיך איינגעהיימישט אין מיין איצטיקער גאַסט־שטוב. דאָ בין איך פאַרזיכערט מיט כל־טוב (אויך גוטע הבטחות געהערן צום כל־טוב־אַרטיקל).

„נישט געדאגהט — הייטערט מיך מיין נייער באַלעבאָס — אויב נישט „דאָס" וועט קומען „יענץ"... עפּעס וועט זיכער קומען"...
שפּעטער — מיר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז מחמת „געוויסע סיבות" — לאָזט זיך נישט „דאָס" דורכפירן. „דאָס" מיינט: ווערן אַ מיטאַרבעטער אין „קאַל־ווירטניק" (האָב איך דערויף באַוויזן אַ זויער פּנים, אָבער דער אמת: איפכא מסתברא...); מחמת דער „אויספּירקאָם" און דער „פּאַרטייקאָם" האָבן געלייגט אַ „וועטאָ". נאָר וואָזשן. אַביסינקע געדולד, עס וועט זיך עפּעס מאַכן. און עס האָט זיך געמאַכט: איך ווער „אינסטרוקטאָר" אין דער ראַיאָנער ביבליאָטעק.
אַזוי האָט ער מיר בפירוש מודיע געווען אין איינעם אַ היימישלעכן אָוונט, בעת מיר זענען געזעסן אַרום אַ ליכטיקן טיש און געשמועסט וועגן „פּאַך"־ענינים.
אין דעם אָוונט איז אויך געווען אַ חשובער גאַסט: דער שרייבער ל. אַ הויכער, אַ דינער, צוריקגעהאַלטן מיטן רעדן און באַוועגן. האָבן מיר ווינציקער גערעדט מיט „שטאַרקער שפּאַנונג". אויך איך האָב זיך אויסגעלערנט, ווי איינצוהאַלטן דעם טעמפּעראַמענט און בכלל — צו זיין שמייכלדיק (כאָטש מיט גאַל אויף דער נאָז...). כדי צו פאַרטרייבן דאָס שוויגן, האָב איך פאַרגעלייגט איבערצו־לייענען אַ דערציילונג, וואָס כ'האָב שוין באַוויזן אָנצושרייבן טאַקע אין זלאַטאָ־פּאָל, בעת מיין זיצן אין ביבליאָטעק. דער אינהאַלט: אַ שטאָט אין פּוילן. אַ „פּאָגראָמעלע". אַ יידישער פורמאַן ברעכט גוישקע ביינער... נו, האָבן מיר געטרונקען טיי און פאַרביסן, געשמועסט וועגן „פאָרם און אינהאַלט" און וועגן דעם פּוילישן יידיש, דעם זאַפּטיקן און גלאַטיקן און וועגן — — גוים, וואָס האָבן געשלאָגן יידן און אויך, אַז (מיט באַשטעטיקטער צופרידנקייט) — „אַזעלכענע זאַכן" האָט די רעוואָלוציע אויסגעראָטן.
„סיידן חלילה — האָט ווער ביים טיש אָפּגעקרעכצט זייער פאַרזיכטיק — די שעה זאָל גאַרנישט קומען!" — — —
געהייסן האָט עס — ווי מען שמועסט געדיכט און שטיל אין שטעטל: דער שונא געפינט זיך אַזוי נאָנט אַרום די גרענעצן; די פּאָלאַקן און אוקראַאינער העלפן דעם דייטש אויסצוהרגענען די פּוילישע יידן... דאָס איז שוין אויס סוד, כאָטש די אָפיציעלע פּרעסע שוויגט און הייסט שוויגן: נישטאָ קיין פאַשיסטן, קיין היטלעריסטן — — —

6. אסתר די ביבליאָטעקאַרשע און נחום דער פּאָליטרוק

אַפּריל. היפּש קאַלטלעך אין שטעטל. אָבער די מיטאָג־זון דערציילט וועגן ליכטי־קערע צייטן, וואָס וואָלטן זיך געמעגט גרייטן צום קומען.
איך דאַרף זיך נישט פאַרשטעלן פאַר דער אָנפירערין מיט דער ראַיאָנער ביבליאָ־

טעק. זי ווייס שוין פֿון פֿריער, אַז איך וועל איר מיטאַרבעטער; איצט האָט זי מיר געוווּנטשן „פֿיל נחת און רו" בעת כ'בין אַריין ווי שטענדיק אין גרויסן זאַל. די ביבליאָטעק — אַ יידישע. אייניקע צענדליק פּאָליצעס אויסגעפּילט מיט יידישע ביכער דערמאָנען אַן צייטן ווען יידיש־שטעטלשע יוגנט האָט געלייענט יידיש... איך פֿאַראַן אַ ווינקל פֿאַר אוקראַיניש, רוסיש און דייטש. אָבער בלויז אַ ווינקל. די יידיש־ליטעראַטור פֿאַרנעמט דעם סאַמע אויבנאָן אין דער ביבליאָטעק פֿון נייזלאַטאָפּאָל. איצט: וואָס וועט זיין מיין עובדא אין דער ראָל פֿון אַן „אינסטרוקטאָר"? זאָל איך אַזוי וויסן פֿון אַלדעס בייז. מיין באַלעבאָסטע — אַ קיילעכיק און געזעצט ווייבל, אַ כשרע יידישע נשמה, וואָס האָט זיך ממש פֿאַרליבט אין מיר „אויפֿן ערשטן בליק" — האָט מיך באַרואיקט:

„וואָס אַרט עס אייך? איר דאַרפֿט באַקומען די פֿאַר קערבלעך און דאָס אַלץ. פֿאַר די רעשט וועלן מיר שוין דאגהנען".

אַ צימער באַקומען אַנטקעגן דער ביבליאָטעק, אויף יענער זייט פֿונם טיף־בלאָטיקן מאַרק. עס רופֿט זיך — אַ צימער; באמת: אַ ווינקל אויף איבערצוגעכ־טיקן. מיין נייער באַלעבאָס — „פּאָליטישער קאָמיסאַר" פֿון ראַיאָן. אַ פֿיינע פּירמע, וואָס איך דאַרף ווערן איר מיטשותף... לכתחילה, ביים דערהערן וועגן דעם „ראַנג" פֿון דעמדאָזיקן ייד, האָב איך זיך אַביסל איבערגעשראָקן, מחמת פֿון שטענדיק טו איך ווייכן פֿון „קנעפּלעך" און „עפּאָלעטן" — אָבער נאָכן איינ־צאָלן פֿאַרן חודש דירהגעלט און נאָכן אָנוועקזעצן זיך דרייסטער אויף אַ באַנק, האָב איך דערזען, אַז דער נעגער איז טאַקע שוואַרץ, אָבער — צו ביסלעך פֿאַרריסט.

און אַזוי־אַ, אין די ערשטע מינוטן פֿון מיין באַקענען זיך מיט די נייע באַלעבאַ־טים, האָט זיך מיר אויף דער צונג געגומען פּלאָנטערן אַ טייל פֿון אַ סאַטירע וועגן איינעם אַ דייטש, אַ נייער קוואַרטיראַנט ביי אַ רוסישער פֿאַמיליע. ווי דער שטייגער, האָט ער דעם ערשטן אָוונט געוואָלט זיך באַקענען מיט זיינע הער־שאַפֿטן. האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט אויף דער שוועל פֿון זייער צימער און דערזען, ווי אַלע זיי טוען זיך לויזן. איז ער געשטאַנען און געקוקט און זיך אונ־טערגעפּייפֿט אַט אַזוי:

עס לאָזט זיך דער מאַן, / עס לאָזט זיך די פֿראַו, / אַאוך די קאַטצע
לאָזט זיך אין דער מיט; / איך אַלס קוואַרטיר־גאַסט שטעהע אין
דער מיט, / צוערשט שאַו איך צו, / דאַן לאַוז איך מיט.

נו, איך קאַוויר נישט צי די שיינע שורהלעך זענען פּינקטלעך איבערגעגעבן; איך האָב זיך אָבער איצט געפֿילט פּונקט ווי יענער ריכטיקער אָדער אויסגע־טראַכטער קוואַרטיראַנט אין דער זייער אָרעמאַנסקער־פּאָליטרוקישער שטוב — ער הינקט־אונטער אויף אַ פֿוס און רופֿן רופֿט ער זיך נחום. איזן איז ער

דווקא אַ היימישער ייִד מיט דער עובדא פֿון אַ סאָרט באָלשעוויסטישן רבֿ־משגיח, אַרומצוגיין איבער די יאַטקעס און צו קאָנטראָלירן צי עס ווערט נישט דאָרט אַריינגעשמוגלט קיין טריפֿה פֿלייש. אָבער קיין סך אַרבעט האָט ער גראָד נישט, דער זלאָטאָפּאָלער „פּאָליטרוק״, ווייל שטעטל האָלט שוין העט נאָך דער רעוואָ־לוציע; דאָך „געזעלשאַפֿטלעכע בלויזן״ זענען בנמצא דאָ און דאָרט, ווי ס׳איז דער שטייגער אין אַ קאָלעקטיווער ווירטשאַפֿט.

מיט מיר רעדט ער ווינציק וועגן זיין אַרבעט, גלייך ער וואָלט געוווּסט, אַז עס אינטערעסירט מיך ווינציק. אָבער אַז דער ערבֿ־פּסח האָט גענומען אַריינקוקן דורך די שויבן־פֿענצטערס, האָט ער אין איינעם אַן אָוונט צוגעהינקט צו מיין שלאָפֿבאַנק און, סתם אַזוי אַ זאָג געטאָן — זייער פֿאָטערלעך און זייער יידישלעך: „אויב ווילט איר עסן מצות און טרינקען ארבע־כוסות, פּאַזשאַלויסטאַ; וועל איך איבערשמועסן מיט אַ שכן און ער וועט דאָס אייך איינאָרדענען. נישטאָ ביי אונז קיין אינקוויזיציע. נאָר, פֿאַרשטייט איר, עפֿנטלעכע פּסחדיקע פּראָפּאַגאַנדע — ניעט!״...

די לעצטע ווערטער האָט ער אַרויסגעזאָגט ווי אַ פּוסק־אחרון און איילִיק אַוועק־געהינקט אין זיין ווינקל. זיין פּנים איז גיכער ענלעך צו אַ שטעטלשן בעלפֿער אײדער צו אַ באָלשעוויק. אָבער נחום איז אַ באָלשעוויק מיט זיין גאַנץ לייב־און־לעבן. דעם „אַני מאַמין״ זיינעם האָט ער אַריינגעטאָן אינם פֿאַרלוירענעם האַלבן פֿוס ערגעץ אויף באַריקאַדעס.

די געדיכטע ביכער־פּאָליצעס אין דער ביבליאָטעק דערציילן, אַז אַמאָל האָט מען דאָ גענוצט און אָפּגענוצט יידישע ביכער. די יידישע קלאַסיקערס פֿאַר־נעמען היפּש פּלאַץ אויף די ביכער־שענק. עס זענען אויך בולט די רוסישע קלאַסיקערס אין יידישער איבערזעצונג. אַ בכבודיקן פּלאַץ פֿאַרנעמט די סאָוועט־טיש־יידישע גרופּע: בערגלסאָן, מאַרקיש, פֿעפֿער, האָפֿשטיין און זייערע חברים. אויך פֿאַראַן צענדליקער איינסן פֿון אומבאַקאַנטע מחברים, וואָס האָבן געשריבן וועגן „ליכטיקע סטאַלינצעס און הייסע בלינצעס״ און וועגן טראַקטאָרן און סאָצקולטור און רעוואָליטעראַטור און...

איך נעם קומען צום שכל — מיין דאָ־זיין קאָן ברענגען נוצן; דהיינו: היות די ביכער זענען איינגעשטעלט אָן אַ סדר, וועל איך זיך באַמיען צו מאַכן אָרדענונג — שטעלן די מחברים לויט זייערע ערשטע אותיות און איינסדרן באַזונדער: שיינע ליטעראַטור, סאָצקולטור, דיכטונג, קריטיק און אַזוי כסדר. איך לייג פֿאָר מיין פּלאַן דער ביבליאָטעקאַרשע. זי איז ממש גליקלעך. אסתּר רופֿט מען זי. זאָגן: „אַ וווּיל ווייבל״ — ווינציק; זי איז „עפּעס העכערס״. אַ מאַמע. זי האָט פֿאַר מיר גערעדט און זיך אויסגערעדט און אַראָפּגערעדט.

„ווײ־ווײ — האָט זי אין איינעם אַ נאָכמיטאָג צונויפֿגעצויגן די פּשוט־מאַמעשע

(נישט געפּאַרבטע) ליפּן — אַמאַליקע צייטן, נישט לאַנג צוריק, ווען נייזלאַטאָפּאָל איז באמת געווען אַ יידישער נאַציאָנאַלער ראַיאָן... איר פאַרשטייט: „יידיש" און „נאַציאָנאַל"... ווען קינדער האָבן געלערנט יידיש אין דער יידישער שולע און ווען יוגנטלעכע האָבן מיט פּאַטאָס רעציטירט יידיש־רעוואָלוציאָנערע לידער; אויך עלטערע האָבן געלייענט יידישע ביכער. עס איז געווען אַרבעט איבערן קאָפּ. אַן „אַטשערעד" איז געשטאַנען, איר זעט, ביזן דרויסן אַרויס. אַזוי יעדן אָוונט. און איצט..."

וואָס „איצט" איז פיל איך זינט מיין „אינסטרוקטירן" אין דער ביבליאָטעק. נישטאָ קיין לייענערס. יחידים בלויז קומען בעטן אָדער בייטן אַ בוך.
אין שטוב האָט דאָס מיר דערקלערט אויף זיין שטייגער דער באַלעבאָס מיינער, נחום דער פּאָליטרוק:

„ביי אונז איז דעמאָקראַטיע. ביי אונז איז נישט ווי ביי אייך, וואָס דאָרט איז אַלץ געטאָן געוואָרן קעגן ווילן פון פאָלק. ביי אונז דעצידירט דאָס פאָלק. און אַז דאָס פאָלק פון נייזלאַטאָפּאָל האָט באַשלאָסן: מאַכן פון דער יידישער שולע אַן אוקראַאינישע"...

נו, איז מיר איצט קלאָר געוואָרן, ווהין ס׳זענען פאַרשווונדן די הונדערטער יידישע קינדער, וואָס האָבן געלערנט און גערעדט און געלייענט יידיש... נחום האָט זיין רעדע געהאַלטן אַן אונטערהינקענדיקער. יעדע ווילע זיך געטאָן אַ הייב און אַ פאַל און ווידער זיך אויסגעגלייכט אויפן איינציקן נאָרמאַלן פוס. ער האָט מיר אַביסל דערמאָנט אַן מיין חדר־רבי, שמואל־ליפּע, בעת ער האָט אויסגעלייגט איבער די בענק תלמידים מיט נאַקעטע הינטנס אַרויף און אַריינגעטענהט אין זיי, אין די הינטנס, וועגן יידישן פאָלק, וואָס דאַרף פאָלגן דעם איינציקן באַשעפער.
„איר פאַרשטייט — האָט נחום ממשיך־געווען מיט זיין הינקעניש — דער חבר סטאַלין איז אַ מוסטער פון דעמאָקראַטיע. יעדער ראַיאָנער קאָמיטעט און שטאָטי־שער קאָמיטעט און אָבלאַסטנער קאָמיטעט און אַלע סאָוועטיש־רעפּובליקאַנישע קאָמיטעטן קוקן קיין מאָסקווע צום העכסטן קאָמיטעט פון לאַנד. דאָרט ווערט דעצידירט און אָפּגעשטימט מיט אָנפרעגן ביי די אויסגעקליבענע פון פאָלק: ווער — פאַר, ווער — קעגן"...
נחום האָט געביטן די פיס, זיך אַ וויילע אַראָפּגעלאָזט אויפן קרומען און פאָרגע־זעצט מיט זיין רעדע (וואָס איך וואָלט אים זייער געדאַנקט, ווען ער מאַכט אַ לענגערע הפסקה...)
„אויך אונזער ראַיאָנער קאָמיטעט האָט לויט אַ באַפעל פון זאַפּאַראָזשער שטאָטישן קאָמיטעט צונויפגערופן די עלטערן, זיי געזאָגט, אַז זאַפּאַראָזשע וויל מאַכן פון דער יידישער שולע אַן אוקראַאינישע — ווער איז פאַר? האָבן אַלע אויפגעהויבן

די הענט. אַלע זענען פּאַר מאַכן פון דער יידישער שול אַן אוקראַיִנישע. קעגן האָט קיינער נישט אויפגעהויבן די האַנט. איצט פאַרשטייט איר שוין?"
מיין שלאָפבאַנק איז שוין געווען אויסגעבעט. נחום און זיין ווייב זענען אַריין אין צווייטן צימער. אַ צייט בין איך געלעגן און נאָכגעטראַכט די ווערטער פון דעם פאָלקס־טיפּ, דעם ייד נחום, וואָס באַרעכטיקט די ליקווידאַציע פון דער יידישער שולע. איך גלייב נישט זיינע ווערטער. ניין, ער איז נישט געווען „פאַר". קיינער אין דעם פאָלקסטימלעך־יידישן שטעטל — וואָס יידיש רעדן אויך די שטיינער — איז נישט געווען פאַר אַרויסרייסן יידיש פון דער שולע... בלויז די אוקראַיִנער האָבן דאָס געוואָלט און דאָס האָבן זיי דערגרייכט מיט דער הילף פון חבר סטאַלינס דעמאָקראַטיע...
„אַ גוטע נאַכט!" — האָב איך אַריינגעשריגן צו מיינע באַלעבאַטים.
דורך די לאָדנס קוקט אַריין אַ שיין פון דער לבנה. אָטאָ די לבנה שיינט איצט אויך אין וואַרשע. וואָס האָט זי מיר צו דערציילן וועגן יידן דאָרט, וועגן די דערמאָרדעטע און נאָך לעבנדיקע יידן?
אויף דער פּאָסט נעמט מען אָן שפּייזפּעקלעך קיין פּוילן. צוזאַמען מיט אַזאַ פּעקל האָב איך אויך געשיקט אַ בריוו; געוואַרט אויף אַ תשובה און...
רואיק אין נייזלאָטאָפּאָל. עס פילט זיך שטאַרק דער ערב פּסח אין גאַסן און געסלקעס. מען קאַלכט די הייזקעס; מען צעעפנט די לאָדנס און עס הערט זיך אַ קלאַפּן און אַרויסקלאַפּן דעם ווינטער פון די שטיבלעך. עס איז אַ צו להכעיס־קלאַפּן: זאָלן יידן אויפוואַכן, זיך גרייטן צום אויפנעמען דעם חג החרות.
דערווייל האָט מיין ביבליאָטעקאַרשע געהאַט אַן איינפאַל: פּראַווען דעם 25טן יאָרצייט נאָך שלום־עליכם.
„איך בין באמת גליקלעך — האָט זי אַרויפגעלייגט אויף מיין אַקסל אַ פּעטלעכע האַנט — וואָס איר געפינט זיך דאָ; עס קומט מיר אָן מיט גרינגע ווערעם צו פאַרבעטן אַ שרייבער אויף עפּעס פאַרצולייענען, עפּעס צו רעדן וועגן דער יידי־שער ליטעראַטור. זיי טענהן, אַז ס'איז נישטאָ פאַר וועמען. דער אמת איז — כ'זאָל נישט זינדיקן מיט די רייד — עס איז געוואָרן אַ מאָדע אַזאַ: יידיש ביע זשעלאַיעם... איר פאַרשטייט: אָפּגעפּראַצעוועט אַזויפיל יאָרן"...
אסתר האָט אַרויסגעבורעגנגט די ווערטער מיט צער און ווי און — מיט טרערן. יאָ, כ'האָב געזען טרערן אין אירע אויגן.
„טאָ פאַרוואָס פאַרמאַכן זיי נישט די ביבליאָטעק?" — האָב איך אַ פרעג געטאָן און תיכף חרטה־באַקומען און זיך פאַרענטפערט, אַז נישט דאָס האָב איך געמיינט, ווייל געמיינט האָב איך גאָר...
„נישקשה — האָט זי מיך באַרואיקט — מען דאַרף טאַקע נישט רעדן איבעריק, אָבער דאָס האָב איך זיי שוין נישט איין מאָל געוואָלט זאָגן... נו. ווייס איך דאָך

פּאַרויס דעם ענטפער: אויב שליסן די יידישע ביבליאָטעק, דאַרפן זיי אויך שליסן דעם קאָמיטעט און די פּאַרטיי און די צייטונג... אומעטום איז דאָך יידיש און אַלץ איז דאָך איינגעטונקט אין יידיש... נאָך אַזויפיל יאָרן! מיר זענען דאָך דאָ 99 פּראָצענט יידן. און סאַראַ יידן! ערשט אונזער יוגנט! אוודאי צעפּאָרט זי זיך אין די גרויסע שטעט און דאָרט ווערט זי שוין רוסיפיצירט, אָבער די קינדער דאָ? זיי קענען דאָך נישט אַ וואָרט רוסיש, אַפגערעדט — אוקראַיניש״... פון אירע רייד הערט זיך אַרויס דער ווי פון אַ גאַנץ יידיש שטעטל, וואָס טראָגט נאָך דעם נאָמען „יידישער נאַציאָנאַלער ראַיאָן״, אַ יידיש שטעטל, וואָס מען טוט עס מיט כוח פאַרשטומען, מאַכן פּאַר אויס — יידיש.

אסתר האָט געלאָזט צוגרייטן פּלאַקאַטן, ווו זי איז מודיע וועגן דער שלום־עליכם־יאָרצייט. אסתר איז אַ האַרעפּאַשניצע פּאַר יידיש. זי טוט נישט חלילה קעגן דער פּאַרטיי; איז דאָך שלום־עליכם כשר לכל הדעות; איז ער דאָך אַן אונזעריקער, ס׳הייסט אַ רוסישער און וואָלט ער היינט געלעבט, וואָלט ער דאָך זיכער געווען אַ סאָוועטישער אויך...

„טאָ פאַרוואָס זאָלן זיי נישט קומען פראַווען זיין 25טע יאָרצייט?״

גיי ווייס: זיי זענען טאַקע נישט געקומען, זיי — די „שפּיצן״. און צוזאַמען מיט זיי — אויך די פּשוטע שטעטלשע יידן. דאָ איז בולט דער פּאַסיווער ווידער־שטאַנד פון „עמך״ קעגן אַלץ און אַלעמען. אסתר האָט צוגעגרייט דעם זאַל, אויס־געשטעלט די בענק, אָבער אינם יאָרצייט־אָוונט — באַזעצט בלויז די ערשטע ריי. מילא. מיין ראָל וועל איך סיווי אויספירן. און די „ראָל״ מיינע: פאַרלייענען שלום־עליכמס „ווען איך בין ראָטשילד״. נו, קיין טריבונע איז דאָ נישט נייטיק, גענוג זיך אָוועקצושטעלן אין אַ ווינקל און — אַלעמענס בליקן קוקן צום „אויבן־אָן״. סך־הכל — אַ צוויי מנינים מסתמא. האָב איך זיך אָוועקגעשטעלט אָנגעשפּאַרט אויף אַ שטול און גרייט געווען צום לייענען און דאָ איז אַריינגעלאָפן אַ פּאַרסאָ־פּעטער דער רעדאַקטער. איז ער געקומען כדי צו געבן זיין „חלק״ אין „אָוונט״? אַ, ניין. ער איז געקומען פון אַ זיצונג בלויז אַ קוק טאָן. האָט ער געקוקט, אַפּגע־קרעכצט און — אַוועק.

אָבער מיין „פונקציע״ האָב איך געדאַרפט אויספירן. בין איך דאָך (חוץ אַלעמען) „אינסטרוקטאָר״ און ממילא — אָנגעשטעלטער פון ביבליאָטעק. הכלל: איך האָב געלייענט. אוודאי פּאַרמאָג איך נישט קוסאָוויצקיס שטים און אויך נישט די קינסטלערישע פעאיקייטן פון מיכאָעלסן, אָבער מיין לייענען איז געווען שלום־עליכמדיק. מיט אַ קנייטשל און מיט אַ פעפערל און אַ זיפצל דערצו, אַ זיפצל, ווייל אַזוי וואָלט מסתמא אויך שלום עליכם געזיפצט ביים פאַרלייענען זיין „ראָט־שילד״ ביי לידיקע בענקלעך: „זאָלן די בענקלעך הערן און צעשפּרינגען ווערן! ווער עס וויל נישט קיין יידיש — איך וויל! אַ מכה אונזערע שונאים!״ — — —

און טשעקאָווע: מייַן ראָטשילד־מאַנאַלאָג האָט לסוף אַריינגעברענגט אַ היפּש ביסל יוגנט. געגומען האָט עס זיך דערפֿון, וואָס כ'בין געשטאַנען נעבן אַ צעעפֿנט פֿענצטער און מייַן פּאַרלייענען האָט זיך מער געהערט אין דרויסן ווי אינעווייניק... און עולם יונגוואַרג הינטערן פֿענצטער האָט אַרייַנגעקוקט איך זאָל מיט דער כּוונה — מיך אָנצוקוקן. און כּדי מיך צו זען אין מייַן גאַנצער און טיפֿער גרייס — — איז מען אַרייַן אינעווייניק, אַרייַן און — געלאַכט. שטיל געלאַכט. אָבער דאָס שטילע לאַכן האָט געהאַט טויזנט חנען. און פֿאַר מיר איז נישט געווען קלאָר: צי לאַכט די יוגנט מיט הנאה פֿון שלום עליכמס „ראָטשילד", פֿון מייַן פּאַרלייענען אָדער — פֿון מייַנע טשאַפּלינישע וואָילאַקעס, פֿון מייַן ציטערן און פּלאָטערן.

אסתר האָט מיך אַרויסגעראַטעוועט פֿון מייַנע ספֿקות מיט אַ שטאַרק־מאַמעשן האַנט־דרוק: „פּאָזדראַוולאַיו... כּדי אַזוי פֿאַרצולייענען דאַרף מען באמת זייַן אַ קינסטלער, אַ ליבהאָבער פֿון שלום־עליכמען. איר האָט געזען ווי די יוגנט האָט געלאַכט, הנאה־געהאַט!"

איך האָב געפּרוּווט ד'ערווידערן:

„איר מאַכט אַ טעות, אסתר; די חברה־לייט האָבן, דאַכט זיך, געלאַכט פֿון מייַנע וואָילאַקעס"...

7. אויס מיט ד'י וואָילאַקעס

אין אייניקע טעג אַרום איז מיר אונטערגעקומען די גליקלעכע מעגלעכקייט פּטור־צו־ווערן פֿון די אומגליקלעכע וואָילאַקעס. און מעשה שהיה:

אַז איך קוק אַרויס דורך דער ביבליאָטעק ליגט מיר דאָס גאַנצע שטעטל „אויף דער האַנט", בפֿרט די מאַרק־בלאָטע, וואָס גלאַנצט אונטער דער אַפּריל־זון מיט אַלע אירע סאָמעטענע שטראַלן. און דאָ נעמט זיך מיר דאַכטן, אַז דער טערמאָמעטער פֿון דער בלאָטע פּאַלט, והראיה: עס קוקן פֿון דאָרט אַרויס שפּיצן פֿון שטיינער, אויערן פֿון טשייניקעס, רערן פֿון סאַמאָוואַרן און כּל מיני חפֿצים, וואָס שטעטל וואַרפֿט דאָרטן אַרייַן במשך אַ קיילעכיק יאָר. נו, איז דאָך בכן געדרונגען: אויב וויל איך פֿאַרקירצן דעם וועג, אַ שטייגער, פֿון ביבליאָטעק ביזן „פּאַליטרוק", וועט חלילה גאָרנישט געשען — אַריבערצושפּרינגען דעם בלאָטיקן מאַרק. וכך הווה. איך וויל אַרייַנגיין אין מייַן קעגנאיבערדיקן בעטל־צימער. ביזאיצט געמוזט גיין אַרום דעם מאַרק — אַ שפּאַרער מהלך. וועל איך איינבערענגען וועג: אַרויס פֿון ביבליאָטעק און אַרייַן אין דער בלאָטע — געטראָטן זיכער און מיט האַסטיקע טריט. באַלד וועל איך זייַן אויף יענער זייט... נו, בין איך טאַקע אַרייַן. געבליבן שטעקן פּונקט אין מיטן. אַוודאי האָב איך נישט אויסגעמאָסטן, צי דאָ־אָ איז טאַקע דער מיטן, דער ריכטיקער מאַרק־בלאָטע־מיטן. וואָס איז דען איצט וויכטיק

דער חשבון — נישטאָ קיין צוריק און נישטאָ קיין פֿאָרויס. פֿאַרקוועטשט די וואָילאַקעס אין דער בלאָטיק־באַיאָרטער טיפֿקייט — און נישט אַרויס. פּרוּוו איך אַ צי טאָן אַ פֿוס. יאָ. דער פֿוס לאָזט זיך אַרויסציען, אָבער דער וואָילאַק — נישט. געבליבן אַריינגעוואַקסן, ווו ר׳וואָלט אָטאָ־דאָ, אין דער נייזלאָטאָפּאָלער בלאָטע, געבוירן געוואָרן.

און אַז נייגעריקע נעמען זיך קלייבן אַרום דעם מאַרק, ווילן וויסן וואָס אַזוינס איך זוך אין דער בלאָטע; פֿאַרוואָס עפּעס פּלוצים אַריינגעטויכט אין דער שטעטלשער אומבאַרירלעכקייט, — האָב איך גיך אַרויסגעצויגן די נאַקעטע פֿיס פֿון די וואָילאַקעס און גענומען שטעלן טריט, גלאַטיק און אייליק, ביז כ׳האָב ענדלעך דערגרייכט צום צווייטן, צום טרוקענעם ברעג. פֿון וואַנען כ׳האָב נאָך באַוויזן צו וואַרפֿן אַ בליק אויף צוריק — צו די וואָילאַקעס, מיינע טרייסטע באַגלייטערס פֿון יעמאַנזשעלינסק ביז נייזלאַטאָפּאָל... אָ, די וואָילאַקעס דידאָזיקע, זיי, וואָס האָבן זיך געלאָזט רוקן אַרויף און אַראָפּ, געוואַרעמט מיינע קני און אויך, בשעת הדחק, געגרייכט העכער, מחמת פֿון די זוילן איז שוין לאַנג קיין זכר נישט געבליבן, — — זיי שטייען איצט מיט אָפֿענע מיילער, אָפֿן און ליידיק, אַנטקעגן דעם זוניקן הימל און (מסתמא) שרייען זייער געשריי — פֿון דער בלאָטע אַרויס. און איך — וואָס קינד און קייט האָבן אין מיר דערקענט דעם לעקטאָר, אינסטרוקטאָר און ביבליאָטעקאַר — שטיי אַ פֿאַרבלאָטיקטער און באָרוועסער צווישן עולם, וואָס איז טשעקאַווע פֿאָרט צו וויסן: הלמאי און צוליב וואָס.

פֿלינק און קונציק, ממש אַקראָבאַטיש, זיך אַרויסגעשאַרט פֿון צווישן עולם, אַריין אין שמאָלן הייפֿל, וואָס פֿירט צו דער וווינונג פֿון נחום דעם פֿאָליטרוק. זיין ווייב, דערזען מיך אָט־אַזוי־אָ, האָט פֿאַרשאַרצט די אַראָפּפֿאַלנדיקע האָר און זיך גענומען קנייפּן אין די באַקן:

„איי, נחום, טו נאָר אַ קוק!"

נחום האָט אַריינגעהינקט און איך בין געזעסן אויף מיין שלאָפֿבאַנק מיט אַן אויסזען, ווי אַ נאַרוואָס־אָפּגעשמיסענער פֿאַר אָפּטאָן אַ מיאוסע זאַך. תיכף זיך געכאַפּט, אַז די גאַנצע מעשׂה איז טאַקע נישט קיין שיינע, אָבער — מען דאַרף זי באַשיינען: האָב איך אָנגעהויבן לאַכן, קייכן און זיך ברעכן, אַז די ווענט האָבן געציטערט; און מיינע באַלעבאַטים זענען געשטאַנען איבער מיר פֿאַרזויערט און פֿאַרטרויערט: — נישט אַנדערש, נאָר דער בחור איז אַראָפּ פֿון זינען. געזען, אַז מיין לאַכן האָט נאָך פֿאַרערגערט די לאַגע, בין איך אַריבער צו טרוקענער פּראָזע: דערציילט די געשיכטע מיט מיינע וואָילאַקעס און מיט מיין ווילן אַריבערשפּרינגען דעם בלאָטיקן ים.

„כאַ־כאַ־כאַ! — האָט זיך איצט נחום יידישלעך און היימישלעך פּאַנאַנדערגע־

לאַכט — ערבֿ־פּסח האָט זיך אים פֿאַרוואָלט שפּאַלטן דעם ים; זעסטו, געקומען אַהער, כּדי צו באַווייזן נסים... כּי־כי כי! יציאת מצרים״...

עס איז געוואָרן אַ שיסל וואַסער. זיך אַרומגערייניקט פֿון דער פֿעטער בלאָטע, דערלאַנגט מיר דאָס ווייבל צוויי אויסגעדרייטע און אויסגעטרוקנטע טשובאַטעס, ענלעכע צו שיך, כּדי צו האָבן מיט וואָס צו פֿאַרדעקן מיינע נאַקעטע פֿיס.

„ביז עס וועט זיך איינגעבן צו באַקומען אַ פּאָר לייטישע שיך״ — האָט זי זיך ווי פֿאַרענטפֿערט פֿאַר מיין נאַקעטער חרפּה.

האָב איך, ווי אַ בעסער־דערצויגענער, געדאַנקט פֿאַר דער טובֿה, אָבער נישט געוואָלט אָננעמען די מתּנה מיט דער טענה:

„פֿאַרוואָס זאָל איך נישט קענען קויפֿן אַ פּאָר שיך פֿאַר מיין געלט?״

דאָ האָב איך זיך פּלוצים דערפֿילט ווי מיט אַ ווייל צוריק: אַריין אין דער בלאָטע, אָבער אַרויס — נישט אַזוי גיך. מחמת דער „פּאָליטרוק״ האָט זיך אַ נעם־געטאָן מיר צו פֿאַרטייטשן דעם ענין פֿון מערוועט און מינערוועט, פֿון מאַטעריאַליזם און קאַפּיטאַליזם און דעם ענין פֿון געלט בכלל:

„ביי אונז, אין ראַטנפֿאַרבאַנד, איז נישט שייך אַזאַ מין זאַך: „מיין געלט״! נישט געלט דעצידירט, נאָר אַרבעט. ווער עס אַרבעט מער, דער באַקומט מער״...

איך באַמי זיך אַריינצוקריכן אין די שיך, אַרויסצוקריכן פֿון נחומס רעדע... קיין שוטה איז ער נישט, האָט ער תּיכּף איבערגעהאַקט און אַוועקגעהינקט צו זיין ווינקל.

דאָס מאָל גיי איך צו דער ביבליאָטעק — אַרום. אויסגעמיטן די בלאָטע און גיב אַפֿילו נישט קיין בליק צו מיינע טרייע באַגלייטערס, די וואָילאַקעס, וואָס קוקן פֿאַריתומטע צום הימל מיט צעעפֿנטע, ליידיקע מיילער.

און אַזוי טוט זיך דאָס לעבן „דרייען״ אין שטעטל: מען ווייסט די לאָדנס און מען קלאַפּט די פּערענעס. דער דרויסן — פֿאַרשטעלט מיט שאַפּקעס און בענקלעך, מיט טישן און בעטן, „אויסגעבריטע״ נאָך אַ פֿאַרחושכטן און פֿאַרוואַנצטן ווינטער. „ווער עס אַרבעט מער, דער באַקומט מער״. און עולם איז טאַקע פֿאַרשמאַיעט אין אַרבעט. מען טראָגט זעק און פּעק און קאַסטנס און מען רופֿט זיך איבער אויף יידיש — פֿון עק ביז עק שטעטל.

איך פּאָלג מיין באַלעבאָס, נחומען: אויפֿגעהערט זאָרגן וועגן „תּכלית״. מען זאָרגט שוין אויך פֿאַר אייך — האָט ער מיך אַזוי לאַנג געהאַלטן אין באַרואיקן. ביז ער האָט מיך באמת באַרואיקט: זיך אַריינגעפּאַסט אינם אויטאָמאַטישן לעבן און אויפֿגעהערט טראַכטן. סיוווי האָט דאָס טראַכטן נישט קיין יידישן טעם, אויבֿ — מען „רעדט עס נישט אויס״. און דאָ איז אַ וואָרט טייערער פֿון אַ רענדל... אַז דאָס געלט האָט „נישט קיין ווערט״ — סאַראַ ווערט האָט דאָס וואָרט.

האָב איך נישט געטראַכט, נישט גערעדט, בלויז געקוקט. מחמת קוקן קוקט דאָך

אויף אַ פערד, אַן אייזל און אויף אַ קאַלב — כאָטש זיי קענען נישט רעדן. אָבער מיך קוקן גרייכט פּאָרט העכער ווי פונם פערדס אָדער אייזלס און קאַלבס. איך זע, ווי עס רוקט זיך אָן אַ שוואַרצע, אַ פינצטערע כמאַרע איבערן יידישן שטעטל; זע, מחמת אַלע שוויגן, בלויז — קרעכצן. און קרעכצן מעג מען אַפילו אין ראַטנ־פאַרבאַנד; אַפילו אין דער שטוב פון נחום „פּאָליטרוק". ער איז לעצטנס שטאַרק צעטראָגן, אויך בייז. ער פּאָרט עפּטער אַרויס אין דער געגנט, רעדט אין די דערפער פאַר די אוקראַינישע און דייטשע קאָלכאָזניקעס. נאָכן צוריקקומען טוט ער זיך קלאָגן פאַרן ווייב:

„זיי האָבן זיך אינגאַנצן געענדערט; זיי זענען געוואָרן חוצפּהדיקער. עס ווערט אַ סכנה דאָס אַרויספאָרן".

פאַרוואָס אַ סכנה? נישט געדאַרפט וואַרטן אויף תשובה. יעדער פילט די סכנה הינטער דער פּלייצע, ממש — אַרום די טריט. וועלן די דייטשן מוותר־זיין אויף די רוסישע און אוקראַינישע יידן? — — —

8. אַ „בעזבאָזשניק" אין שטעטל

פּסח פאַר דער טיר. נחום האָט איצט אַנדערע דאגות ווי „אויפצוקלערן" דעם עולם וועגן דער שעדלעכקייט — ווי זיין שטייגער ביזאיצט — פון עפּנטלעכער פּסח־פּראָפּאַגאַנדע. אויסקאַלעכן דאָס שטיבל, אויסקלאַפּן די פּערענעס — פּאַזשאַ־לוסטאַ; אָבער דער טומל — צוואָס אָנמאַכן אַזאַ טומל, אַזאַ געלאַף, אַזאַ געפּיל־דער? נייך. נחום האָט איצט נישט קיין צייט דערצו.

דערפאַר האָט זאַפּאָראָזשע, דער „אָבלאַסט", יאָ צייט — צו שיקן קיין נייזלאָטאָ־פּאָל אַ רעדנער, וואָס זאָל אויפקלערן די יידן וועגן דער שעדלעכקייט פון פּראַזיוועגן פּסח בכלל, בפרט איצט — נאָך העכער צוואַנציק יאָר פרײַדענקעריי.

אַ פּלאַקאַט זאָגט־אָן די בשורה, אַ פאָרמעלער פּלאַקאַט, אויף דער טיר פונם צוגעשפּאַרטן „רויטן ווינקל", דער שטעטלשער קלוב; ווי אסתר האָט מיר פאַר־טרויט, איז דער קלוב אָפן יעדן ערב יום־טוב, כדי אַ פאָרשטייער פונעם „אַפּיקור־סים־פאַרבאַנד" זאָל דאָרט קענען אָפּחוזקן פון גאָט. אַ גאַנץ יאָר טרעט נישט אַריבער די שוועל פון קלוב אַפילו קיין הונט! (עד, אסתר, אַ באמת יידיש־כשרע נשמה!)

ווערט אויפן פּלאַקאַט דערציילט, אַז דער פאָרשטייער פון זאַפּאָראָזשער „אַפּיקור־סים־פאַרבאַנד", חבר ס., וועט האַלטן אַ רעדע וועגן „יידישע זאַבאַבאָנעס אין יאָנטעוו פּייסעך".

נו, איז ביזן רעפּעראַט פאַראַן אַ היפּש ביסל טעג. בין איך זיך, ווי מיין שטייגער, מטפּל מיטן סדרן די ביכער אין דער ביבליאָטעק; זיי איבערגעשטעלט פון איין פּאָליצע אויף דער צווייטער — "שיינע ליטעראַטור" צו „שיינער", מיאוסע (אָן

געגנזנפיסלעך) צו מיאוסער. אונטערן דאַזיקן טיטל — די סאַצגראַפאַמאַניע פון קוויטשענדיקע רעפּאָרטאַזשן און געזאַנגען — צו דער זון, וואָס שיינט אַרויס פון סטאַלינס אויגן.

און אסתר איז צופרידן פון מיין „סדרן". זי קומט בלויז אַריין מיך רופן „צום אָפּ־רוען", עס הייסט: אויסהערן רכילות וועגן דעם און יענעם... מילא. דעם טאָג מוז איך דאָך דורכשטופּן. מיין דאגה. זאָל זיין רכילות. און דאָס, די טעגלעכע פּאַרציע רכילות, גיט מיר אַ קלאָר בילד וועגן שטעטל יידן, וואָס באַמיט זיך צו לעבן אויף אַן אייגענעם יידישן שטייגער — דורך איגנאָרירן די פאַרשידענע נגישות פון די אָפיציעלע קאָמיסאַרן.

און אָט — איז אסתר אַנגעלאָפן. ווידער רכילות? ניין. אימעצער פרעגט זיך אויף מיר. איך זאָל שוין אַריין אין ביבליאָטעק־זאַל. יענער וואַרט אויף מיר. אַ נידעריקער, שוואַרצלעכער יונגערמאַן מיט אַ גרויסער, אַנגעשטאָפּטער טעקע שטייט ביים אַריינגאַנג. ער שטעלט זיך פאָר: שרייבער אויף יידיש און רוסיש. אַ קרעמענטשוגער. געווען אין קיעוו, האָט ער דאָרט געהערט וועגן מיר. נו, איז ער בכן זייער צופרידן זיך צו טרעפן, צו שמועסן. ער טראָגט אַ ריין אַנצוג און מענטשלעכע שיך. אויך אַ העמד מיט אַ קראַוואַט. איך פיל זיך אומבאַקוועם מיט מיין טראַנטעוואַטן אויסזען, פאַרענטפער זיך, אַז איך טו „שוואַרצע אַרבעט"... יענער איז גלייכגילטיק. ער האָט דאָס אויפגעקלערט פילאָזאָפיש:

„נישט דער אויסערלעכער לבוש איז וויכטיק; וויכטיק איז דער מענטש"...

דערנאָך האָט ער זיך אַביסל פאַרנייגט און אויף אַ שטאָטישן שטייגער זיך פאָרגעשטעלט.

דער נאָמען איז מיר באַקאַנט. ערגעץ אים געזען, מסתמא צווישן די מחברים אויף די ביבליאָטעק־פּאָליצעס. ער איז ממשיך:

„פאָרשטייער פון „אַפּיקורסים־פאַרבאַנד" אין זאַפּאָראָזשע. געקומען אַהער האַלטן אַ רעדע וועגן דער באַדייטונג פון יום־טוב פסח".

ער האָט דאָס אַרויסגעברענגט זייער ערנסט, געוואַרט אויף מיין רעאַקציע. אָבער איך בין געבליבן רואיק. די פירמע זיינע האָט מיך נישט „באַווירקט". איז ער דאָך דער, וואָס זיין נאָמען קוקט אַראָפּ פונם פלאַקאַט ביים „רויטן ווינקל"; געהער ער דאָך צו דידאָזיקע, וואָס אויף הימיש לשון ווערן זיי באַצייכנט: „יעווסעקעס" — — — איך וויל זיך באַפרייען פון אים. האַלט איך דאָך אינמיטן דער אַרבעט. דאַרף מען אַריין צוריק אינעווייניק. אָבער ער שטעלט זיך קעגן. מעגלעך, ר'האָט דערפילט אין מיר דעם „פוילישן", וואָס האָט נאָכנישט באַוויזן אַריינצוּוואַקסן אין דער „סאָוועטישער ווירקלעכקייט". מילא. נישט שייך אים איבער־צולאָזן און אַנטלויפן. האָב איך זיך געמוטשעט באַקענען מיט דער אָנגעשטאָפּטער טעקע זיינער — מאַנוסקריפּטן אין יידיש און רוסיש. ער שרייבט פּראָזע. און ער

באַהאַנדלט וויסנשאַפטלעך פּאַרשידענע פּראָבלעמען. און נאָך... טאָ זאָל זיין פון אַ קאָזאַק. אויב איז ער אַ שרייבער (חוץ אַן אַפּיקורס), וועלן מיר שמועסן וועגן שרייבעריי.

„זייער צופרידן, חבר... האַ ? יאָ. דער יידישער שרייבער איז דאָך דער פירשפּרע־כער פון פאָלק. נו, וועלן מיר זיך נענטער באַקענען און צוזאַמען — פּילן וואָס דאָס פאָלק טראַכט"...

איך האָב שיער געהאַלטן אַ רעדע. מיין גאַסט איז צופרידן פון די „הויכע ווערטער", וואָס כ׳האָב געלאָזט הערן. זיינע אויגן — אויסגעפּילט מיט שמייכל. ביים געזעגענען, האָט ער מיך פאַרבעטן צו קומען מאָרגן אין קלוב, צו הערן זיין רעפעראַט. און אויב מיר איז נישט שווער, זאָל איך וואַרטן אויף אים ביים אַרויסגאַנג. עס איז פאַרצוזען אַ שיינע נאַכט. וועלן מיר אַביסל שפּאַצירן און שמועסן. עס וועט אים זייער שטאַרק פרייען צו פאַרברענגען מיט אַ יידישן שרייבער פון יידישן פוילן.

אסתר זיצט אויף איר פּלאַץ, היגטערן לאַנגן בופעט און טוישט די הענט — פון רעכטס אויף לינקס און צוריק. זי האָט נישט וואָס צו טאָן. „אַמאָל איז דאָ געווען אַ לאַנגע אַטשערעד".

„האַ, ער קוקט מיר אויס צו זיין אַ פּלוידערזאַק ווי אַלע דאָ, הע ?" — גיט זי איר אָפּשאַצונג וועגן גאַסט און וואַרט אויף מיין הסכמה.

מיין ענטפער — זייער שטיל און זייער פאַרזיכטיק :

„נו, מ׳וועט דאָך הערן מאָרגן".

„מאָרגן ? — גיט זי זיך אַ האַסטיקן שטעל־אויף און מיט מאַמעשער זאָרג מיך אָנגענומען ביי דער שטעכיקער גאַמבע — ער האָט פאַרשפּעטיקט. אונזערע יידן, נישט אויסגערעדט זאָל׳ס זיין, האָבן שוין אַריינגעפּירט דעם פּסח אָן אים. ער האָט געדאַרפט קומען מיט אַ האַלב יאָר צוריק. ווייסט איר וואָס : אַן עולם וועט זיין. דער זאָל וועט זיין איבערפולט. אַלע, אַלע וועלן קומען. יידן מיט בערד און אָן בערד. איר׳ט זען. אַ ברירה האָבן זיי ? אדרבא, זאָלן זיי פּרובירן נישט קומען"...

ביי אסתרן איז רעדן אַ „ספּעציאַלנאַסט". און זי ווייס גראָד וואָס זי רעדט. זי איז „אויסגעקאַכט" אין אַלע ווינקעלעך פון שטעטל און פונם גאַנצן ראַיאָן. איך האָב זיך געוווּנדערט :

„טאָ צו׳וואָס קומען זיי ?"

„הער אַ מעשה — האָט זיך ביי איר ווידער פאַנאַנדערגעוואָרפן די צונג — זיי זענען דען ביי זיך, באַלעבאַטים איבער זיך ? עס איז דאָך אַ קאָלעקטיוו, אַ קאָלעקטיווע ווירטשאַפט. אַלע פאַר איינעם און איינער פאַר אַלע. צום שלום־עליכם־אָונט זענען זיי נישט געקומען. דאָס איז נישט „אָפיציעל". אָבער צום אַפּיקורסים־

אָונט וועלן זיי אַלע קומען. איר מיינט אַז ס׳איז אַזוי גוט איינצורייסן מיטן באַלע־באָס אייערן, מיט נחומען? ער וויס וואָס עס קאָכט זיך ביי יעדן אין סאַגאַנדל און ווער ס׳איז פאַר און ווער — קעגן. אַזוי איז עס געווען מיט דער יידישער שולע; אַזוי איז עס אויך מיט אַלץ״...

פון איר רעדן אַרויס פיל איך בפירוש, ווי זי איז זיך מחיה וואָס זי קען אַזוי פריי און אָפן זיך „אויסלאָדענען״. דער טאָן פון איר חיתוך הדיבור דערציילט: זי וואַרט שוין אויף מיר גאַנצע צוואַנציק יאָר, כדי צו עפענען אירע קוואַלן... זי איז נישט חלילה קעגן דער רעוואָלוציע. אדרבא. יידן לעבן איצט פריי און עס פעלט זיי נישט חלילה קיין איבערבייס. אלא וואָס? צופיל פלוידערזעק האָבן זיך אַריינגעכאַפּט אומעטום.

„ער איז דאָך אָבער אויך אַ שרייבער״ — פּרוביר איך זי אַראָפּפירן פון דער טעמע, זי צוריק אַרויפברענגען אויפן „גלייכן וועג״. און אסתר בלייבט נישט שולדיק קיין ענטפער:

„אַ שרייבער, ווי אַלע זענען זיי שרייבערס... פּאָליטיקאַנער... אַט!״

איך גליטש זיך זייטיק אַריין אינם ביכער־סקלאַד, פאַרקריך צווישן די פּאָליצעס און נעם זיך ווידער צום סדרן: די שרייבערס באַזונדער און די סאָצרעאַליסטן — באַזונדער. בעסער צו פאַרקען זיך מיט די גראַפאָמאַנען דאָ איידער אויסצו־הערן אסתרס ירגזון, אַזאַ ירגזון, וואָס קאָן מיר גאָר אויף אַן אמת פאַרשאַטן. דעם היינטיקן אָונט איז נחום אַהיימגעקומען שפּעט. ער איז געווען פאַרפאַרקעט (אַזוי האָט ער געזאָגט) אויף זיצונגען און מיט די שטעטלשע יידן; ער האָט אַלץ געטאָן פאַרן מאָרגנדיקן אָונט. איז דאָך דאָס זיין אַרבעט, זיין פּרנסה... איך וועל נישט קאַווירן: וואָלט אַזאַ נחום באַקומען אין שטעטל עפּעס אַ צווייטע אַרבעט, וואָלט ער זי אָנגענומען — במקום צו זיין אַ פּאָליטישער קאָמיסאַר. אַז דער גאַנצער „ענין״ פּאַסט זיך לגמרי נישט צו אים. ער וויל דווקא מיט מיר רעדן, דערציילן וועגן זיינע דערפאָלגן אָדער דורכפאַלן. אָבער איך ליג אַ פאַר־דושעטער אינם שטורוי־בונט. אַ וויילע האָט ער זיך געדרייט אַרום דער שלאָף־באַנק. לסוף — פאַרלאָשן דאָס ליכט.

צומאָרגנס — אים גע׳זען אין זיין גאַנצן גלאַנץ. אין לאָץ פון זיין רעקל אַ שטערנדל — אַן אויסצייכענונג. פאַר זיין פאַרלוירענעם האַלבן פוס; נישט לייכט געווען דאָס אָנקומען צו אים. דער זאַל פון „רויטן ווינקל״ — פול איבערגעפּאַקט. איך האָב אַביסל פאַרשפּעטיקט, אָבער זיי געזען אויף דער טריבונע — די פּני פון די סאַמע שפּיצן. און אין זאַל זענען די בענק געדיכט באַזעצט דורך יידן מיט בערד און קאַשקעטן און יידענעס מיט טיכלעך אויף די קעפּ, עלעהיי, להבדיל, ווי צום אויסהערן אַ דרשה פון אַ באַרימטן מגיד. עולם הערט געדולדיק די רעדעס, אַפּלאָדירט — די איבערחזורונגען פון זאַסלאַווסקיס אַפּיקורסות און אויך

יעווסעקישע וויצן אויפֿן חשבון פֿון שפּאַלטן דעם ים און פֿונם פּסחדיקן סדר, וואָס איז אי רעאַקציאָנער, אי זאַבאָבאָניש און וואָס אַזוינס טאָר נישט האָבן קיין פּלאַץ אינם סאָוועטישן סדר... אימעצער שרייט פֿון צווישן די בענק: זאָל לעבן דער סאָוועטישער סדר! — — —

איך פֿאַראַן פֿיל יוגנט, וואָס רעאַגירט אויף די רעדעס אין יידיש. שוין לאַנג נישט געזען אַזויפֿיל יוגנט ביי יידישע רעדעס. אָבער אויך מיט אַ שיינעם יידיש קאָן מען מאַכן, אַז די גאַל זאָל זיך קערן. דאָס איז ספּעציעל אַרויס פֿון דער רעדע פֿונם חבר ס. ער טוט ממש אונטערשפּרינגען ביים ברענגען ציטאַטעס פֿון באַרימטע אַפּיקורסים; בשעת מעשה פּאַכעט ער איבערן קאָפּ מיט כלערליי בראָשורן, וויזנדיק מיט אַ פֿינגער, שרייענדיק: „אָט זעט, אַזוי שטייט געשריבן"... שייך אָפּצופֿרעגן? אַ בפֿירושער מפֿורש... יאָ, און רחמנות האָב איך אויף די באַבאָרדטע יידן, וואָס זענען געצוווּנגען אַראָפּצושלינגען די ביטערע אַפּיקורסות־פּילן. זיי, דידאָזיקע יידן, האָבן דאָך שוין סיווי אַריינגעפֿירט אין שטוב דעם פּסח און זיי וועלן אים דאָך פֿראַווען כהילכתו — — —

9. געוויין אין אַן אויסגעשטערנטער נאַכט

דער הימל איבערן שטעטל הענגט אַן אויסגעפּוצטער, אַ קלאָרער, אַן ערב־פּסחדיקער. אַ בינטל שטערן גלאַנצט מיט זילבער און מיט יידישער צניעות, ווי עס וואָלט געזעסן אויף אַ פֿרומער מאַמעס קאָפּטיכל — אַ שטערן־טיכל ביים קבלת־פּנים לכבוד אליהו הנביא, לכבוד ארבע כוסות, לכבוד — — —

איך קוק אויפֿן הימל; נישט געפֿילט ווי עולם האָט פֿאַרלאָזט דעם זאַל; אויך נישט געפֿילט די האַנט פֿונם אַפּיקורס־פּרעדיקער אויף מיין אַקסל.

„אַ — האָב איך אויפֿגעוואַכט פֿונם וואַכנדיקן דרעמל — האַ? איר? אַ. יאָ... אייער רעדע? שוין לאַנג נישט געהערט אַזאַ יידיש און נישט געזען אַזאַ יידישן עולם"...

איך האָב אים בפֿירוש פֿיינט־באַקומען, דעם אַפּיקורסים־שליח, נאָכן אויסהערן זיין פּלוידעריי און אויך — מורא געהאַט פֿאַר אים. איז אפֿשר גלייכער צו זאָגן אַ גוטע נאַכט און פּטור אַן עסק: אויס שנאה און אויס שרעק?

אָבער ער טראַכט נישט מיך צו פֿאַרלאָזן. מיר שטייען פֿאַררוקט אין אַ ווינקל. אין שאָטן פֿון אַ צעוואָקסענעם בוים, נישט ווייט פֿון אַ וויינטרויבן־סעדל. ער האַלט זיין האַנט אויף מיין פּלייצע. איך דאַרף זיין צו אים ברוטאַל, כדי זיך צו באַפֿרייען פֿון זיין האַנט. איך האַלט זיך „אין די ראַמען", קניים ממש די באַקן כדי אַרויסצוקוועטשן פֿון זיי אַ שמייכל. ער וויל דווקא שפּאַצירן. באין ברירה בין איך אַריין מיט אים אין סעדל. ער קוקט נישט אויס צו זיין אַ מערדער... מילא, וועל איך מסכים־זיין מיט די „געדאַנקען" זיינע.

אַ מחיהדיקע שטילקייט אַרום. אויך דיביימלעך האַלטן־אײַן דעם אָטעם. דאַכט זיך: אַלץ דאָ האָט אָנגעשטעלט די גערערן, כדי אויפצוכאַפּן אונזער שמועס. אָבער מיר שפּאַנען צווישן די בייטן און שווייגן. די לופט, אַ שטילע, אַ ריינע — אָנגעזאַפּט מיט טרויבן־זאַפט.

„האַ — רייס איך איבער די שטילקייט — ווי מיינט איר?"

„וועגן וואָס?"

„כמיין, די לופט איז דאָ אָנגעפּילט מיט ווײַן, כ'וואָלט געזאָגט: מיט ווײַן פון ארבע־כוסות"...

איך פּראָוואָציר און ער שווייגט. איז אפשר גלייכער, אַזוי שפּאַנענדיק, צו פאַר־לאָזן דאָס סעדל און איבערלאָזן דאָ דעם גאַסט מיינעם? ער, קענטיק פילט מיין טראַכטן, טוט ער אַ זאָג:

„עס ווילט זיך מיר דאָ אַזוי אַרומשפּאַנען מיט אייך כאָטש אַ גאַנצע נאַכט".

„און איך בין מיד. זעט איר: עס וואָלט זיך אייך גאָר אַנדערש געשפּאַנט און געטרוימט און איר וואָלט גאָר אַנדערש הנאה געהאַט פון הימל און ערד, ווען... אויף מיין פּלאַץ וואָלט געשפּאַנט אַ יונג מיידל, אַ טרוימערישע אַזאַ, האַ־האַ!"

„דאָס איז אויך אַן ענין, אָבער"...

„אָבער וואָס? נישט אום ערב־פּסח?"

גראָד איצט האָב איך זיך דערפילט מוטיק — צו ווערן דרייסטער:

„זאָגט מיר, כ'בעט אייך, האָט איר געגלייבט אין די ווערטער, וואָס איר האָט אַרויסגעבראַכט פאַר די הונדערטער יידן אין זאַל, כ'מיין: זענט איר זיכער, אַז דידאָזיקע באַבאָרדטע יידן וועלן, אויף אייער באַפעל, נישט פּראַוועןן דעם פּסח?"

צופיל ריזיקירט. אָבער נישקשה — בין איך דאָך אַן אומוויסנדיקער פּוילישער ייד... טאָ זאָל ער מיר אויפקלערן... און דאָך — זיך געשראָקן פאַר מיין אייגענעם שאָטן, וואָס ציט זיך לענגאויס דעם וועג. בין איך נישט אַריבער די גרענעץ? ווי האָב איך גאָר דערוועגט צו שטעלן אַזאַ שאלה צו איינעם, וואָס איז בלב ונפש אריינגעלעבט אין דער „רעוואָלוציע פון מוח" — ווי ער האָט דאָס פאַרלאַנגט פון די יידן מיט אַ ווײַל צוריק?! איז מעגלעך, ער זאָל זיין אַ דעמאַגאָג, אַ שקרן און אונטערגעקויפטער — איז דאָך בפירוש אַ סכנה צו געפינען זיך אין זיינע ד' אַמות! טאָ ווי איז מיר געקומען אויפן רעיון צו שטעלן אַזאַ שאלה?... איך קאָן זיך נישט באַרואיקן. און ער שווייגט. און אַרום איז שטיל. אפשר האָט ער בכלל נישט געהערט מיין שאלה? ווייס עס דער טייוול! אַזאַ אָנשיקעניש.

ער האָט יאָ געהערט. ער האָט בלויז געוואָלט, אַז אַנדערע זאָלן נישט האָבן געהערט; אַז בלויז ער און איך זאָלן זיך געפונען אין סעדל. דערפאַר שווייגט ער און ער וויל, אַז אויך איך זאָל שווייגן. דער שפּאַציר נעמט ווערן אינטערע־

סאַנט. וואָס לענגער דאָס שוויַגעניש — אינטערעסאַנטער, סודותדיקער. ער נעמט זיך צו מיר צוטוליען, כאָטש די נאַכט איז אַ וואַרעמע, אַ פּרילינגדיקע.
שוין אויסגעמאָסטן דאָס סעדל אין דער לענג, ברייט און טיף אַמאָל פּופּציק. אַ מידקייט אין די פיס. אפשר זיך ערגעץ אַוועקזעצן? ער שלעפּט מיך נאָך זיך. ניין. לאָמיר שפּאַנען, נישט אויפהערן צו שפּאַנען. ער איז נישט מיד. פּלוצים האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, זיך האַסטיק אומגעקוקט, זיך איינגעהערט צו דער שטילקייט. שאַ. אַפילו קיין פּישטש פון אַ פויגל ערגעץ, קיין זשום פון אַ פליג. ער טוט אַ זאָג:
„שוין צוואַנציק יאָר וואַרט איך אויף אייך!"
און ווייטער געשפּאַנט — בייט־איין, בייט־אויס. ווידער אַרויס אויפן הויפּטוועג און ווידער צוריק, אַוועק פון אַרויסגאַנג. דערנאָך פיל איך, ווי ער טרייסלט זיך, ער העשעט... עך, סאַראַ קאַשע עס האָט זיך דאָ פאַרקאָכט!
„וואָס איז מיט אייך, חבר... פילט איר זיך שלעכט? קומט, וועל איך אייך העלפן אַרויסגיין"...
„אַ, אַ דאַנק, חבר... גאָרנישט... דאָס ווייַן איך. איך פאַרגיס זיך מיט טרערן. און דאָס אַ דאַנק אייך. און דערפאַר האָב איך אויף אייך אַזוי לאַנג געוואַרט, געוואַרט צו האָבן פאַר וועמען זיך אָפּצוּווייַנען, זיך אויסצוּווייַנען"...
ער האָט צו מיר צוטרוי. עס האָבן זיך געעפנט ביי אים אַלע קוואַלן. עס האָט פון אים אַ שפּראָץ געטאָן מיט טרערן, מענטשלעכע, צעפּייניקטע, ריין־יידישע טרערן...
„איר וויינט? — האָב איך פאַרחידושט געפרעגט — אויב האַלט איר, אַז דאָס אויסוויינען זיך וועט אייך פאַרלייכטערן, טאָ מעגט איר וויינען, וויינען אָן שרעק"...
„אָן שרעק, מיין ליבער חבר; וואָלט איר מיך נישט געוואָלט אויסהערן, נישט געוואָלט זיך מיט מיר באַקענען און נישט געוואָלט מיטמאַכן דעם איצטיקן שפּאַציר, וואָלט איך געווען אומגליקלעך, אומגליקלעך און מיאושדיק. איך האָב אין אייך דערפילט — דעם ייד פון פוילן, אָט יענעם ייד, וואָס איז גרייט אויף קידוש השם. מיר דאָ האָבן פאַרשפּעטיקט. ערגער: מען האָט אונדז אַריינגענומען אין אַזוינע אייזערנע צוימען, אַז מיר האָבן נישט אוספּייעט צו פאַרטראַכטן זיך: ווהיז, אין וועלכן כף הקלע, שליידערט מען אונדז אַריין. מיר דאָ זענען ווי געשלאָגענע הינט, וואָס אימעצער וואַרפט זיי אַ בייַן און אַלע וואַרפן זיך איינער אויפן צווייטן און פרעסן זיך די לייבער. מיר האָבן געגלייבט, אַז דער סטאַלין־בייַן וועט אונדז פאַרזיסן נאָך די צאַרישע פּאָגראָמען. אָבער דער טעות איז דאָך אַזאַ שרעקלעכער! סטאַלין, ימח שמו, צעגראַמירט אונדז אויך גייסטיק. גראָד דאָס איז ס'ערגסטע, ס'געמיינסטע. מיר לעבן אין זכות פון דערנידערונג, פון באַליידיקונג, פון רייסן זיך איבער דעם סטאַלין־בייַן"...

ער שטעלט נישט אָפּ דעם ווערטער־שטראָם. און איך נעם זיך פילן אומבאַקוועם; אויב איז ער אומגליקלעך, איז מיר ערגער פון אים: איז ער דאָך אַן אָפּיציעלער, אַ שליח, צו וועמען די שפּיצן האָבן צוטרוי... וואָס גראַד איצט און וואָס דווקא פאַר מיר מוז ער אויסגיסן די טרערן זיינע? איז דאָס נישט אַ מיטל אַזאַ, אַ מין ווענדקע פון דער „יעווסעקציע" צו כאַפּן אַ פישל, זאָל זיין אַ האַלב־געפּגרטס, אַ סטינקע...? איך זוך דעם אַרויסגאַנג. די פיס פּלאָנטערן זיך. איין פוס אויפן צווייטן, איינעמס פוס אויפן צווייטנס. אָט־אָט — איינער וועט פאַלן אויפן צווייטן... איך באַשליס איבערצורייסן זיין ווערטער־שטראָם, אמת, פאַרזיכטיק, אָבער געגוג אכזריותדיק — אי אָנגרייפן, אי זיך פאַרטיידיקן:

„אָבער חבר... מ'קאָן דאָך נישט זיין צווייפּנימדיק — אי קעגן סטאַליניזם, אי ליובן דעם סטאַליניזם! ווי כ'האָב דאָס היינט געהערט פון אייך... מוזט איר דען זיין אַ מיטגליד אינם אַפּיקורסים־פאַרבאַנד?"

„יאָ. איך מוז ליובן סטאַלינען און איך מוז זיין אַ מיטגליד, אַנדערש — דאַרף איך און מיין משפחה זיך אויפהענגען. דאָס איז מיין פּרנסה. אַזאַ פּרנסה האָט מען אויף מיר אַרויפגעצוווּנגען. שווער צו דערקלערן אַלץ און אין אייניקע רגעס און ביי אַזוינע אומשטענדן. איך ווייס, אַז איר קענט מיר גאָרנישט העלפן. איך האָב אָבער געוואָלט אויף אַ ווייל לויזער מאַכן דעם שטריק, אַרויסברענגען, אַז איך בין נישט גאַנץ מיט זיך, אַז איך בין צעשפּאָלטן און אַז אין אַזאַ צעשפּאָלטנקייט איז שווער צו לעבן, צו עטעמען, שווער צו שאַפן, צו עקזיסטירן. עס איז אַ הינטיש לעבן. סטאַלין איז אַ היצעל, אַ הינט־יעגער. איך האָב שטאַרק מורא, אַז די דאָזיקע ווערטער זאָל איך נישט אַמאָל אויסשרייען פון אַ טריבונע... אַלע טראַכטן אַזוי, אַלע פילן אַזוי"...

מיר האָבן פאַרלאָזט דאָס סעדל. די שעה — אַ היפּשלעך שפּעטע. אַ האַלב־צעהושטער האָב איך געטראָטן איבער די האַרטע זאַמד־בערגלעך, וואָס פירן צו דער שטוב פון נחום „פּאַליטרוק". ביים געזעגענען זיך האָט ס. געשוויגן. ער ווייס, אַז איך ווייס ביי נחומען, אָבער ער זאָגט מיר גאָרנישט. בלויז פון זיין האַנטדרוק פיל איך, אַז ער איז זיכער מיט מיר; אַז איך וועל נישט פּלאַפּלען, נישט „פאַרשיטן" אים, דעם אָפּיציעלן שליח פון די „בעזבאָזשניקעס", וואָס מיט אַ ווײַלע צוריק האָט ער — אי' געבענטשט אי געשאָלטן דעם סטאַלין־רעזשים — — —

ער איז פאַרשוווּנדן אין איינעם פון די טונקעלע געסלעך. איך האָב לאַנג נאָכגעקוקט דעם שאָטן זיינעם, אַ לאַנגן, אַ שרעקנדיקן שאָטן, וואָס איז צערינען אין דער בלאָטע פונם געוויזענעם שטעטלשן מאַרק.

10. אומרואיקע הימלען איבער נייזלאטאָפּאָל

דער פּסח איז יאַקאָש פאַרביי בשלום. די זון ליגט באַלעבאַטיש איבער שטעטלשע דעכער און דעכלקעס. זי האָט אַרויסגעטריבן די שאָף אויף דער פאַשע. אויך האָט זי אויסגעטרוקנט די בלאָטע פון מיטנשטעטלשן מאַרק. דאָס באַשטעטיקן די אָפענע מיילער פון מיינע וואָילאַקעס, וואָס עטעמען רחבֿוחדיק די לופט אינם סוף מאַי.

און איך? איך בין געוואָרן אַ פשוטער בירגער פונם „יידישן נאַציאָנאַלן ראַיאָן", פּשוט: ווייל אויס־„מערקווירדיקייט", אויס־סענסאַציע. אויב ביים אָנקומען בין איך געווען דער איינציקער „בכבודיקער בעזשעניעץ" אָדער „פּוילישער" צווישן אַ שטעטל איינגעזעסענע יידן, האָב איך שוין פאַר דער צייט אוספּייעט צו ווערן נאָרמאַל: „ביבליאָטעק־אינסטרוקטאָר", עלעהיי אַ מין רעוויזאָר, וואָס גיט אַכטונג אויף די „אַנשי השורה", זיי זאָלן פונקציאָנירן כשורה.

אויך פאַרן יידישן מיליציאָנער (וואָס האָט נאָך אַלץ נישט באַקומען קיין „אָרדער" אויף אַ פּאָר גאַנצע שטיוול) בין איך געוואָרן — און דאָס איז גראָד זייער וויכטיק — אַ נאָרמאַלער בירגער. אין די אָוונטן טרעפן מיר זיך נעבן „לאַראָק", באַגריסן זיך זייער יידישלעך. דאָ, נעבן קיאָסק, טוען יידן שמועסן וועגן נאָנטן תבֿואה־אַראָפּנעם, וועגן גערעטעניש און כלערליי ענינים; אויך פאַרלירן אַ זיפץ סתם־אַזוי — זאַכן, וואָס מען ברענגט נישט אויף די ליפּן.

אָבער די ווענט רעדן, אויך די הימלען דערציילן.

און דאָס לעבן שפּאַנט דעם טעגלעכן גאַנג. יידן קלאַפּן־אויס פּוטער, האָדעווען עופות, קייען שטרויעלעך און זענען פאַרטרודעוועט יעדער אויף זיין שטייגער. און אַרבעטן — אַלע. אַ שותפות־ענין. אַלע גלייך. פאַראַן פּרנסה פאַר אַלעמען. אויסערלעך צופרידן, זאַט און פריילעך (אַריינקוקן אינעווייניק? נישט איך קען און נישט איך מעג).

שוין היפשלעך אַריין אין חודש יוני. מיין טראַכטן: אויס "תכלית", בלויז — די מלחמה זאָל זיך ענדיקן, אַ מלחמה, וואָס איז אַרומגעהילט מיט אַזויפיל נעפל און רויך... דאָס האָט סיוּוּי נישט קיין פּעולה. די גרענעץ איז צו־נאָנט. די קאַנאָנאַדע קלאַפּט אויף די לאָדנס — — —.

דער בעל־הקיאָסק, אַ לוסטיקער חי־וקים, וואָס דאגהט בלויז פאַרן היינט; „פאַרן מאָרגן טוט גאָט זאָרגן" — באַקלאָגט זיך אויף די יידן, הלמאַי זיי באַיקאָטירן זיין קוואַס און זעלצער־וואַסער.

„אַמאָליקע צייטן, ווען צוקער איז געווען אין חלום און פאַר אַ לימענע־שאָל האָט מען זיך געקעפּט, איז שטעטל ביי מיר געשטאַנען אין „אָטשערעד"; אַמאָליקע צייטן... איר זעט: פולע קאַסטנס מיט „ספּיטשקעס" און — גאָר־

נישט. הא? ביי איך אין „פּאַלשאַ" האָט מען אויך באַקומען אַזוי פריי אַלץ?" און צוזאַמען מיט מײַנע מחשבות טו איך אַוועקשפּאַנען העט־ווײַט הינטער די הייזקעס, דאָרט, וווּ עס פּילט זיך בהמה־מיסט און אויפגאַנג פון צעוויגט גאָלד איבער ריזיקע ברויט־שטחים. אַ שטעטל איז פאַרטאָן אין אַרבעט. פון זון־אויפגאַנג ביז אַרײַן אין דער שפּעטער נאַכט. און אַלץ איז דאָ אַזוי פּינקטלעך אָנגעצייכנט: ביז דאַנען און ווייטער נישט; הוילע צוגעשניטענע וואָכעדיקייט. אויך דער שבת איז דאָ אַ וואָכעדיקער. די לאַסט־אויטאָס פאָרן באַרג־אַרויף און אַראָפּ. נישט פאַראַן קיין רו־טאָג. הלמאי? אין יעמאַנזשעלינסק איז זונטיק „וואָסקרעסעניע". פאַרוואָס קומט נישט די זלאַטאָפּאָלער יידן קיין זיבעטער רו־טאָג...?

דער אָוונט שמעקט מיט ברויט, ווײַנטרויבן, מיט רחבות און מיט אַ פולער לבנה. שבתצונאַכט. איך וויס נישט גענוי, צי היינט דאַרף מען מחדש זיין די לבנה, אָבער אַזאַ לבנה, אַזאַ גרויסע, אַזאַ ליכטיקע, אַזאַ פריילעכע און קיילעכיקע, אָן אַ ברעקעלע פּגם — מעג מען מחדש־זיין אַ גאַנץ יאָר; מעג מען טאַנצן אַנט־קעגן מיט אַן אויסגעשטרעקטן „שלום". אַזאַ שיינע לבנה! דידאַזיקע לבנה שיינט דאָך אויך איצטער איבער וואַרשע... אַזאַ ליכטיקע נאַכט און אַזוי פינצטער אויף דער נשמה — — —

פון הינטער די הייזקעס, צוריק אַרויף אויפן טראַקט. פאַרביי דאָס שטעטל און זיך אַוועקגעשטעלט נעבן דער געשלאָסענער ביבליאָטעק. דאָ איז פאַראַן אַ באַנק. דאָ זיץ איך אין די אָוונטן ביזן „מאַכן נאַכט". און אויך היינטיקן אָוונט ווי שטענדיק — טראָגט זיך אין דער לופט אַ יונג און דין לאַכן פון שטעטלשער יוגנט, פּילט אויס דעם חלל מיט חשק צום לעבן. יאָ, יוגנט שטעקט־אָן מיט געזאַנג, איז אַרויסרופעריש. אַ באמת מחיהדיק דאָ צו זיצן, צו זיצן און צו הערן דאָס קייקלדיקע, דריבנע געלעכטער פון — — חשק צום לעבן.

אויך היינטיקע נאַכט איבערגעשלאָפן אין דער שלאָפבאַנק אָן ספּעציעלע חלומות. נחום איז פאַרטאָג אַוועק ערגעץ. איך האָב זיך אייליק אַרײַנגעוואָרפן אינם בינטל שמאַטעס און — צו דער ביבליאָטעק. דאָרט גרייט שוין פאַר מיר אסתר דעם איבערבייס: אַ טעפּל הייסע מילך און ברויט מיט מאַרמעלאַד. איצט האָט זי מיך אויפגענומען מיט אומרו. אַפילו נישט געענטפערט אויף מיין באַגריסונג. וואָס איז געשען? האָב איך דען געטאָן עפּעס „נישט צו דער זאַך"?

היינט איז זונטיק, דער צוויי־און־צוואַנציקסטער טאָג אינם חודש יוני, 1941. דער ראַדיאָ־ספּיקער רופט פון פרימאָרגן דעם עולם אויסצוהערן פּינקטלעך 12 אַזייגער אַ וויכטיקע רעדע פון חבר וויאַטשעסלאַוו מאָלאָטאָוו, דעם קאָמיסאַר פאַר אויסערן־ענינים. נעבן דעם „רויטן ווינקל" איז פאַראַן אַ הויך־רעדער. דאָרט זאַמלען

זיך קופּקעלעך יידן. וואָס נענטער צו 12, געדיכטער ווערט, אַנגעשטרענגטער און שרעקעוודיקער דער בליק ביי יידן, געפּרוווטע יידן.

„וונימאַניע, וונימאַניע" — טראָגט זיך אַ רוף איבערן שטעטל.

„האַ, וואָס וועט ער דען זאָגן דאָרט, דער גדול אונזערער, הא?" — פאַרצייכן איך אין מוח אַ יידס שאלה צו אַ צווייטן ייד און דעם צווייטנס ענטפער:

„וואָס האָט ער דען צו זאָגן; דער גדול אונזערער, וואָס?"

ביידע יידן איילן זיך נישט. זיי טרעטן שווערע און געלאַסענע טריט צום ראַדיאָ־הילכער, וווּ שטעטל איז שוין פאַרזאַמלט, שטייט רואיק, וואַרט, ווי אויף אַ גרייטער זאַך וואָס שוין לאַנג צוריכטן זיך אויף איר... איך שטויס זיך צווישן די יידן. זיכער וועט מען באַלד הערן וויכטיקע נייעס, כאָטש — שוין אויס־נייעס... באַלד וועט ער אַנטפּלעקן דעם גרויסן סוד, ער, דער אַרכיטעקט פונם מאָלאָטאָוו־ריבענטראָפּ־פּאַקט. און איך באַמערק אַ מאָדנע זאַך: אינם שטעטל געפינען זיך אויך דייטשן און אוקראַינער, אָבער איצט, דאָ, זעט מען זיי נישט. איך קען זיי כמעט אַלע. איך זע זיי און זייערע קינדער ביים טוישן ביכער אין ביבליאָטעק. זיי רעדן יידיש. זיי זענען אויסגעמישט מיט יידן. און איצט? — פאַרשוווּנדן...

„וונימאַניע!"

נאָך אייניקע מינוט. און אָט — מאָלאָטאָווס ערשטע ווערטער:

„נאַש וויעטשני וראַג, אונזער אייביקער פיינט, דער נאַצי־פאַשיזם, איז אַריבער די סאָוועטישע גרענעצן"...

איך האָב אַ ציטער געטאָן, כאָטש דאָס איז געווען פאַרצוזען. מען האָט עס געפילט, אָבער נישט געטאָרט דערמאָנען דערוועגן. יעדער האָט געאָנט, אַז נאַציזם איז באַשאַפן געוואָרן, כדי אומצוברענגען דעם באָלשעוויזם, יעדער, אָבער נישט זיי אַליין, די פּאָליטרוקן. נחום האָט מיר פאַרמאַכט דאָס מויל, איידער כ'האָב עס געעפנט. איצט?

„שווייג!" — האָט מיך אימעצער אַ שטויס געטאָן. איך האָב געטאָן אַ פאַל אויף צוריק. ניין. קיינער האָט מיך נישט געשטויסן. דאָס האָב איך אַליין זיך געשטויסן. עפּעס האָט זיך אָפּגעריסן אין מיר אינעווייניק. איך האָב זיך אַריינגערוקט אין דער יידן־קופּע. אָט איז זייער גורל — אונזער גורל — געחתמעט. טאַ, רבונו של עולם! — ווו איז די שרעק, די רעאַקציע, דער צאַרן און פּחד אין יידנס אויגן? קיין שום צייכן. פאַרגליווערטע אויגן־גלעזער. גלייגילטיקע בליקן. וואָס האָב איך איצט צו טאָן אין ביבליאָטעק? זאָל שוין מיין „אינסטרוקטאָרסקע" אַרבעט מאַכן אַ צווייטער... איך רוק זיך לענגויס דער הייזער־שורה, ווייל אויפּכאַפּן פון ערגעץ די רעאַקציע וואָס דאַרף קומען נאָך אַ גרויליקער ידיעה:

„יידן, מ'וועט איך אויסשעכטן!" —

קיין צייכן. עס האָט זיך גאָר אָװעקגעשטעלט אַ לאַנגע „אַטשערעד" נעבן קיאָסק און עולם שטויסט זיך און שרייט:

„ספּיטשקי!"

מען כאַפּט צו 10, 20, 30 קעסטעלעך שװעבעלעך. אַ מהומה. אַ שריפה אין שטעטל. מען גייט לעשן דאָס פייער מיט — „ספּיטשקי"...

איך פיל אַ דריקעניש, אַ שטיקעניש. עפּעס אַ חידוש? פּאָר שאלות, פּאָר אמתן, אַ, ברודער — יעמאַנזשעלינסק... דערמאָן זיך און — שװייג... עס גייען אַרום שמועות: די דייטשן זענען שוין העט אַריבער קיעװ... פאַרטאָג האָט מען געפונען אַ געקוילעטן ייד אין אַ זאַק, אַראָפּגעװאָרפן אויף אַ פעלד פון אַ דייטשן עראָפּלאַן. צום זאַק אַ צעטעלע: „װער עס װעט באַהאַלטן יידן, װעט האָבן דעמדאָזיקן סוף"... אַנטלויפן? װידער — לויפן?

איך פרעג זייער פאַרזיכטיק דעם באַלעבאָס מיינעם, נחום דעם „פּאָליטרוק", װאָס ער טראַכט מכוח מיינע טראַכטענישן. ער ענטפערט זייער זאַכלעך און אויפ־קלערעריש:

„איר מיינט אַז „סאָװעטסקי סאָיוז" איז אייער „פּאָלשאַ" דאָרט, אייערע פּאַנעס, װאָס זענען אויפן דריטן טאָג מלחמה אַנטלאָפן פון װאַרשע אָן די הויזן? ביי אונז װעט עס זיין פאַרקערט. די נאַצישע מערזאַװצעס װעלן אָקערשט באַקומען אַזאַ לויפעניש... שאַ, זער ראַדיאָ האָט איבערגעגעבן די רעדע פון חבר סטאַלין... נישט געהערט? אַ שאָד. דער חבר סטאַלין האָט געזאָגט, אַז דער נאַצישער שטיװל... באַלד. כ'װעל אַ קוק טאָן אין ציַיטונג. אָט, נאָט, זעט: רעטש טאָװאַ־רישטשאַ סטאַלינאַ"...

איך זוך אַ װעג װי „אויסצורינען" פון נחומס װאָסערגיסעריי. ער אַליין גלייבט נישט זיינע װערטער, טרויט נישט סטאַלינס „רעטש". פאַר מיינע אויגן שטעלט זיך אַװעק יענער אָװנט מיטן בעזבאָזשניק...

און װידער אַ טאָג פאַרביי. עס דערמאָנט אָן די ערשטע סעפּטעמבער־טעג 1939. אויך דעמלט האָט מען געװאָרט און געהאָפט...

11. עװאַקואַציע

די ביבליאָטעק איז געשלאָסן. איך בין אַװעק צו אסתרן אַהיים. פון איר פּנים איז פאַרשװונדן דער שטענדיקער שמייכל.

„זעט — האָט זי פאַנאַנדערגעװאָרפן די הענט — צענדליקער יאָרן אָנגעהאָרעװעט אַ באַלעבאַטישקייט, פאַר װעמען דאָס אַלץ לאָזן איצט?"

איך האָב אויסגעגלאָצט די אויגן:

„האַ, װאָס רעדט איר, אסתר?"

„דאָס װאָס איר הערט: מען עװאַקואירט... דאָס אַלץ. מיטנעמען אַ קליין טשע־

מאַדאַנטשיקל אויפֿן וועג און די רעשט — אונטערצינדן. זיי זאָגן: נישט אויף לאַנג. פֿאַרשליסן און מיטנעמען די שליסלען. פֿלוידערייען. די פֿאַשיסטן ברענען שטעט. הרגענען, קוילענען — — —״

זי האָט פֿאַרשטעלט דאָס פּנים מיט ביידע הענט, ווי זי וואָלט זיך געגרייט צום צינדן שבת־ליכט. לסוף האָט זי אויסגעשריגן:

„אוי, רבונו של עולם, צו וואָס מיר האָבן דערלעבט!״

יאָ. זלאַטאָפּאָלער יידן קאָנען איצט האָבן טענות בלויז צום וועלט־באַשעפֿער. צו וועמען דען? אַז סטאַלין, דער „פֿאָטער פֿון די פֿעלקער״, האָט זיך אַרויסגעוויזן פֿאַר אַ מיאוסן לא־יצלח, פֿאַר אַן אָפּנאַרער פֿון זיין פֿאָלק, פֿאַר אַ האָדעווער פֿון דער שלאַנג...

פֿאַרמאַכט. אַלץ פֿאַרמאַכט. געשלאָסן די דרוקעריי פֿון „קאָלווירטניק״, פֿאַרמאַכט די קאָאָפּעראַטיוו, דער קלוב, די קיאָסק, וווּ יידן האָבן זיך געפֿלעגט זאַמלען אין די אָוונטן. נישטאָ. אויך דער איינציקער מיליציאָנער — אַ היימיש־יידישער בחור מיט אויסגעדרייטע שטיוול — איז פֿאַרשווונדן. ניין. ער איז נישט פֿאַר־שווונדן. ער האָט בלויז אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון זיך דעם מונדיר. געזען אים לויפֿן אין געלאַטעטע הויזן איבער די בלאָטעס.

נישטאָ מיט וועמען צו רעדן, וועמען צו פֿרעגן. איך נעם שוין גאָר שטאַרק פֿילן דעם טעם פֿון הונגער (אויב הונגער האָט אַ טעם). מיין באַלעבאָסטע, נחומס ווייב, וואָס חוץ דער שלאָפּבאַנק האָט זי מיר אויך געגעבן געשמאַק־זויערע באַרשטשן און ווייצענע קאַשעס מיט קעלבערנס, איז איצט גאָר פֿאַרנומען מיט אַנדערע זאַכן. וואָס אַזוינס? די שטוב איז הפקר און די קיך — קאַלט. פּלוצים איז זי אָנגעלאָפֿן מיט צעשפּרייטע הענט:

„איילט זיך, איילט זיך, חבר. נישטאָ קיין צייט. מאָרגן ווערט דאָס שטעטל אויס־געליידיקט. נו, נעמט איניציאַטיוו. קלאַפּט צונויף עטלעכע שמאַטעס און לאָזט אייך צום באַרג־אַרויף״.

פֿאַרשווונדן די גוטע רייד. פֿאַרשווונדן דער מענטש. יעדער פֿאַר זיך. מען דאַרף זיך ראַטעווען. נחום איז בכלל נישט געוואָרן. מען שמועסט, אַז די אַרטיקע דייטשן און אוקראַאינער האָבן אויפֿגעריסן דעם וועג צו דער באַן; אַז אין די נעכט הרגענען זיי, מאָרדעווען און רויבן זייערע נעכטיקע חברים...

אַרום די הייזקעס — אָנגעוואָרפֿענע שטיקער מעבל. יידן פֿאַרקלאַפּן טירן און לאָדנס מיט ברעטער. מען ווייס נישט וואָס יאָ און וואָס נישט צו טאָן. אַ בהלה. אָט יאָגט זיך אַ ייד נאָך אַ רעווענדיק קעלבל. ער וויל עס דווקא דערהרגענען... פֿאַר וועמען עס לאָזן? — — —

אַ ריי לאַסט־אויטאָס פֿאַרנעמען די לענג פֿון מאַרק. עוואַקואַציע. עס ליקווידירט זיך דער „יידישער נאַציאָנאַלער ראַיאָן״. יידישע פּראַצע. יידישע האָפֿנונגען.

די אויטאָס איילן באַרג־אַרויף. זיי פירן מיט זיך דעם „אַקטיוו". זיי, „פּאַרטקאַמען" און „פּאָליטרוקן", מוזן די ערשטע פּאַרלאָזן דאָס שטעטל, זיך ראַטעווען. נישט צו דערקענען קיין היימיש פּנים. אויס־חברים. אויס־פּאַרטייער... איינער יאָגט אַריבער דעם צווייטן און אַלע איילן זיי קיין פּיאַטיכאַטקאַ, צו דער גרויסער פּאַרבינדונגס־סטאַציע.

און צווישן און אַרום דער מהומה שטיי איך מיט אַ צעפּליקט זעקעלע און קוק און זוך... נישטאָ קיין היימיש פּנים. קיינער קען מיך נישט, זענען דאָך אַלע איצט אין מיין לאַגע: בעזשענצעס — — — נישטאָ פאַר מיר קיין פּלאַץ אין קיין שום אויטאָ. און וואַרטן טאָר מען נישט. די ערד טרייסלט זיך אַרום. אָ, ווי באַקאַנט עס זענען מיר דידאָזיקע אויפרייסן! נעם איך זיך איילן צופוס: אַזויפיל יידן לויפן צום באַרג, איך — נאָך זיי.

הייסער מיטנטאָג. סוף יוני. די זון גליט און גלאַנצט איבערן יידישן אוקראַינע. אַוועק, אַוועק — ווידער אין דער וועלט אַריין! פּלוצים: דער חבר ס.! יאָ. דאָס איז ער. וואָס טוט ער דאָ. ער שטופּט אַרויף אויף אַן אויטאָ אַ שווערע יידענע. ער שטופּט זי אַרויף און זי פאַלט צוריק. מסתמא זיין ווייב. אָ, ווי זייבע קללות אויף סטאַלינען געפינען איצט זייער באַרעכטיקונג! אָפּגענאַרט, געליג־נערט. נישטאָ קיין נאַצישער פאַשיזם, קיין היטלעריזם... נו, איצט איז נישט קיין צייט צו מאַכן חשבונות. וואָס זאָל איך פאַרט טאָן? געפּרוווט לויפן, אָבער די פיס זענען געליימט. שווער דער טראָט. אפשר בעטן פּראָטעקציע? אָט לויפט־אָן מ. דער רעדאַקטאָר, איילט מיט אַ מעכאַנישער שנייד־מאַשין. ער נעמט אַרומשניידן געדיכט־באַוואַקסענע זאַנגען, וואָס געפינען זיך הינטער אַ פּאַרקאַן. איצט איז דער שטח אָפּן. פאַר וועמען שניידט ער די זאַנגען. אימעצער כאַפּט מיך אָן ביי די אַקסלען, טוט מיך אַ הייב אינדערלופטן, אַ וואָרף אַריין אין אַן אויטאָ. סתם אַזוי. אַ בינטל שמאַטעס. מסתמא אַ באַקאַנטער ייד. האָב אפילו נישט געזען זיין פּנים. יאָ. ווידער אַ נס געשען. אַן איבערגעפּולטער אויטאָ. אַ באַקאַנט בילד. אָט געפונען מיר זיך אויפן באַרג־שפּיץ. אונטן — אַ געדיכטע שטויב־מאַסע. יידן־קופּקעס זאַמלען זיך אַרום זייערע הייזקעס. נישט אַלע האָבן זיך עוואַקואירט. זעט־אויס, אַז איך טרייסל זיך אינם לעצטן אויטאָ. יידן אַרום מיר, צעווייפגעדריקט און פאַרקלעמט, טרייסטן זיך: בלויז אויף אייניקע טעג. אונזער רויטע אַרמיי — — —

פ ע ר ט ע ר ט י י ל

1. יאַנגי־יול — „נייע טעג"

אויגוסט 1941. די אוזבעקישע היצן האָבן פריי צעפּראַלט פאַר אונז, פּליטים, די בלאַ־צעגליטע הימלען, פריי געמאַכט די וואָקזאַלן און די באַזאַרן און אויך די רינשטאָקן, וואָס געדייען אין פאַרשידענע קאָלירן אַרום דעם שטעטל יאַנגי־יול (וואָס אויף אוזבעקיש מיינט עס — נייע טעג).

הונדערטער — אויף איינעם אַ בערגל אַרום וואָקזאַל, ליגן און פילן דעם טעם פון אויסגעוואָרצלטע. עס ליגן פּאָלאַקן מיט זייערע „אָרדענס" פון „נאַשאַ פּאָלסקאַ"; עפּאָלעטן לויט די „ראַנגען" פון „מענטשן אין דינסט"; אויך געוועזענע פּאָליציי־לייט, די „גראַנאַטענע מונדירן", מיט זייערע „פינפטלעך" און בענדלעך... אַ טראַגי־קאָמיש בילד פון הונגעריקע אונטערן אָפענעם הימל — אַ באַלייזיקטע אַרמיי צווישן אוזבעקן — היימלאָזע מיט הימ־חלומות...

און טאַקע דאָ, אויפן בערגל, ווו אויך איך ליג אַן אַריינגעקוועטשטער צווישן אַ שוויצנדיקער מאַסע, דערפיל איך ווידער דעם טעם פון — „בעזשעניעץ". בלויז איינצלנע חדשים, נאָך יעמאַנזשעלינסק, געהאַט אויף זיך אַ רחמנותדיק אויג, זיך געפילט אין אַ היימישער סביבה, געוועזן (אַזוי זיך איינגערעדט) אויס־פּליט. איצט... נישט בלויז בין איך צוריק געוואָרן אַ „בעזשעניעץ", נאָר אויך די וואָס האָבן מיר געהאָלפן טראָגן מיין גורל — זיי האָבן אַ מער אײדעלן נאָמען: „עוואַקואירטע"... דאָס איז געווען צו פילן לכתחילה, אינם צוג, וואָס האָט אונז געפירט פון דער אוקראַינישער סטאַציע פּיאַטיכאַטקאַ צו אַ „זיכערן ברעג". דאָרט האָבן יידן פון זאַפּאָראָזשע און קרעמענטשוג און זלאַטאָפּאָל געטענהט, אַז „דאָס" איז בלויז אויף אַ טאָג־צוויי; די פאַשיסטן וועלן באַקומען אַזאַ קלאַפּ פון אונזערע... נו, ביז וואָס ווען, האָבן די דייטשן באָמבאַרדירט דעם צוג, אָפּגעריסן די הינטערשטע וואַגאָנעס און בלויז מעשה־נסים — — — געפונען זיך איצט דאָ אַ צאָל „עוואַקואירטע" און בתוכם — אויך איך. דערציילן איצט די שוידער־לעכע סצענעס פון יענער „נסיעה"? אַ, נישט איצט. ניין. אפשר — אַז די כוחות וועלן דינען... דערוויל — פון נעכטיקע מענטשן — וואַגאַבונדן, הונגעריקע, קריעה בליעה. יחידים פון משפחות. ווילדע בליקן, צעשויבערטע קעפּ, אונטער־געהאַקטע אויגן. אויגן — אַ שרעק. מען זוכט עפּעס צו עסן. אַ פענעץ אַרבוז, אַ ווינטרויב. איצט דער סעזאָן פון סעדער. עס פילט זיך דער טעם פון הייסע טרויבן. אוזבעקן פאַרקויפן בינטלעך „פאַר אַ טשערוואָניעץ", אָבער עולם איז אָן געלט. זוכט מען אַביסל צדקה־מאכל.

דאָרט, אָן אַ זייט, שטויסט זיך אַ לאַנגע פּליטים־ריי. ביי אַ טיש רעגיסטרירט מען עוואַקואירטע. דאָרט איז אַן „עוואַקאַפּונקט" — אַ ניי וואָרט אינם סאָוועטישן לעקסיקאָן. מען שיקט פאַנאַנדער איבערן ראַיאָן. באַלד וועלן די רעגיסטרירטע באַקומען אָפּצועסן. דאָס עסן רופט מען: „דזשוגאַראַ", אַ מין אוזבעקיש מאכל, וואָס קיצלט שטאַרק אין האַלז און וואָס שטעכט אין די געדערעם.

הייס אין יאַנגי־יול. עס איז דער ווייַנטרויבן־און פליגן־סעזאָן. בערדיקע אוז־בעקן, איינגעהילט אין וואַטענע כאַלאַטן און טעבעטייקעס, מיני יאַרמלקעס אויף אַרומגעשוירענע קעפּ — לייבלעכע אייניקלעך פון פעטער ישמעאל, אָט ווי נעכטן וואָלט עס געשען. מדבר, קעמל, אייזל און אַ ווילד כאַכאָטשען אַזאַ.

נו, יאָ. איך דאַרף זיין צווישן די ערשטע — זוכן „תכלית". גרופּעס פאַרשרייבן זיך צו גיין אין מקומות אַזוינע, ווו מען דאַרף רייסן ווייַנטרויבן. מילא: אָן ברויט, וועט מען עסן ווייַנטרויבן, אַ מאכל, וואָס בלויז מפונקים האָבן זיך דערמיט געפּלעגט באַנוצן. הכלל: איך שפּאַן צוזאַמען מיט „חברה באַרוועסע" ערגעץ צו אַ „סאָווכאָז". דאָרט וועט מען זיך פילן גוט און היימיש.

ברודיק און שווייסיק און לייזיק. מיין העמד... זאָל איך עס נאָך באַטיטלען מיטן נאָמען „העמד"? — צויטן אויף אַ צעקראַצט לייב. און אָט אַזוי — איז מען דערגאַנגען צום דאָזיקן גן־עדן התחתון, וואָס רופט זיך „סאָווכאָז". דאָ האָט יעדער באַקומען אַ ווינקל, אַ בינטל שטרוי און אַ ליימענע שיסל. אָפּגערוט און — אַרויס צו דער אַרבעט. צווישן ווייַנטרויבן־בייטן. דאָ — האָט יעדער, ראשית, פאַנאַנדערגעפּראַלט דאָס מויל, איינגעביסן די ציין אין אַ הייסן בונט ווייַנטרויבן. עס וויפל דו ווילסט, בייס וויפל דו קענסט. אַ גן־עדן־ווינקעלע. ווייַנטרויבן — זאַפטיקע און ווייניקע — צעגייען זיך אין אַלע גלידער. אַ מחיה. ביז — דער מאָגן האָט אַ טראַסקע געטאָן: סטאָפּ! ער האָט דערלאַנגט אַזאַ שלשול — נישט אויס־גערעדט זאָל'ס זיין... וואָלטן זיי כאָטש געגעבן אַ שטיקל ברויט דערצו. נו, זיך איך, צוזאַמען מיט דער בריגאַדע, צווישן די טרויבן־שטענגלעך און — רייס דעם מאָגן... אַ „פּאַנאָס", זאָגן זיי, האָט מען שוין פאַרדינט... עד, ווי טראָגט מען איבער דאָסדאָזיקע גן־עדן, כ'מיין: גיהנום־ווינקל, וואָס רופט זיך „סאָווכאָז" און ווי ווערט מען פּטור פון די — ווייַנטרויבן... טאָג נאָך טאָג. ערגער ווי אין יעמאַנ־זשעלינסק און דאָך — בעסער: פונדאַנען קאָן מען כאָטש אַנטלויפן, איבערלאָזן אַלץ און עוקר־זיין. וכך הווה. ערב ימים נוראים, האָבן יידן, די טרויבן־בריגאַדע, באַשלאָסן: הייליקע טעג, דאַרף מען זיך געפונען צווישן יידן, כדי צוזאַמען אויסצוגיסן דאָס ביטערע געמיט פאַרן באַשעפער. זענען מיר אַוועק — צוריק צום בערגל, צוריק צום וואָקזאַל אין יאַנגי־יול. געמיינט, ווייַנטרויבן — אַזאַ גוט מאכל.

נאָר נישט אונטערגעבן זיך. אַזאַ איז שוין דער גורל. מען דאַרף זיך „האַלטן".

מען דאַרף זיך איינרעדן: שטאַרק און געזונט. מחמת, ווען זיך לאָזן באַהערשן פון דער שוואַכקייט און נאַכגיביקייט, דאַרף מען זיך אָוועקלייגן אויף די באַן־שינעס. אָט אַזוי, ווי עס טוען דאָס אַנדערע, די שוואַכע און רעזיגנירטע. ניין. איך וועל אויסשטרעקן אַ האַרטן מוסקול, כאָטש אַ צעקראַצטן און ברודיקן, צוזאַמען מיט אַן איינגעקניטשטער פויסט — דעם מלאך־המות. איך וועל זיך שלאָגן מיט אים — ביז דער לעצטער רגע... רעכט האָט די פּוילישע עליטע: „טשימאַי שען פּאַן!", שרייט איינער צום צווייטן: האַלט זיך! קעמף פאַרן ביסל לעבן — — —

2. „ער האָט דיזענטעריע"

טאַשקענט, סעפּטעמבער 1941. „גאָראָד כלעבני", טאַשקענט, די ברויט־שטאָט. בפירוש: טאַשקענט איז אויסגעפּילט מיט ברויט; מחמת אַרום וואָקזאַל, ווו דאָס פּליטים־בילד איז ברייטער און טיפער און רעשיקער ווי אַנדערשוו, פאַרקויפט מען ווייסע בולקעס און ווייס־פּוכיקע ברויטן — ס'ערשטע, וואָס מיינע הונגעריקע אויגן האָבן דערזען אין דער שיינער אוזבעקישער הויפּשטאָט. און „עוואַקו־אירטע" קנייפּן ווייסע שטיקער ברויט, קוועטשן זיי צווישן די ציין. פאַר מיר — דערוויל אַ חלום. כדי צו עסן ברויט, דאַרף מען פאַרמאָגן וואָס צו בייטן דערויף... אַרום וואָקזאַל — אַ באַזאַר. פּליטים פאַרקויפן און תושבים — קויפן. בעיקר קויפט מען זייגערלעך: „טשאַסי". און פאַר אַ זייגערל מיט אַ לייטישן גלאַנץ און מיט אַ קלינגענדיקן קלאַפּער קען מען עסן ברויט — אַ גאַנץ יאָר.

און אַ גערטנדל איז פאַראַן נעבן וואָקזאַל, אַ גערטנדל, וואָס איז אַמאָל געווען אַן אָפּרו־פּלאַץ פאַר פּאַסאַזשירן און איצט איז יעדע באַנק — אַן אָקופּירטע וווינונג פון אַן עוואַקואירטער משפּחה. — זעק און פּעק און טשעמאָדאַנעס. מזלדיקע יידן. געהאַט צייט ווען און וואָס צו ראַטעווען... בין איך זיי מקנא מיט זייער פאַרמעגן? נו, בלויז אַ שוטה קאָן שטעלן אַזאַ שאלה. פאַר אַ רעקל, פאַר אַ פּאָר שיך, פאַר פאַרביקע אונטערוועש — זענען די אוזבעקן גרייט אָפּצו־געבן די גאַנצע מדינה זייערע. און די עוואַקואירטע שלעפּן טאַקע פון די זעק און פּעק — פאַרקויפן זייער פאַרמעגן און עסן ווייס ברויט. און איך בין הונגע־ריק — כאָטש אָפּצובייסן זיך די פינגער. אָבער לייכטער איז מיר פאַרט פון זיי. אָט בין איך דאָ, אָט דאָרט — איך האָב נישט וואָס צו היטן און וואָס צו טראָגן מיט זיך — — —

איי, די היץ! אַזאַ שטעכעניש און בייסעניש אין און אַרום די אברים שוין לאַנג נישט געפילט. עס דערגייט אַזש ביזן קאָפּ. עס פאַרמאַטערט, — ביז צום אַוועק־פאַלן. איך פיל ווי די כוחות פאַרלאָזן מיך — ביים ערשטן טאָג באַטרעטן די „שטאָט פון ברויט". וועט דאָ זיין מיין סוף? — — זאָל זיין' — — — און

כ׳האָב זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ טרעפּל נעבן וואָקזאַל — און דערפילט אַ שטאָך, אַ טיפן שטאָך העכער פון שטערן, דאָרט, ווו דער מוח מיינער דאַרף נאָרמאַל פונקציאָנירן.

מען האָט מיך אַריינגעטראָגן אין אַ קעטשל פון גיכער הילף.

דאָס קעטשל געהער צו די „זשעלעזנאָדראָזשניקעס״, צו באַן־אַרבעטער. אינוויי־ניק — 4 נאַרעס. איך ליג אויף דער ערשטער נאַרע. נעבן מיר פּאָרעט זיך אַ „שוועסטער״. איך וואָלט געשווירן: אַ יידיש ווייבל. זי גלעט מיר אויף אַ האַנט, רעדט אין מיר אַריין:

„דיזענטעריע״...

פון וואַנען ווייס דאָס ווייבל, אַז מיך האָט געכאַפּט די דיזענטעריע? זי ווייס טאַקע נישט. זי ווייס אָבער יאָ, אַז מיין קרענק פאָדערט אַ בעט, אַ שטיק ברויט — אַביסל מנוחה. און כדי די אַלע גוטע זאַכן צו באַקומען אין דער „שטאָט פון ברויט״, דאַרף מען האָבן באַקומען דיזענטעריע. דערפאַר האָט דאָס כשרע ווייבל, די יידישע טאָכטער (אירע צניעותדיקע אויגן; אַזוינע אויגן פאַרמאָגט בלויז אַ יידיש ווייבל!) אין מיר אַריינגערעדט:

„דיזענטעריע״...

אויף פּאָר דעם דיזשורנעם־דאָקטאָר האָט זי אַרויסגעברענגט דעם דיאַגנאָז:

„ער האָט דיזענטעריע״...

האָט מען מיך, ראשית, אַרומגעשוירן, אַרומגערייניקט, אַריינגעוואָרפן אין אַ מחיה־דיקן שפּיטאַל־קאָסטיום. ערשט דאָס בעט! איך וואָלט דאָ געלעגן לפחות אַ גאַנץ יאָר. אַ פּענסיאָנאָט. אונטערן פרייען הימל — בעטלעך מיט ווייסע ליילעכער, ווייס ברויט און ווייסע רייז... אַלץ איז דאָ ווייס.

אָפּגעגעסן, זיך אויסגעלייגט — האָט אַ „שוועסטער״ אַוועקגעשטעלט אונטער מיין בעט אַ מין טאָפּ, מיר אָנגעזאָגט: „זאָלסט ׳אַרויסגיין׳; מען דאַרף מאַכן ׳פּראָבע׳ ״...

יאָ, אָן מזל דאַרף מען נישט געבוירן ווערן...

צומאָרגנס פרי האָט מען מיר געהייסן פאַרלאָזן דאָס בעט: אויסגעשריבן; נישטאָ קיין דיזענטעריע...

אַ שאָד!

עס איז גאָרנישט געשען. בפירוש אַ שאָד. בלויז אייך נאָכט איבערגענעכטיקט אויף אַ בעט אין אַ פעלד־שפּיטאַל. דער דאָקטאָר האָט באַשטימט: אַלגעמיינע אָפּשוואַכונג. נישט קיין וואַזשנע מעשה. אָבער די גיכע הילף מוז דורכפירן איר אויפגאַבע: די נאָך־לעבנדיקע אומצוקערן צום לעבן און די אויסגעאַנגענע — צו דער אייביקער רו.

טאָ ווו געפינט מען פּאַרט אַביסל רו אין דעם דאָזיקן ווירוואַר פון דער ראַשי־קער שטאָט? אָט שפּאַן איך שוין ווידער איבער די טאַשקענטער גאַסן, אונטערן שאָטן פון די הויכע, צעקודלטע פּאַלמעס; שטויס זיך צווישן נאָך אַזוינע ווי איך — פּליטים: די שטאָט פון ברויט — אַ שטאָט פון פּליטים.

אין גרויסע משפּחה און דאָך — פרעמד איינער צום צווייטן. איך קוק אין פּאַר־חושכטע פּנימער, וויל געפינען אַן אח לצרה... און דערמאָן זיך: ערגעץ ליגן פאַרשטעקט ביי מיר צווי צעטעלעך, וואָס די מהומה האָט געמאַכט אַן זיי פּאַר־געסן. אַוועקזעצן אויף אַ טרעפּל און באַטראַכטן די צעקנאָדערטע פּאַפּירלעך: אפשר וועט פון זיי אַרויסקומען אַ פּאַלזע (אויף אַ שטרוי איז גוט פּאַר אַ שלעכטן שווימער). הכלל — צעטל נומער איינס: אַ יידישע איבערשריפט — „ראַיאָנע ביבליאָטעק אין נייזלאַטאָפּאָל״. אין דעם פּאַפּירל ווערט דערציילט פּינקטלעך און פּרטימדיק, אַז דער באַזיצער דערפון איז געווען אינסטרוקטאָר פון דער צענטראַלער ביבליאָטעק און פון די ראַיאָן־ביבליאָטעקן און אַז ער פאַרמאָגט גרויסע קענטעניש און — אַזוי ווייטער. דאָס סימפּאַטישע פּאַפּירל פאַרענדיקט זיך מיט אַ גרויסן סטעמפּל און אַן אונטערשריפט: אסתר. דאָס האָט זי, די גוטע אסתר (עך, ווו געפינט זי זיך איצט?), מיר מיטגעגעבן דאָס פּאַפּירל. עס וועט צונוצקומען, האָט זי געזאָגט, נאָר נישט זיין קיין שלימזל... צעטל נומער צוויי: אַן גלאַנץ און אַן אַ סטעמפּל, אָבער מיט מער האָפענונג ווי אסתרס אָפיציעלע פּאַפּירל. דאָ, אויף אַ צעקנאָדערט און ברודיק שטיקל פּאַפּיר, איז מיט אַ בליער אָנגעשריבן אַ גרוס צו איינעם אַן אינזשעניער אין טאַשקענט, וואָס וווינט אויפן „קאַשגאַר״, אַ בריוועלע, אין וועלכן איין ברודער איז מודיע דעם צווייטן, אַז ער גייט אַוועק אויפן פראָנט... אונטערגעשריבן: נאָנע. דאָס האָט מיר דער נאָנע געגעבן ס׳בריוועלע אויף אַ באַנסטאַציע. ער האָט מיר צוגעזאָגט „ס׳אייביקע לעבן״. האָב איך דעמלט געטראַכט: אַז דער צוג וועט אָנקומען אַ גאַנצער קיין טאַשקענט און איך — אַ לעבעדיקער, נו... יאָ, אָט האָט דער באַשעפער מיט מיר געטאָן דעם חסד — — —

קוים־קוים זיך אויפגעהויבן פון טרעפּל. די גאַסן הודזשען מיט מענטש און אייזל. זון און שאָטן קומען זיך צונויף אויף גאַסן־ראָגעס, ווו טומלדיקע אוזבעקן פּאַר־קויפן „אויף שוואַרץ״ די פרוכטן פון זייערע סעדער — אַן אויסגעמיש פון מלחמה־קאָשמאַר: מאַרש פון מאָבילייזירטע, אייזל־ און אוזבעקן־געשריי און פליגן — גרינע, פעטע, בייסיקע פליגן.

די שעהן רוקן זיך. עס ווילט זיך עסן, אַ בעט. ווו געפינט זיך ערגעץ דער „קאַשגאַר״? אָט רעכטס און לינקס און ווייטער רעכטס. אַ לאַנגע גאַס: קאַש־גאַרסקאַיאַ. פּלוצים דערפילט, אַז עפּעס פּעלט מיר אויפן קאָפּ. אויטאָמאַטיש לייג איך אַרויף די האַנט און דערטאַפּ דאָרט אַ — ליידיקן שאַרבן. פּאַר איבער־

שלאָפֿן אַ נאַכט אויף אַ שפּיטאָל־בעט, האָט מיר אַ „שוועסטער" אַרומגעשווירן — פֿון אונטן אַרויף און פֿון אַרום־און־אַרום. איצט שטייט פּונקט אינמיטן קאָפּ אַ פּעטע בייספּליג און נאַגט. וואָס האָט זי, די פּאַראַזיטקע, זיך גראָד באַזעצט אויף מיין טרוקענעם מוח? האַ? — קאַשגאַרסקאַיאַ?

3. היימישע יידן — אין טאַשקענטער באַלאַגאַן

אָפּגערוקט פֿון שטאָטישע מויערן, פֿון לעוואַנטישן גלאַנץ, צווישן הילצערנע און ליימיקע הייזקעס, ליגט אַ פֿאַרקרומטע טאַשקענטער הינטערשטאָט — קאַשגאַר. דער ברוק — אַ קלעפּיקע בלאָטע, וואָס גרייכט זייער טיף; בריקלעך, צונויפגעלייגט פֿון צעבראָכענע שטוב־חפצים, פֿאַרבינדןביידע זייטן הילצערנע טראָטואַרן — קאַשגאַרסקאַיאַ נומער... יאָ. דאָרט. אויפֿן באַלקאָן רעכטס.

אַ באַלעבאַטישע שטוב. אַ ריינע פּאָדלאָגע. איינגעסדרט מעבל. צו ווען איך דאַרף? אַ בריוועלע געבראַכט. אָט... אַ היימישער ייד, אַ פֿאַרטראַכטער. האָט מיך אַריינגעלאָזט. געהייסן אַוועקזעצן. געלייענט דאָס בריוועלע און געקוקט דורכן באַלקאָן צום דרויסן. אים דערוואָרט ס׳אייגענע וואָס זיין ברודער — אַ מאָביליזאַציע־רוף... ער זעצט זיך אַוועק אַנטקעגן מיר. רחמנותדיקע בליקן. אַרויסגעלאָזט אַ לאַנגן, אַ בויערנדיקן זיפֿץ: געוואָרט, דער ברודער זאָל קומען און אָט — אַזאַ בשורה...

איך בין צופֿרידן, וואָס ער פֿרעגט מיך אויס וועגן דער מלחמה, וויל וויסן דאָס און יענץ. דערווייל וויל איך אונטער אַ דאַך, אין אַ יידישער שטוב. אפֿשר אַראָפּוואַרפֿן די שאַנדע און בעטן אַ ווינקל פּאָדלאָגע אויף איבערצוגעכטיקן? איך זוך ווערטער, זוך אַן אויסדרוק אַזאַ, וואָס זאָל ווירקן... דערווייל איז אָנגעקומען די פֿרוי זיינע. דער אוקראַינישער יידיש צעקלינגט זיך איבער ווענט און מעבל. ווידער אַן אויספֿרעגן. נייזלאָטאָפּאָל? זענען זיי דאָך פֿון קרעמענטשוג. הער אַ מעשה! און מען שלינגט מיינע ווערטער, מיינע דערציילונגען. פּלוצים האָבן זיי דערזען, ווי צווישן איין מעשה און דער צווייטער פֿאַרוואָרף איך דעם קאָפּ אויפֿן הויכן שטול־אָנלען — אי פֿון הונגער, אי פֿון שלאָף. איז תיכף געוואָרן אויפֿן טיש אַ שטיק אַרבוז, ברויט. „דערווייל אָפּצוכאַפּן". שפּעטער — זיך אָפּרוען. טאַקע אויפֿן באַלקאָן. „און וויי־ווי, וואָס פֿון אונזערע יידן איז געוואָרן!" — — —

איך בין געבליבן „אַ שטיביקער". גענומען צוריק ווערן „אַ מענטש". עס איז געוואָרן אַ העמד און הויזן און — יידישע היימישקייט אין אַ שטוב און אויף אַ גאַס, וואָס דערמאָנט אָן דער וואַרשעווער סמאָטשע־גאַס. דעם אויבנאָן פֿאַרנעמט די אומזיכערקייט מיטן מאָרגן און דאָס יידישע רחמנות־געפֿיל. „טיילן מיר דאָך אַלע איין גורל"... און דער אינזשעניער קוקט דורכן באַלקאָן, ווען עס הערט זיך אַן אויסרוף פֿון געמען. דעמלט פֿאַרציט זיך איבער זיין פּנים פֿאַרצווייפֿלונג

און פאַרלוירנקייט. יאָ. אויך איך בין מתפלל, מען זאָל אים נישט רופן; עס ווילט מיר זייער בלייבן צוזאַמען מיט אים אין דעדראָזיקער היימישער שטוב, צוזאַמען דאָ איבערלעבן די מלחמה.

איין נאַכט און נאָך אַ נאַכט — אויסגעבעט אויף הויכע קישנס, נעבן צעעפנטן באַלקאָן. שוין לאַנג נישט געפילט דעם טעם — פון רואיקן שלאָף. און דאָ שלאָף איך רואיק, זאָרגלאָז. מחמת מיין איינציקע זאָרג ביזאיצט איז געווען: נישט אַוועקצופאַלן ערגעץ אין אַ ברודיקן רינשטאָק. איצט בין איך פאַרזיכערט. מילא. וואָס שפּעטער קאָן געשען... דערווייל — אַרבוז און ברויט און קישנס — נישט געדאגהט.

איך בין דעם פאַרפאַלק מבטיח צו ברענגען נייעס פון וואָקזאַל. און דאָס ווילן זיי. בפרט, אַז איך בין זייער אַ „גוטער דערציילער". וואַרטן זיי אומגעדולדיק אויף מיין צוריקקומען אין אָוונט. אַזוי יעדן אָוונט. און איך זוך ביים וואָקזאַל פאַרבינדונגען מיט דער „גרויסער וועלט". אפשר פאַרט וועט אימעצער קומען — אויך צו מיר.

4. „לעהיטראַאַט"

אַ היפשער מהלך פונם קאַשגאַר ביזן וואָקזאַל. אָבער אויך דאָס איז אַריין אין פּראָגראַם פון מיין „פאַרברענגען" דעם טאָג — דאָס שטויסן זיך אינם אַזיאַטישן גיהנום במשך אייניקע שעה. און צייט איז פאַראַן און מיט ברויט און אַרבוז פאַרזיכערט... ערשט ביים וואָקזאַל — דאָס זוכן פרישע פּנימער, נייע עוואַקו־אירטע. און נישט איין מאָל ווער איך בייז, הלמאי כ'האָב זיך אַנגעמאַטערט אַזאַ לאַנגן וועג און קיין באַקאַנטע פּנימער נישט געפונען.

און אָט — אַ טשעקאַווער צוזאַמענטרעף: פון דער צונויפגעדריקטער מאַסע אין גערטנדל רופט אימעצער מיין נאָמען. יאָ. איך האָב נישט קיין טעות. אַ בחור לויפט מיר אַנטקעגן. הא? אַ בחור פון גראַכאָוו, הינטער וואַרשע. דאָרט איז געווען אַ הכשרה־פּונקט. אייניקע טעג דאָרט פאַרברענגט, באַוווּנדערט דעם אידעאַליזם פון „טאַטנס קינדער", וואָס גרייטן זיך אויף פוילנס ערד צו פאָרן קיין ארץ־ישראל, באַוווּנדערט און געשריבן וועגן זיי. דער „פּונקט" — פון די ערשטע קרבנות בעת דער נאַצישער אינוואַזיע אויף וואַרשע. די בחורים און מיידלעך האָבן ראשית באַקומען קלעפּ פון די אָרטיקע פּאָלאַקן, וואָס האָבן זיי נישט איין מאָל באַוואָרפן מיט שטיינער און אַפילו געשאָסן אויך בעת זיי האָבן באַאַרבעט דאָס שטיקל פעלד; דערנאָך האָבן זיי אַלץ איבערגעלאָזט און געלאָפן איבער פוילנס וועגן, אַנטלאָפן פונם דייטש־מערדער. איינער פון זיי האָט געגרייכט צום טאַשקענטער וואָקזאַל. איצט האָט ער זיך מיט מיר דערפרייט. קוים אַרויס־געראַטעוועט דאָס נאַקעטע לעבן, קריעה־בליעה און הונגעריק. אָבער אָפּטימיזם

שיינט אַרויס פון זיינע מידע אויגן: מען דאַרף אַוועק פון דאַנען! ער האָט די מאַפּע אויף דער האַנט. זיין חלום ווערט פאַרווירקלעכט. פשוט: עליה ברגל... ער וועט צונויפשטעלן אַ גרופּע מיט „פאַרהאַרטעוועטע מוסקולן". מ'וועט זיך אַראָפּלאָזן „אונטן" — נידעריקער און נענטער צו דער גרענעץ. ער וואַרפט „פייערדיקע" בליקן אויפן אַרום: פאַרחושכטע, אַרויסגעריסענע פון זייערע היימען — פאַרוואָס האָבן זיי געוואַרט ביז דער טייוול איז געקומען? פאַרוואָס זיך געלאָזט אַריינכאַפּן אין זיינע נעגל? פאַרוואָס איז מען פריער נישט אַוועק קיין ארץ־ישראל? און אויב נישט פריער — פאַרוואָס זיצן זיי איצט דאָ? פאַרוואָס גייען זיי נישט אויף זיין וועג? — — ער האָט גערעכטע טענות צום גלות (ער זאָגט: „גאָלוט") — דעם עיקר־שולדיקן אינם איצטיקן ביטערן גזר. דער בחור האָט מיך ממש „אָנגעשטעקט" מיט זיין התלהבות, מיט זיין אומרו און מיט זיין זיכערקייט אין גרייכן דעם ציל. און אויך רחמנות האָב איך אויף אים. הלוואי וואָלט איך אים געקאָנט העלפן דאָ אויפן אָרט. ווהין לאָזט ער זיך? טעהעראַן איז טאַקע נאָנט, אָבער אויך סאָוועטישע גרענעץ־פּאָליציי איז נאָנט... איך שווייג. די נאַכט פאַלט־צו. מען דאַרף גיין אָפּעסן דאָס ברויט און אַרבוז און אויך אפשר אַ גלאָז טיי — כל זמן מען גיט. נו, אויף היינט וועל איך דעם אינזשעניער האָבן צו דערציילן אַן אינטערעסאַנטע מעשה — אַביסל אַרומגע־פּעפּערט און אַרומגעשמינקעוועט... דער איבערבייס וועט זיין אַ פאַרדינטער.

„לע־היט־ראַ־אָט!" — האָט דער בחור מיר געדריקט די האַנט און איך האָב אים געווינטשן הצלחה.

„לע־היט־ראַ־אָט!"

5. נאַנע, ביכוויקער נאַנעטשקע!

נישט דרייסט בין איך אַריין אין שטוב פון מיינע גוטע באַלעבאַטים. זיי האָבן מיר באַוויזן אַ שמייכל און איך האָב תיכף גענומען פאַר זיי שילדערן מיין „צוזאַמענטרעף" ביים וואָקזאַל. זיי האָבן געקרעכצט. דאָס מאָל האָב איך באַקומען צום ברויט אַביסל מאַרמעלאַד און אויך אַ היפּש טעפּל טיי. זאָל עס זיין צוליב דער מעשה מיטן בחור? און ווי לאַנג וועל איך קענען צושטעלן אַזוינע מעשות? און אפשר וועלן זיי מיך נישט טשעפּען ביז... ביז וואָס? און וואָס וועט טאַקע זיין דער סוף? „תכלית" — דערוועגן טראַכט איך שוין נישט. פאַרגעסן דעריין. אָבער סתם אַביסל מנוחה צווישן אייגענע... משפחה... נו, ווידער אַ נאַכט איבער־געשעכטיקט ביי מענטשן, וואָס צופעליק האָט מיין פוס איבערגעטראָטן זייער שוועל. סאָראַ שייכות האָב איך דאָ? ווי כ'בין אַריין אַהער, אַזוי קאָן מען דאָך מיך משלח־זיין.

ווידער און ווידער — ביים וואָקזאַל. און ווידער — אַליין. און ווי גוט האָב

איך זיך געפּילט ביים צוזאַמענטרעף מיטן בחור־חלוץ, וואָס האָט זיך געגרייט אויף מעשה־נסים און יידישן מסירת־נפש... און מיר פּעלט מוט, בין צופיל „תכליתדיק”, וויל צופיל וויסן: וואָס וועט זיין דער סוף? — אַז מיר האַלטן דאָך גראָד איצט ביים אָנהייב.

און איך נעם תפילה־טאָן צום אומבאַקאַנטן נאָנע: זע, קום אַהיים אַ זיגער, געווין די מלחמה; אָבער געדענק: מיך זאָלסטו נישט באַזיגן! — — — וואָרום: אַז נאָנע נעמט און קומט צו זיין ברודער, דעם אינזשעניער פון „קאַשגאַר” — וועל איך נאָך האָבן פלאַץ דאָרט, האָבן ווו איבערצונעכטיקן? איי, תכלית, תכלית!...

יאָ. בין ווידער ביים וואָקזאַל. וואָס זוך איך דאָ? וואָס וויל איך געפונען — אַ נאָדל אין אַ שטויס היי. די מהומה איז דאָ אַזוי גרויס, מאַכט אַזוי מטושטש די מענטש־צורה, אַז עס איז אוממעגלעך אונטערצושיידן די פּנימער, זיי אויסצוטיילן אין זייער פּיינלעכן טראַגיזם און אויך קאָמיזם. אַ מענטשן־קנויל אויף זעק — יאָרן האַרעוואַניע, יידישע היימען, שטעט און שטעטלעך. צעריסענע משפחות פיל מיט חשד צו יעדן, וואָס וואַרפט בלויז אַן אומשולדיקן בליק אויף ערגעצוווּ אַ זאַק... פאַראַן דאָ ספּעציאַליזירטע זעק־שניידערס, וואָס וואַכן אין די נעכט, היטן די זעק...

ווידער אויפן „קאַשגאַר”. מיין רייכע פאַנטאַזיע האָט דאָס מאָל „אויסגעאַרבעט” אַ מעשה מיט זיגן — אונזער אַרמיי האָט אָפּגעשטויסן דעם שונא... דער אינזשעניער וואַרט אויף נייעס „פון דער ערשטער האַנט”. און איך בין דאָך ביים וואָקזאַל — דער פאַרבינדונגס־פּאָסטן מיט דער וועלט. חוץ טרויעריקע מעשות דאַרף איך אויך געבן פריילעכע — אויב וויל איך נישט שלאָפן ביים וואָקזאַל — און וואָס קאָן זיין פריילעכער, ווי „כ׳האָב אַליין געהערט פון „עוואַקואירטע”, נאָרוואָס געקומענע, אַז אונזערע האָבן אָפּגעטריבן דעם שונא ביז די גרענעצן פון דער געוועזענער פּוילישער אוקראַינע”. איין קלייניקייט: אַזאַ שקר! נו, מיר איז אַלציינס. סיזוי פיל איך, אַז מיין דאַליע אויפן ״קאשגאר״ פאַרערגערט זיך נישט און אויך פאַרבעסערט זיך נישט.

„הלוואי זיי זאָלן נישט דאַרפן קומען!” — זאָגט די פרוי (אַ כשרע יידישע נשמה) צום מאַן, נאָך מיין דערציילן די „זיגערישע” מעשה.

טאָ ווער זענען די דאָזיקע, וואָס האָבן בדעה צו קומען? איך פרעג נישט. סוף־סוף בין איך דאָך אין דער שטוב אַ מין האַלבער גאַסט, וואָס דערוועגט זיך נישט אַוועקצוזעצן אויפן בענקל מיט דער פולער באַלעבאַטישקייט. בכלל, פאַרטרייבט דער אינזשעניער מיינע רייכע פאַנטאַזיעס און פון דער פרוי די האָפענונג, אַז „זיי” וועלן נישט קומען, מחמת, ווי דער אָוונט טוט צופאַלן, נעמט ער קוקן מיט שרעק דורכן באַלקאָן אויף דער גאַס, נעמט זיך צוהערן, וואָס ווייבער, איבערגעבליבענע נאָך מאָביליזירטע מאַנען, קלאָגן־אויס אויף די פאַרעיפּושטע

טראַטואַרן. ער רעדט נישט דערוועגן הויך, אָבער זיין בלויזער בליק צעשטערט דער פרויס מנוחה:

„טאָ ווי מיינסטו, האַ, וועלן זיי יאָ קומען?"

ווער פאַרט זענען דאָס די „זיי"? האָבן „זיי" שייכות מיט מיר, מיט מיין ביסל מנוחה?

אין איינער אַ נאַכט, דער פערטער אָדער פינפטער פון מיין שלאָפן אויף די ווייכע קישנס ביי די גוטע און זייער צעשראָקענע „קאשגאר"־בירגער, בין איך געוואָר־געוואָרן, בעסער: דערפילט אויף מיינע געלעכערטע באַקן, ווער די „זיי" זענען. און פאַרגעקומען איז עס אין מיטן אַ שפּעטער נאַכט־שעה. איך ליג נעבן צעעפנטן באַלקאָן, איבערגעדעקט מיט אַ ליילעך כדי די קאָמאַרעס זאָלן נישט אויפפרעסן די רעשט וואָס עס איז נאָך געבליבן אויף מיין גוף; האָט מיך אויפגעריסן פון שלאָף אַ הילכיק טרעטן, אַ הילכיק פּאַטשן מיט ליפּן און אַ רעשיק געוויין און געלעכטער צוזאַמען. לכתחילה, נאָך זייענדיק פאַרזונקען אין שלאָף, ביי די ערשטע רגעס פון אויפנעמען דעם טומל, בין איך געווען זיכער: דאָס האָט מען גערופן דורכן פענצטער דעם אינזשעניער, ר'זאָל זיך צושטעלן צום מאָביליזיר־פּונקט; אויך דאָס וואָלט געהייסן: סוף פון מיינע „גוטע טאָשקענטער נעכט"; אָבער אין אַ ווילע אַרום — אַן אויסגעטשוכעטער פון שלאָף, אַן איבער־געשראָקענער פון האַסטיקן קדחת, וואָס האָט מיך אַרומגעכאַפּט פונם פּלוצים־געשעענעם:

אימעצער שלעפּט דאָס ליילעך פון מיין קאָפּ, וואַרפט אַרויף אויף מיין פּנים צוויי־פּאַטשנדיק־נאַסע ליפּן, קושט מיינע באַקן און כליפּעט:

„באָנע, נאָנעטשע, דיינע מומעס זענען דאָך געקומען, נאָנעניו!"

יאָ „מומעס", נישט „מומעס" — וואָס ווילן זיי פון מיר? איך גרייט זיך דער יידענע צו געבן אַזאַ שליידער פון זיך... נו, פירט זי אַרויס פון טעות די באַלע־באַסטע. „ראשית — זאָגט זי — זענט איטך בלויז נאָנעס שוועגערינס והשנית: איז דער בחור נישט נאָנע" — — —

און ווידער זיך איינגעהילט אינם ליילעך. אָבער אָן פּעולה. עס איז געקומען די צייט, כ'זאָל זיך „אַ רוק טאָן", כדי צו מאַכן פּלאַץ פאַר די וואַקואירטע ווייבער — שוועסטער פון ביידע צדדים — „וואָס האָבן קוים געראַטעוועט דאָס ביסל לעבן, איבערלאָזנדיק די מאַנען צו פאַרטיידיקן דאָס פאָטערלאַנד"... אַזוי, בערך, האָט מען אַריינגערעדט אין מיין ווינקל...

עד, ווי די צוויי גוטע און ווייכע קישנס האָבן גענומען שטעכן אויף מיינע באַקן נאָכן באַקומען די קושנס פון דער מומע... איצט איז יענערס כעס אַ כפלדיקער: אי זי קאָן נישט מוחל־זיין, הלמאי זי האָט געמאַכט אַזאַ פּאַסקודנעם טעות, אי: „פאַרוואָס זענען זיי־אַ אַנטלאָפן פון פראָנט און דעם מאַן אירן האָט מען

געשיקט אַהין?״ — — זי מיינט נישט מיך; זי רעדט צום באַלקן. און מיך טוט עפּעס, אַ מיק אַזאַ, שטעכן. כ׳באַמי זיך וואָס־טיפער איינצוזינקען אין די קישנס, אָבער מ׳זעט מיך אַרויס — אַ נאַקעטן. אַזוי בין איך זיכער, הילנדיק מיין פּאַרדאַרט גופל אונטערן ליילעך. און עס דאַכט זיך מיר, אַז דאָס זיצט אַ משפּחה איבער אַ בר־מנן; אַזוי רעדט מען איבער אַ טויטן, אַזוי באַקלאָגט מען אַ פּעליקע נאַכט — אַן אויסגעגאַנגען ליכט.

קרוב צו זון־אויפגאַנג איז געוואָרן פינצטער אין שטוב. שטיל. איצט בין איך איינגעשלאָפן און געוואָלט האָב איך, אַז חוני המעגלס שלאָף זאָל מיך באַהערשן, — גיי טענה: ביים ערשטן זון־שטראַל־אויפברי איבערן געלן רינשטאָק פון „קאַשגאַר״, האָב איך זיך האַסטיק אויפגעכאַפּט, אויפגעזעצט, ווי באַקומען אַ שטויס פון אַ פּאַרהוילענער זאַך. איבער מיר שטייט דער אינזשעניער. ער האַלט צעשפּרייט די הענט; אויף זיין פּנים — יאוש:

„נישטאָ קיין עצה... דער פּלאַץ מוז ווערן אָפּגערייניקט״...

ער דערלאַנגט מיר אַ זעקעלע, אַנגעשטאָפּט מיט ברויט. איך מאַך זיך אַ וועג פּאַרביי זעק, טשעמאָדאַנעס און זיפּצנדיק־שנאַרכנדיקע ווייבער אויף זיי. לאַנג האָב איך געדריקט די האַנט פונם היימישן ייד. זיין הכנסת־אורחים — אַ מוסטער פון מענטשלעכקייט אין אַ מענטשלאָזער וועלט.

6. אַ לעבן אַזאַ

טאַשקענט איז מיך מקבל־פּנים אינם פריען פּאַרטאָג מיט אוזבעקישע גאַטקעס און צעשויבערטע בערד, מיט שלאָפנדיקע נאַכט־וואַנדערערס אויף טראָטואַרן און בענק — אַ צעפּאַלמעסטע שטאָט: איינגעפּונדעוועטע שיינקייט, שלאַנק־שטאָלצע פּאַלמעס; זאַרגלאָזע גאַסן, פענצטערס באַהאַנגען מיט סודותפולע גאַרדינען און — „קאַשגאַר״, ווו נאַקעטע קינדער שפּיזן זיך מיט אַוועקגעוואָרפענע אַרבוז־שאָלן. אַזוי קוקט זי אויס, די אויסגעבענקטע גלייכקייט... איך לאָז זיך אַוועק צום שטאָט־צענטער. דאָרט ערגעץ וועל איך מסתמא געפינען דעם אוזבעקישן קולטור־קאָמיסאַריאַט.

וואָס פּלוצים?

אין מיין טאַש דערטאַפּט אסתרס בריוו, ווו זי שרייבט אַז איך בין אַן „אינס־טרוקטאָר־ספּעציאַליסט־ביבליאָטעקאָר פון גאָר הויכן גראַד״ (עד, אסתר, האַ, ווו געפינט זי זיך איצט?)... אויסגעגלייכט און אויסגעגלעט דעם בריוו און גע־שפּאַנט איבער דרעמלדיקע גאַסן, גריבלענדיק זיך אין אַ זייער טיפן ענין און דהינו: ווו האָב איך זיך צו אַלדע רוחות, בעסער געפּילט — אין שפּיטאָל אָדער ביים אינזשעניער? מחמת דידאַזיקע צוויי נעסטן זענען ביזאיצט געווען מיינע באַשיצערס אין דער „שטאָט פון ברויט״; געקומען צו דער מסקנא: אויפן שפּיטאָל־בעטל זיך געפּילט זיכערער, וואָרום, דאָרט געהאַט אַלע מעגלעכקייטן זיך אויסצורוען אויפן

חשבון פון דער מדינה, בעת דער אינזשעניער — אַט זע׳טיר דאָך: געהייסן גיין, „אָפּרייניקן דעם פּלאַץ״.

נו, יאָ, צו פילאָזאָפירן פאַראַן געגוג צייט. אָבער ווו געפינט זיך פאַרט דער קולטור־קאָמיסאַריאַט? איך פרעג ביי אַ געגעצדיקן אוזבעק. ער טיילט־אָפּ די באָרד פון די וואָנסעס, אויסגעשמירטע מיט גרינעם טאַבאַק, קוקט אויף מיר מיט אַ פאַראייזלטן בליק: „קולטור?״

„מאַיאָ ניע זנאַיעם״...

און באמת: צוואָס דאַרף ער קולטור — ער האָט געגוג אַרבוזן און לעפּיאָשקעס, בעת איך — איך דאַרף אָפּעסן, דאַרף אַ בעט — — — אָבער דעם אוזבעקס תשובה איז מיר פאַרט אַריין אין קאָפּ: ער ווייס נישט פונם מין קולטור; ער דאַרף זי נישט... ווער דאַרף זי דאָ יאָ? אויסבייטן סאָוועטישע קולטור אויף אַ נאַכטלעגער, אַ שטיק ברויט? וואָלט זיכער קיין עוולה נישט געווען. נאָר וואָס? מסתמא געפינען זיך וויכטיקערע בעלנים פון מיר — אויף צו באַקומען דאָס קולטורעלע בעט, דאָס קולטורנע שטיק ברויט.

איילֹיק אָוועקגעפירט מיינע מידע פיס צו דער ריכטונג פון „פּראָסטן המון״ — צום וואָקזאַל, ווו וועגן קומען זיך צונויף, ווו וועגן צעשיידן זיך און ווו פון אַלעמענס אויגן קוקט ארויס איינאונאיינציקער אויסדרוק: יאוש. — — מיט וואָס בין איך בעסער פון אַלעמען?

די זון ברייט שוין היפּשלעך אַרום וואָקזאַל. אַ „באַוועגונג״ אין גערטל און אויף די ברייטע וואָקזאַל־טרעפּ. טרויבן, בולקעס, לימאָנאַד, הויזן, רעקלעך, זייגערס... דער טאָג שטעלט זיך. און וואָס דאַרף איך טאָן אינם דאָזיקן טאָג? נאָכן דורכמאַכן אַזאַ שפּאַציר איבער דער שטאָט, איז כדאי זיך איצט אָוועקצוזעצן. דערפּאַר דאַרף מען נישט צאָלן. גאָרנישט. הפקר. און אויך פאָדערן זיך נישט קיין ספּעציעלע זכויות. זיץ ווו דו ווילסט. ווער אפילו צעזעצט. ווּעמען אַרט עס? האָב איך זיך אָוועקגעזעצט — אויפן זעלביקן טרעפּל, פונוואַנען מ׳האָט מיך אַנומלט אָוועקגעפירט אין שפּיטאָל. דאָס איז אַ באַקוועם ווינקל, ווו מ׳קאָן אויך אַריינכאַפּן, בשעת הדחק, אַביסל שלאָף. איצט האָב איך נישט בדעה צו חלשן פון הונגער. חלילה. איך פאַרמאָג אַ היפּש זעקל ברויט און הייסע וואַסער — „קיפּיאַטאָק״ — באַקומט מען אויפן פעראָן פריי, אָן פראָטעקציע.

און זע: אָפּגעריסענע בחורים טראָגן זעק און פּעק פון אָן אָנגעפאַרענעם עשאַלאָן. אומזיסט טראָגן זיי דאָך נישט. נו, וועל אויך איך פּרוּוון מיינע כוחות. אָן אָפּענע, אַ פרייע וועלט: טראָג דאָ אַ טשעמאָדאַן, דאָרט אַ זאַק, פאַרלויף דעם וועג פון אַנדערע טרעגערס, רייס זיך אַריין צווישן טומלדיקע ווייבער, קייקל זיך איבער די טרעפּ צוזאַמען מיט זייערע קופערטס... אַ קערבל איז געוואָרן. פּלוצים: גענוג! מער טראָג איך נישט! שוואַך איך די כוחות? ניין. נישט דאָס. שולדיק איז מיין „אויסטרעגערן־זיך״ איז גאָר איינע אַ ווייבל, „אָן עוואַקואירטע״, וואָס

האָט זיך געריסן איבער די טרעפּ:

„שוראַ, שורקאַ, גיב אַכטונג אויף אים! ער וועט נאָך דיר ערגעץ פאַרטראָגן דעם וואַליז! זע, ווי גיך ער לויפט! שורעטשקאַ, לויף אים נאָך!"

האָסטו געהערט אַ מעשה: דאָס מיינט די יידענע — מיך! און צוריקגעשמועסט: פונוואַנען איז זי זיכער, אַז כ׳וועל נישט „פאַרטראָגן דעם וואַליז"? נו, עס ווילט זיך מיר נישט חקרענען. אַ פּאָר קערבלעך פאַראיבעריקט. זאָל זיין גענוג. סיווי וועט דערפון קיין „תכלית" נישט אַרויסקומען.

פאַראַן נעבן וואָקזאַל אַן „עוואַקאַפּונקט". אַזוי רופט ער זיך. דאָ גיט מען „אַנוויי־זונגען"... דאָ גיט מען הילף... האָב איך זיך אַוועקגעשטעלט, צוגעלייגט אַן אויער. עולם ווערט געוואָרנט צו פאַרלאָזן טאַשקענט, זיך צו באַזעצן אין קלענערע מקומות. מ׳וועט אָננעמען מיטלען. די וואָלסט קאָן דאָס נישט פאַרליידן. הכלל: די נאַכט זיך אַריינגעקוועטשט אין גערטל. דאָ איז היימישער, יידישלעכער... אָבער ווו אַוועקצולייגן דיביינער האָב איך נישט: בייזע מאַנסלייט שפּאַנען אַרום צווישן די זעק זייערע, לאָזן נישט צו קיין „שלעכט אויג". הכלל: נישט צו שטיין און נישט צו זיצן. יעדער ברעקעלע פרייער פלאַץ — באַשטעלט, באַלייגט, באַזעצט — — — זאָל איך דאָ אַוועקפאַלן אַט־אַזוי־אַ?

7. זיך אָפּגעבריט אין בוכאַרע

ווו נעמט מען פאַרט דעם טראָפּן אידעאַליזם, וואָס זאָל געבן חשק צום קאַמף פאַר אויפהאַלטן דאָס — לעבן? האָט אַ זין דאָס דראַפּען זיך יעדע רגע, יעדע שעה — אַ גאַנצן מעת־לעת — אַנטקעגן מלאך־המות? ניין: „אידעאיש גענומען" לוינט עס נישט — עס לוינט נישט אַוועקצופּטרן זיך, כדי אויפצוהאַלטן דאָס לעבן... אין אַזאַ געמיינער וועלט!.. אָבער יענער בחור, דער חלוץ פון גראָכאָוו, האָט יאָ פאַרמאָגט דעם שורש — דעם „פאַרוואָס" — אויף וואָס צו בויען זיין לעבן. אָט איז ער אַוועק ערגעצווו, אויף אַ סכנותדיקן וועג, אַוועק מיט דער כוונה — אַוועקצופּטרן זיך פאַר אַן אידיי... אַזוי האָבן אַמאָליקע יידן געבערענגט זייערע נאַקעטע גופים אויפן מזבח פון קידוש השם. יאָ, יענער בחור... ווו געפינט מען אים איצט? ער האָט געזאָגט, אַז ער לאָזט זיך „אַראָפּ", עס הייסט: נידעריקער צו דער גרענעץ, דאָרט אַהין, ווו עס איז „מיט דער האַנט צו דער־לאַנגען" קיין ארץ־ישראל... וואָס נאָך בלייבט איצט פאַרן געפלאָגטן, געמאַטערטן, אויסגעריסענעם און אויסגעשפּיגענעם ייד? זע: ציניזם און סאַדיזם במקום רחמנות — יידן אין גערטל, אַרום וואָקזאַל, אויפן „עוואַקאַפּונקט" — — — שאַ. נישט רעדן קיין לשון הרע. אַזוי וויל די ביטערע צייט; פון איין זייט — דער היטלעריזם: פאַרטיליקט דעם יידישן גוף; פון דער צווייטער — דער סטאַ־ליניזם: פאַרטיליקט זיי ביידע — דעם יידישן גוף און די יידישע נשמה.

זיך אַריינגעכאַפּט אין אַ צוג, וואָס פירט „אַראָפּ", צו דער לעצטער שטאָט פון סאָוועטישן אַזיע — אַשכאַבאַד. וואָס וועט זיין דאָרט? כ'ווייס נישט. דערווייל נישט צוגעגרייט, נישט באַשטעלט קיין פּראָגראַם. מען דאַרף פאָרן. דאָס זיצן אויף אַן אָרט ברענג'ט סייווי נישט קיין נוצן. טאָ לאָמיר זיך „באַוועגן", אפשר אַנדערשווו וועט זיך געפינען דאָס געזוכטע.

שרפהדיק־צעזונטער נאָכמיטאָג. ביז צום פאַרענדיקן דעם תענית פעלט נאָך אייניקע שעה, אָבער היינט, לויט מיין חשבון, איז נישט מאָנטיק און נישט דאָנערשטיק. אויך צו תשעה־באָב איז היפּשלעך ווייט. ס'אייגענע, צו פילן, טראַכטן אויך די רעשט פּאַסאַזשירן אויף די נאַרעס אינם מיליטערישן וואַגאָן. וואָרום, ווי נאָר דער לאָקאָמאָטיוו נעמט קרעכצן ביים איינהאַלטן דעם געלויף, וואַרטן שוין אַלע ביי די אויסגענג גרייט אַראָפּצושפּרינגען. איינער איבערן צווייטן — אַ געטרייב פון הונגער און אַ געטרייבער צווישן אוזבעקן: גאַטקעס פאַר אַן אַרבוז, העמדער פאַר לעפּיאָשקעס, זייף — פאַר אַ בינטל וויינטרויבן. דערנאָך לויפט מען צו דער וואָקזאַל־קיך. אפשר פאַראַן דאָרט אַביסל זופּ, אַביסל דזשוגאַראַ. ניין. דאָס פענצטערל איז פאַרשפּאַרט. עס עפנט זיך בלויז פאַר פּאַסאַזשירן. ווער זענען מיר פאָרט? די „וולאַסט" האָט נאָך פאַר אונז נישט געפונען קיין פּאַסיקן נאָמען. און ביז אַזאַ נאָמען וועט געפונען ווערן — אויסגעפּייגערן פון הונגער!

דריי איך זיך צווישן עולם. וואָס צו פאַרהאַנדלען פאַרמאָג איך נישט. קוק אויף דער ליימיקער ערד. אפשר געפונען דאָרט עפּעס, וואָס דער מאָגן זאָל וועלן פאַרדייען. און אַזוי קוקנדיק און זוכנדיק — אַ געלויף, אַ מהומה: דער לאָקאָמאָטיוו האָט, אָן וואָרענונג, גענומען האַסטיק רייבן די רעדער און אַזוי רייבנדיק — אַ שלעפּ געטאָן נאָך זיך די וואַגאָנעס... אויס! פאַרשפּעטיקט דעם צוג! ווער עס פאַרמאָגט כוח, ד'ער יאָגט, ווער נישט — בלייבט אויף דער סטאַציע, איך — צווישן די בלייבערס. און צוריקגעשמועסט: זיך מצער־זיין דערויף? וואָס איז מיר די נפקא מינה, ווו, אויף וועלכער סטאַציע, איך וואַלגער זיך? סייווי וועל איך שוין דאָ, אויף דערדאָזיקער ליימיקער ערד, גאָרנישט דערגרייכן.

טאָ ווו געפין איך זיך? גיי ווייס! אַבי ס'איז פאַראַן אַ וואָקזאַל און אַ ליידיקער פּלאַץ אַרום אים. וועט מען נישט לאָזן נעכטיקן אינעווייניק, איז דער דרויסן אַ פרייער, אַ באַשיצטער פון אים אַליין — פון הימל און פון דעם, וואָס אין הימל. הא? דערויף זיך נישט געריכט. לאָמיר נאָר אַ קוק טאָן נאָכאַמאָל. יאָ, אַזוי איז בפירוש געדרוקט מיט גרויסע אותיות: בוכאַראַ. אם כן, אויב אַזוי, איז באמת כדאי געווען די נסיעה, כדאי אַלע מאַטערנישן, אַבי צו זיין אין בוכאַרע, אין דער היסטאָרישער יידנשטאָט. מסתמא וועט אין אַזאַ שטאָט אַ ייד נישט גיין פאַרלוירן. איך קוק זיך אַרום: עולם גייט זיך פאַנאַנדער. לרוב — אין שטאָט אַריין. אַ טייל — בלייבט אויפן אָרט, אַרום וואָקזאַל. ווו זאָל איך גיין איצט? קוים וואָס די

פּיס טראַגן. און די נאַכט האַלט אין צופאַלן — אַ שריפהדיקער האָריזאָנט; פאַראַן אויף וואָס צו קוקן; אַן אמתער יאַריד פון פאַרבן־בענדער, אַ קאַליריקער מיראַזש אויפן הימל־ראַנד. אַזאַ הימל!

איך לאָז זיך אַראָפּ אויף דער ערד. באַלד וועט דער פאַרביקער בויגן אויך זיך אויסלעשן. נו, פון הימל קיין נוצן האָב איך נישט דערווייל, לאָמיר־זשע הנאה־האָבן פון דער בוכאַרער ערד. די פאַרבייגייערס: געבלימלטע כאַלאַטן, צעקנאָדערטע בערד — די ריכטיקע קינדער פון אונזערע אָבות.

און אָט גאָר — די אַנטוישונג: אויפן פּלאַץ נעבן וואָקזאַל זענען שוין פון פריער „איינגעבירגערט״ אחים לצרה; זיי האָבן „אַנטדעקט״ דאָס היסטאָרישע בוכאַרע מיט אירע אָבותדיקע יידן — — — ערגער ווי די גוים! — זיי לאָזן נישט קיין ייד איבער דער שוועל! ווער? די בוכאַרער יידן? יאָ! דאָס הער איך בפירוש אָט איצט. הימל און ערד זענען עדות:

„די בוכאַרער יידן לאָזן נישט קיין ייד איבער דער שוועל!״

און וויי־וויי! איצט האָב איך שוין אַלץ פאַרלוירן — — —

פאַרטאָג — דער פאַרביקער רעגנבויגן ווידער אויפן האָריזאָנט. זיך קוים אויפגעזעצט פונם ליימיקן בערגל. מיין שכן — ווי פון אַ קוימען אַרויס — גריזשעט מיט די ציין איבער אַ שטיק אַרבוז. אַרומגעגריזשעט און אַוועקגעוואָרפן. איך שטרעק אויס אַ האַנט צו דער שאָל.

„וואָס טוסטו? — לאָזט דער שכן מיינער אַרויס אַ פאַרזשאַווערטן גרילץ פון צווישן דער פאַרקרימטער פּנים־מאַסקע — דו מיינסט, אַז מיר זענען בוכאַרער? ביי אונדז שטאַרבט מען נישט פון הונגער און מען עסט נישט קיין אַרבוזן־שאָלן״. ער דערלאַנגט מיר אַ שטיק ברויט, טרוקן און ברודיק געל ווי דאָס פּנים זיינס, ווי די זון איצט. זיך מיט אים צונויפגעחברט. ער איז איין שטיק בלאָטע. אַ יונגער בחור נאָך, כאָטש די יונגקייט איז שוין לאַנג פאַרשוווּנדן פון אים. ער שטאַמט פון הינטער וואַרשע. קוים פאַרענדיקט די פאָלקסשול און געמוזט אַנטלויפן. אַזוי לויפט ער שוין קרוב צו די 3 יאָר. פּלוצים טוט ער מיר אַ פרעג: הלמאַי איך וואַש זיך נישט אַרום. ער לאַכט מיט טרייסלדיקע ציין. זיין פּנים — ציניזם און יאוש. אַ יונגער בחור — אַלט געוואָרן פאַר דער צייט. אַן איבער־געעלטערטע זאַך.

ליגן מיר אַזוי אַ גאַנצן טאָג — פרייטיק — אויפן בערגל נעבן וואָקזאַל. מיר קראַצן זיך אין די בערד און קוקן אויפן הימל. אָט רוקט זיך ווידער אָן אַ שבת, — אויך אין בוכאַרע נישט האָבן קיין הנאה פונם יידישן רו־טאָג? דער בחור לאָזט זיך נישט איבעררעדן. ניין. ער גייט נישט מער צו די יידישע אוזבעקן. ער פאַרלאָזט. ער פאָרט תיכף אַוועק מיטן ערשטן צוג קיין סטאַלינאַבאַד. בעסער זיך געפונען מיט די אוזבעקן און טורקמענער איידער מיט דידאָזיקע יידישע

ישמעאלים — — — איך וויל אָבער זיין שבת אין בוכאַרע. סיווי וואָרט נישט אויף מיר קיינער — אין ערגעץ נישט; אויך נישט אין סטאַלינאַבאַד. וואָסי דאָס געאייל? און אויב חלילה. נו, איז דאָך בעסער די „אייביקע רו" צו געפינען צווישן יידן.

זיך קוים דערוואַרט אויפן שבת־פרימאָרגן. אַ הייסער ווינט יאָגט פון דער שטאָט, איבער ליימיקע דעכער, פאַרביי זאַמדיקע געסלקעס. דער ווינט טריקנט־אויס דאָס לעצטע ביסל פייכטקייט אין מיין פאַרדאַרטן גוף. אָט־אָט און כ׳וועל אומפאַלן, זיך צעפאַלן, ווי אַן אויסגעטרוקנטער צווייג־בונט, אויסגעריסן דורכן ווינט, אַ געסלקע און נאָך אַ געסלקע — די ברייט פון אַן אייזל־געשפּאַן. אַלטע לייט, אַרויסגעקראָכן פון חומש און פון לעגענדאַרע מאַלערייען מיט הונדערטער יאָרן צוריק, טרעטן איבערן זאַמד. איך — נאָך זיי. אַנדערע וואַרפן זיך דורך מיט אומפאַרשטענדלעכע ווערטער, וואָס פון זיי הערט זיך אַרויס דער „שאַבאַט". מען באַגריסט זיך אויף אַזאַ אופן; יידן זאָגן זיך: „גוט שבת".

נו, דאָ איז עס, די שול פון בוכאַרער יידן: שיך, צענדליקער שיך — אויסגעקרומטע, אויסגעדרייטע, שיך, וואָס פּילן־אויס די מיסטקאַסטנס אין „לייטישע" מקומות — זענען אויסגעשטעלט ווי אויף אַ באַזאַר ביים אַריינגאַנג אינם בית־התפילה. די מתפללים לאָזן זייערע שיך אין דרויסן. אינעווייניק זיצט מען מיט די באָרוועסע פיס אונטער זיך. איך האָב שוין פון לאַנג אויסגעטאָן מיינע שיך. אַ באָרוועסער — אַריין אינעווייניק, נעם אין האַנט אַ סידור. עברי־טייטש פון אונטן — אויף אַ מאָדנער שפּראַך. אגב, זאָגט מען, אַז די בוכאַרער יידן רעדן טאַדזשיקיש. איז מסתמא דער „טייטש" אין סידור אויף דערדאָזיקער שפּראַך. עס ווילט זיך מיר זייער צונעמען דעם סידור. זאָל זיין אַ געדעכעניש פון בוכאַרע. נו, דעם סידור נישט צוגענומען און קיינער האָט מיך נישט מיטגענומען אויף אַ שבת־סעודה. איך האָב נישט געבעטן. אָבער מיין אויסזען זאָגט עדות, אַז דער אָרעמסטער בוכאַרער ייד וואָלט פאַרדינט אַ זייער רייכע מצוה, ווען ער נעמט מיך מיט לכבוד שבת. ניין. איך האָב זיך נישט געפירט ווי מיינע אחים לצרה, וואָס זענען געשטאַנען ביים אַרויסגאַנג, כדי אימעצער פון די כשרע בוכאַרער באַלעבאַטים זאָל זיך אויף זיי כאַטש אומקוקן. איך האָב זיך געפירט האָנעראָוועט. וואָרום, האָב איך אין געדאַנק געזען באַקאַנטע בילדער פון הכנסת־אורחים אין פּויליש־יידישע שטעטלעך; אייך קלייניקייט: אַן אורח אויף שבת! בפרט בעת אַ נאַציאָנאַלער קאַטאַסטראָפע: נאָך אַ שרפה, נאָך אַ פּאָגראָם — פּליטים זענען אַנגעלאָפן — — האָבן זיך געשאַפן קאָמיטעטן; איז געוואָרן אַ וואָרעמער איבער־בייס, אַ מלבוש. דאָ — אויב איז הכנסת־אורחים נישט ביי זיי, ביי די דאָזיקע בוכאַרער, קיין עיקר־מצוה פון די תרי״ג — — גלייכער נישט צו שטיין אין

זייערע ד׳ אמות. און צוריקגעשמועסט: אפשר גאָר זענען זיי, דידאָזיקע חומש־טיפּן, אַליין אורחים ביי אימעצן — און „אין אורח מכניס אורח״. גאָר מעגלעך. זייער אויסזען. זייער הלבשה...

גיך אַנטרינען צוריק צום וואָקזאַל, דאָרט אויפגעקליבן אַביסל קערן פון פלוימען. זיי אויפגעקנאַקט און מיט די ביטערע יאָדרעס זיך „אַטכאַיעט״, געפּראַוועט „עונג שבת״ אויפן זאַמדיקן בערגל. פאַרלאָזן די שטאָט און וואָס־גיכער! דאָ הענגט איבער די צוגויפגעדריקטע פלאַטשיקע דעכער אַזאַ ליימיקע דושנעקייט, אַז פונם בלויזן קוקן אויף זיי און זייערע באַלעבאַטים טוט דאָס ביסל חיות אויסרונען. וווהין לויפן איצט?

זעט־אויס, אַז נישט בלויז איך זוך ערגעץ אַ מקום־מנוחה. צוביסלעך נעמט דאָס פלעצל אַרום וואָקזאַל זיך אויספילן מיט פאַרמלאָזע מאַסקעס פון קריעה־בליעה־לייט. עס ווערט היימלעכער. צווישן אייגענע. אָבער מיין „געלעגער״ האַלט איך ווידער אָפּגעזונדערט. אַזוי אומעטום, אַזוי דאָ — מיין שולד, זיך נישט צו קענען אַריינפּאַסן אין יעדער געזעלשאַפט. און גראָד די איצטיקע געזעלשאַפט פאַרשאַפט מיר אַביסל פאַרלייכטערונג. איך וויל דווקא וויסן, פון וואָס עולם „מאַכט אַ לעבן״. אָט: אַלעמענס בליקן געווענדט צום וואָקזאַל. יעדע ווײַלע לויפט אַהין אימעצער, קומט צוריק מיט דער בשורה: „יאָ, עס קאָכט זיך״. וואָס קאָכט זיך? פאַר וועמען קאָכט זיך? אין אָונט דאַרף זיך דאָ אָפּשטעלן אַ פּאַסאַזשיר־צוג. קאָכט מען אין דער וואָקזאַל־קיך — קאַשע פאַר די פּאַסאַזשירן. הכלל: דעמדאָזיקן שבתצונאַכטס, אויפן בוכאַרער וואָקזאַל, האָב איך אָפּגעגעסן נישט די בוכאַרער יידן האָבן זיך דערבאַרעמט אויף מיין ליידיקן מאָגן, נאָר טאַקע אונזערע, די היימישע, די פליטים פון „מיין ס׳גאַל״ —

„וואָס ליגסטו דאָ? וועסט דאָך פּייגערן ווי אַ הונט!״ — אַזוי האָט געשריגן צו מיר איינער אַ יונג, ווען ער האָט זיך געיאָגט מיט אַ קעסעלע צום וואָקזאַל. און אַז כ׳האָב זיך פאַרט נישט אויפגעהויבן („אויב שטאַרבן, טאָ — צווישן יידן״) האָב איך תיכף דערפילט דעם טעם פון אַ ווייצענער קאַשע, אַז זי האָט מיר אומגעקערט דאָס חיות. יאָ, עולם רעדט פון מיר, דעם „אייזל״, וואָס האָט זיך אָוועקגעלייגט שטאַרבן; און אימעצער פאַרטיידיקט מיך: „אפשר האָט ער נישט די פּאַר קאָפּיקעס״... און אַ קעסעלע קאַשע איז געוואָרן — — — אָפּגעגעסן, זיך נעענטער צוגערוקט צו דער חברה נאָקעטע. צוזאַמען וועל׳מיר שוין פאָרן קיין סטאַלינאַבאַד. דאָרט איז פאַראַן אַן „עוואַקאָפּונקט״. דאָרט „מאַכט מען אַ לעבן״. „אויף אַלע אונזערע שונאים געזאָגט געוואָרן!״ — האָט איינער פאַרענדיקט די נאַכט מיט אַ ברכה און מען האָט זיך אויסגעלייגט אויפן גלאַטיקן זאַמד וואַרטן. עפּעס וועט דאָך מוזן קומען.

8. אַן אַנשיקעניש — סטאַלינאַבאַד

וואָס טיפער אין אַזיִע — נידעריקער הענגט די זון. דער הימל — בלויז זון. און שרפהן שרפעט זי, די זון — לויטער גיהנום. נישט בלויז פרעסט זי די מענטשן, אויך די ביימער אין גערטלביים סטאַלינאַבאַדער „עוואַקאָפּונקט" זענען צעפרעסן און אויסגעטרוקנט, אַז זיי גיבן נישט קיין שוץ קעגן די שטעכיקע זון־שטראַלן. האָט דערפאַר עולם פאַנאַנדערגעשטעלט ביידלעך, צונויפגעקלעפּט פון זעק און טראַנטעס. ליגט מען אַזוי אונטערן שאָטן — פּאָלאַקן באַזונדער, יידן באַזונדער. דאָס איז צו דערקענען לויטן „שניט" פון די מלבושים. אויב טראָגן די יידן העמדער־צוויטן און מיני הויזן, צונויפגעדריוולט פון זעק, זעט זיך אויף די פּאָלאַקן דער גרינער קאָליר פון מיליטער־סחורה. ביי טייל גלאַנצן אויך די „ראַנגעס" און מען טיטולירט זיך מיטן „פּאַן" און — מען איז אָנגעפילט מיט האָפענונגען אויף בעסערע צייטן. אויך איז דער באַגאַזש פון דער פּוילישער געזעלשאַפט אַ גרעסערער ווי ביי דער יידישער. די פּאָלאַקן האָבן מיט וואָס זיך צו „דרייען" אויפן באַזאַר. און דאָס יידישע ווינקל איז זייער מיאושדיק. אַלץ געענדיקט. קוקט מען מיט קנאה צו דער „פּוילישער זייט" און טייל „אחינו" האָט שלאָפלאָזע נעכט: מען „ציט" פון די פּוילישע פּעק וואָס עס קומט אונטער דער האַנט... און אין פינצטערע נעכט הערן זיך אויפציטערנדיקע קולות:

„אוי, באָזשע, אוקראַדלי!" (אוי, גאָט, מ'האָט מיך באַגנבעט!)

מען ווייס, ווער די גנבים זענען. נישט איין גנב אַ ייד האָבן די פּאָלאַקן געפּאַקט. אָבער זיי האַלטן זיך געגנוג סטאַטעטשנע, די פּוילישע, כדי נישט אַרויפצוּוואַרפן איצט זייער „צאָרן אויף די „זשידעס". חלילה. אַז „נאַשאַ פּאָלסקאַ" וועט צוריק אויפשטיין — און דערין זענען זיי זיכער — וועט מען מאַכן אַן אַלגעמיינעם חשבון. דאָס פילט זיך אַרויס פון די צאָרנדיקע בליקן, וואָס שטעכן דעם יידישן „געטאָ" איננו גערטל ביים „עוואַקאָפּונקט". נו, יאָ. דאַרף מען דערווייל שוויגן. אויך צווישן פּאָלאַקן זענען פאַראַן גנבים. אויך זיי ווילן עסן, אַלע ווילן, אָבער די יידן — מער פון אַלע.

איך האָב אויסגעפונען אַן איינזאַמען בוים, איינזאַם און אַליין, אָפּגערוקט פונם טומל, ווי ער וואָלט דאָ אַוועקגעשטעלט געוואָרן ספּעציעל פאַר מיר. דאָ האָב איך זיך „געגנומען באַזעצן", מאַכן מיין 'סוכת קבע'. מיין פאַרמעגן? יאָ: איך פאַרמאָג שוין אַ היפּש ביסל באַלעבאַטישקייט: אַן אייגענעם לעפל, אַ פּלאַטשיק סאָלדאַטסקע טעפּעלע, צוויי זאַק־העמדער, הויזן און אַ מין רעקל, אַ יקר־המציאות — געמאַכט פון ברעזענט; דינט עס מיר ביי טאָג קעגן דער זון, ביי נאַכט קעגן די קאָמאַרעס. די חנצים באַקומען איך „פּונקט", היט זיי ווי ס'אויג אין קאָפּ: באין ברירה — זיי אויסטוישן אויף אַ שטיק ברויט, אויף אַ שיסל קאַשע. יאָ.

מיין פאַרמעגן ליגט פאַרפּאַקט אין אַ זעקעלע, וואָס דינט מיר אויך פאַר אַ צוקאָפּנס הינטערן בוים, צו וועמען דאָס זעקעלע איז פאַרבונדן אין די נעכט. גלייכער אַזוי. גיי ווייס: איז דען דער גנב איבערקלייבעריש — וועמען און וואָס צו באַגנבענען. ווייזט זיך אָבער אַרויס, אַז די צופּיל שלעסער, וואָס כ׳האָב אָנגעהאָנגען אויף מיין פאַרמעגן, האָבן אַרויסגערופן חשד ביים געוויסן נאַכט־פויגל, וועלכער איז מסתמא געלעגן נישט ווייט פון מיר, געפּלאָנט זיינע „נאַכט־שפּאַצירן”. הכלל: ווי יעדע נאַכט אויך דאָס מאָל האָט מיך איבערגעוועקט דאָס באַקאַנטע געשריי: „אוי, באַזשע!; זיך אַוועקגעזעצט, גענומען זיך איינהערן אינם טומל פון דער נאַכט־פינצטערניש. פּלוצים „זאַטשמעליעט” געוואָרן פון מיין אייגענעם אומגליק: אַרום מיין צוקאָפּנס — פאַנאַנדערגעוואָרפן די חפצים מיינע; דער גנב האָט דאָס זעקעלע נישט אָפּגעבונדן פונם בוים. ער האָט בלויז פון הינטן אויפגעשניטן אַ לאָך, פון דאָרט אַרויסגעשלעפּט וואָס אים איז געפעלן, די רעשט געלאָזט פאַר מיר. אַ קלוגער און אָרנטלעכער גנב. נישט ער האָט מיך איבערגעוועקט. נישט ער האָט צוגענומען מיין לעצט העמד. שרייען? רופן הילף? יאָ. אַ לויב דעם גנב. ער האָט מיר איבערגעלאָזט דאָס פּלאַטשיקע טעפּעלע, אין וועלכן עס געפינט זיך אַביסל ווייסער, אוזבעקישער קעז. האָב איך פאַרקנייטשט אַ פינגער. זיך פאַרקוקט אויפן הימל. אויסגעזוכט אַ שטערן און זיך מיט אים געעדותט: פון איצט אָן וועט דער הימל זיין מיין צודעק און דער אין הימל (מלא כל הארץ כבודו) — מיין באַשיצער. האָב דעם פינגער אַריינגעשטעקט אינם טעפּעלע, אויסגעלעקט דעם קעז און — אַ דאַנק דעם אָרנטלעכן גנב — זיך געראַטעוועט פון חלשות — — —

נאָך די נעכט קומען טעג, אויסגעפּילטע מיט זאַמד און ליים, מיט הייסע ווינטן און דריקנדיקער מעלאַנכאָליע. אומעטום איין בילד. עס ענדערט זיך נישט. „מען „שמועסט” אַז — יאָ. אָבער ביז דער נחמה — גייט אויס דאָס ביסל „דעך” צו אַ מאָלצייט, צו אַ ריין בעט, צו אַ מענטשלעך לעבן. יאָ. איך האָב לעצטנס גענומען „אַראָפּגיין פון די כוחות”. וואָס איז געשען? שווער צו שטעלן אַ טראָט. זקנה נעמט דושען אויף מיר. און אפשר בין איך גאָר קראַנק? פאַראַן דאָ אַ מעדיצי־נישער פּונקט אויך. אַלץ פאַראַן דאָ. — אַ מין זאָאָלאָגישער גאָרטן. איך בין אַריין צו דער „סעסטראַ”. זי טראָגט אַ ווייס, קלאָר פאַרטעך. איך וואָלט דערפון געמאַכט אַ העמד. איי! זי האָט מיר געגעבן ערגעץ אַ קוועטש און געהייסן אַרויסשטעקן די צונג. הויכע טעמפּעראַטור. אפשר אַן אָנשטעקנדיקע קרענק? שווער דאָס אויפשטעלן זיך פון בענקל. דאַרף זיך אַוועקלייגן. פאַראַן דאָ אויך אַ מין שפּיטאָל מיט בעטן, אָבער נישט איצט. אפשר וועט זיך אָפּליידיקן אַ בעט — און דאָס טרעפט אָפט, — מ׳וועט אימעצן אַרויסטראָגן פאַרוויקלט אין אַ קאָלדרע. דערווייל איז מיר קאַלט. די „שוועסטער” גיסט מיר אַריין אין מויל

עטלעכע פאַרביקע טראָפּנס פון אַ פלעשעלע. הייסט פאַרלאָזן איר פּאַלאַטקע. איך וואַקל זיך. זי פאַרמאַכט הינטער מיר די טיר. טאָמער האָב איך חרטה און קער זיך צוריק אום. אַ, ניין. דאָס וועל איך נישט טאָן. אָבער אין גערטל זיך נישט אַוועקלייגן. עס טרייסלט מיך. אַ־וואַ! וואָס איז באמת געשען מיט מיין בידנעם גופל? וועל איך עס דאָ איבערלאָזן, אַטאָ דאָ, אין דעם מיאוסן העק, וואָס טראָגט סטאַלינס נאָמען? ניין. דאָ וועל איך זיך אַוועקלייגן, אינם לאַנגן קאָרידאָר, צווישן די זעק און פּעק, וואָס ליגן פון אונטן אַרויף — פאַרמעגנס פון „עוואַקו־אירטע" און וואָס אויף זיי זיצן משפחות גאַנצע. יאָ. דאָ וועל איך זיך אַריינ־קוועטשן. אָט אַזוי. אפשר וועט מיר ווערן וואַרעמער — צווישן יידן.

„הע, געפּאַקט דעם פלאַץ! נו, אָקערשט, גיב זיך נאָר אַ רוק אַוועק פון דאַנען! פּאָדנימאַיעס! סוואָלאָטש קאַקאַי! עס האָט זיך אים פאַרוואָלט!" — מיט אַזאַ מענה־לשון איז מיך מקבל פנים אַ יידענע, בעסער: צוויי פיס פון אַ יידענע, וואָס שאָקלען זיך איבער מיין טרייסלדיקן קאָפּ. — „נו, ביי אונז שניידט מען נישט קיין זעק! גיכער דיין קאָפּ! — — — אַזאַ פּוילישער!..."

אַלץ הער איך, פאַרשטיי און שוויג. ליג אַן איינגעקאָרטשעטער. עס טרייסלט מיך. עס וואַרפט. — נישט מחמת שרעק פאַר דער כעסיקער יידענע, נאָר אַן אינעווייניק וואַרפעניש לאָזט מיך נישט איינליגן. בררר! אַ געדיכט קרענצל אַרום מיר. די יידענע אויפן זאַק ליאַרעמט, אַז דער־אָ „האָט אַ מעסער ביי זיך". אירס אַ שכנטע איז מסכים: „אַ באַקאַנטער זעק־שניידער". אַ דריטע יידענע טענהט, אַז מען דאַרף אים אַ שלעפּ טאָן ביי די פיס און אַרויסוואַרפן. אָבער מיך וואַרפט עס ממילא. פאַרשפּאַרט די ווייבערס רשעות.

„אַ וואָס? — האָט פלוצים ווער געפרעגט — אַ גנב מיט אַ מעסער?"

איך פיל בליקן אויף זיך. ווער עס לאַכט. ווער עס כעסט זיך אויף די „גראָבע ווייבער", וואָס פאַרמאָגן אין זיך נישט קיין פונק רחמנות צו די „פרעמדע", וועלכע ווילן אויך לעבן, דערלעבן בעסערע צייטן...

„טאָקע אַ גזלן" — שטופּט מען זיך נענטער צו מיר, כדי צו זען מיין פּרצוף. און דאָס איז גראָד פאַר מיר אַ רפואה, טאָקע דאָס, וואָס מען קוקט אויף מיר. מחמת — אָט האָט זיך געפונען אימעצער, וואָס האָט דווקא נישט געוואָלט אָפּטרעטן פון מיר, געוואָלט קוקן און נאָך קוקן, ביז, יאָ: דער קוקער האָט מיך דערקענט: אַ בחור פון אַ שטעטל ערגעץ, וואָס האָט מיך געזען אין בעסערע צייטן. דער־אָ? אוי, אויף דעם־אָ — אַ גנב?! ער האָט זיך דורכגעשטופּט פאַרביי די נייגעריקע, געקומען צולויפן מיט נאָך בחורים, זיינע חברים און — מיך אַרויסגעראַטעוועט פון דעם ווינקל, אַוועקגעלייגט אין אַ צווייט ווינקל, אויסגעבעט און אונטערגע־בעט. ווער זענען די גוטע בחורים? זיי האָבן מיר אומגעקערט ס׳חיות. בחורים, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט צוזאַמען, האַלטן זיך צוזאַמען און פּלאָנטען — וועגן

„עליה". אַזוי רעדן זיי אַריין אין מיר, טרייסטן מיך און גיבן האָפענונג, אַז בקרוב וועלן מיר זיך „אַלע זעען אין ארץ"... און דערוויַיל איז מען געלאָפן ערגעץ, געברענגט טיי, זיסע טיי ממש; אַ הייס געטראַנק, וואָס האָט פאַרטריבן פון מיר די קעלט. און נאָך גוטע זאַכן האָט מען געברענגט. און אויך איז געקומען די „סעסטראַ". אַזוי ביז די נאַכט איז צוגעפאַלן. עד, אַחים לצרה! עס נעמט זיך צו מיר אומקערן דאָס געפיל פון זיין צווישן אייגענע. עס ווילט זיך אַרומנעמען די בחורים, זיי דריקן צו זיך — נישט מחמת „אהבת ישראל". ניין. דערדאָזיקער באַגריף איז בכלל צעשווומען אין דער בהלה פון „חטוף היום". און דאָס האָט זיך באַשטעטיקט צומאָרגנס פרי:

איינער פון די בחורים האָט פאַרמאָגט אַ טייער חפץ, ס'איינציקע וואָס איז אים פאַרבליבן נאָך זיין אַנטלויפן פון דער היים — אַ לעדערנע קורטקע. מיט דער דאָזיקער קורטקע האָט ער מיך צוגעדעקט, זי אַרויפגעלייגט אויף מיין פיבער־דיקער פלייצע. ביינאַכט האָט אימעצער, אַ גנב בצורת אדם, אַראָפּגעצויגן פון מיין פלייצע די קורטקע. איך בין גרייט צו שווערן, אַז כ'האָב געזען דעם גנב. ער איז געזעסן אַנטקעגן און נישט אַראָפּגענומען די אויגן פון דער קורטקע... האָט זיך מיר געדאַכט? בין איך גרייט אויסצוטראַכטן אַ בלבול אויף אַ ייד? איצט זעט מען אים נישט. איז פאַרשוווּנדן. איך פיל זיך שולדיק. איך קוק אויפן פאַרצערטן בחור און עס שטיקן מיך טרערן, טרערן פון וויי און חרפה.

דער בחור באַרויִקט מיך:

„נישקשה חבר... סיי ווי וואָלט מען די קורטקע ביי מיר אָוועקגעגנבעט. איז עס געשען דאָ. גלייכער אַזוי. געפטערט אַן עול. אַבי געזונט".

און געזונט מוז איך ווערן. מחמת מיין שטאַרבן וועט דאָ סיי ווי אויף קיינעם נישט מאַכן קיין רושם. אַ וואָזשנע מעשה! נו, מהאי טעמא האָב איך בדעה אַלעמען צו באַווייזן, אַז כ'וועל קעמפן פאַר מיין ביסל לעבן: — זיך אויפגעזעצט, אַראָפּ פונם בינטל שמאַטעס און אויסגעקערט דאָס פּנים צו די בחורים, אַ פינף בחורים, וואָס זייערע בלאָע ליפּן זענען אויסגעפּילט מיט געזאַנג וועגן „היים און פאָלק" און זייערע אויגן — מאַלאַריע. זיי זיצן און שוויַיגן. אין זייערע בליקן געפינט זיך עפּעס אַ מין שולדגעפיל, אָדער בושה, כלפּי — וועמען? יאָ. נישט געקוקט אויף זייער טיף־יידישן באַוווּסטזיין, זענען די בחורים אויך דורכגעזאַפּט מיט בענקשאַפט צו „אַלמענטשלעכקייט", וואָס אַ ניצוץ דערין האָבן זיי געזען אין דער „גרויסער רעוואָלוציע"... איצט — דערמאָנען זיי די אוממענטשלעכקייט פונם סטאַלין־פּאַקט מיט היטלערן. זיי שושקען זיך. זיי ווילן פון מיר אַ פּתרון צו דעם גרויסן רעטעניש, אַ באַשייד, וואָס זאָל פאַרלייכטערן זייער וויי, זייער אַנטוישונג.

מיין ענטפער — זייער קורץ און זייער דעצידירנדיק: דער געשיכטע־שטעקן

וועט געבן זיין תשובה. איך האָב נישט קיין כוח — פשוטו כמשמעו — צו מעסטן דעם „ענין" טיפער און ווייטער. מיין עצה: זאָלן זיי נישט זיצן צו לאַנג אויף איין פּלאַץ, זאָלן נישט ווערן „גיוועץ". כל זמן די כוחות דינען — זוכן אויף אייגענער האַנט די באַפרייאונג פון דערדאָזיקער ריזן־תפיסה.

מיר האָבן זיך געזעגנט. די איינציקע טעג אין זייער סביבה האָבן מיר אומגעקערט די אמונה — אינם מענטש. לאַנג געדריקט זייערע הענט. איך פיל זיך צו־שוואַך מיטצוגיין מיט זיי, כאָטש זיי האָבן מיר צוגעזאָגט יעדע הילף. איך בין נישט מסוגל צו פאַרלאַנגען מ'זאָל מיך „טראָגן" אין אַזוינע סכנהדיקע טעג און אין אַזאַ סביבה. ניין.

איצט טוט מיין אַליינקייט אויף מיר שטאַרקער דריקן. נישט שייך צו האָבן טענות, צו פאַרלאַנגען. האָב איך גענומען מיין איבערגעליבן „פאַרמעגן" און אַוועק צום וואָקזאַל — מער קאָן איך נישט פאַרטראָגן די סטאַלין־שטאָט. פאַרביי די אויגן — אַווימלעכץ פון געל און גראָ און מאַטערנדיקע זון, וואָס קלעפּט אויף ליים פון פלאַכע דעכער, געשלאָסענע פאַרקאַנעס און געסלקעס — זאַמד און ליים און שטרוי. דאָ האַלט עס נאָך ערב דעם וועלט־און־מענטש־באַשאַף — — —

9. מאַרי — קאַשע געשמאַלצן מיט קדחת

אָן אַ ציל. אָן אַ ברעג.

צוגלייך ווי כ'בין אַרייַנגעשפּרונגען אינם וואַגאָן, נישט וויסנדיק וווהין דער צוג פירט, אַזוי בין איך איצט אַרויסגעשפּרונגען פונם וואַגאָן, נישט וויסנדיק וווּ כ'געפין זיך. די ערשטע באַגעגעניש — ווי אויף אַלע באַנסטאַציעס — אַ באַזאַר, אַ טויש־באַזאַר אויפן פּעראָן (ענדציל פון קאָמוניסטישן סאָציאַליזם): מען טוישט אַ בינטל טריבן פאַר אַ שטיקל זייף, אַן אַרבוז־פּענעץ פאַר אַ ברויט־פּענעץ, אַ גלאָז מאַכאָרקע פאַר סאָלדאַטסקע גאַטקעס. איך פיל זיך אַרייַנגעקוועטשט אין דער באַזאַר־מהומה. וואָס האָב איך דאָ צו טאָן? נישט איך האָב וואָס צו טוישן און נישט — פאַר וואָס צו קויפן. אַרייַנגעפאַלן אין אַ יאַרמאַרק.

דער לאָקאָמאָטיוו צעפייפט זיך. דער באַזאַר צעפאַלט זיך. מען לויפט צו די וואַגאָנעס. בלויז איך האָב — פאַרשפּעטיקט. נו, מיר איז דאָך אַלציינס ווו כ'געפין זיך. אַזוי שפּרונג איך, אַזוי לויף איך — — ערגעצוווּ וועל איך דאָך מסתמא דערלויפן.

די שטאָט רופט זיך — מאַרי. און זי געפעלט מיר, מחמת זי איז טאַקע אַ שטאָט — מיט געמויערטע הייזער און הויכע טראָטואַרן און שטיינערדיקן ברוק. אויך די מענטשן זענען דאָ — געמויערטע. אַלע טראָגן זיי בערד און אַלע זענען זיי הויך־געוואַקסן און אויף די קעפּ שטריימלען. יאָ, שטריימלען ממש. איז אפשר — געפין איך זיך גאָר אויף יענער זייט סמבטיון? — — — עס דערמאָנט אָן די

מרגלים, וואָס זענען פון דער מדבר געשיקט געוואָרן אויסצופאָרשן דאָס לאַנד, ווו זיי האָבן געזען — גרויסע מענטשן: ריזן.

נו, איז דאָס נישט דער ערשטער טעות מיינער. אוודאי געפין איך זיך אין אַ נייעם מקום און צווישן נייע מענטשן. — אין טורקמעניע און די איינוווינער אירע, יענע מיט די שטריימלען, רופן זיך — טורקמענער. אַזוי קוקן זיי אויס משׁשת ימי בראשית — בערד און שטריימלען און הויך, ווי אין חומש שטייט געשריבן. און די מדינה דידאָזיקע איז טאַקע נישט ווייט פון דער חומש־מדינה: אונטן, גאָר נאָנט, די הויפּטשטאָט פון די טורקמענער — אַשכאַבאַד און פון דאָרט — אַ שפרונג קיין ירושלים.

און ווידער עגבערט אין מוח, בעת איך טרעט איבערן טראָטואַר, אַן אויסגעפּלאַסטערטער מיט רויטע ציגל און אויף וועלכן עס וואַלגערט זיך די זון — רויט און געל און האַלב־פאַרחלשט: ווהין שפּאַן איך? אין מיין רעכטער האַנט — אַן אויסגעקרומטע צווייג, וואָס העלפט אונטערהאַלטן מיין ברעקל גוף. אויף די פיס טראָג איך אַזוינס, וואָס האָט אַמאָל געהאַט דעם נאָמען — שיך. די באַקן — שטעכיק, באַוואַקסן; דיקע וואַנסעס שטערן דאָס אָטעמען פון מיינע פאַרשטאָפּטע נאָזלעכער. און אין גאַנצן קוק איך אויס, ווי אַן אַראָפּגעשליידערטער פון דער זון, אַן אַראָפּגעפאַלענער פון אַן אַנדערן פּלאַנעט — אַן אַרויסגעטראָסקעטער פון לעבן.

יאָ. דאָ וועל איך זיך מוזן באַזעצן. ווו דען? האָב איך דען אַ צווייטע היים — אויסער דעם וואָקזאַל? יאָ. אַזאַ איז דאָס לעבן און אַזוי מוז איך עס אויפנעמען — אויב וויל איך דערלעבן בעסערע צייטן. שמועסט מען דאָך, אַז עפּעס „טוט זיך טאָן" אין מאָסקווע אַרום עפּענען אַ צווייטן פראָנט; אַרום שאַפן אַ פּוילישע אַרמיי; אַרום אויפשטעלן אַ באַנייט פּוילן; אַרום צוריקשיקן די פּוילישע אַביוואַטעלעס; אַרום און אַרום... נו — געדולד!

און גראָד דאָס שטעטל איז — נישקשה פון אַ שטעטל. שטילע גאַסן, ווינציקער טומל. עפּעס נישט „דאָס" — נישט קיין סאָוועטישן אויסזען. איך נעם שפּאַנען צוריק און קוק הינטער זיך. האַלב־און גאַנץ־באַרוועסע חברהלייט, ספק־רוסן, ספק־טורקמענער און ספק מענער, ווייל זיי טראָגן נישט קיין הויזן און נישט קיין קליידלעך — כמעט גאַרנישט; הכלל: שוואַרצע און ווייסע חברהניקעס לאַכן פון מיר, פון מיין גאַנג, פון מיינע קאָמיטשנע שיך, פון מיין שטעקעלע און וואַנסעס...

„טשאַאַרלי טשאַאַפּלין! —"

האָ? טיטולירן זיי טאַקע דאָס מיך מיטן טשאַפּליניש כיבוד? פאַרגלייכן זיי מיך מיטן גרויסן קאָמיקער, וואָס כאַראַקטעריזירט אַזוי סאַרקאַסטיש מיט זיך דעם הונגעריקן, שלעפּעריקן? — — ווי קומט צו מיר אַזאַ גדולה? איך נעם זיך

אונטעראיילן. דאָס באַכאַטשען פון די חברהליט באַגליט מיך. מילא, קינדער. זיי ווילן אויך פריילעך זיין אין דער איצטיקער טרויעריקער צייט. מוז איך זיין דער „קאָמיטשנער", וואָס זאָל פאַרטרייבן די גאַל־ביטערניש פון זייערע אויגן? די ערשטע טעג אויפן וואָקזאַל־הויף זענען פאַרביי נישקשה. דער הונגער האָט מיך לכתחילה אַ טרייב געטאָן צו דער קעכין, וועלכע איז געגאַנגען מיט אַ וויאַדרע נאָך וואַסער. פון איר צוגענומען די וויאַדרע און עס האָט זיך גענומען שפּינען אַ קעגנזייטיקע ליבע: איך האָב געבערענגט וואַסער און זי האָט מיר געגעבן קאַשע. עס איז געוואָרן: וואַסער פאַר קאַשע... דערנאָך האָט זיך גענומען שאַפן קאָנקורענץ. אַנדערע פון „מיין ס'גאַל" האָבן נאָכגעמאַכט מיין דערפינדונג. און דאָ האָט די קעכין דערפילט, אַז עס קאָן נאָך ווערן ביי איר אַ פאַרפלייצונג; אַז אויפן אָרט פון דער געלער דזשוגאַרע־קאַשע וועט זי דערלאַנגען אירע באַן־פּאַסאַזשירן — וואַסער... איז איינגעשטעלט געוואָרן אַ סדר, וואָס האָט דערפירט דערצו, אַז די קעכין האָט שוין בכלל נישט געהאַט וואָס צו טאָן: ווער עס האָט געבערענגט וואַסער, ווער — געהאַקט האָלץ, ווער — געריייניקט די דזשוגאַרע. און דערפאַר האָבן אַ מאַן זעקס הונגעריקע זיך געשטיקט צוויי מאָל אין טאָג מיט דער שטעכיקער קאַשע. אַבי אָנגעפילט דעם מאָגן. מען מוז דערוואַרטן בעסערע צייטן — — —

פון וואַנען האָבן זיי זיך אַהערגענומען, די „קאָנקורענטן" מיינע? און איך בין דאָך געווען זיכער, אַז די שטילקייט אין שטעטל נעמט זיך דערפון, וואָס דאָ געפינען זיך נישט קיין בעזשענצעס?

זיי זענען אַרויסגעקראָכן פון ערגעץ, פון לעכער — פאַרדאַרטע, פאַרקרימטע, פאַרוויינטע — טשאַרלי טשאַפּלינס: משפחה מיינע — זאָל איך זיך צוניפּהעפטן מיר איר? וואָדען? מיט וועמען דען? שייך אויסצומיידן דעם אייגענעם שאָטן? בין איך געוואָרן איינער פון אַ סך: הונגעריקע אויגן, אָן אַ נאָמען — לאַכנדיקער סקעלעט. איך — נישט איך. און אַז מיר זענען אין בייסנדיקע אָוונטן געזעסן אויף די רעלסן און אימעצער האָט גענומען „פּראָוואָצירן", אַז ערגעצוווּ מיך געזען, געהערט... האָב איך תיכף גענומען טרייסלען מיטן קאָפּ אין דער ברייט: ניין, נישט איך... און בפירוש גענומען פילן דאָס באַקוועמע פון לעבן „אָן אַ נאָמען". עס הייסט: איך בין טאַקע איך, אָבער קיין באַווייז דערויף האָב איך נישט: אַוועק־געוואָרפן אַלץ, וואָס האָט נאָר געקאָנט באַשטעטיקן שוואַרץ אויף ווייס, אַז איך האָב ווען ס'איז געטראָגן אַ נאָמען, געהאַט אַ היים, געווען אַ „מענטש מיט מענטשן גלייך. גאָרנישט. אַראָפּגעפאַלן פון ערגעצוווּ. און טאָמער וועל איך אָטאָ־דאָ־אַ זיך אָוועקליייגן מיט אַ לעצטן „שמע ישראל", טאָ זאָל מען וויסן, אַז דאָס איז „אַוועק" אַ נאָמענלאָזער, אַ היימלאָזער, אַ...

אָ, איצט נעם איך זיך פילן גוט און פריי אין דער טרייסטער מדינה אויף דער

וועלט. עס האָט זיך באַוויזן אַ שמייכל אויף מיין טשאַפּלין־מאַסקע, אַ סקעלעט־שמייכל, וואָס מאַכט מיך נענטער צו דער הונגעריקער קאָמפּאַניע. און אַזוי שפּאַנען מיר פון דער קאַשע־קיך צו די באַגרעלסן. עס האָבן זיך געיאַוועט „פּרייווילִיקע" צו דער הונגער־חברה. עס איז געוואָרן אַ קאָמונע: דיר אַ לעפל, מיר אַ לעפל. שותפות מיט ברייטע אונטערנעמונגען — ווער עס פּאַרנעמט זיך מיט אַרומ־סקראָבען די אינעווייניקסטע קעסל־ווענטלעך פון דער צוגעברענטער קאַשע, ווער — מיט אויסלײדיקן אַ וואַגאָן. און אַלץ — גלייך אויף גלייך. יעדן — אַ שטיקל צוגעברענטע קאַשע; יעדן — אַ פּאַרגליווערט ראָקל פון אַ קאָנסערוון־פּושקע...

ספּעציעל ברענגט ריווח דאָס אויסליידיקן וואַגאָנעס. הייסן הייסט עס: „חברה־גרוזטשיקעס"; איז דערפאַר פריי אונזער צוטריט צו די לאַנגע טעפּלושקע־צוגן, פריי דאָס אַריינכאַפּן זיך אין אַ ליידיקן וואַגאָן — איבערצונעכטיקן. הכלל: איין משפּחה אויף די באַגרעלסן פון דער טורקמענישער שטאָט מאַרי.

10. „פאַן מאַריץ" גיט מיר אַ נאָמען

יאָ, די „משפּחה" געפעלט מיר, מיר דעם נאָמענלאָזן. איך וואַרט נישט מ'זאָל מיך רופן, מ'זאָל שרייען:

„הע, דע, ווי הייסטע דאָרט? הייב אַ פּוס!"

איך שטיי כסדר „אויף די פיס", גרייט צו יעדער אַרבעט. און ספּעציעל איז פאַראַן אַרבעט, בעת מען דאַרף אויסגרוזעווען אַ וואַגאָן מיט קאַסטנס, וואָס אין זיי געפינען זיך קאָנסערווירטע פּושקעס: פיש, ראַקעס וכדומה גוטע זאַכן. מיט דער קאָמפּאַניע הונגעריקע פירט־אָן איינער אַ — פאַן מאַריץ, אַ יונג מיט סימנים פון אַן „אַמאָליקן לעבן" — ער האַלט „קאָנטאַקט" און ער טיילט איין די אויסלאָדונג אויף יעדנס פּלייצע — קאַסטנס און קעסטלעך צו די באַן־סקלאַדעס. און טאַקע מאַריץ באַשטימט, ווער ס'זאָל „פאַרלירן" אַ קעסטל: אַראָפּגעפאַלן, צעפּלאַצט און תיכף — אויסגעליידיקט: — צעכאַפּט די פּושקעלעך כהרף עין... דערנאָך טוט מאַריץ „אויסגלייכן" דעם חשבון — אי מיטן סטאַציע־נאַטשאַלניק, אי צווישן זיך. נישט איין מאָל פאַכען פויסטן אין דער לופט. באַעוולטע פאַר־לאַנגען נאָך אַ פּושקעלע, נאָך איינס... איז געגוג, אַז מאַריץ זאָל אַ שליידער טאָן מיט זיין קאָפּ־שייטל:

„העי, לויזנפּויקער, אַ רוח'ן דיין צעטרענטן זודיק אַריין, קורווישער זון!"

ווערט שטיל. רוקט זיך עולם וואָס ווייטער אָפּ פון מאַריצן. מחמת זיינס אַ פּליק איבערן פּיסק לאָזט זיך לאַנג פילן...

אויף וויפל איך באַמי זיך צו ווערן אַ „גלייכער מיט גלייכע", קומט עס ביי מיר אַרויס נישקשהדיק קרום: שפּאַן זייטיק, רעד ווינציק, בין פאָלגעוודיק, אָן

טענות. אַ מסתפּק במיעוט... מאַריץ, וואָס קען יעדנס יחוס, האָט צו מיר אַ ספּע־ציעלע באַציאונג. אים אינטערעסירט נישט מיין אָפּשטאַם. ער וויל בלויז וויסן, הלמאי איך קוק שטענדיק אויפן הימל.

„וואָס זוכסטו דאָרט, האַ, זאָג!"

ער באַמיט זיך צו זיין איידל צו מיר; איך אַ שמייכל באַווייזט זיך אויף זיינע צעשראָמטע באַקן ווען איך ענטפער, אַז כ'זוך דאָרט, אין הימל, אַ שענערע וועלט...

„וואָאָאָס? — צעפּראַלט ער זיין גרויס מויל — שטאַרבן ווילסטו? נישט ביי מאַטיע! מען רופט מיך מאַריץ, אָבער מיין טאַטע האָט מיך גערופן מאַטיע... פאַרוואָס זאָגסטו נישט, ווי מען רופט דיך" — — —

דערדאָזיקער שמועס איז פאָרגעקומען אין אַ לבנהדיקער נאַכט. דער ליכטיקער הימל האָט זיך נישט אַריינגעפּאַסט אין מיין פינצטער געמיט. איך בין געלעגן אויף אַ קלאָץ נעבן די באַנרעלסן און געקוקט אויף דער לבנה. פון וואַגאָן אַרויס האָט זיך געטראָגן אַ מהומה. דעמלט האָט זיך צו מיר צוגעזעצט דער פאַן מאַריץ. ער האָט מיך געהייסן זיך אויפזעצן. מאַריצן דאַרף מען פאָלגן. ער האָט מיט אַ שערל גענומען אַרומצעשען מיין געדיכט־באַוואַקסענעם קאָפּ און באַקן.

„מאָרגן וועל איך דיר אויך אַראָפּנעמען די וואָנסעס, מאַכן דיך גלאַטיק"... עס העלפט נישט — מאַריצן מוז איך אויך דערציילן דעם גאַנצן שקר: מיין טאַטע איז געווען אַ שותף צו שערעשעווסקיס באַנק און איך האָב שטודירט אויפן אוניווערסיטעט (דערביי האָט ער אַ שטאַרקן זיפץ געטאָן) — און דאָ:

„ווייס דאָך דער פאַן מאַריץ, ווי מ'דאַרף לעבן, בפרט, אַז מ'האָט מיר אַרויסגע־גנבעט די דאָקומענטן"...

ער איז צופרידן וואָס כ'טיטוליר אים מיט זיין באַליבטן „פאַן". דאָס איז צו פילן פון זיין אַרויפלייגן אויף מיין פּלייצע אַ שווערע האַנט, מיך זייער דעליקאַט אַ צי געטאָן נאָך זיך. מיר זענען אַריין אין וואַגאָן, אַן אויסגעפּילטן מיט שנאָרכן און כאָרכלען.

„לייג דיך אַוועק — האָט ער זייער ווייך, נישט ווי זיין שטייגער, אַ זאָג געטאָן — עס וועט ווערן אַ דאָקומענט; דאָ אָן אַ דאָקומענט איז מען געגליכן צו אַ הונט אָן אַ נומער, אַזוי זאָל מאַריץ לעבן!"

און מיין שקר האָט מיר געגעבן אַ שאַנס: עולם אָפּגעשליסענע קוקט אויף מיר זייער פאָרזיכטיק — נישט געמאַטערט צופיל. פאָרט אָן „איידעלע זאַך". ספּעציעל איז מאַריץ צו מיר זייער סימפּאַטיש. ער לערנט מיך וויאַזוי זיך צו „דרייען". ער איז מיר געוואָרן אַ דערציער, דער מאַריץ; ער באַמיט זיך צו מאַכן פון מיר „לייט". ער וויל דווקא, כ'זאָל זיך אָנקוקן, זען מיין קאָפּ און פּרצוף נאָכדעם, ווי ער האָט מיך אַרומגעשוירן. קיין שפּיגעלע איז נישטאָ, פאַרשטעלט ער אַ שטיקל

גלאָז מיט אַ שמאַטקעלע און הייסט מיר אַריינקוקן, פּאַטשנדיק דערביי מיט די גראָבע ליפּן:

„האַ־האַ, אַן אמתער באַנקיר; זאָל מאַריץ אַזוי לעבן!"

און אַזוי בין איך „אַריין אין לעבן" מיט חברה קריעה־בליעהניקעס, וואָס זענען אויך אַמאָל געווען טאַטנס קינדער (נישט קיין באַנקירשע) און געצערטלט פון מאַמעס הענט. איך האָב געשלעפּט קעסטלעך מיט קאָנסערווירטע פּושקעס און זיך באַטייליקט אין דער „כאַפּעריי" בעת אַזאַ קעסטל האָט „פּלוצים" אויפגע־פּלאַצט. ביי איינער אַזאַ צעכאַפּעניש האָט מאַריץ מיר איינגערוימט אויפן אויער זייער ערנסט און מיט גרויס ווירדע:

„הער וואָס מען רעדט צו דיר; פון היינט אָן וועסטו נישט קריגן דיין חלק. זיי נישט קיין יאָלד. „כאַפּן" זאָלסטו, אָבער דיינע פּושקעס וועלן גיין פּאַר אַ דאָקו־מענט. האָסט פאַרשטאַנען!"

אוודאי האָב איך פאַרשטאַנען. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז כדי וואָס־גיכער זיך אַרויס־צוקריגן פון דעם וואָקזאַל, פון מאַריצן און זיין מלוכה, איז נייטיק אַ דאָקומענט, אַ פּאַפּירל אָן אַ פּאַראַגראַף. מילא, זאָל ער צונעמען מיין חלק, אַבי אַ פּאַפּירל זאָל ווערן.

און אַ פּאַפּירל איז געוואָרן. דערצו האָב איך לאַנג נישט געדאַרפט וואַרטן. ער, מאַריץ, האָט מיך איבערראַשט מיט זיין איינפּאַלערישקייט, סודותדיקייט און פּינקטלעכקייט. אַזוי האָט ער אין איינער פון די ליכטיקע נעכט זיך אַוועקגעזעצט נעבן מיר אויף „מיין" קלאָץ, ווו איך האָב געחלומט וועגן דעם גוטן אַמאָל — וועגן אַ באָד און אַ העמד לכבוד שבת; וועגן געבייטל ברויט און קאַרטאָפל מיט באָרשט און וועגן הויזן, וואָס זאָלן פאַרשטעלן דאָס נאַקעטע נפש. אַ ווייל האָט ער געוואַרט ביז כ'האָב זיך „אַראָפּגעלאָזט" פון הימל, געוואָרן צוריק ערדיש און צוריק היימיש מיטן קעניג פון די „כאַפּערס". דאָ האָט ער אַ באַפעלערישן זאָג געטאָן:

„פון היינט אָן הייסטו שמילקע, שמולעק בלאַט און דו דאַרפסט געדענקען, ווו דו ביסט געבוירן און ווי דיין טאַטע האָט געהייסן... דערצייל נישט קיינעם וועגן דיין טאַטע דעם באַנקיר. דאָ האָט מען עס פיינט. זאָלסט זאָגן, אַז דו ביזט אַן איינבינדער"... נאָ, ט'האָסטו עס"...

די נאַכט בין איך איבערגעלעגן אויפן קלאָץ, וועלכער איז מיר געוואָרן נאָענט ווי דער פּאָן מאַריץ, נאָך נענטער. גוט, וואָס ער קען נישט רעדן, דער קלאָץ. וואָלט ער געקענט רעדן, וואָלט ער, דער איינציקער עדות, דערציילט, אַז — פון איצט אָן בין איך געוואָרן אַ פאַלשע זאַך, לעב אויף אַ פאַלשן דאָקומענט, רוף זיך מיט אַ פאַלשן נאָמען... האָ? יאָ: שמולעק בלאַט. ווער איז געווען דער

דאָזיקער בלאַט? ביי מאַריצן איז נישט שייך צו פרעגן, ער האָט מיר געגעבן דאָס פּאַפּירל און אַוועק צו זיינע ענינים. ער האָט בלויז צוגעוואָרפן:
„פּאַרטאָג גרויזעוועט מען געגליווערטע ראַקעס; דיין פּושקע איז געזיכערט, אַזוי זאָל מאַריץ לעבן!"
איך האָב זיך געדריקט צום קלאָץ און געדריקט דעם „שמילקע בלאַט" צו זיך. די נאַכט — אַ וואָרעמע, כאָטש שפּעטער אָקטאָבער. צומאָרגנס וועל איך צוגיין אין דער שטאָטישער ביבליאָטעק. זעט־אויס, אַז דער שמולעק בלאַט איז געווען אַן איידעלער בחור, אַ סימן: ער האָט זיך פאַרנומען מיט ביכער, מיט איינבינדעריי. און אַלט דאַרף ער זיין איצט אַ פּאָר־און־צוואַנציק יאָר. לעבט ער נאָך ערגעץ? די צווייטע זייט פּאַפּירל — באַלייגט מיט רויטע און בלאָע סטעמפּלען: ווו געוווינט, ווו געאַרבעט, ווו געלעבט... געלעבט? נישט פאַר דער צונג צו ברענגען... דער מאַריץ קוקט נישט אויס צו זיין אַזאַ־אָ. חלילה, ער זאָל אָפּטאָן אַ שלעכטע זאַך פאַר... ווייסעך־וואָס — — —
יאָ. איך האָב געשווירן ביי הימל און ערד און ביים קלאָץ, מיין נאָענטסטער און טרייסטער חבר אויף די באַנרעלסן פון מאַרי, אַז — געננג מיט דעם־אָ! שמולעק בלאַט: אַן אַ פּאַראַגראַף... געלעבט דאָ און דאָרט... איז אַ...

11. פּאַפּ־זאַטשערוכע און אַפּיצערסקע גולאַזשן

אין דער שטאָטישער ביבליאָטעק איז אויך פאַראַן אַ לייענזאַל. ווינציק לייענערס דאָרט. וואָס לייענען? די רעדעס פון חבר סטאַלין? איז שוין עולם איבערגעזעטיקט מיט זיי; דערפאַר — הונגעריק אַן קאַטאָוועס. במקום צו זיצן אין ביבליאָטעק — גלייכער זיך „דרייען" אויפן באַזאַר. אויב אַליין נישט האָבן וואָס צו עסן, כאָטש קוקן ווי יענער עסט. אַזוי האָב אויך איך געטראַכט. נאָר מחמת קוקן צופיל ווי יענער עסט ווערט אויך צוגעגעסן, האָב איך אייניקע שעה אין טאָג אַוועקגעשענקט דער ביבליאָטעק. פאַראַן דאָרט ווו זיך אַוועקצוזעצן, אויך אַריינצוכאַפּן אַביסל שלאָף און אַמאָל אויך — זיך אויסצוקראַצן און אויסצושנאָרכן צו דער זעט ממש.
די ביבליאָטעקאַרשע —- אַ זייער געפּרווירענע איוואַנקאַ, מיט צייכנס אויפן צעקנייטשטן פנים פון אַמאָליק מענטשלעך לעבן — קוקט אויף מיין פּירעכץ און שווייגט. זי קען מיך שוין. בין איך דאָך איר איינציקער סטאַבילער קליענט. אָבער פּלוצים, אומגעריכט און אומגעדאַכט, האָט זי אין איינעם אַ טאָג אַזאָ, ביי מיין אַריינקומען און זיך גרייטן צום אַריינלאָזן דעם קאָפּ צווישן די אַקסל און די פינגער אונטער די אַקסלען — מיר געשטעלט זייער אַ טשעקאָווע און אויפרודערנדיקע שאלה:
„אַז דו זיצסט דאָ אַזויפיל שעהן אין טאָג; אַז דו אַרבעטסט נישט — פון וואָס

לעבסטו?" זייער אַ טשעקאַווע פראַגע. דאָס ווייבל דערמאָנט מיר אַביסל אָן אסתרן, וועלכע האָט פאַרמאָגט זייער אַ סך מאַמעשקייט. אפשר וויל זי, די איצטיקע ביבליאָטעקאַרשע, פאַרטרעטן אסתרן? טאָ וואָס איז דאָ שייך זיך צו קווטשן. אַרויס מיטן אמת, כל זמן ס'איז פאַראַן כוח צו רעדן. און אָט — אַזאַ מין דיאַלאָג:

„אַרבעטן? איך האָב נישט קיין כוח".

„אַז דו וועסט אַרבעטן, וועסטו דאָך קריגן צו עסן און וועסט האָבן כוח".

„אָבער פריער מוז איך אָפּעסן, כדי צו האָבן כוח צו אַרבעטן".

„האָסטו גאָרנישט קיין פאַך?"

„ניין. יאָ. איך בין אַן איינבינדער (דערביי אָנגעטאַפּט דאָס פּאַפּירל פון שמולעק בלאָט, דעם איינבינדער)".

„אַ וואָס ביזטו? — האָט זי ממש אַ ציטער געטאָן — אַ פּע־רע־פּלאָט־שיק?".

„יאָ. אַ פּערעפּלאָט... — האָב איך געשטאַמלט — שמולעק בלאָט"...

„וואָס?"

„ניין. יאָ. שמו־לע בללאָט. אַ פּעררערע"...

מיט די לעצטע כוחות שלעפּ איך זיך אַרויס פון ביבליאָטעק. אַנטקעגן דער וואַנט שמייכלט צו מיר אַראָפּ דער געשמינקטער „פּאָטער פון די פעלקער". הינטער מיין פּלייצע הער איך:

„מאָרגן קום גאַנץ פרי. מיר דאַרפן אַ פּערעפּלאָטשיק!"

הייסט עס, אַז מער וועל איך נישט האָבן ווו צו זיצן, ווו זיך אָפּצורוען? סאַראַ שייכות האָב איך מיט איינבינדעריי? אַוודאי האָב איך געקענט איינבינדערס, אַפילו געוווּסט ווי מען רופט זיי: „דער פאַרפּאַפּטער יאָסל"; „משהל דער שמירער". כ'האָב אַפילו אַמאָל אָנגעשריבן אַ מעשה וועגן אַן איינבינדער, וואָס האָט געהאַט אַ שיין טעכטערל — מיין ערשטע פאַרבאָטענע ליבע. אָבער נאָדל־פאָדעם קיינמאָל נישט געהאַלטן אין האַנט — נישט געניייט קיין ביכער און נישט געגלעט קיין רוקנס... אפשר אויפהערן אַריינקומען אין ביבליאָטעק? איז דאָס נישט טאַקטיש מצדי. וואָס וועט זי זאָגן? אַ לאָדער. מען גיט אים אַרבעט און ער וויל אַרומשלאָגנדערן אויפן באַזאַר.

פאַרטאָג האָב איך פאַרלאָזט מיין קאַנורע ערגעץ אין אַ פּאַרק און אַוועק אין ביבליאָטעק, ווו די טירן זענען שוין געווען צעעפנט. אינעווייניק רוימט די „אובאָרשטשיצע": ווישט, פּוצט; און כ'בין זי בפירוש מקנא; הלמאי האָב איך נישט געזאָגט, אַז כ'קען וואַשן פּאָדלאָגעס, אַרומווישן ביכער, לופטערן, רייניקן, פּוצן, אַפילו אַרומפּוצן סטאַלינס גרויסן פּאָרטרעט, אַז — עס זאָל פון אים קיין זכר נישט בלייבן?! — — —

דערנאָך זיך אַוועקגעשטעלט נעבן טיש, ווו די ביבליאָטעקאַרשע האָט שוין

געוואָרט אויף מיר. איבער אירע טרוקענע באַקן גליטשט זיך אַ שמייכל, בעת זי הייסט מיר צוגרייטן מיינע כלים. דערביי נעמט זי פון מיר אַוועק דעם דאָקומענט מיינעם. זי דאַרף מיך „איינשרייבן", כדי כ׳זאָל באַקומען אַ ברויט־קאַרטעטשקע. אַט איז פאַראַן אַ פּאַסיק צימערל און אויך אַ הייפל. וועל איך קענען אַרבעטן אומגעשטערט. זי ווײַזט מיט אַ האַנט איבער די פּאָליצעס: הונדערטער ביכער וואַרטן אויפן „מאַסטער" — צעריסענע, אָן רוקנס און טאָוולען...

האָ, אַ צווייטער אויף מיין אָרט וואָלט זיכער געוועזן זייער צופרידן פון אַזאַ מעגלעכקייט, פון אַזאַ פאַרווירקלעכטן חלום אינם לאַנד פון פאַנטאַזיעס; אַ קלייניקייט: ברויט און אַרבעט! אָבער איך פיל זיך זייער פאַרלוירן. און צוריקגעשמועסט: די גאַנצע מדינה דאָ, דער גאַנצער סיסטעם, אַלץ אַרום־און־אַרום איז אָפּגענאַרט, איז הוילע שקר, איז בלויז רייד אָן דעקונג; על כן: פאַרוואָס זאָל אויך איך נישט הנאה־האָבן פונם שקר דעמדאָזיקן? פאַרוואָס זאָל אויך איך נישט נעמען די פּאָר הונדערט גראַם ברויט און — נישט אַרבעטן?

באמת: קלאָץ־קשות פון אַ בטלן. מחמת, אַלץ וואָלט געוועזן כשורה, ווען... עס וואָלט טאַקע געקאָנט זיין אַזוי ווי איך טו טראַכטן. אַז אויסגעלאָזט האָט זיך פּונקט דאָס פאַרקערטע:

צומאָרגנס האָט די ביבליאָטעקאַרשע מיר אומגעקערט דעם דאָקומענט צוזאַמען מיט אַ ברויט־קאַרטע — אַ האַלבן קילאָ ברויט יעדן טאָג! זי שמייכלט מיט אירע טרוקענע באַקן:

„אַזוי, חבר בלאַט; פון איצט אָן ביזטו אַ מיטאַרבעטער אין שטאַטישן סאָוועט". די בשורה איז באמת זייער אַ גוטע. נאָר וואָדען: וויאַזוי ווערט מען באמת אַ מיטאַרבעטער? וואָרום, פאַר עסן סאָוועטיש ברויט דאַרף מען באַצאָלן און טייער באַצאָלן. טאָ וואָס וועט זיין, אַז מיין אַרבעט וועט באַקומען די צוטשעפּעניש — — סאַבאָטאַזש?.. און בכלל: שמעקט דער גאַנצער ענין מיט סיביר. ס׳איז דאָך גאָר מעגלעך, אַז די מיליץ זאָל אַרומזוכן איינעם אַ שמולעק בלאַט. און אַפילו נישט — ווי לאַנג וועל איך זיך קענען דעקן מיט אַ פרעמדן מאַנטל?

דאָס זענען, בערך, די געדאַנקען מיינע ביים ערשטן אַריינטריט אין מיין נייער ראָל: „פערעפּלאַטני מאַסטער".

און אַזוי האָט עס זיך אָנגעהויבן (אין אַ מזלדיקער שעה): דעם ערשטן האַלבן קילאָ ברויט — צעשניטן אויף צוויי חלקים. איין חלק תיכף אַראָפּגעשלינגען — אַריינגעקוועטשט צווישן די ציין — שלונג נאָך שלונג; דעם צווייטן טייל — פאַרקויפט; פאַר דער הכנסה איינגעשאַפט די „כלים": אָן אָל, אַ האַמער, אַ גראָבע נאָדל. געהאַט מזל, וואָס דידאָזיקע וויכטיקע כלים האָבן זיך געוואַלגערט אויפן באַזאַר נעבן באַשטרײַמלטע טורקמענער. און ס׳איז אַוועק אַ גאַנג (אַז מען שמועסט:

מזל!). די ביבליאָטעקאַרשע, וואָס איר נאָמען איז דוסיאַ, האָט מיר דערלאַנגט אַלץ וואָס כ׳האָב נאָר געוואָלט: מעל אויף פּאַפּ, טאָוולען, לייוונט און פאָדעם, דיקן פאָדעם. אַ גאַנצן טאָג האָט זי שווער געאַרבעט ביים אַראָפּנעמען די ביכער־שטויסן, וואָס אויף זיי ליגט דער שטויב־חותם פון 1905. נישקשה פון ביכער: די רוסישע קלאַסיקערס מכל המינים. קענטיק אויף זיי, אַז מ׳האָט זיי געלייענט מיט אמתער התלהבות: צעריסן, אויסגעדרייט, אָן טאָוולען. צווישן זיי — קיין איין בוך פון די סאָוועטישע קלאַסיקערס. זייערע רוקנס גלאַנצן, זיי: לענין און סטאַלין און מאַרקס און ענגעלס. גלאַנצן שטאָלץ, בייכיק און — אומבאַרירט. וואָס־אמת, בין איך נישט זייער צופרידן מיט די פּאַרמלאָזע ביכער פון גאָרקי, פון טאָלסטאָי, פון דאָסטאָיעווסקי, פון גאָגאָל. וואָס זאָל איך טאָן מיט זיי? וויאַזוי אומקערן זיי דאָס ביכער־חיות? דאָך — די סאָוועטישע „ווירקלעכקייט״, וואָס קומט צום אויסדרוק אויך אין איר ליטעראַטור, האָט מיר דאָס מאָל אַביסל פאַר־לייכטערט מיין שווער געמיט.

יאָ, ביי וואָס און וויאַזוי אָנהייבן?

מיטאָג־צייט. ביז וואָס־ווען — ווילט זיך עסן. ביים קוקן אויפן בייטל ראַזאָווע מעל, וואָס דוסיאַ האָט געבערענגט אויף צו מאַכן פּאַפּ, נעמט מיר רינען די סלינע פון מויל: זע נאָר, פאַרוואָס נישט אָפּקאָכן אַ זאַטשערוכע? און באמת: אַרויס אויפן הייפל, צעלייגט אַ פייער. געהייסן האָט עס, אַז דאָס גרייט איך דעם פּאַפּ פאַר די ביכער. פאַקטיש, האָב איך שוין זייער לאַנג נישט אָפּגעגעסן אַזוי צו־זעט ווי דאָס מאָל. דער פּאַפּ האָט טויזנט טעמים. מן מן השמים. דערנאָך, אַז דער קמח האָט געהאַט אויסגעשמירט מיינע מאָגן־ווענטלעך, האָב איך זיך אַ נעם געטאָן צו דער תורה: „שטודירן״ די ביכער און דערגיין אַ טאָלק אינם „פּערעפּלאַטנעם״ ענין. דער עיקר: דוסיאַ דאַרף הערן מיין קלאַפּן און טומלען אין דער „מאַסטערסקאַיאַ״: מיטן האַמער איבער דער אָל — העכער און העכער...

אומר ועושה. דערנאָך — פאַרצויגן די נאָדל און געניית. הכלל צוויי טעג שפּעטער האָב איך שוין דערלאַנגט דער ברויטגעבעריך מיינער אַ שטויס ביכער און ווידער פאַרלאַנגט מעל. און אַזוי האָט זיך איינגעטיילט ס׳געקעכטס: אַ האַלבן טאָפּ פּאַפּ פאַרן מאָגן, דעם צווייטן האַלבן טאָפּ — פאַר די ביכער. און די רוקנס שמייכלען: רויטע רוקנס פון אָפּגענוצטע לאַזונגען. אויף די „געקינטשעטע״ ביכער אַרויף־געלייגט אַ שטויס מיט שטיינער: און פון אַלע שטיינער, כ׳מיין: פון אַלע ביכער — איז געוואָרן איין בוך. נישט צום פאַנאַנדערנעמען. און אַזוי טענה איך צו דוסיאַן: די ביכער דאַרפן ליגן, לאַנג ליגן, נישט עפענען זיי, חלילה... און זיי ליגן. יעדן טאָג קוק איך אויף דער פּאָליצע אויבן: די רויטע רוקנס שיינען אַראָפּ. אויך דוסיאַ שיינט. וואָס לענגער זיי וועלן ליגן — בעסער פאַר זיי.

כ׳בין זיכער, אַז ביז זי וועט זיך גרייטן צום עפענען די ביכער וועל איך שוין לאַנג האָבן אַנטרינען פון דער שטאָט...
און אַזוי רוקן זיך טעג נאָך טעג: איך מאַך אַ לעבן אויף ברויט מיט פּאַפּ און די ביכער — גלאַנצן מיט זייער אייביקער פאַרמאַכטקייט אויף די פּאָליצעס. און אפשר: ווען דוסיאַ וועט עפענען די ביכער וועט געשען אַ נס און די דיקע שטריק וועלן נישט איבערשניידן די רוקנס. הלוואי!
און געשען איז אַ נס — נישט מיט די ביכער — איינער פון די נסים, וואָס העלפן דערהאַלטן מיינע רמ׳ח אברים אין אַ סביבה פון הונגער און טויט.
„טאָוואַרישטש בלאַט — הער איך פון אינעווייניק דאָס דינע קולכל פון דער חברטע דוסיאַ — אימעצער וואַרט. גיכער״...
וואָס־אמת, איז מיר שווער דאָס צוגעוויינען צום „בלאַט״. נישט איין מאָל טרעפט, אַז כ׳שוויג, ווען מ׳רופט מיין „בלאַט״־נאָמען און דערנאָך, אַז מ׳האָט צו מיר טענות הלמאי איך „טו גרינגשעצן״ דאָס ענטפערן בעת מ׳רופט מיך, פלעג איך קוקן תמעוואַטע: מיך גערופן?.. אויך איצט האָב איך געשוויגן, אָבער תיכף זיך געכאַפּט: האַ, דוסיאַ רופט דאָך מיך: בלאַט! יאַ, דאָס בין איך...

אין ביבליאָטעק־זאַל — אַ יונגער אָפיצער; אויפן ערשטן בליק: אַ טשי־נאָוונער מיליטער־מאַן, וואָס זיין אַרבעט איז — גאָרנישט צו טאָן און דערפאַר — אַרויסצוברענגען באַוווּנדערונג צו זיך מיט דער הילף פון געפוצטן שינעל, גלאַנציקע שטיוועלעד, בליאַסקענדיקע קנעפּ און רויטע בעקעלעד. הכלל: אַ זייער שמייכלדיקער און זייער באַחנטער אָפיצערטשיק. ער באַטאַפּט מיך מיט זיינע גוטע אויגן. מיין חלשותדיק־בידנער אויסזען באַווירקט נישט דעם גוטן שמייכל זיינעם צום שלעכטן. אדרבא. וואָס־מער איך באַמי זיך אָפּצורוקן פון אים, כדי נישט צו מאַכן־אים־פילן דעם זויער־באַפּאַפּטן טעם פון אונטער מיין צונג, מער רוקט ער זיך צו מיר. זייער מאָדנע און זייער — נישט באַטעמט. וואָס פאַר־לאַנגט ער פון מיר, דער אָפיצער? גאָרנישט. חלילה נישט קיין שום בייז. אדרבא. ער איז גאָר אויסן מיין טובה. דהיינו: ער זוכט מיט ליכט אַ ״פּערעפּלאָטני מאַסטער״ און דאָ — בין איך אים אונטערגעקומען. מיין אַרבעט געפעלט אים זייער. ער קוקט מיט גרויס הנאה אויף דער אייבערשטער פּאָליצע, פון וואַנען עס קוקן אַראָפּ מיט אַזויפיל חן די רויטע רוקנס. על כן, וויל ער בעטן ביי דער חברטע דוסיאַ, זי זאָל מיך אויסבאָרגן פאַר דער אָפיצערסקער ביבליאָטעק, וואָס געפינט זיך אין „דק׳א״ (דאָם קראַסנאַיאַ אַרמיאַ — הויז פון דער רויטער אַרמיי).
„יאַ, אַזוי איז עס, טאָוואַרישטש בלאַט — שמייכלט זייער זויער די ביבליאָטע־קאַרשע דוסיאַ — די אַרמיי איז צום ערשטן און דער אָפיצער איז דער „נאַטש־כאָזשאָסט״ (נאַטשאַלניק כאָזייעסטווענני טשאַסטי — ראש איבער דער אָנפירונג

מיט דער באַלעבאַטישקייט) פון דק׳א; דעריבער וועסטו גיין אַהין און נאָכן פאַר־ענדיקן דאָרט — קומען צוריק אַהער״...

די מעשה טוט מיר נישט שטאַרק שמעקן. מחמת: קריכן דער גערעכטיקייט אין פּיסק אַריין מיט אַ פאַלשן נאָמען און מיט אַ פּאַך — אויסגעטראַכטע זאַכן — — — — איז מיר דורכגעלאָפן אַ געדאַנק: פּליטה. פשוט: אַנטלויפן פון שטאָט, ראַטעווען מיין ביסל חיות... חלומות פון אַ בטלן. לאַנג צו חלומען האָב איך נישט קיין צייט. כאשר אבדתי... לאָמיך זען וואָס דאָרט טוט זיך. צו וואָס זיך אַרומרינגלען מיט אַזויפיל פּחד?!

פאַרלאָזט דאָס שמאָלע הייפל און קעמערל — מיין נאַכטלעגער און מקום מיוחד פאַר מיין פאַרפאַפטער התבודדות. בין אַריבער אין אַן אַנדער וועלט, אַן אויס־טערלישער, אַ פרעמדער און, אפשר, אויך — אַ בייזער —

אַן עלעגאַנט פּאַלאַצל. ווייכע פאָטעלן. דיוואַנעס. דער אָפּיצער האָט מיך תיכף אַריינגעפירט אין ביבליאָטעק, מיך איבערגעגעבן אין רשות פון דער ביבליאָ־טעקאַרשע, אויך אַזאַ טרוקענע און געפּרוּוירענע ווי אַלע זיי. איך האָב מבינ'יש באַקוקט די ביכער. אָפּגעקליבן אַ שטויס. זיך אַוועקגעלאָזט אין אַ זייטיק קעמערל, וואָס ווערט דורכן אָפּיצער, מיין באַגלייטער, באַצייכנט ווי די „פּערעפּלאָטנאַיאַ מאַסטערסקאַיאַ״. דערביי פאַרטרויט ער מיר מיט גרויס צוטרוי, אַז פאַרשידענע באַלעמעלאַכעס אַרבעטן אין דאָזיקן קלוב: שוסטערס, סטאָלאַרעס, טאָקאַרעס — וועט אויך איצט זיין אַן איינבינדער. ער איז ממש גליקלעך מיט מיר. עס וועט מיר דאָ גאָרנישט פעלן. ער האָט זייער אַ סך פּלענער. דערנאָך האָט ער מיך אַוועקגעפירט אינם אָפּיצערן־רעסטאָראַן, ווי צו באַשטעטיקן זיינע רייד, אַז עס וועט מיר דאָ גאָרנישט פעלן. די גאַנצע מעשה — אַ חלום אויף דער וואָר. מען האָט מיר דערלאַנגט אַ גולאַזש און אַ פלאַש ביר. אָט אַזוי פשוט, ווי אין גאָס וואָלטן הונדערטער נישט געשטאָרבן נאָך אַ ביסן ברויט. טאַקע פשוט: אַ פליישיקן גולאַזש! אַ פלאַש ביר! און איך נעם זיך צונויפלעבן מיט דאָזיקן חלום, וואָס לאָזט זיך אַנטאַפּן, איז אַ דבר של ממש — נישט ווי ביי יענעם דאָרט, וואָס עס חלומט זיך אים אַן אוצר אונטערן קישן... ביי מיר דאָ ליגט דער אוצר ממש — אונטער דער צונג...

נו, האָב איך זיך „איינגעשטעלט״ אין דער נייער „מאַסטערסקאַיאַ״: געקלאַפּט מיטן האַמער איבער דער אַל און מיט דער אַל — איבער גאָרקין און טאָלסטאָיען און... געגעסן גולאַשן און געטרינקען ביר. דאָ האָב איך בפירוש דערפילט דעם זין פונם „חטוף היום״. מחמת, דער מאָרגן מיינער איז נישט קיין זיכערער. און דערוויל בין איך געוואָר געוואָרן אַ סוד: די אָפּיצערן זענען כלל נישט הונגעריק. זיי קומען אַהער בלויז טרינקען ביר — אַ יקר המציאות אין שטאָט. און דאָ — גיט מען בלויז איין פלאַש ביר צו יעדן גולאַזש. נו, האָט איינער

פון די ביר־דורשטיקע געפּרוווט מזל: היות דער פּאַרשוין (ס׳הייסט: איך) עסט זיין גולאַזש־פּאַרציע מיטן מויל, מיט די אויגן און מיט זיין גאַנצן לייב־און־לעבן (כ׳לעבן: שווער מיך אָנצוזעטיקן...), וועט מען מאַכן אַ טויש — אים דעם גולאַזש און מיר — די פלאַש. איאָ? מסכים! אַ ווונק מיט אַן אייגל. אונטערגע־רוקט זיין טעלער פלייש. אַוועקגערוקט מיין פלאַש ביר. די אָפּיצערטשיקעס וואַרטן שוין אויף מיר — „באַשטעלט" לויט אַ ריי. הכלל: איך בין „אַריין אין לעבן" און טאַקע געמאַכט אַ לעבן — יאָ און נישט לויטן סאָוועטישן שטייגער — — — און דער אָפּיצער מייַנער איז אויך צופרידן פון מיין אַרבעט. די רוקנס גלאַנצן מיט רויטער לאַזונג לייוונט, ליגן אומבאַרירלעך, וואַרטן — ביז איך וועל אויפהערן עסן די צוויי גולאַשן טעגלעך. יאָ. ער איז צופרידן און האָט אַן אָריגינעלן פּלאַן: „פּאַרשטייסטו, טאָוואַרישטש בליאַט (די למד רעדט ער אַרויס ווייך און מיט הנאה): אַט וועל איך געבן אַ מעלדונג אין צייטונג, אַז אונזער „פּערעפּלאַטנאַיאַ מאַסטערסקאַיאַ" נעמט־אָן פּריוואַטע אַרבעטן; וועט דאָס אַריינברענגען הכנסה פאַרן דק"א. די „מאַסטערסקאַיאַ" וועט זיך פאַרגרעסערן" — — —

גראַד דידאָזיקע בשׂורה איז פאַר מיר נישט קיין זייער פריילעכע. מחמת, איצט וועט לייכט זיין דאָס כאַפּן זיך, אַז איך בין אַ טויגעונישט, אַן אומזיסטער גולאַזש־פרעסער. איך נעם אָפּילו טראַכטן וועגן צוריקגיין אין דער שטאָטישער ביבליאָ־טעק. ווי איך פּיל בפירוש, וויל מיך דער פריילעכער אָפּיצערטשיק חתונה־מאַכן מיט זיין קלוב, — כ׳זאָל פון דאַנען נישט קענען אַרויס. איך נעם בענקען צו מיין אַלטער פּאַפּ־דיעטע. און אַז דער „נאַטשכאַזטשאַסט" מיינט אויף אַן אמת צו מאַכן מיך פאַר אַ הויפּט־נאַטשאַלניק פון דער „פּערעפּלאַטנאַיאַ", האָב איך דאָס דערפילט ווי פּלוצים האָט ער אָנגעברענגט איינבינדעריי־מאַשינעס — צום שניידן, צום פּרעסן, צום נייען. די מאַשינעס האָבן זיך געוואַלגערט אַרום די באַנרעלסן — פאַבריקן גאַנצע, עוואַקואירטע און אָנגעוואָרפענע אין „טיל". וואָס וועל איך מאַכן מיט דידאָזיקע כלים, אַז כ׳ווייס נישט ווו אָנצוהייבן און ווו אויסצולאָזן? אָבער צו יעדער צרה איז פאַראַן אַ נחמה. בכדי אַוועקצושטעלן די מאַשינעס דאַרף זיין פּלאַץ. און דאָס איז גראַד נישטאָ. און אין אָפּיצערס פּלאַן איז פאַראַן דער פּונקט: אויפשטעלן אַ הילצערנעם בנין, וואָס וועט „באַשיי־נען אַלע „מאַסטערטקאַיאַס""; נאָר ביז וואָס וועט — קלאַפּ איך דערוויל מיטן האַמער איבער דער אַל, האָב הנאה פון די גולאַזשן. ערשט וועט מיר קלאָר, אַז אויך עולם הזה איז אַ ממש — נישט שייך אָפּצופרעגן — — —

12. אַ גענעראַל — מיין מלאך־המות

לאַנג, זייער לאַנג, נישט געגעסן קיין פליישיקע מיטאָגן, קיין מיטאָגן בכלל. און דער מאָגן האָט אַ טבע, אַ רגילות אַזאַ: גיט מען אים נישט וואָס ער דאַרף —

פאַרלאַנגט ער נישט. נאָר וואָדען: ער, דער מאָגן, נעמט שוואַכער אַרבעטן און טיילמאָל — שטעלט ער בכלל אָפּ זיין פאַבריקל. אויס. און אויב נעמט מען אים ווידער דערלאַנגען, איז אַ געזעץ אין דער מעדיצין — נישט אייליק, נישט כאַפּנדיק: דער מאָגן וועט זיך נאָך פאַרשטאָפּן פון צופיל אָנלאָדונג.

איך האָב נישט געפאָלגט דאָסדאָזיקע געזעץ. אמת, דער מאָגן האָט מיר נישט פאַרשאַט פון די צופיל גולאַזשן; איך בין אָבער נישט געווען מסוגל פאַרצוזען, אַז „דאָס" קאָן זיך ענדיקן און דעמאָלט — וועט מיין צערייצטער און אַנטווישטער מאָגן באַווירקן מיין גאַנץ לייב און לעבן.

און אַזוי איז געווען דער אָנהייב פון סוף:

מיין „נאַטשכאָז" האָט אין אַ שווייסיקן טאָג אַ פאַרשוויצטער — פון דער דרויסנדיקער היץ און פון אַריינגיסן אַ האַלבן טוץ ביר — מיר אָנגעזאָגט די בשורה: אַ גענעראַל קומט אַהער, אַ גענעראַל ממש. וואָס וועט ער דאָ טאָן, דער גענעראַל? ער וועט זיך באַקענען מיט אַלץ, וואָס עס ווערט געטאָן אין דק"אַ און וועט אויך באַזוכן די „פּערעפּלאַטנאַיאַ". דעם אָפּיצערס באַקן פלאַמען בשעת־מעשה. ער זעצט זיך אַרויף אויפן אויסגעשמירטן טיש און נעמט זיך אַראָפּרעדן ס'האַרץ: דערציילט וועגן זיין רוסישער היימשטאָט, וואָס געפינט זיך איצט ביי די דייטשן און וועגן זיין בענקען אַהיים. איין שרעק האַלט אים אין קלעם: דאָס שיקן אים אויפן פראָנט.

„אוי, טאָוואַרישטש בליאַט"... — ער האָט שווער אָפּגעזיפצט און אַרויס.

צומאָרגנס אָוונט — אַן אייליקע באַוועגונג אינם פראָנטאָוון אויפנאַם־זאַל, וואָס איז באַשטעלט מיט פלושענע פאָטעלן און באַלייגט מיט ווייכע דיוואַנעס. אויף טשעקאַוועסט בין איך פאַרבייגעגאַנגען, מכלומרשט צו דער ביבליאָטעק, וואָס געפינט זיך אין צווייטן ברעג. יאָ, אָט זיצט ער אין אַ טיפן טאַפּטשאַן: אַן אַלטער, מיט לאַנגע, גראָע וואָנסעס און רויטע פּאַסן אויף ברייטע הויזן. אַ בייזער אַזאַ. ס'ווילט זיך זאָגן: אַ ברוגזער. מאָדנע: איך בין דאָ דער איינציקער פּראָלעטאַריער, וואָס מאַרשירט פאַרביי אַ ריי אויסגעכאַליעטע אָפּיצערלעך און אַ מעדאַלירטן גענעראַל אין דער פּראָלעטאַרישער מדינה. די גאַנצע מעשה, מיין אַריינרייסן זיך מיטן פאַרפּאַפּטן הילוך אין דער גענעראַלסקער שלווה, אַ באַלויכטענע מיט בליציקע קאַנדעלאַברעס — די גאַנצע מעשה, מיין צולאָכעס, האָט מיר שפּעטער פאַרדראָסן און אפשר טאַקע איז דאָס געווען דער גורם פון מיין מיאוסן סוף. עס איז ביי מיר איצט ווי ב"י מיין אַמאָליק פאַרלאָזן די ישיבה־באַנק: אַלץ וואָס טרייף האָט זיך מיר געוואָלט טועם־זיין. מחמת, מסתמא געפינט זיך דעריך, אינם טריפהנעם, עפּעס וואָס איז בכוח צו פאַרזיסן די ביטערניש. וואָרום, אָט זעען מיר דאָך סאַראַ פּנים עס האָט דער „לא תחמד": גראָד דאָס יאָ־גלוסטן באַהערשט דער איצטיקער וועלט — גלוסטן צו טאָן

זאַכן וואָס מען טאָר זיי נישט טאָן און זען זאַכן, וואָס מען טאָר זיי נישט זען. און דערפאַר אויך — האָב איך איצט געקוקט און געזען.
אַריין אין ביבליאָטעק. די פאַרטרוקנטע ביבליאָטעקאַרשע האָט מיך אָנגעקוקט, ווי זי וואָלט מיך אָט איצט דערזען צום ערשטן מאָל.
„ס׳הייסט, טאָוואַרישטש... דער גענעראַל"...
איך מאַך זיך נישט הערן. דאַכט זיך, אַז דער גענעראַל האָט גאָר געדרעמלט. אַזאַ אַלטער מאַן. גענומען אַ פעקל ביכער און אַרויס דורך אַ הינטער־טיר. צו מיר אין „פאַבריק" — אַריין דורך אַ פענצטער. אָט דורך דעם פענצטער וועל איך דאַרפן אַרויס. נישט היינט איז מאָרגן...
צומאָרגנס — געאַרבעט אויף אַן אמת: געקלאַפּט מיטן האַמער איבער דער אָל, געטרייסלט מיטן טיש. נעכטן געזען אין „מעניו", אַז מאָרגן, ס׳הייסט היינט, וועט זיין אין „סטאָלאָוואַיאַ" אַן אוקראַינישער גולאַזש. מסתמא גאָר עפּעס יומטובדיקס. אַ גענעראַלסקע מאכל. טוט מיר אַ גאַנצן פרימאָרגן וואַסערן אין מויל. זאָל נאָר אַן אָפיצערל באַשטעלן ביי מיר די פלאַש ביר — ביר פאַר גולאַזש — — צוויי אוקראַינישע גולאַזשן...
צו דער באַשטימטער מיטאָג־שעה — אַוועק פאַרנעמען מיין פּלאַץ, ווי יעדן טאָג. אָבער דער מלאך־המוות, אָנגעטאָן אין אַן אָפיצערסקן מונדיר, טוט אַ פאַכע צו מיר מיט אַ האַנט, וואָס דאָס מיינט: היינט עסט נישט דאָס אַרבעטער־פאָלק; היינט עסט בלויז די עליטע מיטן גענעראַל בראש. אַזאַ אָנשיקעניש! איך נעם אַרומזוכן מיין „נאָטשכאָזי", אָבער יענער איז ווי אין דער אדמה אַריין... נישטאָ! און קיין עסן איז אויך נישטאָ. אויס! און דער גענעראַל מיט זיין סוויטע־עליטע עסט — ביז אַ שטיק אין דער נאַכט אַריין. און דערנאָך האָט ער זיך אַ יאַווע געטאָן צוריק אויף זיין פּלאַץ, אין זיין ווייכן און טיפן טאַפּטשאַן. דאָס מאָל בין איך שוין נישט אַרויס אים אָנקוקן.
יאָ. אַז איך בין נישט געגאַנגען צום גענעראַל — איז דער גענעראַל געקומען צו מיר. אָוונט. דער הונגער רייסט פון מיר פּאַסן. איך נעם טראַכטן וועגן פאַרקאָכן אַ פאַפּ־זאַטשערוכע... עפּנט זיך די טיר און — עס שטעלט זיך אַריין אינעווייניק די גענעראַלסקע מומיע. אַ טרוקענער שאַרבן, מסתמא ווייט אַריבער די שבעים. הינטער אים — מיין אָפיצער. ער גיט אים אויפקלערונגען וועגן די גרויסע אויפטוען פון דער „פערעפּלאָטנאַיאַ מאַסטערסקאַיאַ", וואָס האַלט זיך אין פאַנאַנדערוואַקסן צוגלייך ווי די „פּלאָטנאַיאַ" (סטאָלערײַ). אָבער דער גענעראַל לאָזט אים נישט פאַרענדיקן. ער פאַרקוקט זיך אויף מיר און פּלוצים — אַ בייזן פרעג:
„וואָס טוט ער דאָ? פאַרוואָס איז ער נישט אין דער אַרמיי? אַזאַ יונגער מענטש און אין ציוויל?

דער אָפיצער־באַגלייטער, וואָס זיינע רויטע בעקעלעך זענען בעתן גענעראַלסקען וויזיט שטאַרק פאַרבלאַסט און פאַרעלטערט געוואָרן, פאַרענטפערט מיך:
„ער איז אַ פוילישער, חבר גענעראַל”...
דעם גענעראַלס שטעכיקע אויגן, וואָס זענען איילעך געשפרונגען איבער די ווענט, איבער די צעלייגטע מאַשינעס, איבערן סופיט און פון דאָרט — צו מיר; דעם גענעראַלס אויגן זאָגן נישט אָן — קיין גוטס. און ס׳איז דאָך קלאָר: וואָס טוט אַ פּוילישער אין הויז פון דער רויטער אַרמיי, אין אַן אָפיצערן־קלוב?...
דאָ האָט דער „נאַטשכאָז” אָפּגעשלאָסן אי זיין, אי מיין קאַפּיטל — אויס מיטן גוטן לעבן; אויס מיט די גולאַזשן! ביר? צום פראָנט! עס קעמפט סטאַלינגראַד! עס האַלט ביים פאַלן קראַסנאָוואָדזק! — — —
איצט, בלייבנדיק אַליין, נאָכדעם ווי דער גענעראַל איז אַוועק אָן אַ „גוטע נאַכט”, האָב איך צייט צו טראַכטן און צו פּלאַנעווען. און פיל אויסצופלאַנעווען איז נישט פאַראַן. וואָרום אין סך הכל איז דערדאָזיקער אַלטער און בייזער גענעראַל אַ שוטה און אַן אייזל דערצו: וואָס האָט ער צו מיר? בין איך דאָך אַ פּוילישער — קיין פוילישע וויל מען דאָך נישט שיקן צום פראָנט! צעטיילן זיך מיט פוילן און צעקושן זיך מיט היטלערן — יאָ; שיקן פוילישע צום פראָנט כדי צו העלפן דערלאַנגען קלעפּ היטלערן — סטייען נישט קיין כוחות און קיין שכל — — —
בין איך צו צום פענצטער און — אַרויס — אַרויס פון שקר און תיכף צוריק אַריינגעפאַלן אין אים, אין זיינע אויסגעשפרייטע לאַפּקעס. אַז עס איז נישטאָ קיין שפּאַרונע דורכוואַנגען צו אַנטרינען פון אים!
...די אַל מיטן האַמער מיטגענומען. די לבנה מיט די שטערן זענען מיינע עדות (ווייל בלויז זיי האָבן מיך געזען אַרויסשפרונגען דורכן פענצטער), אַז מער האָב איך גאָרנישט מיטגענומען. גאָרקין? טאָלסטאָיען? סטאַלינען? (געהאַט אויך זיינע רעדעס צום צונויפבונדן) — וואָס דאַרף איך אויף מיין נע־ונד די רוסישע קלאַסיקערס און צו־וואָס דאַרף איך אַרויסגנבענען דעם „פאָטער פון די פעלקער”, אַז כ׳האָב אים דאָך אויף טריט און שריט.
בגפו יבוא, בגפו יצא.
אַ וויסטע קעלט פרעסט דורך מיינע אברים. ביזאיצט נישט געפילט, אַז דער דרויסן איז שוין אַזאַ קאַלטער; אַז אויך דאָ, אינם מדבר־דיקסטן מקום פון אַזיע, איז סוף־יאָר אַזאַ קאַלט־ווינטיקער.
ווּ שטעלן די ערשטע טריט? אַרויף אויף דער הויפטגאַס. ליידיק. מסתמא שוין אַ היפּש־שפּעטע שעה. ערגעץ שלייכט אַ שאָטן. אפשר אַזאַ היימלאָזער ווי איך. און אפשר גאָר אַ „שומר פון געזעץ”? אָ, פאַר דידאָזיקע לייט פאַרמאָג איך נישט די געהעריקע שפּראַך. איך שטיי־אָפּ פון זיי אין דערציאונג, אין אינטעליגענץ. האָב איך זיך האַסטיק אָפּגעשטעלט נעבן אַ קיאָסק. איך וואָלט זייער געוואָלט

אַריין אינעווייניק, אַט־אַזוי־אַ. און מזל (לטובת דעם שלימזל): די טירלעך זענען צעפראַלט. מסתמא אַ פאַרלאָזטער „לאַראַק". האָב איך זיך אַ הייב געטאָן און — אַריין. ווי פון הימל צוגעשיקט. אָפּגעליידיקטע פּאַליצעס. אַרויף אויף איינעם אַזאַ ברעט און זיך צונויפגעדרייט אין אַ האַרטן, שווערן שלאָף.

13. קאַראַ־קול — מיין נייע געזעלשאַפט: משוגע:

אַ נייע וועלט, אַ נייע, אַ הונגעריקע וועלט, וואָס רופט זיך — קאַראַ־קול. אויב הונגער האָט טעם און ריח, האָט ער דאָ, דער הונגער, כלערליי טעמים און ריחות. דאָ האָט ער דעם געשמאַק פון וואַטע, פון כלאָפּקאָווע בוימל און פון — מאַקוך, וואָס דאָס אַלץ צוזאַמען מיינט: היות די פעלדער דאָ זענען באַוואַקסן מיט וואַטע און היות פון דער וואַטע קוועטשט מען אויס בוימל — כלאָפּאַק רופט מען אים; און היות דער פעטער בוימל־אָפּפאַל ווערט צונויפגעפּרעסט אין מיני פאַרטריקנטע ברעטער, וואָס טראָגן דעם נאָמען — מאַקוך: אַ געשמאַק מאַכל פאַר אייזלען. הכלל: האָט „עמד" אין קאַראַ־קול — פּליטים און בעזשענצעס און עוואַקואירטע מכל המינים — געפונען דעם טעם פון ברויט אינם אייזל־מאַכל, אינם מאַקוך: — באַגנבעט די אייזלען, געגעסן מאַקוך און — חי געלעבט אַבי געלעבט. אַט אַזאַ פּנים האָט די געזעלשאַפט, אין וועלכער כ'האָב זיך פּלוצים דערזען אין איינעם אַ קאַלט־שניידיקן טאָג, אַן אוזבעקישן טאָג (די באַן האָט מיך, הייסט עס, געפירט צוריק אַרויף: פון די טורקמענער צו די אוזבעקן), צווישן באַזאַר, טשייכאַנעס, זויערמילך, פּלוימען און לעפּיאָשקעס.

יידן. דינע יידן און גראָבע יידן. סקעלעטן און געשוואָלענע. איינגעהילטע אין זעק, אין קאָלדרעס און אין גאַרנישט. אויך אַזאַ גאַרנישט־קאָסטיום אויף מיין לייב. באַוואַקסן, באַלוי'זט און באַוואָרפן מיט אַזויפיל בלאָטע, אַז די ברודיקע בחורים פון אַרום־און־אַרום האָבן אָנגעשטעלט אויף מיר מויל און אויגן:

„פון וואַנען קומט אַזאַ ברודיקע זאַך?"

„האָסט עפּעס צו פאַרקויפן?"

„זע נאַר, דער כביכול וועט דאָך ביי דיר פאַרשטייפט ווערן".

מיין ענטפער — אַ פאַרקרומטער שמייכל, וואָס האָט אין זיך פיל סמנים פון געוויין־אויסברוך; מחמת די אויגן מיינע זענען פאַרטרערט פון ווינט און אין גאַנצן טרייסל איך זיך פון קעלט. עד, ווי דער באַשעפער פאַרלאָזט נישט זיינע באַשעפענישן; בנמצא צווישן די יידן דאָ לאַז־מיך־געמאַכניקעס, פּעסימיסטן, וואָס ווייזן מיט אַ ברודיקן פינגער אויפן געלן רינשטאָק: פּה נטמן — דאָ וועט מען בקרוב זיך וואַלגערן; בנמצא אויך האָפערדיקע לצים, וואָס באַטראַכט זיך פאַר שותפים צו די אוזבעקישע פלוימען און לעפּיאָשקעס: דיינס איז מיינס און מיינס איז דיינס — אַזוי לערנט דער „פאַטער" מיט די וואָנסעס. „שלעפן"

זיי טאַקע פון די אוזבעקישע זעק און דערפאַר באַקומען זיי מיטן אייזל־שטעקן איבערן קאָפּ. פאַראַן אויך רעזיגנירטע, וואָס לעבן און טויט האָט ביי זיי דעם זעלביקן טעם: נישט יענץ טוט פרייען און נישט דאָס טוט שרעקן. מי לחיים ומי למות — אַזוי ווערט דאָך בפירוש פאַרשריבן. אם כן — צו וואָס מאַטערן דעם אויסגעטרוקנטן מוח.

אָבער אַלעמען דאָ, אויף דעם וויסטן אוזבעקישן אינזל, באַהעפט איין שטיקל האָפענונג, וואָס וועבט זיך אַרום אַ מיסטעריעזן נאָמען: „פאַן מעצענאַס". מען שמועסט אין די ווינקלען: אָט גייט ער, אָט קומט ער, אָט פאָרט ער, דער „פאַן מעצענאַס", דער דעלעגאַט, וואָס וועט ברענגען הילף פאַר אַלע יידן; ניין: פאַר אַלע פוילישע יידן און פאַר פוילישע פּאַלאַקן. ער וועט טיילן פּעקלעך און ס׳וועט זיין אַ מחיה צו לעבן. מען פאַנטאַזירט וועגן אָפּעסן צו־זעט און וועגן שלאָפן אין אַ בעט (ווי דיביידע גוטע זאַכן גראַמען זיך!).

און דערווייל, ביז דער ישועה, „דרייט" מען זיך אויפן באַזאַר, פאַרזוכט מען דאָ, כאַפּט מען דאָרט און — יעדע ווײַלע טראָגט זיך פון די אוזבעקישע טישן אַ מאָנאָטאָניק געשריי:

— „קאַ־ראַב־טשוק!"

אַ גנב, כאַפּט אַ גנב...

און פּריילעך איז דאָ אַרום וואָקזאַל, אינעם גערטל, ווו די „פּוילישע קאָלאָניע" האָט איינגעאָרדנט אַ... קלויסטער. יאָ, זייער אַ סימפּאַטישן קאַשטשאָל מיט אַ גלח, מיט דער „מאַטקע" און מיט אַ ריזיקן צלם פּונקט אין מיטן גערטל.

די מעשה טוט מיר הנאה. אוודאי בין איך נישט „קאַטויליש געשטימט", אָבער דאָס היטל פון קאָפּ (אַז סיוויי פאַרמאָגט איך נישט קיין היטל) בין איך גרייט אַראָפּצונעמען פאַר זיי. יאָ, דער צלם איז ווערט אַן אוצר. ווו האָבן זיי גענומען אַזאַ ריזיקן, אַזאַ אָריגינעלן יעזוס? איצט האָט זייער לעבן אַ טעם: זיי דאַוונען און קניען און רוען אין דעם גערטל — להכעיס אַלע אַפּיקורסים, בפרט — די באָלשעוויקישע מאַסקאַלעס — — —

די אמתע קאָנטררעוואָלוציע, וואָס אויך יידן וואָלטן זיך געמעגט באַהעפטן צו איר. זאָל זיין אויף אַזאַ אופן צו פּראָטעסטירן; מעג אויך זיין, אַז יידן זאָלן דאַוונען אַ מנחה־מעריב בפרסיה; זאָלן סתם אַ שבת־זמירות פּראָוון אין מיטן שטעטל. הכלל: טשענסטאָכאָוו אין קאַראַ־קול — — —

קאַלט, הונגעריק און שלעפעריק. מיטן לעצטן איז גאָר טרויעריק. ווו געפינט מען ערגעץ אַ קאַנורע אויף אַרייַנצוקריכן אין די געפרוירענע נעכט? אַ חידוש אין דעם קאַראַ־קול: פאַר איין קערבל לאָזן אוזבעקן איבערליגן אין זייערע טשייכאַנעס. אַ ליימיקער פּאָל, אָבער פּאָרט אַ דאַך און פיר ווענט. ליגט מען צונויפגעטוליעט אין די נעכט, וואַרעמט מען זיך זייט־ביי־זייט. און יעדע נאַכט

טועֶן בחורים אַריינגעבענע止צווישן זיך אַ „זייטיקן”, אַ נישט־קערבלדיקן. אַזוי האָב אויך איך „געגעכטיקט”. און נישט איין מאָל פלעגט מיך אָדער אַ צווייטן שלימזל אונטערכאַפּן דער אוזבעק און דערפאַר — אַלעמען אַרויס־טרייבן אין מיטן נאַכט.

און צו אַלע צרות — מוז איך דאָ זיין זייער געהיט: פאַרשן די סביבה, צי דאָ געפינט זיך נישט אַ „בלאַט”, דער צווייטער קוני לעמל, דער ריכטיקער און סאַמע ערשטער — שמולעק בלאַט. איז מיין אַרבעט, ראשית: זיך פאַרנעמען מיט דעטעקטיוו־אַרבעט. און ביסלעכווייז אויסגעפונען, אַז די לופט דאָ איז אַ ריינע: פאַראַן דאָ גאָלדבערגט און גאָלדמאַנס און געלבערס און געלערס און פינקלשטיינס און... נישטאָ קיין בלאַט (קיין שותף צו מיר). האָט עס אַזוי אָנגעהאַלטן אַ היפּש ביסל טעג — ביז דער „בלאַט” מיינער איז געוואָרן אַן „אָנגענומענער” נאָמען. און ווי ביז איצט, האָט מען אים, דעם בלאַט, אַרויס־גערעדט מיט אַ ווייכער למד, וואָס אויך דערצו האָב איך זיך צוגעוויינט; איך און זיי, די באַזאַרניקעס מיינע — אַ נאַטירלעכע זאַך, וואָס רופט זיך „בליאַט” און וואָס...

יאָ, איך טרעט זייטיק. היט זיך פאַר הענט, וואָס האָבן אַ טבע צו טאַפּן און פאַר אויגן, וואָס קוקן צופיל און צו־טיף. מחמת — פאַראַן דאָ בחורים מיט אַ גוטן זכרון: האָבן מיך געטראָפן ערגעץ, אין פוילישן ראַדזימין אָדער וואָלאָמין צי קאַלושין. האָ? אָסור, נישט איך בין איך. מיין נאָמען: שמילקע בלאַט. זאָגט עפּעס דער דאָזיקער נאָמען? פאַראַן אויך דאָ אַ בחור אַ טשודאַק, זייער אַן איידעלער און זייער אַ הונגעריקער (וויביידע שפּאַנען זיי געפּאַרט אומעטום!), וואָס וויל זיך דווקא מיט מיר חברן, מחמת אויך איך בין (לויט זיין פילן און געפיל) זייער אַן איידעלער און זייער אַ הונגעריקער...

גלייכער צו זיין פון ווייטנס. נישט איך האָב וואָס צו באַהאַלטן און נישט איך פאַרמאָג וואָס צו פאַרקויפן. הונגעריק און שלעפּעריק — ווי אַלע. סאַראָ מיוחס! און אַז אויף מיין פּאַפּירל שטייט — בלאַט, טאָ זאָל עס בלייבן דערביי. פאַרוואָס אַרויסרופן חשד? און פאַרוואָס אויפוועקן ביי אימעצן דעם געדאַנק... חלילה!

יאָ, אין קאַראַ־קול געפינט זיך אַ סטאַציע און עס איז בנמצא אַ שטעטל. און ביידע זענען זיי פאַנאַנדערגעטיילט מיט אַ גלאַטיקן וועג צווישן וואַטע־פעלדער און ליימיקע הייזקעס. און אין ביידע — באַזאַרן: די „היים” פון די נע־ונדניקעס. ציען זיך קאַלעמוטנע טעג. איבערן גלאַטיקן וועג, הין און צוריק — אייזלען, קעמלען און פאַרביקע אוזבעקן. צוזאַמען מיט זיי — געוועזענע קרעמערס, פאַבריקאַנטן און אַקאַדעמיקערס פון וואַרשע, לאָדזש און לעמבערג; איצט: יורדים — איין משפחה מיטן פּראָסטן, הונגעריקן המון, דאָך — מיט אַ שמץ גאווה. אמת, באָרוועס, אָבער פאַרט אַנדערש — כאָטש אין דער שפּראַך. די

אינטעליגענציע רעדט פּויליש און דייטש. יידיש — די באַזאַר־שפּראַך. זיי באַנוצן ווינציק דאָס לשון פון באַזאַר, אָבער דעם באַזאַר גופא — דער עצם פון זייער בידנער עקזיסטענץ. למשל, דער געוועזענער גאַלאַנטעריע־פאַבריקאַנט. יעדן פרימאָרגן שפּאַצירט ער אַרום די אוזבעקישע באַזאַר־טישן מיט אַן אויס־געשטרעקטער האַנט צו די קריגן זויערמילך, כדי די אוזבעטשקעס זאָלן אַרויפקאַפּן אַ טראָפּן. אָפּגעלעקט און געשפּאַנט ווייטער... אַזאַ־אַ „איבערבייס", אויף אַלע יידן־שונאים געזאָגט געוואָרן. און נאָך איינער, אַ געוועזענער הער, זיין טבע: מאַכן „אָרדענונג" אַרום די באַזאַר־טישן; ער צעטרייבט מכלומרשט די הונגעריקע און אַליין כאַפּט ער אַ בוראַק פון אַ זאַק אַרויס, אַנטלויפט מיט אים ערגעץ אין אַ ווינקל און גריזשעט מיטן אָנצייניקן מויל איבערן תענוגדיקן „לקח". און „עמך" — בחורים מיט „דערציאונג" אין סאָוועטישע לאַגערס — געוועזענע טאַטנס קינדער: הויל און נאַקעט און מיט צעקראַצטע פּלייצעס, אויסגעשטעלט אויף קלעפּ אַ גאַנצן מעת־לעת; בייטאָג פּאַר „כאַפּן" פון אוזבעקישע זעק, ביינאַכט — פּאַר ליגן ערגעץ נעבן אַ טשייכאַנע.

און אַרום־און־אַרום, דער האָריזאָנט פון ביידע מינים קאַראַ־קול: אַרומגעגריזשעט ליים אויף האַלב־איינגעפאַלענע הייזקעס, אַרומגעצופּטע שטרויעלעך אויף אָפּגעקראָכענע ווענט, ליימענע דעכער, באַזעצטע מיט פּאַרבלאָזע שטעכלקעס.

האָב איך גענומען און אַריינגעוואַקסן אין דערדאָזיקער שטעכיקער סביבה, געוואָרן איינער פון „עמך", געלאָפן אויף יעדן רוף און זיך געשטויסן אַרום די אוזבעקישע טישן צוזאַמען מיט אַלע. „שמוליק בלאַט" איז געוואָרן עצם מעצמי. און רופן רופט מען מיך: ווער — „פּאַ בלאַטו", ווער — „בליאַד" און ווער סתם — „שלימזל", „צוטשעפּעניש", „האָלעדראַניעץ": נעמען, גילטיק פּאַר אַלעמען, אויך פּאַר מיר. אַזוי פּאַרלאַנגט דער הונגער: ווילסטו נישט ליגן אין רינשטאָק, איבערגעדעקט מיט אַ שמאַטע — פאַרוואַרף דיין בכבודיקן „איך": רייס זיך צום לעבן...

אָבער סיווי האָט עס נישט קיין פּעולה. עולם האָט שוין זיין סימן: דער־אָ איז אַ קאַנדידאַט פאַרן רינשטאָק... ער איז שוין חסר־דעה...

יאָ, ער איז שוין משוגע פון הונגער. זייער נאַטירלעך. פון נישט עסן קאָן מען אַראָפּ פון זינען, רחמנא לצלן.

בפרט האָט זיך פאַרשטאַרקט דידאָזיקע מיינונג כלפּי מיר, בעת אין איינעם פון די פרימאָרגנס האָב איך זיך באַוויזן אויפן באַזאַר אין אַ מין מטורפער פּאָזע. און די גרעסטע שולד אין מיין אומנאָרמאַלקייט האָט געטראָגן אַ נעדעלע, אַ דין נעדעלע, וואָס כ'האָב געפונען זיך וואַלגערן אויף דער ליימיקער ערד. יאָ, בפירוש — אַ נעדעלע מיט אַ לעכעלע און אַ דין, גלאַנציק שפּיצעלע. אַ יקר המציאות, וואָס אַזוינס איז נישט צו געפונען אין דער גאַנצער, ריזיקער

סאָוועטישער מדינה. מסתמא האָט עס פאַרבלאָנדזשעט אַהער פון אייראָפּע. אַזאַ אײדעלע זאַך... וואָס זאָל איך טאָן מיט דעמדאָזיקן נעדעלע. אַז קיין מלבוש אויף זיך האָב איך נישט. וואָס נייען? דאַרף מען אַרויס אויפן באַזאַר און פּרוּוון מזל אין מסחר — פאַרקויפן דאָס נעדעלע. הכלל: זיך אַוועקגעשטעלט אויף אַ ליידיקן פּלאַץ. נעבן מיר ליגט אַן אוזבעק אויף דער ליימיקער ערד מיט אַן אַרויסגעשטעקטער צונג און לעקט דאָס זויערמילך, וואָס אימעצער האָט אויסגעגאָסן פון זיין ליימענער קרוג. און איך מיט אויפגעהויבענע צוויי פינגער, וואָס צווישן זיי שטעקט דער אוצר, דאָס נעדעלע, וואַרט מ'זאָל מיך אַרומרינגלען, פרעגן אויף אַ פּרייז, האַנדלען. מיינע צוויי אויפגעהויבענע פינגער דערמאָנען אַן אַ רעדנער אויף אַ טריבונע ערגעץ, אַ זאַכלעכער רעדנער, וואָס גרייט זיך אויסצוטייטשן אַ האַרבן ענין און וואָס גיט אַ צייכן דעם עולם אים אויסצוהערן. נישט קיין טעות: חבֿרה ליידיקגייערס האָט זיך אַוועקגעשטעלט זייטיק, גענומען איינשטעכן די בליקן -- אי אויפן אוזבעק, וואָס האָט נאָכנישט באַוויזן אויסצולעקן פון דער ליימיקער ערד די זויערמילך, אי אויף מיר, וואָס האָב אין דער רגע אויסגעקוקט ווי אַ שותּף צום אוזבעק — ער ווילד און איך — אומנאַרמאַל. הינו הך.

„גרייטסט זיך האַלטן אַ רעדע?" — דערהער איך פּלוצים אַ שושקע אויפן אויער.

„נישט קיין וואונדער, היינטיקע צייטן" — האָט אימעצער זיך נענטער אונטערגערוקט. און אַ דריטער ווייזט מיט אַ פינגער אויפן שטערן:

„ער איז שוין אַ פאַרטיקער; מ'מעג אים שוין צוגרייטן אַ טרוקענעם רינשטאָק". לסוף בין איך מיד געוואָרן צו האַלטן די צוויי פינגער אויפגעהויבן, האָב איך באַשלאָסן אַנצובאָטן מיין סחורה צו אַן אוזבעטשקע, וואָס האַלט אויף דער האַנט אַ דזשוגאַרע־פּלעצל באַשמירט מיט כלאַפּאַק־אייל: איך וועל איר געבן דאָס נעדעלע און זי מיר — דאָס פּלעצעלע. אַ נאַרמאַל טויש־מסחר. נעם איך זיך דערנענטערן צו איר -- אַ ברודיקער שמאַטע־בונט אויף דר'ערד. עולם גייט מיר נאָך. איז דאָך „עמך" אויסגעהונגערט (חוץ נאָך אַ שטיק ברויט) צו זען „עפּעס פריילעכס". און עס איז געווען וואָס צו זען: ווי נאָר כ'האָב געשטעלט מיינע ערשטע טריט מיט די אויפגעהויבענע צוויי פינגער און מיטן נעדעלע צווישן זיי צו דער ברודיקער אוזבעטשקע, האָט זי זיך אַ האַסטיקן ריס געטאָן פון אָרט און געגומען אַנטלויפן מיט אַזוינע ווילדע קולות, אַז בלויז איך איינער האָב זיך דערשראָקן אויף אַן אמת: בין איך משוגע? אַרונטער פון זינען? — — —

14. דער „פּאַן מעצענאַס"

... עולם נעמט שפּאַנען אין שטאָט אַריין, צום „פּאַן מעצענאַס". ער איז שוין געקומען, דער דעלעגאַט. מען דאַרף זיך רעגיסטרירן.

ער זיצט אין דער שענסטער קיביטקע פון שטאָט, מיט אַ פענצטער צום שאָסיי. טאַקע נעבן דעם פענצטער שטייט אַ לאַנגע ריי — פּוילישע און יידישע „פּאַנעס״. און אינעווייניק — זעק, הויכע זעק, אָנגעפּילטע מיט אוצרות: איבערגעפּאַרבטע שינעלן און שיך פון אַמעריקאַנישע סאָלדאַטן, קאָלדרעס און פושקעס, אָנגעפּילטע מיט קאָנסערווירט פלייש, פיש און אַנדערע גוטע זאַכן, געזאַמלט ביי נדבנים אין אַמעריקע. אַלע אוצרות פון גאַנץ אוזבעקיסטאַן זענען גאַרנישט אַנטקעגן דידאָזיקע זעק. און טיילן פון די זעק אַרויס טיילט ער אַליין, דער דעלעגאַט, וואָס האָט זייער אַן איידעלן און זייער אַן אינטעליגענטן אויסזען. ער טיילט מיט חשבון: וועמען שיך, וועמען גאַטקעס און וועמען — אַ זעקעלע מיט מאַנע־קאַשע. אַנדערע באַקומען אַלץ צוזאַמען. ספּעציעל ווייזט דער „פּאַן מעצענאַס״ אַרויס באַציאונג צו אַדעליקע און באַטיטלטע: „פּאַניע פּאַרוטשניקו״, „פּאַניע קאַפּיטאַניע״... אויך „פּאַניע וולאַדזאָ״ באַקומט אַ שענערע מתנה. הכלל: הינטערן דעלעגאַטס פענצטער דאַרף מען זיך קענען „דרייען״.

און איך דריי זיך אַרום די טשייכאַנעס, עטעם אַריין דעם רויך פון געבראָטענעם שאַשליק, דעם ריח פון רייז־פּלאָוו, געמישט מיט שעפּסן־פלייש; יאָ געטראַכט און נישט געטראַכט. בכלל, איז נישט פאַראַן מכוח וואָס צו טראַכטן. עס ווילט זיך עסן. אָט — די איינציקע טראַכטעניש. אַלע חושים זענען אַריינגעפּאַסט אין איין רעמל: עסן. און עסן קען איך בלויז אין חלום. אין דער וואָר עסן די אוזבעקן. זיי האָבן זייערע קיביטקעס, זייערע שאַשליקעס. און איך בין דאָך אַזוי וויט פון — זיך, ווייט פון מיין אייגענעם — איך; בלויז אַ גלגול פון איינעם אַ שמוליק בלאָט, וואָס לעבט אפשר יאָ און אפשר נישט. סיווני בין איך פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין אַן אָפּנאַרער, אַ ציניקער, אַ נישט שבנישט — כדי צו ראַטעווען מיין שטיקל בידנע לעבן — אויף יענעמס חשבון.

זאָל איך גיין צום דעלעגאַט? וועל איך האָבן כוח און מוט צו שפּילן הויך און אָפן די ראָל פון אַ פּאָלשן קוני לעמל? און עס קאָן דאָך אויך געמאָלט זיין...

— אוי! עס איז דאָך באמת משוגע צו ווערן; וואָרום, עס איז דאָך געמאָלט, אַז איך זאָל פּלוצים אַ פרעג טאָן הינטערן פענצטער הויך און מוטיק: „אויב זאָגט איר, אַז איך בין נישט שמילקע בלאָט, טאָ ווער זשע פאַרט בין איך?״

און דערוויל — שטעכט דער הונגער, שטעכט ממש אין האַלז און אין אַלע אויסערלעכע און אינערלעכע אברים. און אַ דריבנע רעגנדל פאַרשטאַרקט דאָס שטעכעניש. וואָזשע וועט טאַקע זיין — זיין אָדער נישט זיין? — — — —

דער וועג אין שטאָט אַריין — באַלייגט מיט קעמלען, מיט אייזלען, מיט וואַטע, מאַקוד און „פּוילישע״, וואָס שפּאַנען צום און פון דעלעגאַט. איך שפּרייז זייטיק, ווי נישט אַרויסצרורופן דעם חשד, אַז דאָ גייט בלויז אַ שאָטן, אַ שאָטן פון איינעם — אַ שמוליק בלאָט. דער רעגן נעמט מיך אונטערטרייבן. וועל איך

דערגיין? אַט וואַלגערט זיך אַ נאַס שטיק מאַקוך, אַראָפּגעפאַלן פון אַ וואָגן. זיין אויסזען — אַן אויסגעפּרעסט שטיק אייזל־צואה. איך פּרעס אים אַריין צווישן די ליפּן, צווישן די ציין. געוואַלט עס רוקן ווייטער, אַט אַזוי: אַריינשטויסן עס אין האַלז אַריין, אין מאַגן אַריין. קייען — נישט מעגלעך. די ציין, ווייכע, טרייסלדיקע, ווילן זיך נישט דערצו צורירן. טו איך נאָגן דערפון — צואה. און ווער ווייס: אפשר האָב איך טאַקע אויפגעהויבן אַזאַ שטיק טינוף און עס אַריינגערוקט צו זיך אין מויל. עפּעס אַ קלייניקייט: הונגער!
אַריבער אַ הילצערן בריקל און אַט אַנטקעגן — דאָ איז עס!
מיינע נאַקעטע פיס — אַרומגעוויקלט כּיט שמאַטעס. איך בין אַזוינער ווי אַלע דאָ. נישט קיין „אַבי ווער״: — געלעבט אַמאָל אין וואַרשע, אַ געבוירענער אין וואַרשע. בין איך נישט קיין פּוילישער? קומט מיר נישט קיין הילף? שאַ. פאַרגעסן. האָט שמוליק בלאַט אויך געלעבט אין וואַרשע? און אפשר איז ער גאָר אַ רומענישער, אַ ליטווישער, אַן אוקראַינישער, אַ...? שרעק און שווייס באַדעקן מיין פּנים און אויגן. יאָ. אַט קוקן אַלע אויף מיר, אַלע דאָ, הינטערן דעלעגאַטס פּענצטער. דאָ האַלט אָרדענונג איינער אַ בחור. מען רופט אים „פּאַן צימרינג״. אַ צעוואַקסענער יונג מיט אַ קיילעכיק פּנים אָן שום אויסדרוק: נישט געשמייכלט און נישט געטרויערט. גאָרנישט. און פּיס האָט ער, איז איינער לענגער פון צווייטן. אַ שטייפער פוס אַזאַ. און אַז ער האָט מיך דערזען (אַ פרעמד פּנים), האָט ער מיך אָנגעקוקט מיט צעעפנטע, גאָרנישט־זאָגנדיקע אויגן; דערנאָך — איינגעבויגן זיין איינציק־נאָרמאַלן פוס, צו מיר צוגעהינקעט און געפרעגט אויף פּויליש: „טשי פּאַן מאַ״, עס הייסט: צי דער פּאַן האָט אַ פּאַפּירל.
„אַוודאי״ — האָב איך תּיכף געענטפערט און אויך אויף פּויליש און אים באַוויזן מיין דאָקומענט־פּאַפּירל.
ניין. נישט דאָס מיינט ער. ער מיינט: כּדי זיך צו רעגיסטרירן ביים „פּאַן מעצענאַס״ דאַרף מען אַ פּאַפּירל, אַז מען אַרבעט ערגעץ. איצט קוקט ער זיך טיפער איין אין מיין דאָקומענט און טיטולירט מיך מיט גרויס ווירדע:
„פּאַניע בלאַט״...
איך טו אַ ציטער. ער באַרואיקט מיך: זאָל דער פּאַן בלאַט נישט זיין באַזאָרגט; דער פּאַן מעצענאַס...
סיי דער נאָמען זיינער, סיי דאָס פּנים זיינס, אַלץ אויף אים זאָגט עדות, אַז דער „פּאַן צימרינג״ איז טאַקע אָנגעהעריקער צום פּוילישן שבט, אָבער איז אויך אַ ייד און גראָד אַזאַ איינער, וואָס רעדט יידיש. דערדאָזיקער בחור איז דער ריכטיקער אַדרעס, וואָס איך דאַרף איצט זייער נייטיק. און כ׳האָב זיך נישט געניאַרט. מחמת אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז דערדאָזיקער שומר ביי דער „פּלאַ־

צוווקע״ איז זייער אַ ווילער, אַ פּשוטער און אַ גוטער יידישער בחור. ער איז אַוועק מיט מיר אין אַ ווינקל (כדי נישט צו „ראַזשען״ אויפן אויער פונם פּוילישן אַדל, וואָס קוועטשט זיך אַרום פּענצטער און „פּאַנ״עוועט אַרום זיך); ער איז גרייט אויסצוהערן מיין בקשה.

„היות — טרייסל איך מיט מיינע פיבערדיקע ציין — איך זוך משפּחה; איז אפשר וויס ער, דער פּאַן צימרינג, צי דאָ, צווישן די פּוילישע, געפינט זיך נישט אימעצער מיטן נאָמען בלאַט?״

ער צעטרייסלט דעם קאָפּ אין דער ברייט און באַדויערט זייער, וואָס ער קאָן מיר נישט אָנזאָגן די גוטע בשורה: אָט איז די ליסטע פון אַלע רעגיסטרירטע. נישטאָ קיין בלאַט, ליידער...

ער באַדויערט, וואָס ער קען מיר נישט העלפן ביים אויפזוכן משפּחה; דערפאַר פאַרקוקט ער זיך אויף מיינע פאַרשמאַטעוועטע פיס; איז אַוועק אויף אַ וויל און צוריקגעקומען מיט צוויי שיך, וואָס האָבן זיכער דורכגעמאַכט דעם וועג פון סיביר דאָ אַהער... מילא. בעסער ווי נאַסע שמאַטעס. איצט, נאָך מיין ערשטער באַקאַנטשאַפט מיטן „פּענצטער״, בין איך אַוועק אין שטעטל מיט דער דעה זיך איינצושאַפן אַ „פּאַפּירל״, וואָס אָן דעם איז מען נישט קיין „פּוילישער״ און מען באַקומט נישט קיין שטיצע. הכלל: יאָ. פאַרמאָג איך דאָך אַ פּאַך און אין שטעטל געפינט זיך דאָך אַ ביבליאָטעק... אַ כשרער לעפל און אַ כשרע שיסל. בין איך אַריין אין ביבליאָטעק. ווי אומעטום — אַ געוואַשענע פּאַדלאָגע, פּאָליצעס מיט ביכער און מיטן „קראַטקי קורס״ אויבנאָן; און ווי אומעטום — אַ פאַר־טרוקנט, געפּרווירן ווייבל, מיט סמנים פון אַמאָליקער זאַטקייט: די ביבליאָטעקאַרשע. איך זעץ זיך אַוועק נעבן אַ טישל, נעם אין האַנט אַ „פּראַוודאַ וואָסטאָקאַ״; דער ערשטער „קאָפּ״ איבער דער גאַנצער ברייט דערציילט וועגן קולטורנעם פּאַרזיי פון קוקורוזע און וועגן קאָלכאָזנע סטאַכאַנאָוצעס. כ׳פּיל אָן איבל אין האַלז — סיי פון דער אוזבעקישער „פּראַוודאַ״, סיי פונם טינופתדיקן מאָקוד, וואָס קלעפּט נאָך אויף מיין צונג. וואָלט איך די צייטונג געקאָנט אַרויס־טראָגן אויפן באַזאַר, וואָלט זי געהאַט דעם ווערט פון אַ „טשערוואָניעץ״ צו וויקלען אין איר מאַכאָרקע. דאָ אויפן טיש האָט זי נישט קיין שום ווערט. אַ סימן: עס פּוסטעווען די ווענט; קיינער שטעקט נישט אַריין קיין פּוס אַהער. און אָט גיב איך זיך אַ האַסטיקן קער צום פאַרפרוירענעם ווייבל. דער דרויסן שמעקט מיט רעגן און ווינט. זי קוקט אויף מיר מיט פאַרוווּנדערונג.

„איך בין אַ ,פּערעפּלאָטני מאַסטער׳!״ — האָב איך אויסגערופן נישט מיט מיין קול.

„ליידער — איז געקומען די אַנטוישונג — איך האָב נישט קיין שום בודזשעט״...

געגוג. איך דאַרף דאָך נישט איר בודזשעט. איך וויל בלויז פון איר אַ פּאַפּירל, אַז איך אַרבעט, בין אַ פּערעפּלאַטשיק, בין איך...

כ׳רוק זיך נענטער צו. איר פּנים — פאַרמעט; פון אירע אויגן גלאַנצט אַרויס דער הונגער אין זיין גאַנצער רחבות. איך האָב תיכף געגומען רעדן „צו דער זאַך״:

„מיר האָבן דאָ אַ דעלעגאַט אַ פּוילישן, וואָס גיט מעל, ווייס מעל פון אַמעריקע... דאָס ערשטע זעקעלע מעל וועל איך ברענגען אַהער... איך דאַרף בלויז אַ ‚ספּראַווקע׳״...

זי פאַרשטייט מיך. זי שטעלט דאָך גאַרנישט אין קאָן. אַ „ספּראַווקע״? זי וועט געבן. ברענגט עס דאָך נישט קיין שאָדן דער מלוכה. און אַביסעלע ווייס מעל קאָן גאָר צונוצקומען.

צוריקגעקומען צום דעלעגאַטס הייזקע, אַ באַוואָפנטער מיט די „בלאַטאַווע״ פּאַפּירלעך, איז דאָס פענצטער שוין געווען געשלאָסן. בלויז דער גוטער צימרינג הינקט אַרום אין דרויסן. ער האָט זיך דערפרייט מיטן פּאַפּירל:

„אָ, פּאַניע בלאַט! אַנדערע וואַלטן זיך געפילט גליקלעך מיט אַזאַ פּאַפּירל... מאָרגן באַלד אינדערפרי וועל איך אייך אַוועקשטעלן דער ערשטער אין ריי״.

צימרינג היט די זעק אין דעלעגאַטס שטוב. ספּעציעל וואַכט ער איבער זיי אין די נעכט. יעדער רויש שטעלט אים אַוועק אויפן איינציקן פוס. עפּעס אַ קלייניקייט: אַזאַ אוצר! און שלאָפן שלאָפט ער טאַקע אין דרויסן, אָבער אונטער אַ דעכלקע, אונטערגעבעט מיט אַ סך זעק און צוגעדעקט מיט אַ סך קאָלדרעס. און דאָרט איז פאַראַן אָרט פאַר נאָך איינעם. האָט ער מיך אַוועקגעלייגט, איינגעטוליעט אין די קאָלדרעס. ען, האָב איך אָפּגעזיפצט: ווען איך באַקום אַזאַ קאָלדרע. ניין. די קאָלדרעס וואָס ליגן דאָ געהערן נישט צו אים, דעם נאַכט־שומר. ער וועט זיך אָבער באַמיען. אַוודאי באַקומען ריינע פּאַלאַקן דאָס בעסטע, אָבער אויך פאַר יידן בלייבט עפּעס. איז דאָך דער „פּאַן מעצענאַס״ אַ ייד.

איך האָב זיך איינגעדושעט אין די קאָלדרעס. די נאַכט — א רעגנדיקע, אַ קאַלט־בייסיקע. איך פיל זיך גוט אָטאָ דאָ. זאָל נאָר די נאַכט פאַרביי. מאָרגן... אַ צעטעלע, איינס און אַ גוטס און אַ דאָקומענט...

צימרינג הינקט אַרום פענצטער, איינגעהילט אין אַ קאָלדרע. יעדע ווילע רייסט ער מיך אויף פון שלאָף. ער וואַרפט זיך אַוועק אויף די זעק מיט טענות צום הימל, פאַרוואָס די נאַכט ציט זיך אַזוי לאַנג. ער איז באמת אַ גוטער, אַ בעסער־דערצויגענער בחור. מיט זיין חוש האָט ער תיכף דערשנאַפּט אין מיר דעם שלימזל, וואָס פאַרמאָגט נישט קיין „עלנבויגנס״ און די געהעריקע חוצפּה, כדי נישט אָפּצוטרעטן פון פענצטער ביזן באַקומען דאָס פאַרלאַנגטע. ווי עס האָט גענומען גראָען, האָט ער מיר געגעבן אַ הייס טעפּל טיי. איך בין כמעט פאַר־

שטייפט פון דער קאַלטער נאַכט. נו, שוין צייט זיך אַוועקצושטעלן נעבן פענצטער. אַזוי באַפעלט צימרינג. תיכף — אַ געגיי פון אַלע זייטן. איצט דערפילט, אַז דער שלימזל איז דער, וואָס שטייט דער לעצטער. סייווי — האָט מיר דאָס מאָל אויך נישט געהאָלפן מיין שטיין דער ערשטער. דאָס פענצטער עפנט זיך. אַ ברוגזע פּאַני נעמט ביי מיר דאָס פּאַפּירל. פאַרשרייבט מיין נאָמען און הייסט מיר קומען מאָרגן. יאָ, דער שלימזל איז פאָרט פאַרבליבן מיין שותף. אָבער איך נעם אַרויס־ווייזן עקשנות: אַביסל מעל וויל איך. איך דאַרף אויף אַ רפואה, כדי דורכצו־שווענקען דעם האַלז. מיט אַ טרויעריקן שמייכל האָט די פּאַני מיר אַרויסגעגעבן אַ זעקעלע מעל. איך בין דערמיט תיכף אַוועק אין ביבליאָטעק. לאָמיר קודם אָפּצאָלן דעם חוב. דאָס פאַרטרוקנטע ווייבל האָט שוין געהאַט אַרומגעווישט די שויבן־שענקלעך, די טישן. זי האָט זיך זייער פאַרוווּנדערט, דערזעענדיק מיך אַזוי פרי; און אפשר האָט זי נישט געגלייבט, אַז כ׳וועל איר ברענגען די מתנה. האָב איך אַ זיגערישער איר אונטערגעטראָגן דאָס געשאַנק. אירע אויגן זענען געוואָרן משונהדיק גרויס ביים דערזען דאָס ווייסע מעל. זי נעמט אַריין אַביסעלע צווישן די ציין... עך, שוין אַ יאָר צוואַנציק... זי דערזאָגט נישט, אָבער פון איר נישט־דערזאָגן הערט זיך אַרויס, אַז שוין אַ יאָר צוואַנציק האָט זי אַזאַ ווייס מעל נישט געזען...

נו, ביז מאָרגן. דאַרף איך היינטיקן טאָג ערגעץ אַוועקפּטרן. אין שטעטל איז „טויט". טומלדיק איז אויפן באַזאַר ביי דער סטאַציע. דאָרט קאָן מען אויך עפּעס אָפּעסן. ווי דאָס מזל שפּילט צו. איבערן שאָסיי שפּאַנען די „פּוילישע" פונם דעלעגאַטס פענצטער. איבער זייערע אַקסלען — הויזן, גאַטעקס, שיך. אוזבעקן טאַנצן אויף זייערע אייזלען. זיי שיקן קנאַהדיקע בליקן צו די הויזנס און גאַטקעס, פאַרהאַלטן ס׳אייזלשע געלויף.

„יאַנגי (נייע) ?" — פרעגן זיי.

„יאַנגי, אורטאַק (חבר); נאַרוואַס באַקומען פון אַמעריקע".

דער אוזבעק: „טשאַמפּול קאַילאַק (וויפל קאָסט דאָס העמד) ?"

דער פּוילישער: „אָן־טאַ נאָן (צען ברויט־לעפּיאָשקעס)".

דער אוזבעק: „נאָן יאָק־מע (נישטאָ קיין ברויט)".

דער פּוילישער: „ביר יוז איליליק (הונדערט און פופציק רובל)".

און מ׳נעמט זיך פּאַטשן איבער די הענט. אַ קערבל אַרויף, אַ קערבל אַראָפּ. דער אוזבעק צעבינדט דעם פאַרביקן גאַרטל, שלעפּט אַרויס פון דאָרט נייע, אויסגעפּרעסטע „טשערוואָנצעס". אַ באַזאַר לעגגויס דעם וועג פון שטעטל צו דער סטאַציע.

בלויז איך בין דאָ דער צוקוקער. האַנדלען? האָב איך נישט מיט וואָס. אַוודאי וואָלט איך נייטיק געדאַרפט אויסטוישן עפּעס אַ חפץ אויף — אָפּעסן. נו.

וויאַזוי פּאַסט מען זיך פאַרט אַריין אינם דאָזיקן לעבן, אין דערדאָזיקער געזעל־שאַפט? פאַראַן צו פרעגן האַרבערע שאלות. זיך אַריינפּאַסן? אַוודאַי: זיך אַריינפּאַסן! מיט וואָס, אַ שטייגער, איז מער יחסן דער קראָקעווער סוחר, וואָס גייט אַרום די טישן און „פאַרזוכט" פון אוזבעקישן זויערמילך? און פאַרוואָס זאָל אויך איך נישט כאַפּן קיין פלוימען פון די אוזבעקישע זעק? און פאַרוואָס זאָל אויך איך נישט לויפן מיט אַ רעטעך צווישן די ציין און שרייען: „קאַראַבטשוק"?

פאַרוואָס? — דאָס טו איך זיך פרעגן. אָבער אַנדערע פרעגן נישט. זיי כאַפּן און אַנטלויפן. און ווייל איך פרעג צופיל, כאַפּ איך אַריין אַזויפיל קלעפּ פון די אוזבעקישע אייזל־שטעקנס, אַז כ'פאַרזאָג אַ צענטן פון מיינסגלייכן: שלימזל, קריך נישט ווו דו טויגסט נישט; ליג איינגעלייגט; שטאַרב פון הונגער און קעלט, יאָ, דאָס איז דיין גורל — — און כאַפּ נישט!

מער פאַרמאָג איך נישט קיין כוח צו שפאַנען פונם „פּאַן מעצענאַס" צום שטעטלשן באַזאַר. עס רעדט זיך אַזוי; אַ בפירושער שקר. איך וואָלט זיך ווי־ס'איז דערשלעפּט, אַבי דאָרט עפּעס איבערצוקייען; איז מיר אָבער אַריין אין קאָפּ אַ פאַסקודנער קליניק: גיי נישט אויפן באַזאַר; ביזט שוין אַ „געסטעמפּלטער" פון די אוזבעקן. אַנדערע וועלן כאַפּן פלוימען און דו וועסט כאַפּן קלעפּ...

און דערווייל וויל נישט דער אוזבעקישער הימל אַרויפציען אויף זיך אַ טראָפּן פאַרב. ער איז אשיק גראָ און פאַרוויינט און הערט נישט אויף צו קאַפּען מיט קעלט און קדחת. און עס ווילט זיך בפירוש נישט בלייבן ליגן אָטאָ דאָ, אין אַ רינשטאָק ערגעץ.

אָט אַנומלט, איז דער ראַדעמער בחור, מילער — אַ שטעקן מיט אַ בינטל האָר אויפן שפּיץ קאָפּ — אַרויסגעפאַלן פון „אַטשערעט" און זיך מער נישט אויפגעהויבן. די אַכמעדאָווע, וואָס „גיט" ברויט אין לאַראַק נעבן וואָקזאַל, האָט פלוצים אָנגעזאָגט די זיסע בשורה, אַז זי וועט „טיילן" פּאָווידלע — „אַ לעפל אויף דער האַנט". נו, איז געוואָרן אַ ריי — קינד און קייט. און אַכמעדאָווע — אַ כיטרע, גנבהשע אוזבעטשקע — איילט זיך נישט, מחמת — וואָס ווינציקער פּאָווידלע זי וועט געבן דעם „נאַראָד", מער וועט בלייבן אין פעסל פאַר דער „עליטע" און פאַרן — באַזאַר. נו, האָט עולם זיך געקוועטשט אַרום דעם קיאָסק, אויפן אָרט אָפּגעלעקט דאָס זיסקייט און אַוועק מיט אַ קללה אויף די זיסע ליפּן. אויך מילער האָט געוואָלט באַקומען זיין פאַרציע, איז ער געשטאַנען און געשטאַנען, צוגלייך ווי אַלע — ביז די הינטערשטע ריי האָט דערלאַנגט אַ שטויס. די „אַטשערעד" האָט זיך אַ ריר געטאָן. מילער איז אַרויסגעפאַלן, אומגעפאַלן און מער זיך נישט אויפגעהויבן... אַ זיסן טויט געהאַט... איז וואָס? מען האָט אים בלויז אָפּגע־רוקט אָן אַ זייט. זאָל ער נישט שטערן.

יאָ. געזיגט האָט יענעם נאָכמיטאָג די גערעכטיקייט. מחמת דער ריכטער פון שטעטל — אַ רויט־קלעצלדיקער, קיילעכיק־אויסגעפּרעסענער אוזבעק — איז אַרויס דורך דער הינטערטיר פון לאַראַק און געטראָגן האָט ער, דער ריכטער, אַ טאָפּ — מיט פּאָווידלע. ער האָט אים נישט פאַרשטעלט, דעם טאָפּ. סאַראַ ווערט האָט ביי אים, דעם סאָוועטיש־אוזבעקישן ריכטער, דער „נאַראָד"? וועלן אומקומען נאָך אַ הונדערט מילערס, וועט ער האָבן צו דער פּאָווידלע מער ברויט, ווייס ברויט און פלייש אויך.

אַפּראָפּאָ, דער גערעכטיקייט: אַנומלט, נעבן אַ טשייכאַנע, האָט דערזעלביקער ריכטער איינגעאָרדנט אַן עפנטלעכן ספּעקטאַקל — אַ פאָלקס־געריכט, ווו ער האָט פאַרמשפּט זיינס אַ לאַנדסמאַן אויף אַכט יאָר תפיסה פאַר גנבענען אַכט קילאָ כלאָפּקאָווע וואַטע. אַ יאָר — אַ קילאָ וואַטע. די סאָוועטיש־אוזבעקישע גערעכטיקייט: — אַ טאָפּ מיט פּאָווידלע...

...ענדלעך האָט מיר דער פּאַן צימרינג אַנגעזאָגט די בשורה:

„מאָרגן, פּאַניע בלאַט, קריגט איר די קאָלדרע".

בפירוש צו פילן: דער „פּאַן מעצענאַס" האָט וויכטיקערע פון מיר צו טיילן קאָלדרעס. אַ קאָלדרע איז זייער אַ טייער חפץ. פאַר איר איז דער אוזבעק גרייט אָוועקצוגעבן איינס פון זיינע ווייבער. פון אַ קאָלדרע מאַכט ער זיך אַ פּייערלעכן יומטוב — אַ פּאַלטן מיט אַ וואַטענעם אונטערשלאַק און מיט לאַנגע אַרבל אַריבער די פינגער; פון אַ קאָלדרע קאָן מען אויך מאַכן וואַרעמע הויזן, ברייטע, תענוגדיקע; אויך איז אַ קאָלדרע גוט אויסצושפּרייטן אויף דער ליימיקער ערד, ווי אַ טעפּיך. הכלל: דער דעלעגאַט טיילט קאָלדרעס. ער ווייס וועמען צו טיילן. איך געפעל אים נישט. עס קלאַפּן ביי מיר צו־שטאַרק די ציין, בעת איך רעד מיט אים דורכן פענצטער — פויליש:

„מניע זשימנאָ יעסט, פּאַניע מעצענאַסיע" (מיר איז קאַלט, פּאַן מעצענאַס)...

אַזוי רעדט אַ סוחר? אַזאַ־אַ וועט מאַכן אַ לעבן?

אָבער די קאָלדרע האָב איך באַקומען. אפשר טאַקע אין זכות פון פּאַן צימרינג; אפשר אין זכות פון מיינע אויגן, וואָס זענען אָט־אָט אַרויסגעקראָכן פון קאָפּ און אַריינגעפלויגן אינעווייניק, דורכן פענצטער אַריינגעפלויגן — גלייך דעם פּאַן מעצענאַס אין קאָפּ אַריין...

איצט בין איך שוין מיט לייטן גלייך. פאַרוואָרפן די קאָלדרע איבערן אַקסל, אַ קאָלדרע — אַ סאַלדאַטסקע קאָץ — און תיכף דערפילט ווי רייך איך בין.

„העי, אורטאָק־לאַר, טאָכטאַ!" — דערהער איך הינטער דער פּלייצע דאָס קול פון אַן אוזבעק: העי, חברל, וואַרט נאָר צו — טשאַמפּול? וויפל, הייסט עס, דאַרף קאָסטן דאָס פאַרגעניגן?

טו איך זיך נישט אומקוקן צום אוזבעק אויפן אייזל, שפּאַן מיין בלאָטיקן וועג

און דערגיי צו דער מסקנה: וויבאַלד די קאַלדרע איז פאַר דיר אַ פאַרגעניגן, איז זי פאַר מיר אַ טאָפּל פאַרגעניגן — אי כ׳וועל האָבן מיט וואָס אַנצוואָרעמען די פאַרפרוירענע אברים, אי דער געדאַנק, אַז כ׳פאַרמאָג אַ חפץ, וואָס האָט די ווערט — אַן אוזבעקיש ווייב און אפשר נאָך מער...

זענען ווידער פאַרביי טעג אין קאַראַ־קול דער שטאָט. זיך געטוליעט און געוויקלט אין דער קאַלדרע און געגעסן ביטערע מאַנדלען פון פלוימען־קערן. תכלית? דערוועגן טראַכט מען נישט. דערויף זיצט אַ „פאַן מעצענאַס" איבער זעק און פעק. זאָל ער טראַכטן וועגן תכלית.

דורכן פענצטער גיט מען אַרויס זעקעלעך מעל, זעקעלעך קאַשע. איך האָב שוין אַ ווינקעלע, ווו כ׳צעלייג אַ פייער און פאַרקאָך אַ „זאַטשערוכע". עס דערמאָנט מיר אָן די פּאַפּ־זאַטשערוכעס פון מאַריער ביבליאָטעק און דערביי וואַסערן מיר אין די מוילוווינקלען די אַפּיצערסקע גולאַזשן פון דאָרטיקן דק׳א... עד, אַ צייט דערלעבט: דאָס גאַנצע טראַכטן אויסגעפילט מיט — פּאַפּ, זאַטשערוכע און (באמת!) — גולאַזש...

און דער הימל — פּאַסקודנע־שטעכיק. איך בין איינגעהילט אין דער קאַלדרע, אַריינגעוואַקסן אין איר; שפּאַן איבערן שטעטל, איבערן באַזאַר; פאַרביי שאָטנס פון געוועזענע מענטש־באַשעפענישן: דעפּאַרמירטע מאַסקעס — צעדרייטע, חוזקדיקע געשטאַלטן.

15. „איר זענט דאָך געווען ביי אונז אין שטעטל!"

איך שפּאַן פאַרביי דעם גאָרטן. יאָ. פאַראַן אַ גאָרטן אין מיטן קאַראַ־קול דער שטאָט. פאַרמאָגט אין זיך דער גאָרטן מער לעבן ווי עס פאַרמאָגט דאָס די שטאָט. פאַראַן דאָ אַ האַנט וואָס זאָרגט, די גראָז־בייטן זאָלן זיין גלייך אַרומגעשוירן, די ביימלעך — אַרומגעווייסט, כדי ווערעם זאָלן נישט פרעסן זייער לייב. אין שטאָט — צעווייקטע ליים־ווענט, איינגעפאַלענע דעכער אויף ליימיקע קיביטקעס. און אינעווייניק — משפחה־וויז טוט מען קעמפן קעגן די לייז, וואָס פרעסן — אויך אוזבעקישע לייבער. דער גאָרטן — די קולטור פון דאָזיקן לאַנד. „קולטורני זשיזן" — רופן זיי דאָס. ריינע ביבליאָטעקן, שיינע גערטנער, פיינע מאָנומענטן. עסן? אַ שטוב? אַ מלבוש? — ערדישע ענינים; פאַרנעמען אַ קליינעם פונקט אינם פּראָגראַם פון אַ מדינה, וואָס שטרעבט צו באַשיינען דעם גייסט, דעם———

דעם קרומען בליק פונם „פאַטער" האָב איך פלוצים דערפילט איינגעשטאָכן אין מיר. ער שטייט אין מיטן גאָרטן. דער רעגן וואַשט דעם קאָפּ זיינעם און טראָפּנס קאַפּען פון זיין נאָז איבער די וואָנסעס. זיין בליק — שטעכיק און שמייכלדיק. איך פיל בפירוש, ווי ער פאַרבעט מיך צום זיצן. נו, זעץ דיך אָקערשט — שמייכלט ער צו מיר, דער „פאַטער פון די פעלקער" און בתוכם —

אויך מיינער: זיץ, נו, זעץ דיך. און איך זעץ זיך אויף אַ באַנק און פאַרביי מיין מוח טוט אַ שוועב: אַריבער די צוואַנציק יאָר פון אַ פאַלק, אַ ריזיק פאַלק, וואָס פאַלגט, זיצט און שווייגט, „זיצט" און לעבט אויף אַ דיעטע, לעבט אין זכות פון דעם־אַ, דעם גרוזינישן פאָטער — — —

נו, זיץ איך אויף דער באַנק, די פיס — אויף דער באַנק, אונטער זיך (אַקוראַט ווי עס זיצן די אוזבעקן), איינגעדרייט אין דער קאַלדרע, פאַרדרייט מיין גאַנצן גוף אין דער קאַלדרע, אויך דער קאָפּ איגנעווייניק; בלויז די אויגן קוקן אַרויס, קוקן זיך איבער מיט סטאַלינס אויגן; זיין מעטאַלענער (און אפשר שטאַלענער) קאָפּ ווערט געשווענקט פון רעגן. איך פאַרמאַך די אויגן. דאָס וואַסער דרינגט־דורך די קאַלדרע, נעצט מיין טרוקענעם ביין. וואָלט איך כאָטש געווען פון מעטאַל, פון שטאָל — — —

אַ טרעטן נאָענט פון דער באַנק וועקט מיך אויף פון מיינע פאַררעגנטע חלומות. איך האַלט איינגעשטאָכן די אויגן אין הימל. ער האָט נישט בדעה אויפצוהערן מיט זיינע נאַסע שטעכלקעס. אַ ייד שטעלט זיך האַסטיק אַוועק נעבן מיר, שטעלט־אָן זיינע אויגן אויף מיין בליק — זיך ממש איינגעגעסן אין מיין נאַס פּנים. אַ ייד מיט אַ שטעקעלע אין האַנט. קוקט־אויס צו זיין אַ באַלעבאַטישער ייד, נישט פון די וואָס „דרייען" זיך אויף די באַזאַרן. טאָ וואָס קוקט ער אַזוי זשעדנע אויף מיר? אַן אומגעדולדיקער ייד אַזאַ מיט אַ פּנים פון אַ בעל־טענה און אויך — פון אַ בעל־רחמנות. דאָס דערציילן זיינע פאַרטריבטע אויגן. ער שניפּט אַביסל אונטער מיט דער נאָז, שניפּט, רוקט זיך אָפּ פון דער באַנק, רוקט זיך צו און ווידער ס'אייגענע, ווי ער וואָלט זיך געפונען אויף אַ בילדער־אויס־שטעלונג: באַטאַפּט מבינישׁ מיט זיין בליק אַן אָריגינעל בילד, אָדער — ווי ער וואָלט זיך געגרייט מיך צו פאָטאָגראַפירן. מילא. זאָל ער טאָן מיט מיר וואָס ער וויל. סייווי בין איך שוין נישט ביי — זיך, מחמת: אָט זיץ איך ווי אַ מומיע, אַ צונויפגעדרייטער בודאַ. נאָך אַ זעטיק אָנקוקן מיך — האָט דער בעל־דבר באַקומען לשון:

„האַ, איר זענט דאָך... געווען ביי אונז אין שטעטל... איר הייסט דאָך... איאַ? שוין לאַנג אָבסערוויר איך אייך"...

דערויף, אויף אַזאַ קבלת פּנים, האָב איך זיך נישט געריכט. אויפן אָרט פון רעגן — דעם יידס ווערטער בריזגען אויף מיין פּנים. זאָל איך זיך אפשר מאַכן נישט־הערנדיק? עס וועט נישט האָבן קיין פּעולה. און דער ייד איז דאָך בפירוש געערעכט: אַ תביעת־עין אַזאַ. מיינט ער דען חלילה מיין רעה? מער נישט — ער דאַרף באַקומען אַן „אויפקלערערישע תשובה":

„ר' ייד, איר האָט אַ טעות. אַוודאַי בין אויך איך אַ ייד. וואָדען? נאָר אַ ייד ווי אַלע יידן דאָ. איר זע'טאָך!"

אָבער מיין שטעטלשער פּיקח וויל נישט אָפּטרעטן פון זייניקע. סטייטש!
„חבר... איך בעט אייך, איר וועט דאָך פאַרפרוירן ווערן דאָ. קומט מיט מיר. אין שטוב וועלן מיר שוין שמועסן וועגן אַלץ. פאַרוואָס באַהאַלט איר אויס אייער נאָמען? אַפילו איר זאָלט זיין פאַרוויקלען אין צען קאָלדרעס — — זענט איר דאָך — איר! וואָס? איך דערקען אייך נישט? אַזאַ פּנים זאָל האָבן דער־אַ! — שטעלט ער אַן דאָס שטעקעלע אויפן פאַרשטיינערטן סטאַלין, שניפּט איילי מיט דער נאָז און וואַרפט מיט די ציטערדיקע ליפּן: נו, גיכער. קריכט אַראָפּ פון באַנק. אויב זאָל איך אייך פון דאַנען נישט אַוועקנעמען, וועל איך קיין פאַרענטפער נישט האָבן ווען דערדאָזיקער, דער־אַ מיט די וואָנסעס, דער ימח־שמוניק, וועט איינעמען די פּגירה. קומט גיכער. איך האָב אַ קיביטקע, האָב איך".

שווער דאָס אויסגלייכן די פּיס. דער ייד איז בפירוש געדעכט. נאָכן אַנוואַרעמען זיך וועט מען פירן וויכוחים. אַראָפּגעפאַלן ווי אַ מלאך פון הימל. פאַרוואָס זאָל איך אים גאָר ווײ־טאָן? אַ היימישער ייד, באמת. דער ייד האָט זיין קיביטקע אויפן מיטן וועג, ביים אַריינגאַנג צו דער סטאַציע. דאַרף מען בכן דורכגיין דעם שאָסיי, אַ פיר קילאָמעטער. אָ, ניין. איך וועל נישט דערגיין ביז אַהין. באַרוועס און פאַרפרוירן. אָבער דער ייד איז אַן עקשן. ער פּילט ס׳אייגענע וואָס איך און מיט אַן עודף: ווייל ס׳איז שווער צו גיין, מוז מען דאָס מאַכן שנעלער, גיכער. ער טראָגט מיך ממש אויף זיך, ווי אַ בינטל שפּענער. איבערן וועג האָט ער נישט אויפגעהערט צו רעדן, גערעדט שנעל, ווי ר׳וואָלט זיך געשראָקן אימעצער זאָל נישט אויסכאַפּן דעם האָגל ווערטער זיינעם:
„איך הייס טורעק. אַ לערער פון לוניניעץ. דאָ בין איך אַ בוכהאַלטער. האָב דאָ מיין פרוי און צוויי טעכטערלעך, זאָלן געזונט זיין. סאַראַ לעבן מיר פירן? אַזאַ פינצטער מזל אויף אונזערע שונאים, די באַפרייערס אונזערע, ימח שמם. אויך דער דעלעגאַט זאָל האָבן אַ פינצטער און וויסט לעבן, אַזאַ ווי איך און מיינע קינדער האָבן. אַט גיי איך דאַן פון אים. ער וויל מיך נישט רעגיסטרירן, וויל ער נישט. איך בין אַ „זאַפּאַדניק", זאָגט ער, פון דער פּוילישער מערב־זייט, הייסט עס, ממילא בין איך נישט קיין פּוילישער"...

דעם יידס רייד פלייצן מיט צאַרן־אויסגוס. אין דער ליימיק־צעשפּאַלטענער כאַטע — צוויי קינדער־סקעלעטן און אַ ווייב, וואָס אויף איר פּנים צייכנט זיך היימיש־פּרויאישע שיינקייט פאַרדעקט מיט אַנגעשוואָלענע אויגן־קישעלעך, צעשפּאַלטענע ליפּן און איינגעוויקלטע פּיס אין שמאַטעס.

צו וואָס האָט מיך דער ייד געבערענגט אין דערדאָזיקער חורבה אַריין? ווינציק צרות האָט ער — אייגענע?
„וויסט ווער דער גאַסט איז? — שטעלט ער מיך פאָר פאַר זיין נשתוממדיק

ווייב, וואָס האָט זיך נישקשה איבערגעשראָקן ביים דערזען דעם פאַרפרוירענעם גאַסט — דאָס איז דאָך״...

„ווי איז מיר — האָט דאָס ווייב זיך פאַרהאַקט אין די ערשטע ווערטער — אַזאַ פּנים האָבן מיר דאָך אַלע... זיצט״.

פאַרשטעקט די נאַקעטע פיס אין דער קאַלדרע, זיץ איך אויף אַ טאַפּטשאַן, ווו צוויי מיידעלעך ציטערן פון קעלט נישט אָראָפּנעמענדיק זייערע צעשראָקענע בליקן פון מיר. איצט האָט די פרוי געזאָגט צום מאַן, אַז אַזאַ קאַלדרע וואָלט אין שטוב שטאַרק צונוצגעקומען. אַזעלכענע קעלטן. זאַלבע פיר אויף אַ פּריטשע, פאַרדעקט מיט שמאַטעס...

„נו, ביזט געווען ביים דעלעגאַט?״

„יאָ — צעקרעכצט זיך דער לערער — געווען, אָבער דער ״פּאַן״, ברענען זאָל ער, וויל מיך נישט אָנערקענען פאַר קיין פּוילישן... די אַלטע מעשה״...

איך וואַרעם די פאַרפרוירענע הענט אַרום אַ הייס טעפּל וואַסער, הער די קלאָגרייד פון מאַן־ווייב און דאָס אַריינמישן זיך פון די קינדער — אַכט און צעניאָריקע — וואָס באַטראַכטן דעם „ענין״ ווי דערוואַקסענע.

„און פאַרוואָס באַקומט דער פּינסקער יאָ?״ — האָט דאָס עלטערע מיידעלע פּלוצים אויסגעשריגן מיט הונגער־ווײ אין די אויגן, מיט קראַמפּן אין די אויסגע־צויגענע פינגער־ביינדלעך.

און אַן אומצופרידענע משפּחה קוקט אויף מיר, ווי געזוכט אין מיין הונגער דעם פּתרון צו דער עוולה, וואָס דער „פּאַן מעצענאַס״ באַגייט קעגן לוניניעץ און וואָס ער פאַרגיטיקט דווקא פּינסק.

„ווי איז דאָס מעגלעך — זעצט זיך דער לוניניעצער ייד נעענטער צו מיר — ווי איז דאָס געהערט געוואָרן, אַז פּינסק, וואָס ליגט אַ שפּאַן פון לוניניעץ, זאָל פאַררעכנט ווערן צו פּוילן און מיין שטעטל, מיין לוניניעץ, איר פאַרשטייט... אַזאַ כאָם און אויסוווּרף און אַלץ וואָס אין דער קאָרט״...

ניין. כ׳פאַרשטיי נישט. כ׳פיל בלויז ווי דער הונגער נאָגט פון מיר אַרויס דאָס לעצטע טראָפּן חיות. דאָך, דעם באַשייד פון „פּינסק״ מוז איך גוט צעקייען, כדי צו קענען געבן אַ תשובה מיינע הונגעריקע גאַסטגעבערס. ווייזט זיך אַרויס, אַז „פּינסק״ געהער צו איינעם אַ ייד, אַ „מאַכער״ ביים „פּאַן מעצענאַס״. אַ פּינסקער בחור, וואָס פאַרעט זיך אַרום די קאַלדרעס און שיך און וואָס רעדט אַ פּינסקער פּויליש. איז דערדאַזיקער פּינסקער בחור אָנגעטאָן וואַרעם, טראָגט הויך־פאַרשנורוולטע שיך און טראָגט אַהיים, אין אַ וואַרעמער קיביטקע (אַזוי באַשטעטיקט מיין לוניניעצער ייד, ווייזנדיק מיט אַ פינגער דורכן פענצטער־לאָך: „אָטאָ דאָרט אַנטקעגן״) זאַכן און ווייץ און כלערליי גוטס, בעת ער, דעם

פינסקערס שכן, מוז הונגערן מיט ווייב און קינדער; מוז אַרבעטן פֿאַר אַ ברויט־קאַרטעלע, מוז...

איך נעם זיך פֿילן שולדיק אַנטקעגן דעם ייד, שולדיק, וואָס איך בין אַ וואַרשעווער (אוי, שמוליק בלאַט...) און דערפֿאַר אַ פּוילישער און ער — נישט קיין וואַרשעווער און נישט קיין פּינסקער און דערפֿאַר באַקומט ער נישט קיין שטיצע. איך באַמי זיך צונישטמאַכן דעם ענין פּינסק, אויפֿווייזן, אַז בלויז „עלנבויגנס" דעצידירן איצט — און נישט שטעט. עס האָט אָבער ווינציק פּעולה. און אַז כ'האָב זיך איינגעהיימישט ביי דער משפּחה, וועלכע האָט דערזען, אַז מיט מיין גרויסן „פּוילישן" גליק בין איך הונגעריק און נאַקעט, האָט מען מיך אויפֿגענומען ווי אַ „גלייכן" און געוואַרט אויף בעסערע צייטן, ווען — — איך וועל זיך נישט דאַרפֿן באַהאַלטן אונטער אַ פֿרעמדן נאָמען, וועלן צוריק וואָס געווען און ער — — וועט מיט אַלע יידן דערלעבן צו זען דעם שוואַרצן סוף פֿונם „דאַזיקן רעזשים".

און ביז די געגאַרטע ישועה וועט קומען — שפּאַן איך אַרום אין די בייטאַגן אויפֿן באַזאַר, שפּייז זיך מיט פּלוימען־קערן און וואַקס אַריין אין דער משונה־דיקער געזעלשאַפֿט פֿון האַלב־נאַקעטע, געשוואָלענע, סקעלעטן און סתם־נישט־קיין־היגע, וואָס אַלע צוזאַמען האָבן זיי שוין לאַנג פֿאַרלוירן אַ מענטשלעכן אויסזען. און מיר איז פֿאַרט בעסער פֿון זיי. מחמת איך האָב כאָטש ווו ביינאַכט אַוועקצולייגן דעם קאָפּ. אמת, דער ווינט שפּאַצירט היימיש אַרום אין דער קיביטקע, דאָך — בעסער ווי צו ליגן אינדרויסן אין די נאַס־קאַלטע נעכט.

און חוץ די אַלע היימישע צרות איז מיר, אין דער סביבה פֿון דער לוניניעצער משפּחה, צוגעקומען גאָר אַ נייע צרה: דער נאָמען... וויפֿל איך טו זיך בעטן, מען זאָל „דערווייל פֿאַרגעסן" דעם נאָמען מיינעם, מאַכט דער בוכאַלטער אַזאַ בוכאַלטערישן חשבון:

„ווי פֿון צוויי מאָל צוויי קאָן נישט ווערן קיין פֿינף, אַזוי קאָן נישט פֿון אַן אָרנטלעכן מענטש, אַ ספֿרא רבא, ווערן אַ — בלאַט... ניין, קיינמאָל אין לעבן נישט. ווייל אין לעבן, ווי אין בוך, מוז שטימען דער חשבון; אַ קיילעכיקער חשבון".

אָט אַזוי טוט זיך צוביסלעך אָוועקרוקן דער ווינטער, וואָס אויך די אוזבעקן האָבן אים זייער פֿיינט — צוזאַמען מיט די אָנגעלאָפֿענע פֿון אייראָפּע, וואָס האָבן מיט אַלדעס בייז אויף אָנגעברענגט אַהער די קעלטן. אַז אין אוזבעקיסטאַן איז דאָך אייביק געווען הוילע זון! הכלל: די זון נעמט זיך ווידער באַווייזן. איך שטוב ווערט פֿריילעכער. די מאַמע וועט די קינדער קענען אַרויסלאָזן אויף דער גאַס און אַליין — פּרוּוון זוכן עפּעס פֿאַרדינסט. אין אַזאַ קרירה — ווי האָט מען גאָר געקאָנט אַרויסשטעקן די נאַקעטע פֿיס אין דרויסן! איז פֿריילעכער געוואָרן

אויפן געמיט. און פריילעכער איז אויך דערפאַר, וואָס נאָכן אַוועקפּטרן דעם ווינטער קומט דער זומער און נאָך אים — ווידער אַ שטיק חשכות פאַרביי; ווידער נענטער צו דער גאולה — „אָדער אַהין אָדער אַהער" — — —

נו, נעם אויך איך זען די וועלט אין ליכטיקערע פאַרבן; און עס איז מיר גאָרנישט געקומען אויפן רעיון, אַז אויך אין ליכטיקע טעג קאָן אַמאָל אַ כאַפּ טאָן אַ קרירה — אַ קדחת, וואָס דווקא דער ווינטער איז אַ רפואה קעגן אים. והראיה: אָט בין איך אַ רואיקער געשטאַנען אויפן באַזאַר, געטראַכט וועגן פשוט־ערדישע זאַכן: אָנפּאַקן אַ פול מויל מיט ברויט. ברויט... האָבן זיך ביי מיר פלוצים גענומען טרייסלען די טרייסלדיקע ציין, אַזוי טרייסלען, ווי עס וואָלט געבלאָזן אַ קאַלטער ווינט צווישן זיי, בעת דער ווינטער איז שוין העט פאַרביי. מאַלאַריע — האָבן מבינים תיכף אָפּגעשאַצט; מאַלאַריע.

...ליג איך אויף אַ שפּיטאָל־בעטל. אַ ווייס ליילעך, ווייס ברויט, רייז. אַ טאָג, צוויי און דריי. די היץ האַלט צוביסלעך אין אָפּטרעטן. דערזען די „סעסטראַ". זי שענקט מיר אַ שמייכל. אַבי איך האָב שוין געעפנט די אויגן. געמיינט... איצט וויל זי וויסן, הלמאי קיינער קומט נישט צו מיר, ברענגט גאָרנישט אויף צו דערכאַפּן ס׳האַרץ. אַז כ׳מעג דאָך שוין עסן און דער אַפּעטיט... אויך זי איז הונגעריק, די „שוועסטער". און אַז מען ברענגט עפּעס פאַרן קראַנקן איז אויך זי נהנה. וואָסי. זי באַדינט דאָך דעם חולה. משטיינסגעזאָגט, די פאַרדינסטן. סטייעט קוים אויף צו קויפן אַ קילאָ ברויט אויפן באַזאַר. האַ? איך האָב, קוים שעפּטשענדיק, זיך פאַרענטפערט, אַז בינען בין איך אַליין, איינער אויף דער וועלט. איז דען דערין מיין שולד? אדרבא, זאָל זי זאָגן, די „שוועסטער". אַ מלחמה אַזאַ־אָ!

ליג איך, ווער פאַרטרוקנט און וואַרט — „אַהין אָדער אַהער". און „אַהין" גייט עס דאָ גיכער. בעטלעך ליידיקן זיך אויס. מען טראָגט די „אַוועקגעגאַנגענע" אַרויס אין ליילעכער. דערנאָך קומט אַן אוזבעק מיט אַ הויכער אַרבע אויף צוויי רעדער, געשפּאַנט אין אַ פאַרדאַרט אייזעלע. און מען פירט אַוועק — דריי און פיר און פינף — אויף אַ בית עולם ערגעץ. אויסגעטריקנטע ביינער. יאָ, זיי איז שוין גוט. זיי זענען שוין נישט הונגעריק. זיי דאַרפן שוין נישט טרייבן פון זיך די וואַנצן.

ערשט האָט זיך אימעצער באַוויזן. איך זע אים דורכן קעגנאיבערדיקן פאַלאַטע־פענצטער. אים און אַ בינטל ווייַנטרויבן אין זיינע הענט. ער טרייסלט מיט די טרויבן. די „שוועסטער" האָט דורכן פענצטער זיי ביי אים צוגענומען. הייסער ערב־אָוונט. די וואַנצן ראָיען אויף מיין אויסגעדאַרטן גוף, גרייטן זיך צו דער געוויינלעכער נאַכט־אַרבעט. איצט דערזען אים, דעם קליינעם דוד. אין זיין היים־שטעטל וואָלט ער נאָך איצט געטראָגן ייִנגלשע הייזעלעך, געגאַנגען ערגעץ אויף

דער לער — אין שולע אָדער ביי אַ פאַך. איז ער געוואָרן אַרויסגעריסן פון דער היים, ער און אַ יונגערע שוועסטער. בלאָנקען זיי ביידע אַרום, קריעה בליעה, די באַזאַר־טישן. ווילן אויך אָפּעסן. קינדער נאָך, אָבער טראָגן אויף זייערע שמאָלינקע פּלייצקעס דעם עול פון דערוואַקסענע. די יונגסטע צווישן דער באַזאַר־קאָמפּאַניע. „די קינדער" — רופט מען זיי. און ווי טרויעריק אויף דער נשמה ס'איז — גראָד דער קליינער דודל איז דער פריילעכסטער פון דער קאָמפּאַניע. ער ווייס ווי זיך צו „דרייען", ווי זיך אַרויסצודרייען פון הונגערס נעגל. ער שטעקט אָן אַלעמען מיט זיין געלעכטער. סתם אַזוי. אַ ביטער־פריילעכע שפּיל. און אַז אימעצער פּעלט אויפן באַזאַר, טוט מען אַ פרעג דאָ און דאָרט: האַ? הלך לעולמו? אַ קרעכץ און שוין. ווער האָט דען כוח צו וויינען? בפרט, אַז דודל נעמט און צעלאַכט זיך תיכף: יענעם איז איצט גוט; ער האָט שוין קיין מורא פאַר די ווילדע אוזבעקישע מיליציאַנטן. אוך, די מיליציאַנטן דידאַזיקע! פאַר אַ „טשערוואָניעץ" פאַרקויפן זיי די גאַנצע אוזבעקיש־סאָוועטישע מלוכה.

נו, האָט חברה געהאַט געזען, ווי ס'קדחת האָט מיך אַ כאַפּ געטאָן. איז איינגעפאַלן: אפשר ליגט ער גאָר אין שפּיטאָל? מסתמא אַזוי. אַ סימן: דודל איז געקומען. געוואָלט אַריין. זיך פרעגן. האָט מען נישט אַריינגעלאָזט. אָנשטעקנדיקע קרענק. האָט ער זיך געדרייט אַרום די פענצטערס, געזוכט און געניִשטערט, ביז ר'האָט מיך דערשנאַפּט. האָב איך זיך הנאהדיק צעשמייכלט ביים דערזען אים. דאָ האָט ער צעטרייסלט אַ האַנט אַנטקעגן דער שויב. אַ מין ברכה אויף געזונט־צו־ווערן. ער איז פאַרשוווּנדן. און ביי מיר איבערגעלאָזט דאָס געפיל: אָט בין איך דאָך נישט אַליין. אויך די „סעסטראַ" איז צופרידן. זי האָט די וויינטרויבן אַריינגעלייגט אין מיין נאַכט־שענקעלע. און במשך דער ערשטער נאַכט טאַקע — אויסגעציפּט ביז איינעם. איצט ווייס זי שוין, אַז כ'בין נישט אַליין.

ווי לאַנג גיט מען דאָ אַ בעטל מיט רייז? ווי דאָס מזל שפּילט־צו: אַז מען טראָגט נישט אַרויס אויפן ליילעך, דאַרף מען אַליין אַרויסגיין. דאָס שפּיטאָל איז נישט קיין האָטעל. נו, האָב איך געהאַט מזל און זיך נישט געלאָזט אַרויסטראָגן. איך בין אַוועק אויף מיינע אייגענע פיס — קוים קוים אַ טראָט געשטעלט — צום „פאַן מעצענאַס". היות די מאַלאַריע האָט מיך געפרעסן, מוז איך איצט עפּעס אָפּעסן, כדי צו „קומען צו זיך". און כ'האָב טאַקע באַקומען אַ זעקעלע מאַנע, אַביסעלע ווייס מעל — — — יאָ, זיך גענומען מיט „באַנייטע כוחות" צום שטופּן דעם וואָגן פאָרויס — מען דאַרף דאָך דערגיין צו אַ ציל.

16. מיין שותפות מיטן „פאַן גאַיאָווי"

ער האָט מיך דעריזען און כ'בין אים תיכף געפעלן, ער, דער „פאַן גאַיאָווי". אַ פאַן ווי אַלע פּאַנעס: באָרוועס, הונגעריק, מיט אַ שריפה־פייערל אין די

כעסדיקע אויגן. אַמאָליקע צייטן, מיט אַ יאָר פיר צוריק, איז ער געווען באַלעבאָס מיט אַ ביקס איבער דער פּלייצע, געהיטן פּוילישע וועלדער. אַ שטאָלצער פּאַן געווען. יידן האָט ער קיינמאָל נישט ליב געהאַט; און אויך איצט נישט, ווי אַלע פּאַנעס דאָ. און די גערעכטיקייט מיט זיי: דאָס טראָגט „זשידאָ קאָמונאַ" די שולד פאַרן ביטערן גורל פונם „פּאַן פּאָרוטשניק", פונם „פּאַן וולאַדזאָ" און אויך פונם „פּאַן גאַיאָווי". אָבער איינס פאַראייניקט אַלעמען — די פּאַנעס און די יידן: עסן. מען שמועסט און מען טראַכט איניינעם וועגן — ווו ערגעץ אַפּצועסן — — פּסיאַקרעוו . . .

טאָקע דערפאַר בין איך געפעלן דעם הויכן, ברייט־צעוואַקסענעם און באָרוועסן „פּאַן גאַיאָווי". אַפּעסן? אויך אַזאַ ייד ווי איך וויל דאָך מסתמא עסן. נו, האָט ער אַ פּלאַן. און וועגן אים וויל ער זיך מיט מיר דורכשמועסן.

„העי, פּאַניע טעגאָ! — זינגט ער אַראָפּ פונם באַזאַר־טיש, אויף וועלכן ער טרייסלט זיינע לאַנגע, ברודיקע און באָרוועסע פיס. — ווי רופט מען דעם פּאַן, הע?"

מיר האָבן זיך פאַנאַנדערגעשמועסט. לכתחילה איז אים שווער געווען דאָס צוגעוויינען זיך צו מיין נאָמען. יאָק? בללי... בלי־אַט? ניעך בענדזיע. זאָל זיין — בליאַד... איז דאָך נישט קיין תכלית צו שטאַרבן דאָ, אין דער אוזבעקיש־מאָסקאַלישער ווילדעניש, פון הונגער. על כן, איז זיין פּלאַן: מיר זאָלן מאַכן שותפות; מיר זאָלן זיך אַוועקלאָזן איבער די קאָלכאָזן און קישלאַקעס און דאָרט אויסקלעפּן און אויסקאַלעכן די אוזבעקישע קיביטקעס. וואָרום, די רעגנס האָבן אויפגעהערט און די ליימיקע הייזקעס זענען אונטערגעשווענקט. „דאָבזשע, פּאַניע בליאַד?"

הייסע מדבר־ווינטן. שטעכיק־גליאיקע זאַמדן. קעמל־וועגן שלענגלען זיך איבער אוזבעקישע וויסטענישן, אויסגעפּילטע מיט חמימה. פאָרויס שטעלט זיינע פלאַטשיק־באָרוועסע טריט דער „פּאַן גאַיאָווי"; איבערן אַקסל — אַ לאַנגער שטעקן מיט אַ בינטל האָר אויפן שפּיץ. הינטער אים — שפּרינג איך אַ באָרוועסער אין זאַמד, וויל אַריבערשפּרינגען די היץ, וואָס בריט אויף מיינע נאַקעטע פיס־זוילן. איןביידע הענט — צוויי וויאַדרעס. איך שטיי־אָפּ, קאָן נישט אַניאָגן דעם שותף מיינעם. יעדע ווײַלע דרייט ער אויס זיין גרויסן קאָפּ. זיינע אויגן — רציחה. וועט ער מיך נישט דאָ דערהרגענען, נקמה נעמען אָן מיר פאַר דער „זשידאָ־קאָמונאַ"? — — — ניין. ער איז זייער גוט צו מיר. ער וויל, כ'זאָל מאַכן פאַר אים ליים, ברענגען וואַסער און גנבענען טאַבאַק־בלעטער פון די אוזבעקישע דעכער. אויך האָט ער הנאה פון פּלוימען־זופּ. וועט מען דאַרפן גנבענען פּלוימען... הכלל: ער שילדערט פאַר מיר אַ לעבן — אַ גן־עדן.

אָבער נאָכן אָפּאַרבעטן אַביסל, נאָכן אויסקלעפּן ווענט און דעכער, האָט ער

פּלוצים חרטה־באַקומען. בעסער צו זיצן אויפן באַזאַר, איידער צו אַרבעטן פון פינצטער ביז פינצטער פאַר אַ שיסל דזשוגאַראַ.
אָפּגעגעסן האָבן מיר טאַקע. אָ, שוין לאַנג נישט געגעסן מיט אַזויפיל רואיקן אַפּעטיט. אמת, דאָס טרייסלען די פלוימען־ביימער הערט זיך איבערן קישלאַק און דאָס ברענגט אַ וואָרענונג: „ביי אונז גנבעט מען נישט!", אָבער דער „פּאַן גאַיאָווי" שרעקט זיך נישט:
„סלוכאַי פּאַן, הע, בליאד... טאַק, אַ יאַקזשע" — האָט ער אין איינעם אַ פריי־מאָרגן מיר געהייסן צונויפנעמען די כלים. דער אוזבעקישער „ראיס" האָט אים באַליידיקט. מער וויל ער נישט זיצן דאָ. „דאַ כאַלערי יאַסנעי!" — — —
אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן און געהאַלטן ביים פאַרענדיקן אַ קאַפּיטל פון „פּויליש־יידישער צונויפבארידערונג" אין די מדבר־זאַמדן פון הייסן אוזבעקיסטאַן. סייווי וואָרטן מיר ביידע אויף דער אויסלייזונג, וואָס האָט בדעה בקרוב צו קומען פאַר פּאָלאַקן און יידן, פּאַטריאָטן פון פּוילישן פאַטערלאַנד. הכלל: איצט שפּאַנען מיר צוריק — צום באַזאַר אין קאַראַ־קול. דער „פּאַן גאַיאָווי" פייפט אַ צופרידענער. עס פייפט דער זאַמדיקער מדבר־ווינט. פריילעך!

17. אַ פאַרכעוואַטער סטאַלין

צווישן די זאַמדן האָט זיך פאַרוואַלגערט אַ ישוב — הייזקעס און הייף און אוזבעקן בתוכם. פון וואַנען האָבן זיי זיך גענומען אַהער? נישט שייך צו פרעגן. מיין „גאַיאָווי" שטעלט זיך אָפּ נעבן דער טשאַיכאַנע, קוקט זיך אַרום, טוט אַ הילכיקן שפּיי און מיך אַ האָסטיקן צי נאָך זיך. נישט כדאי זיך אָפּצושטעלן דאָ. אַ מיסטקאַסטן. פּסיאַקרעוו... אָבער פון אַ זייטיק ווינקל איז אַרויסגעקראָכן אַן אויסגעפּאַשעט באַשעפעניש. ער האָט אַוועקגעשטעלט דעם פאַרצעלייענעם טשאַיניק אויפן טעפּעך און אונז אַ רוף געטאָן. לכתחילה האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס וויל דער אוזבעק אונז, נע־ונדניקעס, מכבד־זיין מיט גרינעם טיי, ווי דער שטייגער פון די מדבר־איינוווינער. ווייזט זיך אַרויס: ער מיינט דאָס יאָ און נישט; דער עיקר — מיר זאָלן זיך דאָ פאַרהאַלטן אַביסל צייט אויף דורכצופירן אַ וויכטיק שטיקל אַרבעט. דאָס לייגט פאַר ער, דער „ראיס" (פאָרזיצער) פון דאָרף. ער פירט אונז אַוועק אויף אַ פּלאַץ, וווּ עס שטייט אַ סטאַלין־מאָנומענט, וואָס איז זייער פאַרפאַרכעוועט געוואָרן פון די רעגנס. על־כן וויל ער, דער „ראיס", אַז די „מאַסטראַס" זאָלן ברענגען צוריק צום „שטאַנד" דעם סטאַלין־קאָפּ. ער וועט אונז באַפרידיקן. אין זיין בליק — אַזויפיל געבעט, אַז עס וועקט רחמנות צו אים, צו זיינע ווייבער און אייזלען: ער קאָן נאָך דערפאַר באַצאָלן מיטן קאָפּ, דערפאַר — פאַר אַזאַ פאַרכעוואַטן סטאַלין־קאָפּ — — —
מיין שותף קוקט מיך אָן, ווי ער וואָלט געוואַרט אויף מיין הסכמה. אין זיינע

אויגן זע איך אַ ווילערישן שמייכל; ער וואַרפט אַראָפּ פון זיך דעם שטעקן און די פאַרשידענע ברעטלעך און איך — אַוועקגעשטעלט די וויאַדרעס. דער „ראיס״ האָט געבערענגט צוויי גרויסע, ווייכע און וואַרעמע לעפּיאָשקעס און אַ טשייניק טיי מיט „אוזום״ (ראָזשינקעס). אָפּגערוט די ערשטע נאַכט. פאַרטאָג — אַרויס צו דער אַרבעט. ראשית האָט דער „פאַן גאַיאָווי״ זיך אַוועקגעשטעלט נעבן סטאַלינס קאָפּ, אים באַטראַכט פון אַלע זייטן. אַפילו אַ גלעט געטאָן אים. אָפּגעפאַרטיקט — אַרויסגעגעבן דעם ערשטן באַפעל: אויסגראָבן אַ גרוב.

„אָבער אַ טיפן גרוב, פאַניע טעגאַ, פאַן בליאַד — האָט ער כיטרע געשמייכלט און מחמת פאַרזיכט זיך אומגעקוקט — אַ גרוב, אים דאָ צו באַגראָבן, זראַזומיאַל פאַן?״ געדאַרפט האָט מען — אַרומגלעטן דעם קאָפּ און דערנאָך אים אויסשמירן מיט גאָלד־פאַרב. דער „ראיס״ האָט געבערענגט אַ בייטעלע פאַרב אַזאַ און איז אַוועק צו זיין אַרבעט — זיצן מיט פאַרלייגטע פיס אין דער טשייכאַנע. און דאָ — שטייט דער פוילישער „גאַיאָווי״ אַן אויסגעצויגענער, אַ גלייכער, קוקט אויף סטאַלינען מיט אַזויפיל נצחון און גאווה, ווי ער וואָלט נאַרוואָס איינגענומען מאָסקווע און פון דאָרט פאַרטריבן די מאָסקאַלן בראש מיט אים אַליין, דעם „פאָטער פון די פעלקער״...

„האָ, פסיאַקרעוו — קוקט ער אים אַריין אין די אויסגעקראָכענע אויגן־לעכער — דו ס׳קורווי סין, האַ־כאַ־כאַ!״

ער בייגט זיך גאָר נאָענט צו אים צו, לייגט אַרויף אויף סטאַלינס באַקן זיינע צוויי גרויסע הענט און נעמט מיט זיי האַסטיק באַוועגן — רעכטס, לינקס, לינקס, רעכטס... ער פאַטשט דעם „פאָטער״... און אויף מיר דריזגעט די הויט. איך קוק מיט שרעק אַרום זיך. אַ ליימיקע חמימה האַלט פאַרדושעט די געל־גראָע קיביטקעס. פונוויטן פויזען פאַרביקע אוזבעטשקעס איבער וואַטע שטחים. אַרום דער טשייכאַנע איז ליידיק. די אוזבעקן זענען איצט אויפן באַזאַר אין קאַראַ־קול. בלויז ערגעצווו וואַלגערט זיך הינטער אַ בוים אַן אַלטער אוזבעק. אַן אייזל וויינט. די שטילקייט ווערט אויך צעשטערט דורכן „פאַן גאַיאָווי״, ווען ער טוט אַ שפיי און אַ זאָג:

„עך, פאַניע, ווען איך האָב דאָ מיין ביקס״...

ער האַלט סטאַלינען אַרומגענומען ביים קאָפּ, דראַפּעט מיט ברודיקע נעגל אויף דעם „פאָטערס״ נאָז, אויף זיינע וואָנסעס.

„מיט מיין ביקס, גרוזינישער ממזר, וואָלט איך דיך דאָ צעשאָסן אויף טויזנט שטיקער, אַ זשעבי, אַז דו זאָלסט צעשאָסן ווערן צוזאַמען מיט דיינע מאָסקאַליעס!.. אוך, קורווישער זון״...

און מיטן גאַנצן כוח — אַראָפּגעלאָזט אַזאַ טראַמאַסק איבער סטאַלינס קאָפּ, אַז פון מיר האָט זיך אַרויסגעריסן אַ געשריי:

„פאַניע גאַ"...

„ציכאַ! — האָט ער אויסגעצויגן צו מיר אַ ברודיקע פויסט — זידאַ־קאַמונאַ... אָבער נישט לאַנג וועט עס דויערן"...

ער האָט זיך איבערגעצלמט און — אין זיין לעצטן רציחה־אויסגוס — משתין־געווען סטאַלינען גלייך אין מויל אַריין...

פון ווייטן האָט זיך געזען דער „ראיס". מיר האָבן זיך איילִיק אַ נעם געטאָן צו דער אַרבעט. איך האָב געפּאַטשקעט אונטן מיט ליים און מיין שותף — געווישט מיט אַ שמאַטע איבערן קאָפּ, איבער די וואָנסעס. געזען, אַז מיר אַרבעטן, האָט ער דערלאַנגט אַ שטויס פלוימען, צוגעלייגט די האַנט צום האַרץ מיט אַ „סאַלאַם" און אַוועק. דער „גאַיאַווי" האָט אים נאָכגעשריגן אויף פויליש:

„האַלאַ, עך טען אויצעץ וויעלקי צלאָוויעק!" (דער פאָטער איז אַ גרויסער מענטש) — — —

און זיך ווידער אַ נעם־געטאָן צום קראַצן, שאָבן, גלעטן. שפּעטער האָב איך מיט שרעק אַ קוק געטאָן אויף דער סטאַלין־פיזיאָנאָמיע. זיין פּנים איז ענלעך צו אַ לאַכנדיקער צירק־מאַסקע. מיט וואָס וועט זיך ענדיקן די שפּיל? איך נעם זוכן דעם וועג. אפשר איבערלאָזן דאָ זיי ביידן — דעם פאַלאַק און דעם גרוזין (אַז ברענען זאָלן זיי!) און אַנטלויפן? אויסגעבויגן צו מיר מיט דער צעריסענער פלייצע זיצט דער „גאַיאַווי", קייט דאָס פלייש פון די פלוימען און שעלט מיט רציחה. דערנאָך זיך געטאָן אַ האַסטיקן שטעל אַוועק. פון שרעק בין איך אָפּגע־שפּרונגען אַן אַ זייט. ער האָט אַ כאַפּ געטאָן סטאַלינען ביי דער גאָמבע:

„סוואָלאָץ! דו האָסט אויסגעהרגעט מיליאָנען פאָלאַקן! דו ממזר, מערדער, דו!" — — — און אים אַ שפּיי געטאָן אין מויל אַריין...

ערשט, דאַכט זיך, האָט ער זיך באַרויִקט. פאַרדרייט אַביסל טאַבאַק־בלעטער אין אַ שטיק צייטונג־פּאַפּיר, אַ קלאַפּ געטאָן אַ שטיינדל אויף אַ שטיינדל, פאַררייכערט און אַרומגעווישט דעם שוויס פון פּנים. דער שוויס איז נישט געקומען פון שווערער אַרבעט, אויך נישט פון היץ; דאָס האָט דער ווילדער כעס זיינער אים באַשלאָגן מיט שוויס, אַ כעס, הלמאי ער איז אומבאַהאָלפן קעגן דעם גרוזינישן ממזר...

במשך דער „עקזעקוציע", וואָס האָט אָנגעהאַלטן כמעט דעם גאַנצן ערשטן האַלבן טאָג, האָב איך געטאַנצט מיט מיינע באָרוועסע פיס אין ליים־גרוב, געקנאָטן ליים מיט שטרוי און געווען אָנגעפילט מיט שרעק: אָט וועט דער ירגזונדיקער פאָלאַק אַ כאַפּ־טאָן דעם פאַרכעוואָטן סטאַלין און אים אַ שליידער טאָן אין גרוב אַריין, אים באַגראָבן צוזאַמען מיט מיר — זשידאַ־קאַמונאַ, פּסיאַקרעוו! — — —

ער האָט עס אָבער נישט געטאָן. אַדרבא. דער ישוב הדעת האָט אים גענומען באַוועלטיקן. ער האָט מיר איבערגעלאָזט אַביסל „רויך" פון זיין „ציגנפּיסל",

געהייסן כ׳זאָל פאַרלייגן אַ פייער און אָפּקאָכן אַ פלוימען־זופּ. דערנאָך פאַרמישט אינם אויסגעליידיקטן קעסעלע פון דער פלוימען־זופּ דעם גאָלד־פּראָשעק, זיך גענומען צום פאַרשפּאַכלעווען די לעכער אויף סטאַלינס צורה, זיך באַמיט אומצו־קערן דעם נאָרמאַלן אויסזען פונם „פאָטער״, אָבער — דערצו האָט אים געפעלט אַביסל „קינסטלערישער חוש״, דעם „פּאַן גאַיאָווי״; אַז בסך הכל איז ער דאָך געווען אַ פּשוטער האַלץ־העקער. יאָ, אַ העקער. און דאָס האָט ער אויך דאָ באַוויזן: אַרומגעהאַקט סטאַלינס וואָנסעס, אָפּגעהאַקט שטיקער פון זיינע אויערן... ערשט איצט, דערזעענדיק די „פּרוכט פון זיין אַרבעט״, האָט ער זיך אויף אַן אמת דערשראָקן — זיך געטאָן אַ זעץ אַרויף אויף סטאַלינס קאָפּ און געפרעגט מיין מבינות. און נישט בלויז מבינות. ער האָט פון מיר דערוואַרט אַן אַרויסגאַנג פונם אומגליק, אַן אַנטלויפן — אַפילו איבערצולאָזן דעם צוגעזאָגטן ריווח... „אַ צאָ פּאַן מווי, פּאַניע בליאַט?״ (און וואָס זאָגט דער פּאַן?...).

דאָ איז מיר געקומען צונוץ מיין „קינסטלערישער אימפּולס״. איך האָב צונויפגעמישט אַביסל ליים מיט גאָלד־פאַרב, אונטערגעקלעפּט און אונטערגעשמירט און — אונטערגעיאָגט דעם „גאַיאָווי״: גיכער אַרויס פון דאַנען; עס שמעקט מיט סיביר... ער האָט האַסטיק אויסגעשפּיגן און מיר איבערגעלאָזט דאָס פאַרענדיקן מיטן „אָפּגילדן״ דעם סטאַלין־קאָפּ.

אַוונט־צו האָט דער הימל זיך באַגאָסן מיט גאָלד און קופּער — פייער־שפּיזן האָבן געשטאָכן אויף אונזערע פּלייצעס און פּנימער און אויך — אויף סטאַלינס צעגלאַנצטן פּרצוף. זיין אויסזען — פאַרלאַטעט און פאַרשמירט. דער „גאַיאָווי״ האָט געהאַט שכל צו לויבן מיין „טעכניק״ און גלייכצייטיק צו ווינטשן סטאַלינען, אַז ער זאָל „אַזוי לאַנג לעבן ווי לאַנג דאָס קלעפּעכץ וועט זיך האַלטן אויף זיין פּנים״...

„ראַציאַ, פּאַניע בליאַט?״ (גערעכט פּאַן?...).

פון וויטן זעט זיך דער „ראיס״. זיין פּנים — צעשמייכלט. צוזאַמען מיט דער זון, וואָס גלאַנצט גילדיק אויפן גאָלדענעם סטאַלין, האָט אויך דער קישלאַק באַקומען אַן אַנדערן אויסזען: אַלץ גלאַנצט אין אָוונטדיקן זון־פלאַקער. אויפן וועג — זיצנדיקע אוזבעקן־קופּקעס. מיר דריי — אויך דער „ראיס״ — קוקן מיט צופרידנקייט אויף אַהינטער, אויפן זוניק־צעגילדעטן „פאָטער״.

איבערגעקומען אַ צרה. צוזאַמען דערמיט — זיך צעטיילט מיטן שותפות ביים אַריינקומען קיין קאַראַ־קול: מיר אַ האַלב פּלעצל, אים אַ האַלבס, מיר צען פלוימען, אים צען, מיר אַ זעקעלע דזשוגאַראַ, אים אַ זעקעלע. אויס! מיר זענען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען — נישט ווויסנדיק אויף וועלכן בריקל יעדער וועט איבערשלאָפן די נאַכט.

18. שייע דער מסור

טאָ וואָס טוט זיך פּאָרט מיט דער מלחמה? פאַרביי דעם קאַראַ־קולער וואָקזאַל איילן עשאַלאָנען אַרויף, אַרויף צו קראַסנאָוואָדזק, ווו די דייטשן ברעכן זיך אַריין טיף אינעם אַזיאַטישן רוסלאַנד. יודעי חן ווייסן צו דערציילן, אַז גאָר בקרוב „וועלן מיר זיין אַרומגערינגלט" און אַז די טורקמענער און אוזבעקן וועלן אונז אויס־קוילענען מיט זייערע קינזשאַלן, נאָך איידער די נאַציס וועלן אַריין אַהער. והראיה: אַט הערט מען פון די אוזבעקן, בעת קריגערייען אין טשייכאַנעס מיט עוואַקואירטע:

„אורוס יאַמאַן, גערמאַן יאַכשי"...

וואָס אויף מאַמע־לשון מיינט עס: „דער רוס איז שלעכט, דער דייטש איז גוט". און אויף די וועגנס זעגען פאַנאַנדערגעקלעפּט וואָרענונגען: „ניע באָלטאַי!" נישט פּלוידערן, ווייל דער שונא איז צווישן אונז; אָבער די פּלוידערייען הערן נישט אויף. און זיי ווערן געהערט פונם שונא טאַקע. און שונאים זענען זיך אַלע דאָ; מחמת אַלע ווילן זיי, אַז „עפּעס" זאָל פּאַרקומען. וואָס? נישט שייך — וואָס; קודם דאַרף פאַרשווונדן דאָס וואָס עס איז — — —

נו, איז אַ ביטערע מלחמה. און וואָס ווייטער מיר, יידן, זענען אַנטלאָפן פון איר, נעענטער קומט זי צו אונז — קומען זיי, די דייטשן. דאָס איז שרעקלעכער פון אַ מלחמה!

און דאָך — אַביסעלע בטחון. „דאָס" איז טאַקע שלעכט, אָבער „יענץ" איז נאָך ערגער. דעריבער דאַרף מען אויך אויפכאַפּן די גוטע נייעסן, אַפילו זיי קומען פון אַ שלעכטן מקור. און אַט, גיט דערדאַזיקער מקור, „סאָוואינפאָרמביוראָ" (סאָוועטישע אינפאָרמאַציע־ביוראָ), לעצטנס איבער גוטע נייעסן. עס ווערט דערציילט, אַז „אונזערע" טרייבן דעם שונא, פאַרטרייבן אים פון דער אָקופּירטער טעריטאָריע. הלוואי! יאָ, הלוואי עס זאָל זיין אמת דעריין; עס לייגט זיך שווער אויפן שכל, אַז דידאָזיקע וואָס האָבן אַ חלק אין מוטיקן דעם נאַציזם צו מלחמה, זאָלן איצט פּעאיק זיין זי צו צעשטערן...

שפּאַן איך אַזוי איבערן קאַראַ־קולער טראַקט, וואָס פירט פון סטאַציע־באַזאַר צום שטאָט־באַזאַר און באַגעגן נאָך אַזאַ איינעם ווי איך: פאַרלוירענע קריעה־בליעהניקעס, וואָס ווייסן נישט אין וועמענס זכות דאָס מין לעבן האַלט זיך נאָך אין זיי. יאָ. שטעלן מיר איצט צוזאַמען באַרוועסע טריט און דערזען אַ נייעס־בלעטל אויף אַ וואַנט: „אַ מעלדונג פון טאַס". האַ? וואָס דערציילט זי, מומע „טאַס"? זי דערציילט, אַז — אַט, לייען:

„נאַשאַ וואָיסקאַ, אונזער מיליטער, האָט פאַרנומען דעם באַפעלקערטן פונקט ב'"...

קוקן מיר זיךביידע איבער, איך און דער אַח לצרה מיינער — איינער ענלעך

צום צווייטן: סקעלעטן־פּנימער, באַוואַקסן מיט באָרד און וואָנסע — טאַקע? שוין ווידער פּאַרנומען? הלואי, וואָס גיכער און וואָס מערער. און איך טו אַ זאָג אויפן קול סתם אַזוי:

„זע, אָט די דייטשן, ימח שמם, האָבן פּאַרנומען שטעט גאַנצע און אונזערע... אַ פונקט"...

אַוודאי איז „אַ פונקט" בעסער פון גאָרנישט, דאָך, — סאַראַ שלעכטס ליגט דען אין מיין דאָזיקן ביטערן שמייכל? איז ער דען בכוח צו ברענגען נוצן דעם שונא? אַדרבא. איך וויל דאָך, אַז „אונזערע" זאָלן שוין האָבן פּאַרנומען בערלין און לייפּציג און מינכען... דערצו איז אויך מיין חבר מסכים. און אויך ער שמייכלט ביטער מיט זיין מאָסקע. דרייען מיר זיך אויס מיט דער דעה צו שטעלן וויטער אונזערע באַרוועסע טריט. און דאָ דערזע איך: הינטער מיין פּלייצע שטייט — שייע מיט דער גולע. אַזוי רופט מען אים, ווייל ער האָט אויפן קאַרק צוגעקלעפּט אַ ריזן שטיק פלייש. יאָ. שטייט ער און שרייבט אויף אַ האַרט און קאַליריק שטיקל פּאַפּיר. וואָס שרייבט ער דאָרט? די מעשה איז מיר קשה, מחמת מען שמועסט, אַז דערדאָזיקער שייע — אַן עוואַקואירטער פון אוקראַינע צוזאַמען מיט אַ ווייב אַ גויע און זון אַ גוי ממש — חוץ וואָס זיין סאָוועטישער פּאַטריאָטיזם זאָגט אים אונטער, אַראָפּצוציען ביי די רויטאַרמייער די גאַטקעס פּאַר אַ בינטל וויינטרויבן (און די גאַטקעס שפּעטער פּאַרקויפן צו אַן אוזבעק אויפן באַזאַר), אַז ער איז אויך אַ שמעלקע ביים נאַטשאַלניק מיליציע און אַ גאַנצער „יאַ טעבע דאַם" אין די הינטערטירן פון מוו"ד (פריערדיקע נקוו"ד). נו, האָב איך נישט קיין ספק, אַז דאָס האָט ער פאַרצייכנט מיין נאָמען, עס געמאַכט אָפּן און ברוטאַל, ווי אַן אַגענט־מסור דאַרף עס מאַכן — — —

וואָס איז דער שייע אויסן דערמיט? דאָס אייגענע וואָס אַלע מוסרים דאָ: „אונטערצוטראָגן", כדי — צו באַקומען אַ היתר אויסצוטאָן נאַקעט די סאָוועטישע סאָלדאַטן; צו מעגן טיילן דעם רויב מיט נאַטשאַלסטוואָ — — —

אָבער שייע האָט מיר סיווי קיין באַזונדער שלעכטס נישט געקענט טאָן. בין איך דאָך אַ „פּוילישער", ס'הייסט אַ — פּריווילעגירטער, משטיינס געזאָגט... צו וואָס אַריינטראַכטן פיל — די „מעשה" איז פּאָרגעקומען אין אַ שבת. צומאָרגנס, זונטיק, — אַ גרויסער באַזאַר־טאָג און ווי שטענדיק — געקאָנט אָפּעסן פון די אוזבעקישע זעק אַרויס. האָט אָבער די מיליץ אָפּגעשלאָסן אַלע אַרויסגענג און דורכגעפירט אַן אַבלאַווע. און נישט סתם אַן אַבלאַווע. מען האָט צונויפגעטריבן אַלע „פּוילישע", טאַקע אַלע „פּריווילעגירטע" און זיי אַוועקגעפירט אויפן הויף פון „וואָיענקאָמאַט". ואני בתוכם. וואָס פּלוצים? הפקר?

אויפן הויף זיך דערזען צווישן אַ מאַסע פון מענטשן־אָפּפאַל, וואָס נאָר די מלחמה האָט געקאָנט אַזוינס באַשאַפן: אויסגעטרוקנטע גופים, טיפע אויגן־לעכער,

מיאושדיקע; זיי קלעפּן אַרום ליימיקע ווענט — הונדערטער יונגע בחורים מיט אַלטע פּנימער, אַרויסגעריסענע פון פּויליש־יידישע שטעטלעך. אויך אוזבעקן געפינען זיך דאָ. און אַלע ווערן זיי דאָ סאָרטירט — אויף אַוועקצושיקן ערגעץ. וווהין? נעבן אָפּגעשלאָטענעם טויער — אַ סאָלדאַט מיט אַ לאַנגער ביקס. ביי דער זייט — אַ הייזקע, וווהין עס ווערן אַרייַנגערופן די צונויפגעכאַפּטע. אויף דעם הויף ליגט מען אַ טאָג און צוויי. דאָ שטאַרבט מען „סתם אַזוי". מיין שכן, אַ סקעלעט, וואָס זיין זעלטער איז שווער אָפּצושאַצן, קראַצט זיין פּלייצע אַזוי האַסטיק אויף דער וואַנט, אַז עס פאַלט פון איר שטיקער ליים. פון וואַנען האָבן זיך גענומען צו אים כוחות זיך אַזוי האַסטיק צו קראַצן? דאָס האָט ער אָנגעלאָדן זיין לעצט ביסל כוחות, כדי זיי אַרויפצוואַרפן אויף דער וואַנט, זי איינצווואַרפן, איינצושליידערן. דאָס איז די נקמה פון שוואַכן קעגן שטאַרקן.

און דאָך — אַביסעלע האָפענונג וועקט זיך פאָרט: עס ווערן צונויפגעשטעלט גרופּעס, אויסגעשטעלט אין רייען און ערגעץ אַוועקגעפירט. אָבער פריער ווערט יעדער אַרייַנגערופן אין יענער הייזקע ביים איינגאַנג, ווו עס זיצט אַ מיליטערישער דאָקטער און דער נאַטשאַלניק מיליציע. אויך איז געקומען מיין ריי.

זיך אַוועקגעשטעלט אַנטקעגן די צוויי גלאַוונע מכובדים, וואָס זייערע פּנימער דערציילן, אַז זיי לעבן נישט אויף הונגער־דיעטעס. לכאורה האָב איך זיך געוווּנדערט, הלמאי זיי האָבן אונז געכאַפּט און אָפּגעשלאָסן, מיר זאָלן נישט אַנטלויפן. זענען דאָך פאַראַן פיל פון די פּוילישע, וואָס בעטן זיך מ׳זאָל זיי שיקן אין דער אַרמיי, אַוועקשיקן אויפן פראָנט, מחמת דאָרט איז פאַראַן אַ שאַנס צו שטאַרבן ווי העלדן און נישט — אויסגיין ווי הונגעריקע קעץ. נו, דאַרף מען איצט וואַרטן מיט געדולד — וואָס זיי האָבן בדעה צו טאָן מיט אונז. און אָט — אַ קורצע פּראָצעדור: געזונט? פאַך? נאָמען? אויף די ערשטע 2 שאלות זענען די תשובות גלאַטיקע: נישט קיין געזונט און נישט קיין פאַך. וואָס שייך דעם נאָמען, האָב איך זיך שיער פאַרפלאָנטערט, אָבער מיין „געזונטער חוש" האָט גובר געווען אַן ערנסטע שטרויכלונג. אַ גוטער מלאך האָט מיר אַ האַסטיקן שנעל געטאָן אויף דער סאַמער שפּיץ נאָז און תיכף — אַרויסגעפּאָנפּעט דעם „בלאַט" מיט גרויס רעספּעקט.

דאָ האָב איך דערזען אַ שמייכל אונטער די חזיר־אייגעלעך ביים „היטער פון געזעץ". האָט ער דאָס געשמייכלט פונם נאָמען, וואָס טראָגט מיט זיך אַזאַ שיינעם עכטרוסישן אויסדרוק? צווישן זיינע פינגער — אַ פאַרביק שטיקל פּאַפּיר, וואָס ער טראָגט־אונטער צו זיין קאָלעגע, אַרויסזאָגנדיק: „דאָס איז ער!". אינעם שטיקל פּאַפּיר — דערקענט דאָס מסירהלע פון שייע מיט דער גולע... האָב זיך באַמיט צו „האַלטן קאָרעקט", כאָטש אינעווייניק האָט זיך אין מיר אַלץ געטרייסלט. איז גוט געווען, וואָס מען האָט מיך אַרויסגעפירט און אַוועקגעשטעלט

אין אַ ריי. וואָרום, עס האָט זיך זייער געוואָלט אַוועקפאַלן פון ווייטיק און שרעק. בעת מען האָט מיך געפירט צום וואָקזאַל האָב איך דאָרט געזוכט מיטן בליק דעם מסור; כאָטש אַ שפּיי טאָן אויף אים... אָבער דער מאַרש פון אַ צוואַנציק פירעלעך איז צוגעגאַנגען אונטער אויסגעשטרעקטע ביקסן. ווער ווייס, צי די אַלע דאָ — אוזבעקן, פּאָלאַקן און טאַטערן און סתם בראָדיאַגעס — צי די אַלע דאָ זענען נישט אַזוינע „שונאים פון דער רעוואָלוציע” ווי איך און דאָס פאַרשיקט מען אונז ערגעצווו — אַ מאַכל פאַר די ווייסע בערן.

אויפן פּעראָן — אַ מהומה: סאָלדאַטן לויפן צום באַזאַר און צוריק. אַ לאַנגער עשאַלאָן. אונזער גרופּע, אַ מאָן אַכציק, שטייט פאַרקוועטשט אין אַ ווינקל. פון דאָרט אַרויס באַוויזן איך איבערצוליי‌ענען, מיט ווייסער שריפט, איבער דער לענג פון די סאָלדאַטסקע וואַגאָנעס:

„בעי זשידאָוו, ספּאַסעי ראָסיאַ!”

זע נאָר: איז טאַקע מעגלעך אַזאַ אָפענע פּאָגראָם־פּראָפּאַגאַנדע אינם סאָוועטישן ראָסיאַ?

דער צוג איז דאָ געשטאַנען אַ פעליקע נאַכט. און ביז אַהער איז ער פאַרביי־געפאָרן שטעט און סטאַציעס. און נישט דאָ און נישט אַנדערשוו — האָט מען אָפּגעווישט די אויפשריפט...

ווער קאָן מיר געבן אַ באַשייד דערויף?

מען האָט אונז אַריבערגעפירט אויף די הינטערשטע רעלסן, דאָרט אַריינגעזעצט אין אָפענע וואַגאָנעס. די באַביקסטע שמירה איז אַוועק. מיר געהערן נישט מער צום קאָראַ־קולער "וואַיענקאָמאַט".

שייע דעם מסור האָב איך נישט געזען, אָבער זיין נאָמען וועט בלייבן איינגעקריצט אין זכרון ווי איינער פון צווישן די פאַרשאָלטענע אינם לאַנד פון די סאָוועטן.

19. „פּאַרכאַדסטרוי” — דאָס סאָוועטישע גיהנום של מטה

אַזוי רופט זיך דאָס מקום, וווהין מ'האָט מיך אַוועקגעפירט: „פּאַרכאַדסטרוי”, אַ נאָמען, וואָס טראָגט די אומשולד אַליין — „בויען”, מען מאַכט דאָ אַ בויאונג, ענלעך ווי אַנדערע מקומות טראָגן דעם נאָמען: דערציאונג... דאָס מקום: אַ געלער זאַמד־שטויב דרייט זיך אין ווינט, שטעכט אין די אויגן, פאַרשטאָפּט די אָטעם־לעכער.

דער פרישער מענטשן פלייש־טראַנספּאָרט איז איינגעטיילט געוואָרן אין בריגאַדעס. ביז אָוונט. צום „רוען” — אַראָפּגעפירט אַלעמען אין זשעמליאַנקעס און יעדער האָט באַקומען — אַ שיסל, אַ לעפל און אַ בינטל שטרוי. דאָ, אונטער דר'ערד, איז פאַר יעדן צוגעטיילט אַ שמאָל ליים־פּאַסיקל ביז זון־אויפגאַנג. אין „מיין” זשעמליאַנקע — זאַלבע אַכט. יעדער מיט זיין בינטל שטרוי, מיט שיסל־לעפל און

מיט אַ פּנים, וואָס האָט צו זאָגן: אַז ווי זאָל זיין צו זי; וואָרום ווינד און ווי איז שוין צו אונז... יעדער רעאַגירט אויף זיין שטייגער. הער טאָוב, דער סוחר פון גאַליציע מיט די טרייסלדיקע באַקן־זעקעלעך, טוט אַ שפּיי אויף דער ליימענער פּאַדלאָגע מיט אַזאַ רוגזה, אַז די אונטערשטע אַריינגעזעצטע ציין שפּרינגען אים אַרויס פון מויל. ער באַוויזט נאָך אויסצושרייען:

„אוי! שוין! אויס!"

דאָס מיינט ער אַז עס איז שוין אויס מיט די ציין. אַז סיווי דאַרף ער זיי נישט דאָ. וואָס שרייט ער? אָבער די ציין זענען נישט צעבראָכן געוואָרן. דער וואַרשעווער פּרוכטהענדלער, מיט טריפנדיקע אויגן און מיט סמנים פון אַ געוועזענעם גבר, באַרואיקט דעם גאַליציאַנער:

„וואָס האָסטו זיך אַזוי דערשראָקן, טאָוב, נישט געווינט? דער עיקר: שפּיי נישט מיט די ציין. זיי קאָנען נאָך אַמאָל צונוצקומען, כאָטש דאָ זענען זיי נישט נייטיק"...

יעדע זשעמליאַנקע — אַ בריגאַדע. יעדע בריגאַדע — אַ פינטעלע אינם מענטשן־מיראַזש, וואָס טוט זיך שרויפן אַרום אַ באַרג מיטן נאָמען „פּאַרכאַד". דאָ גרייט מען אויפצושטעלן אַן עלעקטרישע סטאַנציע לויטן מוסטער פון דניעפּראָפּעטראָווסק. דאָרט — דער דניעפּר; דאָ — סיר דאַריאַ, אַ וואַסער, וואָס שוימט מיט אַזאַ רציחה, גלייך דער לויתן אַליין וואָלט זיך געטראַסקעט אינעווייניק, וואָלט זיך געריסן אַלעמען צו פאַרשלינגען. אין מיטן פונם דאָזיקן שוימיקן וואַסער וועט געלייגט ווערן אַ בעטאָנענער פונדאַמענט פאַר דער אוזבעקישער עלעקטריע־סטאַנציע. און כלים זענען פאַראַן געווגוג, כלים, עוואַקואירטע פונם אָקופּירטן דניעפּראָגעס. און אויך מומחים פעלן נישט, אינזשעניערן מכל המינים. זיי מעסטן. זיי צייכענען אויף אַרומגעצוימטע זאַמד־שטחים. און אויבן, אויפן באַרג — מוראַזשקעס, טויזנטער מוראַזשקעס. און אַז מען קוקט זיך איין: מענטשן, צונויפגעדרייטע, די הענט אַהינטער און אויף זיי — אַ שטיין. און אַזוי טוען זיי זיך שרויפן פון אויבן דעם באַרג ביז אונטן אַראָפּ — איינער הינטער איינעם: מענער, ווייבער, קינדער — יעדער מיט אַ שטיין, אַראָפּ, אַראָפּ, אים אַריינצווואַרפן אינם וואַסער, אינם פּיסק פון לויתן; אויך — אַריינצוואַרפן דעם שטיין צוזאַמען מיט זיך; מחמת נישט איין מאָל טרעפט, אַז די שטיין־משא שלעפּט נאָך זיך דעם שטיין־טרעגער. און אַז אַזאַ שטיין־טרעגער האָט מזל: אַריינגעוואָרפן דעם שטיין אין ציל און אַליין געבליבן שטיין גאַנץ נעבן אַ טישעלע ביים וואַסער־ברעג, באַקומט ער אַ בלעכל — וואָס מער בלעכלעך, מער גאָרמע; דאָס מיינט: צוויי מאָל אין טאָג „גאָריאַטשע פּיטאַניע".

דער רוב שטיין־טרעגערס — אוזבעקן, משפּחות גאַנצע, ישובים גאַנצע. ווי ראָבאָטן, ליימענע גולמס, לאָזן זיי זיך פון וואַסער אַרויף צום באַרג אַראָפּ, צום הינטערשטן טייל, ווו־הין דאָס וואַסער גרייכט נישט. דאָרט לויפן אַרום בויערס־

ספּעציאַליסטן. זיי בויערן לעכער אינם באַרג, לייגן אַריין דינאַמיט. אַזוי רייסן זיי שטיקער פונם פאַרכאַד. און אויך זיי, די אָפּגעריסענע שטיינער־שטיקער האָבן זייער ציל — צו שפּרינגען פון יענער זייט אַראָפּ, צום וואַסער. טרעפט: דינאַמיט צעפּליקט אַ שטיק באַרג און די צעפּליקטע צעפּליען זיך איבער אוזבעקישע קעפּ — הרגעט אַוועק פון זיי צען, צוואַנציק, דרייסיק...

פאַרכאַד און סיר דאריא.

אויבן, אויפן סאַמע שפּיץ פאַרכאַד, שפּייט דער ווינט מיט שטויב און זאַמד, שליידערט אונזער בריגאַדע איינעם אויפן צווייטן. דאָ דאַרפן מיר אָנהייבן אונזער אַרבעט: טראָגן שטיינער און באַקומען בלעכלעך. אפשר, ווען עס וואָלט געווען פאַרקערט, למשל: מיר זאָלן באַקומען די בלעכלעך פריער... סײַווי: צומערשטן מאָל זענען אַכט יידן אַרויס מיט אַ קאָנטררעוואָלוציאָנער געשריי: „ביין! מיר רירן זיך נישט פון אָרט!"

זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דר׳ערד, איינער פאַרשטעלט היגטערן צווייטנס פּלייצע, זיך צונויפגעטוליעט קעגן רייסנדיקן ווינט — איין משפּחה מיט איין ווילן: נישט צו זיין קיין קנעכט צו קנעכט. נו, נישט איז — נישט. קיינער קומט נישט פרעגן. נישט קיינעמס דאַגה. ווער עס אַרבעט נישט — עסט נישט. נישט טראָגן קיין שטיינער — נישט באַקומען קיין בלעכלעך.

צוזאַמען מיט די לעצטע גרופּעס אוזבעקן — אינם גראָען טונקל פונם זאַמדיקשטייניקן שרויפן־וועג — לאָזן מיר זיך אַראָפּ אונטן. אַוועק אינם אונטערערד, זיך אַוועקגעלייגט אויף די פייכטע שטרוי־ביגטלעך און געעטעמט שווער, זייער שווער. אַזוי אָפּגעעטעמט אַ פעליקע נאַכט, אַ טאָג מיט אַ נאַכט. קיינער קומט נישט און קיינעם אַרט נישט אויב מיר וועלן דאָ, אין דעם גרוב, בלייבן אָט אַזוי, אָן אַ קדיש און אָן אַ געדעכעניש. נו, נישט איז — נישט, אָבער עולם האָט געזוכט און געפונען — אַ באַזאַר. יאָ. אין דעם מדבר האַנדלען אוזבעקן מיט... בלעכלעך. הכּלל: מיר האָבן זיך צונויפגעלייגט אין אַ קאָלעקטיוו מיטן אויסבליק — שפּעטער צו פאַרגלייכן דעם חשבון; עס הייסט: ווער עס פאַרמאָגט נישט איצט, וועט אַ צווייט מאָל אָפּסילוקן. נישט שייך: אַ יידישע בריגאַדע דאַרף אַזוי איינטיילן די זופּן, אַז פאַר יעדן זאָל סטייען אַ לעפל.

ביים איינהאַנדלען די בלעכלעך אויפן אוזבעקישן מדבר־באַזאַר האָט זיך ספּעציאַליזירט דער וואַרשעווער פּרוכטהענדלער. אַ בלעכל — אַ קערבל. און אַז נאָך דער זופּ וועט בלייבן אַ רעשט קערבלעך, איז עס דאָך אַ קאָלעקטיוו: איינער פאַר אַלע און אַלע פאַר איינעם. און אַז עס איז געקומען צו מיין קערבל־חלק, בין איך נקי. אָן אַ קערבל ביי דער נשמה. איז געבליבן — איך וועל גיין מיט די איינגעהאַנדלטע בלעכלעך צום קעסל, ברענגען די זופּן. האָב איך מסכּים־געווען. און טאַקע גיך און תיכף זיך אַוועקגעלאָזט צום באַרג־צופוסנס, ווו דער שכר־

עבודה ווערט פאַרטיילט אונטערן אָפּענעם, פרייען און זאַמדיק־רוישיקן הימל. שטיי איך אין „אָטשערעד״, אַריינגעוואָקסן אין דזשונגל פון האַלב־מענטש־האַלב־חיה. פאַרנט און הינטן — אומפאַרשטענדלעכע קולות, וואָס רייסן זיך אַרויס פון שמאַטעס, אַרומגעוויקלטע אויף פּנימער און קעפּ. די קולות ווערן באַגלייט פון בלעכענע שיסלען — כדי איבערצוזעצן זייער שאַרוען אויף אַ פאַרשטענדלעכער שפּראַך — מיינט עס איין וואָרט: ע ס ן...

אָט שטיי איך שוין ביים קעסל. דער הימל האָט געביטן די פאַרב פון גראָ אויף שוואַרץ. נאַכט. און די נאַכט קוקט אַרויס פונם טיפן קעסל־גרוב; וואָס אַזוינס געפינט זיך דאָרט? איך גרייט־אָן מיינע קעסעלעך און שיסלען, כאַפּ אַ בליק אויפן טיילער: אַ טונקל־גראָע באָרד און אַ ווייסע יאַרמלקע. כ׳וואָלט געשווירן — אַ ייד פון ווילנע, אָדער טאָקע פון אַ וואַרשעווער חסידים־שטיבל — — — „איר הערט, חברה — האָב איך אַ האָפּערדיקער דערציילט חידושים צו מיינע זשעמליאַנקע־שותפים — ווי נאָר כ׳האָב דערלאַנגט דעם זופּן־טיילער די בלעכלעך, האָט זיך פון מיין טרוקענעם גאָרגל אַרויסגעריסן, אָט ווי צו מאַכן אַ ברכה: „שלום עליכם, רעב״... און יענער, צ׳הערט — גאַרנישט ווי דער שטייגער פון אַ בערדיקן פּאַניע — האָט אַראָפּגעטויכט מיט זיין שעפּ־לעפל גאָר אונטן, אים אַרויסגעצויגן אַ געדיכט־אָנגעפּילטן און אַ זאָג געטאָן אין קעסל אַריין: „עסט געזונטערהייט און מאַכט אַ ברכה״...״.

„האָ?״ האָט יעדער אַ פּאַכע געטאָן מיטן לעפל צו מיין ווינקל.

לאַנג וואַרטן אויף אַ תשובה האָט מען נישט געדאַרפט. צומאַרגנס, מעריב־צייט, איז דער זופּן־טיילער געווען אונזער גאַסט. ער האָט אַרויסגעצויגן פון אַ זעקעלע פיר גרויסע ברויט־פּענעצן; אויך געברענגט אַ פלעשל נאַפט און אַ קאַניצל. און גערעדט מיט אונז האָט ער אין אַזאַ ווייכן, אַזאַ היימיש־מחיהדיקן יידיש... אַן עוואַקואירטער ייד פון מינסק. און מחמת דער הויפּט־אינזשעניער — אויך אַ ייד — האָט געוווסט, אַז דער מינסקער ייד איז נישט סתם אַ מינסקער ייד, וואָס איז געכאַפּט געוואָרן ערגעץ צוזאַמען מיט אוזבעקן און געברענגט געוואָרן אַהער; אַז דער מינסקער ייד איז געווען אַ רב צווישן מינסקער יידן — — האָט ער אים אָוועקגעשטעלט ביים קעסל.

„איר פאַרשטייט, מיינע ליבע ברידער — האָט דער ייד און רב פון מינסק אַריינגענומען זיין באָרד איןביידע הענט־פּלאַכן — פאַראַן אַ גמרא: „מיום שחרב בית המקדש״, זינט דער בית המקדש איז חרוב געוואָרן, „אין לו להקדוש ברוך־הוא בעולמו״, האָט נישט דער באַשעפער אין זיין וועלט, „אלא ד׳ אמות״... בלויז פיר איילן... נו, רבותי, וועל׳מיר זיך דאָ מתיחד זיין מיט דער שכינה און דאַווענען מעריב בציבור און אין דעם זכות״...

„וועלן מיר באַקומען געדיכטע זופּן!״ — האָט אַרויסגעפּלאַצט דער הער טאַוב, און פון אַ צווייט ווינקל האָט אימעצער מסכים געווען:
„א־מ־ן!״
עולם האָט פאַרדעקט די קעפּ. פון דער טונקלקייט האָבן זיך אַרויסגעגליטשט טרייסלדיקע שאָטנס, זיך געדראַפּעט אויף ליימיק־פּייכטע ווענט.
...המעריב ערבים...
ווי לאַנג, וויפל יאָרן האָב איך נישט געדאַוונט, האַ? אַ וועלט מיט יאָרן. דער־פאַר פיל איך איצט דעם ריכטיקן טעם אינם מעריב: עלית נשמה, בעת דער גוף האָט נישט דעם ווערט פון אַ צווייער...
אָפּגעדאַוונט, זאָגט דער ייד און רב איייליק „אַ גוטע נאַכט״ און פאַרשווינדט. דאָס קאַניצל טאַנצט מיט עיפּושדיקע רויכעלעך איבערן אויסגעקרומטן זשעמליאַנקע־סופיט. מיר ליגן פאַרשטומטע אויפן פייכטן ליים, יעדער פאַרדריקט אין זיינע טראַכטענישן. און ס'איז נישט שווער צו הערן וואָס יעדער טראַכט.
און איך שפּאַן יעדן אָוונט צום קעסל, צום רב־זופּ־טיילער. און יעדן אָוונט — אַראָפּגעטויכט טיף מיטן לעפל אין קעסל, אָנגעפילט מיינע קעסעלעך און צוריק אַריינגעשטופּט אין האַנט די בלעכלעך צוזאַמען מיט אַ שטיק ברויט...
לאַנג האָט אָבער נישט אָנגעהאַלטן אונזער „לאַדעריי״. דאָס איז דאָך געווען פאַרצופּילן. מחמת אימעצער ערגעצוו האָט סוף־סוף דערשנאַפּט, אַז גוטער „מענטשן־מאַטעריאַל״ ווערט נישט אויסגענוצט, גייט לאיבוד. האָבן מיר אַפילו נישט באַוויזן זיך צו געזעגענען מיטן גוטן ייד, וואָס האָט איינציקע טעג דערהאַלטן אונזער חיות. אין אַ ווינטיקן פאַרטאָג איז פאַרפאָרן צו דער זשעמליאַנקע אַ לאַסט־אויטאָ. אַ יונג אין שמאָלע הויזן מיט אַ פּנים פון לעדער האָט אונז געהייסן צונויפנעמען די זאַכן און אַריינזיצן אין אויטאָ. וווהין? נישט שייך צו פרעגן. וואָרום, זענען מיר דאָך בלויז „מענטשן־מאַטעריאַל״, שרייפלעך אין אַ מאַשין, וואָס רופט זיך: „עבדים אתם״ — — —

20. ביעגאָוואַט — אַ באַוועגלעכער גולם

און אַלץ טוט זיך באַוועגן אַרום — עסן.
„אַ קרענק וועל איך זיי אַרבעטן אָן עסן!״ — האָט הער טאַוב אויסגערופן ביים שטעלן דעם ערשטן טראָט אויפן נייעם באָדן.
אמת, אויך דאָ אָהער גרייכן די ווינטן פון פאַרכאָד און סיר דאַריאַ; עס האָט אָבער מער אָן אויסזען פון אַ באַלעבאַטישער פּירונג. אויך דאָ איז די ליימיקע ערד באַלייגט מיט אייזנס און אוזבעקן, מיט כלים און קברים, ווו דאָס מענטשן־מאַטעריאַל געפינט מנוחה. באַלעבאָס פון דעם מקום איז — „מעטאַלאָטרעסט״. תיכף האָט זיך פאַר אונז פאַרגעשטעלט אַ שמאָל־אויגיקער פאָנקע: מאַסטער

גוראָוו. ער האָט אונז באַטיטלט: „רעביאַטאַ". גוראָוו איז מייסטער פונם דאָזיקן טרעסט, וואָס האָט בדעה אויף דעם פּלאַץ אויפצושטעלן אַ „הייבער" פון אַ פופציק מעטער די הייך. דערצו דאַרף ער „הענט" און דערפאַר האָט מען אונז געברענגט אַהער. מיר דאַרפן זיין פאָלגעוודיק. די רעשט — לאָזן פאַר אים. ער וועט שוין זאָרגן פאַר אונז. עסן? לויט דער אַרבעט. גוט געאַרבעט — גוט געגעסן.

„וואָט! — ווייזט גוראָוו מיט אַ פינגער איבערן האַלז — ברויט און זופּ און"... אונזער נייע קוואַרטיר — נישט אונטער דר'ערד: אַ הילצערנער באַראַק, אַ מין סוכה, באַוואָרפן מיט שטרוי און ליים. אַז עס וועלן זיין ברעטער וועט מען מאַכן פּריטשעס און דערוויל — פרעגן ווינציקער קשיות און האָבן ווינציקער טענות; זיך אויסרוען און מאָרגן פאַרטאָג — צו דער אַרבעט.

גוראָוו — שמאַלינקע אייגעלעך, געשטופּלטע באַקן, קורץ און קלעצלדיק. ער האָט נישט בדעה צו זיין אונזער פירער. ווי קומט דאָס גאָר צו אים? איז ער דאָך נישט מער ווי אַ סאָוועטישער מענטש, אַן אַרבעטער. אלא וואָס? ער וויל בלויז, מיר זאָלן אים העלפן אויפשטעלן דעם „הייבער". ער וואָלט עס אַליין געמאַכט. טאָ ווו זאָל ער נעמען אַ פופציק פּאָר הענט, אַז פאַרמאָגן פאַרמאָגט ער בלויז — צוויי איינצלנע הענט. אַזוי פאַרטייטשט ער אונז די עובדא און באַמיט זיך נישט אָנצוּוואָרפן קיין שרעק. ער זאָגט בלויז דעם אמת: איידער צו גיין אויפן פראָנט, איז בעסער דאָ צו אַרבעטן.

צומאָרגנס — די ערשטע לעקציע ווי אַזוי צו ווערן מעטאַלאָווצעס; ווי אַזוי צו פאַרדרייען און אויפדרייען שרויפן, קלעטערן אויף לייטערס, שפּרינגען ווי אַקראָבאַטן. דער מקום — אַ שטעטל אַזאַ מיטן נאָמען: ביעגאָוואַט. איינער פון די נייע „מעטאַלאָווצעס" האָט אויסגעפונען, אַז דער נאָמען פון שטעטל טייטשט זיך אויף יידיש: „אַנטלויפן ווייט"... און ביז וואָס־וועגן איז אַריין אין אונזער לשון אַ לעקסיקאָן מיט נייע ווערטער, וואָס גוראָוו האָט זיי אין אונז אַריינגע־האַמערט מיט זיין מעטאַלענעם לשון. איך האָב זיך מיט קאָפּ איינגעהערט צו די ווערטער; מסתמא דערפאַר בין איך אים געפעלן־געוואָרן צו ווערן זיין „פּערזענ־לעכער אונטערטראַגער". שפּעטער האָב איך געוואָלט דערגיין דעם סוד דערפון. וואָסי? האָב איך טאַקע אַזוינע מעטאַלענע פעאיקייטן? זעט־אויס, אַז גוראָווס „אויסוואַל" האָט זיך גענומען מחמת מיין „גלאַטן נאָמען", וואָס רעדט זיך אים לייכט אַרויס:

„נו־קאַ, בליאַט, כאַ־כאַ־כאַ!"

און דערביי איז עס געבליבן:

„בליאַט, שטעל־אָן די 'לעביאַטקע'!"

„בליאַט, דערלאַנג אַ 'זשימקע'!"

„בליאַט, צי־אָן דעם ,טראָס׳!״
„בליאַט, ברענג אַהער דעם ,דאָנקראַט׳!״
„בליאַט״...

מיר איז דער ענין נישט שטאַרק געפעלן. מילא, דער נאָמען, דאָס לאַכן ביים אויסרופן אים — נו, לאָז איך צוזאַמען מיט אַלע פּאַנקעס; אָבער די אַרבעט, דאָס דאַרפן נאָכלויפן גוראָוון מיט אַ פּאַק שליסלען און זיין גרייט צו יעדן רוף, בעת אַנדערע האָבן צייט אָפּצורוען, אַפילו צו פאַרשווינדן פון פּלאַץ...

„בליאַד בודו — האָט גוראָוו צוגעלייגט אַ האַנט צום האַרץ בעת מירביידע זענען געהאַנגען אויף אַן אייזערנעם סלופּ — עס ווענדט זיך בלויז אָן דיר, בליאַט: זאָלסט איבעררעדן מיט דיינע דאַרט, זיי זאָלן נישט קריכן אויפן באַזאַר; זיי זאָלן מיר העלפן ביי דער אַרבעט, וועלן זיי קריגן „גאַריאַטשי״ און איך וועל נישט גיין אויפן פּראָנט. — בליאַד בודו, טאָוואַרישטש בליאַט! דו אַרבעטסט, דו! יאָב״...

און גוראָוו איז געבליבן צוגעקלעפּט צו מיין בלאַט־נאָמען. בין איך גרייט אים דעם נאָמען אַוועקצושענקען, כ׳זאָל זיך קענען באַפרייען פון דער שטאָלענער עבודה; כ׳זאָל אויך קענען פעלן ביי דער אַרבעט ווי עס טרעפט ביי אַנדערע. אָבער ניין. ווייל דער נאָמען מיינער געפעלט אים רופט ער כסדר איבערן פּלאַץ: „בליאַט״ אַהער! „בליאַט״ אַהין! — — —

און די אַרבעט רוקט זיך פאָרויס. דער „הייבער״ דאַרף ברענגען משאות פון די באַלניעס, שווערע מאַשין־טיילן, עוואַקואירטע פון די אָקופּירטע געביטן. און דאָ ווי אומעטום — אַ מענטשן־געזשומעריי; אוזבעקן, וואָס זענען מיט דער צייט אָנגעברענגט געוואָרן אַהער: פויזנדיקע ווערעם, וואָס טרינקען גרינעם טיי, שפּייען מיט גרינעם טאַבאַק און — ווערן צעריבן אונטער די טאַניקע אייזנס. וועל אויך איך האָבן אַזאַ אוזבעקישן סוף: קריגן אַ שטויס פון אַ שפּיציקן אייזן און — אויס?!

אַזוי טו איך טראַכטן בעת גוראָוו רופט מיך אַרויפצודראַפּען זיך צום סאַמע שפּיץ פונם „הייבער״־סקעלעט. אויבן: דער מלאך־המות, בכבודו ובעצמו, קריכט צו מיר אינם שליידערנדיקן ווינט; אַמפּערט זיך און פייפט און בלאָזט אויף מיין נאַקעט לייב. בררר! — נישט געלאָזט זיך אַראָפּרייסן, נישט געוואָלט זיך איבערגעבן דער מיתה משונה...

און אַז מ׳שמועסט: מזל — אין איינעם אַ פאַרטאָג, ביים קייקלען אַ שטאָלן רעדל, וואָס האָט מסתמא געוווגן אַ טאָן, האָבן די אונטערשטופּערס — מידע, הונגעריקע און פאַרשלאָפענע אוזבעקן און יידן — אַ וואַקל געטאָן דאָס רעדל, עס אַרויסגעלאָזט פון די הענט און זיך פאַנאַנדערגעלאָפן. איך בין געלאָפן דער לעצטער און די מאַסע איז געפאַלן אויף מיין לינקן פוס: מיך אומגעוואָרפן און

צוגעדריקט דעם פוס אַזוי, אַז נישט צו רירן זיך פון אָרט. אַפילו צו שרייען האָב איך נישט געהאַט קיין כוח. עס האָט געדויערט אַ היפש ביסל צייט ביז מען האָט דאָס ראָד געקאָנט אַראָפּשלעפּן פון מיין פוס און מיך — אַוועקצוטראָגן אין דער אַמבולאַטאָריע. מזל! מיט אַ געשוואָלענעם פוס גייט מען נישט צו דער אַרבעט. בפירוש: מזל — נישט צעבראָכן; בלויז — צעריבן דאָס פליש. מאַכן עלעקטרישע לאַמפּן. אַ וואָך, צוויי, און ווייטער... יאָ. דערווייל זיץ איך אין באַראַק אויף מיין פּאַרלויזט בינטל שמאַטעס, זיץ און — וואַרט אויף אַ ישועה. וויל איך שטעלן אַ טראַט, איז נאָר מיט דער הילף פון אַ שטעקן. ערשט דער ווייטיק! און דאָך: פאַרגלייכן דעם ווייטיק מיט דער שרעק ביים וויגן זיך צווישן הימל און ערד אויפן „הייבער" — זענען די פוס־ווייטיקן פיל לייכטער — — —

יאָ. און דער שלימזל האָט אַ טבע צו חברן זיך מיטן בר־מזל. דאַכט זיך: זיצן אונטער זיך און גאָרנישט טאָן — איז דען פאַראַן בעסערס אין דער מדינה פון די אוזבעקן? איז אָבער די מעשה, וואָס מיט באַדינערס קאָן מען זיך נישט צופיל באַדינען. האָב איך זיך געמוזט צווינגען — אַרויסצוגיין און צו באַזאָרגן מיינע הצטרכותן. ערשט דאָ, ביים קריכן איבערן שטעטל, דערזען מיין גרויס חשיבות — וויבער קוקן אויף מיר מיט רחמנות און מענער מיט שטאָלץ: אַן אינוואַליד פון דער פּאַטערלענדישער מלחמה. מיין חשיבות און טרייסט. און נאָך אַ טרייסט: ווען כ'האָב שוין גענומען אויסגלייכן דעם פוס מיט אייגענע מיטלען און כוחות און ס'האָט שוין געהאַלטן דערביי, אַז דער דאָקטער זאָל מיך שיקן צו „לייכטער אַרבעט", האָב איך צו מיין פרייד דערזען, ווי דער „הייבער" הייבט זיך שוין גדלותדיק צום הימל, דרייט זיך און שלעפּט נאָך זיך טאָנען מיט אייזן. פאַרטיק! אַבי נישט צו דאַרפן קריכן צום שפּיץ פונם באַוועגלעכן גולם, זיך צו וויגן צווישן הימל און ערד.

21. אַ טאַטערישע וועלט

עך, אַ טאָטעריש לעבן! אַוודאַי האָט מען מיך נישט אַוועקגעפירט צום שוואַרצן ים, צו די קרימער טאָטערס; עס איז אָבער גענוג צו זען וואָס עס טוט זיך אויף דער באַנסטאַציע: זעק און פּעק און קופערטס און אויף זיי — אַ ברודיקע מענטש־מאַסע — פאַרטריבענע טאָטערס פון זייער היים. יודעי חן ווייסן צו דערציילן, אַז דידאָזיקע טאָטערס האָבן געהאָלפן דעם דייטש אין זיין מאַרש אויף אַזיע. איצט האָט מען זיי דאָ „אויסגעלאָדן" און עס וועלן נאָך קומען. על כן — סאַראַ שייכות האָב איך מיט זיי, מיט די טאָטערס דידאָזיקע? אַוודאַי זענען מיר נישט קיין קרובים און עס וואָלט מיר כלל נישט אָנגעשטאַנען קיין קרובהשאַפט מיט זיי. אלא וואָס? היות זיי ליגן אָטאָ דאָ, אונטערן האַרבסטיקן הימל און היות זיי דאַרפן דירות; האָט מען ערגעץ באַשלאָסן, אַז איך און מיינסגלייכן וועלן

אויפשטעלן נישט ווייט פון דאַנען, אויף אַ וויסטן סטעפּ, אַ דאָרף אַ גאַנצס — מיט הייזלעך, הייזקעס, טשייכאַנעס און...

איך? איך זאָל בויען הייזער פאַר זיי?.. אָבער נישט שייך צו האָבן טענות. בין איך דאָך נישט מער ווי אַ מעטאַלן פלעקעלע אַזאַ, אַ מעטאַלאָוויעץ — אַזוי שטייט געשריבן אויפן פּאַפּיר, וואָס כ'פיר מיט זיך פון ביעגאָוואַט: שמוליק בליאַט — מעטאַלאָוויעץ. אַ נישקשהדיקע פירמע. אָבער וואָס וועל איך קאָנען טאָן מיט איר, מיט דער פירמע, לטובת די טאַטערס? אַז פאַר זיי דאַרף מען דאָך גאָר קנעטן ליים, מאַכן ציגל, בויען הייזער...

אַ נייער יאַריד איבער מיין קאָפּ — איבערן קאָפּ ממש. מחמת אויבן איז אַ רעשיק טרעטערייי און אונטן — ליגט אַ מנין יידן אין אַ קבר, אַ זשעמליאַנקע. איך בתוכם. יאָ. אויבן ווערט איינגעטיילט די אַרבעט אויף: סטאָלערס, ציגל־לייגערס, אויוון־מאַכערס און ליים־קנעטערס. צו וועלכער קאַטעגאָריע דאַרף איך געהערן? נישט מיין דאגה. ווער עס דאַרף מיך, זאָל קומען צו מיר. דאָס אייגענע טראַכט אויך מיין שכן, וואָס ביידע וועלן מיר ליגן בשכנות — אויף צוויי קופּקעס ליים. „מיין נאָמען איז פינקל. מען האָט מיך אַהערגעבראַכט פון טאַשקענט. און איך?" „מיך? יאָ. מיין נאָמען איז... אַ רגע. נו, יאָ. מיך האָט מען אַהערגעבראַכט פון אַלדע בייזע רוחות"...

אַזוי האָט זיך איינגעשטעלט דער ערשטער קאָנטאַקט צווישן צוויי יידן, וואָס זענען תיכף געוואָרן קרובים. פינקל האָט אַ „פּראָלעטאַרישע", איינגעבויגענע פּלייצע און אַ נאָז, אויך אַן איינגעבויגענע, אַן „עכט יידישע". ער האָט אָן מיר דערקענט אַ „רואיקן מענטש", נישט קיין טומלער. איז ער צופרידן צו האָבן מיך פאַר אַ שכן. די אַלע אויבן, זיי טומלען גלייך זיי וואָלטן זיך דאָ באַזעצט אויף אייביק. אַז בסך־הכל טראַכט מען גאָר שטאַרק וועגן „רעפּאַטריאַציע" קיין פוילן...

און דערווייל — אַ לעבעדיקער ישוב פון קברים. אַ דריי צענדליק זשעמליאַנקעס, וואָס קאָנען אין זיך אַריינגעמען ביי אַ דריי הונדערט שקלאַפן. און אָט אַנטקעגן — אַ באַזאַר. סך הכל פאַרמאָגט דער כרך, וואָס האָט גאָר קיין נאָמען נישט, בלויז איין גאָס אַזאַ: ליימיקע הייזקעס אונטער דר'ערד. אָבער אַ באַזאַר איז פאַראַן, אַ טאָלטשאָק לויטן סאָוועטישן שטייגער — מיט גנבים, מיליץ און קוויטשנדיקע אוזבעקן און אייזלען. מהאי טעמא, אַז דאָס לעבן ווערט נישט ניחא אין זשעמליאַנקע, שפּאַנט מען אַרום איבערן באַזאַר. פון די בלויזע שאַרפע ריחות דאָ קאָן מען זיך אָנזעטיקן. אָבער די פרייהייט האָט אונז נישט לאַנג געדינט. מען דאַרף אַרבעטן, זיך אָוועקשטעלן יעדער אויף זיין אָנגעצייכנטן פּלאַץ מיט זיינע צוגעטיילטע געהילפן; לרוב זענען די יידן „מאַסטראַס" — די אמתדיקע פּאַכליט אויף בויען הייזער. מילא. שטענדיק בעסער צו הייסן יענעם אַרבעטן,

בפרט, אַז די אַרבעט באַשטייט פון בלאָטע און... בלאָטסטוואָ. ווער עס קען בעסער מאַכן מסחר מיט נאַטשאַלסטוואָ, ביי דעם „דרייט" עס זיך לייכטער.
אָבער פינקל געהער נישט צום „דרייענדיקן" מין. ער האָט זיך גיך אויסגעלערנט „שטעלן" אויוונס און ביי דעם נאָמען איז ער געבליבן: „פּעטשניק". און איך? מיך האָט מען אָוועקגעשטעלט לייגן ציגל. און אַז דאָס לייגן וועט גיין כשורה, וועל איך באַקומען דעם נאָמען: „לייגער", אָדער גאָר — „צעלייגער". גיכער — דאָס צווייטע...
נו, ליגן מיר אַזוי איינגעטוליעט אויף דער ליימיקער ערד, שוין די דריטע, אָדער פערטע נאַכט. און מיך לאָזט עס נישט איינליגן. עפּעס באַוועגט זיך אונטער מיר — אַ מאַרש פון טויזנטער — ווערעם, לייז און פּיפּערנאַטערס מיט ווידעלעך אַזוינע. האָב איך זיך אייליק אַוועקגעזעצט מיט אַן אויסגעשריי: „אוי!"
„וואָסי?" — האָט זיך פינקל איבערגעשראָקן און זיך אויך אויפגעזעצט.
„גאָרנישט. מיין געשריי איז אַ וואָרענונג צו די פּאַראַזיטן, זיי זאָלן וויסן, אַז כ׳לעב נאָך; אַז זיי האָבן דערווייל נישט קיין רעכט צו פרעסן מיין געביין — אַפילו איך ליג שוין אין קבר"...
„רעכט? איר זענט נאַיוו, האַ, ווי רופט מען אייך? אַ יאָ. אַ היימישער נאָמען. דאַכט זיך, אַז בלאַט האָט איר געזאָגט. יאָ. רעכט־שמעכט. הערט וואָס פינקל זאָגט אייך. אַן עלטערער פון אייך און אויסגעפּרוווטער: נישטאָ דאָ קיין רעכט; די פּאַראַזיטן מעגן אייך פרעסן אויך ביים לעבן"...
אַ טומל, אויסגעמישט מיט אַ טרוקן הוסטן. אימעצער ערגעץ וויינט אין אַ ווינקל פון גרויסן קבר. טאָ ווי לאַנג וועלן מיר אַזוי זיצן און טראַכטן וועגן די פּאַראַזיטן?
—אַז מאָרגן פאַרטאָג דאַרף מען אַרויסגיין צו דער אַרבעט. האָט מען זיך ווידער צונויפגעדרייט און זיך אויפגעדרייט ביים דערהערן דעם גרילצנדיקן פייף: די אויטאָס וואַרטן שוין אויבן.
מיין בריגאַדיר — אַזאַ איינער, וואָס רעדט אויך פויליש — טוט שטאַרק שמייכלען ביים אַרויסרעדן דעם „בלאַט" (ווי יעדער זיינסגלייכן); ער פּסקנט:
„פּאַניע בליאַד... צוויי און האַלבער ציגל די ברייט... אַ נאָרמע... וויענצעי ניץ"...
צו מיין רשות — אַ צען אוזבעקן. זיי קנעטן צונויף בלאָטע מיט שטרוי, דער־לאַנגען מיר פולע וויאַדרעס און איך — נאָך איידער כ׳באַוויז צו לייגן די ערשטע שורה ציגל — בין אַזוי איינגעטונקען אין דער אוזבעקישער בלאָטע מיט שטרוי, אַז כ׳קאָן זיך נישט באַוועגן. האָב איך אויפגעזוכט פינקלען, וואָס „לייגט" אויוונס נישט ווייט פון מיר. ער קוקט אויף מיר, קוקט און קאָן נישט דערגיין: צי איך בין איך.
„כ׳האָב געמיינט, אַז אַ קוימען שטייט נעבן מיר".

„אַ וואָס?״

„אַזאַ־אָ, איר זעט: דאָס איז אַ קוימען, וואָס שטאַרצט אַרויס פונם אויוון און ביז מען פוצט אים אַרום האָט ער אַזאַ אויסזען ווי איר״...

אין דער היים, אין שטעטל נעבן וואַרשע, איז ער געווען אַ בייטעלע־מאַכער, געמאַכט ווייבערשע האַנט־בייטעלעך. געמאַכט צוביסלעך אַ לעבן און אויך אָפּגעשפּאָרט אויף הוצאות פאַר זיינע צוויי זין, וואָס ר׳האָט זיי אָוועקגעשיקט קיין אַמעריקע. איצט פוצט ער די ציגל, פּאַסט זיי צונויף פינקטלעך, ווי אַ ריכטי־קער „מאַסטער״, גלייך זיין פאַך מכל ימיו איז — מאַכן אויוונס און קוימענס. דערווייל האָבן זיך מיינע אוזבעקן אויסגעזעצט אויף דער פאַרבלאָטיקטער ערד און גענומען קייען און שפייען אַרום און פון זיך מיט גרינעם טאַבאַק.

„און אפשר וועט איר מיך נעמען אויף דער לער, אויסלערנען מאַכן קוימענס?״

פינקל קוקט מיך אָן מיט באַדויערן:

„גייט צוריק אויף אייער פּלאַץ, בלאַט, אויב איר ווילט נישט דאָ אויסציען די רגלים ווי זיי דאָרט״...

ער ווייזט אויף אַ פונקט, ווו ס׳צייכנט זיך אַ בערגל, פאַרדעקט מיט זאַמד־פּאַפּיר. דאָרט אַהין האָט מען צונויפגעבערענגט די־ייעניקע, וואָס זענען נישט „אויפגעשטאַנען״ צו דער אַרבעט; און ווער עס „שטייט נישט אויף״ איז אַ סימן, אַז מען דאַרף אים אַוועקלייגן אויף אַ טוטשקע און אַרויפלייגן אויף דער קופּע. בין איך צוריק אַוועק אויף מיין פּלאַץ. פון מיין שכנס לעקציע זיך אויסגעלערנט, אַז צוויי ציגל דאַרף איך לייגן ליגנדיקע אין דער ברייט און איינעם שטייענדיק אין דער לענג; וועט דערפון אַרויסקומען: צוויי און האַלבער ציגל אין דער ברייט. און אַז כ׳וועל אַזוי טאָן — וועט (מיט גאָטס הילף) ווערן אַ וואַנט מיט פענצטערס, וועט ווערן אַ הייזקע פאַר די טאָטערס.

אָבער צולהכעיס — קומט ביי מיר גאָרנישט אַרויס. אמת, די אוזבעקן טראָגן וויאַדרעס בלאָטע, גיסן אויף די ציגל, אַרום זיי און אויף מיר; אָבער דער בריגאַדיר ווייזט נישט אַרויס קיין באַגייסטערונג פאַר מיין אַרבעט. עס איז נישט פאַר זיין כבוד צו דיסקוטירן מיט מיר וועגן דער קונסט פון לייגן ציגל; מיט אַיין שטויס פון זיינס אַ שטיוול — איינגעוואָרפן מיין פּראַצע — — — וואָס איז געשען? פאַרוואָס ריטשעט ער אַזוי, דער האַלב־פּוילישער האַלב־פּאַנישער בריגאַדיר? אים אַראָפּגענומען די קאַטשקעס פון וואַסער. זע־נאַר אַ רציחה פון אַ פּרצוף! אַט, וועל איך אים דערלאַנגען מיט אַ ציגל... ס׳טו געזען: געשטאַנען כמעט־אַ־וואַנט, האָט ער... מיך פאַרשעמט פאַר די אוזבעקן, בעת ער האָט געשריגן: „בליאַד!״ זיי זענען זיך פון שרעק פאַנאַנדערגעלאָפן און איך בין געבליבן מיט אַ ציגל אין האַנט. זאָל איך אים געבן איבערן קאָפּ? און וואָס וועט זיין, אַז ער וועט מיר צוריקגעבן איבער די זייטן? אָפּגעטרייסלט פון זיך די

בלאָטע און זיך אַוועקגעזעצט אויף מיין איינגעפאַלענער וואַנט, געקוקט אויף די אוזבעקן און זיי אויף מיר.

דער בריגאַדיר איז אַוועק. פאַרלוירן מיין טאַלאַן אויף אַ „שטשי״; נישט עסן. אַז מכות זאָלן אים עסן. גיי ווייס, אַז ער פאַרמאָגט אַזאַ טביעת עין: פון ווייטן דערזען, אַז די וואַנט מיינע וואַקסט קרום, הויקערדיק.

פאַרביי דער טאָג מיט אַפרייניקן דאָס ציגל־שטויב פון מיין איינגעוואָרפענער אַרבעט. צומאָרגנס — זיך „געדרייט״. ווידער אַ טאָג און נאָך אַ טאָג. איך ריכט זיך, אַז אָט וועט מען מיך אַרויפלייגן אויף אַ טוטשקע. אָבער פינקל זוכט פאַר מיר אַ „מעמד״ — כ׳זאָל ווערן מיט „מענטשן גלייך״.

„האָ, פינקל — וויל איך וויסן — פאַרוואָס פּראַצעוועט איר אַזוי מיטן גאַנצן לייב און לעבן? צי דערפאַר, וואָס איר קריגט נאָך אַ שטיק ברויט? זעט, וויפל פון אונזערע דרייען זיך אויפן באַזאַר און קומען בכלל נישט צו דער אַרבעט״.

„איר רעדט נאַרישקייטן, בלאַט; זייט זיי נישט מקנא; מ׳וועט זיי אַ פּאַק־טאָן וועט זיין אַך־און־ווי צו זיי. זעט איר, ווען איר וואָלט געהאַט צוויי זין אין אַמעריקע און זיך געוואָלט מיט זיי טרעפן, אָ, וואָלט איר אויך דעמלט געאַרבעט אַנדערש, כדי צו בלייבן לעבן און איבערצולעבן״...

דער דרויסן — מסתמא אַרום פּסח־צייט. אי ס׳רעגנט, אי ס׳הייס. נאָך יעדן רעגן מישט זיך אויס די בלאָטע מיטן ליים און ס׳ווערט אַ „זאַטשערוכע״. נאָך לאַנגע אַמפּערנישן און מאַטערנישן, בין איך געוואָרן אַ „שטוקאַטורשטשיק״; אויך דאָס האָט צו טאָן מיט ליים, שטרוי און בלאָטע, אָבער ס׳איז מער אַן „איידעלערע אַרבעט״: איך שמיר די ווענט, פאַרגלעטיק די ציגל און „פאַרקינטשע״, הייסט עס, די אַרבעט פון די ציגל־לייגערס. יעדער מאָל שעפּ איך אָן אויף אַ ברעטל אַזאַ־אַ גאַרשטש מיט בלאָטיקן ליים און טו דערמיט אַ שליידער איבער די ציגל; דערנאָך צעשמיר איך די קופּקעס, שמיר אַהין און שמיר אַהער — און עס קומט ווידער נישט אַרויס. די וואַנט איז אויסגעפּילט מיט הויקערס און גריבלעך. עס איז נישט קיין וואַנט, נאָר עפּעס אַ מין פּלייצע פון אַן אַלטן, צעבראָכענעם, צעהויקערטן ייד. ווידער מאַך איך נישט די נאַרמע. בין פאַרנומען מיט קראַצן און שאָבן די הויקערס. דריי הונדערט גראַם ברויט. מער גיי איך נישט אויפן פּלאַץ. אויס!

געבליבן אין זשעמליאַנקע. אַ פרייער טאָג. די זון „לייגט פּלאַכטעס״ אויפן שאָסיי, וואָס איז אויסגעפּילט מיט אוזבעקן און אייזלען. ווהין פירט דער וועג? מען דאַרף זיך גאָר אַ לאָז טאָן איבער אים און געפונען — אַן אויסוועג. איך טרעט איבערן הויקערדיקן שאָסיי און טרייסל זיך. אַזאַ הונגער! — אַזאַ גריזאָטע אין מאָגן! און אפשר וועט זיך עפּעס פאַרוואָלגערן איבערן דאָזיקן ברודיקן וועג? גייט מיר אַנטקעגן אַ מיידעלע. פאַרביקע הויזן, שמאָלע לאַנגע, ברודיקע האָר און

ברודיק — אַ ברודיקע זאַך. זי רייסט שטיקער פון אַ לעפּיאָשקע און וואַרפט צווישן די ציין. איך באַוווּנדער דעם מיידלס גלייכגילט לגבי דעם טייערסטן, וואָס פּילט־אויס דעם מוח מיינעם: ווייכע שטיקער לעפּיאָשקע! מיינע ציין טרייסלען זיך, די ליפּן — גאַווערן. אָט־אָט — און מיינע אויגן־גלעזער וועלן אַרויספליען, אַ פלי־טאָן צום מיידל אין מויל אַריין. טיק! ניין. איך וועל נישט מאַכן קיין איבערפאַל. סוף־סוף זענען נאָך די חושים מיינע אין „קלאָרער באַוועגונג". אוודאי בין איך הונגעריק. אָבער וואָס וועט זיין דערנאָך — נאָכן אַריינכאַפּן דאָס שטיק לעפּיאָשקע צווישן די ציין, — וועל איך נאָך בלייבן באַלעבאָס איבער מיינע ציין? — — איך באַוועג מיינע טריט נאָכן מיידלס בליק. איך האָב זי פאַרכישופט. זי האָט אייליק מיר דערלאַנגט די אַרומגעפליקטע לעפּיאָשקע, דאָס גן־עדנדיקע שטיק טייג און זיך אַ קער געטאָן לינקס, אַוועק, ווייט אַוועק פון מיר. האָט זיך דאָס תמימותדיקע אוזבעקישע מיידל דערשראָקן פאַר מיינע הונגעריקע אויגן? אַ דאַגה! נו, שוין נאָך דער לעפּיאָשקע אויך. אַ חיי־שעה געווען. ווו געפינט מען ערגעץ נאָך איינע אַזאַ מיידל? איינע? אַפילו הונדערט לעפּיאָשקעדיקע מיידלעך אַזוינע וועלן נישט אָנפילן מיין ליידיקן מאָגן.

22. אויפשטאַנד פון אַנשטעקנדיקע

מיין זשעמליאַנקע־שכן ווייס נישט ווו מיין געביין איז פאַרשווונדן. און ווען כ'האָב זיך שפּעט ביינאַכט אַוועקגעלייגט נעבן אים אויף דער ליימיקער ערד, איז ער שוין לאַנג געווען פאַרזונקען אין שווערן שלאָף, אויסגעפּילט מיט אַ זיסן חלום: ער געפינט זיך אין די אָרעמס פון זיינע צוויי זין אין אַמעריקע. און צומאָרגנס, ווי נעכטן — ווידער אויפן באַזאַר, אויפן שאָסיי און צוריק צו די אוזבעקישע מאַכלים. אַז אָכנ'ווי! נישט באַשערט אַרויסצוכאַפּן אַ בורעק, אַ מייער, אַ רעטעך, ניין, גאָרנישט. נאָך איידער איך גיב זיך אַ קער, ליגט שוין אַן אייזל־שטעקן אויף מיין אַקסל; ערשט די געוואַלדן: „קאַראַבטשוק!", גלייך כ'וואָלט זיי אויף אַן אמת אָפּגעשאָכטן.

טאָ ווי לאַנג וועל איך זיך אַזוי וואַקלען און טרייסלען און פאַלן און ווידער ס'אייגענע אויף צוריק — האַ?

גראָד דאָס מאָל האָט מיר דאָס גליק צוגעשפּילט: היץ מיט קדחת — אַ פאַלנע מאַלאַריע. דערפילט זי, די מאַלאַריע, בעת כ'האָב די הענט געהאַלטן פאַרוויקלט אַרום אַ פאַלמע. וואָס עפּעס זיך אָנגעטשעפּעט אָן אַ פאַלמע? מחמת די זון האָט געשטאָכן אויף מיין שטערן און מחמת די ציין האָבן זיך געוואָרפן און מחמת... מחמת דעם אַלעם האָב איך זיך אַרויפגעוואָרפן אויפן דאָזיקן עקזאָטישן בוים, געזוכט ביי אים הילף. די רעשט? די רעשט האָט מען מיר דערציילט אין שפּיטאָל־

פּאַלאַטע. מען האָט מיר כלל נישט געדאַרפט דערציילן, סיווי אַלץ געפילט. און געגומען פילן האָב איך אַ וואָך שפּעטער, ווי די היץ האָט גענומען אָפּטרעטן און ווען כ׳האָב זיך שוין געקאָנט אוועקזעצן אויפן בעטל, הנאה האָבן פונם ווייסן ברויט און רייז. אויך דאָס מאָל דערפילט, אַז דער מלאך־המות שפּילט מיט מיר אַ דערדל־בערדל, גראָד מיט מיר. וואָרום, אָט וויל איך זיך שוין אַ פּאַק טאָן אין וועג אַריין, טענהט ער: נאָך צופרי; מאַך דערווייל אַ לעבן און מאַטער זיך; ביזט נאָך דיין שטראָף נישט אָפּגעקומען.

נו, אַ פּאַלאַטע, ווי אַלע שפּיטאָל־פּאַלאַטעס: בעטלעך מיט סקעלעטן און מיט געשוואָלענע, מיט זשיפּענדיקע, גוססדיקע און ערב־מתים. און אַלע ווייסן זיי דאָ, די דאָקטוירים און די שוועסטערס, אַז חוץ כינין — דאַרף דער קראַנקער באַקומען זיין פולע פּאָרציע ווייס ברויט: אַ האַלבן קילאָ יעדן טאָג; אַזאַ רפואה! אָבער — גיי און פאַרשטיי דעם חשבון! — גראָד און דווקא אין שפּיטאָל באַגנבעט מען די קראַנקע פון זייער איינציקער רפואה: ווייס ברויט; זיי באַקומען בלויז אַ העלפט; און קראַנקע מיט היץ — דאָס אויך נישט.

איי, די וואַנצן! ביזאיצט זיי נישט געפילט, די בלוט־זייגערס, ווי נישט געפילט די עוולה וואָס מען באַגייט קעגן די חולאים. מילא, וואַנצן זענען מענטשלעכע באַשעפענישן אין דער מדינה פון אוממענטשן. טאָ זאָלן זיי זיך מערן. אָבער מיין חלק ברויט — נישט אוועקגעבן! און אַזוי האָב איך צומאָרגנס פרי ווען אַ „סעסטראַ“ האָט פאַנאַנדערגעלייגט די שטיקלעך ברויט אויף די נאַכט־שענקעלעך, גענומען מיין פּאָרציע און זי געוויגן אויף די הענט: אַהין און אַהער, אַרויף און אַראָפּ — ניין! נישטאָ קיין פינף הונדערט גראַם! אויך אַנדערע האַלב־מתים האָבן מיר גענומען נאָכטאָן. און צעבונטעוועטע טרייסלענישן פון בעטל צו בעטל:

„פּאַסמאַטרי! זיי באַגנבענען דאָך אונז!“

און איך — דער גרעסטער בונטאַר — זיך אַרויסגעקאַטשעט אויפן הויף, אַוועק צום מאַגאַזין און געהייסן איבערוועגן מיין ברויט־פּאָרציע.

„נאָ, אָט איז זי: גיב מיר פינף הונדערט גראַם!“

די וועגערקע נעמט פון מיר ס׳ברויט און טוט דערמיט אַזאַ שליידער איבער מיין קאָפּ, אַז עס האָט זיך מיר געוואָלט איר אַ שפּיי טאָן אין פּרצוף אַריין.

„אַוועק, דו זאַראַזע! — האָט זי געשריגן — פּאַ־ראַ־זיט!“

איך? איך וועל איר ווייזן! אַריין אין פּאַלאַטע און גענומען אַגיטירן, מ׳זאָל שיקן אַ פּעטיציע צום „ראַיספּאָלקאָם“. פּאַראַזיטן! אונזער ברויט! איבער טויטע! — — פאַר אַ ווייס ברויט באַקומט מען אויפן באַזאַר... פּאַ־ראַ־זי־טן!!

אַ קאָמיסיע איז געקומען; זי איז געקומען לויטן דעמאָקראַטישן קאָדעקס: דריי ריק־אַנגעטאָענע, אַרומראַזירטע און זייער בכבודיקע שטאָט־באַלעבאַטים, געקומען

הערן ביידע צדדים — דעם קראַנקן און געזונטן צד. ראשית, ווילן זיי וויסן, ווער עס איז דער „בליאַט", וואָס האָט אונטערגעשריבן די אָנקלאַגע אין נאָמען פון דער פּאַלאַטע. דערנאָך זיך אַוועקגעזעצט אַ געוויסן מרחק פון מיין בעט: אַן אָנשטעקנדיקע קרענק; איצט — פּאָרשן. איינער פון די חולאים, מיט כסדרדיקע בויךקראַמפּן קלייבט זיינע ברויט־חלקים; אפשר וועט ער אַרויס פון דאַנען אַ געזונטער... נו, שלעפּט ער איצט אַפּער פון ערגעץ אַ פּאָרציע: זאָלן די חברים פרעדסידאַטעלס זען — פאַראַן דאָ פינף הונדערט גראַם?

„פּאָזשאַלוסטאַ!"

אָבער גראָד באַוויזט זיך אין טיר די „סעסטראַ" מיט די ברויט־פּאָרציעס, גרויסע, וואַטענע און אויפגעוויירענע — ווייס ברויט! זי לייגט פאַנאַנדער די חלקים אויף די נאַכט־טישלעך. איינער אַ פאָרשער ציט אויס אַ ווייס־פּוכקע הענטל צום פּוכקן ברויט, הייבט עס אין דער לופט, אַרויף, אַראָפּ און קומט צו דער מסקנה: פינף הונדערט גראַם.

„פּאַזשאַלוסטאַ!"

די קאָמיסיע איז אַוועק. אויך די „סעסטראַ" איז אַרויס אַ טריאומפירנדיקע, וואַרפנדיק צו מיין בעט אַ שטעכיקן בליק:

„אין משוגעים־שפּיטאָל, דו!"

זי איז אַרויס צו דער ברויט־וועגערקע — איר מאַמע. דורכן פענצטער האָט זיך געהערט זייער לאַכן. אַזאַ צופרידנקייט!

עולם קאַטשעט זיך ווידער אויף די פאַרוואַנצטע בעטן, דרייט זיך פון ווייטיק, כעס און הונגער. איך נעם זיך גרייטן צום נאַכט־אָנגריף קעגן די וואַנצן. מיר איז דערביי קשה: אַזוינע ריזן־וואַנצן — ווערן זיי נישט ערגעץ ספּעציעל געהאָדעוועט פאַר אונז?

עס באַוויזט זיך די „סעסטראַ" מיט אירע נאַכט־רפואות. פאַר מיר האָט זי אַן איינשפּריצונג. אַזוי האָט פאַרשריבן דער דאָקטער. ניין. זי וועט מיר נישט איינשפּריצן! אַזאַ מרשעת! זי קוקט דורכן גלעזל. איך פאַרוואָרף דאָס ליילעך איבערן האַלז. אַ בלאָנדע איז זי און קוקט־אויס ווי אַ שלאַנג. זי טוט זיך אַ שליידער:

„לאָז! וועל איך דיר איינשפּריצן „נאַ ווסעגדאַ!" (אויף אייביק).

זי איז אַוועק מיטן שפּריצער. צוויי טעג דערנאָך האָט מען מיך אויסגעשריבן. פאַר דער צייט איז אַ טייל בעטלעך געוואָרן אָפּגערייניקט: אַרויסגעטראָגן אויף ליילעכער — נישטאָ וועמען צו ראַטעווען; פּגירות.

איך האָב (ווידער!) מזל. נישט געלאָזט זיך אַרויסטראָגן.

דער דרויסן — אַ בריענדיקער, אויסגעפּילט מיט שטעכיקע פליגעלעך, מיט כל־ערליי חולאתן. אָנגעשפּאַרט אויף אַ שטיק האָלץ, האָב איך געהינקט און געהינקט, ביז כ'האָב דערהינקט צום באַזאַר־הויף, צו דער קברים־ריי, ווו עס געפינט זיך

אויך „מיין” זשעמליאַנקע. עך, נסים, גרויסע נסים געשען מיטן מענטש אין דער־דאָזיקער מדינה! — — —

זיך אַראָפּגעלאָזט איבער די גליטשיקע טרעפּ. זיך איילִיק אַוועקגעוואָרפן אויף אַ ליימיק בערגל. נו, זאָל שוין נעמען אַ סוף! שפּעטער איז געקומען פינקל. האַ? ווו געווען? וואָס? אַ שאָד וואָס ער האָט נישט געוווסט. אָבער סיי־ווי קאָן ער זיך נישט אַוועקרייסן פון דער אַרבעט. ער מאַכט עטלעכע נאָרמעס אַ טאָג. ער וויל זיך דאָך זען מיט זיינע צוויי זין אין אַמעריקע.

„ביין”, דאָס איז נישט קיין תכלית — טוט ער מיך אַ הייב פון דער ערד, — נאָכן שפּיטאָל דאַרף מען ליגן אונטערגעבעט און טאַקע אָפּעסן אויך!”

ער האָט אַ שפּאַן געטאָן צווישן די קברים־בערגלעך, געכאַפּט דאָ אַ שמאַטע, דאָרט אַ שטיקל ברויט, אַביסל גרויפּן. ער איז מיר מבטיח, אַז אַדאַנק מיין עקשנות וועל׳ך איבערלעבן אַלע שונאים.

נו, האָב איך אים געפאָלגט, זיך אָנגעגורט מיט כוח און אויסדויער אויפצוהאַלטן מיין עקשנות; — בעת אין איינעם אַ פרימאָרגן האָט זיך באַוויזן אין זשעמליאַנקע אַן אַרבעט־אויפזעער: ער זוכט „הענט” צו אַ „ספּעציעלער אַרבעט”; האָט ער מיך אויסגעקליבן צווישן די אויסגעקליבענע.

„דו, בליאַט — האָט ער געקנייטשט דאָס געשטופּלטע פּנים, די קרומע אויגן — דו וועסט זיך דאָרט אָפּרוען, בליאַד בודו!”

צונויפגעשטעלט אַ בריגאַדע, איז פאַרפאָרן אַן אויטאָ און אַלעמען אַוועקגעפירט אין נאָענטסטן „דאָם אָטדיך”, אַן אָפּרו־הויז, אָבער דערווייל נישט צום רוען. דער־ווייל — דאַרף מען אַרויסענדיקן דאָס הויז, פאַרדעקן דעם סקעלעט מיט ציגל און ליים, כדי עס זאָל באַקומען אַ לייטיש געשטאַלט. מיין אַרבעט — דאַרף זיין אַ לייכטע: אַרומצעשען די ווענט פון הויקערס און בערגלעך, וואָס „מאַסטערס” האָבן דאָ אָנגעמאַכט מיט זייער ליגן קרום די ציגל. (אַ טרייסט: בין איך דאָך נישט איינער אַזאַ צעלייגער.) דערצו באַקומען אַ האַק און אַ געבאָט: וואָס־מער קוואַדראַט־מעטער אַרומהאַקן, מער ברויט און מער „גאַריאַטשע”.

הינטער די פענצטער־לעכער — אַ רעשיק באַוועגן פון זאַמד־שטויב, אויסגעמישט מיט „פּאָ מאַטערי”־קולות, וואָס שיטן זיך איבער אוזבעקישע פוילע קעפּ. אין מיין צוגעטיילט חלק -- צווישן „מיינע” ווענט, וואָס איך דאַרף אויסגלייכן, דרייט זיך אַרום אַ יידישער בחור מיט רויט־פלאַמיקע בעקלעך: מיין בריגאַדיר און דער־ציער; דאָס שרייבט ער די נאָרמע מיינע: יאָ געמאַכט, נישט געמאַכט; יאָ פאַר־דינט אַ „גאַריאַטשע”, נישט פאַרדינט. פון וואַנען נעמט זיך אַהער אַ יידישער בחור, אַן אויסגערוטער און צופרידענער, אַ בחור, וואָס וויל מיך דווקא דערציען? מ׳קען אים דאָ. איז ער דאָך דער פישערקעס זון פון די וואַרשעווער מיראָווסקע האַליעס! מען וויל מיט אים זיין „פּאַני בראַט”, אָבער ער שטויסט־אָפּ: נישט

געזונט פאַר דער ראָל, וואָס ער האָט דאָ. און צו מיר: כיטרע־ווינקענדיק מיט אויסגעשלאָפענע אויגן — „די האַק האַלטן אין דער רעכטער האַנט, אָט אַזוי און דערלאַנגען אַ זעץ, אָט אַזוי!"

„נו, נו — טו איך אַ וואָרף צו אים — זאָל זיך דיר דאַכטן, ממזרוק, אַז דאָ זענען די מיראָווסקע האַליעס, דו איינער... באַווייז נאָר אָקערשט וואָס דו קענסט! נאַ, נאַ, נעם די האַק, נו, וואָס שטייסטו ווי צוגעוואַקסן!"

דערויף האָט ער זיך נישט געריכט. האָט האַסטיק אויסגעשפּיגן. וועט שוין באַווייזן וואָס ער קען. און איך האָב אַ שליידער געטאָן פון זיך די האַק אויף אַ שפּאָרן מרחק. מזל האָט ער געהאַט, וואָס ר'איז גיך אַרויס. אין אָוונט האָט איך דערציילט מיין זשעמליאַנקע־שכן וועגן דאָזיקן פויגל. ער האָט זיך אַ קער געטאָן איבער דער זשעמליאַנקע, געוואָלט וויסן ווער דערדאָזיקער איז דאָס.
„ער וועט די פּגירה קריגן. די נכפּה. ווי גיט מען דאָס נישט אַזאַ קראַנק באַשעפעניש אַ טאַלאָן?!"

מיין לעצטער טאָג אין „דאָם אָטדיך". אַ פריילעכער טאָג. מען האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז כ'טויג נישט צו דער אַרבעט און כ'וועל צוריקגיין צום טאָטערישן דאָרף. מילא. יאָ גיין, נישט גיין — דערוועגן וועל איך אַליין באַשליסן; מחמת — איך טראָג זיך שוין אַרום מיטן „פּליטה"־זעקל אויף די באַרקעס. דערווייל — דאַרף איך היינט פאַרענדיקן דעם אַרבעטס־טאָג. איז אָנגעלאָפן דער אויטאָ, פון וועלכן כ'דאַרף העלפן אַראָפּטראָגן פאַרשידענע בוי־מאַטעריאַלן. כאַפּ אַ בליק: צווישן די פאַרשטויבטע טרעגערס — די ברויט־וועגערקע פון שפּיטאָל און איר טאָכטער, די „סעסטראַ".ביידע — פאַרשטויבט, פאַרקלעפּט מיט ליים... קוים זיי דערקענט. איצט האָב איך אונטערגעשטעלט אַ פּלייצע, געשלעפּט זעק מיט צעמענט, ציגל, געשלעפּט און געווינקט צו מאַמע־טאָכטער שקאָציש און פריילעך. דערקענען זיי מיך? דאַרף איך אַזוי־אַ אויסדריקן מיינע נקמה־געפילן? זענען אפשר אויך זיי קרבנות פון אַזאַ מין העסלעכן רעזשים? אָבער באותו רגע האָב איך פאַרגעסן אָן אַלע שאלות. כ'האָב בלויז געפילט, אַז ערגעצוווּ פראַוועט מען גערעכטיקייט, אָבער זיכער נישט פאַר די גערעכטע — — —

.23 „פּליטה" — אין דער וועלט אַריין

אין גראָען פאַרטאָג דערלאַנג איך אַ שטויס פינקלען:
„איך גיי אַוועק! איך אַנטלויף! איר הערט, האַ? אַנט־לויף!"...
צי ער הערט? ווי איז דאָס גאָר געמאָלט נאָך אַ טאָג קאַטאָרגע? ער הייבט אויף דעם קאָפּ, לאָזט אים צוריק אַראָפּ, ווי ר'וואָלט זיך געישובט: קאָן נישט מיין איצטיק שמועסן מיט דעם־אַ בחור שאטן צו מיין פאָרן קיין אַמעריקע; מיין

זען זיך מיט די זין מיינע? און ער איז צוריק פאַרדושעט געוואָרן אויפן שמאַטע־שטויס.
דורך די פאַרגלאָזטע לעכער, אויפן משופּעדיקן קבר־דאַך, רייסן זיך אַריין שיטער־גראָע פּאַסן, לייגן זיך אַלכסנדיק אויף די ליימיקע ווענט. פון ערגעץ טראָגט זיך אַ שווער זעגן — אַ כאָרכלען אַזאַ פון אַ פאַרזונקענעם אין שלאָף־טומאַן. אין דרויסן באַגעגענען זיך אָנפאַרנדיקע אַרבעס, איינגעשפּאַנט אין ווייגעדיקע אייזלען. דאָס זענען אוזבעקן געקומען עפענען דעם „טאָלטשאָק".
כ׳הייב זיך איבער צעקרומטע זשעמליאַנקע־טרעפּ — צום וועג, וואָס פירט צו די באַנרעלסן. הא? וווּהין? וווּהין גרייט איך זיך צו לויפן? ווען איך ווייט אַנטלויפן? — —
„העי, בלאַט! — קלינגט מיר אין די אויערן אַ טויב געשריי — וווּהין לויפט איר? שטאַרבן אין וועג? טאַ פאַרוואָס נישט צווישן יידן?"
אַווי שרייט פינקל. געהאַט אַ ישוב — אין דער לעצטער רגע. וואָס? שטאַרבן צווישן יידן? און פאַרוואָס טאַקע נישט — לעבן צווישן יידן?
סוף־נאַכט. צעשאָטן־ווייסע וואָלקנדלעך אויף די הימל־ברעגעס.
ערגעץ אויף דער ליניע ליגט סאַמאַרקאַנד. אַ גרויסע שטאָט. אַן אומבאַשטימטער כוח טרייבט מיך אויף רעכטס. איינס, צוויי; איינס, צוויי... פינצטער־גראָ. איך שרעק זיך פאַרן טאָגליכט. פעלד אַרום און אַרום. גראָער טומאַן איינגעטונקט אין סוף־נאַכט. בלויז ווייט און טיף, אַראָפּ די האָריזאָנטן וואָס שרעקן מיט עק וועלט, ראַנגלט זיך דאָס העלישע זון־פייער מיט אַ שווערער, שוואַרצער מאַסע. יעדע ווייל האַלט איך אין דעם געלאָף, קער־אום דעם קאָפּ אויף הינטן: אפשר לויפט־אָן אַ באַן. און אָט: נישט קיין באַן. עפּעס פאַרדעכטיקס שיילט זיך אַרויס פונם ערב־פרימאָרגן. אַ געשטאַלט? און אפשר אַ לאָקאָמאָטיוו? ניין. אַ לאָקאָמאָטיוו דאַרף זיך טרייסלען מיט בליציקע רעפלעקטאָרס. און דאָ־אָ...
איך שטעל זיך אָפּ. אַ מענטשלעך געשטאַלט שיילט זיך אַרויס פונם נעפּל, שוין נאָענט פון מיר — — מעסער־בלאַנק טוט אַ בליץ אַנטקעגן. נישטאָ ווו צו אַנטלויפן. שוין שפּעט. אַ רויבער? איך וועל אַלץ אָפּגעבן — מיין גאַנצן גאַרנישט. און אפשר סתם אַ מערדער, אַ בלוט־גייציקער? און אפשר גאָר — אַ שומר פון טאָטער־שטעטל. אפשר... גאָר נאָענט — אַן אוזבעק, אַ זאַק איבער דער פּלייצע. די רעכטע האַנט אויפן האַרץ. פאַרפעסטיקט אין דער פויסט — אַ שטילעט, מיטן שאַרפן שפּיץ אַנטקעגן מיין האַרץ. איך טו זיך אַ טרייסל. אָפּגערוקט. ער קוקט מיך אָן. איך באַגריס אים:
„סאַלאַם אַלייקום, אורטאַק־לאַר!" (שלום עליכם, חבר).
ער דריקט שטאַרקער דאָס מעסער אין דער האַנט, איז אָנגעפילט מיט חשד, אָבער ענטפערט:

„אלייקום הסאַלאַם!"

איצט זענען מיר ביידע אויסגעגלייכט. די שרעק נעמט אַנטרינען. ער פאַררוקט דאָס מעסער אין גאַרטל. אַ טעות. געמיינט, אַז דאָס בין איך אַ יעגער נאָך אוזבעקן, וואָס לויפן אַהיים פון דער שקלאַפעריי. אָט דאָ, אַנטקעגן — זיין קיש־לאַק, זיין ווייב, קינדער און אייזלען. נישט דאָס ערשטע מאָל אַנטלויפט ער. די „רוסאָס" (רוסן) ברענגען אים שטענדיק צוריק. אָבער דערוויל טוט ער עפּעס אין דער ווירטשאַפט. נישקשה. זיי מעגן אים צוריקברענגען. נאָר — נישט פון מיטן וועג! אַז ער גייט אַהיים זאָל אים קיינער נישט שטערן — אנגאנססקי! (אַן אוזבעקישע קללה)...

מיר זענען אַראָפּ די רעלסן. אונטן האָט ער צעעפנט דעם זאַק. אויב וויל איך, וועט ער מיך אויפנעמען פאַר אַ גאַסט אין זיין קיביטקע, וואָס ליגט פון דאַנען אָט־אָ אַנטקעגן. „דער אוזבעק האָט אַ גוטע נשמה, נישט ווי דער רוסאָ"... ער איז מיר מכבד מיט פאַרטרוקנטע פלעצלעך און שעפסן־פליש. דערכאַפּט ס'חיות. דערנאָך האָב איך צוגעלייגט אַ האַנט צום האַרץ. עס ווערט באַלד טיפער טאָג. איך דאַרף נאָך וויט לויפן. מיר האָבן זיך געזעגנט. אַן אח לצרה. אָבער ער לויפט צום ווייב; וווהין לויף איך? איך לאָז זיך פאַזע דעם וועג, מיט די וואַטע־פעלדער, מיט — באַנייטע כוחות, לויף, שפּרינג. און אָט — אַ קליינע באַנסטאַציע. ערשט דאָ באַפאַלט מיך די אמתע שרעק: מיין אויסזען — ווי אַרויס פון דזשונגל. וואָס וועל איך ענטפערן אויב אַ „געזעצלעכער" וועט וועלן וויסן, פון וועלכן מקום ס'האָט זיך אַזאַ באַשעפעניש געיאַוועט אַהער? אַלץ אויף מיר ציטערט ווי ערבֿ מאַלאַריע. אויף די באַנליניעס — צוגן, העשענדיקע לאָקאָ־מאָטיוון. זון־שפּיזן בייסן אויף מיין צעראַצט לייב. ברודיק און באָרוועס. אויף אַ וואַנט — די ערשטע זייט פון „פּראַוודאַ וואָסטאָקאַ". מיט הונגעריקע אויגן זיך איינגעביסן אין דער „סוואָדקע" פון „סאָוואינפאָרמביוראָ": נצחונות אויף אַלע פראָנטן; די דייטשן ווערן געשלאָגן הינטער בערלין, הינטער וואַרשע... אייראָפּע ווערט באַפרייט פון די פאַשיסטישע אָקופּאַנטן — — —

אוד — יאָרן פאַרשלאָפן! די דאַטע — צווייטער אַפּריל 1945.

אַ צוג נעמט רירן אויפן וועג קיין סאַמאַרקאַנד. אייליק אַריבער די רעלסן, זיך אַריינגעוואָרפן אין אַ צעעפנטן וואַגאָן. וויאַזוי איז דאָס געשען? נאָר אַן אויסער־לעכער כוח האָט מיך אַ הייב געטאָן און אַ שטויס געטאָן. אָט ליג איך אין אַ ווינקל פון ליידיקן וואַגאָן, פאַרשטעקט פון אַ „גוט אויג", מיד, פאַרמאַטערט. איצט וויל איך שלאָפן. דער וואַגאָן איז אויסגעפּילט מיט ריחות פון פריש פערד־מיסט און קוילן־שטויב — — —

24. סאַמאַרקאַנד — נסים ונפלאות

נו, דער ווינדיקער וואַגאָן האָט מיך טאַקע אויף אַן אמת איינגעוויגט, מחמת — כ׳האָב נישט געפֿילט ווי אימעצער שלעפּט מיך, טראָגט מיך... און אַז כ׳האָב פֿון זיך אַראָפּגעשליידערט דעם לעצטן טראָפּן שלאָף, — זיך דערזען אויף דער סאַמאַרקאַנדער באַנסטאַציע; זיך דערזען אויף אַ באַנק אין דער באַן־מיליץ. לכתחילה איז דאָס אַלץ געווען בלויז חידוש: ווי לאַנג האָט געדויערט די נסיעה און פֿאַרוואָס בין איך אַזוי האַסטיק געשלאָפֿן, אַז כ׳בין נישט אַראָפּגעשפּרונגען איידער דער צוג האָט זיך געשטעלט? און זע: אַזוי פֿאַרריסט בין איך נאָך קיינמאָל נישט געווען — הוילע קויל. און ווײ־וויי: אויף דער מיליציע־נאַטשאַל־ניק: אַן אַדלער־נאָז, גרויסע אויגן און הויט פֿון קאַווע־מיט־מילך — קוקט אויף מיר (כ׳וואָלט געשווירן) מיט אַ יידישלעכן שמייכל, אַ מין עקזאָטיש־יידישן, אַ ספּעציפֿיש־יידיש־סאַמאַרקאַנדער שמייכל. ער גיט מיר איבער צו איינעם אַ יונג מיט אַן אוזבעקישער יאַרמלקע אויפֿן קאָפּ. יענער פֿירט מיך אַרויס צו אַ וואַסער־קראַן און באַפֿעלט:

„וואַש־אַרום דיין בּרודיקע מאָרדע!"

דערנאָך — איז דער נאַטשאַלניק טשעקאַווע צו וויסן: ווער איך בין, פֿון וואַנען איך קום און וואָס איך האָב בדעה צו טאָן דאָ, אין זיין סאַמאַרקאַנד.

„אַ דאָקומענט!"

זאָל איך אים אפֿשר דערציילן, אַז מיין „בלאַט" איז געבליבן ערגעץ אויף די באַגרעלסן; אים דערציילן אַז כ׳האָב נישט קיין נאָמען, אַז כ׳קום נישט פֿון ערגעץ און אַז כ׳וויל בלויז אָפּרוען? אַ שווייגעניש. זאָל איך אפֿשר שפּילן דעם טויב־שטומען? סײַווי האָב איך נישט וואָס צו פֿאַרלירן. וועט ער מיך אַריינזעצן ערגעץ אין אַ קעלער? מהיכי תיתי. אין סאַמאַרקאַנד האָט נאָך קיינער נישט צוגעגרייט פֿאַר מיר קיין באַקוועמע דירה. הכלל: איך — שווייג אויף אַן אמת. און דאָס שווייגן געפֿעלט מיר דווקא. איך זאָל עס נאָר מער נישט דאַרפֿן; און אַז כ׳וועל דאַרפֿן — וועל איך אויך להבא שווייגן. זיץ איך אַזוי מיט אַ תמעוואַטע פּנים, קוק צום דרויסן. דורך דער אָפֿענער טיר רייסט זיך אַריין דער וואַקזאַל־טומל מיט שטיקער זון. היפּש מיטן טאָג. וואָלט דער נאַטשאַלניק מיט די „יידישע אויגן" מיר געהייסן געבן אַ טעפּל וואַרעם וואַסער, עפּעס צובייס... זיצט ער הינטער זיין טיש, זיצט און — שווייגט אויך. ביידע שווייגן מיר. וואָס טראַכט ער צו טאָן מיט מיר? סוף־סוף איז אים מיאוס געוואָרן דאָס טראַכטן. איז ער אַריין אין אַ זייטיק צימער און איך — אַרויס דורך דער פֿאָראַדנער טיר. קיינער האָט מיך נישט נאָכגעיאָגט. אַדרבא. יענער דאָרט איז מסתמא געווען צופֿרידן, וואָס כ׳האָב געהאַט שׂכל און זיך באַצייטנס אָפּגעטראָגן...

וווהין?

ראשית — צום באַזאַר. שייך צו זאָגן, אַז דאָ געפינט זיך נישט קיין באַזאַר? סאַראַ פּנים וועט האָבן די סאָוועטישע באַנסטאַציע — אָן אַ באַזאַר? שפּאַן איך, קוק, באַטראַכט אַלץ און — דערזע זיך אין אַ שויב: אוף, מ׳וועט דאָך אַנטלויפן פון מיר! אַזאַ אויסזען! איך קוק דאָך אויס ווי אַן אַראָפּגעפאַלענער פון ערגעץ אַ ברודיקן וואַלקן! און דער דרויסן איז גראָד אַ ליכטיק־הייסער. עד, ווען איך וואָלט זיך איצט געקאָנט ערגעץ דאָ אָוועקזעצן און אָט אַזוי — מיט די ברודיקע נעגל פאַרקריכן אויף דער פּלייצע — זיך קראַצן, זיך אויסקראַצן צו דער זעט! ווי די לייז פרעסן מיך. האָבן זיי נאָך אויף מיר וואָס צו פרעסן? פּאַסקודנע פּאַראַזיטן. פאַרוואָס פאַרקריכן זיי נישט צו דער־אָ, דער שמאַלציקער דאָרט, וואָס שפּאַנט אַנטקעגן און דערזעט מיך — רוקט זי זיך האַסטיק אָוועק?! איך לאָז זיך אַראָפּ אויף אַ בריקל. נו, זאָל שוין נעמען אַ סוף! צו וואָס דאָס שלעפּעניש? — —

זיץ איך און קראַץ זיך מיט גרויס הנאה (דאָס איינציקע ביסל פאַרגעניגן מיינס) און דערזע אַנטקעגן, אויפן צווייטן טראָטואַר פון דער דאָזיקער שיינער און לייטיש־נגידיש־אויסזעעוודיקער גאַס, ווי פון אַ טויער־עפענונג קומט אַרויס אַ צע־יוירענע און פעט־פאַרשוויצטע נקבה מיט אַ שיסל אין די הענט. זי שטעלט זיך אָוועק אויף דער שוועל און נעמט קיטשען אויף אַ קעצישן לשון:

„קטשי, טשי טשי!"

דערנאָך שטעלט זי אָוועק די שיסל אויפן ברוק. און פון אַלע זייטן נעמען זיך צונויפלויפן קעץ, שוואַרצע, געלע, פעטע, מאַגערע — עס נעמט גאַרנישט קיין סוף צו דער גרויסער קעץ־דעמאָנסטראַציע; און אַלע — צו דער שיסל; און אַלע — איינע אויף דער צווייטער. און אַלע ווילן זיי דווקא מיט איין מאָל נהנה זיין פון די גוטע פּאַטראָוועס, וואָס די פעטע נקבה האָט פאַר זיי אָנגעגרייט. דאָ האָב איך דערפילט, אַז מיין ווייניקייט שטייט נישט פיל נידעריקער פון די דאָזיקע סימפּאַטישע חיות. פון מיר קאָן נאָך אַמאָל די סאָוועטישע אָרדענונג האָבן נוצן, אָבער פון די קעץ — וואָס? נו, ווינציקער פילאָזאָפירן: איך בין איילי́ק אַריבער אויף דער צווייטער זייט, אַ קוק געטאָן אין דער שיסל — — כל טוב: ווייסע לאָקשן און ווייסע רייז און ווייסע שטיקלעך ברויט און פלייש־ביינדלעך, ווייס און פעט... — טאָ זאָל זיך מיר דאַכטן, מיר און דער פעטער קעץ־פאַרזאָר־גערקע, אַז אויך איך בין אַ קאַץ. און כהרף עין — זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דער שיסל און מיט די פיס — די קעץ איבער די בייכער, איבער די קעפּ... זיי זענען זיך פאַנאַנדערגעלאָפן; איצט שטייט פאַר מיר אַ שיסל — כיד המלך. איינס, צוויי — — און געגומען שלינגען: לאַנגע לאָקשן, רייז־קניידעלעך און פלייש אויף אַרומגעגריזשעטע ביינער. אַ זוניקער חלום אין אַ הייס־זוניקן נאָכ־מיטאָג. און פון אַלע זייטן טראָגט זיך אַ קעץ־יעלהווען, אַ האַרצרייסנדיק געוואָ־

יעריי, גליך כ׳וואָלט זיי אָפּגעצוואָגן מיט קאָכנדיק וואַסער, אָדער גאָר — געפרעסן פון זיי לעבעדיקע שטיקער. ס׳טו געהערט: מיט וואָס בין איך סוף־סוף ערגער פון די קעץ? פאַרלאַנגען יושר? אַ שאָד אַ רגע. גלייכער אויסצו־ליידיקן די שיסל און זיך גיכער פון דאַנען אָפּטראָגן. נו, האָב איך אויסגענאָגט די אָפּגענאָגטע פלייש־ביינדלעך, אַרומגעלעקט די פינגער. פאַרטיק. איצט דאַרף מען זיך אָפּרוען. עס ברענט נישט. פאַרוואָס אַנטלויפן? אַדרבא, לאָמיר פרעגן יעדן סאָוועטישן בירגער: איז לויטן זאַקאָן אַ קאַץ וויכטיקער פון אַ מענטש? ווידער האָט זיך באַוויזן די נקבה. איך טו אַ שליידער די שיסל צו איר׳ע פיס און — אַוועק אויפן גלייכן וועג. איך האָב נאָך באַוויזן צו זען, ווי זי פאַרלייגט די צוויי פאַרשוויצטע הענט אויף די אויסגעפּילטע זייטן און דערלאַנגט מיר חשבון — איבער דער לענג און ברייט פון דער חשובער און רואיקער גאַס:
„טי לאָדער... דאַרמאָיאַד... אַז פאַרוואָס גייסטו נישט אויפן פראָנט... בליאַד... יאָבאַני...

די לעקסיק — אַ באַקאַנטע. נישטאָ זיך מיט וואָס איבערצונעמען. איצט שטעל איך זאַט־באָרוועסע און באַלעבאַטישע טריט. ווּהין? צום באַזאַר. פאַררוקט זייטיק — די באַקאַנטע טישן און די באַקאַנטע אוזבעקן; אַלץ אַזוי היימיש און געזעצלעך. אַרום די טישן — היימישע פּנימער פון נע־ונדניקעס און קריעה־בליעהניקעס. אומעטום זענען זיי דאָ. דאָס יידישע מזרח־אייראָפּע האָט פאַרמאָגט גענוג יידן, גענוג יידישע בחורים, וואָס זאָל סטייען פאַר אַ וועלט אַ גאַנצער. פאַרמאָגט... געבליבן אַ שארית הפליטה... מיט איינעם פון זיי נעם איך זיך איצט דורכשמועסן. הונגעריקע אויגן. שפּיציקע ביינער. אַ סקעלעט. יאָ. האָט דער סקעלעט פאַר מיר אַנטפּלעקט: פאַראַן צוויי סאַמאַרקאַנדס — אַ נייע און אַלטע. מיר געפינען זיך איצט אין דער נייער. דאָס גאַנצע ביסל דאָברע מזל פאַר אַ נאַש בראַט געפינט זיך אין דער אַלטער. דאָרט איז פאַראַן אַ מין „פּאַן מעצענאַס״ אָדער זיינס אַ יורש (אַז ברענען זאָלן זיי אַלע!) — וואָס גיט שטיצע. רופן רופט עס זיך: „זעט פּע פּע״, וואָס דאָס מיינט: „זוויאָנזעק פּאָלסקיך פּאַט־ריאָטוור״ און וואָס דאָס הייסט: פאַריין פון פּוילישע פּאַטריאָטן. כדי צו גרייכן אַהין, דאַרף מען דורכמאַכן פיר קילאָמעטער; דאַרף מען עולה זיין אַהין. סיווי איז שוין אויף היינט שפּעט. דער אָונט רוקט זיך צו. גלייכער דורכצושלאָפן אָטאָ דאָ, אויף איינעם פון דידאָזיקע באַזאַר־טישן. אויך ער און אַנדערע ווי ער, אַלע שלאָפן זיי דאָ. ווייכע טישן.

באמת זייער פּאַסיק. אַ מין וואָגל־האָטעל, לאָמיר זאָגן: אַ הקדש אונטערן הימל, דערדאָזיקער באַזאַר. מחמת ווי עס איז געוואָרן נאַכט, איז געוואָרן אַ געיעג צו פאַרכאַפּן טישן. פאַר מיר, ווי אַ גאַסט, האָט מיין בחור־מיטשמועסער אָפּגעהיט אַ טיש, אויף וועלכן מיר האָבן זיך בשותפות אַוועקגעלייגט. פונם שמועס מיט אים

וויזט זיך אַרויס, אַז ער איז מיין בן־עיר, פון כרך וואַרשע און אַז אים זענען באַקאַנט די שרייבערס, וואָס געפינען זיך דאָ. אַט, נישט ווייט פון דאַנען, אויף יענער זייט סטאַציע, וווינט דער ראָמאַניסט קוועטשער. אין אַלט־שטאָט — די שרייבערס ג. און ב. און בכלל. — האָ? קוועטשער? געפינט זיך נישט ווייט פון דאַנען? דאָ — זיך דערמאָנט זיין שונדישע ראָל אין ביאַליסטאָק. אַריינגיין צו אים? עס וואָלט געווען אַ יושר. וואָס האָב איך דען צו פאַרלירן? איך וויל בלויז אָפּעסן. זאָל זיין פון אַ קוועטשער... איך פרעג זיך נאָך ביי מיין ביישלע־פער וועגן דעם מין „גייסט־מענטשן", וואָס זאָל זיך דאָ געפינען. ווערט ער טשעקאַווע, הלמאי איך פרעג זיך אַזויפיל נאָך אויפן „דאָזיקן מין".

„ווייל — האָב איך זיך „אַנטפּלעקט" — איך געהער צו דער בראַנזשע".
„אַ שרייבער? און אין אַזאַ הילוך? ווי רופט מען אייך?"
„דעריך גייט׳ס טאַקע; מען רופט מיך שלעפער און דאַרמאַיעד און פּאַראַזיט... קיין נאָמען האָב איך נישט..."
„סטייטש?"

„נו, אַזוי איז עס: איך האָב נישט קיין דאָקומענט און מכוח דעם וויל איך רעדן ווינציקער... איר פאַרשטייט דאָך אַליין".
„יאָ, איך פאַרשטיי. גייט אַריין צום ראָמאַניסט. ער וועט אייך שוין געבן אַן עצה".

פון מיין שכנס זייט — אַ סקריפּנדיק שנאָרכן. דאָ מוז מען שלאָפן שנעל. פאַר־טאָג קומען די אוזבעקן. די טישן מוזן ווערן אָפּגערייניקט איידער די זון באַוויזט זיך. ליג איך מיט אָפענע אויגן און קוק צום הימל. אַזאַ הימל פאַררייניקט די גאַנצע וועלט, אַ הימל אָן גרענעצן, אָן שטעכל־דראָט, — אַן אָפענער הימל. און ווי פון דאָזיקן הימל איז עס געפאַלן פייער אויף אַ גרויסן טייל וועלט! און איצט? מען שמועסט, אַז די מלחמה האַלט זיך ביים ענדיקן אָדער האָט זיך שוין געענדיקט. אין שטאָט וועל איך אַלץ וויסן. כדאי אָבער אַפריער זיך צו זען מיטן ראָמאַניסט. עך, ווי כ׳דאַרף איצט נייטיק אימעצן, וואָס זאָל פשוט און ידישלעך רחמנות־האָבן „אויף מיינע פאַר יאָר" (ווי עס זינגט זיך ערגעץ אין אַ לידל) — — — נאָך לאַנגע זוכענישן — זיך דערפרעגט אויף זיין אַדרעס. געעפנט אַ קליינע פורטקע איבער אַ שמאָלן איינגאַנג צו אַן אוזבעקיש הייפל. דעם ערשטן קבלת־פנים באַקומען פון אַ הונט, וואָס האָט נישט פאַרגעזאָגט קיין גוטס. איך בין צוריקגעשפּרונגען. דער הונט — נאָך מיר. אויף זיינע (און מיינע) קולות האָט זיך באַוויזן אַ פרוי, קענטיק די באַלעבאָסטע פונם הייפל און דערנאָך — ער... יאָ. דאָס איז ער. בלויז וואָנסעס האָט ער זיך געלאָזט אָנוואַקסן, שוואַרצע, געדיכטע וואָנסעס. צו וואָס דאַרף ער זיי? נוצן זיי אים צו פרנסה?

ער פירט מיך אַריין אין אַ ליימיקער קיביטקע. אַ טיש און בענקלעך. אויפן טיש — אַ פּאַפּיר־שטויס. אַ מיידל דערנעבן.
„מיין סעקרעטאַרקע, זייט באַקאַנט — האָט קוועטשער זיך פאַרגעשטעלט מיט זיין „נישט־אַבי־ווער" — איך שרייב אַ דראַמע"...
מיך אָבער אינטערעסירט נישט זיין סעקרעטאַרקע און נישט זיין דראַמע. איך פאַרמאָג אַן אייגענע, אַ פּאַרטיקע דראַמע...
„עס ווילט זיך מיר זייער אָפּעסן — גיי איך אַרויס מיט לשון און וויל דערביי נישט פרעגן, הלמאי דער נייגעבאַקענער דראַמאַטורג וויל אַפילו נישט וויסן פון וואַנען איך קום — איך וויל אָפּעסן, וויל איך!"
זיין סעקרעטאַרשע — איצט פאַרקוק איך זיך אויף איר: אַ קיילעכיק פּנים, רויטלעכע האָר, אַ באַלעבאַטישן אויסזען — זעלטן צו טרעפן איצט אַזוינע מיידלעך — זי שטעלט זיך אויף מיט דער דעה צו מאַכן פאַר מיר עפּעס אָפּצו־עסן. זי קוקט זיך איבער מיט איר „פּאַטראָן" און יענער — צעשאָקלט דעם קאָפּ אויף „ניין". זי זעצט זיך צוריק אַוועק. אויפן טיש — אַ שיסל מיט אייזל־טוט, אַ מאכל אויך פאַר מענטשן, אַז מען פאַפּראַוועט עס מענטשלעך. האָט קוועטשער מיר צוגערוקט די שיסל. ברודיקע שטעכלקעס. אַ פאַרטיקער שילשול. זיך אויפ־געהויבן. ער האָט נאָך באַוויזן מיר נאָכצושרייען:
„איך באַקום פּעקלעך פון אַמעריקע און לעב פון זיי; האַלט מען מיך דערפאַר פאַר אַ נגיד".
יאָ נגיד, נישט נגיד — קיין מענטש איז ער זיכער נישט, דער קוועטשער; ביאַליסטאָק יוכיח — — — סאַמאַרקאַנדער אַלטשטאָט: אוזבעקישע אָרעמקייט — אַ צוריקטריט מיט טויזנט יאָר אַנטקעגן די רחבותדיקע גאַסן פון נײַשטאָט, אַנטקעגן דער סאָוועטישער גביראַקראַטיע, וואָס גלאַנצט מיט פאַרביקע קאַלומ־נעס אַנטקעגן דער זון. און פונקט אַנטקעגן — אַ פּאַרק. ביידע טראָגן זיי דעמ־זעלביקן נאָמען: רעגיסטאַן. און אַזוי אויך די גאַס, וואָס ציט זיך פיר קילאָ־מעטער פון דער אַריסטאָקראַטישער נײַשטאָט צו דער ליימיקער, קבצנישער, אַרומגעשיילטער אַלטשטאָט: רעגיסטאַנסקאַיאַ.
דער פּאַרק איז מיר תיכף געפעלן. גראָז און ביימער און בענק. זיץ איך אויף אַזאַ באַנק, באַטראַכט דעם אַרום: אַרומגעשווירענע גראָז־בייטן, פריש־באַשפּריצטע שטעגעלעך. עך, ווי דער מענטש האָט נישט קיין מזל אין דערדאָזיקער מדינה! שפּעטער פרימאָרגן. איך פיל אַ גרימעניש אין מאָגן, אַ בייסעניש אין פּלייצע, אַ שטעכעניש און ברעכעניש אין אַלע מיינע אברים. ווו געפינט זיך דאָ ערגעץ דער „פּאַן מעצענאַס", אָדער, ווי זיין נאָמען איז איצט: „זוויאַנזעק פּאָלסקיך פּאַטריאָטוו"?
פון אַ זייטיקער אַליי שפּאַנט אַרויס אַ באַשעפעניש אויף צוויי פיס: אַ צעוואַק־

סענע זאַך, איינגעהילט אין שמאַטעס און באַהאַנגען מיט פּושקעלעך. ער טרעט פאַרביי מיין באַנק — באוואַקסן, ברודיק און צויטיק — שפּיגל פון מיין צרה־וואַטער צורה.

„פון וואַנען נעמט זיך אַ ייד דאַ אַהער ?" — טוט דאָס מענטש־באַשעפעניש אַ שטעך־אייך אין מיר זיינע אויגן.

איך „פאַרבעט" אים צום זיצן. ער באַטאַפּט אַלע מיינע אברים. איך באַווייז אים מיין מאַסקע :

„פון סאָוועטישן פאַטערלאַנד".

„דאָס זע איך. אַבער אַזאַ נאַקעטקייט שוין לאַנג נישט געזען"

אַ דריסטער בחור. ער איז היימיש מיט זיין הילוך, מיט זיינע פּושקעלעך. איינס אַזאַ פּושקעלע איז אָנגעפילט מיט אובעקישן קעז, אויסגעמישט מיט זשאַווער. ער שטעקט אַריין אַ ברודיקן פינגער, נעמט אים אַרויס אַ באַשמירטן מיט קעז. ער לייגט מיר פאָר :

„זייט אייך מכבד".

„אַ !" — טו איך אַ שווערן זיפץ.

„נו־נו, איר דאַרפט נישט זיפצן ; מען דערקענט עס אויף אייער פּנים..."

ער שטעלט זיך פאָר : עוזר. ער וויל וויסן ווי מ'רופט מיך.

„מיך — האָב איך געטונקען דעם פינגער אינם קעז־פּושקעלע און אים געשטופּט צווישן באָרד און וואָנסע — מיך האָט די מאַמע אַמאָל גערופן"...

„די מאַמע... אַמאָל... און ווי רופט מען אייך היינט?"

הכלל : מיר האָבן זיך צונויפגעשמועסט און צונויפגעפּאַרט אויף אַן אמת. ער האָט מיר געזאָגט, אַז מיין „פּסיכאָלאָגישער אינטעלעקט" האָט פאַר אים אַנט־פּלעקט, ביים ערשטן בליק אויף מיר אַ מענטש פון „אַנדערן סגאָל".

מהאי טעמא — מעסטן מיר צוזאַמען די גאַסן און געסלעך פון אַלטסאַמאַרקאַנד. אונזער נאַכט־לעגער — דער פּאַרק. דאָרט — אויך איבערגעבליבן. שטענדיק פאַר־וואָלגערט זיך ביי אים, ביי עוזרן, אַ פאַרטרוקנטע ברויט־סקאָרינקע, אַ פלוים אָדער אַביסל קעז, זיך „איינגעשאַפּט" אויפן באַזאַר. אַזאַ באַזאַר ווי אין סאַמאַר־קאַנד, אַזאַ טאָלטשאָק — אייגער אין דער גאַנצער ראַטנמלוכה. פון אַ קנעפּל ביז אַן אייזל — אַלע פאַרגעניגנס באַקומט מען דאַ. דער סאָוועטישער אָרנט־לעכער בירגער, בכדי ער זאָל קאָנען אָפּעסן אַ זאַטן טאָג אויפן באַזאַר, דאַרף פאַרדינען צוואַנציק מאָל אַזויפיל וויפל די מלוכה גיט אים. און דער באַזאַר איז אויסגעפילט מיט קונים. און אַלע קויפן און אַלע פאַרקויפן. פון די בלויזע ריחות, וואָס עס לאָזן פון זיך אַרויס די רוסישע באָרשטן, די אוזבעקישע פּלאָוו און שאַשליקס און שעפּסן־פלייש — פון די בלויזע ריחות קאָן אַן אונזעריקער זאַט ווערן. און מען שטויסט זיך און מען רייסט זיך און קללות פּילן־אויס דעם

שמעקנדיק־פאַרעיפּושטן אויר — ביז צום צעהיצטן הימל.
אין איינעם אַן אָוונט פון די צעפּאַרעטע סאַמאַרקאַנדער אָוונטן, ליגנדיק צווישן קשאַקעס אין רעגיסטאַן־פּאַרק, האָט עוזר געהאַלטן פאַר מיר אַ רעדע, וואָס, דאַכט זיך, די לויטערע שטערן אויפן הימל און דער הייליקער מעטשעט דער־נעבן האָבן אויך איינגעהאַלטן דעם אָטעם, צוגעלייגט אַן אויער און זיך איינ־געהערט:
„מיר טרעטן אויף שקר. און דאָס איז אונזער מעלה און עקשנות; מיר, קינדער פון אַ געפּייניקט פאָלק וואָס זוכט דעם אמת, טרעטן אויפן באָלשעוויסטישן שקר, צעטרעטן אים; מיר טרעטן אויף די אַלע גענזצען, וואָס זייער ציל איז: צעטרעטן דעם מין מענטש. פאַרשטיי: „לא תגנב" איז ביי יידן אַ געבאָט פון הויכער מאָראַל. דאָ עקזיסטירט נישט אַזאַ געבאָט, ווייל עס עקזיסטירט נישט קיין מאָראַל. דאָ, ווו אַ קער — מען גנבעט; גרויס און קליין — אַלץ גנבעט. אַז דאָס איז דער פונדאַמענט זייערער — גנבה און גזלה. הער: מיר איז קיינמאָל נישט געקומען אויפן רעיון צו גנבענען. אַזאַ זאַך גאָר! דאָ בין איך געוואָרן אַ גנב. דאָ צווינגט אויף מיר אַרויף דאָס געזעץ: גנבע! גנבע איך — אַ פלוים, אַ מייער, אַביסל קעז. האָב הנאה פונם באָלשעוויסטישן געזעץ"...
נאָך דער־אַ רעדע האָט זיך מיר געדאַכט, אַז דערדאָזיקער בחור, וואָס איז „אויס־געקאָכט" מיט קאַנטן און שפּינאָזען, מיט מאַרקסן און פלעכאַנאָוון, איז עפּעס נישט אין אָרדענונג מיטן מוח זיינעם. ער איז בכוח צו פאַרדרייען אַזאַ מין קאַשע, וואָס בלויז פאַרמישטע און פאַרדרייטע קענען פון איר טועם־זיין. אָבער עוזר איז פאַרט ביי די קלאָרע געדאַנקען; אַ געוועזענער יידישער לערער אין ווילנע, אַ יושר־זוכער און דעמאָקראַטיע־אַנטפּלעקער אין דער אָקטיאַבער־רעוואָ־לוציע, — איז ער איצט אש להבה, בפרט אויף די „נאָכשלעפּערס":
„אָט קוק זיך צו צו אונזערע היימישע, די „פּאַטריאָטן", די „זוויאַגזעק"לייט. טפו! נאָכקריכנדיקע באָלשעוויקעס! לייזן!"
סאַמאַרקאַנד הודזשעט מיט אייזל־געוויין און אוזבעקישן געקוויטש. די גאַס, וואָס פירט צום באַזאַר — פאַרפּראָפּט מיט פאַרביקע כאַלאַטן, מיט אַבאַיעס און פאַראַנ־זשעס. אַ געלע זון הענגט אויף אויסגעבויגענע לאָדנס פון געל־אַרומגעשינדענע הייזער. אויך די רינשטאָקן — אויסגעפּילט מיט געלן שוים. אויך די צעאָקערטע אוזבעקישע פּנימער — געל. אַ געלע, שווינדזיכטיקע וועלט. וווהין גיי איך און וווהין פירט עס מיך?
איך לאָז אַראָפּ מיין טרוקענעם ביינער־בונט אויף אַ ברעט פון אַ טשייכאַנע. אַ באַבאָרדטער אוזבעק זשלאָקעט מיט הנאה גרינעם טיי, פאַרבייסט מיט וויינ־טרויבן. מיר וואַסערט צווישן די ציין. די אויגן קלעפּן זיך. אַ מידקייט דושעט אויף מיין געביין. אַ מין חלשות. נישט לאַנג געטראַכט און — אַ כאַפּ געטאָן

אַ שטויס ווייַנטרויבן כמעט פון דער אוזבעקישער באָרד אַרויס, זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אוזבעקן־און אייזל־מאַסע. אויב שטאַרבן, טאָ — ווי אַ העלד. איצט וועל איך קאָנען דערציילן עוזר, וויאַזוי אויך איך האָב מקיים־געווען דאָס באַלשעוויסטישע געזעץ.

25. דער צדיק פון „זאַגאָטזערנאָ"

געוואָר־געוואָרן: אין איינעם אַ נאָנטן דאָרף געפינט זיך זייער אַ ווילער יונגער־מאַן, אַ ליבהאָבער פון יידיש און פון יידיש־שרייבערס. ער איז דאָרט אַ טרעגער אין אַ ווייץ־סקלאַד. גיט ער ראשית אָפּצועסן אַ נאַש־בראַט אַ ווייץ־קאַשע ושנית — טוט ער אויך אַ טובה. הכלל: זאָל זיין דאָרט; וואָס פאַרליר איך דען מיטן פאַרלירן סאַמאַרקאַנד. האָב איך זיך אַוועקגעלאָזט צו דער באַנליניע. מיט עוזרן וועל איך זיך נאָך מסתמא זען. זאָל נאָר קומען אויף מיר די הילף, וועט אויך עוזר געהאָלפן ווערן.

טרעט איך אין הייסן זאַמד — אַ שעה, צוויי, דריי. לויט דער אָנגעצייכנטער ליניע. לסוף — דערזען די דאָרפישע סטאַציע. שוין היפּשלעך אַריין אין בין השמשות. זיך תיכף געפרעגט אויפן באַזאַר. שייך צו זאָגן, אַז ביי אַ סאָוועטישער באַנ־סטאַציע זאָל נישט זיין קיין באַזאַר? געטראָפן. נישט אַזוי גרויס ווי אין סאַמאַר־קאַנד, אָבער אַ באַזאַר פאָרט. אַ באַזאַר־טשיק. און אויף דעם ברעקעלע באַזאַר־טשיק — אַ יידן־געזעמל, וואָס קילט זיך אין שאָטן פון צופאַלנדיקן אָוונט. יידן, אָן עין־הרע, רעדן אַ געדיכטן יידיש. דאָס איינציקע ביסל פאַרגעניגן צו הערן. האָב איך זיך צוגערוקט צו איינעם, צו אַ צווייטן. זיי קוקן אויס ליטישער, פריי־לעכער. שוין לאַנג נישט געזען קיין פריילעכע יידן. זיך געפרעגט אויף יענעם בחור, דעם „גרוזשטשיק". האַ? יענער־אָ? געווען דאָ און אַוועק אַהיים. אָטאָ דאָרט, רעכטס און לינקס — זיין קיביטקע.

ער האָט מיך אַריינגענומען גאָר היימישלעך און זייער יידישלעך, ממש ווי אין אַמאָליקע גוטע צייטן.

נאָכן פאַנאַנדערשמועסן זיך, האָט ער מיר פאָרגעלייגט זיין געוויינלעכן כיבוד: אַ שיסל ווייץ־קאַשע און אַ ווינקל איבערצונעכטיקן. מאָרגן וועט מען זען. אפשר וועט זיך לאָזן עפּעס מאַכן. דערווייל — מחיה געווען. אַ פולער מאָגן און אויס־געגלייכטע ביינער. עד, ווען די נאַכט ציט זיך כאָטש — אַ יאָר...

יאָ. דער מכניס אורח האָט מיך אַוועקגעפירט אויף מאָרגן צו אַ שערער, מיך אָנגעטאָן אין בגדי מלכות, אַז כ'האָב זיך נישט דערקענט.

הכלל: ויהי ערב ויהי בוקר. אויסגעשלאָפן, אָפּגעגעסן, אָנגעטאָן. ער איז אַוועק צו דער אַרבעט, שפּעטער געקומען מיך רופן. היות איך האָב אים אויסגערעכנט אַלע מיינע „ספּעציאַלנאָסטן" — האָט ער מיר געשאַפן „שטוקאַטורסקע" אַרבעט:

פאַרגיסן אַ פאַדלאָגע מיט ליים, פאַרשמירן זי מיט צעמענט און פאַרגלעטן. ער האָט מיר איבערגעגעבן אין רשות פון איינעם אַן אויפזעער איבער דער פאַדלאָגע. יענער האָט מיך אָוועקגעפירט ערגעץ אין אַ גרוב, געוויזן: אָט זענען אוזבעקן; זיי וועלן מאַכן ליים און דו וועסט דעם גרוב אויסגלייכן. פאַרשטאַנען?

דאָ הייבט זיך אָן די אַלטע, די טאַטערישע מעשה. אוזבעקן גיסן אַרום מיר מיט ליים, פאַרטרונקען מיך אין בלאָטע; און איך — קריך אַרום מיט מיינע ריינע הויזן איבער דער בלאָטע, שמיר און רייב, רייב און גלעט, אָבער די לעכער בלייבן לעכער און די גריבער — גריבער... האָט עס אַזוי אָנגעהאַלטן אייניקע שעה; געמיינט, אַז דאָ, אין דער ליימיקער בלאָטע, וועט שוין זיין מיין סוף. האָט מיך אַרויסגעראַטעוועט דער אויפזעער. ער איז געקומען באַקוקן די אַרבעט מיינע. דערזען: די אוזבעקן טרינקען טיי און איך... וויי־וויי! — האָט ער אָן שהיות און אָן טענות געהייסן מיר זיך אָפּטראָגן. אַנ—טרי—נען! איך האָב אים אָוועקגעפּטרט אַזויפיל שעהן, צוגענומען ביי אים מענטשן. געמאַכט פון סמאָלע בלאָטע און פון ליים — גריבער און בערגער. גאָר מעגלעך, ווען כ'וואָלט נישט געווען אַ וואַגאַבונד אָן אַ נאָמען; גאָר מעגלעך, ווען דער גוטער בחור וואָלט נישט געווען פאָני בראַט מיטן אויפזעער — ווער ווייס; וואָלט מען מיך מסתמא געמשפט פאַר סאַבאָטאַזש. און ס'איז דאָך בפירוש סאַבאָטאַזש — — —

אַ ברודיקער (עד, מיינע שיינע בגדים!), אַ פאַרשעמטער (די אוזבעקן האָבן געלאַכט פונם „מאַסטער") און אַ פאַרמאַטערטער, האָב איך זיך קוים־קוים אָוועקגעשלעפּט צו דער סטאַציע, געזוכט דאָרט מיין גוטן מכניס אורח — קיינעם נישט געטראָפן. נישט געזען קיין ייד אויף אַ רפואה! ווו זענען אַלע יידן? מסתמא באַהאַלטן זיי זיך פון מיר, דעם שלימזל. די נאַכט נעמט צופאַלן. זעץ איך זיך אַוועק אויף אַ בריקל. צוריק! וואָס שנעלער צוריק — קיין סאַמאַרקאַנד! דאָרט האָב איך כאָטש ווו צו פאַרשטעקן מיין חרפה. דאָ בין איך מלכתחילה — אַ פאַרלוירענער. נאָך אַזאַ עבודת פרך, דורכצומאַכן דעם וועג צופוס? ניין. דערצו בין איך נישט פּעאיק. זיץ איך און קוק צו די רעלסן. לאָקאָמאָטיוון סאָפּען. צוגן מאַנעווּרירן. מסתמא וועט באַלד זיך לאָזן אַ צוג אויפן וועג קיין סאַמאַרקאַנד. וכך הווה: אַ טראַנספּאָרט מיט ציסטערנעס נעמט זיך באַוועגן, איך — הינטער אים. און ווי ער האָט אָנגעהויבן פאַרג׳יכערן זיין געלויף, — זיך אַרויפגעקאַטשעט אויף אַ נאָפּט־פּעסל, זיך באַזעצט מיט די פיס אַראָפּ. אַז אַרום און אַרום — קיין לעבעדיק נפש. טאָ פאַרוואָס זיך נישט באַזעצן ווי אַ ליטישער פּאַסאַזשיר? — — — דער צוג טרייסלט זיך. איך צוזאַמען מיט אים. באַלד וועל איך זיין אין סאַמאַרקאַנדער פּאַרק, זיך דאָרט טרעפן מיט עוזרן, אים דערציילן וועגן מיינע העלדישקייטן און ער וועט מיר הייסן אַריינשטעקן אַ פינגער אין אַ פּושקעלע מיט קעז. אָבער דער צוג שלעפּט זיך ווי אַ טשערעפּאַכע. הלוואי, די נסיעה זאָל דורך גלאַטיק.

26. פאַרוואָס האָט ער מיך נישט דערשאָסן?

נישט געמאַכט קיין טעות מיט מיין שרעק:

אַ באַביקסטער סאָלדאַט נעבן מיר. פון וואַנען איז ער אויסגעוואַקסן? גיי פרעג קשיות. ער איז נאָך גאָר אַ יונגער, אַ יינגל ממש. בלאָע אויגן, דינע ליפּן. וואָלט די ביקס נישט אָפּרעגעקוקט פון הינטער זיינע שמאָלע אַקסלען, וואָלט ער געווען דערזעלביקער וואַגאַבונד ווי איך; וואָלט איך פאַר אים געמאַכט פלאַץ נעבן מיר. „וואָס טוסטו דאָ? — דערלאַנגט ער אַ וואָרף אויף מיר מיט זיינע בלאָע אויגן, וואָס האָבן מניה וביה באַקומען אַ גרינע, אַ טיגערישע פאַרב — ווייסט נישט, אַז עס איז מלחמה? נו, לאָמיך נאָר זען אַ דאָקומענט".

דאָס יינגל-סאָלדאַטל איז באמת איבערגעשראָקן — מער פון מיר. אים האָט מען אָנגעטרויט אַזאַ טייער און פּליסיק מלחמה-מאַטעריאַל און דאָ — אַ צוטשע־פּעניש, וואָס שווייגט. יאָ. איך שוויג. וואָרום, וואָס האָב איך צו רעדן? וואָס זאָל איך אים דערציילן? קוק איך אויפן יינגל, אויף דער ביקס און — טויב־שטום. און ער? ער האָט אַלע כשרע רעכט מיך צו דערשיסן אָטאָ דאָ, אין מיטן פעלד. האָט ער דאָך אַלע באַווייזן, אַז איך בין אַ שפּיאָן, אַ סאַבאָטאַזשניק, וואָס האָט זיך געגרייט אויפצורייסן די ציסטערנעס! — — —

אַזוי האָבן מיר ביידע — איך און דער סאָלדאַט — זיך אַ ווייל געטרייסלט אויף די וואַגאָן-רעלסן, זיך אָנגעשפּאַרט אויף דער קיילעכיקער ציסטערנע, ביז דער צוג האָט זיך פּלוצים אָפּגעשטעלט אין מיטן פעלד. דאָ איז דאָס סאָלדאַטל אַראָפּ־געשפּרונגען, אויסגעצויגן צו מיר די ביקס און — געהייסן אַראָפּשטייגן. איך האָב געפאָלגט. די הויט האָט זיך גערינצלט אויף מיר, בעת איך בין געשטאַנען אַנטקעגן אים און ער — די ווינקלען פון זיינע ליפּן האָבן זיך געצייכנט מיט שוים, זיינע גרינע אויגן — אויסגעפּילט מיט האַס. פאַרוואָס שוויג איך? ווער איז דאָס דערדאָזיקער פאַרשוין, וואָס האָט זיך אָנגעזעצט אויף „זיינע" ציסטערנעס? זאָל ער, דאָס יינגל-סאָלדאַטל, באַצאָלן מיט זיין קאָפּ פאַר מיר? — — — אַ פייכט־קייט נעצט מיינע באַקן, ריזלט זיך איבער בויך און פּלייצע. ווי לאַנג וועט ער אַזוי אָנהאַלטן די בייזע שפּיל? וואָס האָט בדעה דאָסדאָזיקע יינגל צו טאָן מיט מיר? לסוף — וויאַזוי און ווען איז דאָס געשען? — דערפילט אַ שרעקלעכן ווייטיק אויפן קאַרק. דאָס האָט דער סאָלדאַט מיר געלאָזט פילן מיט דער קאָלבע פון דער ביקס אַזאַ טראַמאַסק, אַז כ׳בין קוים געבליבן אויף די פיס. און געמאַכט האָט ער דאָס פאַכמעניש: האָט ער דאָך געקאָנט דערלאַנגען איבערן קאָפּ און — מיך לאָזן אויפן וועג מיט אַ צעשפּאָלטענעם שאַרבן?! און פאַרוואָס טאַקע האָט ער מיך נישט דערשאָסן?! לסוף, אַז ר׳האָט געזען: נאָך פאַראַן צו וועמען צו רעדן, האָט ער מיך גענומען אונטערשטויסן מיט דער ביקס, כ׳זאָל אַרויפגיין אויבן. כ׳האָב נאָך געהערט פון אים:

„באַלד נעמט רירן דער פּאַראַוואָז. נו, סוקאַ, קריך אַרויף, פּאַרבלוטיקטער חזיר! אין שטאַב וועסטו שוין רעדן!"

ער האָט מיך איבערגעלאָזט אַליין. איך האָב געווישט דאָס בלוט פון מיין נאָז, אויערן, אויגן, פון אַלע עפענונגען אויף מיין פּנים און אַרום דעם. אונטער דער צונג פיל איך אַ געזאַלצן שטיק — נישט אויסצושפּייען, נישט אַראָפּצושלינגען. אין מיין מוח פּלאָנטערט זיך: „שטאַב"... „רעדן"... דער צוג הוידעט זיך. דעם חוש האָב איך נישט פאַרלוירן. פּאַרט אַ גוטער בחור, דערדאָזיקער יונגער פּאַנקע: מיטן זעלביקן קלאַפּ האָט ער דאָך געמעגט מיך דערהרגענען... טאָקע דערפאַר, ווייל ער האָט מיר געשענקט דאָס לעבן — האָב איך נישט בדעה אַריינצופאַלן אין שטאַב. מיין מוח (וואָס דאָס גוטע סאָלדאַטל האָט אים געלאָזט גאַנץ) אַרבעט אויף אַלע זיינע קעמערלעך. טאָקע פון דאָרט הער איך אַ וואָרענונג: שפּרינג אַראָפּ, כל זמן דאָס ביסל חיות איז דיר ליב! און כ'האָב געפאָלגט — וואָס דאָס איז דאָך זיכער אויך דער ווילן פונעם גוטן סאָלדאַטל...

די זון טינקט שוין טיף אין האָריזאָנט. ווי לאַנג איך בין געלעגן אין ראָוו? שווער צו האַלטן חשבון „ביי אַזוינע באַדינגונגען". פּאַרטאָג — האָב איך גע־שפּאַנט קיין סאַמאַרקאַנד. לעצטע לאַמטערן־פייערלעך בליצן אַנטקעגן פון דער גרויסער אוזבעקישער שטאָט.

עוזרן געטראָפן אויף זיין פּלאַץ אינעם רעגיסטאַן־פּאַרק, ווי נעכטן, ווי מיט אַ יאָר צוריק — ווי זינט זיין געבוירן. ער ליגט צונויפגעוואָקסן מיטן בינטל קשאַקעס.

„האַ? פון וואַנען?!"

דאָס מאָל האָט ער ווינציק פילאָזאָפירט. ער האָט זיך געלאָזט לויפן צום נאָענטן אַריק, צוריקגעקומען מיט אַ נאַסער שמאַטע, האָט ער אַרומגעווישט דאָס פאַר־טרוקנטע בלוט אויף מיין צורה; דערנאָך געלייגט אויף מיין קאָפּ נאַסע שמאַטעס. ער האָט נישט געפרעגט וועגן קיין פּותר און וועגן קיין וויסטן חלום. ער האָט בלויז געשעפּטשעט: „צום שלימזל טשעפּען זיך אַלע אומגליקן". לסוף אים דער־ציילט וועגן מיין לעצטער אַוואַנטורע.

„מילא — האָט ער מיך געטרייסט מיט זיין טראַגיש געלעכטערל — מיטן קאָפּ אין דר'ערד, אַבי די באַקן גלאַנצן"...

„לייכט צו זיין ציניש, עוזר — האָב איך גערעדט האַלב־קלאָגנדיק — מען דאַרף דאָך אָבער אַרויסקריכן פון דער בלאָטע, זוכן אַן אויסוועג".

„זוכן? — האָט ער זיך כמעט צעשריגן — אויך איך זוך, אָבער נישט אַזוי שלימזלדיק ווי דו. וואָס איך זוך? איך זוך דעם סאָוועטישן מענטש. העכער צוואָנציק יאָר איבערדערציאונג... רעוואָלוציאָנערער גייסט... וווּ איז דער סאָוועטישער מענטש?"

„אוי, עוזר — האָב איך שווער געקרעכצט — עס איז דאָך מלחמה. האָסט געדאַרפט

אַנקוקן דאָס צעשראָקענע ייִנגל מיט דער ביקס. וואָס וויל די מלחמה פון אים? שיקט אים הרגענען מענטשן. און מיך האָט ער נישט געהרגעט"...
„אַ שאָד! — דעמלט וואָלסטו געזאָגט"...
„שאַ, דעמלט וואָלט איך שוין נישט געזאָגט"...
„עך, ביזט אַ שלימזל. כ'האָב מורא זאָלסט מיך נישט אָנשטעקן. הער אַ מעשה: מלחמה! האָט די מלחמה פאַרוויאַנעט אַלעמען, אויך דער רעוואָלוציע?"

27. אַנשיקעניש, באַגעגעניש, סורפּריזן

עוזר נעמט פאַרפאַלן ווערן. ער האָט מיך געוואָרנט, אַז דער פּאַרק ווערט געניש־טערט פון פּאַטרולן. אמת, ער האָט זיך געהאַט באַזעצט אין אַזאַ פּאַרקזשאַקעוועט ווינקל, אַז אַפילו דער שד אַליין וואָלט נישט געגרייכט אַהין, אָבער אַז עוזר זאָגט, וויס ער וואָס ער זאָגט:
„דאָס זוכט דיך אַרום יענץ סאָלדאַטל, וואָס האָט דיך נישט דערשאָסן ביי דער ציסטערנע; דאָס גוטע סאָוועטישע סאָלדאַטל דיינס!"
עוזר איז גרייט צו שטאַרבן פון הונגער און לייז, אָבער נישט — צו קומען אין באַרירונג מיט די „יונגען פון מוו"ד, די בלוטיקע יורשים פון די מערדערישע טשעקאַ און נקוו"ד". און ער איז אַוועק. און איך האָב זיך אויסגעזוכט אַ נייעם שלאָף־פּלאַץ. אינם טיפן אריק נעבן מעטשעט. אַ טרוקענער קאַנאַל, אַ פּאַרמיס־טיקטער. זאָל זיין דאָ, אַבי פאַרשטעלט פון אַ פרעמד אויג. וכך הווה: אַריין אינם קאַנאַל איז ער געווען טרוקן; האָב איך געהאַט די פולע זיכערקייט: דאָס איז באמת אַ „טרוקענער קאַנאַל". האָט עס זיך אַזוי באַשטעטיקט אַ נאַכט און נאָך אַ נאַכט. בלויז אין איינעם אַ פאַרטאָג האָט מיך אויפגעוועקט אַ האַסטיקער טראַסק איבערן קאָפּ: דאָס האָט ס'אָנגעלאָפענע וואַסער מיך אַוועקגעטראָגן אויף אייניקע מעטער און מיך „אָפּגעשטעלט" ביי אַ מין שאַטקע, וואָס פאַרהאַלט דאָס אָנשווימענדיקע מיסט.
נאָך דערדאָזיקער באָד האָב איך זיך לאַנג געטרוקנט אויף דער פאַרטאָג־זון. און לאַנג האָט געדויערט ביז כ'בין דערגאַנגען וואָס מיט מיר איז געשען און ווי כ'געפין זיך. די „מעשה" איז אַנטפּלעקט געוואָרן פון אַן אומבעקישן גאַסן־קערער, וואָס האָט מיר געהאָלפן אַרויסקריכן פונם רינשטאָק און מיך אַוועקגעלייגט אויף אַ בריקל. לכתחילה, זעט אויס, איז ער געווען זיכער, אַז דאָס האָט ער אַרויסגעשלעפּט פון רינשטאָק אַ שד, אַ נישט־גוטן, מחמת ער איז געשטאַנען איבער מיר מיט אַ צוגעלייגטער האַנט צום האַרץ; דערנאָך האָט ער גענומען „קומען צו זיך", מיך איבערגעלאָזט און זיך אַוועקגעוואָקלט צו זיין אַרבעט — דערלאַנגענדיק אַרום מיר אַ גרינעם שפּיי. נאָכן אויסטשוכען זיך פונם דאָזיקן אַנשיקעניש, האָב איך אויפסניי גענומען טראַכטן וועגן „תכלית". סוף־סוף, וואָס

וועט זיין דער סוף? עס ווילט זיך פֿאַרט דערלעבן בעסערע צייטן! — — —
אפשר פֿאַרט אַריינגיין צו די „פּוילישע פּאַטריאָטן״? וואָלט עס שוין מסתּמא לאַנג געהאַט געטאָן, אָבער עוזרס עקשנות איז נישט געוועזן איינצובייסן: „באַלשע־וויקעס, ווי אַלע באַלשעוויקעס!״... ווערטער — געשפּענסטער. טאָ לאָמיר זען וואָס די וויטערדיקע טעג וועלן ברענגען מיט זיך. אולי ירחם. ביז־וואַן — מעסטן די גאַסן, זוכן, נישטערן: אפשר פֿאַרט ערגעץ געפֿונען דאָס גרויסע געווינס. און אויב נישט — כאַטש טראַכטן דערפֿון.
נו, נעכטן אוונט, אַ פֿינצטערער, אַן אוזבעקיש־ברודיקער, שטיי איך אויף אַ טראָ־טואַר־ברעג און טראַכט מיינע טראַכטענישן: ווו פֿאַרט געפֿינט מען ערגעץ עפּעס איבערצוקייען די ציין? עפּעס ערגעצווו אַ ווינקל, ווו זיך אַוועקצולייגן? שיילט זיך פּלוצים אַרויס נעבן מיר דאָס געשטאַלט פֿון שרייבער משה ג., דעם „לאַגער־ניק״, וואָס האָט שוין באַוויזן צו דערזען דעם סאַמאַרקאַנדער הימל אין זיין גאַנצער ברייט. אַ מאָדנע באַגעגעניש.
„האַ, פֿון וואַנען?
„פֿון יענער וועלט״.
„לאַנג?״
„קום, לאָמיר צוגיין דאָ עטלעכע טריט״.
מיר זענען אַריין אין אַ טונקל געסל, זיך אַוועקגעשטעלט נעבן אַ וואַנט. דאָ בין איך געוועזן זיכער, אַז ג. וועט מיר דערציילן „זיין געשיכטע״, וואָס איז מיר אגב געוועזן באַקאַנט; דערביי וועל איך האָבן אַ געלעגנהייט צו דערציילן אים מיינע געשיכטעס. אפשר וועט ער געבן אַן עצה. אָבער ניין. נישט דער ערשטער טעות מיינער. אויב ברויט ווערט פֿאַרטראַטן דורך פּאָעזיע, האָט מיך ג. גענומען אָנזעטיקן ד׳ערמיט — מיט לידער, וואָס ער האָט אַרויסגעשלעפּט פֿון אַ קעשענע און גענומען פֿאַרלייענען מיט זייער אַן ערנסטער מינע אויף זיין איינגעפֿאַלן פּנים.
„וועמענס לידער, האַ?״
„וואָס? מיינע לידער, געשריבן „דאָרט״.
„אַזוי? געוואָרן דאָרט אַ פּאָעט?״
שוואַכע לידער. אָבער גענוג אויף אַרויסצוהערן די ביטערניש פֿון אַ יידישן שרייבער אונטער דער „דערציערישער״ רוט פֿון אַ סאָוועטישן פּאָליציאַנט. וואָס מיט מיר טוט זיך האָט ער נישט געפֿרעגט. גענוג פֿאַר אים מסתּמא, דאָס אָנקוקן מיך, כדי נישט צו דאַרפֿן פֿרעגן. ער האָט אָבער יאָ געוואָלט כ׳זאָל וויסן וועגן זיינע פּלענער:
„איך פֿאָר קיין מאָסקווע, און פֿון דאָרט קיין לאָדזש. פֿון לאָדזש קומען־אָן גרוסן, אַז גראַפֿאָמאַנען האָבן באַהערשט דעם יידישן שרייבער־פֿאַריין״...

אַט וואָס עס ליגט אים איצט אין זינען. ווער האָט דען כּוח צו טראַכטן זײַנע דאָן־קישאָטישע טראַכטענישן? אוודאי וויל איך אים פרעגן מכּוח פּראָזאַאישע ענינים, אָבער די נאַכט רוקט זיך מיט איר חשכות, פאַרדעקט אַלץ אונטער זיך. זעגנען מיר זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען. וואָס שייך צו שטיין דאָ און אויסהערן פּלענער להבא, אַז איך דאַרף שוין אָפּעסן, דאַרף שוין אַ געלעגער — — — אָבער מײַן שטערן אין הימל האָט גענומען אויפלײַכטן אויף גאָר אַן אומגעריכטן אופן. גיי ווייס, אַז דאָס ליכט קאָן אַרויסקוקן פון אַן אויפגעפּלאַצטן שטול־געזעס, פון אַ „פּראַוודאַ“, פון אַן „איזוועסטיאַ“. אַ שאָד, באמת אַ שאָד, וואָס ביזאיצט האָב איך נישט געוווּסט, אַז אַנטקעגן דעם פּאַרק געפינט זיך אַזאַ באַקוועמע ביבליאָטעק מיט אַ לייענזאַל, אַ רואיק ווינקעלע אין סאַמע רעגיסטאַן־מעטשעט. טיפע פאָטעלן מיט צעפּלאַצטע געזעסן, וואָס געדענקען נאָך די צײַטן פונם גרויסן כאַן, דעם הערשער איבער סאַמאַרקאַנד. אין איינעם אַזאַ פאָטעל זיך איצט אַרײַנגעלאָזט, גענומען אַ צײַטונג און געלייענט, ממש ווי אין די בורזשואַזנע צײַטן (וואָלט איך נאָך דערצו נישט געווען הונגעריק און וואָלטן מיך די לײַז נישט געפרעסן...). ביי אַ טיש, ווי אומעטום — אַ פאַרטרוקנט ווייבל: די ביבליאָטעקאַרשע. אַזוי זיך גענומען נענטער באַקענען מיט מײַן נײַעם מקום־מנוחה — פון תּחילת פרימאָרגן ביזן שפּעטן אָוונט. געהאַלטן „טאַקט“ מיטן מקום, ווי עס פּאַסט פאַר אַ ביבליאָטעק; געדרעמלט אין דער שטיל און זיך געקראַצט, אַז קיינער זאָל נישט הערן. עס האָט אָבער געטראָפן, אַז דאָס פאַרטרוקנטע ווייבל זאָל מיט אַ שטויס מיך דערמאָנען, אַז „דאָ איז נישט קיין האָטעל“ און אַז כ׳זאָל נישט אַזוי הויך פּייפן מיט דער נאָז. מילא. האָב זיך באַמיט צו „האַלטן קאָנטראָל“ לויט די כּוחות און מעגלעכקייטן.

בפרט, איז די ביבליאָטעק געוואָרן פאַר מיר אַ מקור פון פּרנסה. דהיינו: די צײַטונג אין ראַטנלאַנד ווערט גיכער גענוצט פאַר רייכערפּאַפּיר ווי פאַר לייען־פּאַפּיר. לויטן דאָזיקן לשון: „קוריטעלני בומאַגאַ“; מהאי טעמא איז געדרונגען, אַז פאַר אַ „פּראַוודאַ“ אָדער „איזוועסטיאַ“ זאָלן ליידנשאַפטלעכע מאַכאָרקע־רייכערער צאָלן אַ צענרובלדיקן — אַ מציאה, אַבי עס זאָל זײַן אין וואָס צו וויקלען די האַרטע מאַכאָרקע־בלעטלעך. נו, האָב איך אײַנגעזען, אַז כּדי יענער זאָל האָבן אין וואָס צו וויקלען די קאָרישקעס, מוז איך „אַרויסוויקלען“ די צײַטונג פון דער ביבליאָטעק. וואָס האָט שוין דען אַן אונזעריקער נישט געטאָן איבערצוהאַלטן נאָך אַ טאָג און נאָך אַ טאָג! — — — האָב איך געפּלעגט זיצן איבערן טיש, לייענען דאָס בלאַט און עס אַזוי לאַנג וויקלען, ביז כ׳האָב עס אַרונטערגעוויקלט אונטערן העמד.

איצט — גיי ווייס, אַז מײַן דערפינדונג איז שוין אַלט, אַזוי אַלט ווי אַלט עס איז דער רעגיסטאַן־מעטשעט צוזאַמען מיט דער צאָל יאָרן פון דער פאַרטרוקנ־

טער ביבליאָטעקאַרישע. מחמת, אַט האָט איינער אַ לייענער זיך אַנגעזעצט אויף מיר מיט טענות, אַז איך „גיי אויף זיין ברויט". הער אַ מעשה: נישט געוווסט, אַז אימעצער אָבסערווירט מיך; אַז מיין ביסל לעבן געפינט זיך ממש אין אַ סכנה. געגומען האָט עס זיך פון אַ שכן אַנטקעגן, אַ לייענער מיט אַ גע־דיכט־געלער באָרד, וועלכע פאַרשטעלט זיינע איינגעפאַלענע באַקן; אָבער זיינע אויגן, הונגעריקע אויגן, דערציילן, אַז זייער באַלעבאָס האָט שוין לאַנג נישט פאַרזוכט דעם טעם פון אַ זעטיק אָפּעסן.

טאַקע היינט, אַז כ'בין פאַרטיק געוואָרן צום אַרויסגיין, צום אָוועקטראָגן דאָס בלאַט אויפן באַזאַר, האָט דער דאָזיקער באַבאָרדטער, באָרוועסער און הונגערי־קער מיר געגומען נאָכגיין. די פאַרטרוקנטע הויט האָט זיך געדונצלט אויף מיר. ווער ווייס, צו וועמען עס געהערן אָזוינע גרויסע אויגן. ער האָט זיך מיט מיר אויסגעגלייכט. איך — צום באַזאַר; אויך ער.

„ר' ייִד — טוט ער פּלוצים אַ זאָג זייער פּשוטלעך און יידישלעך — מיר וועלן זיך היינט טיילן מיטן טשייניקל טיי און לעפּיאָשקע..."

בלויז דאָס? איך קוק אויף אים: אַ ייִד מיט אַ געלער באָרד; אַ באָרוועסער ייִד.

„דאָס אַלץ? — טו איך אַ טרייסל מיט די ליפּן — און איך בין געווען זיכער, אַז איר זענט גאָר אויסן עפּעס אַנדערש"...

ער שווייגט. טרעט עקשנותדיק ביי מיין זייט, ווי ער וואָלט מיך געהיט, כ'זאָל נישט „איינשלינגען" די „פּראָוודאַ" אָן אים. ערשט, ווען כ'האָב אים געהייסן אָוועקזעצן נעבן מיר ביי אַ טשייכאַנע, צעריסן די לעפּיאָשקע אויף גלייכע צוויי טיילן און אַ זאָג געטאָן: „עסט און בענטשט", האָט זיך געמאַכט אַן עפענונג צווישן זיינע באָרד און וואָנסעס און ער האָט געגומען רעדן מיט אַ הונגעריקן שמייכל:

„שוין לאַנג אָבסערוויר איך אייך; כ'וואָלט געשווירן, אַז איר זענט מיר זייער נאָענט".

„אַוודאי. אַט זיצן מיר נאָענט און הונגערן צוזאַמען און נאָענט"...

„אויך דאָס איז פאַרשטענדלעך, אָבער איר קוקט מיר אויס אַנדערש ווי אַלע הונגעריקע... אַ פּנים איז אַ מסור"...

„אוי, ר' ייִד, ציט צוריק דאָס לעצטע וואָרט און דערציילט עפּעס וועגן זיך."

אַזוי האָט זיך פאַנאַנדערגעוויקלט אַ שמועס אויפן באָדן פון אַ געגנבעטער צייטונג צווישן צוויי הונגעריקע און באָרוועסע אין דער אַלטשטאָט פון דער היסטאָרישער סאַמאַרקאַנד. און דאָ ווייזט זיך אַרויס, אַז דער ייִד רופט זיך מיט אַ נאָמען, וואָס איז מיר באַקאַנט פון מאָסקווער „עמעס". און אַזוי שטעלט ער זיך פאָר: אַ זשורנאַליסט. אַ קעמפער. אַ יושרדיקער „עמעס"־זוכער.

און אונזער שמועס האָט זיך געגומען פאַרענדיקן.

„נו, אַזאַ פּנים האָט עס, יאָ, אַזאַ פּנים האָט ער, דער אמת זייערער. רוקט אָפּ דעם אלף און עס בלייבט „אַ מת"..."

„זעט איר — ווישט ער אַרום די ליפּן נאָכן לעצטן שלונג פונם טעפּעלע און אַ קענטיקע צופרידנקייט צייכנט זיך אונטער זיינע אויגן — זעט איר, זיי האָבן דאָס פאַרגעפּילט און פאַרכאַפּט; געמאַכט פונם מת אַן „עמעס"..."

מיר האָבן אָפּגעשמועסט זיך צו טרעפן אין ביבליאָטעק. איך נעם זוכן אַ וועג ווי זיך צו באַפרייען פונם דאָזיקן בעל ה„עמעס" — אַפילו מיינע טראַכטענישן וועגן אים זענען טעותדיק. סיווּי — זיין אויסזען באַשטעטיקט דעם ווי, וואָס דריקט אין אים. אונזערע ווייטערדיקע צוזאַמענטרעפן טוען זיך באַגרענעצן אויף אַ שותפות־אָפּמאַך: ביידע עסן מיר אויף צוזאַמען די „פּראַוודאַ וואָסטאָקאַ" — — — אונזער שותפות האָט אָנגעהאַלטן איניקע טעג. דערנאָך איז מער נישט געזען. אויך איך האָב זיך גענומען אַרויסדרייען פונם פוילן געשעפט. צו פאַרשעריש האָט געקוקט צו מיין ווינקל די פאַרדאַרטע ביבליאָטעקאַרשע, דאָס פעלט מיר נאָך: פאַרלירן דאָס ביסל פרייהייט צוליב דאָרט אַ „טשערוואָניעץ". האָב איך באַשלאָסן: הונגערן און קראַצן זיך, אַבי צו קענען פריי דרעמלען אינם איינגעפּאַלענעם פאָטעל.

אַנטקעגן דעם טיש, הויך איבער דער טיר, צייכענען זיך פאָרטרעטן פון די פריילעכע און ענערגישע מאַרשאַלן פון דער סאָוועטישער מדינה, בראש — פאַרשטייט זיך — מיטן מאַרשאַל סטאַלין. זייערע אַלעמענס נעמען קען איך פון אויסנווייניק, זייערע בליקן גייען מיר נאָך ווי אין אַ וואַכן חלום. און אַזוי זיץ איך טאָג נאָך טאָג, טראַכט וועגן אַ שטיק ברויט און קוק אויף די מעדאַלירטע מאַרשאַלן. מאָדנע. זיי זענען מיר געוואָרן אַזוי נאָנט, ווי גאָר אייגענע — נישט צו שיידן זיך פון זיי.

און אָט — וואָס איז דאָרט געשען? ממש נעכטן, בעת כ'בין געקומען ווי שטענדיק פאַרנעמען „מיין פּלאַץ" אינם טיף־קראַצנדיקן און לויזיקן פאָטעל, האָב איך זיך, ווי נעכטן און יענע וואָך, פאַרקוקט אויף דער קעגנאַיבערדיקער וואַנט; אַז אַנדערשוווּ איז סיווּי נישטאָ ווו צו קוקן. און דאָ דערזע איך, ווי איינער פון די מאַרשאַלן פעלט מיר. נישטאָ. פאַרשווּנדן. אַ קיילעכיקער, אַ ברודיקער פלעק אויף זיין פּלאַץ. איצט איז מיר געוואָרן טשעקאַווע די געשיכטע און כ'האָב זייער געוואָלט פרעגן ביי אימעצן דעם באַשייד. שאַ. קודם דערמאָנען דעם נאָמען. הא? דער פון רעכטס הייסט... דער פון מיטן און לינקס... און דער אַנטקעגן... יאָ. מאַרשאַל קוליק. אַזוי איז געווען יענעמס נאָמען. טאָ ווו איז ער פּלוצים נעלם געוואָרן, דערדאָזיקער קוליק? ביים אַרויסגיין האָב איך איינעם, אַ שטאָם־זיצער, סתם אַ תמעוואַטן פרעג געטאָן:

„ווי מיינט איר, האַלאַ, איז מעגלעך געווען, אַז אימעצער זאָל האָבן דאָ אַראָפּ־געגנבעט דעם קאָפּ?"

„איר זענט אַ שוטה, פאַניע; אייער פראַגע איז נישקשהדיק אַ הילצערנע. איר דאַרפט פרעגן, צי איז מעגלעך געווען, אַז אימעצער זאָל אים האָבן אָפּגעהאַקט דעם קאָפּ..."

יענער האָט מיך איבערגעלאָזט מיט צעעפנטע אויגן, גלייך כ'וואָלט עפּעס געזוכט און נישט געוווּסט וואָס. וואָלט מען מיר געפרעגט, וואָלט מיין ענטפער געווען: נישט דעם מאַרשאַלס קאָפּ זוך איך איצט, אינם דאָזיקן משונה־הייסן נאָכמיטאָג; איך זוך אַ שטיק ברויט, זוך איך — — —

און אַזוי זוכנדיק, גאַס־איין, גאַס־אויס, איז מיר ווידער אַנטקעגנגעקומען — משה ג. ער איז נאָך קיין מאָסקווע נישט געפאָרן. דערווייל האַלט ער אין „אויס־גלייכן די ביינער"; טראָגט אַ רעקל און נישקשהדיקע הויזן, אויך גלייכע שיך, עפּעס נישט ווי דער שטייגער דאָ. ער לייגט מיר פאָר אַ מסחר־געשעפט. היות ביז צו זיין פאָרן קיין לאָדזש, בכדי דאָרט אויסצורייניקן די גראַפּאַמאַניע, איז נאָך היפּשלעך וויט, וויל ער דערווייל פון מיר, איך זאָל אים העלפן „קומען צו זיך" און דערביי — אַליין אויך האָבן אַ שטיקל הילף. דהיינו? ער וויקלט פאַנאַנדער אַ פּעקעלע, נעמט אַרויס פון דאָרט צוויי ווייכע, גלאַנציקע שטיוועלעך. לכתחילה געמיינט, אַז דאָס וויקלט ער פאַנאַנדער אַ שטיק ברויט, וועט מיר דער־ווייל מכבד זיין מיט אַ „ביס" און דערנאָך — וועט מען שמועסן מכוח געשעפט. נו, ווידער אַ טעות און נישט דער ערשטער. טאַ וואָס וויל ער פון מיר מיט די אוזבעקישע שטיוועלעך? ער דערלאַנגט זיי מיר מיט גרויס כוונה, גלייך עס וואָלט געווען אַן אתרוג (נאָך וויט צו אתרוג־בענטשן?) און אַנטפּלעקט: אַזוינע שטיוועלעך טראָגן אוזבעטשקעס; דאָס איז זייער נאַציאָנאַלער הילוך. וויזט זיך אַרויס, אַז אין זיין „ישיבה" האָט ער זיך אויסגעלערנט, נישט בלויז שרייבן לידער, — מאַכן שטיוועלעך. על כן, וויל ער איצט פון מיר, איך זאָל די שטיווע־לעך פאַרקויפן אויפן באַזאַר. ער וועט מיר קיין עוולה נישט טאָן, חלילה. נאָכן „גרויסן באַזאַר", ס'הייסט, נאָך זונטיק, וועל'מיר זיך ווידער טרעפן און מאַכן דעם חשבון. מסכים? אַ שיינע שאלה. אַז אין געשעפט לייג איך דאָך גאַרנישט אַריין. בפירוש, אַ מציאה — פון הימל אַראָפּגעפאַלן. עס קאָן נאָך גראָד געמאָלט זיין, אַז כ'זאָל דאָ, פאַרן אַנטרינען פון דער סאָוועטישער מדינה, ווערן אַ לייטישער סוחר, הנאה האָבן פון לעבן און — טאַקע אָפּעסן בדבעי.

דער באַזאַר: איין גרויסע קאָטלעגינע — מענטש און אייזל און אוזבעקישע קולות. און צווישן אַלעם — שאַשליק, פּלאַוו און קישמיש — אוזבעקישע פּעט־קייטן און זיסקייטן. חוץ מזה — צו באַקומען כל טוב: לאַנגע ווורשטן און

„קאַנפּעטי״, זייף און מאַרמעלאַד, אונטערװעש, אַנצעגער, שיך — אַלץ פֿון דער סאָװעטישער קראָם צום שװאַרצן מאַרק.
האָב איך אויסגעקליבן אַ „פּאָזיציע״: זיך בולט אַװעקגעשטעלט מיט די גלאַנ־ציקע שטיװעלעך, טרייסל מיט זיי אַנטקעגן שװאַרצע „פּאַראַנזשעס״ — פֿאַר־דעקטע פּנימער פֿון אוזבעקישע יפֿה־פֿיהס.
„טשאם פּול?״ — דערהער איך אַן אויסגעשריי פֿון אַזאַ אוזבעטשקע, װאָס האָט באַװיליקט אונטערצוהייבן אַביסל דעם פֿאָרהאַנג איבערן געשטופּלטן פּנים; זי װיל װיסן, װיפֿל די שיינע שטיװעלעך דאַרפֿן קאָסטן.
און מיר ברענט די זון אויפֿן פֿאַרשרפּעטן שאַרבן. אָט נעם איך און פֿאַל אַװעק און אויס מיטן געשעפֿט.
„ביר יוז איליק, אפּאַ״ — רוף איך אויס זיכער, מעשׂה סוחר. נישט טייער. בלויז הונדערט און פֿופֿציק רובל.
דערויף טוט די אוזבעטשקע האַסטיק אַראָפּלאָזן דעם שװאַרצן לאָדן איבער איר נישט שיינעם פּנים און לאָזט מיך מיטן אתרוג אין די הענט. אַ צװייטע, אַ פּערטע און אַ צענטע: געטאַפּט די שטיװעלעך, איינע נאָך דער אַנדערער און מיך געלאָזט מיטן דער סחורה װי אַ נאַר אויפֿן מאַרק און — גאָרנישט; נישטאָ מיט װאָס איבערצוקייען די װייכע צייַן. לסוף — ערב אָװנט — פֿאַרפּאַקט די שטיװעלעך, פֿאַרמאַכט די קראָם און זיך איילִיק אַװעקגעלאָזט צו די אוזבעקישע זעק: כאַפּן דאָ אַ פּלוים, דאָרט אַ מייער — איבערכאַפּן דאָס פֿאַרחלשטע האַרץ... אָט, די באַלוינונג פֿאַר מײַן מסחרן אַ טאָג אויפֿן דאַזיקן אייזל־מאַרק — — —

28. אין זכות פֿון אַ בלאַט גמרא

טאָ װאָס װעט פֿאַרט זיין דער תּכלית? מוז איך אויסטראָגן די שטראָף פֿאַרן גאַנצן כלל ישׂראל? אָט זענען דאָך אויך דאָ פֿאַראַן ייִדן װאָס שרייבן און ייִדן װאָס מסחרן און זייער אויסזען — נישקשה: אָפּגעגעסן און אָנגעטאָן; פֿאַרװאָס אויף מיר אַזאַ שטראָף?.. נאַר פֿרעג שאלות. אַז בסך הכּל בין איך נישט קיין יחיד אין סאַמאַרקאַנד, װאָס הונגערט. פֿאַראַן נאָך היפּש. אוהו! נישט איין מבֿין אָפּצוציילן. נו, קאָן איך זיך טרייסטן מיט יענעמס צרות? ניין. זיי זעטיקן נישט, די צרות, אַפֿילו עס שטייט געשריבן: צרות רבים חצי נחמה. בלויז — אַ האַלבע טרייסט.
האָב איך דערהערט אַ חידוש: ביי די ליובאַװיטשער גיט מען אָפּצועסן. זיי האָבן זייער „שטיבל״ אויפֿן „כודזשום״. ניין, איך האָלט נישט פֿאַר קיין עװלה — מיין אַװעקגיין צו די חבֿ׳דניקעס; מיין אַװעקזעצן זיך דאָרט און זיך דערמאָנען אָן מיין ישיבֿה־בחורישן עבֿר. הלמאי האָב איך אַמאָל געמעגט עסן „טעג״ און איצט נישט? הלוואי, אויך זיי, די חבֿ׳דער, זאָלן אַזוי טראַכטן װי איך — װאָלט

איך שוין גראָד געשפּאַנט אויפן דרך־הישר. און אַ באָרד האָב איך. און אַ בלאַט גמרא קען איך. דאַרף איך ביי אימעצן פרעגן אויף הכשר? לעבן מיר דאָך סייווי אין אַן איבערגעקערטער וועלט: עליונים מלמטה ותחתונים מלמעלה — — — הכלל: איך גרייט זיך אויף אַן אמת צו ראַטעווען מיין ביסל חיות — דעם גוף מיט דער נשמה צוזאַמען; בין אַוועק אויף דער כודזשומסקאַיאַ, דעם טייל סאַמאַר־קאַנד, ווו עס קאָנצענטרירן זיך פון שטענדיק יידן — שטיבל־יידן, בית־מדרש־יידן און יידן פון נוסח לובאַוויטש. פרייטיק אָוונט. דער שבת פילט זיך. אַרומ־געצוואָגענע באַלעבאַטים שפּאַנען געמיטלעך צו קבלת שבת. מחיה צו קוקן. עך, ווי לאַנג שוין נישט געזען די שבת־מלכתא אין אַזאַ צופרידענעם שפּאַציר. און דאָס — אינם לאַנד פון גראָבהויטיקער אַפּקורסות. איך קוק מיט אָפענע אויגן. עם קשה עורף. אַזוינע עקשנותדיקע יידן גיבן־צו חיות, אַפילו זיי זאָלן מיר נישט קעגנטראָגן די שבתדיקע חלות.

טיף פאַררוקט אין אַן אוזבעקישן הויף, ווו צעעפנטע טירן דינען אי פאַר טירן, אי פאַר פענצטער, טוען שבתדיקע יידן אויסזונגען דעם „לכה דודי" מיט אַזויפיל התלהבות און מתיקות, אַז עס ווילט זיך אַ שפּרונג טאָן פון פרייד: ווי גרויס זענען דיינע וווּנדער, טאַטעניו! יידן מיט בערד און יידן אָן בערד און יינגען מיט ברייטע קאַשקעטן און... מען דאַווענט אויף אַן אמת! אינעווייניק — אַ צונויפ־געדרענגטע מאַסע פון אַ צען מנינים מסתמא. אַן אָרון קודש מיט אַן עמוד און טישן מיט בענק און אַלץ, וואָס שאַפט די הייליקע אַטמאָספער פון אַ בית־הכנסת. ביים אַריינגאַנג — שבתדיקע אורחים: האַלב־באָרוועסע, באַוואַקסענע, יידן פון „געמיינעם שטאַנד". זיי וואַרטן, מ'זאָל זיי נעמען אויף אַ שבתדיקער סעודה. און כשרע יידן זענען דאָך פון שטענדיק בעלי הכנסת אורחים. אַ יידישע מידה אַזאַ, אַפילו אינם הונגעריקן סאַמאַרקאַנד. זאָל איך זיך אויך אַוועקשטעלן נעבן דער טיר, נעבן „מיין סגאַל" — חברה קריעה בליעה — און וואַרטן ביז מ'וועט מיך אַהיימנעמען? לאָמיר דערווייל איינזאַפּן אין זיך אַביסל קדושת שבת אין אַ סביבה פון גאָט־און־מענטשלאָזיקייט. אַריין צווישן פאַרדבקהטן עולם, זיך אָנגעשפּאַרט ביי אַ ברעג טיש. צי מחמת מתיקות אָדער סתם ווייל שוין פיל נעכט נישט געפילט דעם טעם פון שלאָף — דער שלאָף איז מיך באַפאַלן מיט אַזאַ עקשנות... און דאָ איז געשען אַ נס: די חב'דער ניגונים האָבן אויפגעוועקט אַלע מיינע פאַרדרעמלטע חושים, מיך אַריינגעצויגן אינם שבתדיקן דורכשמועס צווישן עם סגולה מיטן אַדון עולם.

נאָך די תפילות נעמט ווערן שיטערער אינם חב'דער שטיבל, נעמט עולם זיך פאַנאַנדערגיין מיט פּלאַמיקן „גוט שבת", מיט מלאכים, וואָס באַגלייטן יעדן ייד צום שבת־געדעקטן טיש. אויך אורחים מיטגעגאַנגען, יידן, אַרויסגעריסענע פון היים און פון שבת־טיש. און דאָ, ווי עס איז געוואָרן שטיל אַרום, האָב איך,

אָנגעשפּאַרט אויפֿן טיש, צעעפֿנט אַ גמרא — זיסע דערמאָנונג פֿון געווזענעם אַמאָל. און טאַקע דאָ, אויף דער גמרא, איז דער קאָפּ מײַנער אַראָפּגעדרונגען און מיך אַרײַנגעשלעפּט אינם געשמאַקסטן שלאָף, וואָס כ׳האָב שוין אַזאַ נישט געפֿילט במשך יאָרן. חלומות. ווי לאַנג האָב איך אַזוי געחלומט — און צי האָב איך בכלל געחלומט — וועגן אַ שיינער, אַ רײנער, אַ מענטשלעך־און ייִדיש־כשרער וועלט? אַ לײכטער שטויס האָט איבערגעריסן מײַן ביסל תענוג. כ׳עפֿן די אויגן. איבער מיר — אַ ייִד מיט אַ צעפּלאָמטער באָרד, מיט אַ „גוט שבת" אויף די ליפּן. ער וויל וויסן וואָס איך טראַכט מכוח פֿיש און קידוש און די אַנדערע שיינע שבתדיקע זאַכן. ער נעמט צונויף די סידורים און ספֿרים, גרייט צו פֿאַרלאָזן דאָס שטיבל.

„האָ? — שטעקט ער אַרונטער אַ האַנט אונטער דער געדיכטער באָרד — לכבוד שבת: בשר ודגים וכל מטעמים"...

מײַן ענטפֿער: אַ הונגעריקער שמייכל, אויב הונגער פֿאַרמאָגט אין זיך בכלל דאָס מין שמייכל. און כדי כ׳זאָל זײַן זיכער מיטן טיש, וואָס דאַרף ווערן מײַן געלעגער, מײַן מקום מנוחה במקום דעם געשמאַקסטן: שבתדיקע פֿיש — טו איך אַ וואָרף אַרויס:

„איך ווייס? כ׳וועל שוין דאָ אַזוי איבערשלאָפֿן די נאַכט".

וואָס? שבת — פֿאַסטן? חלילה!

„מילא, שלאָפֿן איז זיך אַן ענין פֿאַר זיך — נעמט מיך דער ייִד אַרום מיט אַ הײמיש־לעכן בליק — אָבער אַ שבתדיקע סעודה, נע־נע!"

ער באַדויערט הלמאי כ׳בין פֿאַרשלאָפֿן די צײַט „פֿון נעמען אורחים", אָבער אויך איצט איז נישט שפּעט. פֿאַראַן אַ ייִד אַ חסיד, אַ מין כלבא שבוע, וואָס זײַן טיר איז שטענדיק אָפֿן פֿאַר אורחים. שייך צו זאָגן! בפֿרט אַ שבתדיקער אורח — אַ גרויסע מצווה!

„נו, נו!" — טו איך סתם אַזוי אַ ברום, אָבער דער ייִד וויל נישט אָפּטרעטן.

„תיכף נאָכן עסן קאָנט איר צוריקקומען אַהער. די טיר דאָ ווערט נישט פֿאַר־שלאָסן".

דערמיט צילט ער מיך צו באַפֿרייען פֿון אַ שלעכטער כוונה. טאָמער טראַכט איך, אַז דאָס וויל ער מיך אַרויספּטרן און פֿאַרשליסן די טיר. אַן אײַנפֿאַל! נישט ביי לובאַוויטשער. זיי נאַרן נישט! און דאָ בין איך טשעקאַווע: וואָס זעט דערדאָזיקער ייִד אויף מיר, הלמאי ער וויל מיך דווקא באַשטאַטן מיט אַ שבת־דיקער סעודה? הער אַ מעשה: דערפֿאַר איז ער דאָך אַ חב״דניק. און דערפֿאַר טאַקע בין איך אַרויס, געגומען זוכן דאָס געסל, ווו עס וווינט דער מאָדערנער כלבא שבוע מיטן נאָמען ר׳ שמעון.

דער הימל — אַ גלאַטיקער, אַ קלאָרער, אַ שבתדיקער. וואָלט איך פֿאַרמאָגט

אין זיך אַביסל מער מליצה און ווינציקער הונגער, וואָלט איך זיך איצט אַוועק־געשטעלט און אויסגעשריגן (מיט צעשפּרייטע הענט, פאַרשטייט זיך):

„עד, ווען דער הימל עפנט זיך, ווי איך וואָלט אַריין אַהין, אַריין אין דער ריינקייט און צוזאַמען מיט די מלאכים אויסזונגען דעם „שלום עליכם, מלאכי השרת"...
אַזאַ הייליקער הימל און אַזאַ הייליקער שבת!"...

אָבער מיר טוט וואַסערן אין די מויל־ווינקלען ביים דערמאָנען זיך אָן די צוגעגרייטע חלה און פיש און יין לקידוש. האָב איך געטאַפּט דעם וועג צו דער וווינונג, ווי דער שטיבל־ייד האָט זי מיר אויסגעמשלט, געטאַפּט אין דער פינצטער און — געשטערט געוואָרן פון מיינע טאַפּעניש־ן דורך אַ הייזעריק בילן פון אַ הונט, וואָס האָט זיך צו מיר אַ ריס געטאָן דווקא דאָרט, ווו — איך בין זיכער — עס דאַרף זיך געפונען די אויסגעבענקטע, די כלבא־שבוע־טיר. דאָס האָט ער, דער כלב, צעשטערט מיינע רעיונות און דעם צוגעגרייטן „גוט שבת", וואָס כ׳האָב בדעה קעגנצוטראָגן מיינע מכניסי־אורח. יאָ, כ׳וועל ביים עפענען די טיר זאָגן „גוט שבת" און „אַן אורח אויף שבת", זאָגן שבתדיק־יידישלעך. איצט טו איך זיך גאָר דרייען אויף איין פּלאַץ: פאַרלוירן דעם וועג אויף צוריק. איז מעגלעך, אַז אימעצער האָט מיר דאָ אָפּגעשפּילט אַ פּויל „שפּיצל"? און דער כלב — ער רייסט זיך צו מיר. ער פּילט נישט מיינע טרויעריקע טראַכטעניש־ן. וואָלט בפירוש אין אַזאַ ביייזער רגע כדאי געווען, אַ טיר זאָל זיך ערגעץ עפענען, אַ קול זאָל אויסרופן צום כלב: „לאחיך לא תשיך!" גאָרנישט! הפקר. איך געפין זיך צווישן די לאַפּעס פון אַ הפקר־הונט אין אַ פינצטער ווינקל — — — האָט זיך תיכף אַרויסגעוויזן: דער הונט פאַרמאָגט אין זיך עפּעס מער פון מענטשלעכן יושר — ער האָט זיך געטאָן אַ דריי־אויס צו מיר מיט ביטול און מיט אַ הייזעריקן ריטש, דעם לעצטן און וואָרענענדיקן: טראָג זיך אָפּ פון דאַנען! דאָ איז מען נישט מקיים די מצוה פון הכנסת אורחים!

נאָך לאַנגע פּלאָנטער־נישן זיך אַרויסגעפּלאָנטערט פון די קויטיקע געסלעך, זיך צוריק דערזען ביים אַריינגאַנג אין חבֿ׳דער שטיבל. דער ייד איז נישט געווען. זיך פאַרקוועטשט אויפן טיש, דעם קאָפּ טיף צווישן די אַקסלען. דערדאָזיקער טיש האָט מיך אַריינגעפירט אין אַ באַנייטער וועלט: יידן פראַווען תפילות; אויסערלעך נישט צו דערקענען אויף זיי — בוכאַלטערן, נאַטשאַלניקעס, וואַזשנע שישקעס; אינעווייניק — מיט סאַראַ התלהבות זיי וויקלען זיך אין די לאַנגע טליתים יעדן פאַרטאָג; מיט סאַראַ מתיקות זיי פּראַווען די „דאָנערשטיקס": נעכט מיט „תניא"־לערנען, מיט אהבת אחים. ווו האָבן זיי גענומען דעם כוח צו אַזאַ שווערער עבודה? יאָ, כ׳בין זיי אַלץ מוחל: מיין הונגער, מיין אָפּגעלאָזנקייט. גוט צו זען אַזוינע יידן, צו באַקענען זיך מיט זיי און מיט זייער עקשנות. און זע: אויבן, הויך אויף אַ פענצטער־ראַם, ליגט יעדן אָוונט אַ שטיקל ברויט, ווי

צוגעגרייט פאַר מיר. איז דאָס דער לובאַוויטשער מתן־בסתר? מעגלעך, אַז אימעצער פון זיי האָט דערשנאַפּט מיין עקשנות, וואָס איז נאָך האַרבער פון זייערן: וועט מען נישט דערלאַנגען אָפּצועסן, וועל איך נישט בעטן! זיי, די חב׳דניקעס, דאַרפן צו אַלעם אויך זיין נביאים: וויסן ווער עס דרייט זיך אין זייערע ד׳ אמות. נו, האָט אימעצער אַוועקגעלייגט אַ שטיקל ברויט גאָר אויבן. און ביינאַכט, ווען כ׳בלייב אַליין מיטן טיש, טו איך זיך אַרויפדראַפּען אויפן פענצטער, צום שטיקל ברויט, טו אָפּגראַבלען דערפון אייניקע קרישקעס. אַזוי מאָרגן און איבערמאָרגן. נסים — אין לובאַוויטשער שטיבל אויפן סאַמאַרקאַנדער כודזשום — — —

29. די „טריפהנע יידישקע" מיטן נאַגאַן

און אפשר פאָרט אַריינגיין צו די „פּוילישע פּאַטריאָטן"? מען שמועסט, אַז די רוסן וועלן אַלע פּוילישע צוריקשיקן אין זייערע היימען — טאָ ווער און וואָס בין איך?

יעדן פאַרטאָג לויף איך פאַרביי די קויטיקע געסלעך פון כודזשום. יידן איילן צו דער אַרבעט. אָט געפינט זיך דאָ אַ שטריקער־אַרטעל. דער בוכאַלטער איז אַ חב׳דניק. אויסערלעך, ווי „אַלע מענטשן", אינעווייניק — מיט סאַראַ ברען ער הילט זיך אין טלית, מיט סאַראַ התלהבות ער פּאַטשט אין וואַנט ביים אויס־טענהן זיך מיטן בורא עולם;— אַ שטיק פייער! יאָ, מען דאַרף אַריינגיין אַ קוק טאָן. טשעקאַווע ווי אַזאַ ייד פירט מיט אַ סאָוועטישער פאַבריק. און אפשר געהאָלפן ווערן דורך באַקומען אַן אַרבעט דאָרט. ווייזט אויס צו זיין אַ פּילנדי־קער ייד. ער באַגריסט מיך יעדן פרימאָרגן מיט אַזאַ „גוט מאָרגן", אַז ער שטעקט אָן מיט וואַרעמקייט.

אַ גרויסע האַלע, אויסגעפילט מיט דריישטולן און אַ זעכציק מיידלעך און ווייב־לעך טוען זייער עבודה פאַר אַ ברויט־קאַרטל. דעם בוכאַלטער נישט געטראָפן. אויף די ווענט פאַרבליבענע אויפשריפטן פון אַ מקום־קדוש. אָטאָ דאָרט איז מסתמא געשטאַנען דער אָרון־קודש. אויבן זעען זיך פאַרבליבענע אותיות פון „זה השער לה׳" און „אין זה כי אם בית אלהים".

מאָדנע קאָנטראַסטן אינם לעבן פון אַ סאָוועטישן ייד — — —

ביים ראָג גאַס זיך אָפּגעשטעלט אַן איבערראַשטער: אַן אומבאַקאַנטער האָט מיך אָנגעכאַפּט ביי אַן אַרבל, אויסגערופן מיין נאָמען.

„האָ, שיינע צייטעלעך דערלעבט, איר, חבר... האַ־האַ!"

ווער איז דער ייד? ער קען מיך. ער דערמאָנט מיר די צייטן פון מיין זיצן אין גראָסער־ביבליאָטעק אויף לעש. נישט שייך אָפּצולייקענען. בכלל: צו וואָס פאַרלייקענען מיין נאָמען? קיינער שרעקט מיך נישט דאָ און פאַר קיינעם דאַרף איך זיך נישט צו שרעקן. האָב איך זיך צעשמייכלט:

„האַ, ר׳ ייד, איר פֿאַרמאָגט דאָך באמת אַ תביעת־עין פֿון אַ תלמיד חכם; ווי קומט דאָס, וואָס איר האָט״...

„יאָ, אַ וואָזשנע פּנים האָבן מיר אַלע דאָ. און קיין תלמיד חכם בין איך דווקא נישט. איי, מיין באָרד און פּאות? זיי פֿאַרשטעלן בלויז דעם עם־הארץ מיינעם. בעסער אַזוי. דאַרף דען יעדער זען מיט וועמען ער שמועסט?״ — — —

שווער אָפּצושטעלן דעם רייד־שטראָם, וואָס גיסט זיך פֿונם דאָזיקן ייד. ער וויל רעדן. ער זוכט אַ „זיכערן מענטש״, כּדי צו האָבן פֿאַר וועמען זיך „אָפּצורעדן״. אָבער אויף דער גאַס איז נישט קיין תכלית צו פּלוידערן. ער איז היטער אין אַ שוסטער־אַרטעל נישט ווייט פֿונם באַזאַר. אויב וויל איך (און פֿאַרוואָס זאָל איך נישט וועלן?) קאָן איך אים באַזוכן, זיין אַ גאַסט ביי אים. ער שלאָפֿט דאָרט אינעם אַרטעל. וועט שוין אויך אויסגעפֿונען אַ ווינקעלע פֿאַר מיר. און אַ פּאָר סוכאַרעס זענען אויך דאָ. און קיפּיאַטאָק וועט מען מאַכן. און שמועסן וועט מען ביי אַ קאַניצל.

אדרבא. שוין לאַנג נישט פֿאַנאַנדערגעוואָרפֿן די צונג. בפֿרט, אַ ייד לייגט־פֿאַר אַ „דאָך איבערן קאָפּ״ און אויך זיכערע וועגט און אַ טעפּל הייס וואַסער — הער אַ מעשׂה! ממש אַ גליק אין איצטיקע טעג.

נו — זיצן מיר ביי אַ שוסטערשן פֿאַרפּאַפּטן טיש איינער קעגן אַנדערן. באָרד קעגן באָרד און אויגן — פֿול מיט ווונדער. מיין אומבאַקאַנטער דערציילט מיר ווי כ׳האָב אַמאָל אויסגעזען און סאַראַ הנאה ער האָט דאָס געהאַט:

„עך, אייערע פּעלעטאַנדי׳לעך, בייסיקע און היימישע״...

יאָ. דער ייד האָט מיך דערקענט. גוט צו שמועסן מיט אַ ייד, וואָס איז בכּוח אַרויסצושיילן דאָס קלאָרע פֿון דער בלאָטע. הינטער דער טיר — ווינטיקער דרויסן. ערב האַרבסט, 1945. די שעה — מסתּמא אַרום חצות. מיין יידס אויגן — וואָסערדיקע, תּפֿילהזיקע, גרייט יעדע ווילע אַרויסצולאָזן אַ טרערן־פֿאַנטאָן. שוין געערדט און אויסגעערדט און אַרומגערעדט — וויפֿל אין דער שיער? עס ווילט זיך שלאָפֿן.

און ער ווערט נישט מיד פֿון רעדן. ער האָט אַזויפֿיל צו דערציילן — פֿאַר אַ גאַנצן גלות. וויל איך אים זאָגן, ער זאָל מאַכן די „געלעגערס״, מחמת איך מוז דאָך שלאָפֿן שנעל, זייער שנעל, ביז אָנהייב פֿאַרטאָג, ווען די שוסטערס וועלן קומען. זיי טאָרן מיך דאָ נישט געפֿונען. אַזוי האָט ער דאָך געזאָגט. אָבער איך שוויג. שוין אויסגעטרונקען אַ טשייניק אַ גאַנצן. און פֿאַרביסן מיט פֿאַרטרוקנט־פֿאַר־שימלטע שטיקלעך ברויט אויך. און אין דרויסן פֿאַרשלעפּערט דער ווינט סאָמאַר־קאַנדער אַלטשטאָט — וועמען אין אַ בעט, אויף אַ ראָגאָזשע אָדער אויף ליימיקער ערד. שטיל. בלויז צוויי וּבערדיקע יידן זיצן ביי אַ שוסטער־טישל, זיפּן פֿון שיסעלעך הייסע וואַסער, וואָס האָט דעם טעם פֿון אוגערקע־יויך.

פּלוצים שטעלט מיין מכניס־אורח אַוועק דאָס שיסעלע, נעמט זיך איינהערן צום דרויסן. דאָרט — אַ שווער טרעטן איבער שפּיציקע ברוק־שטיינער: איינס, צוויי; איינס, צוויי. די פּויקן־טריט דערנענטערן זיך. מסתמא אַ נאַכט־שומר.

„אַ! —צעשפּרייט זיך אַ בלאַסקייט איבער מיין שכנס האַריקע באַקן, גרייכט אַרויף צום שטערן און העכער — זי איז דאָ, די בוכאַרער מכשפה!"

„ווער?" — פרעג איך אַ דערשראָקענער.

אָבער די תשובה קומט פון דרויסן. אַ האַסטיק קלאַפּן אין טיר, באַגלייט מיט קולות: „ווער איז דאָרט?", שניידט זיך איין אין מיין מוח. וואָס קומט דאָ פאָר? צו וואָס האָט מיך דערדאָזיקער ייד געבערענגט אַהער? און ווער איז דאָס די בוכאַרער מכשפה און וואָס וויל זי איצט, אין מיטן נאַכט? ער נעמט זוכן אַרום זיך מיט די אויגן. ער זוכט פאַר מיר ערגעץ אַ באַהעלטעניש. תיכף האָט ער חרטה: „עס וועט זיין ערגער" —

„פאַר דער מכשפה איז נישטאָ קיין באַהעלטעניש!"

און דאָס קלאַפּן הערט נישט אויף. ער עפנט די טיר. אויף דער שוועל — אַ פרוי מיט אַ מיליציאָנעריש היטל אויף צעוואָרפענע האָר־קודלעס. אַ סטראַשידלע מיט אַ גרויסן רעוואָלווער אויף אַ פּאַסעק. אַלע קענען זי דאָ. אויף יעדן וואַרפט זי אַן פּחד. „די טריפהנע יידישקע", רופט מען זי, „די נקבה פון בוכאַרע". ווי צו זען, האָט זי נישט קיין ספּעציעל גוטע רענאָמע אין סאַמאַרקאַנדער אַלט־שטאָט. איר עבודה: שפּאַנען איבער דער לענג פון דער הויפּט־גאַס, הין און צוריק, טרעטן מיט שווערע שטיוול איבער ברוק־שטיינער און לאָזן הערן: „איך בין דאָ!" און אַז די אוזבעקן דערזעען זי, טרייבן זיי אַראָפּ די אייזלען פון ברוק. און נישט איין מאָל טרעפט: די סטראַשידלע יאָגט זיך נאָך אַן אוזבעק. איבערן וועג — שליידערט־אום אוזבעטשקעס, רייסט אַראָפּ פון זייערע פּנימער די „פאַראַנזשעס" און לסוף — שלעפּט זי דעם געכאַפּטן אוזבעק, אים צוזאַמען מיט זיין אייזל. ערשט די קולות! ספּעציעל איז זי „טעטיק" אין די זונטיקס, בעת דער „טאָלטשאָק" באַוועגט זיך מיט טויזנטער — מענטשן און אייזלען; אַ, דעמלט איז איר צייט. אַלץ זעט זי און אומעטום — איז זי פול. מיט אירע שטיוול טרעט זי אויף אַלץ און אַלעמען; זי — די „וואָלאַסט".

איצט שטייט זי נעבן מיר און פאַרלאַנגט — אַ דאָקומענט. אַ פּשוטע זאַך פאַר אַן אָרנטלעכן בירגער. אָבער ווו זאָל איך איצט, אין מיטן נאַכט, נעמען אַ דאָקו־מענט, אַז אויף בייטאָג פאַרמאָג איך נישט אַזאַ און כ'געדענק נישט די צייט, ווען כ'האָב בכלל געהאַט אַ דאָקומענט?! קוק איך אויף איר און — שווייג. ווייס זי דאָך מסתמא מיט וועמען זי האָט דאָ צו טאָן — באָרוועס, נאַקעט, קאַלט... וואָס אַרט איר, אַז איך האָב דאָ אויסגעטרונקען אַ טשייניק הייסע וואַסער;

אַז כ׳וועל זיך ערגעץ אַוועקלייגן אויף אַ בינטל שמאַטעס — אין אַזאַ קאַלטער נאַכט ? — איז זי דאָך, צו אַלע צרות, אַ ידישע טאָכטער ; ווי שייך...

„קום !״ — טוט זי זיך אַ קדחתדיקן שלידער.

און אַז זי באַפעלט, איז נישט שייך זיך צו דינגען. אַ הינטיכע מיט אַן אָפּן פּיסק און גליאיקע אויגן ; אַט פּרעסט זי זיך איין אין מיין בידנעם ביינער־בינטל. איך בין אַרויס מיט איר. אַט וועל איך באַקומען אַ טראַסק, איינעם און נאָך איינעם. אָבער די מכשפה האַלט די הענט פאַרוויקלט אַרום פּאַסעק. אפשר ישובט זי זיך. זי טראַכט מסתמא אין וועלכער זייט מיר צו דערלאַנגען, מיט וואָס צו דערלאַנגען — מיט אַ שטיוול אָדער...

שפּאַנען מיר ביידע אין מיטן ברוק, לענגאויס דער גאַס. אַ שטילקייט הויערט פון אויסגעקרומטע פענצטערס און פון אַראָפּהענגענדיקע לאָדנס, וואָס האָבן דעם אויסזען פון אויפגעפּלאַצטע ווונדן אַרום צעקיילטע אויגן־לעכער. אַן אייזל־געוויין שניידט זיך אַריין אין דער קאַלטער לופט. אַ פינצטערער וועג. אַ פינצטער שפּאַנען אין מיטן נאַכט. זי — אין הילכנדיקע שטיוואַלעס, איך — מיט צעפּלאַצטע פיס־זוילן אויף שפּיציקע שטיינער. די נקבה שווייגט. האָב שוין באַוויזן שלום צו מאַכן מיטן גורל. זאָל זי מיך אַריינוואַרפן ערגעץ אין אַ קעלער, נאָר וואָרעם זאָל זיין דאָרט. איי, ווי עס ווילט זיך שלאָפן. אָבער זי טוט מיר נישט די טובה, זי, די טריפהנע ידישקע ; וויל בלויז וויסן איין קליינקייט :

„וווהין האָסטו בדעה געהאַט אַוועקצוטראָגן די לעדער ?״

לעדער ? סאַראַ לעדער ? איך פאַרשטיי נישט. בין טאַקע געווען אין אַ שוסטער־אַרטעל און דאָרט איז געווים פאַראַן לעדער. אָבער סאַראַ שייכות האָב איך מיטן אַרטעלס לעדער ? לכתחילה געוואָלט שפּילן מיין אַלטע ראָל — דעם טויב־שטומען, אָבער זיך תיכף געכאַפּט, אַז איצט וועט עס נישט גיין ; עס וועט זיין אַ פאַרשפּילטע שפּיל.

„לעדער ? — דערלאַנג איך אַ וואָרף אין דער נאַכט אַריין — איך ?״

„שווייג ! — ענטפערט די מכשפה מיט אַ שליידער — ווי הייסטו ?״

אַט איצט — אַ זעץ איבערן קאַרק. ניין. זי האָט מיר נישט געשלאָגן. סיווי — אַ געשלאָגענער הונט אין מיטן אַ געפרוירענער נאַכט. איך שווייג. וואָס איר ענטפערן ? אויך זי שווייגט. לסוף — אַ שטויס :

„גיי. אָבער מאָרגן אַכט פרי זאָלסטו זיין אין דער מיליץ. סמאָטרי !״

וווהין גיין איצט ? וואָלטן די פיס מיך געוואָלט טראָגן, וואָלט איך אַוועק צום חב׳דער שטיבל, צום דאָרטיקן טיש, וואָס האָט איצט אויסגעקוקט אין מיין געדע־כעניש ווי אַ ווייכער חלום אין אַ פּאַלאַצן־מעשהלע. נו, דעם חלום האָב איך שוין ווי ס׳איז איבערגעחלומט אויף אַ קאַלט בריקל, איינגעפּרעסט די ליפּן

צווישן די געפּרווירענע קני און אַ תּפילה דערבײַ: עד, דו, וועלט־באַשעפער! אײדער אַזאַ וועלט — זאָל זי שוין אונטערגיין און אַ סוף! — — —
די אויגן געעפנט צוזאַמען מיט אַרויסשווימען פון דער בריענדיק־רויטער זון — אַ געשפּענסט. גראָד איצט דערפילט, ווי די לײַז נעמען זיך באַוועגן, נעמען זיך גרייטן צום פראָווען זייער איבערבײַס. זאָל איך אַזוי וויסן פון אַלדעס בייז, צי דידאַזיקע דריטע מכה האָט אויף מיר וואָס צו פאַרזוכן, אויסער קדחת נאָך אַ געפּרווירענער נאַכט. אָבער זיי דערמאָנען מיר, אַז שוין צייט זיך אַוועקצולאָזן פון דאַנען, אויסצוגלײַכן די אברים און...
שאַ. איך דאַרף דאָך גיין אויף דער מיליץ. „סמאַטרי" — האָט זי געזאָגט. און אַז די טריפהנע יידישקע זאָגט — מוז איך דען פאָלגן?

30. עוזר — מיין גיכע הילף

אַנטקעגן דער מיליץ — דער „פאַריין פון די פּוילישע פּאַטריאָטן". ביידע קוקן זיי זיך איבער. ביידע זענען זיי געזעצלעכע פאַריינען; עס הייסט: פאַריינען, וואָס היטן דאָס געזעץ, היטן עס, כדי ס'זאָל דעם געזעץ קיין שלעכטס נישט געשען. נו, זאָל איך אפשר — שטאָט צו דער מיליץ — אַריבערגיין צו די „פּאַטריאָטן"? איך מוז דאָך אויסקלייבן איינע פון די צוויי: אָדער אַ סאָוועטי־שער פּאַטריאָט און פאָלג וואָס די בוכאַרער נקבה באַפעלט, אָדער — — פּוילן מיין פאָטערלאַנד...
די סאַמאַרקאַנדער אַלטשטאָטישע הויפּטגאַס באַקומט איר נאָרמאַלן אויסזען: אייזל־און קעמל־קאַראַוואַנען ציען צו די טויערן פונם ריזן־באַזאַר. דאָרט „לעבט" די שטאָט; פון דאָרט גייען הונגעריקע אַרויס זאַטע, נאַקעטע — אָנגעטאָענע, אָרנטלעכע בירגער — גנבים. דער באַזאַר איז חוץ אַלעם — אַ שולע לויטן סאָוועטישן שטייגער: דאָ באַשטראָפט מען נישט פאַר „כאַפּן", נאָר — פאַר לאָזן זיך כאַפּן; האָט אימעצער לאַנגע הענט, מוז ער אויך פאַרמאָגן לאַנגע פיס. טאָ זאָל איך אפשר גאָר אַוועקגיין אויפן באַזאַר, כדי ערגעץ דאָרט איבערצו־קייען די צייַן (און צו באַקומען דערפאַר פון אַן אוזבעקישן אייזל־שטעקן איבער די ציין)? און שאַ: וואָס וועט זיין, אַז די בוכאַרער נקבה וועט מיך פּאַקן און פאַרלאַנגען אַ חשבון: געוועזן אויף דער מיליץ? געגנבעט לעדער? — און דער־פאַר מיך אויף אַן אמת ערגעץ אַריינפּאַקן? — — —
ביין. איצט וועל איך איינהילן מיין דורכגעפּרווירן גופל אין דער זון, אין מיין זון. דערפאַר וועט מיך קיינער נישט באַשטראָפן. מיין חלק זון. זי איז גראָד נישט אונטערגעוואָרפן דעם סאָוועטישן געזעץ; ממילא מעג אויך איך פון איר הנאה האָבן.
צווישן אַלט־און ניישטאָט שטראָמט אַ ברייטע ריטשקע, וואָס ציט זיך פון די

בערג און וואָס פילט אויס די שטאָטישע אַריקן. איבער דעם וואַסער איז פאַר־לייגט אַ הילצערן בריקל. אויף דעם בריקל וועל איך זיך אַוועקזעצן, מאַכן מיט זיך אַ חשבון הנפש. שטיל. גאָט אַליין רוט דאָ. נישט קיין געזעץ, קיין מיליץ, קיין פּאַטריאָטן. הפקר. און טאַקע דאָ וועל איך אַראָפּוואַרפן פון זיך די שמאַטעס, זיך היימישלעך — אויסלייזן. און אויסלייזן תרתי משמע; יידישלעך: זיך אויס־לייזן אַ ווייל פון די אַרומיקע אַנשיקעניש און זיך אויסלייזן ממש, עס הייסט: זיך פּרווון באַפרייען פון די לייז, די מיאוסע פּאַראַזיטן.

זיץ איך אויף איינעם פון די פּאַרענטשעס, זיץ, וויג זיך און האָב הנאה פון אַזאַ ליכטיקער וועלט איבער מיין קאָפּ: זון, הימל, וואָלקנדלעך ווי פעדערן אָדער, ווי אוזבעקישער קעז. איצט זיץ איך ווי אדם אין גן עדן. די זון וואַרעמט מיין סקעלעטל. מחיה. און ביי אַזאַ מחיהדיקייט, נאָך אַ נאַכט אָפּפרירן אויף דער גאַס, איז נישט קיין ווונדער, כ׳זאָל אַריינפאַלן אין אַ טיפן שלאָף, זיך אַ וואַקל טאָן אויפן פּאַרענטש און — באַץ: אין וואַסער אַריין.

עך, ווי דער שלימזל האָט נישט קיין מזל. אָבער דער ליבער גאָט, ווי באַקאַנט, שיקט די מכה צוזאַמען מיט דער רפואה. מזל, וואָס כ׳האָב זיך אָנגעשטויסן אויף אַ גלאַטיקן שטיין אונטערן וואַסער, אַן אַרומגעוואַשענעם שטיין, ספּעציעל פאַר מיר דאָ אויסגעוואַקסן. ווען נישט דער־אָ שטיין, ווער ווייס, צי כ׳וואָלט גע־שריבן „דידאָזיקע שורות". און מזל האָב איך, וואָס קיינער האָט נישט געזען מיין נפילה; ווען יאָ — וואָלט דאָס געלעכטער זיך מסתמא געטראָגן פון אַלט־ביז ניישטאָט און צוריק.

און דערפאַר טאַקע, ווייל קיינער איז נישט געשטאַנען דערביי, האָב איך זיך געקענט „איינאָרדענען" אין וואַסער, זיצן אונטערן בריקל באַשיצט פון דער זון און פון מענטשנס שלעכטן בליק, זיצן און זיך קראַצן מיט הנאה און וואַרע־מען מיין ביינער־בינטל אונטער דער פאַרנעקייט פונם שפּעטן פרימאָרגן. און אָפּצועסן איז אויך פאַראַן. גלייך אַ פינגער פון הימל וואָלט געקירעוועט מיטן ביסל יושר צו מיין זייט, אַזוי זענען אָנגעשוווּמען פון באַרג און טאָל — דיקע שאָלן פון קאַוואָנעס און פון אַנדערע מיני אוזבעקישע פּירות. אַ פּאַסקודנע טבע האָבן זיי, די אוזבעקן: זיי גריזשען אַרום דעם אַרבוז אַזוי טיף, אַז אויף די שאָלן בלייבט נישט קיין זכר פון דער זאַפטיקער פּרי, — בלויז גרינע שאָל. און דאָך... וואָס שייך צו דערציילן: אָפּגעריסן אַ שטיק שאָל, אַריינגעוואָרפן צווישן די טרייסלדיקע ציין, געלעקט און גענאָגט און געקערט מיט דער צונג, אַז די גרינע גאָל האָט זיך געקערט און ס׳איז מיר געוואָרן אַזוי מאָדנע ביטער... ניין, נישט ביטער. איך האָב בכלל נישט געפילט קיין שום טעם. איך האָב שוין אויפגע־הערט צו פילן — זיך.

נו, איצט איז שוין בפירוש געקומען די צייט זיך אומצוקערן צום באַזאַר. ווען

נישט, וועל איך דאָ אויסציִען די פיס, אָט־אַזוי־אָ. דאָרט וועל איך כאַטש געפונען עפּעס — אָדער אַ היימישן, וואָס וועט זיך טיילן מיט זיין דלות, אָדער — אַ פלוים פון אַן אוזבעקישן זאַק. איילּיק זיך אַ ריס געטאָן פון וואַסער, איינגעוויקלט אין די צויטן און זיך אויסגעצויגן אַנטקעגן דער זון: איך לעב נאָך! אַ מכּה מיינע שונאים! שונאים? האָב איך דען שונאים? וועמען טו איך דען שלעכטס, אַז מ׳זאָל מיך פיינט האָבן?

אַרויף אויפן טראָטואַר. קיינער קוקט זיך נישט אום אויף מיר. וואָלט איך געווען אַ בן־יחיד אין דערדאָזיקער מדינה, וואָלט איך געלעקט צוקער מיט האָניק, ווי עס זאָגט דער טייטש פונם נאָמען סאַמאַר־קאַנד; נו, איז דאָך דער טראָטואַר אויסגעפּילט מיט נאָך אַזוינע ווי איך: צויטן, קדחת און מער גאָרנישט. שלייך איך זיך פּאַזע די מויערן, לענגאויס דער רעגיסטאַן־גאַס; זיך דערשלעפּט צום ריזן־מעטשעט, וואָס שטייט שוין דאָ קרוב צו די טויזנט יאָר. דאָ דאַרף מען פאַרבייגיין מיט אַן אַראָפּגעבויגענעם קאָפּ, ווייל — עס קען אַראָפּפאַלן אַ גלאַטיק מאָזאַאיק־ציגעלע גלייך אין קאָפּ אַריין. עס פאַלט פון אים שטיקער, פונם שיינעם מעטשעט, — דער נביא מאַכמעד וועט סוף־סוף אָפּטרעטן דעם פּלאַץ פאַרן פאָטער סטאַלין. זיך אפשר אַריינשלייכן אינעווייניק, אינם ריזיקן הויף און דאָרט ערגעץ געפונען אַ ווינקעלע אויף אָפּרו? מען זאָגט, אַז אין די פיל נישעס און קאַטאַקומבעס האָבן זיך באַזעצט קינסטלערס, וואָס ווערן נישט מיד פון צייכענען דעם מעטשעט, זיין שיינקייט און גרויסקייט. דעריבער? סאַראַ שייכות האָט דאָס מיט מיר? איך בין הונגעריק און צעביילט. אפשר גאָר אַריינגיין אין ביבליאָטעק? און אפשר? — — יאָ. געפונען דעם פּאַסיקסטן רו־פּלאַץ: דעם פּאַרק. אָט קוקט ער אַרויס צום מעטשעט מיט זיינע געדיכטע פּאַלמעס און גליאיקע בלעטער, וואָס נאָר די אוזבעקישע זון איז בכוח אָנצומאַכן אַזאַ העלישן פייער. פאַראַן ליידיקע בענק. ראשית — זיך אַוועקזעצן, איינדרעמלען, דערנאָך — פאָרזעצן מיטן חשבון.

חלומט זיך מיר, אַז אימעצער רייסט מיך ביי אַ פּוס? און אפשר איז עס טאַקע אַן אמת? סיזוי — שווער צו עפענען די אויגן. עס ציט מיך צום שלאָפן, צום איינשלאָפן און דאָ — אַ טרייסלען, אַ רייסן, אַ פליקן. שפּעטער נאָכמיטאָג. איבער מיר שטייט עוזר, דערזעלביקער עוזר: אַ בינטל שמאַטעס, אַרומגעוויקלט מיט דראָטן, מיט פּושקעלעך. ער שרייט:

„דו מיינסט, אַז איך האָב כּוח צו דיר? זיך אַוועקגעלייגט ווי אַ שטיין, נישט צו רירן פון אָרט! ווילסט שטאַרבן? נישט אַזוי לייכט! מאַטער זיך נאָך אַביסל, נאָך אַ קליין ביסל“....

ער האָט מיר צוריק אומגעקערט ס׳חיות, דער גוטער עוזר, וואָס וויל אין סאַמאַר־קאַנד דווקא לעבן מיגיעי כּפּיו: ביי דעם אוזבעק אַביסל קעז, ביי יענעם אַ פלוים,

אַ סוכאַרקע... וואָסי? אָנקומען צו די באָלשעוויקעס? אַן אומקומעניש אויף זיי!
עזור נעמט אין מיר אַוויינבלאָזן אָפּטימיזם:
„נאָך אַביסל און מיר וועלן צוריקפאָרן קיין פּוילן".
„פּוילן? און וואָס וועט זיין דאָרט?"
„בעסער ווי דאָ".
„אויף קברים?"
„מעט זען. וועט מען פון דאָרט פאָרן ווייטער. מען דאַרף בלויז איבערהאַלטן, איבערלעבן דידאָזיקע פּאַראַזיטן"...
איך דערצייל אים וועגן מיינע לעצטע „אַוואַנטורעס". ער הערט מיך אויס זייער ערנסט. זיינע באַקן זענען פאַר דער צייט פולער געוואָרן. מעגלעך דערפאַר, וואָס די באָרד איז געוואָרן געדיכטער. און איך וויל זייער וויסן, סאַראַ פּנים איך האָב. ענטפערט ער מיר תיכף, אַז אַזאַ פּנים האָט געהאַט דיאָגענעס אין זיינע לעצטע טעג. גוט, וואָס עוזר זעט אויף מיר אַזאַ־אַ דערהויבן געשטאַלט, איינעם, וואָס זוכט ליכט אין אַ פינצטערער וועלט. וואָס־אמת — זוך איך בלויז אַ ווינקל וווּ אָפּצורוען און אויסצופילן דעם מאָגן. אָבער נישט שייך — עוזר איז אַ מזג טוב, קיין גלייכן צו אים.

31. אין אַ וועלט פון דינע און גראָבע באַשעפענישן

ווידער — נעכט אין פּאַרק, טעג — אויפן באַזאַר. בין געוואָרן אַ שטיק הפקר. וואָרט אפשר ערגעץ אימעצער — מיט גרייטשאַפט מיר צו העלפן? ניין! ווי זאָגט עוזר: הילף גיט מען נישט אומזיסט; טיילמאָל דאַרף מען פאַר איר טייער באַצאָלן — אַפילו מיט דער אייגענער פּערזאָן. עוזרן ליגט אין זין די „פּערזאָן". אָבער רעכט האָט ער: דער מענטש איבער אַלץ!
אויפן באַזאַר קאָן מען זיך אַוועקזעצן אין שאָטן; אויך אונטערדרעמלען און אויך — כאַפּן אַ פּלוינט פון אַן אוזבעקישן זאַק. אוודאי איז מען דערפאַר נישט זיכער מיטן ביסל לעבן און אויך נישט זיכער, טאָמער וועט די בוכאַרער נקבה אונטערכאַפּן.
ניין. דאָס מאָל האָט מיך נישט געכאַפּט די בוכאַרקע. זי האָט מסתמא פאַרגעסן דעם חשבון, וואָס איך דאַרף איר סילוקן. דאָס מאָל איז מיין אויסכאַפּעניש געקומען פון אַן אַנדער ווינקל: אַ ווינטיקע נאַכט; צונויפגעבערעגט שמאַטעס און זיך איינגעטוליעט אין אַ צעפּאַטלט בינטל קשאַקעס, צווישן בענק אין פּאַרק. איינגעשלאָפן מיט זיסע חלומות מסתמא, מחמת עס איז מיר שווער געווען צו עפענען די אויגן, שווער געווען צו שיידן זיך מיט די חלומות, בעת כ'האָב דערפילט ווי עפּעס גראַבלט און גראָבט אויף מיין ביינער־בינטל. גראָער פאַרטאָג. די זון ליגט נאָך ערגעץ פאַרשטעקט. די נאַכט־פייכטקייט מאַכט ציטערן אַלע

מיינע אברים. אָבער דאָס האָט נישט פאַרטריבן דעם שלאָף פון מיר. אדרבא. איך האָב געפינען די אַנטרינונג אין שלאָף. שלאָף איז היילונג פאַרן גוף, אַן אַנטלויפן פון זיך; אמת, אַמאָל אויך — אויף אייביק. מילא. יאָ. טאָ ווער שטערט מיר איצט, אינם גראָ־פייכטן פאַרטאָג, מיין ביסל שלאָף־פאַרגעניגן? —

עפּעס פרעסט זיך איין אין מיין פּליצע; — אַ מעסער? — אוי־ווי! שוין. כ'האָב שוין אויפגעוואַכט. דערזען צוויי סאָלדאַטסקע שטיוול און אַן אויסגעצויגענעם באַגנעט, וואָס נישטערט אין די קשאַקעס. וועמען זוכט מען דאָס דאָ? זיך איילך אַרויסגעגליטשט פון מיין געהיימען געלעגער, באַוויזן מיין פּרצוף דעם סאָלדאַט, וואָס האָט מיך באַגריסט מיט אַ הילכיק געלעכטער. זעט־אויס, אַז דאָס סאָלדאַט־ייִנגל איז שטאַרק צופרידן פון דער הייִנטנאַכטיקער יאַגד אין פּאַרק; ביים טויער שטייט שוין אַ היפּשער עולם פון פאַרשידענער ראַסע און קאָליר, באַהאַנגען מיט זעק, מיט צויטן און בערד. איצט שטיי איך אין דער ריי. מיר מאַרשירן צו צוויי: לינקס, רעכטס, לינקס, רעכטס — פריאַמאָ! ווערן מיר אפשר געגרייט צום פראָנט? אַז קיין פראָנט איז דאָך שוין מער נישטאָ; אַז די היגע פייערן דאָך דעם זיג זייערן אין דער פאַטערלענדישער מלחמה. וואָס טוט זיך דאָ? וווהין פירט מען אונז אָט אַזוי, איבער דער לאַנגער סאַמאַרקאַנדער באַזאַר־גאַס?

איך דערמאָן זיך, ווי עוזר האָט מיך געוואָרנט קעגן שלאָפן אין פּאַרק. די „וולאַסט" זוכט דעזערטירן; זי זוכט פּראָסטיטוטקעס און גנבים און אַלץ, וואָס איז פון אַ שטיין געבוירן. איבער די שטאָקן עפּנט זיך ערגעץ אַ פענצטער מיט אַ סקריפּ. אייזלען שרייען זיך דורך פון הויף צו הויף. אונזער מאַרש שטערט נישט קיינעם. אַ שטילער, אַ באַרוועסער מאַרש. איך טו זיך קראַצן מיט גרויס הנאה. דאָס איינ־ציקע ביסל פאַרגעניגן, וואָס קיינער קאָן עס נישט אַוועקנעמען פון מיר. אויך דעם סאָלדאַט בייסט ערגעץ. ער בייט כסדר די ביקס פון איין האַנט אין דער צווייטער און די באַפרייטע האַנט — אַרונטער טיף הינטערן קאָלנער. אַ טאַטנס אַ קינד. פאַרוואָס לאָזט מען אים נישט שפּילן אין פּילקע? פאַרוואָס צווינגט מען אים צו כאַפּן מענטשן אין די גערטנער?

צו אַלעם קומט אַ סוף: אויך צום מענטש און אויך — צו אונזער מאַסן־מאַרש. עס פראַלט זיך פאַנאַנדער אַ טויער. דאָ איז די שטאָטישע מיליץ. מיר מאַרשירן אַריין. מיר זענען נישט די ערשטע. אַרום די ווענט פון גרויסן הויף טוליען זיך נאָך אייניקע צענדליק „פון אונזער שטאַנד". מען וואַרט אויף אימעצן. און אָט — אַ קליינער, אַ פעטער, אַ קיילעכיקער אוזבעק — דער נאַטשאַלניק מיליציע. ער באַזעצט זיך נעבן אַ טישל אין מיטן הויף. ער נעמט זיך גיך אָפּפאַרטיקן מיט די צונויפגעבערענגטע. עס איז ביי אים אַ רוטין. לעבט ער דאָך דערפון. בכלל: זיין קוקן אויף די חברהלייט, זיין שמייכלען צו טייל פון זיי, דערציילט, אַז אים זענען נישט פרעמד די גנבהשע גענג.

אַז עס האָט געהאַלטן אין דערנענטערן מיין ריי, האָב איך גיך באַשלאָסן: שפּילן דעם טויב־שטומען. סיידוי האָב איך נישט וואָס צו ענטפערן — — —

שטיי איך נעבן אים, דעם קיילעכיקן און פעטן מיליציע־נאַטשאַלניק. ער וויל אַ דאָקומענט, וויל וויסן: ווער כ׳בין, פון וואַנען כ׳קום, פון וואַנען אַנטלאָפן. ער רעדט און איך קוק אויפן הימל און צאַפּל מיט די ליפּן. אַ תם. אַ בהמה: רעד צו מיר. עס הייסט: אָט מאַך איך מיט די ליפּן, וויל רעדן, אָבער לא עלינו. אַזאַ כות זאָל ער פאַרמאָגן — ——בפירוש צו זען, אַז אויך ער, דער אוזבעקישער געזעץ־היטער, האָט צרות פון דער דריטער מכה. מחמת צוגלייך ווי איך טו אַרונטערקריכן מיטן פינגער־בינטל אונטער די צויטן, נעם דאָרט זוכן און דריבלען — דאָס אייגענע צו זען ביי אים. מיטן חילוק, וואָס אויף זיין פלייצע האָבן די פּאַראַזיטן יאָ וואָס צו קייען. בקיצור: נאָך אַ קורצן איבערבליקן זיך האָט ער גיך געפּסקנט: „דאָם דליאַ בעזפּריזאָרניך!״

שטיי איך ווידער אָנגעשפּאַרט ביי אַ וואַנט, אַריינגעקוועטשט צווישן האַלבע און גאַנצע סקעלעטן, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר דעם בן־אדם לויטן סאָוועטישן געשטאַלט. עס ווילט זיך מיר זייער אַ שמועס טאָן מיט אַזאַ איינעם, אים פרעגן וואָס עס מיינט אַזוינס: „דאָם דליאַ בעז...״, אָבער תיכף זיך דערמאָנט, אַז כ׳בין טויב־שטום. און עס טראַכט זיך מיר, אַז נישט בלויז געפין איך זיך אונטער די שפּיציקע אייגעלעך פונם פעטן אוזבעק ביים טישל, נאָר אַז אַלע קוקן אויף מיר, פאָרשן, וואַרטן נאָר כ׳זאָל עפענען ס׳מויל.

... צווישן קויטיק־ליימיקע געסלקעס, פאַרביי געל־שוימיקע אַריק־רינשטאָקן, טשייכאַנעס און אוזבעקן, וואָס כראַקען אַרום זיך מיט גרינעם לייכעץ, שפּאַנט אַ באָרוועסע מאַסקאַראַדע. פיר אין אַ ריי. איינס, צוויי, לינקס — דער „דאָם״, די היים פאַר היינט־און־נאָמענלאָזע; אויך פאַר טויב־שטומע.

אַ ברייט טויער פון אַ מעטשעט. אינעווייניק — הויכע ווענט, לעכער, נישעס, שטייגן פאַר פייגל און מייז. איבער אַ פירקאַנטיקן הויף, אויף און אָפּ, קריכן אַרום האַלב־און גאַנץ־נאַקעטע ברואים. נישט אונטערצושיידן צווישן זכר און נקבה. אויך קליינוואַרג, צונויפגעקליבן פון פאַרשידענע רינשטאָקן. מיידעלעך מיט פיס־שטעקעלעך, מיט בריסטעלעך, ספק ווייבערשע, ספק מענערשע, יאָגן זיך מיט פאַרקרומטע געלעכטערס און תאווה־געשפּענסט אין אויגן־לעכער נאָך צוויטיקע ייִנגעלעך איבער נישעס און שטאָקן פונם געוועזענעם הייליקן אָרט און איצטיקן מקום טומאה.

איך קוועטש זיך אַריין אין אַ נישע. אַלץ אונטער מיר באַוועגט זיך. דער ליימענער דיל — באַדעקט מיט לייז... לייז... אוך! אָבער אויך דערמיט מאַכן שלום. און שלום אויך מיט מיינע שכנים: דינע פיס, גראָבע בייכער...

אַ טאָג, צוויי — טעג פאַרביי. דער טייוול אַליין איז מיין באַפעלער: צו מאַכן

אַ לעבן אויף אַ קויטיק־נאַסן ברויט־פּענעץ. אַ שיסל ברודיקע וואַסער. אויך צום שטאַרבן מוז מען האָבן כּוח. און אויך מיינע שכנים און שכנהס לעכצן נאָך אַ בעסער מזל. ספּעציעל די שכנהס — נאַרוואָס אָפּערגעצומען פון אונטער פּרעס־מאַשינעס: טרוקענע ברעטער און דרענגער — זיי איז געלונגען אַריינצוברענגען פון דרויסן בהמהשע קישקעס, צונויפגעקליבן פון ערגעץ אַ שעכטהויז. אין איינער פון די לויזיקע נעכט, ליגנדיק צונויפגעדרייט אויף מיין באַוועגלעכן בינטל ליים: אפשר די לעצטע רגעס שוין; צומאַרגנס וועט מען מיך אַרויסטראָגן צוזאַמען מיטן מענטשן־מיסט, אַוועקשליידערן ערגעץ פאַר פייגל־רויב, — דערפיל איך אַן אַרומקריכן אויף מיין פּנים און באָרד: פינגער, קאַלטע פינגער. אויך אַ וואָרעם־פאַרנעם עיפּוש, ווי פון אַ גרוב־קלאָזעט אַרויס אין איינעם פון די קאַטאַקומבעס. דאָס קאָכן ווייבער אין דער שפּעטער נאַכט, בגנבה פון שומרס בליק, אַ פלייִשיק מאַלצייט אין פאַרזשאַווערטע פּושקעס אין אַ לאָך, צוקאָפּנס פון מיין געלעגער. נו, שוין, פאַרטיק. זיי שטופּן מיר אין מויל אַריין דעם „כּיבוד". וואָס פלוצים? מעגלעך, כ׳זאָל נישט אויפהייבן אַ געשריי; אויך מעגלעך: רחמנות און גוטהאַרציקייט. אָבער ווי הונגעריק כ׳בין, ווי כ׳וויל דווקא נהנה־זיין פונם פעטן מאכל, האָב איך בשום אופן נישט געקאָנט צעקייען דעם עיפּוש און געמוזט אים „צוריקגעבן" — — — נו, אַ סוף: מאַכן אַ סוף. גענוג. — אַ הונגער־שטרייק ביזן סוף! — — — האָב איך זיך אַוועקגעלייגט פאַרטאָג — איינער פון די פאַרשיווע טעג אינם דאַזיקן פאַרעיפּושטן מעטשעט — דעם קאָפּ אַריינגערוקט אין אַ טיף לאָך. זאָל מען מיך נישט אַרויסזען. נישטאָ! ווינציקער אַ סקעלעט! אָבער פלוצים, נאָך האַלבן טאָג, האָבן מיך דערטאַפּט אַרומיאָגנדיקע קינדער. זיי האָבן אַ גאָס געטאָן אויף מיר וואַסער, קאַלט וואַסער. „אויפשטייך, אויפשטייך! — האָבן זיי געשריגן אין איין אָטעם — גיכער! דער דאָקטער רופט!" אַ דאָקטער? פאַראַן אויף דעם בית־הקברות אַ דאָקטער?

פריער געהערט, אַז „אַבראַשאַ" באַגנבעט דאָס ברויט, די זופּן. דערפון געוווּסט, אַז אַ ייִד פאַרעט זיך דאָ אַרום. אָבער ווער און וווּ איז ער? איצט ווייס איך שוין: דאָס איז דער דאָקטער. „אַבראַשאַ" רופט מען אים — חוזק־נאָמען פאַר אַ ייִד אין דער סאָציאַליסטישער מדינה.

יאָ, אַ דאָקטער טאַקע. אַ ייִד. איצט שטייט ער אַנטקעגן מיר אָפּגערוקט אַ צוויי מעטער. אָפּגעטיילט פונם גרויסן, ווערעמדיקן הויף מיט אַ דיקער ציגל־וואַנט. ער ווייזט מיט אַ פינגער, ביז וואַנען מיר איז דערלויבט צו שטעלן מיינע טריט. שוין! ווייטער — קיין טראָט! פון ווייטנס! אָט אַזוי. זיין קיילעכיק, אַרומגעראָזירט פּנים, דאָס העלע אַנצוג און געפּוצטע שיך באַשטעטיקן, אַז דערדאָזיקער דאָקטער איז זייער אַן אָפּגעהיטער און אויך נישט קיין הונגעריקער. די אויגן

זיינע — אומגעדולדיקע — באַשטעטיקן זיין אָפּשטאַם: אַ ייד פון פוילן, אוקראַינע אָדער גאָר אַ בעסאַראַבישער.

צו וואָס האָט ער מיך גערופן און פאַרוואָס האָט ער מיר געשטערט דאָס ליגן מיטן קאָפּ אין לאַך? זאָרגט ער אַזוי שטאַרק פאַרן געזונט פון זיינע בירגער, פאַרן לעבן פון די־דאָזיקע ברואים? ער קוקט אויף מיר פאַרשעריש. מיר איז שווער דאָס שטיין אויף די פיס. האָב איך זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דר׳ערד. און ער נעמט נישט אַראָפּ פון מיר די אויגן. לסוף — אַ שליידער פון זיך:

„פוילעכץ, מענטשן־פוילעכץ!"

וועמען מיינט ער דערמיט? מיך! די „פוילנדיקע" ווערטער האָט ער דאָך געזאָגט אויף יידיש, יידיש ממש.

„אוי, מאַמע!" — האָב איך אַרויסגעלאָזט אַ פאַרשטיקטן קרעכץ און זיך אויסגעצויגן אויף דער ליימיקער ערד.

ווי לאַנג האָט געדויערט מיין ליגן אויף דער ערד און וואָס האָט דער דאָקטער געטאָן, כדי כ׳זאָל זיך קאָנען אויפשטעלן, קאָנען עפענען די אויגן און זיך דערפילן — אַ לעבעדיקער? אפשר אַ שעה און אפשר צוויי. זיין פאָרען זיך מיט מיר האָט אויף די אַרומיקע נישט געהאַט קיין פעולה. דער טומל אויפן הויף — ווי פריער, ווי נעכטן.

איך האָב זיך דערזען ליגן אויף אַ ראָגאָזשע; זיך דערפילט אויסגעשמירט מיט עפּעס אַ קלעפּעכץ — די פּלייצע, דער בויך. אַ מין „אַנטלויזונג־פּולווער". פון דאָקטערס פּאַלאַטן פירט אַ טיר צום דרויסן, אַ הינטערטיר, וואָס טיילט־אָפּ די פּאַלאַטע פונם אינעווייניקסטן שטינקעכץ. אויף יענער זייט טיר וואַרט אימעצער מיט אַ פּעקל אין האַנט. דער דאָקטער שמועסט מיט יענעם אין יידיש:

„ער דאַרף עסן און דאָס אַלץ; אָפּעסן און אַ מלבוש וועט ער ווערן אַ מענטש".

„נו — זאָגט יענער — אָט זענען מלבושים; די רעשט וועט מען זען".

וואָס טוט זיך דאָ? וועגן וועמען רעדן זיי? מיינען זיי מיך?

אַ מענטשלעכע האַנט לייגט זיך אויף מיין אַקסל. פאַר מיר ליגט אַ העמד, הויזן, שיך. פון דאָקטער באַקומען אַ „ספּראַווקע", אַז דער און דער (דאָ אָנגעגעבן מיין ריכטיקן נאָמען, אַרויסגערעדט „ווי אַ מענטש" — נישט געשפּילט דעם טויב־שטומען) האָט רעכט אויף פרייער באַוועגונג. דער פרעמדער איילט מיך צום אַרויסגייט. אין דרויסן — קילער נאָכמיטאָג. זיך אייניקע מאָל איינגעבויגן און אויסגעגלייכט, כדי איינצוטעמען פרישע לופט. מאָדנע פיל איך זיך אין מיין נייעם הילוך ביי דער זייט פונם אומבאַקאַנטן, וואָס שטעלט זיך פאָר: פאַרוואַלטונגס־מיטגליד פון זעט.פּע.פּע. און יידישער שרייבער. אימעצער האָט אינפאָרמירט וועגן מיר. איז ער געקומען און געבראַכט הילף. דאָס אַלץ. וועגן דער רעשט — אַ צווייט מאָל. טודותפול. זאָל זיין אַזוי. קוים וואָס איך שלעפּ די פיס. קיין

מקום מנוחה האָט דער גוטער באַפרייער נישט צוגעגרייט פאַר מיר. ער האָט געטאָן בלויז האַלבע אַרבעט — לויט זיינע כוחות. איך וועל מוזן אָנקומען צום „זוויאָנזעק" וועגן ווייטערדיקער הילף.

איצט בין איך פריי און — ווידער אַליין. אויף אַלטשטאָט רוישט אַ ראַדיאָ־הילכער, שרייט אויס די נצחונות פון אַ פריי און פרידיק לעבן נאָכן גרויסן פאַטערלענדישן זיג איבערן נאַצי־פאַשיזם. יאָ, די מלחמה האָט זיך שוין אויף אַן אמת געענדיקט. איך הער זיך איין צום כאַרכלענדיקן הילכער, וואָס הילכט פון זיך אַרויס דעם גרויסן לויב צו דער גערעטעניש פון קוקורוזע־און קאַרטאָפל־קולטור. דידאַזיקע זיסע קאַקעפאַניע וואַרפט מיך אַריין אין אַ מין קדחת־שלאָף. שווער צו האַלטן זיך אויף די פיס. ווי דורך אַ נעפּל דערזען אַ באַקאַנט פּנים. נישט קיין טעות: דער וואַרשעווער אַקטיאָר משה ל. ער קוקט אַרויס פון אַ טויער־ווינקל. ער שטייט דאָרט אָנגעשפּאַרט אויף אַ קאַסטן מיט גלאָז. ער איז אַ גלעזער מיין שניידיקער בליק מאַכט אים אומרואיק. איך דערנענטער צו זיין ווינקל. ערשט האָט ער זיך צעשמייכלט.

דער מחבר — ביים אַרויסגיין פון „דאָם"

„אַזאַ פּנים אויף אונזערע שונאים!"

איצט ווער איך געוואָר אַ גאַנצע מעשה: בצלאל (אַזוי רופט זיך דער ייד, וואָס האָט מיך אַרויסגעפירט פון מעטשעט) איז נאַרוואָס געווען ביי אים, דערציילט מיין געשיכטע מיטן „דאָם". איצט לויפט ער אַרום, כדי צו שאַפן פאַר מיר עפּעס אַ „מענטשלעכן מעמד".

„ווי לאָזט מען זיך אַזוי אַראָפּ? — וווּנדערט זיך ל. — אינטעלעקטועלע באַקומען דאָך „ליטערני פּאַיקי", פון וועלכע מען מאַכט אַ נישקשהדיק לעבן; אויך קומען־אָן פּעקלעך פון מאָסקווע".

דער ענין: מאַכן פון מיר „אַ מענטש" איז געקומען אויפן סדר־היום פונם „זוויאָנזעק פּאַלסקיך פּאַטריאָטוו". דאָס האָט בצלאל, אַ ייד פון ווילנע און אַ שרייבער, „איינגעריסן וועלטן". דערנאָך האָט ער מיך אַריינגעפירט אינם „זוויאָנזעק" — אַ הילצערן קרעמל אַזאַ פּונקט אַנטקעגן דער מיליץ. בצלאל האָט געקלאָגט איבער מיר: סטייטש! אַן אַ שטיקל ברויט און אָן אַ דאָקומענט! — — אַ ריכטיקער וואַגאַבונד...

„ער פּאַסט זיך אַריין אין דער היגער געזעלשאַפט״ — האָט דער אַקטיאָר אַריינ־געטענהט אינם שרייבער ביי אַ טשייניק גרינעם טיי אין אַ טשייכאַנע.
און מיר דאַכט זיך, אַז דאָס הער איך דעם אַקטיאָר רעציטירן פון דער בינע אַראָפּ:
„וואָאָאָס! קיין דאָקומענט האָט ער אויך נישט? אָן אַ נאָאָמען?! באַהאַלט זיך? באַראַבעוועט די מאָסקווער קופּאָאָלן!!״
און צו מיר:
„אַזאַ טיפּוש! מען דאַרף זיין אין אָרדענונג מיטן געזעץ! שוין! טאַקע שוין! זיצט אַ רגע! עסט וויינטרויבן! העי, באַבײ — טוט ער אַ געשריי צום טשייכאַנטשיק — נאָך אַ טשיי!״
ביידע זענען זיי אַרויס. אויף דער שוועל זיך אַ ווייל אָפּגעשטעלט, מיך אָפּגעמאָסטן: „מילאַ, ער קוקט טאַקע אויס ווי טשאַפּלין, אַבי נישט ווי גאַנדי״...
און אַזוי איז געשאַפן געוואָרן די פאַרבינדונג צווישן מיר און דעם „זוויאַגנזעק״. אוודאי איז מיר איצט נישט פיל בעסער פון פריער. אָבער דעם נאָמען מיינעם מוז איך צוריקבאַקומען; מען רעדט דאָך וועגן רעפּאַטריאַציע.
און יאָ, פון דער צווייטער זייט הילצערן ווענטל, וואָס געפינט זיך אין „זוויאַגנזעק״, קומט אַרויס אַ פּאָרל. דאָס קומט מען צו מיר. איך וועל איצט דאַרפן אָפּגעבן „עקזאַמען״: ווער איך בין און פון וואַנען קום איך — כדי צו באַקומען אַ פּושקעלע הייסע קאַשע יעדן טאָג און אויך — אַ ספּראַווקע פון דער מיליץ, אַז דאָס בין איך טאַקע — איך.
ביידע, אָן ער און אַ זי, זעצן זיך אַוועק אויף אַ באַנק; מיך — געלאָזט שטיין אַנטקעגן. זי — אַ שוואַרצע, מיט שפּיציקע קין־באַקן, מיט אַ בייז פּייערל אין די אויגן; אַ שרעקעוודיקע זאַך: די פּאַני סטעלאַ. ער — קיילעכיקע באַקן, שמייכלדיק־צופרידענע אויגן: פּאַן איקס. ביידע — עקזאַמינירערס אינם „זוויאַגנזעק״. די שפּראַך — פּויליש. ווער בין איך, פון וואַנען קום איך, ווו איז אַהינגעקומען מיין דאָקומענט, פאַרוואָס זיך ביזאיצט נישט רעגיסטרירט — שאלות, וואָס, ווי איך פיל בפירוש: די פּאַני סטעלאַ וועט נישט קאָנען שלאָפן ביינאַכט אויב זי וועט נישט באַקומען די געהעריקע תשובות. זי דרינגט מיך דורך שאַרף־שטעכיק. אַ סטראַשידלע. און טרוקן איז זי — אַ ברעט. אַ פאַלנע אויספאָרשונג — אַ סלעדסטווע. אפשר זיך מאַכן — טויב־שטום? בפירוש — כדאי! יאָ. איך נעם ענטפערן אין יידיש. קיין סך נחת האָבן די סלעדיוואַטעלס נישט פון מיר. בצלאל האָט מיר צומאַרגנס אָנגעזאָגט די גוטע בשורה: איך באַקום אַ פּושקעלע הייסע קאַשע יעדן טאָג. אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען; כ׳געהער צו דער פּוילישער משפּחה...
און אָט לייגט מיר פאַר דער דערפינדערישער בצלאל אַ זייער אָריגינעלן פּלאַן:

היות איך האָב אים אויסגערעכנט צווישן אַלע מיינע „ספּעציאַליטעטן" אויף דער סאָוועטישער ערד: שטוקאַטורשטשיק, אַכראַניק, קאָגיוך, אויך — פּערעפּלאַ־טשיק — איז דאָס באמת אַ גוט פּאַך; איין קלייניקייט: — רייבט ער אַ האַנט אָן אַ האַנט — איינבינדערס גייען דאָך דאָ אין גאָלד! — — —

נאָר איידער איך שפּאַן אַריין אינם גאָלד־גרוב מוז איך נאָך פּרוּוון מזל ביי די... אוזבעקן. וואָסי? פון יודע־חן בין איך דערגאַנגען, אַז דער אוזבעקישער שריי־בער־פאַריין האָט אַן אָפּטיילונג אין סאַמאַרקאַנד. און אַז אַ שרייבער קומט אַהין באַקומט ער אַ מין אַוואַנס, דאָס מיינט: אַ מלוכהשן האָנאָראַר פאַר צוקונפטיקער אַרבעט. זייער יושרדיק. מהיכי תיתי. בין איך אַוועק אַהין. דעם ערשטן קבלת־פּנים — פון אַ באַבאַרדטן (ווי דען?) אוזבעק. ער נעמט מיך אויף ביים איינ־גאַנג, באַטאַפּט מיך פון אונטן אַרויף:

„אוזבעקסקי זנאַיעש?" — ער וויל מיך עקזאַמינירן אויף אוזבעקיש.

איילִיק „אויסגעדרייט דעם דושעל" — — אַ שלימזל דאַרף נישט געבוירן ווערן. הלמאי באַקומען אַנדערע יאָ „אַוואַנסן"? האָבן יענע זיך שוין באַוויזן אויסצו־לערנען אוזבעקיש? — — —

על־כּן: שטעלט זיך אויפן סדר־היום בצלאלס פּלאַן: שאַפן אַ „פּערעפּלאָטנאַיאַ מאַסטערסקאַיאַ". ער האָט אויפגעזוכט אייניקע קאַנטאָרן, ווו די בוכהאַלטערס זענען יידן און יענע האָבן מיר געגעבן די הונדערטער „בומאַזשקעס", „ספּראַוו־קעס", „שטשאָטן" — די גאַנצע סאָוויעטיש־קאַנטאַרסקע ביוראָקראַטיע — איך זאָל דאָס אַלץ צונויפבינדן, מאַכן פון זיי דיקע ביכער. באין ברירה — האָב איך זיך געכאַפּט אויף דער קונסט פון מיין נײַ פאַך און — עס איז אַוועק אַ גאַנג. אמת, דער מאָגן איז נאָך היפשלעך ליידיק; אָבער אַן אייגענע קיביטקע פאַר־מאָג איך שוין. פאַרביטן דעם הימל אויף אַ ליימיק־שטרויענעם צודעק — אַן אייזל־שטעלעכל פאַר פּופצן טשערוואָנצעס אַ חודש; אויפן באַזאַר — אַ קילאָ ברויט.

און איצט — דער סאַמע עיקר: אַ דאָקומענט, מיליץ, פּרעגענישן. דאָס שטעלט מיר צו פאַן איקס, דער שמייכלדיקער "פּאַטריאָט". ער האָט מיר געהייסן קומען אין מיליץ. דאָרט — — זיך דערמאָנט אַן יענעם מאַרש דורכן דאָזיקן טויער, ווו עס איז געזעסן דער פּעטער מיליציע־נאַטשאַלניק און ווו איך האָב געשפּילט דעם טויב־שטומען. איצט שטיי איך מיט ציטערניש הינטער אַ פענצטערל. אויף יענער זייט: אַ מיידל וויל וויסן מכּוח דאָס און יענץ. דאַכט זיך: דער און יענער און אַלע דאָ — קוקן אויף מיר, אויפן טויב־שטומען, וואָס האָט באַקומען לשון. אויף יענער זייט פענצטערל הינטערן מיידלס פּלייצע — דער פאַן איקס. ער איז דאָ אַן „אייגענער". יאָ. האָט דאָך מיר אימעצער איינגערוימט אין אויער: דער־אָ האָט געהאַט „אַריינגעזעצט" דעם שוואָגער זיינעם, משה ג., פאַר עפּעס

אַ פּלוידעריי, וואָס האָט געראַזשעט אויף זיין אידל געהער. הייסט עס: צוגלייך ווי ער איז מסוגל צו טאָן אַ טובה, קאָן ער אויך טאָן אַ רעה — — —

מיין דירה איז איינגעהילט אין סודות. אינעווייניק — אַ גרויסער הויף מיט פיל טירן, די טירן, וואָס דינען פאַר פענצטערס, געהערן צו אַ לאַדזשער משפחה. דאָס האָט זי אָפּגעקויפט דעם הויף פון אַן אוזבעק. די משפחה: טאַטע־מאַמע און קינדער. ער, דער באַלעבאָס, טראָגט גרויסע, גראָבע גאָלדענע רינגען אויף די פינגער, טראָגט אויך פוילישׂ־אָפּיצערסקע שטיוול און איזן איז ער אויסגעקעכלט, ווי ער וואָלט זיך געמינען אויף דאַטשע. ער אַזוי און אַלע אַזוי — אַ כוח זיי אין די ביינער אַריין. אַ שול־מיידעלע איז דאָרט פאַראַן — אַ שיינע, אַ קלוגע, אַ באַחנטע זאַך — איז זי די געלט־אָפּנעמערקע. פּינקטלעך צום חודש — זי קלאַפּט אין וואַנט. אַזוי שוין דער פערטער חודש. אייגנטלעך, וואָלטן זיי מיר געדאַרפט צאָלן חודשלעך פאַר זיין דער הונט־שומר ביי זייער טיר. יאָ, אויסער דאָס נעמען געלט — טוט קיינער פון זיי נישט קיין שמעק אַריין צו מיר, אינם אייזל־שטעטלעכל: וואָס טוט אַ ייִד? — גאָרנישט. העכער אַ וואָך געלעגן אין געהאַקטע ווונדן. זיי זענען אַוועק און פאַרשלאָסן דאָס טירל. איך האָב געוואָלט אַרויסגיין. בין איך אַרויפגעקראָכן אויבן, אַראָפּגעשפּרונגען און זיך נישט געקאָנט אויפהייבן. די קני פונם לינקן פוס האָט פאַרלוירן „די באַוועגונג". אויס. בין איך געלעגן אויף דער ערד, געוואַרט ביז די „פּאַנאָוויע" זענען געקומען. זיך אַריינגעשלעפּט און זיך אַוועקגעלייגט מיט אַ געשוואָלענער קני. און נעכטן, טאַקע נעכטן, נישט געשלאָפן אַ פּעליקע נאַכט. אַ מויז האָט געביסן די ערד אונטער מיר, דווקא זיך געוואָלט אַריינבייסן אין מיין בידנער פלייצקע.

היינט מיט צרות זיך אַרויסגעשלעפּט אויפן באַזאַר — נאָך „מנוחה" פון אַ היפּש ביסל טעג (היזק געהאַט אַ שפּאַר ביסל טשערוואָנצעס און וועל מוזן זוכן ביי קאַנטאָרן מיט נייע „בומאַזשקעס" אויף איינצובינדן). יאָ, אויפן באַזאַר זיך אַוועקגעשטעלט נעבן אַ טיש, כדי צו עסן אַ שטיק ברויט מיט זויערמילך — נאָך אַ לאַנגן תענית. האָט זיך צו מיר אַ קער־געטאָן דער שלימזל — אויסגעוואַקסן אַן אוזבעק, אַ כאַפּ געטאָן דאָס שטיקל ברויט און עס אַריינגעפּאַקט צו זיך אין דער באָרד. אוודאי האָב איך אים אָנגעקוקט און דערביי איז עס געבליבן: ער עסט און איך קוק.

איז שוין אויך מיט מזל פאַרביי דער היינטיקער טאָג. יאָ, אַ שכן פון געסל האָט מיר פאַרטרויט אַ סוד: מיין באַלעבאָס, דער לאַדזשער ייִד, האָט אויפגעבויט אונטער דר'ערד פון זיין דירה אַ פאַבריק פון זייף, אַ פאַבריק מיט קעסלען און מיט פאַרע. די אַלע גרויסע, קאַנטיקע שטיקער זייף אויפן באַזאַר שטאַמען פון זיין פאַבריק.

נישט מיין דאגה. זאָל ער דאָ פאַבריקעווען ווי לאַנג ער וויל. איך וויל — אַרויס פון דאַנען! אַררררויס!

32. רייזע־פיבער

די אוזבעקישע גאַס באַקומט אַן אַנדער פּנים. די גאַס אין סאַמאַרקאַנד איז פאַר־מירט געוואָרן פון יידן מארבע פינות פוילן. יידן מיט פאַרלוירענע האָפענונגען און גלויבנס. איצט נעמען זיך זייערע פּנימער בייטן. אויך די הלבשה זייערע. נאָך אַ חודש צוויי — און מ׳וועט פּטור־ווערן פונעם הפקר און פון דער מדינה, ווו דער מענטש איז אַ הפקר־שערבעלע.

בצלאל האָט מיך גאָר גענומען טוליען צו זיך. ער האָט דערזען אין מיר אַ געפונענעם חפץ, גאָר אַ טייערע כּלי, וואָס מ׳דאַרף זי היטן.

„מיר וועלן צוריק אויפבויען אונזער משפחה־נעסט, זאָג איך דיר״.

„משפחה־נעסט״ מיינט ער: שרייבער־משפחה.

„און איך טראַכט וועגן אונזערע משפחה־מיטגלידער פשוטו כמשמעו: אַז עס איז דאָך כּלל נישטאָ וווהין צו פאָרן נאָך דער גרויסער שׂרפה, וואָס דער היטלעריזם האָט דורכגעפירט איבער די פוילישע יידן, שטעט און שטעטלעך, און אַלץ, וואָס האָט געשאַפן יידיש פאָלק אין פוילן במשך הונדערטער יאָרן״.

„אמת. איך ציטער־אויף ביי דער מחשבה. אָבער מיר דאַרפן דאָך פון דאַנען אַוועק. דערמאָן זיך: די היגע האָבן דאָך געהאַדעוועט די שלאַנג״.

ביי די לעצטע ווערטער איז ער אַנטשוויגן געוואָרן. מיט שרעק זיך אַרומגעקוקט. אַזוינע שמועסן קומען עפּעטער פאָר ביי אַ טשייניקל גרינעם טיי. עס איז אי גוט דאָס בקרובדיקע פאַרלאָזן דעם סאָוויעטישן תהום, אי שלעכט — דאָס דאַרפן זיך שטעלן פּנים אל פּנים מיטן שוידער.

און — ממש אַ נס פון השמים: אָט נעם איך זיך אויף אַן אמת גרייטן צום איבערלאָזן דעם גיהנום — טאַקע אַן אַרומגעשרפּעטער, אָבער — מיטן ביסל לעבן. אין די איצטיקע טעג: עס ציט מיך צום וואָקזאַל. דער וואָקזאַל שמעקט — מיט אויסלאַנד.

רייזע־פיבער טאָטשעט און בויערט. לאָזט נישט צורו. יאָ. די רעפּאַטריאַציע קומט שוין טאַקע פאָר. דער וועג צום וואָקזאַל — אויסגעפילט מיט אוזבעקישע אַרבעס, זעק און פּעק אויף זיי. אַפּריל 1946. אויך מיין ריי וועט קומען, מיין ריי — נאָך אַ פינף־און זיבעציק־חדשימדיקן קורס פון סאָצ׳־רעאַליזם — — —

שוין נאָענט מיין ריי. מען שמועסט, אַז די „שרייבער און קינסטלער־גרופּע״ ביים „זוויאַגזעק״ וועט האָבן אַ באַזונדערן וואַגאָן. יאָ. פאַראַן אַזאַ „גרופּע״. אויך מיך האָט בצלאל אַריינגעשריבן צווישן די „שרייבער און קינסטלער״. נישט איך בין געקומען אַהין און נישט מ׳האָט געהערט וועגן אירע קולטורנע אויפטוען.

אָבער פאָטאָגראַפירט האָט מען זיך צוזאַמען, אַלע — די גאַנצע גרופּע. אַזאַ באַפעל איז אַרויסגעגעבן געוואָרן. אַלע דאַרפן זיין אויפן הויף פונם רעגיסטאַן־מעטשעט, אַלע — אויך איך בין געקומען.

לעצטער לינקס — דער מחבר. פאָטאָ אין סאַמאַרקאַנדער רעגיסטאַן־מעטשעט
פון שרייבער און אַקטיאָרן

און דער גרויסער, באמת גרויסער טאָג, איז געקומען. דער „דאַמקאַם", דער אוזבעקישער באַלעבאָס פונם געסל, האָט אויסגערופן מיין נאָמען — — — און איך האָב זיך געלאָזט אין וועג אַריין. אַ „לייכטער פּאַסאַזשיר". אָן זעק, אָן פּעק, אָט אַזוי, בלויז דעם קאָטעליאָק מיטגענומען, דאָס סאָלדאַטסקע קעסעלע, וואָס האָט מיר אַזוי טריי געדינט אין אַזוינע אומטרייע צייטן. אַ מאָדערנער יציאת מצרים, מיטן חילוק, וואָס איצט איז נישטאָ קיין משה רבנו, נישטאָ קיין מנהיג, וואָס זאָל פירן די שארית הפליטה אין ערגעץ אַ צוגעזאָגט לאַנד. אַרויס פון אַ מדבר און אַריין אין אַ חורבן. אָבער יידן זענען איצט נישט מסוגל צופיל צו טראַכטן. די יאָרן אינם סאָוועטישן מדבר האָבן פאַרטעמפּט די מוחות. טראַכטן וועט מען מסתמא דאָרט, אויף יענער זייט גרענעץ. און דאָרט וועט שויך זיין וועגן וואָס צו טראַכטן. דערוויל — בלויז איין ווילן: וואָס־גיכער און

וואָס ווייטער פון דאַנען! דאָס איז אויך אַראָפּצולייענען פון די פּנימער, וואָס שמייכלען צעשראָקן אַרום זיך, פּנימער וואָס דערציילן וועגן הפקרות, ציניזם און סאַדיזם. שנעלער, גיכער — לאָמיך שוין זיצן אין וואַגאָן! — — —

און אויך איך האָב זיך אונטערגעיאָגט, אויך אַזוי אַריינגעטענהט אין מיר: נו, געהויבן די פּיס!

ענדלעך אָנגעקומען צום קרייץ־וועג, וואָס פירט צום וואָקזאַל און צום צוג. און ווּמען זע איך דאָ? קוועטשער שטייט ביים ראָג! איך בין געבליבן צוגעקלעפּט צום אָרט. עס האָט זיך מיר דערמאָנט דאָס „קאַפּיטל ביאַליסטאָק" און עס איז מיר אַנטקעגן געשפּרונגען דער „קבלת פּנים" בעת מיין באַזוכן אים דאָ. און! מיינע קליינע פויסטלעך נעמען זיך ביילן. יאָ. דערזעלביקער הויקער און די אייגענע וואָנסעס. ראַפּטעם און כעסיק — זיך אים אָוועקגעשטעלט אין פּנים ממש, פאַרשטעלט דעם וועג און אים אַ פרעג געטאָן אין געאייל, צי ער וויל זיך אפשר מיט מיר דורכשמועסן. אָבער נישט געוואָרט אויף קיין תשובה. איך האָב זיך אויף אים אַ טראַסקע געטאָן, טראַכטנדיק בשעת־מעשה, אַז — קלעפּ וועל איך קריגן. ער איז זיכער שטאַרקער פון מיר. אָבער געהאַט אַ טעות. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז חוץ אַלעם איז ער אויך אַ פּחדן, דער העלד פון די ביאַליסטאָקער „אָטשערקעס". ער האָט זיך נעבעכדיק אָוועקגעבויגן, געזוכט אַ וועג ווי אויסצומיידן מיין ירגזון. אָבער אַ שפּיי האָב איך יאָ באַוויזן צו טאָן אויף אים, אַ כראַק אין פּרצוף אַריין — — —

אַביסל דערלייכטערט. כדאי צו פאַרגעסן דעם ענין — כאָטש איצט, אויפן וועג צום צוג: „בצאת ישראל". און עס דערמאָנט זיך מיר אַ זמר פון דער נאָוואָ־ראַדאָקער ישיבה, ווו כ'בין געווען אַ תלמיד מיט אַ פופצן יאָר צוריק. אָט — אייניקע שורהלעך:

בצאת הישיבה מארץ רוסיא, / בית יוסף מעם אדום... היתה נובהרדוק לקדשו... / השומרים נסוגו אחור... / ההופכים העולם לגיא בן הינום / ובני אדם כחיתי יער...

איך האָב דעמלט באַוווּנדערט די דאָזיקע ישיבה־בחורים. זייער שמחה... אָ! איצט פיל איך טיף די כוונה פונם זמר; איצט בין איך בכוח אָפּצושאַצן דעם לויב צום באַשעפער, וואָס איז געקומען צוזאַמען מיט שמחה — פאַר באַפרייט ווערן פון גיהנום. עס איז אין מיר אויסגעמישט: כעס און שמחה. אַ מינוט צוריק בין איך גרייט געווען צו ברענגען זיך און יענעם אַ קרבן פאַר דער גערעכטי־קייט; און תיכף — די פרייד פון באַפרייאונג — — —

פינפטער טייל

1. תם ונשלם...

טיפע נאַרעס אין ביידע זייטן וואַגאָן. לאַנגע וואַגאָנעס. אַ לאַנגער עשאַלאָן. לאַנג און היציק זענען די מאַי־טעג. עך, ווי גרויס, לאַנג און ברייט עס איז דאָס מאַמעלע רוסלאַנד! געהער מיטלאַזיע אויך צו רוסלאַנד? אָן אַקטיאָר אינם „ליטעראַרישן וואַגאָן" ענטפערט דערויף זייער ערנסט: „פאַרוואָס נישט? אָט האָבן דאָך אויך מיר, פּאָלאַקן, געהערט צו רוסלאַנד!"

אינם וואַגאָן טרייסלט מען זיך משפּחהווייז. אין יעדן ווינקל — אַ משפּחה, מיט קינדער, אָן קינדער -- מען טרייסלט זיך און מען שושקעט זיך: טעג און נעכט אויף די נאַרעס. דער צוג שטעלט זיך זעלטן. בלויז סטעפּ. אין אוקראַינע וועט מסתמא ווערן היימלעכער. נאָענט צו דער פּוילישער ערד. פּוילן! סאַראַ שייכות האָבן מיר מיט פּוילן? — — —

איך האָב זיך איינגעאָרדנט אויף דר׳ערד, נעבן דער טיר. דאָ איז דער שטח אַ ברייטער, אַ לופטיקער. און די נסיעה — ווי נודנע! יעדער איז פאַרשלאָסן אין זיך. אויך דער פייסאַזש אַ פאַרשלאָסענער, אַ פרעמדער, כאָטש טיף און רחבות־דיק. עס ווילט זיך וואָס גיכער אַנטלויפן פון אים. און דאָ שלעפּט זיך דער צוג, איינגעשפּאַנט אין אַ טשערעפּאַכע.

וואָלט גוט געווען ווען דער טשערעפּאַכע־צוג זאָל זיך אַריינפּאַסן אינם געמיט פון זיינע הונדערטער פאַרשוינען, מענטשן וואָס דאַרפן עסן וואַרעמס, דאַרפן טאָן מענטשלעכע הצטרכותן... ניין. דער צוג־פירער האָט נישט באַקומען קיין אָנווייזונגען דערויף. די „וולאַסט" האָט דאָס נישט גענומען אין חשבון.

על כן: ווו דער צוג שטעלט זיך ווערט אַ געלויף אַרונטער — אונטער די וואַגאָנעס, צווישן די רעדער: פרויען, מענער, קינדער — מיט צעקנעפּלטע הויזן און קליידלעך...

און ווער עס „מוז" נישט דערווייל זיצן אונטערן וואַגאָן צעלייגט אַ פייער נעבן די רעלסן, צאַפּלט איבער אַ פאַרזשאַווערטער פושקע, ווו עס דאַרף זיך אָפּקאָכן אַביסל גרויפּן, אַ לעפל מאַננע־קאַשע פאַרן קינד...

און מחמת דער צוג־פירער איז דער וואָס באַשטימט די מינוט און רגע פון אָוועקפירן די טשערעפּאַכע זיינע, גיט ער אַמאָל יאָ און אַמאָל נישט אַ פייף מיט זיין פאַראַוואָז, --נעמט קלאַפּן מיט די רעדער איבער די שינעס... אויס!

אַ געלויף, אַ מהומה: צעקנעפּלטע הויזן און קליידלעך... אַ שפּרינגען צווישן די רעדער, סכּנת נפשות! און איבער דער לענג פון צוג: פייערלעך, איבערגעקערטע קעסעלעך... קולות — — —

אַזוי יעדן טאָג. שוין וואָכן אַזוי. ווער האָט צוגעטראַכט אַזאַ־אַ גיהנום פאַר מענטשן, וואָס ווערן געצווּנגען צו פאַרוואַנדלען זייער פרייד פון באַפרייאונג אין געוויין?

יאָ. „מײַן" וואַגאָן טראַכט ערנסט וועגן תּכלית.

די אַקטיאָרן שמועסן וועגן לאָדזש, וועגן קאַטאָוויץ — ווּ זיי זאָלן מאַכן דעם ערשטן אויפטריט. עס הערשט נישט קיין שלום צווישן זיי. יעדער וויל וואָס אַ גרעסערע פּאַרציע. אַזוי זענען זיי שוין, די בלאָנדזשענדיקע שטערן; און דערווײַל האָט בצלאל באַוויזן אָנצושרײַבן אַ ליד: „אוי, סאַמאַר־קאַנד!", אַ מין בענקעניש־און געזעגענונג־ליד פאַר דער אַזיאַטישער שטאָט, וועלכע האָט זיך אַזוי שווער און ביטער אַרײַנגעלייגט אין די עצמות; „אוי, סאַמאַר־קאַנד, דו ליגסט מיר אויף דער האַאַאַנט"... דער קאָמפּאָזיטאָר שלמה פּ. זינגט־אײַן דאָס ליד און מען מאַכט רעפּעטיציעס. סײַווי איז נישטאָ מיט וואָס צו פּטרן די צײַט. איז געבליבן בהסכּם: אויף איינער אַ סטאַציע וועט מען מאַכן פון אַ וואַגאָן אַ בינע און געבן אַ פאָרשטעלונג, אַן אומזיסטע פאָרשטעלונג. דער עולם האָט עס פאַרדינט. וכך הווה. אַזאַ גרויסן עולם צושויער האָבן די אַקטיאָרן ביז־איצט נישט געהאַט. אײַן פרייער הימל פאַראייניקט יידן מיט רוסן און פּאָלאַקן. „מײַן טייער סאַמאַר־קאַנד, פאַרבלײַבסט מיר אויף אייביק באַאַאַקאַאַנט"...

הוידעט מען זיך ווייטער און מען לעבט אין קאָלעקטיוו: קאָפּוויטיק און קיפּיאַטאָק אין יעדן וואַגאָן און אויף יעדער סטאַציע — אומזיסט. שעהן־לאַנג זיץ איך בײַ דער אָפענער טיר, די פיס אַרויסגעהאָנגען, טרייסלען זיך צום טאַקט פון רעדער־קלאַפּערײַ. קוק יאָ און נישט אויף די פעלדער, אויף די כאַטעס, אויף די אײַנוווינער. בין מיד און זיי זענען מיד. אַלץ איז אײַנגעהילט אין מידקייט. אַ הייסער נעפּל האַלט אַלץ פאַרשלונגען. עס ווילט זיך שלאָפן. און איך וויג זיך מיט די פיס אין דרויסן, וויג זיך און — כאַפּ אַ דרעמל. אַזוי איז עס געשען אײנם נעכטיקן נאָכמיטאָג: אַ דרעמל, אַ טרייסל און אַ פאַל... געהאַט מזל: זיך איבערגעוועקט און זיך אַרײַנגעוואָרפן אין וואַגאָן. עס האָט געקאָנט זײַן פאַרקערט: נישט איבערוועקן זיך, נישט אַרײַנפאַלן אין וואַגאָן, נאָר — אַרויספאַלן... צווישן די רעדער — — —

אין פּשעמישל — די גרענעץ. זיך אָפּגעשטעלט. באַלד וועט מען אַריבער דעם גרינעם פּאַס. גרענעץ־וועכטערס פרעגן זיך פאָרמאַליסטיש, הייסן ווײַזן אַ „בומאַזש־

קע״. זיי זענען העפלעך, שמייכלען אַפילו. זענען זיי דאָך אויך „טאַטנס קינדער״.
באַלד וועלן מיר איבערזיצן אין פּוילישע וואַגאָנעס, וואָס וועלן זיך קייקלען אויף שמעלערע רעלסן. אין רוסלאַנד איז אַלץ ברייט, רחבותדיק. פּוילן מוז גיין איר וועג — אַ שמאָלן, אָן אַרומגעשניטענעם. דערוויל זיצט יעדער אויף זיין קופּקע. מ׳וועט שוין אַזוי איבערזיצן דעם אָוונט. איך דאַרף זיך נאָך געזעגענען מיט דער „באַטיושקאַ״: דעם קאַטעליאַק איר צוריקגעבן. ער האָט מיר געדינט זייער מענטשלעך און דערפאַר קומט אים, דעם קאַטעליאַק, אַ פייערלעכע געזעגענונג: אים צוריקשיקן אַהיים מיט גרויס פּאַראַד. מיינע וואַגאָן־שכנים האָבן דעם ענין אויפגענומען מיט פאַרשטענדעניש. און אַזוי איז עס געשען: דער צוג האָט גענו־מען מאַנעווורירן. דער דרויסן — פינצטער, ווי נאָר פינצטער עס קאָן זיין אַ נאַכט אויף דער סאָוועטישער ערד, נאָנט פון דער פּוילישער גרענעץ. איך שטעל זיך אַוועק נעבן דער טיר. עס הערט זיך אַ ניגון. איך צעטרייסל דאָס אומשולדיקע קעסעלע איבער מיין קאָפּ, ווי ערב־יומכיפּור — דעם האָן; אַ טרייסל און אַ שליי־דער. עס צעבאַמבלען זיך די וואַגאָן־דעכער. דאָס קעסעלע ווערט ערגעץ פאַר־זונקען מיט אַ פאַרשטיקטן טראַסק... דער פּוילישער צוג וועט אונז פירן קיין וראָצלאַוו. סיוווי ליידיקן זיך אויס די וואַגאָנעס פריער. די ערשטע צעלויפן זיך די פּאָלאַקן. זיי האָבן זייערע היימען, זייער ערד, זייער — יידן־האַס. זיי גליען מיט רציחה. זענען דאָך די יידן שולדיק, וואָס זיי, די „פּראַשען פּאַנעס״, האָבן נישט געלעקט קיין האָניק ביי די מאָסקאַליעס. דער צוג ווערט כמעט פּאָלאַקן־ריין. און יידן טוען תפילה: אויף פּטור צו־ווערן פון זייער פּוילן. די ידיעות, די איוב־בשורות, זענען שוין זיכערע: אויסגעהרגעט אַלץ און אַלעמען — די טאַטעס, די מאַמעס, די ווייבער, די מענער, די קינדער. אויס! נישטאָ מער קיין פּוילישע יידן, קיין יידן אין פּוילן. אוישוויץ, מיידאַנעק, טרעבלינקע... אויף איינער אַ סטאַציע דרייט זיך אַרום אַ ברודיקער דייטש, מיט סימנים אויף זיך פון אַ מונדיר. אונזערע באַפּאַלן אים מיט די פויסטן, ווילן אים מאַכן אַ „לינטש״. ער רוקט זיך צוריק, שרייט אַ באַנומענער: ניין, נישט ער! ער וויים אָבער יאָ, ווער — ווער עס האָט געהרגעט יידן...
וווהין ציען אונזערע וועגן? צו וועמען האָבן מיר צו פאַרפאָרן? ווער וועט אונז אויפנעמען נאָך אַזאַ לאַנגער צעשיידונג? קיינער; קיינער נישט!
מוז מען דערוויל זיצן אין וואַגאָן, אינם פּוילישן וואַגאָן און — שוויגן.
פּוילישע ערד. יידיש־גאַליצישע שטעטלעך. עולם לויפט אַראָפּ קוקן בשעת דער צוג שטעלט זיך. טרעפט: די פּאַסאַזשירן זענען ערגעץ אויף אַ וואָקזאַל און דער צוג שלעפּט זיך דערוויל אַוועק אין וויטערדיקן מאַרש. ווערט אַ געלויף, אַ געשריי, אַ געשפּרינגערייי —
צוויי קרבנות.

איינער פון די פּאַרשפּעקטיקטע האָט דווקא געוואָלט אַריינשפּרינגען אינם לויפנ־דיקן וואַגאָן. זיין חבר אינעווייניק האָט צו אים אַרויסגעשטרעקט די הענט. נו, איז עס געשען: דער דרויסנדיקער האָט אַ שלעפּ געטאָן דעם אינעווייניקסטן, אים אַרויסגעשלעפּט צו זיך... און ביידע — אַרונטער... די רעדער האָבן געטאָן די רעשט. פונם ערשטן איז תיכּף געוואָרן אַ קופּע צעריבן פלייש און ביינער; דער צווייטער איז געבליבן אויף די שינעס מיט אָפּגעהאַקטע פיס. ער האָט זיך געבעטן: „שיסט מיך, הרגעט מיך״ מען האָט אים נישט געדאַרפט הרגענען. בלויז רגעס — ער איז אויסגעגאַנגען. בשעת דער שוידערלעכער סצענע — די סטאַציע אויסגעפּילט מיט פּאָלאַקן. הינטער מיין פּלייצע — אַ געדיכט רעדן. אַ הירזשען. איך כאַפּ אַ בליק אַהינטער: אַ פּאָלאַק מיט אַ גלאַנציקער חזיר־מאָרדע זאָגט צו זיין קאָלעגע מיט אַ צופרידן לאַכן: „נאָ, ווינציקער מיט צוויי באָלשעוויקעס!״ — — —

אַט — ווער עס האָט געטאָן די שוואַרצע אַרבעט ביים אויסמאָרדן די פּוילישע יידן!

און די רעדער קלאַפּן ווייטער, ווייטער אַוועק — וווּהין? אויף איינער פון די סטאַציעס האָב איך געפונען צווישן די רעלסן אַ שטיקל צייטונג. יידישע אותיות. זיי תיכּף דערקענט, די אותיות מרובעות. געהערט, אַז אין לאָדזש שאַפט זיך אַ צענטער — אַ מיניאַטור פון געוועזענעם: יידישע צייטונגען, פּאַרטייען... אַלץ די ווערט פון אַן אויסגעבלאָזן איי. אין פּוילן באַלעבאַטעווען די — רוסן. נישט זיי וועלן דערלאָזן, אַז פּאַרטייען זאָלן דאָ רעגירן און נישט די פּאָלאַקן וועלן מוותר־זיין אויף אַ „יידן־ריין״ פּוילן. בכלל: ווו האָבן יידן בדעה דאָ צו בויען? אויף אַ בית־הקברות?

מילא. איך טראַכט נישט צו פּאַרלאָזן דעם וואַגאָן, צו לאָזן זיך נאָך אַ טייל אַנדערע, וואָס לויפן זיך „באַזעצן״ אין קראָקע, אין קאַטאָוויץ, אין לאָדזש. צוזאַמען מיט מיר — נאָך אייניקע פּעסימיסטן. מיר וועלן וואַרטן, זען וווּהין מ׳וועט אונז דערפירן. זאָל זיין ווראָצלאַוו. דאָרט, שמועסט מען, קאָנצענטרירן זיך די געראַטעוועטע יידן. און דאָך — נעמט עפּעס פּיקן אין מוח: אפשר באַזוכן וואַרשע, אויסגעפונען אַ שריד פון דער גרויסער משפּחה? האָב איך נישט קיין אַדרעס. ווו זאָל איך זוכן? וואָלט אימעצער פון זיי געבליבן, האָט דאָך יענער יאָ מיין אַדרעס: אין יעדער רעדאַקציע, ביי יעדן שרייבער — ווער נאָר עס וויס, אַז איך געפין זיך צווישן די לעבנדיקע... יאָ. איך יאָ. זיי? קיין איינער פון זיי האָט נישט אויסגעמיטן דעם ברוינעם טויט! — אַזאַ־אָ פינצטערע נביאות באַגלייט מיך אויף יעדן טריט.

דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ זייטיקער ליניע הינטער קאַטאָוויץ. עס איז איצט געראַמער אין די וואַגאָנעס. די אַקטיאָרן זענען כמעט אַלע אַוועק,

אַראָפּ אויף פאַרשידענע סטאַציעס, זייער רוב — אין קראָקע. אין מיין וואַגאָן זענען געבליבן בלויז איניקע, נישט־דעצידירטע אַקטיאָרן. זייער ציל, ווי מיינער — צו גרייכן ערגעץ צו אַ ציל. שפּאָן איך דאָ ווידער אַרום איבער די רעלסן — איינער אַליין; איינער פון דער משפּחה, איינער אין נע־ונד. און ווי יעדער מאָל, אויך איצט — לויף איך פאַרביי די וואַגאָנעס, זוך, זוך. ווען... אַ חלום גייט מיר נאָך: אפשר געפינען מיין פריידעלע, אפשר אַ זכר פון איר... אַ חלום, אַ ווי סטער, אַ בענקענדיקער...

אויף אַ קאַסטן שטייט אימעצער און וואַרפט מיט די הענט, רעדט צום אַנגעלאָ־פּענעם עולם פונם צוג. מסתמא אַ פּאַרטיי־אַגיטאַטאָר, אַ פּאָלאַק פונם „נייעם פּוילן"; מסתמא רופט ער, די פּאָלאַקן זאָלן צוריק אויפבויען די חרוב־געוואָרענע „אויטשיזנאַ", זי אַוועקשטעלן אויף די זיכערע פונדאַמענטן פונם באַוווסטזיניקן פּוילישן אַרבעטער־קלאַס, אַט — ווי אין באַקאַנטן פּסוק ווערט געזאָגט... די לופט — אויסגעפּילט מיט סאַדזע און מיט זומער. מאַי. דער פּוילישער מאַי! איך פאַרגין זיי נישט, די פּאָלאַקן, אַזאַ מאַיאָון הימל. האַ? דאַכט זיך, אַ באַקאַנט פּנים. וואָס? זע־נאָר — דער רעדנער: ער איז דאָך... יאָ. ער שרייט: „פּאָלסקאַ לודאָוואַ!", „נאָוואַ פּאָלסקאַ!", „דעמאָקראַטיאַ!", „טשעבאַ", מען דאַרף, הייסט עס, אויפבויען דאָס נייע פּוילן... אַי־אַי: ס'איז דאָך מענדל, אוי, דער בחור פונם גערער שטיבל אויף נאַלעווקעס. און עס ווילט זיך מיר אויסשרייען: מענדל! ווו האָסטו אַהינגעטאָן די פּאות, דאָס טוכענע היטעלע, די געקניטשטע שטיוועלעך?... אַט זע איך אים נאָך זיצן איבער אַ גמרא, דרייען אַ פּאה, ער, זיין טאַטע, זיינע בר־ידער — די שמנתא פון די גערער חסידים — לויטער פּאות, גאַרטל און קאַפּאָטן... איצט שטייט ער דאָ, מענדל, דער עלטסטער פון די ברידער, אויף אַן איבערגעקערטן קאַסטן און אַגיטירט די שרידים פונם יידישן וואַרשע, זיי זאָלן אויפבויען דאָס „נייע פּוילן". ער רייסט זיך אַ הייזעריקער — „פּאָלסקאַאַ לודאָוואַאַ!"

טפו זאָל ער ווערן! אַזוי כיטרע און גיריק און ציניש — צו הייסן מיך, דעם אָפּגעריסענעם אבר, אויפצובויען דאָס פּוילן פון מיידאַנעק, פון אָשוויעטשים, פון טרעבלינקע?! און ווער? מענדל! ער, דער גערער חסיד! האָט ער זיך נישט געקאָנט צוקלייבן קיין בעסערע, קיין מענטשלעכערע פּרנסה?

2. און די סאָלדאַטלעך האָבן נישט געשאָסן...

קאַטאָוויץ. ווי לאַנג וועט דאָ שטיין דער צוג? די „פּאַסאַזשירן" קאָנען נישט געבן קיין באַשייד. נישטאָ ביי וועמען צו פרעגן. לויפט מען אין שטאָט אַריין; לויפט מען היין און הער. פאַרצווייפלטע פּנימער, מידע, יידן זוכן יידן. איז דאָך קאַטאָוויץ געווען אַ יידישע שטאָט. ווו זענען אַהינגעקומען די אָרטיקע יידן? יאָ.

אַלץ איז געבליבן דאָרט גאַנץ. בלויז — ריין פון יידן... אַזוי דערציילן אונזערע וואַגאָן־וואַנדערערס, וואָס לויפן פון דער שטאָט. נישטאָ קיין יידן אין קאַטאָוויץ — ניש־טאָ! איינער אַ ייד דריקט מיט די הענט אויפן קאַרק:
„געוואַלד, יידן! איך בין דאָך אַ היגער. יעדער שטיינדעלע... געוואַלד און געשריגן... אַלץ געווען אויסגעפילט מיט יידן... נישטאָ זיי. נישטאָ..."
מען קלייבט זיך אַרום די וואַגאָנעס. דאַכט זיך, דער לאָקאָמאָטיוו אונזערער פייפט; דאַכט זיך, דער לאָקאָמאָטיוו מאַנעווורירט. יידן לויפן, קומען צוריק: נישטאָ קיין נייעס. אַלץ ווי געווען. דער צוג שטייט אויף אַ זייטיקער ליניע. נישטאָ מיט וועמען צו רעדן. אייניקע שפּאַנען צום וואָקזאַל. איך — נאָך זיי. אויסגלייכן די פיס. קיין חידושים נישטאָ אויפן וואָקזאַל. חוץ דאָ און דאָרט — אַ לאַכנדיקער פּאָלאַק. דאָס לאַכט ער פון אונז, די צוריקגעקומענע זשידקעס. די לעבנגעבליבענע. נו, כדאי צו גיין צוריק. איך קוק זיך אַרום: דער פּעראָן געפעלט מיר נישט. איז דער צוג אונזערער אַוועק? איך דערקען דאָס תיכף אויף די צעשראָקענע פּנימער פון די אַרומלויפנדיקע יידן. פאַרשפּעטיקט! אָט גאָר דאַכט זיך, אַז דער צוג באַוועגט זיך — נישט ווייט. נאָכלויפן? ניין. נישטאָ וווהין צו לויפן. עס ווערט אויסגעקליבן אַ דעלעגאַט, זאָל ער גיין צום נאַטשאַלניק, פרעגן, פאַרשן. אַזאַ אומגליק! יאָ. דאָס אומגליק —אויף דער האַנט. דער צוג איז אַוועק. נאָר באַלד וועט אָפּגיין פון דער סטאַציע אַ שלעפּ־צוג אין יענער ריכטונג. נו — אַריינשפּרינגען און זיך אַוועקשלעפּן. אָבער וואָס־גיכער!
הקיצור: אונזער דעלעגאַט פירט נאָך זיך די „אָפּגעשטאַנענע". איך — הינטער אַלעמען. אין יעדער אומגליק איז אויך פאַראַן אַביסעלע גליק. ווי שלעכט וואָלט מיר געווען איצט, ווען כ׳בלייב דאָ אַליין, איינער אַליין! און ווי ביטער וואָלט מיר געווען, ווען כ׳וואָלט אין וואַגאָן עפּעס געלאָזט: אַ שטיקל פאַרמעגן — גאָרנישט! — — שפּאַן איך הינטער אַלעמען, שפּאַן... לכאורה, איז דאָך מיר אַלצײנס, ווו צו בלייבן, ווו זיך צו באַזעצן — אַז סייווי וועל איך דאָך דאָ כלל נישט בלייבן, נישט באַזעצן זיך אין דעם פּוילן! אָבער אַ מיטגליד אין דער פאַרבליבענער אַקטיאָרן־טרופּע בין איך. מ׳וועט אין וורָאצלאַוו אָרגאַניזירן אַ יידיש טעאַטער. איך וועל זיין ליטעראַרישער לייטער. מילא. זאָל זיין אַ לייטער. גוט אין אַזאַ צייט זיך ערגעץ אָנצוהאַלטן — — —
אונזער דעלעגאַט האָט אונז ערגעץ דערפירט. מיר שפּרינגען אַריין אין אַן אָפענעם וואַגאָן, אַן אייזערנעם אַזאַ. אויף די פּאַדלאָגע פון אייזן. און דער הימל? אַ מאַיאַווער הימל, אַ בלאָ־ראַזלעכער אַזאַ. אָבער נישט פאַר אונז. יעדער פאַרקוועטשט זיך אין אַ ווינקל און אַלע צוזאַמען — איין אַבלדיקע משפּחה. אבלים. מיר זיצן אויף דער ערד. מיר זיצן שבעה. דער ליכטיקער הימל איז נישט ליכטיק פאַר אונז, אַן אָפּגעשליסענע גרופּקע פּוילישע יידן.

פּלוצים באַוויַזט זיך אויף יענער זייט וואַגאָן אַ געשטאַלט. איינער פון די מאַשיניסטן. ער באַגריסט אונז. ער בעט אַ פּאַפּיראָס. דערנאָך רוימט ער אין אונזער דעלעגאַט עפּעס אויפן אויער. זיי זענען דאָ אין דרייען, די צוג־פירערס. ווילן זיי אין יד אַריין. וואָסי? פירן די זשידקעס אומזיסט? אַ צייט אַזאַ און שוין. נו, נישט שייך זיך אויסצוטענהן אין מיטן וועג. בפרט, ער איז מבטיח, אַז מ׳וועט דעם צוג אונטעריאָגן, כדי ער זאָל אין צייט גרייכן צו אונזערע פאַרלוירענע וואַגאָנעס. האָבן מיר יעדער דערלאַנגט צו ביסלעך זלאָטעס און זיינע פּטור געוואָרן. אַבי זאָל מען אונדז לאָזן במנוחה. די נערוון זענען דאָך אַזוי אָנגעצויגן! — — — איצט קוק איך זיך איין אין די פּנימער פון מיינע שכנים — צעאַקערט און צעקנאָדערט. איין פּיין־קנויל. מען רעדט ווייניק צווישן זיך. שרעק האַלט אַלעמען אין קלעם. דער וואַגאָן איז צו־לופטיק, צו אָפן צום הימל. און עס ווילט זיך זיין אין זיך, פאַרמאַכט אין די אייגענע ד׳ אמות. צעשראָקענע ייִדן.

און די שרעק האָט באַקומען פליגל:

דער פאָדערשטער וואַגאָן — אַ רויטער, אַ הויכער, מיט אַ קיילעכיקן דאַך. האָבן זיך אויף אים פּלוצים באַוויזן צוויי סאָלדאַטלעך, פלאַקסענע ייִנגלעך מיט מאַשינביקסן. פון וואַנען האָבן זיי זיך גענומען אַהער אין מיטן פאָרן, אין מיטן פעלד? זיי זיצן אויפן דאַך, די פּיס אַראָפּגעלאָזט, די ביקסן — יאָ און נישט צו אונז געווענדט. איך פיל, ווי דער לעצטער טראָפּן בלוט פאַרשווינדט פון מיינע באַקן; אָט ווען מיר די אויגן אַרויסקריכן. פאַרקריכן ערגעץ. וואָס וועט איצט זיין? ווער ווייס זיי דען זאָגן אַ שלעכט וואָרט — אַז זיי ווילן אונז צעשיסן... איז דאָך איצט דער סעזאָן זייערער — דערשיסן ייִדן אויף די וועגן. אוך!

אויך דער דעלעגאַט אונזערער, דער שיינער פּויליש־רעדער, וואַקלט זיך אַ פאַרלוירענער, אַ בלאַסער, אַן אומבאַהאָלפענער. מיר אַלע וואַרטן. קיין וואָרט. קיין באַוועג. ערב עקזעקוציע...

און די סאָלדאַטלעך — זיי טרייסלען די פּיס איבער דער וואַגאָן־וואַנט, קלאַפּן מיט באַטשוועקעוועטע שיך, קלאַפּן מיט די טשוועקעס אויף מיין מוח, אויף אַלעמענס מוחות. דאַרף דאָס טאַקע זיין דער סך־הכל פון אונזער נע־ונד, אָט אַזוי־אָ? — — מיינע ציין טרייסלען זיך. עס ווילט זיך עפּעס טאָן. עס ווילט זיך רייסן קריעה, זאָגן ווידוי, שרייען צום הימל: „שמע ישראל!‟, שרייען מיט די לעצטע כוחות: הבט משמים וראה...!‟ יאָ. עס ווילט זיך זאָגן „קדיש‟ — נאָך זיך... אַלע זיצן מיר איינגעקלאַמערט אין דער אייזערנער וואַגאָן־וואַנט — שיסן? נישט שיסן?

די וואַגאָן־רעדער קלאַפּן אונטער אונז, טרייסלען דעם אייזערנעם וואַגאָן, טרייסלען די אייזערנע גבורה, וואָס האַלט אונז צונויפגעקלאַמערט — — שטאַרקער פון אייזן...

ווי לאַנג וועט אַזוי אָנהאַלטן דידאַקטיקע טרויעריקע שפּיל? מיר נעמען זיך צו איר צוגעווינען. אויך זיי, די פּלאַקסענע ייִנגלעך, וואָס אונזערע לעבנס געהערן איצט צו זיי, האָבן קענטיק הנאה פון דער שפּיל. זיי טרייסלען מיט די פיס, קוקן צום הימל. זיי, די 16־17יאָריקע ייִנגלעך, די מיליציאַנערן פון „פּאָלסקאַ לודאָוואַ", זעען אונזער שרעק, זעען די פּיין אויף אונזערע פּנימער. סאַראַ ווערט האָבן דען אייניקע יידישע לעבנס ביי די פּלאַקסענע לייט, וואָס האָבן דאָך צוגעזען, ווי פּוילן ווערט יידנריין. זייערע אויגן — גרין. אַזאַ קאָליר אויך פאַראַן ביי טיגערס. די ליפּן — צונויפגעדריקט, פאַרקוועטשט אויף די ציין. קיין שמייכל. פאַרגליווערטע פּנימער. איך זע אויף זיי — זייערע ברידער, זייערע טאַטעס און מאַמעס, די פּאָלאַקן, וואָס האָבן געזען ברענענדיקע יידן, געזען פירן יידן צו די ברען־אויוונס, געזען ווי אַ פאָלק ווערט פאַרטיליקט, געזען און — געבליבן פאַרגליווערט, אָט ווי זיי דאָ, נאָך קינדער, אָבער אַלט אין מעשים. דער סימבאָל פונם פאַרפייניקטן און גלייכצייטיק רוצחישן פּוילישן פאָלק.

צייט פאַראַן צו טראַכטן. די ייִנגלעך שיסן נישט. מיינע בליקן איינגעגעסן אין די לופעס. וועלן זיי זיך אַ קער טאָן צו אונז? און אפשר — ניין: זיי ווילן געלט. מסתמא האָט זיי דער פאַריקער פּאָלאַק אַרויפגעשיקט אַהער. די זשידקעס האָבן געלט. געהערט וועגן פּוילישע „שמאַלצאָווניקעס". אַזוי האָט מען באַצייכנט די פּאָלאַקן, וואָס האָבן אויסגעפּרעסט פון געכאַפּטע יידן דאָס לעצטע ביסל פאַרמעג אונטער דראָאונג פון איבערגעבן צום דייטשן רוצח. שמאַלצאָווניקעס... זיצן זיי נישט דאָ אַנטקעגן אונז? טאָ לאָמיר זיי אַוועקגעבן דאָס לעצטע, אַוועקגעבן...

נאָך אַביסל — און כ'וועל באַקומען אַ משוגעת־אָנפאַל. דעמלט וועט זיין דער סוף, אַלעמענס סוף...

און דאָ קומט אונז צוהילף דער דעלעגאַט אונזערער, דער שיינער פּויליש־רעדער. אַ וואַקלדיקער און וואַגנדיקער נעמט ער זיך טרייסלען, שאַרן און גליטשן און פאַלן איבער דער האַלב־קיילעכיקער, אייזערנער וואַגאָן־וואַנט. זיין אויסזען — אָן אַ מענטשלעכער צורה. אין האַנט — אַ פּעקל פּאַפּיראָסן. ער באַגריסט די סאָלדאַטלעך. זיי ענטפערן נישט. קוקן אויף אים מיט גרין־פאַרגליווערטע אויגן. ער דערלאַנגט זיי אַרויף דאָס פּעקל פּאַפּיראָסן. מיר קוקן צו די ביקסן. פּוילנס פאַרטרעטער האָבן באַוויליקט צו פאַררייכערן, צו געבן פייער דעם צעשראָקענעם בחור אונזערן. די געפאַר איז אַוועק. מיר זענען געראַטעוועט. ניין. די סאָלדאַטלעך וועלן נישט שיסן, ניין, זיי וועלן נישט. אַ דאַנק דיר, באַשעפער, פאַרן געשענקטן ביסל לעבן...

3. רחמנות אויף אַ דייטשיש קינד?

געפונען דעם צוג. ווידער אַ טרייסלען אין וואַגאָן. וווהין? ווידער אַ טאָג און ווידער אַ נאַכט. קיין נידערשלעזן. וורא‏צלאַוו. דאָרט וועט מען אָפּרוען. דערווייל האָט זיך דער צוג אָוועקגעשטעלט אויף אַ גרעסערער סטאַציע: גלאַגאַו, אַ טיפּיש־דייטשיש שטעטל, פונוואַנען די באַוווינערס זענען פאַרטריבן געוואָרן. איצט לייפן יידן פון די וואַגאָנעס, איילן זיך, כדי צו פאַרכאַפּן וווינונגען. אויך איך לויף. נישט קיין וווינונג וויל איך. סתם אַזוי. עס איז געוואָרן אַ טראַדיציע: אַז יידן לויפן — לויפן אַלע. אַ מין קאָלעקטיוו. מען טאָר נישט אָפּשטיין.

די שטאָט, ווי נאָך אַ פּאָגראָם. דאָס גראָד טוט אַ הנאה. זאָלן אויך די דייטשן פילן, וואָס אַזוינס עס איז אַ פּאָגראָם. פאַנאַנדערגעוואָרפענע שטיקער מעבל. אַ פאַרפּלייצונג פון פּאַפּיר איבער די גאַסן. איינצלנע דייטשן איילן צום זאַמל־פונקט מיט רוקזעק אויף די פּלייצעס. מען שיקט זיי אַהיים, אין זייער „היימאַט": יאָ, זיי האָבן אַ היים. נאָך אַלעמען — האָבן זיי וווהין צו גיין, צו וועמען. בקמה? וועט אפשר זיין די בעסטע נקמה דאָס, וואָס יידן וועלן פאַרנעמען די דייטשע דירות, שאַפן אין זייערע שטעט קהילות? — — — אָט שפּאַנט אַ דייטשן־גרופּע, צעשראָקענע, איילנדיקע. זיי ווערן געטריבן פון פוילישע יינגלעך, די מיליץ פון פאָלקס־פוילן. די יינגלעך שרייען מיט פרייד:

„היימאַט", „היימאַט!"...

ניין. איך וויל נישט הנאה־האָבן פון דערדאָזיקער שפּיל, אָנגעפירט פון די פּאָלאַקן. ביידע זענען זיי — הינר־הך. ערשט נעכטן האָבן זיי צוזאַמען פּאָגראָ־מירט די יידן. עס איז בלויז אַ מחלוקת אין דער משפּחה. און אַז זיי וועלן זיך אויסגלייכן, די פּאָלאַקן און די דייטשן, וועלן זיי ווידער זוכן יידישע קעפּ. ניין. נישט באַזעצן זיך דאָ. וועלן נאָר די פּאָלאַקן זיך פאַרפעסטיקן אין די געוועזענע דייטשע שטעט, וועלן זיי זיך אַ נעם טאָן צו די יידן. זיי וועלן נישט לאָזן במנוחה דעם ייד אונטער זייער הערשאַפט. פּשיטיק, אָ, פּשיטיק — דער אַריינפיר צו אַשוויענטשים און מיידאַנעק! ניין. די פּאָלאַקן וועלן יידן נישט צורו־לאָזן אין גלאַגאַו און אין וורא‏צלאַוו און אין שטשעטשין — — —

אַ רואיק, זוניק לעבן האָבן זיי געהאַט דאָ, די דייטשן, אין דעם גלאַגאַו. גראָז און בלומען און געצ־טנדלעך אַרום ראָז־געפאַרבטע הייזער און רויטע דעכער. די הייזער זענען אַזוי אָוועקגעשטעלט, כדי זון זאָל גרייכן צו אַלע פענצטערס. וווינונגען מיט ליכט און זון — אַ סך זון.

אויף די איינגאַנג־טירן — צעטעלעך: „די וווינונג איז באַזעצט דורך דער משפּחה געלמאַן"... „דורך דער משפּחה מאָשקאָוויטש"... „פרידמאַן"... „יאָס־קאָוויטש"...

צוריקוועג צו די וואַגאָנעס האָבן האַפערדיק־פאַרשוויצטע יידן גערדיכט געשמועסט:

„מ'וועט צונויפשטעלן אַ קאָמיטעט און שרייבן קיין אַמעריקע, אַז אין גלאַגאַו
האָט זיך געשאַפן אַ יידישע געמיינדע"...
און מיך טרייבט פון דאַנען. עס שרעקט מיך די אַנקומענדיקע נאַכט. וויאַזוי
וועלן זיך דאָ יידן שיצן אין די נעכט?
ווידער אין וואַגאָן. ווידער איז דער צוג געוואָרן צונויפגעדריקט. עס פעלט פון
אים אַ היפּש ביסל וואַגאָנעס. עולם האָט אַראָפּגעטראָגן בעבעכעס, פאַרבליבן
אין שטעטל. אָט לויפן זיי איבער דער גאַס. און אפשר... ניין! וואָס גיכער —
וואָס־וועיטער! עס קלאַפּן די שלייפן. אַ גערויש אין קאָפּ.
פון מיין וואַגאָן פעלט נישט קיינער. די אַקטיאָרן־טרופּע, צונויפגעשטעלט פון
שריים, געבליבן פון די „בעסערע כוחות" וואָס זענען אַוועק קיין קאַטאָוויץ,
לאָדזש, וואַרשע; די גרופּע פאַרמעסט זיך אויף „גרויסע זאַכן" אין ווראָצלאַוו:
אַן איינציק און ערנסט יידיש טעאַטער.
„כלעב!" — רייסט זיך אַריין אין וואַגאָן־שטילקייט אַ ציטעריק קינדיש קולעכל
— „כלעב"...
אַ פלאַקסן יינגעלע פון אַ יאָר זיבן־אַכט, גלאַט פאַרקעמט, אָנגעטאָן אין אַ ריין
גראַנאַט אַנצעגל, מיט אַ טאָרבעלע פאַרוואָרפן איבער דער פּלייצע, רעדט אַריין
אין די וואַגאָן־עפענונגען: „כלעב!" — מער, זעט אויס, ווי דאָס איינציקע
פוילישע וואָרט האָט דאָס קליינע דייטשל נישט באַוויזן זיך אויסצולערנען. ער
בעט ברויט. זיין פּנימל — בלאָנד־קינדיש, אַפילו סימפּאַטיש. די אויגן —
בעטנדיקע, הונגעריקע. ער וויל אַ שטיקל ברויט. „כלעב!". ער שטייט ביי אונזער
וואַגאָן און וואַרט. אַן אומשולדיק וואַרטן. דאָס האָט אים די מאַמע, זיין דייטשע
מאַמע, געשיקט אַהער בעטן ברויט.
„ברויט?" — טוט זיך אַ ריס פון די וואַגאָן־ברעטער אַ ווייבל, אַן אַקטריסע,
וואָס מ'רופט זי „די פּרימאַדאָנע", נעמט שרייען אויפן יינגל: — „ברויט? כ'וועל
דיר געבן דעם טויט!"
ווייס איך נישט, צי דאָס יינגעלע פאַרשטייט דעם באַטייט פון פאַרגלייכן ברויט
מיט טויט. זיין מאַמע וועט עס מסתמא יאָ פאַרשטיין, ווען איר זינעלע וועט ביי
איר זוכן דעם באַשייד. זי וועט פאַרשטיין, אַז אירע פאָלקס־גענאָסן האָבן ערשט
נעכטן געגעבן די יידן דעם טויט, ווען זיי האָבן געבעטן — ברויט...
איצט איז דאָס דייטשע יינגעלע אַנטלאָפן פון אונזער וואַגאָן אַן איבערגעשראָ־
קענער. זיינע האָלב־נאַקעטע דינע פיסעלעך האָבן זיך צוגעשלעפּט צו אַ צווייטן,
צו אַ דריטן וואַגאָן און ווידער האָט זיין צאַפּלדיק קולכל אויסגעזונגען —
„כלעעב!"...
פון מיין ווינקל אַרויס פּרוּוו איך אָפּטיילן קינדערשע אומשולד פון טאַטע־מאַמעס
מערדערייען, פּרוּוו „פּראָוואָצירן" אַ שמועס אויף דער טעמע, אָבער די פּרימאַדאָנע

דערלאַנגט דערויף אַזאַ „זינג״ צו מיין ווינקל, אַז עס דאַכט זיך מיר: זי מאַכט רעפּעטיציעס אין וואַגאָן, פּראָבן, וואָס קאָנען זיך ענדיקן פאַטאַל... בין איך אַנטשוויגן געוואָרן. אָבער אין מיין מוח האָט אַ צייט לאַנג נישט אויפגעהערט צו עגבערן דאָס דין־קינדערשע געבעט:

„כלעב!״ —

אַ תפילה, באַשאַפן פון דייטשן מערדער־פאָלק, אַריינגעלייגט אין אַ קינדס מויל — אַן איבערבלייב נאָך רוצחים פון יידישע קינדער — — —

4. האַלעוועשקעס, אָדער: דער גרויסער יאַריד

יוני 1946. חורבות, חורבות... דער בליק זעטיקט זיך מיט אויסגעקרומטע ווענט, מיט נאַקעטע קוימענס, מיט פאַרשאָטענע גאַסן — ציגל, שטיינער און שטויב אַרום די טריט. וורַאָצלאַוו — אין חורבות. אונזער אויטאָ פאַרפאַרט אין אַ זייטיק געסל. וולאַדקעוויטשע. דאָ זענען פאַרבליבן צייכנס פון יידן אין אַמאָליקן ברעסלאַו. מיר שטייגן־אָפּ, מיר — די אַקטיאָרן־גרופּע — ווערן אַריינגעפירט אין אַ גרויס צימער. דאָ וועט זיין אונזער אכסניה. גם זו לטובה.

טרעפּ־אַרויף. אויבן — דער וואָיעוואָדישער קאָמיטעט. דער וואָיעוואָדע. ביז אויבן אַרויף — יידן מארבע פינות העולם. טירן. קאָרידאָרן. צימערלעך. דאָרט קלאַפּט די געבענטשטע ביוראָקראַטיע. אַ רייסעניש, אַ שטויסעניש. יעדער וויל זיין נאָנט צום צימערל. קולות. די ווענט באַשריבן מיט נעמען. ווער עס זוכט אַ ברודער, ווער — אַ ווייב און ווער — קינדער. מרה־שחורהדיקע פּנימער. שארית הפליטה!

אַ נאַכט איבערגעשלאָפן אינם גרויסן, אינם מיוחסדיקן צימער, וואָס דער קאָמיטעט האָט צוגעטיילט פאַר די אינטעלעקטואַלן, די אַקטיאָרן. איך באַמי זיך צו באַהאַלטן דעם יחוס מיינעם. מיט וואָס און פאַר וועמען זיך „אַרויסשטעלן״? האַלעוועשקעס. נישט דערברענטע צווייגן פון אַ בוים. אַש. אומרו שטויסט מיך אַרויס אויף דער גאַס, פון דאָרט — ווייטער און ווידער — צוריק. איך וויל לויפן פון דאַנען. וויל דערגיין ערגעץ, צו אַן ערגעץ, ווו כ׳זאָל קאָנען פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ חוני המעגל — שלאָפן... פאַרשלאָפן...

אָבער די „גרופּע״ טראַכט אַנדערש. זי האָט דאָ יידן. אָרגאַניזאַטאָרן. זי וויל אויף אַן אמת — אַן „אויפטריט״. עס ווערן געמאַכט רעפּעטיציעס. איינער אַ בחור זינגט, אַ צווייטער טאַנצט. די פּרימאַדאָנע פאַרגיסט דעם טיש מיט מאָדנע קיצלדיקע פאַרבן, וואָס מאַכן אַלעמען צום ניסן.

געסט קומען. מען קומט אָנקוקן דאָס וווּנדער. אויך קאָמיטעט־לייט קומען. עס קומען אויך סתם־יידן — אַ קוק טאָן אויף די אַקטיאָרן. איינער אַ ייד אַזאַ, מיט פּנים און נאָז פון אַ פּורים־מאַסקע, איז ביי אונז שטאָם־גאַסט. ער רעדט צו מיר.

אַזוי דאַכט זיך מיר. אָבער זיינע גליסטנדיקע אויגן זענען אָנגעשטעלט אויף דער — פּרימאַדאָנע. ער רעדט מיט בענקשאַפט וועגן ארץ־ישראל, אַ חלום פון צוויי טויזנט יאָר, וואָס וועט און וואָס מוז ערשט ווערן — וואָר. דערדאַזיקער בחור האָט אַ „בעט" אין קיבוץ „העובד", אויף יענער זייט גאַס. איז דאָרט אַ פּירנדיקער חבר און ער וואָלט געוועזן גליקלעך, ווען די אַקטיאָרן־גרופּע וואָלט מסכים געווען אַריינצוגיין אין קיבוץ, כדי מ'זאָל צוזאַמען עולה־זיין קיין ארץ־ישראל. ער רעדט מיט פייער אין זיינע פלאַמענדיקע אויגן. ער קוקט צו דער גלאַנציקער אַקטריסע. האַ, וואָס טראַכט זי וועגן זיין פּלאַן? ער וואָלט דערווייל צופרידן געווען, אַז בלויז „זי" זאָל אַרויפגיין. עס וועט איר דאָרט גאָרנישט פעלן:

„אַז זי וועלן דאָך קאָנען אויפטרעטן אויך אין קיבוץ!"

אָבער זי — ניין. זי מוז באַקומען אַן „עקסטרע וווינונג". וואָסי? די „קאָמיטעטשי־קעס" מעגן האָבן שיינע וווינונגען? אויף זייער מיסט געוואַקסן? עס נעמט זיך פאַנאַנדערוויקלען דער אונטערשיד צווישן קאָמיטעט־מאַן און סתם־מאַן. דער חילוק פון „העכער" און „נידעריקער" — אַריינפּיר צום אויפברויז קעגן „דער קאַסטע".

נו, דער בחור פאַרלאָזט אונז נישט בלאַ־כלום. ער איז דערווייל מסכים אויף בלויז איינעם פון די אַקטיאָרן. וואָס־שייך „זי", וועט ער זי העלפן מיט וואָס ער וועט נאָר קענען. נישקשה. ער וועט זי דאָ באַזוכן. זענען מיר ביידע, איך „דער אַקטיאָר" און ער, דער קיבוצניק, דערווייל אַרויס אויף דער גאַס, פאַרביי דעם קאָמיטעט און — זיך אויפגעהויבן איבער שמאָלע טרעפּ, צום קיבוץ „העובד". איבערן וועג האָט דער בחור מיר דערציילט, אַז יעדן טאָג גייען אַוועק פון קיבוץ „אויף יענער זייט" צענדליקער בחורים און מיידלעך; זיי פּלאָסטערן דעם וועג קיין ארץ־ישראל פאַר דער „שעעריט הפּליטאַ" (שארית הפליטה). ער רעדט מיט האַרטע פּתחן זייער איבערצייגנדיק. און איך בין דערווייל פאַרנומען מיט זוכן מיין צייטווייליקע מקום מנוחה. אַפילו די קיבוצניקעס וועלן זיך אַנטוישן: וועלן זען אַז איך בין נישט קיין בעסערער אַקטיאָר פון זיי.

נו, קיין אַקטיאָר אויף די „ברעטער" בין איך טאַקע נישט, אָבער אַן אַקטיאָר אין לעבן קאָן איך יאָ זיין — שפּילן די ראָל פון איינעם, וואָס איז נישט אַנטוישט אין לעבן און וואָס וויל דווקא זאָגן זיין וואָרט — — —

אַרומגעזענקטע יידן באַמיִען זיך „צו קומען צום לעבן". דאָס פאַרשרפּעטע יידישע קאַפּיטל: יידישע צייטונגען, יידישע פּאַרטייען, יידישער טומל אין פּוילן דער מדינה; ווילן איצט יורשים דאָס אַלץ צוריקאויפלעבן — נישט לאָזן פאַרגעסן דעם יידישן אָפּשטאַם, נישט לאָזן פאַרפוילן דעם יידישן שורש.

שיינע ווערטער און — טרויעריקע. אַזוי קלינגען זיי פון די צייטונגען מיט יידישע אותיות, וואָס גרייכן אָהער פון לאָדזש, די פאַרטרעטערין פונם אַמאָליקן

יידישן וואַרשע. יאָ. לאָדזש וויל דאָס זיין. פאַראַן דאָרט ציוניסטן פון רעכטס און לינקס. זיי רופן צו פאַרלאָזן אייראָפּע, צו לאָזן זיך אויף אַלע וועגן — קיין ארץ־ישראל. אויך איז אין לאָדזש פאַראַן דער „בונד". זיין אויסגאַבע רופט — „זיך אויפצובויען" דאָ, אין פּוילן גופא — צוריק אויפצובויען דאָס יידישע פאָלק אין פּוילן. און אויך יידישע קאָמוניסטן לאָזן זיך גאָר שטאַרק הערן. זענען זיי דאָך איצט די באַלעבאַטים, זיי און זייערע פּוילישע חברים פון דער פּפּ״ר (פּאָלסקאַ פּאַרטיאַ ראָבאָטניטשאַ — פאַרשטעלטער נאָמען פון דער אַמאָליקער קפּ״פּ) — מיינען זיי באמת, די יידישע געלינקטע מכל המינים, אַז איצט, אינם „דעמאָקראַטישן פּוילן", וועלן די פּאָלאַקן לאָזן צוריקאויפלעבן אַ „יידיש פּוילן"? איז דען גאָר מעגלעך, אַז יידן זאָלן לעבן צוזאַמען מיט פּאָלאַקן, נאָך דער פאַרגעקומענער שרפה, וואָס זיי, די פּאָלאַקן — אַלע פּאָלאַקן! — האָבן געהאָלפן אונטערצונדן מיטן ווילדן געשריי: פּאָלסקאַ בעז זשידווו!" (פּוילן אָן יידן)? — — —

5. קעלץ — פריער און דערנאָך

זוניקע טעג. איך בין אַליין. שווער זיך אַריינצופּאַסן אין וועלכער ס׳איז חברה דאָ. אַ יאַריד. אַ טאָלטשאָק. מען שרייט. אַ טומל. צייטנווייז טרעף איך זיך מיט דעם און יענעם, קום אויך אַריין אין „לאָקאַל" פון יענער פּאַרטיי, אין וועמענס צייטונג כ׳האָב געאַרבעט אין אַמאָליקן וואַרשע. אונטערגעשרפעטע יידן פון די רעכטע פּועלי ציון. זיי ווי איך — מען איז פאַרנומען מיט פּאַקן זיך „אין וועג אַריין"; נאָר ביז דער קרעטשמע... כאַפּט מען דערווייל אַריין אַביסל „טעטיקייט אויפן אָרט".

און אָט — אַ טשעקאַווער פאַל אינם דאָזיקן „לאָקאַל", אַ פאַל, וואָס באַשטעטיקט דעם כאַאָס אויף דערדאָזיקער „קאָמיטעטאָווער" גאַס: עס איז אָנגעקומען אַ בריוו צו איינעם אַ מיטגליד אין דער פאַרוואַלטונג פון דער פּאַרטיי. דער צוריק־אַדרעס האָט אַרויסגערופן חשד, אַז דער בריוו קומט פון אַ נישט כשרן פּלאַץ. אַזוי האָט יענער, וואָס האָט געעפנט דעם בריוו, אויפגעקלערט דעם ענין. דער בריוו איז געשריבן צום „ברודער ג.". די שרייבערס בעטן יענעם, ער זאָל זיך ווידער שטעלן מיט זיי אין פאַרבינדונג, ווידער אַרבעטן לטובת „ישוע המשיח"... הכלל: מיסיאָנערן צו אַ מיסיאָנער — — — פאַרשטיי אָן ענין: דאָ זענען יידן אָנגעפילט מיט זאָרגן וועגן געפונען אָן אויסוועג פון אַ בהלה; און דער־אָ האָט אַלץ אויף דער האַנט ממש: קום און נעם — די ליזונג אין דער משיח־דער־לייזונג...

און ווייטער און ווידער — אַליין. איך שפּאַציר איבער דער לענג פונם געדיכטן טראָטואַר אַנטקעגן דעם קאָמיטעט. איך בין בפירוש צופרידן, וואָס כ׳האָב זיך דערווייל באַזעצט אין קיבוץ — נישט צו דאַרפן אָנקומען צו די „קאָמיטע־

טשיקעס", ווי מען רופט זיי דאָ. איך וואָלט צעריבן געוואָרן; וואָלט נישט אויסגעהאַלטן די ביוראָקראַטיע פון שוויצנדיק־לויפנדיקע יונגעלייטלעך, זיי זאָלן מיר „שנעלן איבער דער נאָז"... נו, טאָ זאָל זיין — אַ דאַנק זיין ליבן נאָמען דערפאַר. בקרוב וועל איך הערן אויסרופן מיין נאָמען. „די פּאַרטיי" אָדער דער קיבוץ — אימעצער פון זיי — וועט מיך רופן „צום טראַנספּאָרט", רופן צו מאַכן „בריחה" אָדער „פּליטה", צוזאַמען מיט דער גאַנצער „שארית־הפליטה" פונם פּוילישן יידנטום...

און אָט אַזוי, שפּאַצירנדיק און טראַכטנדיק, שטעל איך פּלוצים אָן מיין בליק אויף אַ באַקאַנטן ייד, וואָס שטייט איבער זעק און פּעק. ווו האָב איך געזען דאָסדאָזיקע פּנים? און ביז כ'האָב אוספּעיעט זיך צו דערמאָנען, אַז דאָס איז דאָך דער חבר איקס, פון די שפּיצן ביי די סאַמאַרקאַנדער געוועזענע „פּוילישע פּאַטריאָטן", דער וואָס האָט „אַריינגעזעצט" דעם שוואָגער זיינעם, משה ג. און וואָס איז געווען זייער היימיש אין דער סאַמאַרקאַנדער מיליץ (אָ, ווי כ'בין אים שולדיק אַ דאַנק פאַר אומקערן מיר מיין נאָמען!...) — האָט ער מיר פאַרשטעלט דעם וועג און ברייט זיך צעשמייכלט, ממש ווי צו אַן אַלטן גוטן פריינד:

„האַ, ווי לעבט זיך עפּעס דאָ?"

וואָס איז די גדולה? און פאַרוואָס ליגט ער מיט די בעבעכעס אויף דער גאַס?

„האַ?" קוק איך אויף אים מיט פאַרוואונדערונג.

ערשט זיין ענטפער:

„די ,פּוילישע אַרבעטער פּאַרטיי' וויל נישט קיין יידן... דערפאַר ליג איך אויף דער גאַס"...

וואָס אים זאָגן דערויף? פאַר מיר איז שוין לאַנג קלאָר: אַלע פּאָלאַקן ווילן אַ „פּאָלסקאַ בעז זשידוּוו". איצט? האָב איך נישט דערוואַרט די הסכמה צו מיינע טראַכטענישן פון אַ קאָמוניסט, וואָס איז גרייט צו גיין על קידוש סטאַלין, גרייט צו ברענגען קרבנות אויפן מזבח פון באָלשעוויזם. אָבער ער האָט עס פאָרט געזאָגט. איז עס פאַר מיר ווידער אַ באַשטעטיקונג וועגן דער צביעות פון קאָמוניזם. נו, האָב איך זיך אויסגעדרייט צום אַוועקגיין. אָבער ער פאַרשטעלט מיר דעם וועג. ער האָט זיך קענטיק דערמאָנט, אַז איך בין אים שולדיק אַ חוב (פאַר אומקערן מיר דעם נאָמען...) וואָלט ער אים איצט שטאַרק צונוצגעקומען; וואָלט ער געווען זייער צופרידן, ווען — כ'זאָל אים העלפן אַריינגיין אין קיבוץ... איז איצט נישט די צייט צו פאַרפירן וויכוחים. און מחמת איך האָב ווינציק דעה אין קיבוץ, האָב איך אים פאַרגעלייגט, ער זאָל טאָן וואָס אַלע טאָן: אַרויפגיין, זיך דורכשמועסן, מסכים זיין צו פאַרלאָזן „פּאָלקס פּוילן" און אַוועקגיין אויף אומלעגאַלע וועגן קיין ארץ־ישראל. דעמלט וועט ער מסתמא באַקומען אַ בעטל, אַן איבערבייס צוגלייך ווי אַלע. אַזוי האָב איך אים געעצהט, אים, דעם

„פּאַליטרוק" פון די סאַמאַרקאַנדער פּוילישע „פּאַטריאָטן". מער אים נישט געזען. קענטיק, ער האָט מיין עצה נישט געפאָלגט. אַזאַ גרויסן קרבן איז ער מסתמא נישט גרייט געווען צו ברענגען.

און דערווייל הערן זיך ביטערע ידיעות: יידן ווערן אַרויסגעשלעפּט פון צוגן, ווערן צעשאָסן. אומרו קוקט אַראָפּ פון צעשראָקענע פּנימער אַרום דעם „וואַיעוואָדישן קאָמיטעט", ווו עס וואַיעוואָדעווען יידן מיט „צוטרוי צום נייעם פּוילן". איבער די טרעפּ איילן אויף־און־אַפּ פאַרשמאַיעטע יינגלייט, וואָס ווערן באַטיטלט פון די שטייענדיקע אַרום מיט „חבר":

„נו, חבר... ווען וועל איך שוין באַקומען אַ תשובה?"

„האַ, חבר... פאַרוואָס שלעפּט זיך אַזוי לאַנג מיין ענין?"

„וואָס, חבר"...

אויבנאויף דאַכט זיך, אַז דידאָזיקע „חברים" טוען דאָ גרויסע זאַכן פאַר די יידן, וואָס שטויסן זיך אַרום זייערע צימערלעך. געהערן זיי דאָך אויך צו דער שארית־הפליטה. נאָר וואָס? — זיי פאַרמאָגן ברייטערע פּלייצעס און האָבן אַ „בעסערע פאַרגאַנגענהייט": רעוואָלוציאָנערן, צופרידענע מיט דער רעוואָלוציע, וועלכע איז געקומען צו זיי... עס איז אָבער קשה: מיינען זיי טאַקע אויף אַן אמת מיט זייער רעוואָלוציאָנער'שקייט? איז דאָס נישט בלויז אַ מיטל — ווי ביי קאָמוניסטן באַנצן בכלל — צו פירן אַן אויסגעפרעסן לעבן בעת אַנדערע זענען אויסגעשטעלט אויף געפאַרן? וואָרום, זענען דאָך די אַלע ביוראָקראַטלעך — אָדער זייער רוב — געקומענע פון „יענער זייט פאַרהאַנג", ווו זיי האָבן געפילט אויף די אייגענע עצמות די רעוואָלוציע און ווו נישט ווינציק פון זייערע חברים האָבן פאַרענדיקט מיט זיך מחמת אַנטוישונג: איז דאָ — ווידער? דאָ פאַראַדירן זיי ווידער מיטן סטאַלין־געטש?! איך זוך נישט קיין תשובה דערויף. נישטאָ פון וועמען זי צו באַקומען און מיט וועמען דערוועגן צו שמועסן. בכלל, איז דאָ די לופט אַזאַ, אַז עס איז נישט כדאי צו פרעגן, צו טראַכטן. אַמבעסטן: זיך אָפּשליסן, זיך איזאָלירן — ביז מ'וועט רופן צום „גיין".

און אַזוי באַמי איך זיך אָוועקצושפּאַנען פונם תהום, אָוועקצוגיין אויף צוריק, צו אונזערע יידן פון די וואַרשעווער נאַלעווקעס און גענשע; העט... נעכטן איז עס דאָך געווען — רבישע היף, רבישע טישן, שיינע יידן... סוחרים, באַלעמלאָכעס, „חסדלעך" — דער פּייסאַזש פונם יידישן וואַרשע. שעהן־לאַנג זיץ איך ביים פענצטער און ברענג־אַרויף אויף פּאַפּיר־בייגעלעך יענע אַזוי נאָנטע געשטאַלטן, אַזוי היימישע בילדער, יידישע קולות איבער גאַסן און געסלעך; לעב זיך ווידער אַריין אין די פאַרדבקהטע שלוש־סעודותן, לעילאַדיקע מלוה־מלכהס, שבתים און יומטובים... פאַר מיר איז עס איצט — אַ שפיכת הנפש־איבערלעבונג אין

מאוימדיקע טעג אויף דער געוועזענער דייטשער און איצט־פּוילישער ערד — אַרומגערינגלט מיט קברים, מיט בלוט און אַש — — —

צייטנווייז ווער איך געשטערט פון אַ פריילעכן טומל, וואָס עס טראָגט זיך פון די קיבוץ־בעטלעך. נישט־דערברענטע האַלוועשקעס זוכן אַ חיי־שעה. דאַרף מען זיי דערפאַר באַשטראָפן? חלילה. גלייכער אַזוי. אויך זיי דאַרפן פילן, אַז — זיי לעבן. אויך אויף דער גאַס איז דאָס בילד פאַרשידנפאַרביק. ווער עס גייט איינגעגראָבן דעם קאָפּ צווישן די אַקסל, טראַכט וועגן אַ פאַרגאַנגען לעבן, ווער — עס לאַכט מיט אַלע ציין. יידן מיט גרויסע טאַשן טוען איילן פונם קאָמיטעט ביזן „פאַרטיי־לאָקאַל". פונקציאָנאַרן אַזוינע. אַ נייער טיפּ ייד אויפגעקומען: אַן איילנדיקער, אַן אומרואיקער. מען טראָגט באַגראָבן אין זיך פּעק מיט סודות — אַ מין געהיימע אַרמיי, וואָס איר נאָמען איז: „בריחה". מען מאַכט אַנטלויפן יידן פון פּוילן, פון אייראָפּע. ארץ־ישראל דאַרף יידן, אַ סך יידן. ווו נעמט מען זיי נאָכן גרויליקן מאַרד? זוכט מען אין אַלע ווינקעלעך. אומעטום: פּאַרטייען, קיבוצים, חלוצים. יידן לויערן אויף יידן. מען כאַפּט זיי אומעטום. טראַנספּאָרט נאָך טראַנספּאָרט. צו דער טשעכישער גרענעץ און ווייטער... שאַ! געגאַנגען מיט זיכערע טריט!

און אַזוי לויפן טעג און וואָכן, קאַלעמוטנע וואָכן; ווער עס פילט־אויס די ליידיקייט מיט לאַכן ביז משוגעת, ווער — עס דריקט צו זיך די אַליינקייט, די מרה־שחורה. און די לופט איז אויסגעפילט מיט — גאַזן. עס וועט, עס מוז — אויפרייסן. די בחורים פון קיבוץ, די פאַראַנטוואָרטלעכע פאַרן לעבן פון פיל צענדליקער חברים זייערע, האַלטן כסדר וואַך ביים איינגאַנג. מען מאַכט אויך איבונגען. עולם ווערט צוגעגרייט צו אַן איבערפאַל. גאָר מעגלעך, אַז אין איינער פון די נעכט זאָלן פאַלאַקן מיט ביקסן — סאָלדאַטן פון דער פּוילישער פאָלקסאַרמיי — איבערפאַלן דעם קיבוץ, שיסן, קוילענען, ווי פאַלאַקן קאָנען עס און דאַרפן עס מאַכן. און אַז זיי מאַכן „דאָס" גוט, זיי און זייערע טאַטעס —

האָט זיך אַריינגעריסן אַ זאַווערוכע אין געסל: ק ע ל ץ!

אינם פאָלקספּוילן ווי אינם נאַצישן פּוילן — אַ פּאָגראָם. צענדליקער געהרגעטע. אַרום דעם „וואָיעוואָדישן קאָמיטעט" וואַקסט די בהלה. אַרום די פּאַרטיי־לאָקאַלן — טראַנספּאָרט־אויטאָס, אינעווייניק — אַ געשטופּ, אַ געשטויס. יידן איילן. יציאת פּוילן. ווידער אַ טאָג פאַרביי. ווידער האָבן די קלאַווישן אויף דער אַלטער פּיאַנאָ, וואָס שטייט אינם קאָלעקטיוון עסצימער, געצאַפּלט און געציטערט און געצוויטשערט אונטער די פינגער פון יענע מיידלעך, וואָס האָבן איבער זיי פריילעך געקלאַפּט און קלינגענדיק געלאַכט; יאָ. ווידער האָט די לאַכנדיקע מרים אָדער מלכה געוואָרפן מיט נאַקעטע פיסלעך אויפן אַקסל פונם כאַכאַ־טשעדיקן, שוואַרצ־באַברילטן פּאָעט... כי־כאַ!

אַנומלט האָט דער דאָזיקער פּאָעט מיך אַ שלעפּ געטאָן צום קאָמיטעט. עס איז געקומען אַ וויכטיקער גאַסט פון ניו־יאָרק, פון דער ניו־יאָרקער „פרייהייט". יענער, אַן אַמעריקאַניש־יידישער קאָמוניסט, פילט זיך היימיש מיט זיינע גאַסטגעבערס, די וואָיעוואָדעניקעס, וואָס פּאַפּראַווען זיך איצט מיטן פּאַרטיי־ביכעלע אויפן השבון פון די געראַטעוועטע יידן.

טאָ וואָס וויל דער פּאָעט דאָ — פונם ציוניסטישן קיבוץ צום קאָמוניסטישן גאַסט? ער האָט אַ ליד פאַר דער „פרייהייט". וויל ער דאָס אַוועקגעבן... און ער האָט אַוועקגעגעבן. איז אַריין צו יענעם מיט שטופּעניש און שטויסעניש, — איבער אַלעמענס קעפּ. יידן ווילן דורך דעם גאַסט איבערגעבן בריוועלעך צו קרובים אין אַמעריקע. און דער־אָ, דער שוואַרץ־באַברילטער פּאָעט — אַ ליד פאַר דער אַזויגערופענער „פרייהייט".

עס פאַרט זיך נישט. האָב איך אים איבערגעלאָזט מיט זיין צופרידן־זיגעריש געלעכטער. ער טויג זיך אויס. ער פּאַסט זיך אַריין אין „אַלע אומשטענדן". — אַבי זיינס צו גרייכן.

אַזאַ־אַ — בעט־פּאָעט — — —

אַ קיבוץ — פון עסערס און לאַכערס. זאָל זיי ווויל באַקומען. אָבער פאַראַן אַנדערע — און איך בתוכם — וואָס אַ גרימעניש אין בויך פאַרטרייבט פון דער פריילעכער חבריא. ווייטער. שפּאַנען איבער גאַסן. אַוועקשפּאַנען — פון זיך! און טיילמאָל טו איך טראַכטן: פאַרוואָס די ערנסטקייט? זענען דען נישט געדעכט די קיבוצניקעס — אין צייט פון „קעלץ" טאָר מען נישט זיין ערנסט; דאָס איז עלול צו דערפירן ביז משוגעת, רחמנא לצלן. יאָ. אויב וועט מען מיך נישט אַוועקפירן פון דאַנען ווער וויים — וועל איך אויך אַן אמת משוגע ווערן, רחמנא יצילנו.

און אַזוי, מיט אַזוינע טראַכטעניש, טו איך יעדן ערב בין השמשות מאַכן אַ שפּאַציר איבער דער גאַס, איבערן טראָטואַר, הין און צוריק. סתם אַזוי.

און אָט איז עפּעס געשען: ווי יעדן טאָג, אַרויס פאַרן טירל, זיך אַ קערעווע געטאָן צו דער גאַס און — אַן אויטאָ איז אָנגעלאָפן, אַרויפגעלאָפן אויף מיר... גראָד היינט געהאַט אַ ספּעציעל־פריילעכן טאָג. מען האָט מיר געהייסן זיין גרייט. מען וועט מיך אַ רוף טאָן. דער קיבוץ „העובד" איז אַ טומלדיקער וואָקזאַל. פון דאַנען ציען זיך רעלסן איבער פוילנס פאַרשאָלטענע וועגן — קיין טשעכיע, קיין עסטרייך, קיין דייטשלאַנד און ווייטער — איבער איטאַליע — אויפן אומלעגאַלן גאַנג קיין ארץ־ישראל.

יאָ. עס רעדט זיך לייכט, אָבער עס גייט זיך שווער. ביזן דערגיין — באַזעצט מען זיך דערווייל, „צייטווייליק" און לאַנגווייליק: ווו מען לאָזט נאָר. אויך אין

דייטשלאַנד. דאָרט געפינען זיך די אַמעריקאַנער. און מינכען איז געוואָרן אַ יידישער צענטער, מינכען — „די שטאָט דער בעוועגונג״...

...קיבוץ־בחורים האָבן מיך אַוועקגעטראָגן אויף אַ פעלד־בעטל אין נאָענטן שפּיטאָל אַריין. ווי לאַנג האָט עס געדויערט — דער איבערפאַל, דאָס אַוועק־טראָגן און די אָפּעראַציע? — אַ נאָכמיטאָג. דאָקטוירים האָבן געאַרבעט שנעל און גלאַטיק. פּוילישע דאָקטוירים. זייער פּאַך לאָזט זיי נישט אונטערשיידן צווישן אַ פּוילישן און יידישן קאָפּ. דאָס שפּיטאָל רופט זיך: „שוויענטעגאָ יאַנאָ באָזשעגאָ״, אַ נאָמען נאָכן הייליקן יאַן. איבער מיין בעט — אַ גרויסער, אַ שוואַרץ־גלאַנציקער צלם מיטן געקרייציקטן ייד אויף אים. איבער אַלעם — אַ פּוילישע הייליקייט. אויך אַ ייד מעג הנאה האָבן פון דערדאָזיקער ריינקייט צווישן ווייסע שפּיטאָל־ווענט. איי, פון דער וואַנט טרויערט אַראָפּ דער געצלמטער, אַ קרבן פון די יידן? נו, זינד. און זינד מעג מען פאַרגעבן דורך תפילות און רייניקונג. און דערפאַר מסתמא קומט אַריין יעדן פרימאָרגן אין דער פּאַלאַטע אַ הייליקע שוועסטער מיט אַ גרויסן צלם אויפן האַרץ, קומט און זאָגט איבער די בעטלעך:

„טאַק בילאָ אַד וויעקו״... — אַזוי איז עס געווען פון שטענדיק און אַזוי וועט עס בלייבן אויף אייביק. זאָל זיין געבענטשט דער געקרייציקטער. אָמען...

די שוועסטער שטייט אויף דער שוועל, איר פּנים — ווייס און גוט און תפילהדיק. דאַכט זיך, אַז זי נעמט נישט אַראָפּ איר בליק פון מיינע ליפּן: האָט ער נאָכגע־זאָגט די פרימאָרגן־תפילה? הע?

יאָ. ווי לאַנג האָט געדויערט זינט יענער מינוט, ווען דער מערדערישער שאָפער האָט אַרויפגעטריבן די מאַשין אויף מיר, ביז איצט, ביז מיין זיצן אויפן שפּיטאָל־בעט, וואַרעמען דעם פאַרנייטן קאָפּ מיט עלעקטרישע שטראַלן? אפשר אַן אייביקייט און אפשר — בלויז אַן אויגנבליק. איצט בין איך שוין מסוגל צו הערן, וואָס אַ באַזוכער דערציילט:

דער אויטאָ האָט זיך דערנאָך מיט טייוולשער רציחה אַריינגעריסן צווישן די יידן נעבן קאָמיטעט: אַלע זענען זיך צעלאָפן און אימעצער האָט באַוויזן נאָכצושיסן. דער וועג פונעם קיבוץ ביזן שפּיטאָל איז געווען באַפאַרבט מיט בלוט, וואָס האָט געקאַפּעט פון מיין קאָפּ דורכן פעלדבעטל. די טרעגערס האָבן זיך געאיילט, געווען שטאַרק מיאושדיק: נאָך אַ קרבן פון קעלץ... מ׳וועט נישט באַווייזן... אָבער גראָד האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז פּוילישע דאָקטוירים האָבן נישט געזאָגט יאוש. זיי האָבן מיך תיכף אַוועקגעלייגט אויפן טיש, תיכף פאַרנייט די לעכער און אַט — — —

זענען שוין פאַרביי צוויי חדשים. אַריין אין שפּיטאָל אין אַ זוניקן נאָכמיטאָג און אַרויס — אין רעגן. הערבסט.

6. דאָס נייע קאַפּיטל: טרעפּענישן און שטויסענישן פון לאַגער צו לאַגער

סעפּטעמבער 1946. דעם לעצטן פּאַלאַק אויף דער פּוילישער ערד האָב איך געזעגנט ביי דער טשעכישער גרענעץ. נעבן אַ בריקל — אַ לאַנגע ריי פּליטים. ביטערער גורל: מיט זיבן יאָר צוריק האָט זיך אָנגעהויבן דאָס קאַפּיטל — פּליטים.

איז שוין ערשט דער סוף פונם דאָזיקן קאַפּיטל? וועט שוין די שארית־הפליטה, דאָס איבערבלייבעכטס פון די פּליטים, ווערן אויס־פּליטים? דער לעצטער פּאַלאַק. אַ שווער־באַוועגלעכער, באַוואָנסעטער און באַהאַרטער סערזשאַנט. מיט גרויס כוונה באַטאַפּט ער די פּעקלעך. ער טוט דאָס שלאַבעריק, פּויל. וואָסי? די בריק ברענט? אין יעדן זעקל און פּעקל שטופּט ער אַריין אַ גרויסע, אַ האַריק־פּעטע האַנט, זוכט דאָרט און דערטאַפּט ס׳זייניקע: פּאַפּיראָסן. ער ווישט דעם פּליך אונטערן צעשפּיצטן און באַאָדלערטן היטל, שלעפּט די פּאַפּיראָסן פון די קבצנישע פּעקלעך און טוט אַ ווונק צו דער בריק: דער וועג איז פריי. עס ווענדט זיך אָן אים. ווייל ער נישט — איז דער וועג נישט פריי; הייסט ער גיין צוריק, ער, דער לעצטער פּאַלאַק.

יידן, אַ לאַנגע ריי יידן. יציאת פּוילן. אונטן — וואַסער. אין מיטן — די גרענעץ. דאָס וואַסער איז געשפּאָלטן. אַ העלפט געהער צו פּוילן. די הינטערשטע. זאָל דאָס וואַסער פאַרפלייצן די פּוילישע ערד. זאָל עס! — — —

מיטן צוג צו דער עסטרייכישער גרענעץ. אַ נאַכט פאָרן. די וואַגאָן־בענק — פאַרלייגט מיט מידע פּליטים. איך זיץ נעבן פענצטער, קוק אַרויס אויף דער טשעכישער ערד. פייערלעך דאָ און דאָרט. אויף די סטאַציעס — גוטהאַרציקע בירגער מיט קעסלען הייסע טיי, ברויט און אויך שיסלען זופּ — פאַר די יידישע פּליטים. ווער זענען זיי? ווער האָט זיי געשיקט אַהער אין אַזאַ קאַלטער נאַכט? אַ פונק פאַרגנבעט זיך, אַ טרייסט־פונק: עוד לא אבדה... פאַראַן גוטע מענטשן. אַנטקעגן מיר, אויף דער צווייטער באַנק — אַ מיידל. אויף יעדער סטאַציע לויפט זי אַראָפּ, ברענגט עפּעס פון וואָקזאַל, וואַרפט צווישן די ליפּן מיט גרויס הנאה. אין וואַגאָן איז טונקל. איז דאָס מיידל אַ שיינע (זינדיקע מחשבות!), אַ נישט־שיינע? מיטן נאַכט. עס ווילט זיך נישט שלאָפן. צופיל איבערלעבונג פאַר איין נאַכט. מיר צעשמועסן זיך. לאָמיר האָבן דאָס געפיל, אַז קענען מיר זיצט מיין פריידעלע...

„פון וואַנען פאָרט אַ מיידל?"

זי נעמט אַרויס אַ קייענדיקע זאַך פון צווישן די ציין און ענטפערט:

„פון אָשוויענטשים".

איר ענטפער פאַרמאַגט אין זיך אַזויפיל גלייכגילט, ווי — גאַרנישט: אַשוויענ־טשים? אַ וואַזשנע מעשה!

אָבער מיך טוט עס אַ שטאָך. עפּעס געהערט פון דאָרט אַזויפיל רוצחישע געשיכטעס..

„וואָס? ערשט איצט פון אַשוויענטשים?"

ווידער — אַ גלייכגילטיקייט:

„ניין. אָבער מיין לעצט וווינאָרט איז געווען אַשוויענטשים".

וואָס האָט זי געזאָגט: וווינאָרט?

„אייער וווינאָרט?"

„יאָ. איך האָב דאָרט געוווינט. איך בין דאָרט געווען איינגעאָרדנט. עס איז מיר דאָרט נישט געווען שלעכט" — — —

מיין שאַרפער בליק שניידט־דורך די פינצטערניש; קוק זיך טיפער אין אינם צופרידענעם מיידלס פנים. אַ קרבן? זענען ביי איר קלאָר די געדאַנקען? זי שמייכלט. געווען פאַרשידענע מענטשן אין אַשוויענטשים. ווי־ווער. מען האָט זיך געדאַרפט אויסטויגן. זי האָט זיך אויסגעטויגט...

מיין קאָפּ פאַלט אַראָפּ אויף די האַנטפלאַכן. פון דרויסן קוקט אַריין אין וואַגאָן אַ שוואַרץ־געשפּענסטיקע נאַכט. אַ דריבנער רעגן קלאַפּט אויף דער שויב, נעצט צווישן די ביינער.

און דערנאָך?

יאָ. דערנאָך. אויפן דריטן, צי פינפטן טאָג פון מיין נייעם נע־ונד דערזע איך זיך ווידער אין אַ — בהמות־וואַגאָן, וואָס דאַרף פירן ערגעץ־אַהין, ערגעץ־צוריק — צו אַן ערגעץ־בכלל־נישט. סתם אַזוי. אַ לאַנגער צוג — פירט אייניקע הונדערט פליטים, וויס נישט וואָס מיט זיי צו טאָן.

און די מענטשן פון „בריחה?" זיי זענען פאַרשוווּנדן, אַנטלאָפן.

אייזקאַלטע נאַכט. פרעמדע מענטשן ווערן היימיש, טוליען זיך צונויף. איינער וואַרעמט זיך אַן צווייטן.

אַ נאַכט. אַ טאָג. ווידער אַ נאַכט. ניין. לענגער ווען מען זיך נישט לאָזן אַרומ־שלעפּן. אויף דער ערשטער סטאַציע — אַראָפּוואַרפן די פּעקלעך. און אָט — יאָ. מען פאָרט קיין לינץ. ווו ליגט דאָס לינץ? פון דאָרט פירט דער וועג קיין ווין און פון ווין — קיין זאַלצבורג.

„שאַ, זינעלע, שוויג. עס איז דיר קאַלט? נו, שוין נישט לאַנג".

אַ מאַמע דערוואַרעמט איר זינעלע מיטן אייגענעם געפרוירן לייב. אַ צווייטע מאַמע קלאַגט אויף אַ קול:

„אַז אַ ברעכעניש אין זיי אַריין. ווי עס ברעכן די ביינער ביי מיין קינד!"

ווער׳מען שעלט זי? אַלעמען. די גאַנצע וועלט.

פאַרטאָג האָט דער צוג זיך אָפּגעשטעלט אין לינץ. מען שמועסט, אַז דאָ איז נישט דערלויבט אַראָפּצוגיין. ווי לאַנג וועט דער צוג דאָ שטיין? ביז די „בריחה״ וועט געפונען ערטער פאַר אַלעמען. זיי וועלן פאַנאַנדערפירן אין לאַגערס...

„אין לאַגערס?״

„יאָ. אין איבערגאַנג־לאַגערס אַזוינע. דאָרט אַרבעט דער „דזשאינט״. עס פעלט נישט גאָרנישט״.

„אַז ווערן זאָל פון זיי גאָרנישט, רבונו של עולם״...

אַזוי שמועסט זיך עולם דורך אין וואַגאָן. אין דער טיר באַווייזן זיך אייניקע צעשויבערטע קעפּ פון יונגע בחורים. זיי זוכן חלוצים.

„ווער עס וויל זיין געזיכערט מיט אַ סערטיפיקאַט, זאָל גיין מיט אונז. אָבער בלויז יונגע מענטשן״...

יונגע צי אַלטע, קיינער רירט זיך נישט פון אָרט. מען זיצט ווי אַריינגעוואַקסן אין די שמאַטעס.

„חלוצים ווילן זיי? אַ נייע אַפּערע!״

„פאַר יעדן קאָפּ קריגן זיי דאָך באַצאָלט״.

„אַז אָפּגעדאַרט זאָל זיי ווערן די קעפּ״...

פון וואָקזאַל האָט מען אָנגעברענגט בולקעס, מילך, קעז. עולם האָט גענומען קייען. מ'וועט דאָ אַזוי זיצן ביז נאַכט. ביינאַכט וועט מען אַראָפּוואַרפן די פּעקלעך. אַ סוף צו די צרות! אַלע ווילע קומט אימעצער, ברענגט פרישע נייעס. מען איז גוט אַריינגעפאַלן. די „בריחה״ איז זיך צעלאָפן און געלאָזט אַלעמען אויף הפקר.

פראַסטיקע נאַכט. זיך קוים דערשלעפּט פון די באַנרעלסן. רוישיקע נאַכט אין לינץ. געלעכטער אין געקוויטש פון טראָטואַר צו טראָטואַר. די עסטרייכישע דייטשן שפּאַצירן פאַרביי מיר, וואַרפן בליקן אויף מיינע פּעקלעך, פאַרהאַלטן אויף אַ וויל דאָס געלעכטער און — ווידער פלאַמען ביי זיי די בעקלעך. ווידער טרייסלען זיך די בערשטלעך אויף זייערע גרינע קאַפּעלושלעך. איך בין אַליין. פון אַנטקעגן טראָגן זיך געשרייען. אַ יידישע משפּחה אין מיטן פון אַ לינצער גאַס. הינטער מיר — ווידער קולות. ווידער אַ משפּחה. עולם האָט נישט געוואָלט פאַרפרוירן ווערן אין די בהמה־וואַגאָנעס — וועט מען איצט פרירן אויף דער גאַס. אין בין פאַרשטייפט. נישט מיט קיין אבר צו רירן. און דאָ אַרום און אַרום — ליכטיק און לאַכנדיק. אויך איצט, נאָכן מיליאָניקן מאָרד, לאַכט דער מערדער פונם דערמאָרדעטן. וווהין זיך פאַרנעמען? אפשר לאָזן דאָ די פּעקלעך און זיך אַוועקלאָזן זוכן ערגעץ אַ מקום־מנוחה? שלעכט. געלאָזט אַ מאַסע אויף הפקר. איז שולדיק די „בריחה?״ לאָמיך נישט זיין אַכזריותדיק: מסתמא לויפן זיי אַרום, די ליאַרעמדיקע בחורים, זוכן ערגעץ אַ פּלאַץ פאַר

אונז. אויך זיי נישט מקנא־צו־זיין. גאָר מעגלעך, אַז מיר האָבן נישט געדאַרפט פאַרלאָזן די וואַגאָנעס. מעגלעך. אָבער דאָרט זיצן איז געוואָרן — אוממעגלעך. די קעלט שטעכט אין אַלע אברים. זיצן און וואַרטן. אויף וואָס? אויף וועמען? אַז קיינער ווייזט זיך נישט. אויסגעטריקנט געוואָרן די „בריחה״.

„האָ, יונגערמאַן, וואָס שטייט איר אַזוי? קומט!״

דאָס טוט אַזאַ געשריי צו מיר אַ ווייבל, ספק־פריילעך, ספק־טרויעריק. אין איר געשריי הערט זיך די טראַציקייט פון אַ יידיש ווייבל, וואָס וויל דווקא לעבן. איך נעם זי נאָכגיין. איך דאַרף זיך נישט איילן. אויך זי איז באַלייגט מיט זעקלעך און פעקלעך און, דאַכט זיך — באַהאַנגען מיט קינדער אויך.

„האָ, ווייבל, וווהין און אַזוי פריילעך?״

„פריילעך? אויך ביי היטלערן האָב איך געלאַכט; זאָל איך איצט זיין טרויעריק? קומט, שנעלער, מיר גייען קיין וועגשייד!״

„וועגשייד? וואָס האָט איר געזאָגט: וועג־שייד?״ —

מיט פאַרשטייפטע פינגער פרווו איך שלעפן נאָך זיך די פעקלעך. דאָס ווייבל, אַן אויסגעפּרוווטע און בריהשע, פאַרמאָגט מער קוראַזש פון מיר. איך קאָן זי נישט אָניאָגן. אָנגעשפּאַרט אויף אַ וואַנט, נעבן אַ ליכטיק פענצטער, שטייט אַ דייטש. ער קוקט אויף מיר. איך שטעך־איין מיין בליק אָן אים. ער שרייט צו מיר: „וועגשייד?״ ער ווייזט אויף אַן אויטאָבוס, וואָס פירט אַהין. איך לאָז די פעקלעך אויפן טראָטואַר און גיב אַ הייב די פאַרגליווערטע פיס, לאָז זיך צום ווייבל. זי אָנגעיאָגט. זי טראָגט אַ קליין זעקעלע, דערפאַר — שלאָפנדיקע קינדער: איינס אויף דער פּלייצע, דאָס צווייטע...

„קומט, ווייבל, צוריק, גיכער, עס גייט אַן אויטאָבוס״.

„אַז געזונט זאָלט איר זיין. איך האָב תיכף דערקענט, אַז איר זענט נישט פון דער ,בריחה׳״.

דער דייטש היט מיינע פעקלעך. ער העלפט אונז אויך אַריינקריכן אין אויטאָבוס. ער איז אַריין נאָך אונז. אינעווייניק — ער נעמט נישט אַראָפּ די אויגן פון מיר. וואָס קוקט ער אַזוי? איז ער אפשר פון דער פּאָליציי? אַ מאָדנע אָנשיקעניש. ווער ווייס, וווהין דער פאַרשוין וויל אונז פאַרפירן...

דער אויטאָבוס — אָנגעפּאַקט מיט גראָגערדיקע פּאַסאַזשירן. דאָס ווייבל מיט די קינדער פאַלט פון איין דייטש אויפן צווייטן, קרעכצט, אָבער פאַרגעסט נישט אויך צו געבן אַ זיגערישן שמייכל, וואָס האָט צו זאָגן: איך האָב זיי טיף אין דר׳ערד!

פלוצים האָט „מיין״ דייטש (איצט קען איך אים אָנקוקן אין פּראָפיל: גלאַט־ראַזירט, טונקל, מיט אַ נאָז — כ׳וואָלט געשווירן, אַז די לאַנג־שפּיציקע נאָז האָב איך געזען ערגעץ...) אַ נעם געטאָן דאָס ווייבל, זי צוגעשטויסן צו אַ באַנק,

געהייסן די זיצנדיקע מאַכן פּלאַץ פאַר איר מיט די קינדער. די פּאַסאַזשירן האָבן געפּאָלגט. מעגלעך דערפאַר, וואָס ער רעדט צו זיי אין אַ שטרענגן, באַפעלערישן טאָן, מעגלעך אויך — זיין עלעגאַנט פאַרנייגן זיך, מיטן קאַפּעלושל אין האַנט. בקיצור: ער איז אַראָפּ צוזאַמען מיט אונז. ביים אַריינגיין אין לאַגער וועגשייד האָט ער אַ זאָג געטאָן צו מיר אין יידיש:

„האָ, איר האָט שוין פאַרגעסן? דאָס האָב איך דאָך אייך געפירט פון טשעכישן נאָכוד צום וואָקזאַל”...

אַ בחור פון דער „בריחה”. גיי און פאַרשטיי זייערע גענג.

ער איז פאַרשוווּנדן אין טונקל פון געסלעך און געסלקעס. דאָס ווייבל איז אַריין אין ערשטן באַראַק. איך פלאָנטער צווישן טירן־פענצטער און ווייס נישט וואָס מיט זיך צו טאָן. דערנאָך איז פון ערגעץ אָנגעלאָפן דער זעלביקער בחור. ער האָט מיך אויפגעזוכט צווישן די הייזער, אַ נעם געטאָן די פּעקלעך און מיך אַריינגע־פירט אין אַ מין קאַנצעלאַריע, ווו עס האָט פריילעך געפלאַמט אַ קוילן־אייוועלע און ווו בחורים און מיידלעך האָבן געשאַרוועט מיט פּאַפּירן. איך האָב זיך צוגעכאַפּט צום אויוון. איי. ווי היימיש און ווי וואַרעם! דערנאָך — דערלאַנגט מיין „פּאַראָל”. יאָ. איך האָב אַ „פּאַראָל”, אַ פּאַפּירל אַזאַ, וואָס האָט צו זאָגן: מען דאַרף דעם באַזיצער אַמגיכסטן אַרויספירן, אַוועקפירן קיין מינכען.

דאָס האָב איך אין ווראצלאַוו באַקומען, מחמת — אין מינכען שאַפט „די פּאַרטיי” אַ יידישע צייטונג און מען דאַרף מיך דאָרט; והשנית: מיין באַנדאַזשירטער קאָפּ קאָן נישט פאַרטראָגן דעם פראָסט, ער דאַרף מנוחה...

איך בין אַריין אינם לאַגער־געוווירבל. אַ בעט. אַ קאָלדרע. שיסל־לעפל. קאָנסערוון. וועגשייד — האָט מען מיר פאַרשטיין־געגעבן — איז אַ טראַנזיט־לאַגער. בלויז אויף אייניקע נעכט. דערנאָך פירט מען קיין ווין. דערנאָך קיין זאַלצבורג. און פון דאָרט — צו דער גיכער הילף אַליין: מינכען.

האָב איך באַקומען אַ דערלויבעניש צו זיין אין לאַגער בלויז אייניקע נעכט. וואָרום, מיין קומען אַהער איז דאָך אומלעגאַל. אָרדענונג דאַרף זיין. און מחמת מען טאָר דאָך מיך נישט לאָזן אויף דער גאַס (מיטן „פּאַראָל”), איז פאַרגעקומען דאָס וואָס עס איז פאָרגעקומען: מען האָט מיך נישט אַרויפגענומען אויף דער רשימה פון די איינגעלאַגערטע. איך עקזיסטיר נישט. אַזוי פאַרלאַנגט דער סדר הביוראָקראַטיע. וועגשייד איז נישט קיין אָרט צו זיצן. פון דאַנען פאָרט מען. ווי לאַנג קאָן מען זיצן אויף אַ וואָקזאַל? הכלל: די „פאַרוואַלטונג” האָט בפירוש רעכט. און נישט לאַנג האָט געדויערט, אַז איך זאָל דערפילן: פון וועגשייד פאָרט מען נישט; פון דאַנען דאַרף מען זיך ראַטעווען.

אַ לאַגער פון לאַגערן־לאַנד. לאַנגע, פינצטערע, ברודיקע באַראַקן. אייזערנע בעטלעך. צעקנאַדערטע שטרוי־זעק. קאָלדרעס טיילן־אָפּ בעטל פון בעטל. משפּחה־

„צימערלעך״, וואָס פאַרפּינצטערן דעם בליק. אַזוי קוקן זיי אויס, די „באַפרייטע״. אַלץ געפינט זיך דאָ. יידן האַנדלען מיט קאָנסערווירטע פליישן און פודערן — מיט „דזשאָינט״־פּושקעס אַזוינע. מען האַנדלט אויך מיט פּאַפּיראָסן און כל־מיני „גאַלאַנטעריע״. אַ באַזאַר אויף אַ פאַרבלאָטיקט פלעצל. די הילצערנע ווענט — פאַרקלעפּט מיט פּלאַקאַטן. „שטימט ציוניסטיש־סאָציאַליסטיש!״ — שרייט אַראָפּ אַ רויטע שורה פון אַ וואַנט. פון אַ צווייטער וואַנט: „מיר פאָדערן ארץ־ישראל פוןביידע זייטן ירדן!״ און ווידער: „פאַרטרייבט די שפּאַלטערס פון דער ציוניסטישער מחנה! שטימט פאַר הסתדרות האחידה!״ — — —

ברדר! וואָס ווילן זיי דאָ? צו וועמען רעדן זיי און פון וועמען פאַרלאַנגען זיי? אָט שפּאַנט אַ ריי מיט שיסלען אין די הענט. מען לויפט ערגעץ אָפּנעמען דאָס מיטאָג. צעקנאָדערטע יידן און יידענעס. אַזוי קוקן־אויס לאַגער־יידן. וואָס ווילן דאָ, אין דעם כף הקלע — פאַרטייען? פאַראַן דאָ אַן „אונרא״־ביוראָ, פאַראַן אַ „דזשאָינט״־ביוראָ, פאַראַן אַ „בריחה״־ביוראָ. די אַלע העלפן. זענען זיך מטפל מיט די איינגעלאַגערטע. וואָס ווילן די פאַרטייען? און וואָס וויל דאָ דער פאַרטייאישער קאָמיטעט? אָט שטיי איך נעבן אים. ער געפינט זיך אין סאַמע צענטער. אַרום אים און אין אים — אַ לאַנגער באַראַק מיט טירן, עפענונגען און פאַרקראַטעוועטע פענצטעלעך — שטויסן זיך יידן און שעלטן. וועמען? די „קאָמי־טעטשיקעס״, וואָס „פרעסן צעזעצטרהייט״ און לאָזן אַלעמען „אויסגיין פון הונגער און קעלט״... און אימעצער שרייט אַריין צווישן די פּראָטעסטירערס: „אַ קרענק דאַרף מען שטימען פאַר זיי, אַ וויטיק״...

נו, אויך די פאַרטייען ווילן לעבן. עס געפינען זיך דאָ שליחים פון ארץ־ישראל. זיי האַלטן רעדעס. דאָס פירן זיי די פאַרטייאישע פּראָפּאַגאַנדע. ווילן אויך זיי הנאה־האָבן פון לעבן. מסתמא איז אַנדערשוווּ נישט בעסער; מוזן זיי קומען אין לאַגער אַריין, דאָ זיצן... ווער ס׳איז זיי מקנא...

איך פאָר מיטן אויטאָבוס קיין לינץ. קינדער פאָרן אין דער שולע. רויטפּלאָמיקע, פּוכקע, פריילעך־רעשיקע. האָבן טענות צו די קינדער? פרעגן זיי, הלמאי זייערע טאַטעס האָבן אויסגעמאָרדעט אַ מיליאָן יידישע קינדער? — — די וועלט! אָט איז עסטרייך צעפּערטלט. די פיר גרויסמאַכט־שותפים שפּאַנען דאָ אַרום, פּילן זיך נישט שלעכט: זייערע סאָלדאַטן עסן שאָקאָלאַד און שלאָפן מיט דייטשקעס. די גאַס און די בירהאַלעס — אויסגעפּילט מיט זייער געלעכטער.

פון לינץ פירן צוויי וועגן. איינער קיין ווין און דער צווייטער — צוריק. יאָ, יידן פאָרן צוריק קיין פּוילן. ווער עס וויל נישט וועגעטירן אין לאַגער, ווער — עס פירט מסחר. פאַראַן אין לינץ אַ פּוילישע „פּלאַצוווקע״ אַזאַ, וואָס פאַרנעמט זיך מיט די פּליטים פון פּוילן. גענוג צו באַווייזן אַ פּאַפּירל וועגן ריינער „פּויליי־שאַפט״ און מען באַקומט אַ בילעט קיין פּוילן. טוען דעריבער יידן פאָרן אַהער

אויפן חשבון פון דער „בריחה״ און צוריק — אויפן חשבון פון פוילישן מלכות. שייך צו זאָגן: פוילישע פליטים — — —

און איך מוז זיך דערשלאָגן קיין ווין. דאָרט געפינט זיך דער סאַמע „מרכז״ פון דער „בריחה״־חברה. עס טרייבט מיך אַן אומרו. וואָס וועט זיין אין ווין? און וואָס וועט זיין אין מינכען? דאָ דייטשן, דאָרט דייטשן. לאַגערן. פּאַרטייען און קאַלאַריעס.

קיין ווין פירט מען נישט. דאָרט אַהין איז גענוג צו קויפן אַ באַן־בילעט. און נישט שטענדיק. מחמת פליטים האָבן פיינט צו באַצאָלן פאַר די „רייזע שפּעזען״ אויף עסטרייכישע באַנען.

ווין ווי לינץ: עסטרייכישע דייטשלעך שפּאַנען איבער געפּרוּווירענע גאַסן מיט רויט־פלאַמיקע בעקלעך, מיט בערשטעלעך אויף גרינע קאַפּעלושלעך. ווין און וואַלס און פּעט־שוימיקער ביר. אַלץ ווי געווען. טעאַטער און אָפּערע און קינאָ. נעאָן־ליכט בלענדט דעם בליק.

וואָס האָב איך דאָ צו טאָן. עס טרייבט מיך איבער די ווינער פּראַסטיקע גאַסן. איצט מוז איך גרייכן קיין זאַלצבורג. פון דאָרט — מינכען און ווייטער. וווּהין? אַוועק פון איראָפּע! און ווידעראַמאָל — וווּהין? איז דען די גאַנצע וועלט נישט ענלעך — מיט איר מאַראַל, מיט איר רחמנות, מיט איר מיטלייד — צו איראָפּע? מחמת, וואָס האָט דען „די וועלט״ געטאָן פריער, ווען גאַנץ איראָפּע איז געווען איין קאַלכאויוון, ווו יידן זענען געבערענט געוואָרן לפני עם ועדה? און וואָס טוט „די וועלט״ איצט, אַז די שארית הפליטה זאָל זיך נישט דאַרפן וואַלגערן אין לאַגערס, בשכנות פון די געוועזענע קאַלכאויוונס?

און דאָך, יאָ און דאָך — פילט זיך שוועבן איבער דער לופט אַ האַנט אַזאַ פון גערעכטיקייט, אַ האַנט, וואָס קלאַפּט־אויס מיט ביינערדיקע פינגער איבערן דייטשן מוח די זעקס אותיות:

מ־ע־ר־ד־ע־ר...

וואָרום: אַט ליגט דאָס שיינע, דאָס גאַנצגעבליבענע און זינגענדיקע ווין צעשפּאַלטן אויף פיר טיילן — דאָ ריר זיך נישט און דאָרט קריך נישט. אַנומלט בין איך געפאָרן מיטן טראַמוויי, סתם אַזוי געפאָרן. האָט ער זיך פּלוצים פאַרהאַלטן נעבן אַ מין טויער און די פּאַסאַזשירן האָבן אים געמוזט דורכגיין צופוס. ווייטער גייט נישט דער טראַמוויי. אויף יענער זייט טויער באַלעבאַטעווען די רוסן.

און אין נירענבערג האָט זיך מיט גרויס טומל געעפנט דער פּראָצעס קעגן די שפּיצן פון דער נאַצי״שער מערדער־באַנדע. אינטערעסאַנט: צווישן די משפּטערס געפינען זיך אויך — די רוסן. עד, וואָלט נאָר היטלער נישט צעשטערט זיין אָפּמאַך מיט סטאַלינען, ס׳הייסט: וואָלט די דייטשע אַרמיי נישט איבערגעפאַלן דעם ראַטנפאַרבאַנד — ווי זיי וואָלטן זיך נאָך איצט געקושט אין די פּיסקלעך,

זיי, קאָמוניזם און היטלעריזם, אויף די חורבות פון דער וועלט! איז דעריבער קלאָר, אַז די רוסן משפּטן איצט די דייטשן בלויז דערפאַר, וואָס זיי זענען נישט קיין וואַרטלייט; וואָס דער „פירער" איז נישט קיין „געוויסנהאַפטער פירער". און די וועלט קוקט זיך צו, הערט זיך צו — צו די באַשולדיקונג־רעדעס פונם סאָוועטישן באַשולדיקער.

און אָט — זאַלצבורג. דאָ האָב איך באַקומען די ריכטיקע הבטחה: „נאָר געדולד, חבר!" מסכּים. דאָ איז אַ געשלאָסענער לאַגער. דאָ דאַרף מען זיצן און וואַרטן. מיין נאָמען געפינט זיך צווישן די ערשטע אויף דער נאָנטסטער רשימה, עס הייסט — ביים נאָנטסטן „גיין" צו דער גרענעץ. און דערווייל ווערן מיר דאָ געהיט — נישט אַרויס און נישט אַריין. נאַרעס. קעסל־זופּ. קאַלאָריעס און קאָנסערוון. אַן אמתדיקער לאַגער־קאָלעקטיוו מיט קעגנזייטיקן צוטרוי. אָבער גנבים בלייבן מיר סיווי, — מיר, קליינע רעשטלעך געראַטעוועטע יידן, לעבן אומלעגאַל און אויפן חסד פון דייטשן גנאָד. מיר גנבענען גרענעצן. נישטאָ קיין לעגאַלער וועג פאַר אונז. מיר מוזן דורכמאַכן טראַנזיט — פון לאַגער צו לאַגער.

7. אַ שוואַרצע נאַכט — צו דער גרענעץ

באַקומען אַ באַפעל: גרייט זיין היינט ביינאַכט! אַ פריילעכע בשורה. „היינט ביינאַכט גיין איבער דער גרענעץ!" דאָס מיינט דאָך אַזויפיל! דאָס מיינט: אַרויס פון לאַגער, זיך מעגן פריי באַוועגן און קומען ערגעץ צו אַ ברעג. איך גרייט זיך. פּאַק זיך. דאָס פּעקעלע דאַרף זיין קליין. איך קוק אויף די פּנימער אַרום, לייען אַרויס פון מאַטע אויגן: געקומען דער לעצטער און גייט דער ערשטער! אַלע ווילן גיין, פאַרלאָזן דעם לאַגער. סיווי געהערן אַלע דאָ צום סאָרט „פּריווילעגירטע". נישט היינט איז מאָרגן. אַלע וועלן גיין דעם גליק אַנטקעגן... זיך געזעגנט. זיך אָוועקגעשטעלט ביי דער טיר וואַרטן. אַזאַ איז דער באַפעל. און זיך דערוואַרט. אַן איבערגעדעקטער לאַסטאויטאָ האָט מיך ממש „אַריינגעשלינגען". ווי שנעל געקומען, אַזוי שנעל אַוועק. אַפילו נישט געפילט, ווי ער האָט פאַרלאָזט דעם לאַגער. פינצטער אינעווייניק. נאַכט. אַרום מיר, טאַטעס, מאַמעס, קינדער. אַלע שטייען אויף די פיס. אַלע וואַקלען זיך, פאַלן און שטעלן זיך ווידער. שטיל. נישט רעדן. נישט רייכערן. נישט קרעכצן. דער סודותפולער אויטאָ ווערט באַגלייט פון די געהיימנישפולע „בריחה"־בחורים. מיר געפונען זיך אין זיכערע הענט. שטיל. אַ פינצטערער שאָסיי וויקלט זיך און וואַקלט זיך. די גאַנצע וועלט וואַקלט זיך צוזאַמען מיט אונז. שאַ. אָבער אַ קרעכץ, אַ פאַרשטיקטער יאָכץ, רייסט זיך יאָ דורך; ער שלייכט זיך פאַרביי דער שטיל־קייט און מאַכט אויפציטערן: נישט לאַנג צוריק זענען יידן אָט אַזוי געלעגן ערגעץ פאַרשטעקט, באַהאַלטן פון שונא. איצט ווידער — אַ שונא. ווידער —

אַ דייטשער, אַן עסטרייכישער שונא. שטיל זאָל זיין. זאָל דער סאָלדאַט נישט וויסן, אַז דאָ פאָרן יידן; אַז יידן פאָרן זיך ראַטעווען, אַנטלויפן, גנבענען אַ גרענעץ — — —

פּלוצים האָט זיך דער סודותפולער־און אין־נאַכט־איינגעהילטער אויטאָ האַסטיק אָפּגעשטעלט אין מיטן שאָסיי. אימעצער האָט פון דרויסן פאַנאַנדערגענומען די פלאַנדעק־עפענונג. צוזאַמען מיט דער נאַכט האָט אין אויטאָ אַריינגעקוקט אַ צעשויבערטער בחור. זיין פנים נישט געזען, בלויז געהערט זיין אייליק רעדן, גיך, אָן אָפּשטעל און האַסטיק.

„האַ, וואָס... וואָס האָט ער געזאָגט?" — טרעט אינעווייניק איינער דעם צווייטן אויף די פיס.

„ווער? ער? דאָס איז דאָך פון דער „בריחה". דער צעשויבערטער? יאָ. טאַקע ער!"

„שאַ, ווייבער, גוידערט נישט. מ'עט נאָך הערן!"

„נו, רירט זיך פון אָרט. ער האָט געזאָגט, אַז דאָ דאַרף מען אַראָפּגיין. איר זעט'אָך אַז דער אויטאָ שטייט!"

און דער אויטאָ שטייט טאַקע. און עולם נעמט אַרונטערשפּרונגען. ווער פריער, ווער שפּעטער. אָן אַ סדר. און סאַראַ סדר איז צו פאָדערן פון גרענעץ־שוואַרצערס, וואָס דאַרפן זיך לאָזן איצט, אין דער פאַרפרוירענער נאָוועמבער־נאַכט, איבער פעלד און וואַלד צו אַ גרענעץ ערגעץ. עד, וועלט — הלוואי וואָלסטו געפילט אונזער טעם! — — —

שאָסיי. אימעצער לאָזט זיך לינקס. אַלע נאָך אים. איינער פאַלט — אַלע אויף אים. היפּש אַראָפּ פון וועג. מיר קריכן איבער בערגלעך, גריבלעך. פאַרביי אַ קאַלוזשע. אייז קרישלט זיך אונטער די טריט. קינדער שטיקן זיך אין געוויין. מען טאָר נישט וויינען הויך. נאָך נישט! ווער לויפט פאָרויס? שאַ. נישט רעדן. נישט פרעגן. זיכער פירט אימעצער. די „בריחה". מיר גייען אויף אַ זיכערן וועג, מיט אַ זיכערער שמירה. נאָר זיך האַלטן באַנאַנד. מוטיק. ווי עס פּאַסט פאַר געפרוווטע, פאַר געליטענע. מיר וועלן באַלד דערגיין. נאָר נישט קרעכצן, נישט סאָפּען הויך.

פינצטערע נאַכט. מען טאָר זיך נישט פאַרלירן. שאָטנס בראַדיען צווישן קשאַקעס. געפאַלן? וועסט נאָך חלילה פאַרלירן די ריי. איינס צוויי. געשפּאַנט. געטראָטן. אין אַזאַ חשכות דאַכט זיך — אַ בוים, לסוף אַ מענטש. וואָס שטייט ער אַזוי ווי אַ בוים אין מיטן וועג? אָוועקגעשאַרט און ווייטער געשפּאַנט.

ווי לאַנג? וועט נעמען אַ סוף? אָט דאָרט זעען זיך שוין פייערלעך. עס איז שוין „יענע זייט". און דאָ — דרייט מען זיך גאָר אויף איין פּלאַץ. נישט אַהין און נישט צוריק. האַ? ווער זענען זיי, די, וואָס לויפן פאָרויס? קיינער נישט. זיי לויפן

דען פּאַרויס? איז דען דאָרט דער פּאַרויס? דאַכט זיך — זיי לויפן גאָר צוריק. אַלע, אַ מאַן פּופּציק, — צונויפגעקנאָדערט אין איין קרייז. נישטאָ קיין אַרויס. דרייען זיך, ווי היינט אַרום זייערע אייגענע ווײַדלען. און ווו איז פאַרשוווּנדן יענער־אַ, דער צעשויבערטער בחור פון דער „בריחה״? ער איז אַוועק, אַוועק־געפאָרן מיטן אויטאָ — צוריק. האַ? געלאָזט אויף הפקר? נו, מ׳עט שוין דערגיין אָן אים. אָט איז זי, די גרענעץ — צ׳זעט? אַ שלאַבאַן. אַ וואָס? עס איז דאָך גאָר אַ פערד. ניין. עס איז אַ ברעט איבער אַ טיפן גרוב. נעמען די אויגן אין די הענט, אויב איך ווילט נישט איינגעמען די פּגירה!

מיאוס, זייער מיאוס אַריינגעפאַלן. טיפע מיטן נאַכט. אַ מאַן פּופּציק דרייט זיך אין אַ קאַראַהאַד. מיד פון שווייגן. מען נעמט רעדן הויך. מען שרייט. מען זידלט „אין דער מאַמען אַריין״. אַז ברענען זאָלן זיי, די „בריחהניקעס״. פאַרוואָס האָבן זיי געלאָזט אויף הפקר אָטאָ־דאָ־אָ??!

איך פיל נישט די פיס. די פייכטקייט דערגייט ביזן קאַרק, ביזן קאָפּ. מער קאָן איך נישט טאָפּטשען אַרום זיך. אָט איז זי דאָך געווען, די גרענעץ — ווו איז זי פאַרשוווּנדן? — — —

שאָסן. מען שיסט. עס הערן זיך אויסגעשרייען:

„לאַאַאוס!״

„ראַאַאוס!״

„האָ, ווי איז מיר! — פאַלט אימעצער אויף אימעצן — שוין ווידער „לאַוס״ און „ראַוס״? שוין ווידער שיסן דייטשן אויף באַהאַלטענע יידן?״

אַ געשטויס. אַ געשטופּ. אַלע צוזאַמען און איינער אויפן צווייטן. איצט וויינען שוין קינדער אויף אַ קול.

עסטרייכישע סאָלדאַטן, די גרענעץ־וואַך, האָבן דאָס אַנגעמאַכט דעם טומל. האָבן זיי דען פריער נישט געוווּסט, אַז די גרענעץ דאַרף היינט זיין „אָפן״? איך ליג פאַרשטעקט הינטער אַ וואָגט פון עפּעס אַ הילצערנער בודע אין מיטן פעלד. אַ פּראַסטיקע נאַכט און מיך שוידערט פון — היץ. שוויס־ריטשקעס איבער דער פּלייצע, איבערן בויך. אָט אַזוי, דאָ, צווואַרטן ביז טאָג. נעבן מיר זיך צוגעזעצט נאָך אַ שאָטן. אַז דער וועג איז סיִיווי פאַרלוירן. און דער שאָסיי? אַז קיין שאָסיי איז בכלל נישט געווען, ווי ס׳איז קיין „בריחה״ נישט געווען. אָפּנאַרעריי. וועמען האָבן זיי אָפּגענאַרט, דידאָזיקע יונגען? ביז פאַרטאָג איז נישט ווייט. מ׳וועט אַוועק אַהין. מ׳וועט ברעכן קעפּ, וועט מען. ווי נעמט מען דאָס און מען מאַכט קלעק פון יידן, געפייניקטע יידן, האַ?

איך זיץ איינגעדושעט אין זיך. דער ירגזון פון יידן אַרום פרעסט זיך איין אין מוח. באמת: צי ווערן אַלע „טראַנספּאָרטן״ קיין ארץ־ישׂראל געפירט אָט אַזוי? און אפשר: איפכא מסתברא — טו איך טראַכטן פאַרקערט — זענען די „בריחה״־

בחורים כלל נישט שולדיק. ווייס דען אַן אונזעריקער, ווי דער „ענין" ווערט געמאַכט? אָבער קיין ווייד קלעפּן זיך נישט. קיינער פון די יידן אַרום וועט בּישט הערן איצט קיין רייד. אין אַזאַ פראָסט — און געלאָזט אויף הפקר! וועמען? פרויען און קינדער! מ'ער־זאָוו־צעס!

הכלל: נאָר געדולד און דאָס בייזע פאַרשווינדט. און דאָס סאַמע בייזע און ביטערע אין דער דאָזיקער נאַכט איז — די נאַכט. אַז מ'וועט זי פּטור־ווערן, וועט דאָך ווערן ליכטיק. עד, אַביסעלע ליכט! און דאָס ליכט איז געקומען. פשוט: אין הימל האָט זיך געעפנט אַ פענצטערל. דער טאָג נעמט זיך אַרויס־שיילן, אַ געפרוירענער, אַ פאַסקודנער טאָג. דאָך — אַ טאָג. און ער איז געקומען — נאָך אַ נאַכט פון קעלט און היץ. און עס האָט זיך אַרויסגעשיילט דער שאָסיי — אַ שאָסיי ממש — אַ גלאַט־אַספאַלטירטער וועג, וואָס פירט פון זאַלצבורג ביז באַד־רייכענהאַל, ביז דעם מקום, וווהין מיר דאַרפן גרייכן. לינקס פון שאָסיי — די בייערישע דייטשן, רעכטס — די עסטרייכישע. מיר זענען געבליבן קוים אַ מנין. מען שמועסט מיט קנאה, אַז דער גרעסטער טייל איז אַריבער די גרענעץ. זיי האָבן „אָפּגעכוירעשט" די סאָלדאַטן און — אונז געלאָזט דאָ. אויך דער „בריחהניק" איז אַריבער מיט אַלעמען. מאַלע וואָס מען רעדט. איך וואָלט זיך געוווּנדערט, ווען מיינע שכנים וואָלטן גערעדט — אַנדערש. אין אַזאַ קעלט. אין אַזאַ חשכות.

איצט נעמט מען אויסגלייכן די פיס, זיי גרייטן צום שפּאַציר — צוריק. כאַטש גוט, אַז עס איז דאָ אַ „צוריק". בכלל: וואָסי ס'איילעניש? זענען די בייערן בעסער פון די עסטרייכער? — — —

8. עס רודערט זיך...

„מאָרגן אָוונט, חבר, וייט גרייט. הונדערט פראָצענט געזיכערט. איר וועט זיכער דערגיין".

און די בחורים אין זאַלצבורג גיבן מיר צו פאַרשטיין: עס טרעפט אַמאָל אַ „שלעכטע גרענעץ" און מ'מוז רעזיגנירן. צו וועמען זאָלן מיר האָבן טענות? אוודאי זענען יידן נישט צופרידן. דערויף זענען זיי דאָך יידן און דווקא באַעוולטע. נו, טראַכט מען אויס פאַרשידענע מעשות. טענות? נאָר נישט קיין טענות. אַזוי איז עס, דאָס לעבן אונזערס...

זאַלבע פיר אין אַ קלייגער מאַשין, וואָס גליטשט זיך אייליק איבערן גלאַטן שאָסיי. אייליק לויפט די מאַשין. אַ פינצטערע מאַשין אויף אַ פינצטערן וועג. אָבער דער שאָפער ווייס ווו צו דרייען ס'רעדל. און אַזוי דרייט ער ביז — נאָך אַ האַלבער שעה בערך — ער האָט אויפגעהערט צו דרייען. דאָ איז עס. מיינע דריי מיטפאָרערס — ווי סודותדיק זיי זענען געזעסן במשך דעם פאָרן, אַזוי

סודותדיק זענען זיי פֿאַרשוווּנדן. מסתמא די ריכטיקע „נאַכטפֿייגל". גיי ווייס: אָפֿענע גרענעצן. טיראָלער בערג. איטאַליענישע פּאָרטן. אַ פֿרייער ים. און די ענגלענדער גיבן נישט קיין סערטיפֿיקאַטן, פֿאַרשפּאַרן דעם וועג פֿאַר געראַטע־ווועטע יידן. נאַרישקייטן. דידאָזיקע „פֿייגל" ברעכן גרענעצן, פֿירן זייער „סחורה" וווּהין מען דאַרף. די „בריחה"־לייט.

שטיל. שוין היפּש נאָך חצות. דער פֿראָסט גריזשעט אויף די ביינער. אַ ווייסע רואיקייט האַלט אין קלעם דעם יידן־לאַגער. הויכע מויערן. פֿענצטער אין דער ברייט, אין דער לענג, שוואַרצע, פֿינצטערע קאַזאַרמע לעכער. באַלד וועל איך זיך געפֿונען הינטער אַזאַ פֿענצטער. אַ בחור פֿון דער „הנהלה" איז געלאָפֿן עפּעס צוגרייטן. אָט איז ער,

„קומט, חבר, פֿאַראַן אַ וואַרעם בעט".

אַ גרויס, געדיכט חדר. בעטן. בעטן. און טאַקע בעטן ממש. נישט קיין נאַרעס און נישט קיין סאָלדאַטסקע בעטלעך. שוין לאַנג נישט געלעגן אין אַזאַ בעט, מיט אונטערבעט און איבערבעט. אַ ווייך און וואַרעם בעט ממש. וואָס די נאַכט איז פֿאָרגעקומען אַרום מיר? אַפֿילו מ'זאָל מיך געוועזן קויפֿן אַ פֿעליקע נאַכט, וואָלט איך אויך נישט געפֿילט. כ'בין געלעגן אַן איינגעזונקענער אין אַ קופּע פּעדערן, ממש ווי דער מלך בכבודו ובעצמו. ווו האָבן זיי גענומען אַזויפֿל פּעדערן, אַזויפֿיל פּערענעס?

אין די פֿריע מאָרגן־שעהן האָט מיך אויפֿגעוועקט אַ טומל — יוגנט־געלעכטער פֿון בעט צו בעט. מיין נאָנטסטער בעט־שכן: פֿינקלדיקע אויגן, צעפּלאָשעטע טשופּרינע און אַ קישן אין די הענט; גרייט צו וואַרפֿן אין קעגנאיבערדיקן בעט. דערזען מיך אַן אויפֿגעוואַכטן, האָט ער איינגעהאַלטן דעם אָטעם און דאָס קישן געלאָזט צורו. ווער ווייס. אפשר בין איך בייז הלמאי ער האָט מיך אויפֿגעוועקט. אָ, חברה, ווי קאָן מען זיך גאָר בייזערן אויף פֿריילעכער חברותא?

„זאָג מיר, בחורעץ — האָב איך מיט מיין טשעקאַווען בעט־שכן געשלאָסן די ערשטע קאַנטשאַפֿט מיט דער הילף פֿון זייער אַ פּשוטן יידיש און מיט זייער אַ פֿאַרשלאָפֿן קול — פֿון וואַנען קומסטו און וואָס טוסטו דאָ, דו און דיינע חברימלעך אין דעם גרויסן חדר?"

האָבן זיך תיכף אַרום מיין בעט צונויפֿגעקליבן אַ צענדליק אַזוינע בחורימלעך. זיי ווייסן, אַז היינטיקע נאַכט בין איך געקומען פֿון „יענער זייט" מיט — זיכער (ווי אַנדערש?) — אַ „וויכטיקע שליחות". האָבן זיי גענומען רעדן אַלע מיטאַמאָל. כמעט אַלע זענען זיי געווען פֿאַרשטעקט אין לעכער, אויסבאַהאַלטן פֿונם שוידער־לעכן דייטש־מערדער. איינער אַ בחורל באַרימט זיך, אַז ער איז געווען אַ פּאַרטיזאַן; אַ צווייטער — אַביסעלע פֿאַרשעמט און אין אַ יידיש, וואָס זיינע חברים מוזן געפֿונען פֿאַר אים ווערטער — איז גאָר געלעגן אין אַ קאָשטשאָל

און אַ דריטער — געווען אַ פּאַראַבעק, און אַ פערטער, אַ פינפטער... יעדער מיט זיין גרויל־געשיכטע; קינדער פון ביטערסטן גורל. איצט האָט זיך צו זיי אומגעקערט דאָס לאַכן. שטיפן זיי. טאַקע דאָ האָט מען זיי אויסגעלערנט לאַכן, זיי אומגעקערט דעם קינדעישן הילוך. דאָ וואַרטן זיי אויף דער ריי. מען פירט זיי קיין ארץ־ישראל. און איינער פון זיי, מיט אַ היפּשער טשופּרינע און ווייסע אויגן, אויסגעפּילט מיט ייִנגלשער חוצפּה, טוט פּלוצים אַ שפּרונג אַרויס פון דער גרופּע:

„און צו וואָס זענט איר געקומען אַהער? איר זענט דאָך געקומען צו אונז: טאָ פאַרוואָס פרעגט איר זיך, אַז איר ווייסט דאָך בעסער פון אונז?!"

אימעצער טוט אים אַ שטויס פאַר זיין חוצפּה. אָבער איך האָב זיי אַרויסגעפירט פון טעות, זיי דערציילט, אַז כ'בין נישט קיין שליח און געהער בכלל נישט צו די „בעסערע"; אויך איך וועל איצט וואַרטן אויף דער ריי.

די ייִנגלעך זענען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען — אַנטוישטע...

באַד־רייכענהאַל. דאָס מקום האָט דעם אויסזען פון יאַ־און נישט־לאַגער. ווייל מען — איז עס אַ יידיש שטעטעלע אין סאַמע מיט פון געוועזענעם בייעריש־דייטשן לוקסוס. הויכע מויערן, באַזוימט מיט בערג, שניי, אייזיקע פּאַנאַראַמע. שטיל אין באַד־רייכענהאַל. נישטאָ לאַנג צוריק האָט דאָ געטומלט מיט דייטשן, געקומען זיך גליטשן אויף די בערג, זיך פאַרשטייפן צום „מאַרש אויף אָסטען". איצט שאַרן זיך אַרום די ווענט — יידן. זיי זוכן אין די פיל טירן, אויף די פאַרשידענע אַרויסגעהאַנגענע צעטעלעך, זוכן אַ באַשייד: וואָס וועט זיין מאָרגן? פאַראַן אויך אַ לאַגער־צייטונג. איר נאָמען: „דער מאָרגן". מסתמא ענטפערט זי: וואָס עס וועט זיין מאָרגן... אָט קוקט זי אַראָפּ פון אַ וואַנט — אַ יידישע צייטונג מיט לאַטייניש אותיות. דער ערשטער „קאָפּ" פאָדערט — „עפענען די טויערן פון ארץ־ישראל פאַר דער שארית־הפּליטה!"

אַ יידן־גרופּקע שפּאַרט זיך נעבן איינער אַ וואַנט. איבער אַ טיר הענגט אַן אויפשריפט. איך שטעל זיך אַריין צווישן. אפשר וועט עס אויך מיר ברענגען נוצן. סוף־סוף בין דאָך אויך איך איינער פון דידאָזיקע יידן.

„קאַלאָריעס אויף זייערע קעפּ! כ'וואָלט מיין לעבן אויסגעלעבט און נישט געוווסט פון קיין קאַלאָריעס. אַז ס'איז געווען אָפּצועסן צו דער זעט, האָט מען געוווסט: מען אַרבעט, מען עסט און מען לעבט, אָבער קאַלאָריעס? דאָ זענען זיי געקומען מיט זייערע פּושקעס און זיי אַ נאָמען געגעבן קאַ־לאָר־יעס"...

יידן לאַכן פון דעם מענה־לשון. וואָס איינער פון זיי לאָזט הערן. אַלעמענס פּנימער האָבן דעם אויסזען פון צעקנאָדערטע, רויע פעלן. באַוואַקסענע פּנימער. די הלבשה: פּאַלטנס געמאַכט פון קאָלדרעס, שווערע סוועדערס און שאַלן און

— נישט אויסגערעדט זאָל׳ס זיין — אַלץ לויט איין מאָס, צוגעשניטן און צוגע־פּראַוועט — קאַלאָריעדיק.

אַ מעלה־גירהדיק לעבן. אַ קאַזאַרמע־לעבן. יידן ווילן אַוועק, אָבער די ביוראָ־קראַטישע מאַשין אַרבעט זייער פּאַמעלעך. וואָסי דאָס געאײַל? פּאַראַן עסן. פּאַראַן אַ בעט. אוודאי. נאָר אַן טענות. אויך אַמעריקע איז נישט געבוירן געוואָרן אין איין שעה. יידן זענען רעגיסטרירט אויף צו פֿאָרן — קיין אַמעריקע, קיין ארץ־ישראל, קיין אויסטראַליע, קיין... אומעטום רעגיסטרירט. ווו נאָר מ׳וועט אַריינלאָזן צומערשט.

די ווענט — באַקלעפּט מיט פּלאַקאַטן. פּועלי ציון רעכטע און לינקע, מזרחי, רעוויזיאָניסטן, אַלגעמיינע, אַגודה, פּח׳ה... אַלע רופן זיי אויסצוהערן זייערע רעדנערס, וואָס טראָגן יאָ און נישט דאָקטאָר־טיטולן. יעדער רעדנער וועט געבן אַן „איבערבליק״ איבער דער לאַגע — לויט דער צוגעשניטענער מאָס פון זיין פּאַרטיי. און יעדע פּאַרטיי פּאַרמאָגט דאָ איר „לאָקאַל״. אָט קוקן אַראָפּ די שילדלעך זייערע. און ווי אין אַלע לאַגערס — באַלעבאַטעוועט אויך דאָ אַ קאָמיטעט, צונויפגעשטעלט פון אַלע פּאַרטייען, אַ מין פּאָלקס־פראָנט לטובת אַלע יידן.

און אין מיין מוח נעמט ווידער פּיקן דער אַפּיקורס: פּאַר וועמען די אַלע פּאַר־טייען, שליחים, לאָקאַלן, רעדנערס און די רעשט דאָרט. אַז בסך־הכל איז דאָך דאָ — אַ וואָקזאַל. און ווילן זיי דאָך אַלע — אַלע פּאַרטייען — אַרויספירן די יידן, זיי אַוועקפירן קיין ארץ־ישראל. טאָ צו וואָס און פּאַר וועמען די מחלוקתן, רייסערייען, קריגערישע וויכוחים?

נאָר גיי און טענה. אָט וועל אויך איך זיך מוזן פּאַרדינגען צו איינער אַזאַ פּאַרטיי — לויטן גוטן ווילן פון ערגעץ אַ שליח וואָס וועט דאַרפן באַשטימען מיין גורל: ווערן אַ מעלה גירהניק אָדער מאַכן אַ לעבן מיגיע כפּי.

9. פון לאַגער צו לאַגער

אַלע וועגן פירן קיין מינכען. דאָס איז נישט סתם אַ נאָמען פון אַ שטאָט, וואָס האָט געדאַרפט פּאַרשאָלטן ווערן אויף אַלע אייביקייטן — די „שטאָט דער בעוועגונג״ פון וואַנען דער האַקנקרייץ האָט געשפּריייט זיינע גיפטיקע פיילן איבער אייראָפּע און זיי אַריינגעהאַקט אינעם האַרץ פון די אייראָפּעאישע יידן — — מינכען איז איצט דער צענטער פון אַלע טואונגען, זאַמלונגען און פּאַרזאַמלונגען פון רעשטלעך געראַטעוועטע יידן, צעוואָרפענע איבער אַ זיבעציק לאַגערס אין דער אַמעריקאַנישער זאָנע. און אַזוי רופט זיך אויך דער סאַמע צענטראַלער צענטער:

„צענטראַל־קאָמיטעט פון די באַפרייטע יידן אין דער אַמעריקאַנער זאָנע, דייטש־לאַנד״ — אַביסל אַ צו־לאַנגער נאָמען, דערפאַר — איז ער כולל אין זיך אַלע

פאַרטייען, אַלע לאַנדסמאַנשאַפטן, אַלע פאַרבאַנדן, אַלע... אַלץ און אַלעמען.
בקיצור: פון אַלע שטייגער — איין שטיין.

מינכען. גראָ און אומהיימלעך. אַ צעחורבנטע שטאָט. גיט עס לכתחילה אַ גלעט אויפן יידישן געמיט: ווי גוט צו זען דעם שלאַנגען־צענטער אין חורבן! אָבער עס ווילט זיך אַוועק פון דאַנען. עס טרייבט. שטויב און ציגל־בערג. אויף זיי — ווייסע שניי־קופּאָלן. די אַליאירטע באָמבעס האָבן דאָ פּינקטלעך געאַרבעט. זיי האָבן בלויז פאַרשפּעטיקט אויף איניקע יאָר. ווען פריער — וואָלטן מיליאָנען מענטשן געראַטעוועט געוואָרן.

עס טרייבט מיך פון מינכען. איך וויל אָפּרוען. און דער פראָסט מאַטערט, ווי עס מאַטערט דאָ אַלץ.

איך בין אַוועק אינם נאָנטסטן לאַגער — פערנוואַלד; לאָמיך זיין צווישן יידן, בלויז יידן. דער איינציקער אויסוועג פאַר אַ ייד איצט אין דייטשן לאַנד.

אַ יידיש שטעטל, דאָס פערנוואַלד. געוועזענע קאַזאַרמע פון היטלערס יונקערס, איצט — גאַסן און געסלעך מיט יידישע נעמען: שלום עליכם־גאַס, פּרץ־גאַס, הערצל־גאַס. פאַראַן דאָ אַן ערך פיר טויזנט יידן. אַ מין קיבוץ גלויות, בראש מיט רבנים, אדמו״רים, „איניקלעך״ און סתם פרומע יידן, אויך פרייע יידן, אויך בתי־כנסת, שולעס און — אַ קינדער־גאָרטן און קינדער, געבוירענע אין לאַגער; אויך פאַראַן פאַרטייען און קלובן און מטיפים און שליחים און אַ יידישע פּאָליציי, אַ לאַגער־פּאָליציי און אַ געשלאָסן טויער: אין יוצא ואין נכנס. אָרדענונג מוז זיין. און יידן האַנדלען, אַט אַזוי, אויפן פראָסט, מיט פּושקעס און פּושקעלעך: דיר אַ פּושקע פליייש, מיר — אַ פּושקע מילך, איך דיר... דו מיר... מען האַנדלט אויך „אין גראָס״: זייגערט און זייגערלעך, פעלן און פעלעכלעך... טויזנט רייכסמאַרק, צענטויזנט, הונדערט־טויזנט רייכסמאַרקן...

לאַגער־הייזקעס. קרומע דעכער, באַדעקטע מיט שניי, הייזקעס, ווי ספּעציעל אַוועקגעשטעלט פאַר געוועזענע שטעטלשע יידן. גראָ־פּראָסטיקע טעג. מרה־שחורהדיקע נעכט. ביטער־קאַלעמוטנע מעת־לעתן.

און אויך שמחות פּראַוועט מען אין פערנוואַלד. סתם־פריילעך־זמירותדיקע פריי־טיקצונאַכטן און אויך — חתונות און חופּה־פּירעכטס. און אַז אַ חתונה אין לאַגער — איז גאַנץ פערנוואַלד „אויף די פיס״. אַלע זיי, די איינגעלאַגערטע, געהערן צו ביידע צדדים: מחותנים פון חתנס צד, פון כלהס צד. און דער גאַנצער לאַגער טאַנצט אונטער פראָסטיק־באַשטערנטן הימל, אויפן אייזיקן שניי; מען טאַנצט ביים שיין פון דער שמייכלדיק־בלאַסער לבנה. די לבנה שמייכלט: אַ חתונה קומט־פאָר אין פערנוואַלד!

ניין. פערנוואַלד וועט זיך נישט לאָזן איינשלעפערן אונטער דער ריזיקער שניי־יאַרמלקע. פון מינכען קומען אַראָפּ רעדנערס, מדריכים, קאָרעספּאָנדענטן. פאַראַן

אין צענטער וואַכנבלעטער אויף יידיש, געמאַכט מיט היימישע, פּירקאַנטיקע יידישע אותיות. אַלע זענען זיי פּאַרטייאיש־ציוניסטישע: רעכטע און לינקע און אַלגעמיינע. סיזוי — דאָס יידישע אות קומט ווידער צום לעבן. דאָס אַליין איז דאָך אַ גרויסער נצחון. און גוט איז גראָד צו וויסן, וואָס פּערנוואַלדער יידן ווייסן, אַז זיי געפינען זיך אין מדבר. אַזוי הייסט זייער ציַיטונג מיט לאַטיינישע אותיות: „באַמידבאַר”...

אַ בעטל נעבן אַ פענצטער אין אַ חדרל מיט 3 בעטן — מיין שותּפות אין לאַגער. די שותּפים — מאַן און ווייב מיט צוויי צוויפּגערוקטע בעטן, אַנטקעגן זיי — אַ ייד פון זייער סגאַל, אָבער אָן אַ ווייב. איך קוק אַרויס דורכן פענצטער — אַ פאַרשנייעט פעלד. דאָ, אויפן אייזערנעם בעטל, מיט אַן עלנבויגן אויפן פענצטער, טו איך ממשיך זיין מיט מיין שפּאַנען צוריק — צו די שלש־סעודותן ביים רבינס טיש, צו די ישיבה־טעג און שטעטלשע „טעג”־עסן... אַן אַנדער וועלט געווען. איצט באַמי איך זיך צוריק אויפצולעבן זי. עך, וויפל שיינקייט האָט אַרויסגעלויכטן פון אַ בין־השמשות אין רבינס בית־המדרש! איצט ברענג איך אַרויף אויפן פּאַפּיר יענע איבערלעבונגען. אַזוי טעג און נעכט מיט אַ ליכטל אויפן פענצטער — נישט צו שטערן מיינע שכנים. און זיי — אָט האָבן זיי זיך פּלוצים דערמאָנט, אַז מען דאַרף ביי מיר פרעגן: וואָס שרייבט ער אַזויפיל? „האָט איר אַזויפיל קרובים אין אויסלאַנד?”

און דאָס פּאַרפאָלק שושקעט זיך:

„אַ גליקלעכער מענטש. ער האָט כאַטש צו וועמען צו שרייבן בריוו. מסתמא וועט ער אויך קריגן אַן „עפידעיוויט” פון אַמעריקע אָדער אַ „פּערמיט” פון אויס־טראַליע”...

די דריי — דאָס פּאַרפאָלק און דער שכן אַנטקעגן, ליגן אָדער זיצן האַלבע טעג און גאַנצע נעכט אויף די אייזערנע בעטלעך זייערע, שמועסן, קרעכצן און שפּייען אויף די ווענט.

טיילמאָל דאַכט זיך מיר, אַז אָט אַזוי, זיצנדיק ביים פענצטער, וועל איך אַריינ־זינקען אין דער פאַרגאַנגענהייט, פאַרזינקען ווערן אין איר — בלויז די שכנים מיינע וועלן מסתמא אַרויסלאָזן אַ קרעכץ אויף מיין סומנעם גורל: אַזויפיל קרובים אין דער וועלט און דאָ אויסגעגאַנגען צוזאַמען מיטן ליכט...

אָבער דערצו איז דערווייל נישט געקומען. מיר איז נאָך באַשערט אויפצוטאָן גרויסע זאַכן... אין „צענטער” בין איך נישט געפאָרן. דערפאַר איז מען געקומען צו מיר. און געקומען איז מען צו מיר פון אַ ווייטן לאַגער, וואָס געפינט זיך ערגעץ נעבן נירנבערג און וואָס רופט זיך: ווינדסהיים. פריער האָב איך באַקומען אַ בריוו פונם לאַגער־פּאַרזיצער, אַ היימישער יונגערמאַן מיטן טיטל „דאָקטאָר”, אַז ער וויל מיך האָבן ביי זיך און ער וועט זיך שטאַרק פרייען... נו, שיקט ער

צו מיר אַ ספּעציעלן שליח, יענער זאָל מיך ברענגען אַהין. הכלל: אין אַ פאַרפרוי־רענעם טאָג האָט זיך באַוויזן אַ בחור, זיך פאָרגעשטעלט: שליח פון ווינדסהיים. דעמדאָזיקן דאָקטאָר־פּאַרזיצער האָב איך דערקענט אין וורא‏צלאַוו. אַ פעאיקער יונגערמאַן. דער „דאָקטאָר־טיטל איז אים צונוצגעקומען זיך צו פאַרלייכטערן דעם בידנעם „דאָ זיין”. אַ דאָקטאָר איז נישט סתם אַ בשר־ודם. מיט אַזאַ טיטל איז באַקוועם אַריינצושוווּמען אין קהלישע ענינים. נו, אַלע הויקערס האָבן דעם זעלביקן אויסזען. עס זענען אָבער פאַראַן טאָפּלטע הויקערס. איז געוויס באַקוועמער — אַ הויקער בלויז אויף איין זייט...

ווינדסהיים. אַ דייטשיש שטעטל, וואָס אויך דער לאַגער טראָגט דעמזעלביקן נאָמען. מיין באַגלייטער, וואָס איז פאַרפרוירן געוואָרן אַ פעליקע נאַכט, גרייט זיך צו אַ צווייטער נאַכט. קיין סך אַרבעט האָט ער נישט מיט מיר. מיינע פעקלעך זענען פאַרפאַקט און מיינע ענינים אין פערנוואַלד, — בלויז איינצוזיצן אין אויטאָ, וואָס פירט צום וואָקזאַל.

און אויך די נאַכט איז פאַרביי. ווו אַ קער אין דעם בייערן — דאָ מינכען, דאָרט נירנבערג; נעמען, וואָס רייסן אויף ווונדן. „נירנבערגער געזעצן”. „מינכענער ביר־האַלע” — — —

מיניאַטור פון אַ יידיש שטעטל. אויך דער פאַרזיצער פאַרלירט אין די ווינדס־היימער בלאָטעס דעם טיטל זיינעם. ער קוקט גיכער אויס, אין זיינע הויך־פאַרוויקלטע שיך און פאַרבלאָטיקטע הויזן, ווי אַ שמש פון ערגעץ אַ הכנסת אורחים, אַ בכבודיקן הקדש. ער לויפט מיר אַנטקעגן. עס טוט פון אים אַ זעץ מיט שטעטלשער גוטברודערישקייט, וואָס איך בענק שוין לאַנג דערצו. ער איילט צום לאָקאַל, דאָס הייסט — צום קאָמיטעט, ווו ער אַמטירט. יידן איינגע־טונקענע אין בלאָטע. אַנדערשווו איז איצט אין סאַמע מיט ווינטער. דאָ איז וואַרעמער. דאָ צעגייט שוין דער שניי, שאַפּט קאַלוזשעס אויף דער צעבערגלטער ערד. דער פאַרזיצער שטעלט מיר פאָר זיין „פאַרמעגן”: אַלע אינסטאַנצן זענען געווילט לויט אַ סדר און נוסח; פאַראַן אַ לאַגער־געריכט, אַ לאַגער־רב, אַ לאַגער־קיך און אויך — אַ לאַגער־צייטונג, אין וועלכער ער וויל מיך זען אַ געדרוקטן. די צייטונג: „ווינדסהיימער לאַגער־ביולעטין”. אָט האַלט איך זי אין האַנט. צונויפגעשטעלט פון לאַטיינישע אותיות מיט פאָטאָס פונם „אונרא”־דירעקטאָר, פון זיין ווייב און קינדער, פון זיינע אויפטוען. יאָ, פאַראַן אויך אַ שולע און אַ ספּאָרט־פּלאַץ.

יידן טאָפּטשען אין די לאַגער־בלאָטעס. דאָ זענען די וווינונגען בעסער איינ־געאָרדנט. הויכע מויערן. וואַרעמע צימערלעך. בעטן, בעטן... דעם לאַגער פון שטעטל טיילט־אָפּ אַ הויכע בריק, וואָס הייבט זיך איבער דער באַן־ליניע. די בריק האָט אין זיך ענלעכקייט צו די בריקן, וואָס די דייטשן האָבן אויפגעשטעלט

אין די געטאָס, כדי די יידן אָפּצוטיילן פון די „אַריער". אויף יענער זייט בריק — אַ שטיל, רואיק, דייטשיש שטעטל: משופּעדיקע, רויטע דעכער. רויטע הענער אויף ביר האַליעס. רויט־באַקיקע קינדער קוויטשען אויף אַ ברייטן פּלאַץ. איך גיי צו דער פּאָסט. אינעווייניק — אַ לאַנגע ריי לאַגער־יידן, יידן... אַפילו זיי זאָלן נישט רעדן דעם געדיכטן יידיש, איז אויך צו דערקענען אויף זיי: לאַגער־יידן, אויסגעוואָרצלטע, „די־פּיס".

ביים פּאַרזיצער איז שטוב. באַלעבאַטיש און היימיש. אַ דירה ווייטלעך פון לאַגער־צענטער. אינעווייניק — אַ לייטישע וווינונג און אַפילו אַ הונט איז אויך פאַראַן. מיט אים שפּילט זיך דעם פּאַרזיצערס טעכטערל. יאָ, מען דאַרף זיין אַ דאָקטאָר, אַ פּאַרזיצער. אין לאַגער־לעבן זענען טיטולן — אַ סגולה.

פאַראַן דאָ אַ טויזנט יידן. אַלע מעלה גירהן זיי. קליינע גרופּעס ווערן אַרויס־גענומען אין די נעכט, אַוועקגעשיקט איבער אומלעגאַלע וועגן. אָבער אין לאַגער גופא זענען פאַראַן פאַרשידענע טיפּן. פאַראַן אַ גרופּע, וואָס רופט זיך „די ביאַליסטאָקער" — „שטאַרקע", וואָס מאַכן אַ לעבן פון דער פויסט. און פאַראַן אַנדערע, וואָס דראָען מיט „שפּאַלטן קעפּ פון די קאָמיטעטשיקעס", וועלכע נעמען אַלץ פאַר זיך און די לאַגער־יידן גיבן זיי גאַרנישט.

איך האַלט אין מיטן אויסמעסטן די בלאָטעס. נישט ווייל כ'דאַרף וויסן ווי לאַנג און ברייט די לאַגער־וועגן זענען, נאָר — ווייל דערגיין דעם סוד: ווי לאַנג נאָך וועלן די יידן זיך רופן „לאַגער יידן"? — — — צו טראַכטן איז בעסער אונטערן אָפענעם הימל. צו פילאָזאָפירן — ביים טאָפּטשען אין בלאָטעס. אַז די גאַנצע פילאָזאָפיע איז דאָך דערגאַנגען צום איינציקן ציל: די וועלט איז אַ זומפּ.

איך אַרבעט, דאַרף עס הייסן, אין צייטונג. יעדן טאָג קום איך פּינקטלעך. דאָרט זיצט שוין דער ייד, וואָס איז אַלץ אין דער רעדאַקציע: רעדאַקטאָר, שרייבער, „ברעכער", קאָרעקטאָר און אויך — דאָס שיקיינגל. נישקשה פון אַ „פירמע". אַליין איז ער, דער ייד, אַ זעצער פון וואַרשע; און אַז אַן אַמאָליקער זעצער — איז ער געקומען אין „באַרירונג" מיט די אַלע אויסגערעכנטע שיינע מינים, אין וואָס אַ צייטונג נייטיקט זיך. נו, קומט אים איצט דערפאַר נישט שווער אַן צו מאַכן אַליין די צייטונג. יאָ, ער האָט נאָך אַן עובדא און דווקא נישט קיין לייכטע: צו שרייבן און איבערצושרייבן יידיש מיט לאַטיינישע אותיות. דער דייטשער זעצער, וואָס זיין דרוקערייי געפינט זיך אין שטעטל, קען טאַקע יידיש — בלויז מיט לאַטיינישע אותיות.

פאַראַן אויך אַ גרויסער זאַל, ווו עס ווערן דורכגעפירט קולטורעלע אָוונטן. עפּעס טוט זיך. פאַראַן דאָ אַ ייד אַ משכיל, וואָס האַלט לאַנגע רעדעס פאַרן עולם. ער רעדט צו זיך אויף דער בינע, ער גייט הין און צוריק און — טענהט זיך אויס מיט זיך. און עולם זיצט. קיינער פּראָטעסטירט נישט. מען זיצט און מען שמועסט.

סוף־סוף איז דאָ באַקוועמער צו זיצן ווי אין שטוב. דאָ טרעפט מען באַקאַנטע. דאָ איז אַ מין זאַמלפּונקט. אַ שאָד, וואָס דער משכיל האַלט נישט זיינע רעדעס יעדן אָוונט.

דער איינציקער ציל: אַוועקצוגיין פון לאַגער. צו ליקווידירן אים. גייען טאַקע אַוועק יעדן אָוונט בחורים, ווערן געשיקט „אויף די וועגן" קיין ארץ־ישראל. אין איינער אַזאַ נאַכט האָט זיך דערטראָגן אַ טומל פון קאָרידאָר נעבן מײַן וווינונג. געוווּסט האָב איך, אַז בחורים וועלן היינט פאַרלאָזן זייער צימערל, וועלן אַוועק. זיי וועלן אונטן, אין „מחסן", באַקומען צידה לדרך. אָבער איינער פון די בחורים האָט זיך „אויסגעבראָכן" פון דער חברה און געקומען צוריק: ער וועט נישט גיין! ער מוז באַקומען אַלץ וואָס אים קומט. ער וועט זיך נישט לאָזן! ס'הייסט: און ווו איז די קאָלדרע? און דאָס רעקל? — — —

יאָ. די צייטונג דערשיינט יעדע סוף־וואָך. דער ערשטער עקזעמפּליאַר ווערט אַוועקגעטראָגן צום גוישקן „אונרא"־דירעקטאָר. די רעשט — צום קצב. און ווײ־ווײ: לייג איך דאָך אויך אַריין געגנוג פּראַצע, איך און דער סאַמע רעדאַקטאָר־ברעכער־קאָרעקטאָר. און ערשט דער דייטשער זעצער. ער באַקומט דאָך פאַר זיין אַרבעט באַצאָלט — אַראָפּגענומען פון יידנס קאָלאָריעס — —

דער פּרישער נומער כּאָרן קצבס פרישן פלייש, וואָס ווערט צעטיילט צו „געוויסע" טיטולירטע יידן. זיי עסן בלויז כשר און פריש פלייש.

אַ בלאַטיק און בלאַטיק לעבן. אַלץ טאַפּטשעט דאָ אַרום קאַמיטעט. האַלעוועשקעס, אַרויסגעראַטעוועטע פון אַ שריפה. אויך, געווען אַמאָל אַ לעבן. ווער ס'האָט געאַרבעט, ווער — געהאַנדלט, געהאַט אַן אָנשפּאַר. איצט... איידער אַזאַ לעבן — כ'לעבן!

ערשטע טעג 1947. לאַגער־יידן גנבענען גרענעצן. יעדע נאַכט גייען זיי אַוועק. בעטן ווערן ליידיק, ווערן צוריק אָנגעפילט און ווידער — ליידיק.

נעכטן איז צו מיר געקומען אַ ווייבל, אַ היימיש־יידישע מאַמע, מיט צוויי ייִנגלעך — אירע געראַטעוועטע זין. זי האָט זיי געטראָגן אויף זיך, קינדער קליינע געווען, פון פּוילישן שטעטל איבער גאַנץ ראַסיי, איבער סיביר. דאָס איינציקע ליכטיקע אין איר פינצטערער וועלט. און זי האָט זיי דערטראָגן אַהער. איצט זענען זיי שוין, ברוך השם, גאַנצע בחורים. וויפל איז דער שיער זי זאָל דאָ זיצן, מאַטערן זיך און די קינדער — אירע צוויי אויגן אין קאָפּ? אַ לעבן געאַרבעט פאַרן ציוניזם, געווען אַ טרייע חברטע, געווען און פאַרבליבן שטאָל־אייזן „פאַר דער פּאַרטיי". האָט מען גענומען און זי געלאָזט אויף הפקר. וואָס זאָל זי טאָן? פאַרוואָס גיט מען איר נישט קיין סערטיפיקאַט? זי וואָלט אַפילו געגאַנגען איבער בערג און טאָלן, געגאַנגען אין די פינצטערע נעכט מיט אירע צוויי ליכטיקע קינדער ביי דער זייט — וויל מען זי נישט נעמען!

„כ'בעט אייך, אפשר קאנט איר ערגעץ איבערדעדן?"

זי האט שוין געדעדט אומעטום. ספּעציעל אראפּגעפאָרן אין „מרכז" און געווען ביי אַלע גרעסטע שליחים. און גאָרנישט. איצט האָט זי מיך אויפגעזוכט. אַ רחמנות אויפן ווייבל. דאָס עלטערע ייִנגל האָט וואַרעמע, אָבער אָפּגעפרוירענע הענט. ווי פאַרט זיך דאָס? אין סיביר האָט מען אים געפירט אין וואַלד האַקן האָלץ. זענען די הענט זײַנע געבליבן ווייס — ווייסע פינגער און מאָדנע ווייכע ביינער; אָבער זיי זענען וואַרעם. איך האַלט זיי אין מיינע הענט. אויך דאָס ייִנגל קאָן מיר נישט אויפקלערן דעם „ענין". סייווי — די מאַמע און אירע צוויי קינדער דאַרפן באמת געהאָלפן ווערן.

פון דעם ייִנגלס פינגער גייט אַריבער אין מיינע הענט דער ווײי פון אַן אויסגעצערטער ייִדישער קינדהייט, אַן אויסגעפּייניקטער יוגנט — אַן אויסגעגאַנגענער — אויף די פּרום־סלאַווישע וועגן פון פּוילן און רוסלאַנד — — —

וואָס זאָל איך ענטפערן דער מאַמע זײַנער, דער ייִדישער מאַמע? איך וואָלט איר געהייסן זיך באַזעצן אינם נאָענטן דייטשן שטעטל, אין ווינדסהיים... וואָלט איך פאַרמאָגט כוח און הילף, וואָלט איך צונויפגענומען אַלע שטאַרקע יונגען פונם ווינדסהיימער ייִדן־לאַגער, מיט זיי אַוועק אינם דייטשן ווינדסהיים־שטעטל און פון דאָרט אַרויסגעטריבן אַלע דייטשן, זיי אַרייַנגעטריבן אינם לאַגער — און די ייִדן באַזעצט אין זייערע וואַרעמע שטיבער... וואָלט מען נאָר מיך געלאָזט...

איז דאָך אָבער די וועלט אויף דער זייט פונם מערדער. — סטייטש: מאַכן אַליין אַ משפט? נעמען נקמה? אַליין נעמען? נישט וואַרטן ביז די יושרדיקע וועלט וועט געבן? — — — אָט זיצן זיי דאָך אינם שכנותדיקן נירנבערג, פּראַווען אַ משפט — זיי און זייער קאָלעגע — דער סטאַלינגראַדער באַיעץ. ווו נעמט מען פאַרט דאָס ביסעלע יושר — פאַרן צעפּייניקטן ייד?

די מאַמע וויל צוזאַמען מיט אירע צוויי געראַטעוועטע קינדער שוואַרצן גרענעצן — קלעטערן איבער בערג, טאָלן, זיך באַהאַלטן פונם שונאס אויג — אַבי צו קומען קיין ארץ־ישראל. דער ביטערער שונא! דער דייטש? ניין. ער האָט דערווייל נישט קיין כוח צו זיין אַ שונא. איצט איז דאָס דער ענגלענדער. גיי און פאַרשטיי אַזאַ וועלט! וואָס האָט זי, די וועלט, זיך אָנגעזעצט אויף דערדאָזיקער מאַמע, אויף אירע צוויי אויסגעדאַרטע ייִנגלעך? אַ גליקלעכע מאַמע. זי האָט געראַטעוועט אירע ביידע ליכטיקע אויגן — די קינדערלעך. אַ העלדישע מאַמע. זיך קעגנגעשטעלט דער וועלט, נישט געלאָזט אַרויסרייסן פון אירע הענט די קינדער — — וואָס זאָל זי איצט טאָן מיט זיי?

איך שפּאַן איבער די בלאָטעס. ווי לאַנג שפּאַן איך שוין אַזוי, אָט אַזוי — פון מיין לאַגער־חדרל צו דער לאַטייניש־ייִדישער רעדאַקציע פונם „ווינדסהיימער

לאַגער־ביולעטין״? אַ חודש, צוויי? אָ, שוין גאָר — אַן אייביקייט. שפּאַן און שפּאַן אין דער בלאָטע — אַליין אַ שטיק בלאָטע געוואָרן.

איך צווייען זיצן זיי און גרייטן אַ פּרישן נומער. דער זעצער־רעדאַקטאָר, אָדער רעדאַקטאָר־זעצער, איז שטאַרק אַנגעברוגזט. ער כעסט זיך אויף זיין הויפּט־מיטאַרבעטער, דעם משכיל און קולטור־אַנפירער אין לאַגער. און אַז איך קום אַריין, נעמט ער תיכף אויסגיסן זיינע טענות:

„מילא, דער דייטש איז מחויב צו קענען יידיש. דאָס האָב איך אים אויסגעלערנט; וואָרום יידיש און דייטש, איר פאַרשטייט. אָבער — מוז דער דייטש אויך קענען לשון קודש און קבלה און נאַרישע דרשות, וואָס דער־אָ בראַקט אַריין אין זיינע אַנטיקן (אַרטיקלען)? אדרבא, איך בעט אייך: ווי שרייבט מען מיט לאַטיינישע אותיות אַזאַ תרגום אונקלוס — „אוריתא״? שרייבן „אורייטאַ״? אָדער „אוירייסע״, אַז — אויסרייסן זאָל עס אַלע דייטשן״...

„אמן! בין איך מסכים אויף אַ קול און וויל וויסן — וואָס אַמפּערט מען זיך? פאַרן „אונרא״־דירעקטאָר און פאַרן קצב, די הויפּט־אָפּנעמערס פון דער צייטונג, וועט זיין גוט ווי איר וועט שרייבן און ווי דער דייטש וועט זעצן״ — — —

איך בין אַרויס דורך אַ צווייטן אַרויסגאַנג. איך מייד־אויס צו זיין עדות פון קריגערייען. ווו מען קריגט זיך און ווו מען רייסט זיך ביי די פּאָלעס — מאַך איך דער ערשטער — „בריחה״...

ווינדסהיים ווי פערנוואַלד און ווי אַלע יידן־לאַגערס אינם דייטשן לאַנד — — —

איך זע דאָ בפירוש ווי אַ לץ לויפט מיר נאָך, אַ לץ מיט אַ שקאַרמיץ אויפן קאָפּ און אַ פינגער ביי דער נאָז: „הו־הו! ביזט דאָך אַ פּאַפּירן סקעלעטל, אין וועלכן דער קצב וויקלט פליש, בלוטיקע שטיקער פלייש!״ — — און אין מיטן — אַ דייטש. ער מאַכט די צייטונג. ער האָט מזל. זיין שטעטל און זיין דרוקעריי זענען געבליבן גאַנץ. איצט לעבט ער אויפן חשבון פון קאָנסערווירט פלייש, וואָס יידן פון אַמעריקע שיקן פאַר זייערע געראַטעוועטע ברידער. 10, 20, 30 פלייש־פושקעס — און אַ „ווינדסהיימער לאַגער־ביולעטין״ איז פאַרטיק. און אפשר בין איך מגזם? זיץ איך דאָך און גרייט זיך דאָך צו זיצן צווישן דייטשן, האַ?

יאָ, אָבער פאַראַן אַן עצה. נישט זיצן אויף איין אָרט. וועגן פרייוויליק נע־ונד. פון לאַגער צו לאַגער, פון שטעטל צו שטעטל, שרייען, אויסשרייען דאָס גרויסע געשריי — קעגן דער פראָסטיטואירנדיקער וועלט און קעגן דעם לאַגער־לעבן. וועט דען אימעצער הערן? ניין, קיינער נישט. אָבער אַליין זיך אָפּשרייען, זיך אויסשרייען. דאָס קאָן דאָך מיר קיינער נישט פאַרווערן.

זעקסטער טייל

1. מינכען — דער „מרכז"

דער רעש פונם „מרכז" הייבט זיך איבער אַלע לאַגערס און איבער אַלעמענס קעפּ. דאָרט (ווי מען רופט עס) — דער „מחסן". און אין דעם „מחסן" — פּאַרטייען, שליחים, טוערס, מאַכערס, לויפערס, שפּרינגערס ועל כולם: אַ גאַס וואָס רופט זיך „מעלשטראַסע". דאָרט קאָנצענטרירט זיך דער פּאַרטייאישער, שליחימשער און צענטראַל־קאָמיטעטישער צענטער. מסתמא דערפאַר, וואָס זייערע „לאָקאַלן" און אַלע זייערע באַוועגונגען געפינען זיך בשכנות און אויף דער דאָזיקער שטראַסע; — אַזוי קוקט עס אויס:

אַ צענטראַלע גאַס, שמאָל און שלאַנגיק, צווישן גאַסן און געסלקעס און אַלץ צוזאַמען — אויסגעפּילט מיט שילדעלעך, רעדאַקציע־און פּאַרטיי־לאָקאַלן, גאָר־קיכן, שרייבערס, לאַנדמאַנשאַפטן און איבער אַלעם — דער „צענטראַל קאָמיטעט פון די באַפרייטע יידן אין דער אַמעריקאַנער זאָנע, דייטשלאַנד". ביים סוף פון דער מעלשטראַסע: קראָמען און קרעמלעך, אויפגעקלאַפּט פון האָלץ, אויפגעשטעלט אויף גרוז, צעשטויבטע ציגל און צעבאָמבירטע ווילעס; די שיינע שטראַסע ווערט אָפּגעשלאָסן מיט אַ באַזאַר, ווו הונדערטער טרעטן זיך אויף די פיס, שטויסן זיך און שטופּן זיך, איינרוימענדיק איינער דעם צווייטן אויפן אויער:

„האַרטע?"

„ווייכע?"

„אַ רינג?"

„אַ זייגער?"...

דאָ האַנדלט מען מיט פּלייש־פּושקעס, מיט שאָקאָלאַד און „קאַמעלן" — פּאַפּיראָסן מכל המינים. דאָ רעדט מען יידיש, דייטש, ענגליש. גרינע קאַפּעלושלעך און גראָע מונדירן — דייטשן מיט פּעק רייכסמאַרקן. דאָס געזעץ האָט נישט אַהער קיין שליטה. מינכען איז געזעצלאָז. די דייטשן שלינגען אַ שפּיץ פון אַן אַמעריקאַנישן ציגאַרעט. זיי האַלטן אין מיטן אַרומלעקן די אַריינגעכאַפּטע וווּנדן: אָפּרוימען די חורבות, פאַרריכטן די שטיבער, אָפּקערן די גאַסן. אַ מוראַזשקע־פאָלק. נישקשה, גיך וועלן זיי ווידער זיין די הערשערס איבער אייראָפּע. געפינען זיי זיך דאָך אין סאַמע צענטער. און דערווייל — קאָרמעט מען זיי מיט יידישע קאָנסערוועז, מיט אַמעריקאַנישע פּאַפּיראָסן — אויף דער מעלשטראַסע.

זינט מיין פֿאַריקן באַזוך אין מינכען — סוף 1946 ביז איצט ערב פּרילינג 1947 — האָט זיך געענדערט דאָס פּרצוף פֿון דער „בעוועגונג״־שטאָט, זיך געענדערט די פּרצופֿים פֿון אירע באַלעבאַטים. גרינגע קאַפּעלושלעך, רויטע בעקעלעך, כאַקי־רעקעלעך מיט פּלושענע קעלנערלעך. גאַרנישט פֿאַרגעקומען. די דייטשן — אין זייערע היימען, די יידן — אין אַ מעלשטראָסע־געטאָ.

הערצאָג רודאָלף שטראָסע. אַ באַרג מיט צעהאַקטע ציגל. דאָ זעט זיך בולט אָן דער סוף פֿונם „טויזנטיאָריקן רייך״. אויך זעט מען דאָ דעם סוף, וואָס די מינכענער דייטשן האָבן געמאַכט פֿון די יידן. בשכנות פֿון דעם צימער, וווּ איך טייל מיין קוואַרטיר ביי אַ דייטשער פֿאַמיליע — אַ גרויז־באַרג, אויסגעבויגענע רעלסן: פֿינגער צום הימל — דאָס שטומע געשריי פֿון דער געוועזענער „הערצאָג־רודאָלף־סינאַגאָגע״. מיין באַלעבאָס, אַ טעמפּער דייטש, וואָס לאָזט נישט אַרויס די פּייקע פֿון צווישן די געלע ציין, ער טרייסלט דעם קאָפּ אין דער ברייט: „קיינע אַנונג, מיין הער!״

ער האָט גאַרנישט געהערט. ער ווייס נישט ווער, ווען און וויאַזוי — יאָ: ער האָט בכלל נישט געהערט, אַז די סינאַגאָגע זאָל האָבן אויפֿגעריסן געוואָרן. אפשר האָבן דאָס געטאָן די אַמעריקאַנער. אָט האָבן זיי דאָך געוואָרפֿן באָמבעס אויף נאָך בנינים, צעשטערט גאַסן.

דער איסאַר־טייך שניידט־דורך די שטאָט, גרייכט אויך צום גאַנץ־געבליבענעם „דויטשעס מוזעאום״. דאָס האָט דער זיגערישער נאַצי געהאַט בדעה אָוועקצושטעלן דאָרט אַ באַלזאַמירטן „לעצטן ייד״. איצט קומען פֿאַר אין „מוזעאום״ יידישע אסיפֿות. דער איסאַר־טייך, ווי ס׳וואָלט אַרום אים גאַרנישט געשען, לעקט די באַגרינטע ברעגעס פֿון גאַסן און געסלעך, שווימט און פֿאַרשווימט ערגעץ. פֿרילינג אין מינכען. אַלץ גרינט. אויך שפּראָצן אַרויס גרעזעלעך און בלימעלעך פֿון די בערג מיסט, געבליבענע נאָך צעבאָמבירטע הייזער און גאַסן. אויך די דייטשן שפּאַנען אין זייער שטענדיקן פֿרילינג: גרינע קאַפּעלושלעך, גרינע־רעקלעך. ווי גרויס די צאָל מערדערס צווישן זיי! — — —

2. אין די הויזן...

הערשעלע אָסטראָפּאָליער איז אַמאָל פֿאַרבייגעגאַנגען אַ טייך. האָט ער געזען, ווי אַ ווייבל קלאַפּט מיט אַ שטעקן איבער אַ פּאָר נאַסע הויזן. האָט ער אָנגעהויבן לאַכן אויפֿן קול. און אַז מען האָט אים געפֿרעגט דעם באַטייט פֿון זיין לאַכן, האָט ער אויפֿגעקלערט: „שטעלט אייך פֿאָר, ווי ביטער וואָלט מיר געווען ווען איך געפֿין זיך אין די הויזן; איצט, אַז כ׳געפֿין זיך נישט אין זיי — טו איך טאַקע פֿריילעך זיין״...

יאָ, הערשעלע איז נישט געווען אין די הויזן, האָט ער געמעגט לאַכן, אָבער —

איך, אנוכי הקטן, האָב זיך פּלוצים דערזען „אין די הויזן". און ווי נאָס און ביטער מיר איז געוואָרן!

איך בין געקומען קיין מינכען, כדי דאָ „אַריינצוגיין" אין אַ צייטונג. פון לאַגער געוואָלט אַוועקגיין, אַנטלויפן. ווייטער איז דערוויל נישטאָ קיין וועג. און דאָ — יידישער טומל; בערך אַ פערטל מיליאָן יידן אין דייטשלאַנד. אַ יידישער יאַריד. יידיש. שוין לאַנג נישט געהערט אַזויפיל און אַזוי געדיכט רעדן יידיש. נו, וועל איך „אריין". אַן אָפענע טיר פאַראַן. גלייכער אַזוי. זיין אַריינגעטאָן אין אַרבעט — ווינציקער אין גאַס, ווינציקער זיך טרעפן מיט דער איצטיקער „ווירקלעכקייט". יאָ, איך בין אַריין אין די הויזן. אָבער די קלעפּ האָבן זיך צו מיר נישט געקלעפּט. איך האָב אָפּגעוואָרפן דעם שטעקן, אים צוריקגעשליידערט. און דאָך — אַ ביטערניש איז אויפגעגאַנגען פון מיינע אינגעוויידן.

און איך בין אַריין. אויף מאַריא טערעסאַ־שטראַסע, המשך־גאַס פון מעלשטראַסע, המשך פון יידישע „לאָקאַלן": סוכנות, פּאַרטיזאַנער (פּח״ח), פּאַרטייען און אַ גערטל אַזאַ — אַ יידיש גערטל ממש. און יאָ: שליחים. דאַכט זיך, זיי, די שליחים (אין און אָן מונדירן) זענען ספּעציעל אַהערגעקומען, כדי אונז אָנצוקוקן — אַן אויסשטעלונג פאַר נאָרמאַלע בירגער — בילדער פון „אַרויסגעגאַנגענע פון קאַלכאויוונס". אַ צירק אַזאַ. אַנגעקוקט, זיך באַקענט — און אַוועק „אויסשלאָגן די הוצאות". דאָ „מאַכט" מען. מען „מאַכט אַ טולער" און מען „מאַכט פּאַרטייען". אויך אַ פּרנסה. דער ציל: „עפענען די טויערן פון ארץ־ישראל פאַר דער שארית הפּליטה".

איין ציל מיט אומגעאייניקטע לאָזונגען.

אָבער מיין חוב „דער פּאַרטיי" וועל איך באַצאָלן: זיך אַוועקגעזעצט אין אַ באַזונדער חדרל; דאָ, חוץ אַלעם, אויך באַרואיקן די נערוון, נישט לאָזן אַריין דעם גאַסן־טומל, נישט לאָזן...

רוקן זיך וואָכן פאַרביי. יעדע וואָך — אַ צייטונג־נומער. יידישע אותיות. אַ יידישער זעצער זיצט אין נאָענטן לאַנדסבערג, זעצט דאָרט, אין אַ דייטשער דרוקעריי, די יידישע שורות. און אַזוי ווערט געמאַכט די צייטונג. אַביסל זיץ איך אין מינכען, אַביסל אין לאַנדסבערג. אַ לעבן — צוביסלעך.

אָבער אויך דידאָזיקע „צוביסלעכקייט" פאַרגינט מען מיר נישט. קנאת טפשים... דער פּאַרטיי־רעש נעמט אַריינדרינגען צו מיר דורך יעדער שפּאַרונע, אויך דורכן שליסלאָך. עס ווערט ענג. די לאָזונגען־שרייבערס קומען מיט — שרייבער־סמיכה. און איך מיין — און מיין עס באמת: וועל זיי צושטעלן אַ „גוטע צייטונג" — פון אַלץ צוביסלעך; אַביסל פּאַרטיי, אַביסל ליטעראַטור, אַביסל נייעס און אַביסל נאָך־עפּעס. וואָס נאָך? וואָס נאָך דאַרף איך אויף צו „באַרואיקן די נערוון"? ניין. גאָרנישט. זיי שטייען איבער מיר ווי די שאָטנס אין „דיבוק",

כאַטש רופן דעם מיראַפּאָלער צוהילף. אויסערלעך — דער און יענער — אַ היימישער יונגערמאַן, אַן „ספּעציעלע פּרעטענזיעס״, אָבער אינערלעך קאַכט — דער שרייבער. ער וויל, ער מוז — שרייבן. איז עס דאָך „זיין״ ציימונג. און עס פּלייצט אין מיין ענג חדרל מיט לאָזונגען און רעזאָלוציעס. מילא. נישט מיין ציימונג. נישט מיינע לאָזונגען. אָבער דאָס פאַרגעפּילטע איז נאָכגעקומען — „עקסטרעמער פּראָגרעסיוויזם״ — אַ צונויפמיש פון ציוניסטישן סאָציאַליזם מיט סאָציאַליסטישן קאָמוניזם: לינק און אַן עק! איבער נאַכט. און פּלאַכטעס — רויטע פּלאַכטעס פאַרדעקן מיך און מיין רעדאַקציע. און דורך דידאָזיקע רויטע פּלאַכטעס האָב איך די מעגלעכקייט אַרויסצוזען — דעם טיפּוש... ער טוט זיך שאָקלען איבער מיר ———— אַז אַ קליינשטעטלשער נאַר וואַרפט אַ שטיין אין וואַסער קאָנען אים צען גרויסשטאָטישע חכמים נישט אַרויסשלעפּן.

כדאי דאָס אַרויסצוהרענגען בילדעריש: דער נאַר שטופּט מיך... און טאַקע ער, דער פּאַרטייאישער שוטה. האָט געהאָלפן מיך אַרויסשטופּן. ער — דער שרייבעריש־פּאַרטייאישער נאַר — — —

3. פון ציימונג צו ציימונג

דייטשלאַנד „קומט צו זיך״. די גאַנצע וועלט זאָרגט פאַר די הונגעריקע דייטשן, פאַרן צעשטערטן דייטשן לאַנד. דער רייכסמאַרק האָט נישט קיין דעקונג; כאָטש אויסצוקלעפּן מיט אים די ווענט. עס בליט דאָס טויש־מסחר. פאַר אַ פּושקע קאָנסערווירט פליש — אויפניייען אַן אַנצוג; פאַר אַ טאָרבע ווייס מעל — אַ פּאָר שיך; פאַר אַן אַמעריקאַנישן פּאַפּיראָס — אַ נקבה. נו, ווי מעג מען דערלאָזן, אַז אַ ציוויליזירט פאָלק, אין סאַמע האַרץ פון אייראָפּע, זאָל אַזוי דערנידעריקט ווערן? אייגנטלעך האָבן דאָך די דייטשן שוין באַקומען זייער שטראָף: זיך געענדיקט דער נירנבערגער פּראָצעס, פאַרענדיקט מיט די שטרייכערס און ריבענטראָפּס. וואָס נאָך? גאָרנישט. איצט דאַרף מען דעם פאָלק אַרויסווייזן גנאָד. באמת, וואָס איז דען שולדיק אַ גאַנץ פאָלק אין די חטאים פון יחידים.

צוגלייך ווי דאָס פּויילינג־גרינס צעבליט זיך איבער די חורבות, אַזוי צעשיינט זיך דער דייטשער מסחר: צווישן בערג און גריבער — ביידלעך און בוידן, אויסגעפּילט מיט פאַרשידענע סחורות. גאַנץ־געבליבענע קראָמען זיך צעלייכט מיט נעאָן־ליכט. קאַרלספּלאַץ, געטעפּלאַץ, זענדלינגערטאָרפּלאַץ — מאַנופאַקטור, גאַלאַנטעריע, שיכוואַרג און עסנוואַרג. פון וואַנען איז דאָס אַלץ פּלוצים געוואָרן — ממש איבער נאַכט? און פרייהייט איז געוואָרן, דעמאָקראַטיע ווי ביי לייטן. פּאַרטייען גרייטן זיך צו וואַלן. קריסטלעכע דעמאָקראַטן און סאָציאַליסטישע

דעמאָקראַטן און פרייע דעמאָקראַטן. עס איז גאָר עפּעס אַנדערש. גאָר אַנדערש קלינגען די שטראָסענבאַנען און גאָר אַנדערש פייפן די אויטאָס.

שפּעט־פרילינג 1947. עס „קערן זיך וועלטן" אין די יידן־לאַגערס. שליחים קומען, שליחים פאָרן. אָט איז געקומען אַ שליחים־קאָמיסיע מיט אַ פּאָליטישן טיטל. זי וויל וויסן, וווהין יידן ווילן פאָרן — קיין אַמעריקע אָדער קיין פּאַלעס־טינע? באמנות: ווען מיין ריי וואָלט געווען אויף צו לאָזן הערן אַ מיינונג אין דעם וויכטיקן ענין — אַמעריקע־פּאַלעסטינע, וואָלט איך תיכף געענטפערט: דייטשלאַנד! יאָ. אַזוי וואָלט איך געענטפערט דער חשובער קאָמיסיע: די דייטשן קיין פּאַלעסטינע און די יידן — אין דייטשלאַנד, אין די רייכע דייטשע וווינונגען; אומקערן דאָס אַנגערויבטע יידישע פאַרמעגן, מיט וועלכן עס זענען אויסגעפילט די דייטשע קראַמען — — זאָלן די דייטשן אויפבויען ארץ־ישראל — אפשר וועט מען שפּעטער מאַכן אַ צוריקבייט.

אויך, וואָלט דאָס געווען די געהעריקע שטראָף פאַר די דייטשן און אויך אַ רעהאַ־ביליטאַציע פאַר די יידן! — —

נו, פרעגט מען נישט מיין מיינונג און איך טאָר אַזאַ אַפּיקורסישן געדאַנק נישט ברענגען פאַר די ליפּן, חלילה; מחמת אין דער צייטונג, ווו כ׳אַרבעט איצט — נאָך מיין איבערלאָזן די „פּראָגרעסיווע ציוניסטן־סאָציאַליסטן" — טוט ברענען אַ הייס פייערל וואָס רופט זיך: ארץ־ישראל.

אויך דידאָזיקע צייטונג געהער צו אַ פּאַרטיי. אָבער עס קלינגט גאָר אַנדערש: „אחידה" — פאַרייניקט. אַלע צוזאַמען געאייניקט פאַר איין זאַך — עפענען די טויערן פון ארץ־ישראל פאַר דער שארית הפּליטה. געאייניקט! אוודאי. מחמת, פאַרוואָס גראָד אָטאָ דאָ, אויפן דאָזיקן לאַגער־וואָקזאַל: לינקע ציוניסטן, רעכטע ציוניסטן, אַלגעמיינע ציוניסטן, רעוויזיאָניסטישע ציוניסטן. ווער עס שרייט — לינקס, ווער — רעכטס, ווער — אין מיטן.

„אחידה" — אַ פּאַסיקער נאָמען.

איז אין דער „אחידה"־צייטונג פאַראַן אַ שעף־רעדאַקטער, אַ פלאַמיקער יונגער בחור, אַ געראַטעוועטער פון קאַצעט. ער איז ממונה פון דער פּאַרטיי. ער איז — לפנים משורת הדין. און ער מיינט עס ערנסט — בעת ער הייסט איבערזעצן פאַר דער צייטונג בראָשורן פון בערל קאַצענעלסאָן, פון נחמן סירקין. ער גלייבט באמונה שלימה, אַז לאַגער־יידן לייענען די בראָשירטע זייטן: אשרי המאמין.

ערגעץ אין אַ פאַרוואָרפן מינכענער געסל שאָקלען זיך איבער קעסטלעך יידישע שריפט אייניקע האַנט־זעצערס. אַ גאַנצע וואָך קלייבן זיי די „טשוועקלעך", קלעפּן זיי צונויף אין שורות — 8 זייטן האַנט־זאַץ.

גייען וואָכן און קומען וואָכן. אַ צייטונג אַריין, אַ צייטונג אַרויס. איך פיל זיך ווידער אין טראַנס פון אַרבעט — נאָך אַן איבעררייס פון קרוב צען יאָר. און

סאַראַ איבעררייס! יאָ. מיינע מעת־לעתן אויסגעפילט מיט שרייבן, מיט טראַכטן, מיט לייענען; עס קומען־אָן יידישע ביכער פון אַלע וועלט־עקן. אויך יידישע צייטונגען. פאַראַן יידן. פאַראַן שרייבערס.
און אין די לאַגערס — אַן ערב־רב. כאַפּלאַפּ. אַ מהומה. אַ יאַריד. מען פאַרט. מען קומט. עס גייט אַ מסחר.
און אויך יידישע שרייבערס בנמצא. אָט: שלמה בער (אוך, סאַראַ „ביאַליסטאָקער חשבון" איך האָב דאָס מיט אים צו מאַכן!). פאַראַן אויך אַ „שרייבער־פאַרבאַנד". און אַלץ אַרום־און־אַרום — געבויט אויף פּושקעס; דאָ רופט מען עס „ראַציאָנען" וואָס־שייך סביבה, זיך דורכשמועסן, פאַרברענגען סתם אַזוי — נישטאָ מיט וועמען. קיינער האָט נישט קיין צייט. מען לויפט. מען זוכט. מען וויל נישט פאַרשפּעטיקן. וואָס?
האָב איך זיך געשאַפן אַן אייגענע, אַ היימישע סביבה — אין מיינע ד' אמות: זיץ איבער דער שרייבמאַשין און קלאַפּ קאַפּיעס — פאַר אַ 7־8 צייטונגען אין דער וועלט. שרייב וועגן אַלץ און אַלעמען: קאָרעספּאָנדעציעס און דערציילונגען; וועגן דעם בייזן איצט און דעם געוועזענעם אַמאָל. האַלט־אָן קאָנטאַקט מיט אַלע יידישע ווינקעלעך אין גאָר דער וועלט. באַקום בריוו. שמועס זיך אויף אַזאַ אופן דורך מיט שרייבערס און לייענערס דאָ און דאָרט. יאָ. היימיש. ד' אמות — אויסער דעם טומל, דעם יאַריד, וואָס ציט זיך פון דער מעלשטראָסע ביזן צענטראַל־קאָמיטעט.
אָט איז מיין סביבה. אַזוי — מיין נאָמען פאַרבונדן מיטן יידישן וואָרט אין דער גאָרער וועלט. און נישט זעלטן ווערט מיר אויך היפּש טרויעריק אויפן געמיט: איז טאָקע קיינער נישט געבליבן פון די מייניקע — נישט אין פּוילן און נישט אויסער איר? ווו נאָר אַ יידיש געדרוקט וואָרט — דאָרט מיין נאָמען. און גאָר־נישט: קיינער רופט זיך נישט אָפּ! געבליבן אַליין, איינער אַליין פון אַ גרויסער, אַ פאַנאַנדערגעוואַקסענער משפּחה — — —
טו איך זיך אין גאַנצן אַריין אין — שרייבן. איך פיל דעם באַדאַרף זיך אָפּצורעדן פאַר יאָרן שווייגן. בין איך דערפאַר נישט איבערקלייבעריש. ווו נאָר אַ יידישע צייטונג, אַ זשורנאַל — אויך אין מינכען — פאַרטייאיש, אומפּאַרטייאיש; פאַראַן וועגן וואָס צו שרייבן. פאַראַן אויך איבער וואָס צו דערלאַנגען אַ הילכיקן זעץ מיט דער — פען.
פאַראַן אויך אין מינכען אַ צענטראַל־יידישע צייטונג; איר רעדאַקטער: ראובן רובינשטיין. אין דער צייטונג לעב איך אויף דעם אַמאָל: דעם רבינס טיש, די ישיבה, וואַרשעווער יידן, גאַסן, הייף. אויך די צייטונג ווערט געזעצט מיט דער האַנט. און דאָ קומט מיר אַ רעיון: היות עס האָט זיך אָנגעקליבן אַ היפּש ביסל געדרוקטע אַרבעטן, וועל איך זיי צונויפנעמען אין טעוועלעך. אומר ועושה. די

זעצערס — אַ הייפל געבליבן פון גוטן אַמאָל — וועלן דאָס בוך אויסקלאַפּן מיט די „טשוועקלעך" זייערע און איך וועל דערפאַר באַצאָלן. נישקשה. עס וועט סטייען פונם האָנאָראַר, וואָס כ׳באַקום פון אויסלאַנד. אָפּגעקליבן אייניקע דרוק־בויגן, אַוועקגעגעבן און — ווייטער מיט מיין טעגלעכער אַרבעט אין דער „אחידה"־צייטונג.

יאָ. דאָס יידישע פאָלק איז אין גלות — ביי זיך. פאַראַן זעלבסטפייניקער, מאַזאָ־כיסטן, וואָס קאָנען נישט פאַרטראָגן — זיך אַליין.

למשל: איז דען מעגלעך, אַז אַ פראַנצויז, אַ רעדאַקטער פון אַ צייטונג אויף פראַנצויזיש, זאָל פיינט־האָבן זיין שפּראַך, די שפּראַך פון זיין צייטונג? ביי יידן איז עס מעגלעך. ביי יידן — אַ רעדאַקטער פון אַ צייטונג אויף יידיש קאָן נישט פאַרטראָגן דאָס לשון פון זיין צייטונג. איז דאָס נאָרמאַל? געמיינט, כ׳וועל אין דעם בלאַט געפונען אַביסל גייסטיקע מנוחה. אַוודאַי איז דער בחור־רעדאַקטער היפּש ווילד און אויך יינגלריש אין זיין אויפפירונג, דערפאַר — ווייס ער בפירוש וואָס ער וויל און אַלץ וואָס ער טוט איז אין הסכם מיט דער פאַרטיי זיינער. נו, איז נישט שייך צו דיסקוטירן. מחמת: יידיש איז דאָ בלויז לשם פּראָפּאַגאַנדע. יידיש רופן זיי — יאַידיש...

אויך קאָמישע זייטן פאַראַן. יאָ. פאַראַן פון וואָס צו לאַכן. איינער אַ יונגערמאַן, אַ הויכער אַזאַ, אַ בלאַסער, דרייט זיך דאָ אַרום צווישן די רעדאַקציע־ווענט. ער האָט זיך איינגעשאַפּט אַ פאַרטיי־קאַרטל, איז ער געוואָרן אויך־אַ־רעדאַקטער. ער איז אַביסל אַ צעשראָקענער און אַ סך — אַ חניפהדיקער. מילא. פאַראַן קאָנסער־ווירטע פושקעס לרוב — אויך פאַר אים. נאָר אָט איז איינגעפאַלן דעם בחור־שעף־רעדאַקטער צו קוואַליפיצירן זיינע מיט־רעדאַקטערן. ער וועט געבן יעדן אַ מיטגליד־ביכל און דערויף — אָנשרייבן דעם טיטל. הכלל: דעם צעשראָקענעם יונגנמאַן האָט ער אַוועקגעשטעלט: „טעכנישער רעדאַקטער". נו־נו, נאָך נישט געזען אַ טאַטן פון קינדער זאָל זיין אַזוי אומגליקלעך איבער אַזאַ מין „קוואַלי־פיציר"־ביכל. עס איז אים די גאַנצע וועלט אונטערגעגאַנגען. וואָס עפּעס „טעכנישער רעדאַקטער"? שטייט אים נישט אָן צו זיין „פולנער רעדאַקטער"? פאַרוואָס אים דיסקוואַליפיצירן — פאַר אַ גאַנצענער וועלט?

האַ: קאָמיש אין אַ טראַגישן אַרום — — —

4. „רק קח" און „אַדאָלף בלייבטרוי"

יידן באַמיען זיך אָפּצושטויסן די צייטווייליקייט פונם לאַגער־לעבן. מען זוכט צו „פאַרפעסטיקן" זיך דאָ, ווער אין מסחר, ווער אין קאַריערע, ווער... ווער עס האָט נישט בדעה צו פאַרלאָזן דייטשלאַנד, ביי דעם וואַקסט די חוצפּה, וואַקסט דער אַפּעטיט, וואַקסט דער צונויפבונד מיט דייטשן און דייטשקעס. מיינע דאָזיקע

„גיפטיקע אַרויסזאָגונגען" באַקומען די „נישט אָפיציעלע" אונטערשטיצונג פון ראובן רובינשטיין, דעם זייער פּעאיקן און זייער פּראַקטישן זשורנאַליסט־פובליציסט־רעדאַקטער. דאָס איז געווען ביים טרעפן אים נאָכן פאַרלאָזן אַ זיצונג פונם שרייבער־פאַרבאַנד — אַן אויפגערעגטן.

„וואָס פאַרלאַנגען זיי, די שרייבערס אייערע — האָט ער זיך געהיצט און געטרייסלט מיטן באַזילבערטן קאָפּ — קאַריערע? כבוד? באַרימעריי? זיי פאַרגעסן, די מורי דרך, אַז זיי סטאַנציאָנירן אין דייטשלאַנד און אַז היינט מאָרגן וועט מען זיי פשוט אַרויסטרייבן פון דאַנען!"

רובינשטיין איז פאַרזיצער פונם „שרייבער פאַרבאַנד פון דער שארית־הפליטה". פאַראַן דאָרט אַ היפּשע צאָל מיטגלידער און די איינציקע עובדא פונם „פאַרבאַנד" איז — צו טיילן „ראַציאָנען"...

„סטייטש? — מיש איך זיך אַריין אין די רייד — פאַראַן אין די לאַגערס, ווי מ'שמועסט, ביי אַ פערטל מיליאָן יידן, כמעט אַ מדינה אַ גאַנצע; פאַרוואָס זאָלן נישט יידישע שרייבערס אַרויספאָרן אַהין און טאַקע דורכפירן ליטעראַריש־קינסטלערישע אָוונטן? פאַראַן אויך אַקטיאָרן"...

„נו, נו, אדרבא! — איז רובינשטיין כמעט אונטערגעשפּרונגען — פאַרוואָס זאָלט אויך איר אָפּקומען מיט רעדן, מיט פרעגן: „פאַרוואָס זאָלן נישט?.." און איר? פאַרוואָס קומט איר נישט אַרויף?"

זיך פאַרנעמען מיט טיילן „קאַלאָריעס?" מיט טיילן כיבודים? נישט ס'ערשטע מאָל וואָס רובינשטיין באַטלט־אויס אויף מיר זיינע טענות, הלמאי כ'שרייב כסדר וועגן „מאַכן אָרדענונג" און אַליין — ווי כ'וואָלט נישט געווען קיין היגער. דאָס מאָל קאָן איך נישט און האָב נישט בדעה זיך „אַרויסצודרייען". סוף־סוף, בין איך דאָך באמת „אַ היגער" און אויב פאַרשאַפן זיי, די „רק"־לייט („רק", ראשי תיבות: „ראַציאָנען קאַלאָריעס" און אויך אַ צוגאָב: „קח", צוזאַמען: רק קח... נאָר נעם — עפּיטעטן פאַר געוויסע לאַגער־יידן), אויב פאַרשאַפן זיי חרפות, גייט עס דאָך אויך אויף מיין חשבון. הכלל: איך האָב געשטעלט אַ באַדינג:

„די פאַרוואַלטונג זאָל באַשטימען, ווער איז ווער, פשוט: זאָל יעדער פאַרבאַנד־מיטגליד באַשטעטיקן זיינע שרייבערישע רעכט; עס זאָל דורכגעפירט ווערן אַן איבעררעגיסטראַציע"...

אָבער דער קלוגער רובינשטיין פירט מיך אַרויס פון טעות:

„נישט די מויז איז גנבעדלעך, נאָר דאָס לאָך. דווקא די „פאַטענטירטע שרייבערס" (און דאָ דערמאָנט ער אייניקע „באַרימטע" נעמען, וואָס מיר וועט מסתמא אויסקומען, ביים שרייבן די וויטערדיקע נאָטיצן, זיי „אַרויסצורופן" דירעקט אָדער אומדירעקט), דווקא זיי שטעלן זייער „דאָ זיין" אויפן לאָך: אויפן „רק קח"... כי לכך נוצרת"...

מיט דער הילף פון „רק קח״ עקזיסטירן די צייטונגען, די פּאַרטייען. דייטשן האָבן הנאה פון די „דזשאָינט״ קאָנסערוון. די פּאַרטייען דאַרפן דייטשע מאַרקן.
נו, נישט איך וועל ענדערן. אָבער שרייען מעג איך דאָך. נאָר גיי און שריי! מ׳וועט מיך מאַכן, איינס־צוויי — משוגע. אַזוינע פאַלן קומען דאָ פאָר. מען נעמט דעם ערשטן און בעסטן און מען טוט אים אָן אַ משוגעים־העמדל — — —
מיט איניקע טעג צוריק בין איך געווען אין זעצעריי, כדי צו „שטעלן״ די צייטונג. אָבער עולם זעצערס — זיצט. אַ שטרייק. נישטאָ קיין זאַץ. וואָס איז געשען?
„היינטיקע וואָך וועלן זיי נישט האָבן קיין צייטונג!״
„ווער — זיי?״
„די פּאַרטיי־לייט אייערע, די צעקיסטן (צענטראַל־קאָמיטעט), וואָס דאַרפן אַ צייטונג, כדי זיך צו באַרימען פאַר דער וועלט, אַז זיי טוען־אויף גרויסע זאַכן פאַר די לאַגער־יידן; מען זאָל זיי שיקן אַ סך ראַציאָנען, כדי צו האָבן וואָס צו פאַרהאַנדלען אויף דער מעלשטראָסע... אויס!״
אַלע רעדן זיי אויפאַמאָל. אַלע צערנען זיי קעגן די פּאַרטיי־לייט, קעגן די שליחים און קאָמיטעטשיקעס, וואָס נעמען־צו אַלע ראַציאָנען און פאַר זיי, פאַר די זעצערס און לאַגער־יידן, בלייבט גאָרנישט.
„טאָפּלטע ראַציאָנען זאָלן זיי געבן; אויב נישט — אַ מכה וועלן זיי האָבן און נישט קיין צייטונג״...
נו, יאָ. דער טומל איז גרויס, אָבער — ראַציאָנירט... אַלץ דרייט זיך אַרום דער שיינער ראַציע... באמת: איז דאָ דער פלאַץ פאַר — מאַראַליזאַציע? אָבער אַ שטיקעלע סביבה ווילט זיך האָבן, אַ ווינקעלע אַזאַ, ווו צו קאָנען זיין מיט זיך, עס הייסט: האָבן אימעצן, מיט וועמען זיך צונויפצושמועסן, אַ מין בשותפותדיקן פאַרשטיין זיך — — שווער צו פראַוון התבודדות. נו, טו איך „שלינגען״ די יידישע אותיות פון גאָר דער וועלט —
אַ צייטונג און זשורנאַל פון דרום אַפריקע, צוויי צייטונגען און אַ זשורנאַל פון מעקסיקע, צוויי צייטונגען פון אויסטראַליע, צייטונגען און זשורנאַלן פון צפון און דרום אַמעריקע, פון פראַנקרייך, פון קאַנאַדע... אָן עין הרע, צולהכעיס דעם משחית — געבליבן אַזאַ גרויסע יידישע וועלט; אַזאַ אַפּנעמערין פון יידישן וואָרט! נו, בין איך איינער פון יענע יידן, צו וועלכע, אגב, איך רעד, שמועס זיך דורך מיט זיי, דערמאָן און וועק. עס איז נישט קיין קול קורא במדבר. אָט איז זי, די יידישע סביבה מיינע.
און דאָ, ווידער, טו איך זיך אַליין פרעגן: ביזטו טאַקע גרייט זיך אַריינצופּאַסן אין אַ סביבה, וואָס פאַרמאָגט נישט קיין ברעקעלע זעלבסטקריטיק; וואָס איז רק צופרידן פון דעם — ווי עס איז? אָט כאַפּ אַ בליק: צופיל כיבוד און כבוד

צווישן יידן; זיי פילן־אויס דערמיט גאַנצע זייטן פון זייערע ציַיטונגען. האַ, נישט אַביסעלע צופיל? — מאַכן זיי נישט צופיל רעש מיט זייערע שמחות און באַנקעטן אין דרום־אַמעריקע? למשל מעלבורן, דאָרט געהערט צו די אַנאַנסירטע שמחות — קאָרטן־שפּיל, „קאָרד פּאַרטי" און נישט סתם; עס ווערט געשפּילט אויף געזעלשאַפטלעכע שמחות און אויף בר־מצוות. בכלל: איז דאָך אַביסעלע פּרי דער הילכיקער שמחה־רעש; מילא, זאָלן זיין שמחות ביי יידן, אָבער — נישט „שטעכן די אויגן", ווי אַ מין להכעיס — זיך אַליין. און דאָך — דאָך טוען די ציַיטונגען אויך מיך אָנפילן מיט פרייד — פונם יידישן וואָרט און פון דער יידישער שמחה — אַ מכה דעם מלאך־המשחית, וואָס וויל מיך דווקא האַלטן אין טרויער־קלעם... יאָ, די באַנקעטן און שמחות אין מעקסיקע און אין בוענאָס איירעס. איך נעם זיך פילן אינטים מיט די עמיליאָס, לעאָנאַרדאָס און רעינאַלדאָס און כאַרכעס און כאָסעס... מסתמא ווילע יידן זיי, די פעדראָס און כאַקאָבאָס. אָט לייענען זיי דאָך יידישע ציַיטונגען.

יעדן פרימאָרגן שפּאַן איך פון דער הערצאָג־רודאָלף־שטראַסע, פאַרביי פּרינץ־רעגענטען — פאַרביי בליִענדיקע חורבות און רעשטלעך וויסטעניש — שפּאַן און דערשפּאַן צו דער מעלשטראַסע, צו דער יידנשטראַסע, ווו עס געפינט זיך אין אַ זייטיק געסל די רעדאַקציע. איצט ווערט שוין די ציַיטונג געדרוקט מיט בלייענע שורות אין אַן אויגסבורגער דייטשער דרוקעריי. שווער דאָס פאַרן אַהין, דאָס געפונען זיך פיל שעהן דאָרט, דאָס „פאַרברענגען" מיט דייטשן דאָ, דייטשן דאָרט — אויף יעדן טריט.

איז אפשר בעטן אַן אַרויספאַדערונג פון ערגעץ אַ רעדאַקציע; איז דאָך מיין בריוו־קאָנטאַקט מיט יענע דאָרט, אין ניו־יאָרק, מעלבורן, בוענאָס איירעס, מעקסיקע, מאָנטרעאַל, אַזוי שטאַרק, אַזוי ענג־פריינטלעך!?

און ווידער — דאָ: די דייטשע דעמאָקראַטיע. דייטשלאַנד איז איצט דער פּופּיק פון דער וועלט. דאַכט זיך: אָנגרייפערישע, פאַרהאַסטע דייטשן; אָבער יעדער ציט צו זיי, וויל זייער געלט. און כדי צו באַקומען אַ געלט — ווערט דער דייטש געגלעט אין אַלע ווינקעלעך און געסעלעך. ערשט די אַמעריקאַנער — די דייטשן האָבן זיי פיינט מיט „זייער מאָרגענטאַו"; דערפאַר איז דער „מאַרשאַל פּלאַן" אַן אָנגענעמער גאַסט. בלויז אַ גאַסט. ווייל סוף־סוף וועט דאָך דידאַזיקע „גוטמאַכונג" אַוועק — און די דייטשן האַלטן, אַז די אַמעריקאַנער זענען זיי שולדיק אַ „גוטמאַכונג". דאָס נאָרמאַלע וועט קומען און וועט נאָך איבערשטייגן אַלע פאַר־זעאונגען. עס וועט קומען דאָס גרויסע „עקאָנאָמישע ווונדער", וואָס זיינע טריט לאָזן זיך שוין פילן. אַזוי זענען די אָפּשאַצונגען אין דער דייטשער פּרעסע. דערביי באַקלאָגן זיי די „פליכטלינגע" פון „אָסטען" און פאַרגעסן נישט אָפּצוואָרפן די קאָלעקטיווע שולד פאַר די נאַצישע מעשים.

אָט אַזוי גיי איך און שפּאַן און טראַכט און דערזע זיך ביים דורכגאַנג פון „פריעדענס ענגעל", דעם מאַרמאָרענעם „שלום־מלאך". וואָס הייבט זיך איבער דער גרענעץ צווישן פּרינץ־רעגענטן און דעם אַריינגאַנג צו דער מעלשטראַסע. עפּעס טוט זיך אויף דער מעלשטראַסע.

דער אַרום — אויסגעפּילט מיט דייטשן, מיט דייטשער פּאָליציי. פון דער מעלשטראַסע טראָגן זיך קולות. וואָס איז געשען? אַ פּאָגראָם? אַ דייטשער פּאָגראָם איבער יידן אין מיטן העלן טאָג? און אפשר צעטרייבן די אַמעריקאַנער דאָס „שוואַרצע פלעצל?" קיין עוולה וואָלט עס נישט געווען. אָבער די געשרייען: „נידער מיט די נאַציס!" „מער נישט קיין אוישוויץ!" — פלאַמיקע פּנימער, בריענדיקע אויגן, ביילינקע פויסטן. אַ דעמאָנסטראַציע. איך נעם צולייגן אַן אויער. אָ־האָ! יידן שפּאַנען צו דער רעדאַקציע פון דער „זידדויטשע ציייטונג" — ברעכן שויבן, האַקן קעפּ. יאָ. אין דערפּרי באַוויזן איילק דורכצומישן די צייטונג, גראָד פון די סאָלידע בייערישע צייטונגען און מען שמועסט, אַז איר שעף־רעדאַקטאָר איז אַ ייד; האָב איך באַמערקט צווישן די בריוו אין רעדאַקציע איינעם מיטן אונטערשריפט „אַדאָלף בלייבטרוי". באַדויערט דער טרייגעבליבענער אַדאָלף, הלמאי זיין ליבער אַדאָלף האָט נישט פאַרגאַזט אַלע יידן. דער בריוו האָט מיר אַ טשמעליע געטאָן איבערן קאָפּ: סטייטש?! און כ'וואָלט זיך געוווּנ־דערט אויב יידן וואָלטן פאַרשוויגן די מעשה רעה. עס זאָל אָבער פאָרקומען אַ דעמאָנסטראַציע — דערויף זיך נישט גערעכט. און יאָ. דער עולם רוקט זיך פון דער מעלשטראַסע אַרויס. אַ דייטשער פּאָליציאַנט לאָזט זיך אַראָפּ אויף דער ערד, שטעלט־אָן דעם רעוואָלווער... שוין ווידער? נאָך אַלעם איז ער אויך אַ פּחדן, דער „רעוואָלווריסט". ער וויל בלויז אָפּשרעקן דעם עולם. דערויף איז ער דאָך אַן אָרדענונג־האַלטער. אָבער ווי נאָר אַ ייד האָט זיך געלאָזט צו אים מיט אַ שטיין — אַ שטיין קעגן אַ רעוואָלווער — האָט ער זיך אַ האַסטיקן הייב געטאָן און —דעם רעוואָלווער פאַרשטעקט אין טאַש. עס האָט אים אָבער נישט געהאָלפן. דער בחור האָט גוט געצילט. אַ פאַרבלוטיקטער האָט דער העלדישער פּאָליציאַנט זיך אַ כאַפּ געטאָן ביים קאָפּ. אָ, איצט מוז שוין טעטיק ווערן דאָס געזעץ. אַ וואָגן מיט דייטשע פּאָליציי האָט זיך מיט האַסטיקער פייפעריי אַריינגעריסן אין געסל. די דעמאָנסטראַנטן האָבן זיך אַ וויילע פאַרלוירן. תיכף — זיך אַוועקגעדרייט פון אַרויסגאַנג און מיט די פויסטן — צום פּאָליציי־קעטשל. נישטאָ קיין פּאָליציי. דער וואָגן געבליבן אויף הפקר. און — רויך נעמט זעצן פון אים. אונטערגעצונדן. יידן דראַפּען זיך אויף טויערן און פאַרקנס. זאָלן זיי נאָר פּרווון, די נאַציס, דאָנערוועטער! אָנגעפּאַרן אַ פייערלעשער־וואָגן. נישט לאָזן לעשן! שרייט מען פון די פאַרקנס. ררראוס! דער שאָפער האָט שכל. ער פאַרקירוועט דאָס רעדל צום אַרויספאָר. פונם פּאָליציי־וואָגן — אַ סקעלעט. די

דעמאָנסטראַציע איז זיך פֿאַנאַנדערגעפֿאַלן. אין מיטן געסל שפּאַנט אַן אַמעריקאַנישער אָפֿיצער. ער באַרואיקט דעם עולם. דעם שולדיקן וועט מען באַשטראָפֿן... „און איצט צום צענטראַל־קאָמיטעט! — הערן זיך געשרייען — איצט לאָמיר שפּאַלטן דעם קאָפּ פֿונם פּרעזידענט... פֿאַרוואָס איז ער נישט אַרויסגעקומען, ער און זיין באַנדע... פֿאַרוואָס האָבן זיי זיך נישט געשטעלט בראש פֿון דער דעמאָנסטראַציע?״...

עס איז יאַקאָש גאַרנישט געשען. „אַדאָלף בלייבטרוי״ האָט נישט געמיינט זיי, די גבאים פֿונם „צענטראַל קאָמיטעט פֿון די באַפֿרייטע יידן״ — — די „קאָמיטעט־שיקעס״. עך, וויפֿל קלינגענדיקע עפּיטעטן אויף די קעפּ פֿון די צעקיסטן עס האָבן געוואָרפֿן די אויפֿגערעגטע דעמאָנסטראַנטן. שאַ. עס איז געוואָרן ווי געווען, ווי קיינמאָל גאָרנישט — — —

5. און אפשר אויפהערן זוכן יושר?

זאָל איך אפשר און פֿאַרט אָוועקשרייבן בריוו קיין אויסלאַנד, בעטן אַן אַרויס־פֿאָדערונג, אַן אַריינפֿאַר־דערלויבעניש ערגעצווו אין אַ מדינה? איך לייען זייערע צייטונגען, לעב מיט זייערע געשעענישן, מיט זייערע שמחות, שולן און שול־קינדער. אַפֿילו אין שפּאַניש, דאַכט זיך מיר, בין איך שוין אויך אַ גרויסער מומחה. אַט גיבן די יידיש־אַרגענטינישע צייטונגען איבערזעצונגען אויף שפּאַניש פֿון די לייטאַרטיקלען. לייען איך וואָרט אין וואָרט. זונטיק איז — דאָמינגאָ, מאַנטיק — לונעס, דינסטיק... אַ דאַנק מיינט — גראַסיאַס און מאָרגן הייסט — מאַניאַנאַ. הכלל: אויף וואָס וואַרטן? פֿאַרוואָס זיצן דאָ און וואַרטן אויף די „בלייבטרויס״ ביז זיי וועלן זיך אַרומזען, אַז צופֿיל יידן געבליבן? ...מיין בוך איז דערשינען. אַ טרויעריקן אויסזען. צעהאַקטע אותיות. געל צייטונגס־פּאַפּיר. „טעג אַזעלכע״ — דער נאָמען. טרויעריקע, ביטערע טעג. אָבער אַ סאַטיספֿאַקציע. דאָס איז צווישן די ערשטע יידישע אויסגאַבעס נאָכן חורבן און גראָד אין דייטשלאַנד. פֿאַר דעם זאַץ האָב איך באַצאָלט. דאָס צייטונג־פּאַפּיר און דרוק — מיינע צייטונג־באַלעבאָטים. דערפֿאַר — אַרויפֿגעשטעלט: „אַרויסגעגעבן אין פֿאַרלאַג״... אַרעמאַנסקע אַרויסגעגעבן. נישטאָ מיט וואָס זיך פֿאַרצושטעלן — — — איך בין מיד. מיד פֿונם פּוסטן טומל, פֿון דער ״שארית הפליטה״, מיד פֿון די פּלוידערישע עסקנים און אויך מיד — פֿון מיין שרייבן — — דאָס בלאַט גייט מיר איבערן האַלז. זיך צופֿיל אַנגאַזשירט דערין. בכלל: געמיינט, אַז „אחידה״ איז נישט בלויז אַ שיין וואָרט. געהאַט ווידער אַ טעות. ווידער פֿאַרקראַכן אין אַ פּאַרטיי... און דער בחור שעף־רעדאַקטאָר איז נערוועז, ער בייסט די פּען. עס טרעפֿט: ער טוט זיך אַ ריס פֿון טיש מיט אַן אויסגעשריי: „אַריק, אַריין אין גאַז־אויוון!...״

אַפּריל 1948. ווידער בליט עס אינם דייטשן לאַנד. און ווידער אַוועק אַ שווערער ווינטער. ערשט ווילט זיך אָפּרוען, זיך באַפּרייען פונם עול. ביים וואָרט „באַפּרייען" גיב איך אַ ציטער. אמת, מיטן אויסקומעניש בין איך פאַרזאָרגט אויך אָן דער ציטונג־אַרבעט. אָבער זיך אַרומדרייען דאָ אַליין, פּוסטעוועןו... איצט די איינרע־דעניש, אַז כ׳טו עפּעס מיט מיין אַרבעט. און אפשר בעטן אורלויב? זיץ איך דאָך שוין דאָ העכער אַ יאָר!

סוף־סוף — זיך דעצידירט אַוועקצושרייבן אַ בריוו לויט פאָלגנדיקן נוסח:

בײַ דעם איצטיקן רעדאַקציע־צוזאַמענשטעל און אַרבעטס־פּאַרטיילונג האָב איך לײַדער נישט קיין מעגלעכקייטן ווייטער צו אַרבעטן ביי דער ציטונג.

... דערווײַל... בעט איך, מיר געבן מיין לאַנג־דערוואַרטעטן אורלויב... איך דערוואַרט אייער חברשע תשובה ביז מאָנטיק, דעם 3טן מאַי...

אַ לאַנגער בריוו. נאָכן איבערלייענען אים האָב איך זיך אַליין דערשראָקן פאַר דעם טאָן, וואָס כ׳באַנוץ אין אים. נאָר מחמת כ׳זוך אָן אויסוועג, בעסער: אָן אַרויסגאַנג, האָב איך אַוועקגעשיקט דעם בריוו און גענומען וואַרטן אויף תשובה. און ביז דעמלט — קנעלונג איבער קאַצענעלסאָנס און סירקינס בראָ־שורן. אַז אַ ציטונג מאַכן קאָסט ביליק. בסך־הכל אַ טוץ קאָנסערווירטע פּושקעס. מילא. נישט איך בין מחויב צו פאַרזאָרגן אַלעמען מיט נאַרישקייטן. זאָל איך אפשר אַוועקגיין אָן דער תשובה? יאָ. איך וועל אָנזאָגן, מ׳זאָל מער נישט שיקן צו מיר דעם דייטשן שאָפער. פון מאָרגן אָן וועל איך שלאָפן נאָך אַ שעה. ווי גוט, דאָס געהערן צו זיך, צו זיין באַלעבאָס איבער זיך!

פרייע טעג. איך גיב זיך אָפּ מער מיט לייענען. נישט ווייט פון מיין דירה געפינט זיך דער ענגלישער גאָרטן. חודש מאַי — געהער דאָך דער מאַי נישט בלויז די דייטשן! אָט איז דער הימל — אַזאַ בלאָער און קלאָרער. השמים שמים לאדוני... איצט האָב איך מער צייט צו טראַכטן, צו פאַרטראַכטן זיך איבער דער סביבה און אַרום דער סביבה. אַז אַלץ איז אַזוי פּוסט, אויסגעהוילט פון יעדן טראָפּן ערלעכקייט. דאַכט זיך, די אַמעריקאַנער, די באַפרייער אונזערע. נו, ווי זיי שטאָפּן דאָס די דייטשן, ווי זיי האָדעווען דאָס די נעכטיקע מערדער! — — —

נעכטן באַקומען די תשובה אויף מיין בריוו. צוויי וואָכן געדויערט. לאַנג האָבן זיי זיך געישובט. צו וואָס ישובן זיך, אַז — דעם חשבון האָב איך דאָך שוין סייווי געסילוקט —

... אייער בריוו פון 4טן האָבן מיר באַקומען און טיילן אייך מיט:... די מזכירות (האָט) באַשלאָסן נעמענדיק אין אַכט אייער האַנדלונג פון נישט וואַרטן אויף אַ תשובה און אַליין פאַרלאָזן די אַרבעט... האָט איר זיך אַליין אויסגעשלאָסן פון דער מיטאַרבעט ביי אונז אין דער רעדאַקציע — —

„זיך אַליין אויסגעשלאָסן״ — פּטור בלא כלום. גיי און דערציייל זיי, — עס איז געווען אַזוי ענג, אַז קיין פּלאַץ נישט געבליבן ווו זיך איינצושליסן. געפּטרט אַן עול — צום צווייטן מאָל. איז שוין דערמיט געענדיקט? און אפשר — בלויז אַן אָנשטעל מצדי? מוז איך טאַקע זיין דער יושר־זוכער, דער אָרדענונג־מאַכער? אויב געפעלט מיר נישט דער „שטייגער־לעבן״ ביי לאַגער־יידן אינם איצטיקן דייטשלאַנד — איז נישט; זוכט מען אַן אויסוועג, אַן אויסגאַנג!

גוט. דערוועגן טראַכטן אַ צווייט מאָל. איצט דאַרף איך זוכן אַ ווינקל ווו אָפּצורוען... דורך אַרבעט. יאָ, איך מוז דאָ עפּעס טאָן — אַ פּאָזיטיווע, אַ פּאַסיקע אַרבעט. דאָס אַרומגיין ליידיק אין דער ווּיסטעניש וועט מיך אומברענגען פיזיש און גייסטיק. דער יאַריד אויף דער מעלשטראַסע האַלט זיך אין אויסברייטערן. עס זידט און עס קאָכט, דייטשע קונים פּילן זיך שוין דאָ זייער היימיש מיט זייערע גרינגע קאָפּעלושלעך. עס שמעקט זיי די שאָקאָלאַד און ניילאָן־זאָקן און דאָס פלייש — פון די לאַגער־יידן...

אויפגעזוכט ראובן רובינשטיינען. ער האָט זיך ממש דערפרייט מיט מיין אָנגעמען די מיטאַרבעט אין שרייבער־פאַרבאַנד. אויף אַן אָפיציעלער זיצונג פון דער פאַרוואַלטונג זענען מיר „פייערלעך״ איבערגעגעבן געוואָרן אַלע „כלים״: קיילעכיקע און קאַנטיקע סטעמפּעלעך, אַ לאַנגע מיטגלידער־רשימה, אַ שרייב־מאַשין און אַ טעכנישן געהילף צו מיין רשות. אָט עפנט זיך אַ ברייט פעלד פאַר אַרבעט. פאַר פּאַסיקער און פּאָזיטיווער אַרבעט.

און צוריקגעשמועסט: איז מעגלעך פּאָזיטיווע אַרבעט אין אַ חורבה? — — —

6. ליקווידאַציע — און די שרייבערס גאָלד און קייט

די לעצטע שליחים־קאָמיסיע האָט פאַרלאָזט דייטשלאַנד; עס איז אויפגעקומען די יידישע מדינה — מדינת ישראל! אַזאַ פרייד. און צו דער פרייד האָט מען זיך געגרייט. אָבער צוזאַמען דערמיט ווילן לאַגער־יידן נישט מוחל־זיין דער וועלט, הלמאי זי האָט געשיקט קאָמיסיעס, פאַרשערס און פּלעביסציטערס. וואָסי? האָט „די וועלט״ געעפנט אירע טויערן פאַר די לאַגער־יידן? האָט זי אַריינגעלאָזט צו זיך פריי און מענטשלעך די גערעטעוועטע רעשטלעך נאָך דער מערדערישער הריגה? גאָרנישט. קוים ערגעצוווּ אַ שפּאַרונקעלע, ווו עס האָט זיך יחידים איינגעגעבן מיט שוועריקייטן דורכצושטופּן. אַז די גוישקע מדינות ווילן דעם ייד נישט האָבן ביי זיך, איז דאָך לכל הדעות גוט צו האָבן אַן אייגענע, אַ יידישע מדינה. טאָ וואָס האָבן זיי אַזויפיל געפרעגט, די מיסטערס, האַ? נאָר שמועס זיך אויס מיט אַ וועלט־אונטערוועלט, וואָס איר איז נענטער דער מערדער ווי דער געמאָרדעטער.

נו, איז איצט היימלעך אינם גערטנדל אַנטקעגן דער „סוכנות. די „אַקטיוויטעט״

פון דער מעלשטראָסע נעמט זיך אַריבערטראָגן אויף דער שכנותדיקער מאַריאַ־טערעזאַ־שטראָסע. גיוס — מאָביליזאַציע! די שארית־הפליטה מאָביליזירט זיך פאַר דער מדינה. מען זיצט אויף קעסטלעך. באַלד וועלן קומען די אויטאָס און אָוועקפירן צו דער באַן. ערשט דאַרף מען נישט „שוואַרצן" קיין גרענעצן. ערשט זענען יידן לעגאַלע בירגער פון אַן אייגענער, פון אַ יידישער מדינה! אַ קאָנסולאַר־חתימה מיטן מגן־דוד אין מיטן.

גאָר אַן אַנדערן טעם האָט באַקומען דער יוני־חודש פון 1948. גאָר אַנדערע ריחות בלאָזן פון די צעבליטע פאַרקן אינם בייערישן מינכען. יאָ, דייטשלאַנד ווערט אויך אומאָפּהענגיק. ביטערער גורל! עס בליט און גרינט. דער לעצטער זכר פונם באַזיגטן רייך ווערט ליקווידירט: די „וועהרונג"; אויפן אָרט פון רייכסמאַרק — דער דייטשמאַרק. ערשט ווערט געלייגט די חתימה פאַר ווירט־שאַפטלעכן אויפשטייג פון די דייטשן. אַזוי האָבן באַפוילן די אַמעריקאַנער. איז עס אי לרעה, אי לטובה. נו, דאָס צווייטע פאַר די דייטשן; זיי וועלן מער נישט דאַרפן צאָלן קיין „שוואַרצע" פרייזן. עס איז אויך גוט פאַר דער — מדינה. אַ פאַרגלייך! טאַקע: די מעלשטראָסע וועט זיך מוזן ליקווידירן. די דייטשן וועלן מער נישט קומען זוכן קיין יידישע ציגאַרעטן, קיין יידישע קאַפע... טאָ וואָס וועלן יידן זיך אַרומדרייען דאָ, אינם דייטשן לאַנד? זעט זיך טאַקע אָן די באַוועגונג אַנטקעגן דער „סוכנות": כל זמן די מאַרקן ליגן אין טאַש — טוען אַ טאָפּלטע מצוה: פאַרלאָזן דייטשלאַנד; פאָרן אין דער יידישער מדינה. לאַגערס ווערן ליקווידירט, ווערן צונויפגעקוועטשט. „עמד" טוליעט זיך צונויף, טליקעט זיך פון איין לאַגער אין צווייטן. בעבעכעס וואַלגערן זיך, פעדערן פליען. אַ־האַ! גאָר נישט באַזעצן זיך דאָ! הײדאַ! — — —

טאָ וואָס פלוצים זיך ווידער געלאָזט אַנגאַזשירן אין אַ „שרייבער־פאַרבאַנד", גראַד איצט, ווען עולם פאַקט זיך, איצט — גענומען זיך צום קאָנטראָלירן די שרייבער־רשימה, כדי צו באַשטימען דעם „מי ומי"? גאָר אַ משוגעת! אָבער אַ טרייסט: פאַראַן פון וועמען זיך אָנצושטעקן... יאָ, ביזן אויפקום פון דער מדינה האָבן די פאַרטייערס געשריגן: „עפנט די טויערן!" און אַז מ'האָט געעפנט — זיצן זיי דאָ; נישט פאַר זיי האָט מען געעפנט... אַנדערע פלאַמיקע שרייערס האָבן גאָר באַוויזן „עולה־צו־זיין" קיין אַמעריקע. און די געבליבענע — נישט בלויז וואָס זיי רירן זיך נישט, פאַרשליסן זיי אויך נישט די אינסטיטוציעס זייערע. נישט די צייטונגען, נישט די אַסיפות. זיי מוזן נאָך זאָרגן. פּפוּ! ווי גרויס זייער זאָרג. עס הייבט זיך גאָר איצט אָן: מען דאַרף ליקווידירן! אויב נישט דער צענטראַל־קאָמיטעט, טאָ ווער וועט ליקווידירן די פאַרבליבענע לאַגערס? — — —

און בנמצא יידן, וואָס קוויקן זיך גראַד מיט די לאַגער־שטעטלעך. איינער פון זיי, דער קליגעטשקער ד"ר האָפמאַן־צביון האָט, נאָך זיין באַזוך דאָ, עפנטלעך

געלויבט די „יידישע שטעטלעך" אין דייטשלאַנד, ממש געווען אַנטציקט פון זיי... ער האָט געוווּנטשן: זאָל דאָס יידישע שטעטל צוריק אויפבליען און דווקא אין דייטשלאַנד!

נו, אַזוי איז די זאַך אַ באַשערטע: ט'איז דער קל וחומר — אַז די שפּיצן זיצן — — מהיכי תיתי; זיצט מען. און אויב הינער, אַז זיי זיצן, זיצן זיי אויס הינדעלעך, טאָ, איז דער שטייגער ביי שרייבערס, אַז זיי זיצן — זיצן זיי אויס (נישט קיין קליינע שרייבערלעך) — ביכער. דאָס איז ביז דער „וועהרונג" געווען ס'ביליקסטע אַרטיקל אינם לאַגערדיקן דייטשלאַנד. געווען די ביכער־פּראָדוקציע צו פּאַר־גלייכן מיטן ווערט פון די קאָנסערווין־פּושקעס, וואָס אַ דייטשער דרוקער האָט באַקומען פאַר אָפּדרוקן אַ יידיש בוך. נו, זענען דערשינען ביכער און צוזאַמען מיט זיי — שרייבערס. האָט די שרייבער־משפּחה אין מינכען זיך געמערט; בפרט, איצט, בעת דער לאַגערן־ליקווידאַציע, קומען אין „צענטער" די אַלע רעדאַקטאָרן און פּובליציסטן פון די לאַגער־ביולעטינען, קומען אין שרייבער־פאַרבאַנד פאָדערן „מאָראַלישע און מאַטעריעלע שטיצע". און דער פאַרבאַנד, ווי אַלע פאַרבאַנדן דאָ, האַלט זיך נאָך אויף דער גאָב פון אַמעריקע: „קאַמעל"־פּאַפּיראָסן, קאָנסערווין מכל המינים... אין אַ נויט — קאָן מען פאַר אַ „ראַציאָן" באַקומען אַביסל נייע דייטשע מאַרקן.

און גראָד האָט זיך געמאַכט: ווי נאָר איך בין אַריין אינם שרייבער־פאַרבאַנד, איז אַרויס די פאַרוואַלטונג, בראש מיט ראובן רובינשטיין, זיך „פאַנאַנדערגע־גאַנגען". ווער עס איז אַוועקגעפאָרן, וועמען עס איז סתם מיאוס געוואָרן דאָס „זיצן אויף פּושקעס". געהייסן האָט עס: פאַראַן איצט אויף וועמען זיך צו פאַר־לאָזן; ער וועט שוין דערפירן דאָס עסק צו אַ גיכן און גוטן סוף.

איך? האָבן זיי דאָך געקאָנט שליסן דאָס „עסק" און ערגעץ פאַרוואַרפן דעם שליסל! אָבער שוין נישטאָ מיט וועמען צו טענהן. מילא. זיך אונטערגענומען — לאָמיך נישט בלייבן צו חוזק...

אַלע טייכן ציען צום ים און פון אַלע דייטשע שטעט קומען יידן קיין מינכען. דאָ גרייט זיך צו ווערן אַ „באַזעסענער צענטער", אַ ישוב, יאָ, אַ יידישער ישוב. איז דערפאַר, זעט אויס, האָט דער קולטור־קאָנגרעס געשיקט אַהער אַ שליח פון פּאַריז, ער זאָל דאָ שאַפן אַן אָפּטייל; און דערפאַר אויך פאַרוואַרפן יידישע שרייבערס מיט מאַנוסקריפּטן און ביכער און בריוו די אַלע, וואָס „האַלטן נאָך אַ פען" און וואָס באַזיצן נאָך אַ ציטונג־ווינקעלע אין מינכען.

און דערפאַר אויך — איז זיך צעפאַלן דער קריגערישער רעדאַקציע־צוזאַמענ־שטעל אין רעגענסבורג, אַ רעדאַקציע מיט אַ ציטונג, אין וועמענס שפּיץ עס איז געשטאַנען דער שרייבער קייט: אויס רעדאַקציע, אויס ציטונג. וווהין זאָל גיין דער רעדאַקטער? — קיין מינכען. נו, וואָלט דערדאַזיקער ענין געדאַרפט

פאַרגעמען אין מיין טראַכטן אַזויפיל צייט, וויפל, אַ שטייגער, עס פאַרנעמט דער ליקווידירטער ווינדסהיימער אָדער פעלדאַפינגער „לאַגער ביולעטין". איז די מעשה, וואָס —

אַנומלט זיץ איך אין מיין אַמטיר־צימערל פונם שרייבער־פאַרבאַנד. טוט פּלוצים אַ האַסטיקן קום אַריין אַ דייטשקע און האַסטיק טוט זי אַ זאָג, אַז איינער אַ שריפט־שטעלער פאַרנעמט אַ בעט אין קליניק פון האַרץ־קראַנקע ביי אַ דייטשן פּראָ־פעסאָר, ווו זי איז אָנגעשטעלט. על כן האָט יענער שריפטשטעלער זי געשיקט צו די יידישע שריפטשטעלערס, אַז זיי זאָלן שיקן צו אים איינעם פון זייערע פאָרשטייערס...

איזן איז ער, דער שריפטשטעלער קיט, אַ הויכער, אַ גלאַסענער, מיט אַ פּנים, וואָס מאַכט „אַ שרייבערישן איינדרוק". ביזאיצט איז געווען ווינציק צו הערן פון אים, בלויז דאָס בלאַט זיינס איז אָנגעקומען אַהער ווי עס זענען אָנגעקומען אַלע בלעטער פון אַלע לאַגערס קיין מינכען.

הכלל: איצט האָט ער זיך אָפּגערופן. ער ליגט אין אַ קליניק. האָב איך נישט געפרעגט קיין שאלות (און וואָס צו פרעגן איז גראָד יאָ פאַראַן) און בין אַוועק צו אים מקיים־זיין די מצווה ביקור־חולים. נו, — ער ליגט טאַקע (ביי מיין אָנקומען איז ער גראָד געזעסן) אין אַ בעט. ער האָט זיך שטאַרק צעקרעכצט: ער פילט בפירוש, אַז נישט לאַנג וועט ער דאָ „אָנציען". דעריבער פאַרלאַנגט ער פון מיר, כ'זאָל צו אים תיכף שיקן אַ דאָקטער פון יידישן שפּיטאָל; ער וויל אויך, אַז דער צענטראַל־קאָמיטעט זאָל פאַר אים אויסזוכן אַ דירה אין מינכען (אָ, דאָס איז דאָך פאַר זיין שוואַך האַרץ די בעסטע רפואה!), מחמת דאָ איז די לופט אַ ריינערע ווי אין רעגענסבורג. איך מוז אים העלפן און תיכף, אויב איך וויל, אַז מיין געוויסן זאָל זיין ריין...

קיין דאָקטער פון יידישן שפּיטאָל האָט נישט געוואָלט גיין אין אַ דייטשן קליניק. דערויף דאַרף מען האָבן אַ ספּעציעלע דערלויבעניש פונם דייטשן דאָקטער. וואָס־שייך אַ דירה אין מינכען (די ריכטיקע רפואה), — דאָס גלאַזט פאַרן גורל... האָב איך דורכגעשפּרייזט די מעלשטראָסע און דערזען: קיט שפּאַצירט מיט זיין חבר, דעם וואָרט־קינסטלערישן פּאָעט און עסייאיסט, גאָלד — אַ גליק־לעך פּאָרל, אַ מין גאָלדענע קייט פון דער יידישער ליטעראַטור. וואָסי? שוין געזונט געוואָרן דאַנקען גאָט, האַ? חלילה. ער איז חרוב־חולה. ער מוז פריער באַקומען אַ דירה אין מינכען. נאָר ביז וואָס ווען — דאַרף ער דאָך פּרנסה אויך. טראַכט ער איצט צוזאַמען מיט זיין חבר גאָלד, וויאַזוי מען מאַכט דאָס...

הכלל, קיט האָט גאוניש איינפאַלן. און זיין גאונות האָט אים צוגעשפּילט: ער וווינט שוין אין מינכען, צוגלייך ווי אַלע רעדאַקטערס, שריפטשטעלערס און פּובליציסטן פון די לאַגער־צייטונגען. און צוגלייך ווי אַלע — אויך דאָס גאָלד־

און קייט־פּאָרל קומט אַרויף צו מיר, אינם שרייבער־פּאַרבאַנד. זיי שפּאַנען שטענ־דיק געפּאָרט — איין שטיק, נישט צו פאַנאַנדערשיידן. קייט און גאָלד; גאָלד און קייט: די אמתדיקע, די ריינסטע גאָלדענע קייט —

און זיי זיצן ביי מיר נישט סתם אַזוי. זיי האַלטן, אַז אויב „ראַציאָנען" איז — רק קח — קומט זיי אויך!

האָבן זיך געשאַפן ערנסטע קאָנפליקטן צווישן זיי און מיר. און נישט איין מאָל האָב איך (ערנסט) געטראַכט, וועגן אַרויסוואַרפן די „ראַציאָנירטע קאַלאָריעס", פאַרשליסן דעם פאַרבאַנד און דעם שליסל — אַרויסוואַרפן ערגעץ אויף אַ דאַך. יאָ, אַזוי האָב איך געטראַכט. און אַזוי טראַכטנדיק און שפּאַצירנדיק פאַרביי דער מעלשטראַסע אין איינעם אַ נאָכמיטאָג: — דער לאַנגער קייט שאָקלט זיך נעבן אַ מויער איבער דעם איבערגעשראָקענעם און קורצן שלמה בער. ער פאַרדעקט אים אין גאַנצן. וואָסי? איך האָב זיך אָוועקגעשטעלט דערנעבן. טוט קייט אַ זאָג צו שלמהן:

„נו, שלאָג מעך, שלאָג מעך, אדרבא (קייט איז אַ גאַליציאַנער)!"

וואָס עפּעס אינמיטן־דערינען — שלאָגן? זיך געגומען אַפּרוקן. אַ חרפּה, שריי־בערס זאָלן זיך שלאָגן און ווו? אויף דער מעלשטראַסע! און דאָ טו איך בפירוש פילן: אויב וועלן פאַלן פעטש, וועל איך זיי ראשית באַקומען, די פעטש, פון ביידע צדדים, מחמת ביידע, קייט און שלמה, זענען זיכער, אַז דאָס בין איך דער שולדיקער אין זייערע און אין אַלעמענס צרות — — —

7. עס גרייטן זיך געריכטן...

עס זענען דערשינען און עס דערשיינען ביכער אין דייטשלאַנד. בער האָט געלאָזט איבערדרוקן זיינס אַ בוך מיט דער צושריפט: „פּרעמירט פון דער קעלצער קהילה". יאָ. קעלץ איז געווען אַן עיר ואם בישראל, אַ שטאָט מיט לייטישע יידן און שיינע באַלעבאָטים. געווען מיט וואָס זיך צו יחוסן. און דאָך — סאַראַ רעש ער מאַכט דאָס מיט דערדאָזיקער פּרעמיע! הע, פון ווען אַן איז עס אַ חתימה פון אַ קהילה — אַ שרייבערישער יחוס מדאוריתא?

אויך קייט האָט אַרויסגעגעבן אַ זאַמלונג. אוך! באמת אַ מייסטער אויף — צעטרענצלען דאָס יידישע לשון, צו מאַכן אַ תל פונם יידישן אלף־בית! אַ שרייבער זאָל זיין אַזאַ שרייבערישע קאַליקע!

שאַ, ווינציקער קריטיקירן. זיי וועלן מיך דורסן אין אַ זוניקן פרימאָרגן. לאָמיר זיך אומקערן — צו זיך. יאָ, אויך איך האָב צו פאַרצייכענען אַן אויסגאַבע. לויט דעם פירסום וואָס „טעג אַזעלכע" האָט באַקומען, וואָלט עס געדאַרפט ווערן אויס־געכאַפּט ביזן לעצטן עקזעמפּלאַר. סיבה? דער מיטרעדאַקטער פון דער לאַנדס־בערגער „יידישע צייטונג" האָט אָנגעשריבן אַ רעצענזיע לויט זיין געשמאַק. האָט

זי, די בידנע רעצענזיע, אַרויסגערופן דעם גרימצאָרן ביי שלמה בער. האָט ער גענומען שיסן פון אַ פּראָגרעסיוועת צייטונג אַזאַ מיט קאַנאָנען און איך — דער־לאַנגען אויף צוריק פון אַלע צייטונגען און בלעטער — מיט דרענגער... און עס האָט זיך געטאָן — חושך. מער פעלט אונז נישט דאָ. וואָס וויל ער, שלמה בער? אַ ייד אַ טיפּוש און אכזר. ער האָט נישט קיין רחמנות — אויף זיך. ער זידלט „פּאַר אַריינטאָן יענעם אין גאַל אַריין און דווקא רימען זיין קעגנערס בוך, וואָס איז אין תוך גענומען נישט ווערט דאָס פּאַפּיר מיטן דרוק"... ער האָט זיך אָפּגעריסן. האָב איך אים אַזוי „אַריינדערלאַנגט" — הימל עפן זיך! איך שעם זיך איצט צו ברענגען מיינע אייגענע ווערטער אויפן פּאַפּיר. טפו! ער דראָט מיט געריכט: „די מענטשן (דער רעצענזענט און איך — גוט וואָס מיר זענען נאָך ביי אים מענטשן) וועלן איינמאָל כאָטש פאַראַנטוואָרטלעך זיין פאַר אַ ריי אינסינואַציעס, מיט וועלכע זיי זענען אַרויסגעטראָטן אין דער פּרעסע — — — — שקרים און פּרעסע־ברוכן, וואָס געהערן צו אַ געריכט און דאָס טרעט איך צו צו טאָן". ער גרייט זיך צו שפּאַלטן קעפּ. ער לויפט אַרום איבער דער מעלשטראָסע מיט צעשפּאָלטענע פּאָלעס און מיט פייערדיק־שפּיזיקע בליקן. אָט אַזוי לויפט ער דאָך אַרום שוין קרוב צו די צען יאָר — פון ביאַליסטאָק ביז... יאָ, אין ביאַליסטאָק 1939 האָט ער געהאָלפן „רייניקן די לופט" דורך דראָען מיט — מיליץ... דאָ — „רייניקט" ער ווידער; ער דראָט מיט — געריכט. סאַראַ פּחדן, רבונו של עולם! — מי־ליץ! גע־ריכט!

זיין אַרומלויפן מיט צעפלאָשעטע פּאָלעס דערמאָנט מיך אָן איינעם אַ ייד אין וואַרשע, וואָס האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן דאָס וואָרט „שפּיץ". האָט אימעצער הינטער זיין פּלייצע אַ זאָג געטאָן „אויפן שפּיץ דאַך", האָט דער ייד (יאַנקעלע האָט ער געהייסן) תיכף זיך אויסגעדרייט און גענומען פּאַכען מיטן שטעקן... „יאַנקעלע שפּיץ" — האָט מען אים גערופן. שלמה ב. דאַרף מען טיטולירן: „שלמהלע מיליץ"...

אָט לויפט ער אַרום מיט אַ צעשויבערטער קאַפּאָטע איבער די רעדאַקציעס מיט „דערקלערונגען". איינע אַזאַ „דערקלערונג" — אין דער צענטראַלער צייטונג:

> דערמיט דערקלער איך, אַז דער סעקרעטאַר פון שרייבער־פאַרבאַנד, מלך טשעמני האָט מיך עפנטלעך באַשולדיקט אין איבערדרוקן אַ פרעמדן פּאַמפלעט פון דער „פּאַריזער שטימע" אונטער מיין נאָמען. ער האָט פאַרעפנטלעכט ציטאַטן פון אַ פריוואַטן בריוו מיט אַ באַלעסטיקטן אינהאַלט און צוגעשטעלט מיין נאָמען (אין בריוו גופא איז מיין נאָמען נישט דער־מאָנט). אַנדערע באַשולדיקונגען, וועלכע דאַרפן פאַרהאַנדלט ווערן, גייען איבער אין אַ געריכט.
>
> דער סעקרעטאַר מלך טשעמני שיקט איבער צענדליקער עקזעמפּלאַרן מיט זיינע אייגענע אומגעזעצלעכקייטן איבער דער יידישער שרייבער־וועלט,

כדי צו וואַרפֿן אַ פֿלעק אויף מיין נאָמען און דאָס האָט מיך געצוווּנגען
צו דער עפֿנטלעכער דערקלערונג״ — — —

און איך זיץ און וואַרט — אין שרייבער־פֿאַרבאַנד. סיוווי בין איך אַריין אין די הויזן... דאַרף מען אויסזיצן ביזן סוף. און זיצן סתם איז אויך נישט קיין תכלית. וועט מען אַרויספֿאָרן אין אַ פֿאַרבליבענעם לאַגער מיט אַ ליטעראַרישן אָוונט. דעם ערשטן פֿון דעם מין — אין באַד רייכענהאַל. פֿאַנאַנדערגעשיקט בריוו. ש. ב. פֿאָרט נישט. ער וועט נישט אַרויסטרעטן צוזאַמען מיט „די־אַ״ און נישט דער „אָוונט״ וועט האָבן אַ פּנים אָן אים — — —

זעט אויס, אַז ער האָט אונז אָפּגעטאָן אַ כּישוף. עפּעס איז געשען נאָך איידער אונזער אויטאָ איז פֿאָרפֿאָרן צווישן די געסלעך פֿון לאַגער:

איך זיץ נעבן טירל פֿון אויטאָ. דער שאָפֿער שטעלט אים אָפּ אויף אַ ווייל. איינער פֿון די שרייבערס — ער איז אַ געבוירענער אין כעלם — האָלט פֿאַרלייגט אַ האַנט איבער מיין פּלייצע, פֿאַרקריכט מיט אַ פֿינגער צווישן די זאַוויעסעס פֿון דער טיר־עפֿענונג. דער שאָפֿער גרייט זיך צום אָפּפֿאָרן. איך פֿאַרקלאַפּ די טיר און — אַ פֿינגער־שפּיץ פֿון מיין כעלמער שכן בלייבט אין דער עפֿענונג... נו־נו!

דער „אָוונט״ איז פֿאָרגעקומען. דער פֿאָרזיצער — אַ שרייבער מיט אַ שרייעריש נאָמען — האָט אָנגעהויבן ווי צו אַ הספּד, רחמנא לצלן:

„איר זעט, מיינע ליבע צוהערערס, ווי דער וועג פֿון דער יידישער ליטעראַטור איז געפּלאַסטערט מיט בלוט״ — — —

קוים זיך דערוואַרט צום סוף. אַ זכר פֿון דעם „אומגליקלעכן״ אָוונט וועט פֿאַר־בלייבן אויפֿן קירצערן פֿינגער פֿון יענעם (כעלמער) שרייבער, וואָס האָט געגעבן אַ „צייכן״ דעם חבר זיינעם פֿאַרן אַריינפֿיר צום ליטעראַרישן אַרויספֿאָר...

8. הימל און ערד און — ווידער־גוט־מאַכעריי

סוף הערבסט 1948. דריי יאָר נאָך דער מלחמה. די חורבות פֿאַרשווונדן צוזאַמען מיט די וווּנדן. די דייטשן לאַכן שוין ווידער. די גאַסן — ווידער אויסגעפּילט מיט רעש און געלעכטער פֿון די האַנסלעך און פֿראַנצלעך.

און די שארית־הפּליטה פֿון אַן אויסגעמאָרדעט פֿאָלק איז נאָך נע־ונד, מוז נאָך אַוועקגעבן בלוט פֿאַר אַ ברעקל ערד אויפֿן בלוטיקן פּלאַנעט. שוין פֿריי דער וועג צו דער יידישער מדינה. אַ דאַנק גאָט. אָבער... ווידער פֿאַלן דאָרט יידישע זין אויפֿן פֿעלד פֿון פֿרייהייט... נישט יעדער איז בכּוח צו קעמפֿן. עס איז יאָ און נישט קיין עוולה, וואָס היפּשע צאָלן אויסגעוואָרצלטע האָבן זיך רעגיסטרירט צו פֿאָרן אַנדערשווּ. איז דאָך דאָס יידישע דעמאָקראַטיע — נישט אַרויפֿצוצווינ־גען אויף קיינעם קיין זאַכן, וואָס לאָזן זיך נישט צוקלעפּן. יאָ. די ביוראָקראַטיע

שטעלט זיך קעגן דער דעמאָקראַטיע, איז אַ דם שונא דער מאָראַל בכלל. יידן ווילן פאַרלאָזן דייטשלאַנד, אָבער די ביוראָקראַטן שטערן. זיי ווילן פּאַפּירן און פּאַפּירלעך. און אַז דער „די פּי" דערלאַנגט זיי אַלץ, איז דאָך גוט? ניין. נאָכ־נישט. ער פאָרט דערוויל נישט. עפּעס נאָך אַ פּאַפּירל איז אָנגעקומען צו די ביוראָקראַטן. אַ מסירה־פּאַפּירל. דאָרט שרייבט אַן אַנאָנים, אַז דער רייזע־קאַנדידאַט איז אַ קאָמוניסט, אַ סקאַנדאַליסט, אַן אַפּעריסט און אויך אַ פאַשיסט, — גוטע סחורה. אַ נקמה־בריוול פון אימעצן — און אויס מיט דער וויזע.

קומען יידן זיך באַקלאָגן: פאַרוואָס שרייבט מען נישט? פאַרוואָס רייסט מען נישט איין די הימלען? אוקראַינער און ליטווינער און פּאָלאַקן און אויך דייטשן — זיי פאָרן קיין אַמעריקע אין די טויזנטער; בלויז די קרבנות זייערע מוזן אויסשטיין בגישות. שייך צו שרייען. אַזוי זענען זייערע געזעצן. און אַזוינע זענען זיי אויך געווען, ווען אוישוויץ און מיידאַנעק האָבן „געאַרבעט"... יידן רוימען אויך איין אויפן אויער אַ סוד, מכוח אַזאַ און אַזאַ פאַרטיי־טוער און סתם־טוער: געווען פּאַליציאַנט אין געטאָ... און עס טרעפט אויך — און דאָס זייער אָפט — אַ טומל אויף מעלשטראַסע, אַ צוזאַמענלויף. אויפן ברוק — אַ צעבלוטיקטער פאַרשוין. אים דערקענט! געווען אַ פּאַליציאַנט, אַ קאַפּאָ, אַ יודנראַטלער...

יאָ. עס ווערט שיטערער אויף מעלשטראַסע. יידן פאַרלאָזן די בודע־קרעמלעך. זיי באַזעצן זיך אויף צענטראַלע גאַסן, עפענען דאָרט מאַסיווע קראָמען: הורט און דעטאַל.

אָט בין איך צוריקגעפאָרן פון דער „פונק־קאַסערנע", אַ קאַזאַרמע, ווו עס ווערן צונויפגעשטעלט די גליקלעכע טראַנספּאָרטן קיין אויסלאַנד; דאָרט זענען טעטיק די פאַרשידענע קאָמיסיעס, קלאַפּט די ביוראָקראַטישע מאַשין; דאָרט זיצן די פאַרשידענע פאַרשערס און אויספאָרשערס; דאָרט אַהין קומען די „אונטערזאָ־גערס", „אונטערטראַגערס" און כל מיני מאַכערס און דרייערס. הכלל: קיין סך נחת נישט געהאַט פון די פּרצופים דאָרט. נו, „געזען און געהערט". איצט פאָר איך צוריק מיטן „יידישן טראַמוויי", אַ טראַמוויי, וואָס זיין וועג פירט צו דער מעלשטראַסע און וואָס באַוועגט זיך אויף יידישע רעדער. דער איינציקער גוי אינעווייניק — דער מאַשיניסט. פאַר טראַמוויי־בילעטן צאָלט מען נישט דאָ. אַ קרענק זיי, די דייטשן, אין די ביינער אַריין! נאָך צוצאָלן זיי? נאָך געבן זיי צוואַנציקער פעניגס?

נו, זיץ איך אויף אַ באַנק און וואַרט ביז דער טראַמוויי וועט זיך אָפּשטעלן אויפן ריכטיקן פּלאַץ. דערהער איך פּלוצים, ווי אימעצער צעשרייט זיך אין טומל: „העי, בלאַט! בלאַאַט!"

מיט מיר געהער עס נישט אַן. זיץ רואיק. האָט מיך פון מיין רואיקייט אַרויס־געפירט אַ טראַסק אין פּלייצע. דערמיט האָט דער „זעצער" מיר דערמאָנט, אַז

נישט לאַנג צוריק, ביי די אוזבעקן, איז מיין נאָמען געווען — בלאַט. ער האָט מיך דערקענט — אַפילו פון הינטן: הע, צוזאַמען געאַרבעט פאַרן פאָניע, אַ רוח׳ן זיין! איך קוק אים אָן. אַ פליישיקער יונג. ער וויל וויסן, וואָס איך טו און וויפל כ׳פאַרדין. וויפל? נישט שייך צו שווייגן. ער זיצט שוין נעבן מיר, כמעט אויף מיר. „וויפל איך פאַרדין? אַ פופציקער אַ וואָך".

„וואָאָאָס?! צעעפנט יענער די אויגן אַזוי טראַגיש, גלייך דער טראַמוויי וואָלט געהאַלטן אין איינזינקען אונטער די רעדער — פיפ־ציק מאַ־רעק? אַז יאַך געב אַ פאָרעץ פאַרדין אָך דאָך אַ הינדאָטאָ"...

אָט אַזוי טוען יידן פאַרדינען ביי די דייטשן. אַן עוולה? חלילה. אָבער וואָס עס קאָכט זיך אַלץ אינם דאָזיקן קעסל!

עס קאָכט זיך מיט „ווידערגוטמאַכונג" און מיט „ליבעסגאַבעפּאַקעטן". דאָס ערשטע — „באַצאָלונג" פאַרן נאַצישן רויב און מאָרד, דאָס צווייטע — „רחמנות־אויסדרוק" פון דער שווייץ פאַר די נישט־דערמאָרדעטע. הכלל —

איך זיץ אין שרייבער־פאַרבאַנד „אין געהאַקטע צרות". געבליבן אַליין. נישטאָ אַפילו מיט וועמען זיך אַן עצה־צו־האַלטן, אָפגערעדט — מיט וועמען צו שמועסן סתם־אַזוי ביי אַ גלעזל סאָדע. ראובן רובינשטיין איז אַוועק קיין ישראל. די פאַרוואַלטונג האָט לגמרי אויפגעהערט צו פאַרוואַלטעווען. איך דאַרף זיין דער באַשליסער און אויספירער. עס ווערט ענג. אַוועקגיין? איז דאָך פאַראַן אַביסל פאַרמעגן, וואָס האָב זיך מתחייב געווען עס צו היטן — סטעמפּעלעך, דייטשע מאַרקן, ראַציאָנען. אוך, ווי דער פאַרבליבענער עולם רייסט זיך צו די ראַציאָנען! ספּעציעל טומלט דאָס פאָרל גאָלד און קייט. דידאָזיקע „גאָלדענע קייט" צעשיידט זיך נישט. ראַצ־יאָ־נען! זיי טרעטן נישט אָפּ פון קרעמל, קוקן צו יענעם „פליישיקן ווינקל", ווו עס פּלאַצן די פּושקעס. אַז פּלאַצן זאָלן אונזערע שונאים! פאַר וועמען האַלט ער די ראַצ־יאָ־נען? בין איך גרייט אַוועקצוגעבן — אַלץ! אָבער — וועמען? און וואָס וועט זיין, אַז די גבידעס וועלן פאַרלאַנגען חשבון? סדר מוז דאָך זיין! און זיי רעדן וועגן אַ „גענעראַל־פאַרזאַמלונג" מיט די אַלע, וואָס טראָגן שרייבער־לעגיטימאַציעס, אָבער זענען מחמת „געוויסע סיבות" געבליבן אין דרויסן. יאָ. עס האָט זיך מיר פאַרגליסט אַ שרייבער־פאַרבאַנד. איי, ווי דערוואַרט מען זיך צום סוף!

און דערווייל האָבן די גבאים פונם „צענטראַל קאָמיטעט פון די באַפרייטע יידן", גבאים, וואָס ווילן נישט באַפרייען די דייטשן פון זייער אָנוועזנהייט; האָבן זיי געעפנט אַ ביוראָ פאַר „ווידערגוטמאַכונג". הימל און ערד! אַן איבערקערעניש. פון גרויס ביז קליין. פונם שמש ביזן גבאי ראשון. פון דער קלענסטער ביז דער גרעסטער פאַרטיי — אַלץ טראָגט זיך אַרום מיט אַ כשר חתימהלע פאַר די „גוטמאַכערס". דייטש מאַרקן! אַ מהומה. אַ בהלה. מען זוכט עדות. מען צאָלט

פאַר עדות. אַ פאַבריק פון „פאַפּירלעך״. און די צעקיסטישע ביוראָקראַטיע, וואָס האָט געהאַט איינגעדרעמלט מיטן אויפקום פון דער מדינה, האָט פלוצים אויפגעוואַכט. זי האָט באַזעצט אַ יונגגמאַן מיטן טיטל „דאָקטאָר״ אויף דער שטול פון פאַרמיטלעריי: ער, דער דאָקטאָר, וועט פאַרמיטלען צווישן אָנגעשטעלטן און אונטערנעמער. כך וכך מאַרקן האָט דער ייד פאַרדינט ביי זיין דייטשן אונטערנעמער. דערצו שמאַיעט ער אַרום צווישן דער מעלשטראַסע און דער זיבערטשטראַסע. פון זיין קאַנצליי ביז דעם צעקאַ און צוריק. און יידן שטייען אין אָטשערעט, פאָכען מיט פאַפּירן און שעלטן דעם דאָקטאָר מיט כלערליי קללות. אַז מען קען אים דאָך נישט דערווישן — אָפּגעווישט זאָל ער ווערן, טאַטע אין הימל!

מיט איין וואָרט: אַ ריזן האַנדל צווישן דער מעלשטראַסע און זיבערטשטראַסע. מען האַנדלט מיט פאַרקוילטע טאַטע־מאַמע, מיט ווייב און קינדער, מיט ברידער און שוועסטער. מען פאַרהאַנדלט דאָס אייגענע ביסעלע ווירדע. מען פאַרקויפט פאַר דייטשע מאַרקן דעם כבוד פונם יידישן פאָלק. — אַ פריש־צאַפלדיקער שוואַרצער האַנדל אויף דער מעלשטראַסע.

מיט אייניקע טעג צוריק בין איך געווען אויף אַן אסיפה, ווו די סאַמע גרעסטע גבאים זענען בייגעווען. מען האָט גערעדט וועגן דעם אַקטועלסטן און וויכטיקסטן אויף דער יידישער גאַס — די „ווידערגוטמאַכונג״. און גערעדט האָט ער אַליין, דער „יידישער מיניסטער״. מחמת, וויסן דאַרף מען וויסן, אַז אויסער דעם פרעזידענט פון צעקאַ, דעם סאַמע העכסטן און גרעסטן איבער אַלע יידן, איז אויך פאַראַן אַ מיניסטער. יאָ, אַ יידישער מיניסטער ביי דער בייערשער רעגירונג. אַ פערזענלעכקייט — אין זיין הייך און גרייס — און אַ „הער דאָקטאָר״ דערצו. אין די וואָכן־טעג טראָגט ער אַ האַרטן קאַפּעלוש און אין די וויכטיקע טעג — אַ צילינדער —

אַ דייטשער ייד, וואָס האָט הנאה פון טיטל און פון — דיזע פאָלנישע יודען... יאָ. דאָס האָבן זיי אים אָנגעטאָן די קרוין און דאָס טוען זיי — מיט דער הילף פונם צעקאַ — אים אונטעררוקן פאַפּירלעך אונטערצושרייבן. און ער שרייבט אונטער. און די דייטשן צאָלן. וואָסי? אָפּגענאַרט? דיזע דויטשע זינד נאַרען קעפּ... הייסן דאַרף עס — ווי עס זאָגט דאָס דער הער דאָקטאָר: — מיר דאַרפן די דייטשן נישט געבן קיין חשבון פאַר זייערע מאַרקן. זיי דאַרפן צאָלן און צאָלן. זיי האָבן אונז באַרויבט, האָבן זיי... איז ער דאָך באמת גערעכט. נאָר וואָדען — פאַרוואָס לאַכן אונזערע יידן פון אים? דערפאַר — וואָס ער לאָזט זיך „באַרען״, צופיל אַריינבאַרען. איז דאָך פאַראַן אַ געזעץ, וואָס זאָגט, אַז יידן וואָס זענען נישט געווען אין דייטשלאַנד בשעת דער גרויסער שריפה, קומט זיי נישט קיין „גוטמאַכונג״. אָבער דער „הער דאָקטאָר״ גיט אַלעמען... ווי לאַנג וועלן די

דייטשן שווייגן? וועלן זיי דאָך שפּעטער שרייען, אַז נישט זיי האָבן באַראַבעוועט די יידן, נאָר גאָר פאַרקערט. אדרבא! — — — אַ נאַיוּוער דאָקטאָר...
און עס טוטצעך. אַ פאַבריק אַ גאַנצע געעפנט. מען רופט זי: די גאָלדמאַן־פאַבריק. ער, דער פליענדיקער שתדלן, האָט זיך באַזעצט אין באָן, ווו ער מאַכט פּרעסע־קאָנפערענצן. און אָט איז ער אין פּאַריז, אָט אין ווין, אָט אין ציריך, אין תל־אביב. זיין „גוטמאַכונג"־פאַבריק טוט אויך פאַבריצירן קולטור. עס קערן זיך וועלטן. עס קערן זיך אום יידן פון אַלע עקן וועלט. מען קומט צוריק קיין דייטשלאַנד פון ישראל, פון אַמעריקע, פון אויסטראַליע. „בלויז אָפּנעמען די ווידערגוטמאַכונג" און דערוויַיל „מאַכט" מען. אַ ניי פאַך אויף דער מעלשטראָסע — „מאַכערס" — — —

9. זיך ווידער פאַרפלאָנטערט...

כל זמן שהנשמה בקרבי, מאַכט רש"י...
ווידער זיך אַנגאַזשירט אין אַ צייטונג. דער בלייענער יצר־הרע האָט מיך ממש פאַרגוואַלטיקט, ווען ס'איז מיר פאַרגעלייגט געוואָרן דער טיפּול מיט אַ ציוניס־טישער שטימע... ערשט — ציוניסטיש אין מינכען? נו: יאָ־ציוניסטיש, נישט־ציוניסטיש; נישט דאָס איז דער עיקר — נישט פאַר מיר און נישט פאַר דעם רעדאַקטער־אַרויסגעבער, אַ יונגערמאַן, וואָס טוט מאַכן — חוץ אַנדערע זאַכן — קאַריערע אין דייטשן לאַנד. דווקא אַ סימפּאַטישער יונגערמאַן, וואָס רעדט אַן אינטעליגענטן פּויליש און וואָס שרייבט אַ גלאַטיקן יידיש. און די אַרבעט וועט זיין אַ גלאַטיקע. דאָס בלאַט וועט געזעצט אין מינכען, אין אַ יידישער דרוקעריי. אויך אַ יידישע דרוקעריי איז פאַראַן. אירע באַלעבאַטים — גראַטעוועטע פון קאַצעטן — טענהן, אַז פאַר אַרבעט שטראָפט מען נישט: אַן „ערלעך שטיקל ברויט". וואָסי. עס קומט זיי נישט? און זיי אַרבעטן ממש.
און עס איז אַוועק אַ „גלאַטיק שטיקל אַרבעט". אַז עס איז דאָך קיין צייט נישטאָ פאַר נודניקעס — ווי רופט מען זיי, די רעדאַקטערישע קאַליקעס, וואָס קענען נישט צוזאַמענבינדן אַן עק מיט אַ ווידל. לויטן אָפּמאַך מיטן נייעם באַלעבאָס: נישט איך וועל זיך מישן אין זיינע פאַרטיי־ענינים און נישט ער — אין מיינע שרייבערישע. ביים סוף פון דער צייטונג בלייבט די פעטע אונטערשריפט: רעדאַקטאָר איגרעק. זיין פאַרטיי, זיין צייטונג, זיין רעדאַקטאָרסקע פירמע ———
עס בלייבט מיר גענוג צייט צו זיצן אין שרייבער־פאַרבאַנד. צו לאָזן זיך יאָדען און צו יאָדען אַנדערע. בפרט, דאַרף איך האַלטן „אויג" אויף די „ראַציאָנען", וואָס זענען צוגעטיילט פאַר שרייבערישע נצרכים — איינמאַליקע שטיצע און צוגאָבלעכע און בכלל — אַרויסהעלפן פאַרבייפאַרנדיקע און אַוועק־פאַרנדיקע מיטגלידער, אָדער שרייבער־געסט.

אַט האָט זיך באַוויזן איינער אַזאַ גאַסט. איך פאַרקוק זיך צו דער טיר. אַ באַקאַנט פּנים. ווו האָב איך עס געזען? יענער שפּאַנט צו צום טיש. אַ, האַ? דאַכט זיך — געזען אין ביאַליסטאָק... וואָס? אַ מינסקער?

„אוי, הערשל"..

„יאָ. דאָס איז ער. ווינאַ... ניין. ווין"...

„האַ? זיצט. ווי האָט איר געזאָגט? ווינאַ... ווין... אַ־האַ. יאָ".

ער פאַרדעקט מיט אַ האַנט דאָס מויל:

„עוקר געווען... איצט פאַריידישט דעם שם"...

און איך דערמאָן זיך: אין ביאַליסטאָק איז ער געווען דערפאַר, אַז אַלע יידן זאָלן זיך אַסימילירן, זאָלן חתונה־האָבן ווי ער, מיט גויקעס... נו, איצט: צייטן בייטן זיך און בייטן צייטן זיך — — —

און ווידער אַ גאַסט, אויך אַ „דאָרטיקער", אַ זקולפּטאָר. אַ פריילעכער אַזאַ. זיינע פינגער באַוועגן זיך ווי זיי וואָלטן געהאַלטן אין מיטן קנעטן אַ „קעגנשטאַנד". ער קומט אַרויף עפּטער. ער האָט מיטגעברענגט אַ בינטל ליים. מיין „קאָפּ" געפעלט אים צום קנעטן. מיט דעם קינסטלער — אַ ספּעציעלער ענין: ער האָט שוין דאָ באַוויזן צו מאַכן קאַנטשאַפּט און צו מאַכן אַ... קינד, אַ ייִנגעלע. ער ווייזט מיר די פאָטאָ. ער פרייט זיך טאַקע ווי אַ קליין קינד מיטן אויסזען פון זיין קינד. וואָלט אַלץ געגאַנגען כשורה. איז אָבער דעם ייִנגעלעס מאַמע, ס'הייסט: די „קאַנטשאַפּט" זיינע — אַ דייטשקע... און ער וויל פאַרן קיין ישראל. דאָס חיות גייט אים אויס. נו, האָט ער עס געמאַכט זייער פּשוט: באַהאַלטן דאָס ייִנגעלע ביי היימישע יידן, אַ נאַכט דאָ, אַ נאַכט דאָרט און — אַוועק, מיטגענומען דעם קדיש... אַזאַ־אַ ענין, אַ כמעט־דייטשער מיט אַ בענקענדיקער דייטשקע נאָך איר בשותפות־קינד — —

און נאָך אַ ייד, אַ ייִדישער שרייבער אויף רומעניש, מיט ביכער־אויסגאַבעס. זיין אויסזען — אַ „שרייבערישער", אַ ייד וואָס רעדט ייִדיש און שרייבט רומעניש. אַ שטילער ייד, אָן טענות, אָבער אָן סביבה. קיינער קען אים נישט דאָ; קיינער קען נישט זיין רומעניש. דאָרט, אין רומעניע — געווען באַרימט, געווען חשוב און אָנגעזען; דאָ... יאָ, אין בודקין למזונות.

און ווידער — גאָר אַ טשעקאַווער ייד: אַ פרומער ייד, אַ חסיד, פון די „דאָרטיקע" מאַראַנען. איז אים געלונגען עוקר צו זיין. איצט האַלט ער אין שרייבן און אין באַשרייבן דאָס לעבן פון פרומע יידן דאָרט. ער האָט אויך דאָרט געשריבן. גאַנצע ביכער באַשריבן. ער האָט מיט זיך אַ קאַסטן מיט מאַנוסקריפּטן. ראָמאַנען און... זאָל מען אַ קוק טאָן, באַשליסן און אַרויסגעבן. לאָזן אָפּדרוקן זיינע ביכער. נישט איין בוך — ביכער האָט ער. בענדער גאַנצע. און אַז איך פאַרטייטש אים די „זאַך", גיב אים צו פאַרשטיין, אַז דאָ איז אַ וואָקזאַל, אַ דייטשער וואָקזאַל

און די אַוועקפּאָרערס ווילן נישט פירן מיט זיך קיין ביכער, האָט ער „געלאָזט רעדן צו זיך" און — נעלם געוואָרן. מער אים נישט געזען. מילא. מסתמא וועט ער ווערן סטאַטעטשנע.

צווישן די געסט־אַרויפקומערס אין שרייבער־פאַרבאַנד — אַ שרייבער־„די פּי", טאַקע אַ „פרישער נאָמען", דערפאַר — מיט דעקונג. מנחם פלינסקער. ער איז מיר לכתחילה געפעלן, מחמת — איך בין אים נישט געפעלן, נישט איך און נישט מיין „שרייבערישע קאַנטאַר". ער האָט אין נאָכמלחמהדיקן פוילן אַרויסגעגעבן אַ לידער־ביכל, דאָס ערשטע מיט יידישע אותיות. ער איז מאַלעריש און דערפאַר ציט אים צו פּראָזע, צו ברייטע שטריכן. ער פאַרלאַנגט נישט קיין „שרייבערישע ראַציאָנען" און וויל נישט נהנה־זיין פון דער פּאַסקודנער לופט. אַנומלט האָט ער זיך פּלוצים באַוויזן, זיך אַ ווייל אַרומגעדרייט, געקוקט אַרום זיך, געשמאַנצעט מיט דער נאָז. און ביז איך האָב אוספּעיעט צו פרעגן אים אויף זיין געזונט און אויפן געזונט פון דער משפחה, האָט ער אַ פּראַל געטאָן די טיר און דערלאַנגט מיט איר אַזאַ טראַסק, אַז איך האָב זיך אַ טרייסל געטאָן אויפן בענקל צוזאַמען מיט די שויבן, וואָס פאַר זייער גאַנצקייט האָב איך מתפלל־געווען. וואָס פאַרלאַנגט ער, דער פלינסקער? — אַז אַלץ דאָ זאָל צעטראַסקעט ווערן; אַז אַן ערדציטערניש זאָל קומען אויף אַלץ און אַלעמען.

„וואָס זיצסטו דאָ? — האָט ער געשריגן פון יענער זייט טיר — לאָז זיי די ראַציאָנען! זאָלן זיי זיך שטיקן!"...

ער איז טעמפּעראַמענטפול, מנחם פלינסקער. אַ הויכער, מיט אַן איינגעבויגענער פּלייצע, מיט אַ כעסיק שמייכעלע צווישן די אויגן. איך טרעף זיך מיט אים. ער געהער צו די איינציקע, וואָס זעען די מעלשטראָסע ווי זי איז: מיט אירע גבאים, פּרנסים און צעקיסטישע קאָמיטעטשיקעס... כאַפּלאַפּניקעס — — —

10. אַ רחמנות־פּאַקעטל פון דער שווייץ

דעמאָנסטראַציעס אויף זיבערטשטראָסע, נעבן „צענטראַל קאָמיטעט פון די באַפרייטע יידן אין דער אַמעריקאַנער זאָנע, דייטשלאַנד". כמעט יעדן פרימאָרגן זעט מען זיי דאָ, יידן געקומען פון לאַגערן. זיי דעמאָנסטרירן: שרייען, טומלען, דראָען מיט „שפּאַלטן קעפּ" און „ברעכן שויבן". וואָסי? די צעקיסטן באַראַבעווען זיי. הער אַ מעשה: מען שטעלט צונויף רשימות, וואָס ווערן אַוועקגעשיקט ערגעץ אין דער שווייץ, רשימות פון לאַגער־יידן און פון... טויטע יידן — און פון דער שווייץ שיקט מען פּעקלעך — „ליבעסגאַבעפּאַקעטען" — וואָס ווערן געשיקט אויפן שוואַרצן מאַרק... צו אַלדע שוואַרצע יאָר...

„מיט אונזערע נעמען וועלן מיר נישט לאָזן „דעקן" די ציטונגען, די לוקסוס־

אויטאָס פון די קאָמיטעטשיקעס, דאָס הולטייסקע לעבן פון די פּאַרטיי־לייט!"...
— אַזוי שרייען זיי, די נאָך פאַרבליבענע לאַגער־יידן.
און נאָך אַ מין דעמאָנסטראַנטן:
ווייבער מיט גרויסע גאָלדענע מגן־דודס אויף גאָלדענע קייטן. זיי, די באַגילדטע ווייבער מיט די שווערע מגן־דודס, טומלען אויך קעגן די צענטראַל־קאָמיטעטשי־קעס — אויף דייטש. דאָס זענען דייטשע ווייבער פון יידישע מאַנען, וואָס האָבן דאָ, אין דער שפּע פון „ראַציאָנאַליזירטע פלייש־פּושקעס", אוספּיעט צו „הייראַטען" פּאַר אַ פינפאונצוואַנציקער ביים מעלשטראָסע־רב צו אַ געכשרטער דייטשקע; און דערנאָך אַוועק „נאָך איזראַעל". און איצט — צוריקגעקומען אַליין (ווו האָבן זיי געלאָזט די מאַנען זייערע? — ווייס זיי דער דייטשער רוח...); איצט טרייסלען זיי מיט די מגן־דודס; זיי פאַרלאַנגען — צו ווערן אַ טייל פון דער שארית־הפּליטה — צו באַקומען... ראַציאָנען: עס קומט זיי נישט? האָבן זיי דאָך אויסגעקעמפט די יידישע מדינה!
„וויר, יאַ, זאָ וואָס!"
אַזאַ אַנשיקעניש גאָר! אָבער עס פּאַסט זיך אַריין „אין רימל". אַזוי איז עס נאָר־מאַל. אַנדערש קאָן עס דאָך גאָר נישט זיין.
און איך טו „זידלען" — ווו נאָר אַ יידיש וואָרט איין אַ וועלט־ווינקל; בין אַרומגעכאַפּט מיט אַ „ריניקונג"־פייער. און אפשר דערפאַר איז מיין נאָך־זיצן אין דייטשלאַנד אַ מין שליחות? פון וועמען און פאַר וועמען? ממש — אַ קאָמפּלעקס. נאָר וואָדען? אָט איז עס דאָך: איך זיץ דאָ און האָב אַלץ פיינט דאָ. דאָס איז דאָך אַ פאַקט. און אַ פאַקט איז אויך (אויך יורידיש), אַז איך האָב רעכט אַרויסצובריינגען מיין פיינטשאַפט. דאָס איז עס — — —
אַן אינטערעסאַנטער קוריאָז:
איינם בלאָט האָב איך זאַטשעפּעט מיטן שרייבער קייט, בשייכות מיט זיינע „ירושה"־פאַרלאַנגען, מיט זיין־פאַרפּאַרעט אין דער „ראַציאָנען־טעגלעכקייט". נו, איז די צייטונג אַרויסגעקומען אום פרייטיק, זיך באַוויזן אין קיאָסק. דערציילט מיר שפּעטער דער צייטונג־פאַרקויפער: „זיך אַוועקגעשטעלט אַ ייד און מישט און מישט איינם פּעקל צייטונגען. לסוף — הייסט ער פאַרפּאַקן. קוק איך אים דאָך אָן: וואָס פאַרפּאַקן? זאָגט ער: דאָס גאַנצע פּעקל. הונדערט צייטונגען? ווער איז ער דאָס, דער מאָדנער ייד? איך פאַרשטיי, מ'קויפט אַ צייטונג אויף שבת, אָבער הונדערט?"
נו, דאָס האָט ער בלויז געוואָלט אַזוי, געוואָלט, אַז דער ייד זאָל די צייטונג בכלל נישט פאַרקויפן. דערנאָך איז ער אַוועק צום רעדאַקטער־אַרויסגעבער, פון אים געפאָדערט, ער זאָל בכלל „צוריקציען" דעם היינטיקן נומער...
קאָנפיסקירן! — — —

מיין סאַטיספאַקציע: איך טרעף דאָרט, וווהין די שפּילקע איז געצילט...
מיין פאַרבינדונג מיט דער יידישער וועלט שאַפט מיר — די בריווטרעגערין. יעדן פרימאָרגן הער איך זי קלעטערן איבער די טרעפּ. דעמלט שפּרינג איך אַראָפּ פון בעט און עפן די טיר. זי דערלאַנגט מיר אַ פּאַרפאַקט פּעקל: צייטונגען, ביכער, בריוו. זי איז אַ דייטשקע. אַפילו זי זאָל נישט פיינט האָבן קיין יידן — דאַרף זי אָבער זיין מיין שונא. זי „רייסט" זיך ממש אָפּ פון די שווערע פּעק, וואָס זי שלעפּט פאַר מיר איבער דריי שטאָק טרעפּ.
אינם היינטיקן טראַנספּאָרט — אַן אָנווייזונג פון דער פּאָסט אויף אַ שפּייזפּעקל פון דער שווייץ. פאַר מיר? איך קוק אויפן פּאַפּירל פון אַלע זייטן. אפשר אַ טעות? נישט איך האָב געשריבן צו דער שווייץ, נישט איך האָב געבעטן אַ פּעקל און נישט איך דאַרף עס. לכתחילה זיך געפילט באַליידיקט: אַ שפּיצל פון אַ לץ! אָבער אויף דער פּאָסט אַוועק. אינם פּעקל — אַ סטאַנדאַרטנער בריוו, וואָס ווינטשט מיר אַ גוטן אַפּעטיט און אַלדעס גוטס. דערנאָך: שאָקאָלאַד, ניילאָן־זאָקן, פּושקעלעך... קאַווע, טיי. נו, אַלץ פאַר מיר, דאַרף מען עס אַהיימטראָגן. אַוועק אין דרוקעריי אַרויסענדיקן אַ צייטונג־נומער. שפּעטער איז האַסטיק אָנגעלאָפן דער רעדאַקטער אַרויסגעבער. אַ שמייכלדיקער שטעלט ער זיך אַוועק נעבן מיר; וויל ער וויסן, סאַראַ פּנים עס האָט דער היינטיקער נומער? האָט ער אפשר געברענגט נאָך מאַטעריאַל? אַ, ניין. ער וויל בלויז וויסן, צי איך האָב דערהאַלטן אַ פּעקל. מער וויל ער נישט וויסן...
„יאָ — ענטפער איך — דערהאַלטן"...
„נו!" — שמייכלט ער צופרידן און אַרויסרופעריש.
ווער איך געוואָר, אַז, אמת, דאָס פּעקל איז טאַקע אָנגעקומען אויף מיין נאָמען, אָבער דער באַלעבאָס דערפון איז — ער.
„וואָס? — מאַך איך זיך תמעוואַטע — דאָס פּעקל איז געקומען אויף מיין נאָמען... מיין פּעקל"...
נו, אַ פּעקל ווינציקער פאַר די דייטשן, פאַר די דייטשע מאַרקן. אָבער דאָס פּעקל — דאָס „ליבעסגאַבעפּאַקעטל" — האָט גורם געווען, כ'זאָל אָפּזאָגן מיין מיטאַרבעט אין דער צייטונג. איך וויל נישט זיין קיין דירעקטער שותף צום שוואַרצן מסחר. וכך הווה. שטיל, אָן קריגערישן אימפּעט — אַוועק פון דרוקעריי.
אַ פּראַסטיק־גליטשיקער וועג. סוף 1948. צוגלייך ווי דער זומער איז צעבליט, באַדעקט מיט גרינס און בלומען, אַזוי איז דער ווינטער באַדעקט מיט אייז און בייסיקן פראָסט. אויף די דייטשן צייכנט זיך נישט די קעלט. זיי פאַרקלונגען די פּלעצער זייערע — דעם זענדלינגערטאָר־פּלאַץ, דעם געטע־פּלאַץ און דעם קאַרלס־פּלאַץ (פאַרביי וועלכע איך מוז דורכשפּאַנען אויף מיין וועג צו דער הערצאָג־רודאָלף־שטראַסע) — פאַרקלינגען מיט זייערע געלעכטערס און „גריס־

גאָט״־אויסגעשרייען. די קראָמען — פאַרפולט מיט פרעסערייען, מלבושים און „שמוק״. און דאָ נעמט עגבערן אין מוח די פוסטקייט: אַליין אין אַזאַ פּאַסקודנער פרעמד! און ערשט, נאָכן איבערלאָזן די צייטונג, וועט דער אומעט ווערן מער בולטער. און איך האָב טענות צו זיך: נישט געוווּסט וויאַזוי עס ווערט דאָ געפירט „גוזעלשאַפטלעכע אַרבעט״? וואָס פלוצים זיך „אָפּגעריסן״? פאָרט יידישע אותיות; פאַראַן מיט וואָס דורכצושטופן דעם טאָג.
דערפאַר טאַקע האָב איך אים נישט אָפּגעשטויסן, דעם רעדאַקטער אַרויסגעבער, ווען ער איז געקומען צו מיר אין איינציקע טעג אַרום, זיך פאַרענטפערט, אַז דאָס „גאַנצע מסחר״ איז דאָך גאָר „לטובת דער שארית־הפליטה״...
צוריק אין דרוקעריי. די צייטונג פעלט מיר. זי איז אַ רפואה פאַר מיינע צע־שרויפטע נערוון.
טיילמאָל כאַפּ איך זיך אַרום מיטן שטויס ביכער וואָס ליגט אויף מיין טיש, ביכער, לרוב דערשינענע מיט דריי און פיר יאָר צוריק. און דאָ דערמאָן איך זיך, אַז אין דידאָזיקע יאָרן איז „עפּעס״ פאַרגעקומען — טאָ וואָס לאָזן מיר הערן די ביכער פון יענע יאָרן? דערציילונגען, ראָמאַנען און לידער. האָבן די שרייבערס נישט געוווּסט, וואָס עס טוט זיך מיט זייערע נאָנטע? פאַרוואָס נישטאָ קיין צייכן דערפון אין זייערע ביכער?
שעהן־לאַנג שמועס איך במשך דער וואָך מיט ד״ר פיליפּ פרידמאַן. מיר טרעפן זיך ביים צווייטן ברעג פון דער זיבערטשטראַסע, צווישן דיביימער. דאָרט איז גוט צו שפּאַצירן, צו שמועסן, אויך צו באַטראַכטן „שווערע ענינים״. ער פּרוּווט אויפקלערן דעם ענין ביכער דערמיט, וואָס דער היקף פון חורבן איז געווען אַזאַ ברייטער און טיפער, אַז ער האָט אָפּגעטויט אַלע חושים. אויך מעגלעך, אַז די ביכער זענען געלעגן אין דרוקעריי פון פריער. ער פאָרט קיין אַמעריקע. אַ דאַנק גאָט, וואָס מיר פאַרמאָגן דאָרט אַזאַ בכבודיקע שרייבער־פלעיאַדע. און אַז פרידמאַן וועט פאַרלאָזן — וועט מיר בלייבן צו שמועסן אָט מיט זיי, מיט די ביימער דאָ...

11. די „גאָלדענע קייט״ און דער קאַשמאַר

די „יידישע גאַס״ האָט דעם אויסזען ווי נאָך אַ שרפה, רחמנא לצלן. עולם לויפט. עולם כאַפּט. עולם ראַטעוועט וואָס עס לאָזט זיך. במשך די פאַרגאַנגענע דריי יאָר בערך האָט זיך דאָ געהאַט איינגעשטעלט אַ „נאָרמאַל קהילה־לעבן״: אינסטיטוציעס, פּאַרטייען, ביוראָען, באַאַמטע מיטן גאַנצן ביוראָקראַטישן יאַריד. איצט נעמט ווערן ליידיקלעך. עס האָט שוין נישט קיין יידישן טעם דאָס זיצן דאָ. און אַז מען גרייט זיך צו דער נסיעה כאַפּט מען וואָס עס קומט אונטער דער האַנט: אַ טעפּעך, אַ טישטעך, אַ שרייבמאַשין...

אין שרייבער־פאַרבאַנד וואַלגערט זיך אַ שרייבמאַשין — אַ פּאַרזעעניש. אַ מתּנה פון אַמעריקע. זי האָט אי יידישע, אי לאַטיינישע אותיות. אָבער ביידע ליגן זיי אין זייער געלעגער — פּאַרליימט. קאָנען זיך נישט רירן פון אָרט, אַרויסקריכן פון זייער מאָדנער ראָד, ווו זיי ליגן מסתמא זינט דעם טאָג, ווען קאָלומבוס האָט אַנטדעקט אַמעריקע. נו, האָב איך זי, די היסטאָרישע זקנה, אַוועקגעלייגט רוען נעבן דער טיר. זאָל זי דאָרט ליגן. אפשר וועט אימעצער זי אַוועקטראָגן ערגעץ אין אַ מוזיי.

און זי האָט זיך דערוואַרט. דער שרייבער קייט האָט דערפילט די לעצטע טריט פונם שרייבער־פאַרבאַנד — האָט ער ראשית אַ כאַפּ געטאָן די אַנטיקוואַר־מאַשין. איך זאָג „ראשית", ווייל עס איז נאָך ביי אים געווען אַ „שנית" און דאָס — די ראַציאָנען... פאַר וועמען וועלן דאָ בלייבן זיי, די קאַלאָריעס! ער גייט אַרום אַן אָנגעלאָדענער מיט טענות. און ווען ער באַווייזט זיך, שטעלט ער אָן דעם באַברילטן בליק — צום „דערנערונגס־ווינקל". ער האָט נישט קיין צייט. ער וויל נישט וואַרטן ביזן סוף, ביז דער ריכטיקער חלוקה. אָט איז ער שטורמיש אַריינגעפאַלן אינם שרייבער־צימערל, אין באַגלייטונג פון זיין באַגלייטער, דעם צעפּאַטלטן פּאָעט גאָלד, וואָס צוזאַמען שאַפן זיי די „גאָלדענע קייט" פונם יידישן שרייבערטום דאָ. נו, האָב איך דערפילט, אַז עס וועט ווערן היימלעך — אין זכות פון די פּושקעס... ניין. זיי וועלן ביי מיר גאָרנישט פועלן. איך וועל זיי אָט באַלד אַרויסיאָגן ווי...

„וואָס באַלעבאַטעוועסטו... דו... האָ?... — אָט אַזוי נעמט שטאַמלען גאָלד בעת קייט זיצט אויף אַ בענקל, וואַרט. ער וואַרט, אַז עס זאָל זיך אָנהייבן... און עס האָט זיך אָנגעהויבן. דער פּאָעט איז געשפּרונגען און דער שריפטשטעלער — געשמייכלט. און איך? כדי נישט צו ווערן אויסגעשטעלט אויף „לייטיש געלעכטער", האָב ראשית צעעפנט די טיר און — אויסגעשטרעקט אַ האַנט צו די טרעפּ:

„אַררויס!"

מיין קול האָט מסתמא ווייט אָפּגעהילכט, מחמת קייט האָט זיך איילִיק אַ הייב געטאָן פון בענקל און זיך אַ לאָז געטאָן צו דער טיר, הינטער אים — דער פּאָעט, ווי אַ צעשויבערטער האָן. איבערן וועג האָט ער נאָך אויסגערופן: „וועסט אָפּגעבן אַ חשבון פאַר די ראַציאָנען!"

פאַרבליבן אַליין אין חדרל, האָב איך זיך אַריינגעטראַכט אינם דאָזיקן ענין, געוואָלט דווקא דערגיין דעם סוד: זענען אַזוינע לייט, ווי גאָלד און קייט, טאַקע געבוירן מיט „אַזאַ נאַטור", אָדער דער וויסטער נע־ווענד האָט אָפּגעווישט פון זיי יעדן צייכן פון מענטשלעכער צורה? סיווי — דאָס איז אַן ענין פאַרן „קומענדיקן היסטאָריקער". און דערווייל — דאַרף מען ערנסט אַ טראַכט טאָן וועגן

פֿאַרקלאַפּן די טיר דאָ: וועגן הייסן אימעצן אַוועקנעמען דעם אינווענטאַר. און אַזוי טראַכטנדיק — זיך פֿאַרטראַכט אויף אַ שטיקל פּאַפּיר, וואָס וואַלגערט זיך אויף דער פּאָדלאָגע. עס אויפֿגעהויבן. אפֿשר אַרויסגעפֿאַלן פֿון אַרכיוו; פֿון טיש אַראָפּגעפֿאַלן. ניין. ביידע נישט. איך לייען און שטוין. אַ פּאַפּירל, אַרויסגעפֿאַלן בשעת דער אַמפּערניש מיט אייניקע מינוט צוריק. אימעצער פֿון זיי האָט עס אַראָפּגעלאָזט. אָט איז דאָס לשון פֿונם שריפֿטשטעלער. נאָר ער פֿאַרמאָגט אַזאַ מין יידיש —

צו דער צענטראַלער רעוויזיאָנס קאָמיסיע
ביים צ. ק. פֿון ש. ה.
מינכען
אויף דער לעצטער פֿאַרוואַלטונג זיצונג פֿון שרייבער פֿאַרבאַנד איז באַשלאָסן געוואָרן:
אָפּשטעלן די טעטיקייט פֿון פּרעזידיום און באַפֿרייען פֿון זיין אַמט דעם סעקרעטאַר מלך טשעמני.
היות, דער דערמאָנטער וואַרפֿט זיך נישט אונטער דעם באַשלוס און זעצט נישט לעגאַל פֿאָר זיין אַרבעט דיספּאָנירענדיק און אויסגעבנדיק אָן אַ קאָנטראָל געזעלשאַפֿטלעך געלד.
דעריבער, ווענדן מיר זיך צו אייך מיט דער בקשה תיכף פֿאַרהענגען די טעטיקייט פֿון שרייבער פֿאַרבאַנד, אַדורכפֿירן אַ גענויע רעוויזיע און ערשט פֿון אירע רעזולטאַטן באַשטימען אַ קאָמיסיע וואָס זאָל דורכפֿירן די יאָרלעכע קאָנפֿערענץ פֿון שרייבער פֿאַרבאַנד
מיר בעטן אויך א. ד. מלך טשעמני צונעמען די סטעמפּלען פֿון פֿאַרבאַנד וועלכער אַנטזאָגט זיך זיי צוריקצוגעבן.
מיר באַמערקן, אַז ער באַגייט מיט זייער הילף מיסברויכן.
קייט ... גאָלד .... ניץ

אויף דעם „דאָקומענט" איז נישט פֿאַראַן קיין דאַטע, אָבער דאָס פּאַפּירל האָב איך אויפֿגעהויבן דעם 15טן אָקטאָבער 1948. הכלל: די פֿינטעלעך געהערן צו מיר. די 3 אונטערשריפֿטן זענען געקירצט. דער לעצטער פֿאַרענדיקט זיך מיט „ניץ" — סתם אַ שוטהוואַטע צוטשעפּעניש פֿון איינעם, וואָס דינט פֿאַר דעם פּאַרטיי־נאַר פֿון דעם פּראָגרעסיוו־ציוניסטישן אָרגאַן.

קאָמיש, ווען די מעשה וואָלט אויך נישט געווען טראַגיש. אָט האָט זיך דאָס קאַפּיטל „שאַרית הפּליטה" אַנטפּלעקט כמו שהוא. יידן האָבן במשך יאָרן פֿאַרלוירן דאָס ביסל בושה: אַרומגעגאַנגען נאַקעט — דאָס בין איך און טו מיר עפּעס!

דער שקר אין דעם שטיקל פּאַפּיר איז בולט: אין שרייבער־פֿאַרבאַנד איז שוין לאַנג נישט פֿאַראַן קיין פֿאַרוואַלטונג און ממילא — נישט קיין פּרעזידיום; נישט בנמצא די געהעריקע צאָל שרייבערס, מיטגלידער אין פֿאַרבאַנד, וואָס זאָלן ראוי־זיין צו רעפּרעזענטירן אַ „יאָרלעכע קאָנפֿערענץ" — — ליקווידאַציע...

יאָ. עס איז אַ כלל: פּחדנים, וואָס פילן זיך נישט בכוח אימעצן צו ליקווידירן לויט זייער שטייגער, פילן זיך אָבער שטאַרק אויסצורופן אויף אַלע מערק: אַט יענער־אָ איז אַ... פאַרברעכער! — — — דאָס אומגליקלעכע קאַפּיטל „לאַגער־יידן" האָט אין זיך אַלע עלעמענטן פון אַ קרימינעלער דערציילונג, וואָס איר יסוד איז: דייטשע מערדערייען, ווערטלאָזער מענטש, הפקרות...
געזען אין דער ביאָגראַפיע פון געאָרג בראַנדעס וועגן פערדינאַנד לאַסאַל: בעת לאַסאַל האָט זיך געפּוּנען אויף דער באַשולדיקונג־באַנק האָט ער געזאָגט: „איך בין אַזוי אָנגעשטעקט מיט קרימינעלע באַשולדיקונגען ווי אַ קריגערס פּאַנצער מיט פיילן"...
נו, מיין „קריגערישקייט" וועט זיך מסתמא דאַרפן פאַרענדיקן נאָכדעם, ווי די פיילן־וואַרפערס וועלן באַקומען די „שרייבערישע ראַציאָנען", אַ, דעמלט...
ניין. סיוּוּי וועל איך שוין פאַרבלייבן ביים „פלעק" — ביזן „קעמפערישן סוף"...
און דער סוף:
איך האָב אויפגעזוכט 3 יידן, האַלבע און גאַנצע צייטונג־שרייבער, זיי ממש געבעטן: „קומט, רעווידירט און נאָט אייך אַלץ אַוועק, אַלץ!"... און מיין בקשה איז דערפילט געוואָרן. מען האָט רעווידירט. עס געמאַכט כמו שכתוב און פאַר־שריבן אין אַ לאַנגן פּראָטאָקאָל מיט 7 פּונקטן: —
„אויף אַלע הכנסות און הוצאות פון דער קאַסע זענען צו דער רעוויזיע צוגעשטעלט געוואָרן דאָקומענטן און די קאַסע איז געפירט געוואָרן אין דער בעסטער אָרדע־נונג". דער פּראָטאָקאָל טראָגט די דאַטע פון 18טן דעצעמבער 1948, 4 אַזייגער ב. מ. זייער געזעצלעך און זייער פּינקטלעך. מיט געהעריקע אונטערשריפטן.
איצט האָב איך דאָ מער נישט וואָס צו טאָן. פאַרביי דער קאַשמאַר, וואָס האָט זיך גערופן „שרייבערס אין די לאַגערן" און „שרייבער פאַרבאַנד פון דער שארית־הפליטה". עס האָט זיך מיר פאַרוואָלט שאַפן סביבה, זיין צווישן אייגענע...
ערשט — דאָס לעצטע קאַפּיטל: אַוועקגעבן דעם שליסל. וועמען? האָט זיך געיאָוועט יהושע שלייען, אַ זייער פאַרביטערטער זשורנאַליסט „מיט סטאַזש"; עס האָט זיך אים נישט איינגעגעבן זיך צו עפּעס „צו דערשלאָגן" אין דעם מינכען. ער איז נישט מיד געוואָרן אַריינצוטענהן אין דעם און יענעם וועגן זיינע פעאיקייטן און וועגן דעם, ווי ער האָט זיך געראַטעוועט פון דייטשן מערדער. באַהאַלטנדיק זיך אונטער דער טאַגע פון אַן... אוקראַאינישן פּאָפּ; און דאָ — מוז ער אַרומגיין אַזוי־אָ! — — — איז קיינער נישט שולדיק דערין. אַזוי מסתמא איז שוין זיין גורל, שלייענס. איצט — האָט ער זיך איילִיק אָנגעכאַפּט אָן פאַרשלאָג איבערצונעמען דעם אינוועטאַר, שאַפן אַ פאַרוואַלטונג, זיך שטעלן בראש פון אַ באַנייטן „שרייבער פאַרבאַנד".
טאָ זאָלן מיינע הענט נישט פאַרען זיך אין די פונקען. אַוועקגעגעבן די סטעמ־

פעלעך, דעם אַרכיוו און אַלץ וואָס געפינט זיך אין מיין רשות דעם געהילף מיינעם און ער — שלייענען. דערויף באַקומען אַ קבלה מיט אַן אונטערשריפט און מיט אַ קיילעכיקן, רויטן סטעמפל דערויף — — —

תיכף דערנאָך — געמאַכט אַ לאַנגן און ברייט־עטעמדיקן שפּאַציר איבער די מינכענער שטראָסן: אַ בריענדיק־פּראַסטיקער אָוונט. איך שפּאַן האַסטיק, פּיל ניִשט מיין גליטשן זיך איבער די שניי־בערגלעך. איך האַלט אין מיטן אַ האַסטיקן וויכוח — מיט זיך: האָסטו רעכט צו שטראָפן יענעם, צו פאַרלאַנגען פון יענעם יושר, בעת דו אַליין זיצסט דאָ, האָסט הנאה פון דיין זיצן!? אָט קלייבסטו זיך אָפּצוקלאַפּן צען קאַפּיעס, זיי פאַנאַנדערצושיקן איבער דער וועלט, דערציילן וועגן אַן אומנאַרמאַלן צענטראַל־קאָמיטעט, וועגן אומנאַרמאַלע פּרנסים און אַלץ אַרום דעם. מי שמך? בכלל: וואָס פאַרלאַנגסטו פון דידאָזיקע יידן? זיי זאָלן פאַרלאָזן דייטשלאַנד. און דו? איז אויף דיר נישט חל דער געבאָט? — — — עס טרעפט: אַ דייטש גייט מיר אַנטקעגן, רוקט זיך האַסטיק אַוועק, כדי נישט צו קריגן אַ טראָסק פון מיינע וואַרפנדיקע הענט; ער טראַכט זיכער: אַ משוגענער, אַ „פער־רוקטער". און איך? האָב אין דער אדמה דעם דייטש. איך האַלט אין מיטן אַ שמועס, אַן ערנסטן שמועס. וואָס? באמת: וואָס דאַרף זיין איצט די אויפגאַבע פון אַ שרייבער? ער דאַרף פאָדערן, פאָדערן, פאָדערן. יאָ, אויך פון זיך. דער חילוק דאָ איז אָבער: אוודאי איז מיין זיצן צווישן דייטשן אַ חטא. אָבער די מוסטער־מנהיגים זינדיקן דאָך צענפאַכיק: געפּרעדיקט „עליה", „גיוס", געטריבן יידן פון די לאַגערן, געשריגן: „עפענען די טויערן פון ארץ־ישראל!" — דאָס אַלץ איז שוין פאַרגאַנגענהייט; שוין פאַראַן ברוך השם אַ מדינה — — האָט זיך גלייכצייטיק געמאַכט אַן ענין מיט נייע מסחרים: „ווידערגוטמאַכונג", „ליבעס־גאַבעפאַקעטן"... די אומגערעכטיקייט שרייט דאָך צו אַלע הימלען!

אוודאי ווייס איך, אַז זיי ווילן מיך פאַרשטומען; אַז דאָס חיות גייט זיי אויס דערצו! — — נו...

מיין צייטונג־רעדאַקטער־באַלעבאָס דערלאַנגט מיר אַן „אָפיציעלן" קאָנווערט און טוט שמייכלען דערביי: האַ־האַ, אַ געריכט. יאָ, דער בריוו איז אָפיציעל און ער לייענט זיך (מיט לאַטייניש אותיות, פון לינקס אויף רעכטס בלשון יידיש):

מינכען, דעם 11טן יאַנואַר 1949
צענטראַלער ערנגעריכט ביים פאַרבאַנד פון די באַפרייטע יידן אין דער
אַו. ס.־זאָנע, מינכען, מעלשטראַסע 12
צו...
די פאַרהאַנדלונגען אין ענין גאָלד (...) קעגן אייך וועגן מיסברויכן אין אייער אַמטלעכער טעטיקייט, וועט פאַרקומען דעם 26טן יאַנואַר 1949

11 אַזייגער אין לאָקאַל פון צענטראַלן ערנגעריכט אין מינכען, מעל־
שטראַסע 12 צימער 1.
איר זייט פאַרפליכטעט פינקטלעך צו דערשיינען
אין פאַל ווען איר וועט נישט דערשיינען, וועט דער ענין באַהאַנדלט ווערן
אין אייער אָפּוועזנהייט. אונטערשריפט (נישט לייענבאַר).

איך דריי דאָס בריוועלע אויף אַלע זייטן. יאָ, אַ משפט ווי אַלע משפטים — קאַזיאָנער געריכט. אין וואָס ווער איך באַשולדיקט? אין „מיסברויכן אין אייער אַמטלעכער טעטיקייט". האָב איך דאָך געהאַט און האָב נאָך אייניקע אַמטן — איז אפשר די באַשולדיקונג אַ כוללדיקע: פאַר די גאַנצע 3 יאָר אין דייטשן לאַגערלאַנד? איך נעם טראַכטן ערנסט, דורכוואָרפן אין געדאַנק אַלע מיינע טואונגען דאָ: ציימונג נומער 1... ציימונג נומער 2... ציימונג נומער 3... ציימונג נומער 4... יאָ. אויך אין אַ נומער־4־ציימונג, אַ פאַרטייאישע און דווקא אַ רעוויזיאָניסטישע, מיטגעאַרבעט אַביסל חדשים — גראָד די בעסטע (פון די פאַרטייאישע ציימונגען) געווען און דער בעסטער פאַראַנטוואָרטלעכער רעדאַק־טאָר געווען דאָרט — — — נו, אומעטום געהאַט צו טאָן מיט — בלייענע שורות. און דידאָזיקע שורות מעג מען זיך אָנשטופּן פולע טאַשן; בכלל זענען זיי נישט קיין סחורה פאַר דעם מעלשטראַסע־באַזאַר... אלא וואָס — נאָך איין אַמט געהאַט: דעם שרייבער־פאַרבאַנד. אָ, דאָרט איז יאָ געווען אַזוינס... נו, האָב איך דאָך אַנומלט אַלץ אָפּגעגעבן. אָבער נישט קיין „שוטקע". דער ענין איז אַן אָפיציעלער. אַ צענטראַל־קאָמיטעטישער און — אין מיין טאָגבוך זענען נאָך פאַרבליבן פיל ליידיקע בלעטלעך...

אָט, וואָס כ'טו אַריינשרייבן אין בלעטל מיט דער דאַטע — 26טער יאַנואַר 1949: אַ מגושמדיקער ייד. רויט־געשוואָלענע הענט. איך זיץ אַנטקעגן אים, קוק אויף זיינע פלאָמיקע באַקן, וואָס זענען באַשאַפן געוואָרן אויף אויסצופּאַטשן זיי. אים האָט אַהערגעשיקט, אינם מעלשטראַסע געריכט, די פאַרטיי, די פּראָגרעסיוו־ציוניסטישע. אַלע „ריכטערס" זיצן דאָ לויטן פאַרטייאישן שליסל, פונקט ווי די פרנסים פונם צעקאַ.

צווישן אונז קומט־פאָר פאָלגנדיקער דיאַלאָג:
איך: צו וואָס האָט איר מיך גערופן, ר' ייד.
ער: באַציט זיך מיט אַביסל מער רעספּעקט צום געריכט.
איך: צום ריכטער, מיינט איר.
ער: איך ווערט באַשולדיקט...
איך: איין ווײַלע: פאַרוואָס האָט איר מיר נישט געשיקט דעם באַשולדיקונגס־אַקט?
ער: איך בעט נישט איבערצורייסן דעם ריכטער.

איך: איר האָט נישט קיין רעכט צו ריכטערן איינער אַליין. איך פּסל אייך. עס מוזן זיצן 3 אָדער אַמווייניקסטן 2 ריכטערס.

ער (טרייסלדיק מיט די באַקן, ווי ער וואָלט נאָרוואָס באַקומען 2 געזונטע פּעטש): דאָס דאַרפט איר זאָגן דעם צענטראַל־קאָמיטעט.

איך: און פאַרוואָס פּירט מען נישט קיין פּראָטאָקאָל?

ער: איר וועט באַשולדיקט...

איך: איר דאַרפט מיר געבן בכתב פּונקט נאָך פּונקט:

ער: איר ווילט מיך נישט אויסהערן?

איך: נישטאָ פון וועמען צו הערן. איר מוזט האָבן פאַר בייזיצער דעם פּרעזידענט פון צענטראַל־קאָמיטעט, ווייל ער איז דער הויפּט־מומחה איבער אַלע מיסברויכן.

ער (הייבט זיך אויף פון בענקל, צעטרייסלט זיך ווי אַ צעשלאָגענער האָן נאָן אַ היבערגעפּעכט, בלאָזט אין די פאַרפרוירענע פליישיק־אָנגעשוואָלענע הענט, כאַפּט אַ פּאַפּירל פון טיש און לאָזט זיך צום אַרויסגאַנג): איר וועט סייווי אָפּגעבן חשבון.

איך (לאָז זיך הינטער אים): איר זענט אַ שלימזל, אַ בהמה, פאַרוואָס איר האָט זיך געלאָזט אַריינשלעפּן אין אַ בלאָטע פון אייערע פּרנסה־געבערס און פון...

ער האָט זיך האַסטיק אַ הייב געטאָן איבער די טרעפּ. איך — אַרויס אויף דער גאַס. דער טרוקענער פראָסט האָט אַ שטאָך געטאָן אין מיינע פייכטע נאָזלעכער. איך האָב זיך געפילט ווי דער „אמתדיקער העלד" נאָכן פאַרלאָזן די אָקסן־אַרענע...

עס האָבן מיר בלויז צוגעפּעלט די אָפּלאָזן פון דער פּובליקע — — —

27טער יאַנואַר 1949. באַקומען אַ בריוועלע פון פּראָפ' פישל שניאורסאָן, אַ תשובה אויף מיין בריוו קיין פּאַריז:

תל־אביב, 23.1.49

פּרופ' ד' מד.
פ. שניאורסון
מנהל התחנה הפסיכו־היגיינית
מפקח על החינוך המיוחד
תל־אביב, רח' הירקון 88

ליבער פריינד, חבר...
שלום וברכה

ערשט היינט האָב איך באַקומען צוגעשיקט פון פּאַריז אייער סיוו פונם 15 דעצעמבער. כ'האָב זייער הנאה געהאַט צו באַקומען אַ ידיעה און אַ גרוס פון אייך. ס'האָט אין מיר אויפגעוועקט זייער גוטע דעראינערונגען פון אייך און אייער וויכטיקער אומפּעטיקער און פּרוכטבאַרער אַרבעט אין מינכען — — — איך שיק אייך מיין אַדרעס און ווינטש אייך גרויס דערפאָלג אין אייער ליטעראַרישער אַרבעט. אייער פ. שניאורסאָן

אַ סאַטיספאַקציע אין טראַגי־קאָמישע טעג. דער געלערנטער איז געקומען קיין מינכען, כדי דאָ צו באַקענען זיך מיט דער פּסיכישער היגיענע פון די געראַטע־וועטע יידישע קינדער. נישט געבליבן קיין קינדער נאָך די דייטשע מערדערייען. בלויז דאָ און דאָרט — אַ האַלעוועשקע, פאַראַן געקומענע פון רוסלאַנד, אויך נישט פיל. איך האָב דעם פּראָפעסאָר באַגלייט אין אייניקע לאַגערס. ער האָט מער געשוויגן ווי גערעדט. ער האָט געוויטיקט. אין פערנוואַלד האָט ער גענומען אַ קינד אויף דער שויס און עס אַזוי שטאַרק געדריקט צו זיך, אַז עס האָט גענומען צאַפּלען פון שרעק.

„איך וויל אַריין דערין! — האָט ער געמורמלט — איך וויל ווערן איינס דערמיט!״ געוועזן טעג פון התעוררות ממש אין די ד׳ אמות פון פּראָפ׳ שניאורסאָן, טעג פון דערמאָנונג: וואַרשע, דאָס יידישע וואַרשע, האָט געהאַט געשטורעמט דעם ריזיקן זאַל פון ראַטהויז בעת אַ רעפעראַט פון פישל שניאורסאָן. טויזנטער אינעווייניק און טויזנטער אין דרויסן. מען איז געהאַנגען אויף טיר און פענצטער.

„עך, ווי האָט דאָס געקאָנט געשען, דאָס: אַזאַ אויסטערליש־שוידערלעכע רציחה. איך האָב מורא צו ברענגען פאַר די ליפּן: ווען נישט דער איסור פון דער תורה וואָלטן דאָך מיר, די לעבנגעבליבענע, זיך געדאַרפט פאַראייביקן מיטן אַש פון די פאַרקוילטע״...

ער האָט אין מיר אַריינגעזאַפּט די ריחות פון אַ יידישן געלערנטן, די ריחות פון דער לובאַוויטשער גזע און — די אוירא דארץ־ישראל. אייניקע טעג זיך געפונען אין אַ וועלט פון הוילע רוחניות, געטעמט מיט חסידות פון סאָרט „חיים גרייוויצער״, חב״ד — — —

איך באַמי זיך צו זיין צו אויסער דעם אָרום, אָבער עס קומט גאָר אַרויס דער היפוך: די פרייע צייט שטויס איך זיך צווישן המון, בפרט אויפן געדיכטן קאַרלס־פּלאַץ, ווו דער איצטיקער דייטש לאָזט זיך בולטער דערקענען. דאָ, אין די ווינק־לען, ברענגען רעדנערס אַרויס זייערע האַלז־גאַרגלערייען און דאָ רופן מיסיאָ־נערן זיך אומצוקערן צו גאָט. מיט איינעם אַזאַ גאָט־פּרעדיקער געמאַכט קאָנט־שאַפט. אַ צעשויבערטער בחור, לויפט ער אַרום אַן אומרואיקער נעבן דער טראַמוויי־סטאַציע מיט אַ פּאַק אָונט־צייטונגען, רופט־אויס די „קעפּלעך״ צוזאַמען מיט פּסוקים פון פּאַולוס און בענעדיקטוס. אַן אומנאַרמאַלקייט קוקט אַרויס פון זיינע אויגן. און אין גאַנצן איז ער — אַ שמאַטע־בונט. „נאַרמאַלע״ דייטשן באַוווּנדערן אים און וויכן פון אים. יחידים שטעלן־אָן זייערע פּראַסטיק־רויטע בעקעלעך, פאַרבייגן די קעלנערלעך און לייגן־צו אַן אויער: „וואָס פּלוידערט ער, דער יודע?״

אַ יידישער בחור פון ערגעץ אַ שטעטל אין פּוילן. דורכגעמאַכט אַלע ביטערע

גיהנומס; געקומען אין די לאַגערן און זיך אַרומגעזען — מיט דער הילף פון אַ מיסיאָנערישן רעטער — אַז דער יידישער גאָט טראָגט אַ גרויסן טייל שולד פאַר דער הריגה איבער זיין פאָלק. האָט ער זיך דערפאַר מיט אים צעקריגט און אַריבער צום זון זיינעם...

איך שטרעק־אויס אייניקע פעניג נאָך אַ צייטונג מיט דער „פראָוואָקאַטיווער" ווענדונג:

„הע, ר׳ ייד, גיט מיר אַ „מערקור".

ער כאַפּט זיך אויף ווי פון אַן איינגעפרוירענעם שלאָף. ר׳ ייד? ער הייסט גאָר יאָהאַנעס! אַזוי לויפט ער אַרום אין די פאַרפרוירענע נעכט אויפן קאַרלס־פּלאַץ — אַ נישט־פאַרענדיקטער קרבן פון די דייטשן.

אַזוי שפּאַן איך גאַס־איין, גאַס־אויס, כדי צו פאַרגעסן, כדי אַרויסצושלאָגן דעם טומל פון מיין מוח. גאַסן אויסגעפּילטע מיט געלעכטער, מיט ביר־האַלעס און „ווורסטל מיט קראַוט־סטובע". אָט גיי איך פאַרביי אַזאַ פרעס־און זויפעריי־האַלע און דערמאָן זיך: פאַריקן זומער האָבן צער־בעלי־חיימדיקע דייטשן געוואָלט לינטשן דעם באַלעבאָס, הלמאי ער האָט פאַרשאָטן די ביימער־בלעטער איבער זיין בודע מיט אַ סם־פּולווער און דערמיט געטויט פיל פייגעלעך, וואָס האָבן אים פאַראומרייניקט די טישן אין דרויסן. רעדאַקטאָרן האָבן געשריבן לייט־אַרטיקלען קעגן אַזאַ „ווילדקייט" און פאַרלאַנגט מ׳זאָל פאַרשליסן זיין פרעסעריי. אָרעמע פייגעלעך! האָבן די רחמנותדיקע דייטשן אויך פאַרלוירן אַ טרער בעת זייערע פאָלקסגענאָסן האָבן געטויט יידישע קינדערלעך?

דער פייגעלעך־מערדער האָנדלט ווידער מיט זיין ביר און ווורשט און די קינדער־מערדער קוויקן זיך ווידער מיט זיין „גריס גאָט"־פריינטלעכקייט.

אין מיין צימער ברענט דער קאַכלנער אויוון. אויף ליגט שוין די וואַרעם־פלאַש אין בעט. מיין דייטשע באַלעבאָסטע — פאַרדאַרט און פאַרגעלט — האָט הנאה פון מיינע דרייסיק מאַרקלעך אַ חודש, קוויקט זיך מיט מיינע פליישׂ־פּושקעס (וואָס לאָזן פון זיך „הערן" ספּעציעל אין די נעכט) און וואַרעמט זיך אויך ביי מיינע קוילן. דערפאַר טראָגט זי מיר קעגן דעם „גריס גאָט" ביים אַריינקומען ביינאַכט.

12. דייטשלאַנד: מקום מוכן לפורענויות

אויף מיין טיש — אַ בריוועלע פון דער אַמעריקאַנישער אימיגראַציע־ביוראָ אין מינכען. אין בריוועלע איז מען מיר מודיע, אַז אַן אויספאָרשער וועט מיך באַזוכן און איך דאַרף אים אָפּוואַרטן.

יאָ, צוגלייך ווי אַלע, האָב אויך איך זיך רעגיסטרירט צו פאָרן קיין אַמעריקע. דאָס איז די „לייכטסטע" מדינה פאַר מיר. פּשוט: אַנדערשווו פיל איך זיך נישט

בכוח צו פאָרן... טאָ זאָל זיין אַמעריקע. און דער אמת: תיכף נאָכן רעגיסטרירן, נאָכן אויספילן און צושטעלן אַ צענדליק פּאַפּירן; נאָכן דורכגיין די ביוראָקראַ־טישע אונטערזוכונגען — האָב איך חרטה באַקומען אויפן גאַנצן עסק. אי כ׳האָב בפירוש געפילט, אַז מיין קאַנדידאַטור וועט נישט געפעלן ווערן די אויספאָר־שערס, אי — אַפילו כ׳זאָל יאָ געפעלן ווערן, וועלן זיך געפונען אַזוינע, וואָס וועלן מיר צעשטערן דאָס גליק... און דאָך, האָב איך באַשלאָסן — צו קעמפן ביזן גוטן אָדער שלעכטן סוף — — —

און זיי זענען געקומען: אַן ענגליש־רעדנדיקער אַמעריקאַנער און אַ רוסיש־רעדנדיקער איבערזעצער. ביים אָבסערווירן די צוויי געסט, האָט אין מיר טיפער געזונקען עגבערן דער ווידערווילן צום גאַנצן פוילן עסק, פויל דערפאַר, וואָס מיט צופיל סודות איז אַרומגערינגלט דער ענין „מאַכן אַמעריקע״; וואָרום, נישט איין מאָל געהערט, אַז צו פאָרן קיין אַמעריקע „איז אַ גרויסע זכיה״. — טאָ וויפל דאַרף מען צאָלן פאַר דערדאַזיקער „זכיה״? און ווי דאַרף מען זיך אויסבאַהאַלטן פון די מוסרים, וואָס טשאַטעווען אויפן געוויסן אַמעריקע־קאַנדידאַט? און די דאָזיקע אַטמאָספער האָבן דאָך געשאַפן די אויספאָרשערס און זייערע באַגליי־טערס, אַ קיצלדיק טיסטעם פון חשד, פון שרעק פאַר קאָמוניסטן און סתם „אומ־געוווּנטשענע עלעמענטן״! אַזאַ בהלה פון אומצוטרוי טרעפט בלויז יידישע „די־פּיס״. פּאָלאַקן, רוסן, אוקראַינער און אַלע זייערע סלאַווישע ברידער — זיי זענען דאָך זיכער אַנטי־קאָמוניסטן... הכלל: אָט ווער איך איצט געפּרוּווט מיט דער דאָזיקער מכה. דער פאָרשער קוקט זיך כסדר דורך מיט זיין רוסישן איבער־זעצער. ווי ער וואָלט אים געפרעגט: האַ, דאַכט זיך — א... און דער רוס האַלט איינגעשטאָכן אין מיר זיינע שטעכיקע אייגעלעך. נישט דער אַמעריקאַנער פאָרשט מיך, נאָר — ער, דער רוס. און איך? זייַ רואיק. פאַרגין זיך אַפילו אַ שמייכל. דער אַמעריקאַנער מישט אין מיין „דיעלאָ״ — נישקשהדיק „פאַרמאָלדן״ ביי זיי. דער רוס וויל וויסן, וואָס אַזוינס איך האָב געטאָן אין רוסלאַנד. ענטפערן דאַרף מען. בכלל נישט שיין צו רופן געסט און זיי מאַכן צו־נאַר —

„אין רוסלאַנד האָב איך לכתחילה גערייניקט קלאָזעטן, דערנאָך — געווען אַ „קאָנבוי״, שפּעטער — געלעגן אין שפּיטאָלן פון אוראַל ביז אוזבעקיסטאַן״. דער רוס שמייכלט. דער אַמעריקאַנער האָט הנאה. ער פאַרצייכנט אויף אַ ליידיק בלעטל, לייגט עס ביי צו דער פּאַפּקע — נאָך אַ פּאַפּירל צו מיינע פּאַפּירלעך.

די אויספאָרשונג איז געענדיקט. איך גיי אַראָפּ אויף דער גאַס. ערב־פרילינג 1950. עס גרינען און בליִען די אָנגעוואַלגערטע גרוז־הויפנס אויף דער הערצאָג רודאָלף־שטראַסע. אויך שטאַרצן נאָך אַרויס פון דער צעחורבנטער סינאַגאָגע די אויסגע־בויגענע אייזנס, רעלסן און רערן — דראָענדיקע, אויסגעקראַמפּטע פינגער כלפּי די דייטשן, כלפּי דער וועלט, כלפּי דעם הימל.

דייטשלאַנד — דער פּופּיק פון דער וועלט. דאָ קומען־פאַר געשעענישן, וואָס געשעען נישט אויף דער גאַנצער וועלט. דייטשלאַנד גייט אויפן וועג צו ווערן זעלבשטענדיק, פריי, יאָ, פריי פון אירע חטאים און פריי פון דער אָקופּאַנטישער מאַכט. דייטשלאַנד פאַרלאַנגט אויף אַן אמת צו ווערן אַ פעדעראַלע רעפּובליק, פאַרייניקט אונטער דער טראַדיציאָנעלער און גאַנצער הויפטשטאָט, בערלין. אַזוי טענהט די פּובליציסטיק, אַזוי שרייען פּאַרטייערס — דאָס איז די לאָזונג אויף מיטינגען מכל המינים. עס ווערט נאַרמאַל אינם לאַנד, ווו עס איז געשען דאָס אומנאַרמאַלסטע. דאָ בליט דער האַנדל. דאָ האַנדלען מיטן וואָרט זשורנאַליסטן פון דער גאַנצער וועלט; דאָ בליט דער מענטש־שמוגל — רייזע־מאַכערס פון דער גאַנצער וועלט; דאָ איז אויך אַ פאַבריק פון קינדער־מאַכן. אַ „מעדכען־מוטער״ באַקומט אַכציק דייטשע מאַרק חודשלעך.

מיט צוויי טעג צוריק האָב איך געהאַט אַ גאַסט. שפּעט אָוונט, זיצנדיק איבער דער שרייבמאַשין, איז אַריין דער קינסטלער פוקס. נישט אַליין איז ער געקומען. אים האָבן באַגלייט צוויי „פרוילײנס״. פוקס האָט געלאַכט צופרידן. אויך די דייטש־קעס האָבן געלאַכט. און כדי אַלע דריי זאָלן נישט לאַכן פון מיר — האָב אויך איך געלאַכט. אוודאי וואָלט איך ביי „אַנדערע אומשטענדן״ אַלע דריי אַרויסגעשליי־דערט פון מיין וווינונג; איז נישט די וווינונג מיינע און נישט איך וויל זיך אויס־שטעלן צו לייטיש געלעכטער.

לסוף זענען זיי אַוועק. געפּטרט אַ צרה. פוקס האָט פאַרלאָזט דייטשלאַנד. ער האָט אָבער איבערגעלאָזט „ירושה״ פאַר איינער פון זיינע „מעדכענס״.

זיין „ירושה״ איז אַרומגעפאָרן מיטן קינדערוועגעלע אויף דער מעלשטראַסע, יעדן געוויזן דעם „יורש״ און געוואָלט וויסן ווו זיין „פאַטי״ געפינט זיך...

סיוּוּי — נאָך אַ „מעדכען־מוטער״ פאַר אַכציק דייטשע מאַרקלעך.

דער רעזולטאַט פון דער אויספאָרשונג איז גיך באַקאַנט געוואָרן (ער איז שוין מיר געווען פריער באַקאַנט...): איך וועל נישט פאָרן קיין אַמעריקע! אָסור, צי איך האָב דערפון עגמת נפש. וואָלט איך געוווּסט, אַז מ׳וועט מיר פאַלגן, וואָלט איך אַפּעלירט צו די יידישע „די־פּיס״, זיי זאָלן מאַכן אַ מין שטרייק: וועט מען נישט אָפּשטעלן די נאַרישע אויספאָרשונגען און די מסירה־בהלה — זאָלן אַלע זיך פרייוויליק אָפּזאָגן פון דער „זכיה״ צו פאָרן קיין אַמעריקע...

נו, דערווייל דאַרף מען נאָך „זיצן״. און אַז מען זיצט — „זיצט״ מען עפּעס אויס. און איך האָב „אויסגעזעסן״ אַ ניי בוך; ס׳הייסט, דאָס בוך — „אוזבעקיסטאַן״ — איז שוין אַלט אַ היפּשע פאָר חדשים; בלויז איצט זיך דערמיט נענטער באַקענט, ווען כ׳האָב עס געמוזט נעמען צו זיך, אויספּילן דערמיט יעדער ליידיקן פּלאַץ: אויף דער שאַנק, אין דער שאַנק... צוזאַמען מיטן פאַריקן, „טעג אַזעלכע״, האָט עס זיך אָנגעקגעלייגט ווי אַ שטיין, ווי אַ קופּע שטיינער... צוויי טויזנט קאָפּיעס

אָפּגעדרוקט. אָנהייב 1950 זענען נאָך אין דייטשלאַנד געווען אַ 50—60 טויזנט יידן. פון זיי — אַ נישקשהדיקע צאָל זיך פריער געוואָרעמט אונטער דער אוזבעקישער זון. נו, האָבן זיי געהאַט אוזבעקיסטאַן אין די ביינער און דערפאַר מיך איבערגעלאָזט מיט מיין „אוזבעקיסטאַן" — אויף דער שאַפע, אויפן טיש און אונטערן בעט.

יידן האָבן אייגענע דאגות. מען זוכט פרנסה, אָדער — ווו צו עמיגרירן. ביי אַנדערע ווערט דער חשק צו פאַרלאָזן דייטשלאַנד אָפּגענומען. וווהין? אַז יידן קומען צוריק, מען קומט פון דער גאַנצער וועלט, אויך פון ישראל. די לעצטע שעמען זיך צוביסלעך, רופן אַ פּרעסע־קאָנפערענץ, דערציילן וועגן „שווערן קלימאַט", ווייזן צעטלעך פון דאָקטער.

דאָס גערטל אַנטקעגן דעם ישראל־קאָנסולאַט איז שוין ווידער אויסגעפּילט. דאָס מאָל — מיט אַ נייעם סאָרט יידן: „יורדים". פריער אין דרויסן, דערנאָך — אַריין אינעווייניק, זיך צעלייגט אויף טישן און בענק. וואָס פאַרלאַנגען זיי פונם ישראל־קאָנסול? זיי ווילן אַ „דאַך איבערן קאָפּ": זאָל דער קאָנסול נישט שטערן. האָבן זיי דען נישט געקעמפט פאַר דער מדינה? נו, יאָ געקעמפט, נישט געקעמפט — מען דאַרף אָפּרייניקן די טישן און בענק. זיי האָבן „יורד"־געווען קיין פערנוואָלד. ווידער: „די־פּי", — „דיספּלייסד פּערסאָנס" — אויסגעוואָרצלטע, היימלאָזע — — —

ערגעץ אויף אַ צענטראַלער גאַס, אין אַן אָפּיציעלן בנין, אין אַ קליין צימערל, אַמטירט די חברטע בעל. זי איז אַן ערנסטע, אָן אַ ברעקעלע שמייכל אויף אירע איינגעצויגענע באַקן. זי פאַרנעמט דאָ אַ ספּעציעלן פּלאַץ. זי איז די פאַרשטייערין פונם יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט אין אַמעריקע. זי גיט נישט קיין חשבון פון איר אַרבעט דאָ. זי לעבט נישט בשלום מיט אַלע פּאַרטייען און מיט אַלע זייערע צייטונגען. זי איז סעקטאַנטיש און טרוקן.

איך בין אַוועק צו דער חברטע בעל זיך מיט איר דורכשמועסן. לאָמיר קודם וויסן וואָס טוט דידאָזיקע חברטע און מיט וואָס קאָן זי העלפן אַזאַ איינעם, וואָס די אַמעריקאַנער לאָזן אים נישט אַריין קיין אַמעריקע. —

„פאַרוואָס זאָל אַ געראַטעוועטער ייד נישט טאָרן געניסן פון דער אַמעריקאַנישער דעמאָקראַטיע, אַ ייד, וואָס די אַמעריקאַנער האָבן אים באַפרייט? זאָל אַזאַ ייד דאַרפן בלייבן אין דייטשלאַנד, אויב... ער וויל דווקא פאָרן קיין אַמעריקע?"

„איר רעדט נאַרישקייטן. יעדער איינער האָט רעכט צו פאָרן קיין אַמעריקע. אָבער חוץ אַלעם רעדט איר ווי אַ ציניקער"...

די חברטע בעל איז טרוקן און סעקטאַנטיש. איר שליחות דאָ האָט צו טאָן מיט

באַזונדערע פאַלן. די וועלט איז אָפן. וואָס דווקא אַמעריקע? פאַראַן אויסטראַליע, קאַנאַדע; פאַראַן אויך ישראל...

„און וואָס טראַכט איר, למשל, אין אַזאַ פאַל ווי מיינעם, האַ?"

„אייער פאַל איז אַן אַלגעמיינער. פאַראַן אַ „דזשאָינט", פאַראַן אַן „אונראַ"...

„און יענעמס פאַל (איך האָב אָנגערופן אַ נאָמען)?"

„יענעמס איז אַ באַזונדערער. יענער וועט פאָרן קיין אַמעריקע דורך אונז. יענער איז אַ בונדיסט... און אַזאַ ווי איר מעג פאָרן קיין ישראל"...

„האַ, פירט איר דאָך ציוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע, אַבי איר האָט טענות... נו, און בונדיסטן טאָרן נישט פאָרן קיין ישראל?"

„איר רעדט ווי אַ ציניקער"...

איך בין אַוועק מיטן צוזאָג, צו קומען אַ צווייט מאָל. מען דאַרף זיך דערגרונ־טעווען ביזן סוף. עקזיסטירט דער אַרבעטער־קאָמיטעט בלויז פאַר בונדיסטן? האָט אַ צווייטער נישט קיין רעכט, קיין שום רעכט דאָרט? ביי מיין ווייטערדיקן באַזוך האָב איך דווקא געוואָלט דערגיין פון דער חברטע בעל, הלמאי זי באַשטימט — ווער קיין ישראל, ווער קיין אַמעריקע. פאַרוואָס בין איך טאַקע נישט פּאַסיק פאַר אַמעריקע? —

„היתכן?"

די חברטע פוצט די נעגל, גלייכט־אויס די האָר:

„די סיבה איז נאָר איינע: אַמעריקע לאָזט נישט אַריין קיין קאָמוניסטן".

„ריכטיק. איז דאָך דאָס איר מדינה. און מיר דאַכט זיך, אַז יידן וואָס זענען צוריקגעקומען פון רוסלאַנד זענען געוואָרן אויס־קאָמוניסטן... און וואָס טראַכט איר, למשל, וועגן מיר, וועגן מיין „אוזבעקיסטאַן"?..."

די חברטע איז אומגעדולדיק פון מיין נודיען. אַז העלפן קאָן זי סיווי נישט. מיין פּרצוף איז פאַר איר מאַסקירט: קריגט זיך צופיל אַרום; זידלט די ציוניסטן אין זייערע צייטונגען; לעבט נישט בשלום מיט קיינעם נישט.

„יאָ, טאַקע פון אייער בוך, האָט מען מיר געזאָגט, זעט מען אַז איר זענט"...

„אַ קאָמוניסט?"

„איך האָב נישט געזאָגט. איך האָב בלויז געזאָגט, אַז מען זאָגט"...

אָ, די „זאָגערס" האָבן שוין אויך דערגרייכט צו דער חברטע בעל. אויב אַזוי, איז די אַמעריקאַנישע דעמאָקראַטיע גאָר איינגעשטעלט... בכלל: איז די חברטע גערעכט אויף הונדערט פּראָצענט, הלמאי מען לאָזט מיך נישט אַריין קיין אַמע־ריקע. אומפּאַסיקע עלעמענטן געפינען זיך דאָרט גענוג... אָט האָט זי מיר געהאָט אַנטפּלעקט בעת אַ „האַרטן" שמועס אַזאַ, אַז זי איז געווען סעקרעטאַרקע פון דער „צוקונפט", קען זי ממילא די שרייבערס דאָרט. דעריבער, אַז בעת אַזאַ שמועס האָב איך קריטיקירט די „ווידערגוטמאַכונג" און זיך דערביי געעדותט

מיטן דיכטער ה. לייוויק, אַז אויך ער איז קעגן, האָט זי טרוקן־ערנסט אַ זאָג געטאָן:
„וואָלט מען געגעבן לייוויקן די „ווידערגוטמאַכונג" וואָלט אויך ער זי גענומען"...
הייסט עס: פאַראַן אין אַמעריקע גענוג אומפּאַסיקע, געוויסנלאָזע... — אָן מיר. נו, צייט צו פאַרלאָזן זי, צו לאָזן זי זיך טובלען אין איר ריינעם געוויסן...
איך האָט אָוועקגעשיקט בריוו, מסתמא אַ צוואַנציק, צו שרייבערס און צו יעדן, מיט וועמען כ'האָב נאָר געהאַט פאַרבינדונג, דערציילט מכּוח דער באַציאונג צום געראַטעוועטן ייד, פאַרזאָנאָפּיצירט מיט זיך דעמדאָזיקן ייד, געהייסן שרייען געוואַלד... אויך דערמאָנט די פירונג פון דער רעפּרעזענטאַנץ פון יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט אין מינכען.

13. כאַרכע פון מאָנטעווידעאָ און זיין קוזין אין מינכען

מיטן זומער 1950. די מינכענער גאַסן — אויסגעפּילט מיטן בייערישן טראַכט: גרינע קאַפּעלושלעך, קורצע, לעדערנע הייזלעך. סוף מאַי איז מינכען אַ גאָרטן־שטאָט. עס בליען די אַקאַציעס און די פּלאַזשעס אַרום איסאַר־טייך הודשען מיט אַ געדיכט גאָרגלעריי.
אויף טראָטואַרן שפּאַצירן אַמעריקאַנישע סאָלדאַטן, קייען גומע און לאַכן מיט ווייסע ציין. פאַראַן אַזוינע, וואָס האָבן באַוויזן צו פאַרגרעסערן דאָס דייטשע פאָלק מיט טויזנטער שאָקאָלאַדנע פּיפּיס — אויסגעמישט די בלאָנדע ראַסע. אָבער נישט בלויז דאָס. די יענקיס האָבן אויך געטאָן גוטע אַרבעט אין בייערן.

געזען האָב איך זיי בעת אַ דעמאָנסטראַציע פון „אויסגעוואָרצלטע" פּאַגראָמטשי־קעס — רוסן, פּאָלאַקן, אוקראַאינער, ליטווינער — אַן אַנטי־קאָמוניסטישע דע־מאָנסטראַציע פון טויזנטער פּאַרצופים. און אויסגעקליבן זייער מאַרש האָבן זיי דווקא — די מעלשטראַסע און די געסלעך אַרום. אויב זענען נישט פאַראַן קיין קאָמוניסטן צו שלאָגן, וועלן יידן אויך גוט זיין... זשידאָ־קאָמונאָ — — —
דאָ האָב איך געזען די אַמעריקאַנישע סאָלדאַטן — פאַר יעדער ריי אַ סאָלדאַט מיט אַ ביקס און באַגנעט פון אויבן. 200 פּאָגראָם־רייען — 200 סאָלדאַטן... ערנסטע, קאַמף־גרייטע; אַז מ'וועט דאַרפן וועט מען שיסן. קיין פּאָגראָם וועלן זיי, די היצעלס, דאָ נישט מאַכן — — —

דערנאָך האָבן די דעמאָנסטראַנטן גענומען פאַרשווינדן. די דעמאָנסטראַציע, האָט מען געשמועסט, איז געווען פאַר זיי אַ מין „וויזיט־קאַרטע": מיר וועלן זיין גוטע בירגער פון אַמעריקע, מיר וועלן זיין גוטע פּאַטריאָטן, ווייל אָט זעט איר דאָך — אַנטי־קאָמוניסטן...
אין חודש יוני האָט זיך פּלוצים אַנגערוקט אַ שטורעם: מלחמה אין קאָרעאָ.

יוני 1950. אומרו. זאָרג פאַר מאָרגן. מה רעש? סאַראַ שייכות האָט סעאול מיט מינכען?

איך זיץ ביי אַ היימישן אַקטיאָר. דער אָוונט — געמיטלעך. קאַלעמוטנע ווערט, בעת דער ראַדיאָ גיט איבער וועגן סאָוועטיש־קאָרעאַנישע נצחונות. אָט געפינען זיי זיך דאָך אין בערלין און ווי ווייט איז בערלין פון מינכען...

און מיר האָבן כמעט צוזאַמען אַרויסגערעדט:

„וועלן „זיי" זיגן אין סעאול זענען מיר פאַרלוירן אין מינכען"...

יאָ. בלויז דאָס פעלט אונז. איצט וועלן די עשאַלאָנען גיין פון מינכען אין גרעסערע צאָלן ווי זיי זענען געגאַנגען פון ביאַליסטאָק. איך פיל אַ קעלט אין די ביינער, כאָטש דער אָוונט איז אין שפּעטן יוני.

„איז, אפשר זאָל מען זיך טאַקע אייליק פאַרפּאַקן און זיך אַוועקלאָזן אין דער יידישער מדינה?"

דערויף צעשמייכלט דער אַקטיאָר זיין פּנים אין דער ברייט:

„כ'וואָלט דאָס גערן געטאָן, אָבער צוויי סיבות האַלטן מיך אָפּ דערפון: ראשית, זיצן נאָך דאָ, אין מינכען, אַלע גרויסע ציוניסטן, בראש מיטן סאַמע פּרעזידענט זייערן; מיינט עס, אַז זיי גיבן אַ היתר צו זיצן דאָ — אַפילו „קאָרעאַ" טרייבט זיי נישט פון דאַנען. ושנית, האָב איך נישט קיין כוח צו ווערן איצט אַ חלוץ; רוסלאַנד האָט ביי מיר אַרויסגעצויגן דאָס לעצטע ביסל מיץ, הע, אַזוי רופן זיי דאָס דאָרט — מיץ".

„אַ טרויעריקער וויץ מיט דעם מיץ, כ'לעבן, מען דאַרף זוכן אַן אויסוועג. זאָל ער דאָ זיצן, דער פּרעזידענט מיט זיינע גבאים".

מיין מיטשמועסער ווערט ערנסט. ער פאַרקוקט זיך אויף דער שוואַרצער פענצטער־שויב:

„איך גיב נישט קיין פעניג פאַרן דאָזיקן לעבן. וועט זיין אַ וועלט, וועלן אויך מיר זיין, אויב נישט — זאָל זי אונטערגיין; איך וועל זיין דער לעצטער צו פאַרלירן אַ טרער".

„יאָ וועלט, נישט וועלט — איך וויל מער נישט רייניקן קיין פאַרפרוירענע קלאָזעטן"...

עס דערנענטערט זיך צו חצות. דער אָוונט גלעט מיט זיין זומערדיקער מילדקייט. אַ בלאָער הימל. שטיל און רואיק זיצן די דייטשן אין זייערע היימען. איך הייב זיך איבער אַ באַרג־חורבה. אויך דאָ איז אַמאָל געווען אַ לעבן. זאָל מיר הנאה טאָן, וואָס דאָסדאָזיקע לעבן איז געוואָרן צעשטערט? — — — אַ צייט בין איך נאָך געשטאַנען ביים אָפּענעם פענצטער פון מיין צימער, געקוקט אַנטקעגן, אויף אַ בלינדער, אַ צעשפּאָלטענער וואַנט. עפּעס נעמט עגבערן אין מוח. מען דאַרף נאָך פּרוּוון דאָס לעצטע מיטל: אויפזוכן ערגעץ משפּחה. יאָ. זוכן ערגעץ

אין דער וועלט. לאַנג האָט געדויערט ביז כ׳בין איינגעשלאָפֿן. אין מיין מוח האָבן זיך געפּלאָנטערט נעמען פון משפחה־לייט, וואָס האָבן אַמאָל אויסגעוואַנדערט. און אָט — זיך דערמאָנט: אַמאָל־אַמאָל, בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען איך בין נאָך געווען אַ "פּיצלס", האָט זיך באַוויזן אַ גאַסט אין שטוב. אַ פעטער — האָט די מאַמע געזאָגט. זיין פּנים שטייט מיר נאָך פאַר די אויגן. ווייסע באַקן, אַ לאַנגע נאָז. אַ צעשראָקענער פעטער אַזאַ. געקומען איז ער קיין וואַרשע פון לובלין. און זינט ער איז געקומען, פון בלאָען פאַרטאָג ביז אין דער טיפער נאַכט אַריין, האָט ער נישט פאַרלאָזט די שטוב. און אַז איך בין שוין געשלאָפֿן, האָט מען אויסגעלאָשן דאָס נאַפט־לעמפּל און דעם פעטער אַריינגעלייגט צו מיר אין בעט. מיך האָט דאָס עסק פאַרדראָסן און איך האָב אים געקאָפּעט אַ פעליקע נאַכט, געקאָפּעט און געקוויטשעט...

יאָסל האָט ער געהייסן, דער פעטער. שפּעטער זענען אָנגעקומען בריוו פון אים, פון אַמעריקע ערגעץ. אַז די מאַמע האָט געלייענט די בריוו האָט זי שווער און שמייכלדיק געזיפצט:

"אַז דער באַשעפער וויל, מאַכט ער פון אַ גנב אויך אַ מענטש".

האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז יאָסל איז געווען אַ פערד־גנב און אַנטלאָפֿן איז ער, אין יענער "קריטישער נאַכט", פון לובלין, ווייל די פּאָליציי האָט אים אַרומגעזוכט.

זיינע בריוו האָבן געטראָגן אויף זיך אַ פירמע: "פאַבריקוע דע מעבלוע"; געהייסן האָט עס: יאָסל האָט זיך אויפגעשטעלט אַ מעבל־פאַבריק.

נו, טו איך איצט טראַכטן: ווו זוכט מען אים ערגעץ? אפשר וועט ער גאָר שיקן אַן אַרויספאָדערונג? און דערמאָנט האָב איך זיך: ביזן איבעררייסן דעם קאָנטאַקט מיט אים האָט ער געוווינט אין אַ לאַטיינאַמעריקאַניש לאַנד, אָבער נישט געדענקט אין וועלכן. זיך איך אָוונטן ביים אָקטיאַר; בשותפות רייבן מיר די שטערנס: ווו זוכט מען אויף ערגעץ די קרובים? אויך ער האָט קרובים... הכלל: ער האָט אָוועקגעשיקט אַ בריוו. איך האָב אָוועקגעשיקט קיין בוענאָס איירעס אין דער ציַיטונג, ווו כ׳בין אַ מיטאַרבעטער, געשיקט אַ קול קורא, אַ רוף, אַז יענער, דער יאָסל דערדאָזיקער, זאָל זיך אָפּרופן און וואָס שנעלער... און גענומען האָבן מיר וואַרטן אויפן אָפּרוף — איך פון מיין קרוב און ער — פון זיינעם.

"קאָרעאָ" גייט אַריין טיף אין די עצמות, באַזעצט זיך דאָרט, נישט אַרויסצוטרייבן. און די גאַס? די בייערישע דייטשן שפּאַנען מיט זייערע "לעדער־האָסען", מיט זייערע נאַקעטע קני איבער די צעגרינטע שטראָסן. זייער צופרידנקייט מיינט פאַר אַן אונזעריקן: זאָלן די אַמעריקאַנער אַריינכאַפּן קלעפּ; זיי האָבן פאַרדינט; זיי האָבן דאָך באָמבאַרדירט דייטשע שטעט, פאַרטיליקט דעם דריטן רייך — — —

אָבער וואָס גייען מיך אָן דעם דייטשס טראַכטונגען. ער איז נישט אַליין. די וועלט — מיט אים. ווער טראַכט פאַר מיר — דעם ייד? יאָ. נאָך לאַנגע וואָכן טראַכטעגישן — באַקומען אַ בריוו פון מאָנטעווידעאָ, וואָס ליגט אין אורוגווײַ. געעפנט דעם קאָנווערט. אויפן בריוו, אין סאַמע שפּיץ, געפינט זיך נאָך יענע פירמע, מיט פאַר דרייסיק יאָר צוריק: „פאַבריקוע דע מעבלוע"... עס האָט זיך דאָרט גאָרנישט געענדערט. אַ דאַנק גאָט. — אָנגעפּאַקט מיט משפּחה־בילדער און אַ בריוועלע, ווו עס שרייבט מיין קוזין, דער מאַמעס ברודערס זון, אַז ער האָט געלייענט מיין רוף. די צייטונג קומט אָן פון בוענאָס איירעס קיין מאָנטע־ווידעאָ. ער איז זייער צופרידן וואָס איך בין געבליבן לעבן. ער פרייט זיך יעדער מאָל, ווען ער זעט מיין נאָמען אַ געדרוקטן אין בלאַט. ער האָט חתונה געמאַכט אַ טאָכטער, אַ זייער גראַטענע, איך קען זי זען אויף דער פאָטאָ...
עך, יאָסל! איצט רופט ער זיך „כאָרכע". ווי ווערט עפּעס פון יאָסל אַ — כאָרכע? נו, זאָל זיין כאָרכע, אַבי — זאָל ער אַרויסשיקן אָן אַרויספאָדערונג. און אַזוי האָב איך תיכף געשריבן צו אים, געווונטשן מזל־טוב און געגעבן צו פאַרשטיין, אַז אַ שאָד די צייט; זאָל ער נישט וואַרטן, נאָר זיך תיכף נעמען צו דער אַרבעט... אַריינגעוואָרפן מיין בריוו אין פּאָסט־קאַסטן און אַוועק מיטן קוזינס בריוו צום אַקטיאָר. ער האָט אים איבערגעלייענט, באַקוקט די פאָטאָס און זיך צעלאַכט אויף אָן אמת און מיט הנאה, ווי ער וואָלט מיטגעלאַכט מיטן עולם אויפן זאַל נאָכן דערלאַנגען אַ „גוט שטיקעלע".
„ראשית — האָט ער געבליצט מיט די צעשמייכלטע אויגן — איז דער יאָסל געווען אַ גנב און פאַרבליבן אַ גנב, מיטן בלויזן חילוק, וואָס פריער האָט ער געהאַט אַ יידישן נאָמען און איצט איז ער פאַלנער גוי, אַ כאָרכע; אָט זעט נאָר די געמאַלעווטע פּרצופים, ווי ביי סטאַטיסטן־קאַליקעס, וואָס ווילן מאַכן „אָן איינדרוק". איז נומער איינס. ערשט נומער צוויי: שרייבט ער, אַז ער פרייט זיך מיט אַ קוזין אַ שרייבער. הייסט עס: ער האָט פריער געוווסט, אַז דעם טאַטנס שוועסטערס זון לעבט און געפינט זיך אָטאָ־דאָ — טאָ פאַרוואָס האָט ער זיך ביז איצט נישט אָפּגערופן? ערשט נומער דריי: אַפילו דער כאָרכע זאָל מסכים זיין אייך אַריבערצונעמען (איך גלייב נישט דעריין!), טאָ ביז ער וועט זיך אויס־קראַצן, וועלן מיר אַלע פריער לעקן דאָס סיבירער אייז" — — —

דערהאַלטן תשובות אויף מיינע בריוו, געשיקט צו שרייבערס, רעדאַקציעס און קולטור־אינסטיטוציעס נוגע די שטערונגען, וואָס יידן האָבןביים וועלן פאָרן קיין אַמעריקע פון דייטשלאַנד. ווי אַ „מוסטער" — אַרויסגעבערענגט מיין „פאַל". אין די בערך צוויי צענדליק תשובות איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז יידן, בני רחמנים, ווילן נעבעך העלפן און, ווי דער יידישער שטייגער — בלויז מיט אַ קרעכץ.

קיין ממשותדיקע הילף האָבן זיי נישט. גם זו לטובה. וועל איך ציטירן בלויז איניקע. געהער דאָך דאָס אויך צום קאַפּיטל: גרעאַטעוועטע יידן —

י. אַפּאַטאַשו 10.5.50

... כ׳בין היינט געווען אין פרץ־פאַריין מיט אייער בריוול. איר האָט דאָך זיי אויך געשריבן. צום באַדויערן קען דער פרץ־פאַריין גאָרנישט טאָן. נישטאָ קיין וועג. ברענען זאָלן די מוסרים! מיר האָבן די זעלבע צרה געהאַט מיט (דאָ קומט אַ נאָמען פון אַ שרייבער)... ער האָט געהאַט אַן אַמעריקאַנישע וויזע און מען האָט אים געמסרט. ער האָט געמוזט אַהיימפאָרן. — — — איר דרוקט זיך דאָך אין מעקסיקע — אפשר וועלן זיי אייך אַריבערנעמען?

כ׳באַדויער וואָס כ׳קען אייך נישט העלפן. — — —

דניאל טשאַרני 14.5.1950

... באַלד, ווי כ׳האָב באַקומען אייער בריוו וועגן אייער נייער צרה — האָב איך אָנגעשריבן צום פרץ שרייבער־פאַריין אַ גאַראַנטיע, אַז איר קאָנט נישט זיין קיין קאָמוניסט, ווייל איר האָט דורכגעמאַכט אויף אייער אייגענעם לייב־און לעבן דעם סאָוועטישן „גן עדן". כ׳האָב זיי געבעטן שטעלן זיך תיכף אין פאַרבינדונג מיטן אַרב.־קאָמיטעט און כ׳האָב זיי אויך איבערגעשיקט אייער בריוו צו מיר. — — —

מ. פערדמאַן 27 מאַי 50 פאַרויס, מעקסיקע

... ווי מיר האָבן אייך שוין געשריבן, האָבן מיר זיך געווענדעט צום יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט וועגן אייער ענין.

דער אַרבעטער־קאָמיטעט שרייבט אונז, אַז אייער ענין איז אים גוט באַקאַנט און אַז מיט אייער ענין פאַרנעמט זיך ספּעציעל זיין פאָרשטייערין אין דייטשלאַנד וז־טע בעלא מעקסין.ליידער אָבער האָבן זיי דערווייל פאַר אייך נישט קיין גוטע נייעס מיטצוטיילן. — — —

פּ. שוואַרץ 21טן יוני, 1950 אלוו, יידישער קולטור־קאָנגרעס

... איך האָב אייך נישט געוואָלט מצער זיין און אייך שרייבן, אַז דער ענין פון אייער וויזע שטייט ווירקלעך נישט גוט צוליב די מוסרים. אַזוי אָבער ווי איר ווייסט שוין סייווי, מוז איך איצטער צוגעבן, אַז די לאַגע איז ווירקלעך אַ זייער שווערע, אויב נישט האָפענונגסלאָז. יאָ, עס איז אַן ענין וואָס שרייט צו די הימלען.

איך חזר אייך אָבער נאָכאַמאָל איבער: אין אַרבעטער־קאָמיטעט האָט מען צו אייך די בעסטע באַציאונג און מען וויל אייך העלפן. צי זיי וועלן קענען אייך אַרויסציען פון דער בלאָטע — דאָס איז אַ פראַגע. — — —

ווידער און ווידער געלייענט די בריוו, אַלע בריוו און געפרעגט דעם „היתכן?": איז טאַקע די אונטערוועלט אַרויס פון די קאַצעטן און פון די טייגעס, אַרויס מיט מסירה־סטאַזש, כדי דאָ ממשיך־צו־זיין דעם שאַנטאַזש? ניין. נישט קיין פרעגצייכן. עס איז אַן אויסרוף־צייכן — זיי צו אַנטפּלעקן און צו דערשטיקן, דערשטיקן זייער שאַנטאַזש אויף אַלע אופנים! — — —

נישט איך און נישט דער אַקטיאָר — ביידע האָבן מיר נישט באַקומען קיין תשובה אויף די אָוועקגעשיקטע בריוו. ער האָט נישט באַקומען פון די זייניקע אין אַמעריקע, איך — — — מיין יאָסל האָט אויך פאַרגעסן; ער האָט פאַר־געסן צו ענטפערן. אָבער אויך מיין עקשנות האָט ווערט. אמת, קיין טובה דערפון וועל איך נישט האָבן, דערפאַר — זאָל אַ וועלט וויסן: ווער עס זענען די געוויסע שיינע יידן, וואָס דער חורבן פון זייערע נאָנטע האָט זיי נישט אָנגעכאַפּט ביים גאַרגל. וויאַזוי? איך וועל אַ קוועטש טאָן מיט דער פען. וועל דערציילן וועגן אַלץ און אַלעמען. אַ סטראַשע טאָן די געגנט. אפשר וועלן זיי זיך טאַקע דער־שרעקן — — —

און איך האָב פאַנאַנדערגעשיקט אייניקע קאָפּיעס, דערמאָנט נעמען, „אַרויס־געוואָרפן" קרובים מיט געהעריקע „מי שברכס"...

און ווידער האָט מען זיך געטראָפן אין די אָוונטן, געשמועסט ביי אַ גלעזל טיי, געוואַרט אויף דער גרויסער הילף, וואָס וועט דאָך מסתמא מוזן קומען.

און זיך דערוואַרט:

געקומען אַ בריוו פון אורוגוויי. דער אַקטיאָר האָט נישט דאָס מזל. אים האָט זיין קרוב בכלל נישט געענטפערט. יאָ, איין בריוו איז בייגעלייגט אָן אויסשניט פון „די פרעסע" אין בוענאָס איירעס, אָן אויסשניט מיט מיין מאמר — קעגן די צופרידענע לייט, וואָס ווילן נישט העלפן זייערע געראַטעוועטע קרובים. יאָסל איז שטאַרק באַליידיקט. ער זידלט מיך פאַר מיין חוצפה. איז ער דאָך, חוץ אַלעם, אַ כלל־טוער אין מאָנטעווידעאָ. סטייטש: פאַרוואָס און פאַרוואָס — — — דעם בריוו נישט דערלייענט ביזן סוף. אים צעריסן און פאַנאַנדער־געוואָרפן איבער אייניקע מיטקעסטלעך...

14. אַ שמועס וועגן גוטע און שלעכטע יידן

איך בין אַוועק זיך טרעפן מיט משה לעסטני, דעם געוועזענעם רעדאַקטאָר (צוזאַ־מען מיט ישראל עלענצוויג, וואָס געפינט זיך שוין אין אַמעריקע) פון דער לאַנדסבערגער „יידישע ציטונג", וואָס איז פאַקטיש געווען אַ יידישע מוסטער־ציטונג אין די לאַגערן. חוץ אַלעם, האָט זי אויך באַוויזן די חכמה זיך אויס־צוהאַלטן אָן די פאַרטייאישע געשעפטן און דערפאַר — געשטאַנען העכער איבער די טומלערס פון דער מעלשטראָסע. עס איז אָבער געקומען די צייט אויך אויף איר. לאַנדסבערג האָט זיך געשלאָסן צוזאַמען מיט דער ציטונג. איז משה לעסטני אַריבער קיין מינכען און זיך דאָ צייטווייליק באַזעצט. ער געהער צו די יחידים יידישע אינטעליגענץ, וואָס האָבן זייער יידישקייט־לומדות געצויגן פונם מקור. ער איז היימיש אין ש״ס און פוסקים; ער איז געבליבן דאָס וואָס געווען, ווי ער וואָלט נישט דורכגעמאַכט די פורעניות פון וואַרשעווער געטאָ. אים צוקלעפּן

אַ באָרד, קוקט ער אויס אין זיין געשטעל, זיין באַוועגן און רעדן — אַ גוטער ייד... אַ תלמיד פון וואַרשעווער „תחכמוני", קען ער העברעאיש ווי יידיש; איז ער איינגעווייקט ראשו ורובו אין בלויז ייד. בענקט ער דערפאַר איצט צום געוועזענעם און איז מתפלל: „חדש ימינו כקדם". אוודאי האָט אויך פריער נישט אַלע געלויכטן און נישט אַלע יידן זענען געווען צדיקים.

„האָט מען אָבער געקאָנט אַרויסוואַרפן די ווערעמדיקע אַרבעס און איבערלאָזן די כשרע..." — דאָס איז זיין איינשטעל; דאָס הער איך פון אים שטענדיק.

איך האָב אים געטראָפן אין זיין דירה־ווינקל, ערגעץ אויף האַנס־זאַקסשטראַסע. ווי יעדער מאָל, איז ער אויך איצט שמייכלדיק און אָפּטימיסטיש. צו להכעיס אַלע אומברענגערס וועט דאָס יידישע פאָלק האָבן אַ קיום — אויף דער אייגענער ערד, אין דער אייגענער מדינה. ער שמייכלט מיטן פולן פנים. ער איז אַ הויכער, אַ צעוואָקסענער. זיינע אויגן — ווי ער וואָלט זיי נאַרוואָס אַרויסגענומען פון אַן עיון אין די דריבנע רש"י־אותיולעך. ער האָט פיינט דעם גלות צוזאַמען מיט די „דאַיסטן", וואָס פאַרסמען די מוחות פון יידן אומעטום.

„אָבער דאָס יידישע פאָלק — זאָג איך צו אים — איז דאָך געבוירן אין גלות; ווי קאָן מען עס אַזוי גיך פאַרטרייבן?"

„פאַרטרייבן! — נעמט ער שרייען — אַרויסטרייבן! מיר מוזן האָבן אַן אייגן שטיקל ערד, כדי צו קענען זיך פאַרטיידיקן קעגן די שונאים. קום איך קיין ישראל, וועל איך אויך בייטן מיין נאָמען אויף — „לסת"... ווי געפעלט ער אייך?"

„דער נאָמען יאָק דער נאָמען, אָבער דער גאַנצער ענין"...

„סאַראַ ענין? איר מיינט די יידן דידאָזיקע?"

„יאָ. און נאָך עפּעס. איך מיין: ארץ־ישראל. אָטאָ דער ענין געפעלט מיר נישט".

„וואָס?"

„יאָ. עס געפעלט מיר נישט דער ערב־רב, וואָס קומט דאָרט אַהין פון דאָנען און פון אַנדערע מקומות, די שארית הפליטה".

„שאַט, רעדט נישט קיין לשון הרע. מיר האָבן דאָך נישט קיין אַנדערע, כ'מיין, קיין יידן, וואָס זאָלן זיין לויט יעדנס געשמאַק".

„נו, אָבער דער אָפּטימיזם מוז צוביסלעך פאַלן. אַפילו אַ מליץ יושר מוז מודה זיין, אַז אונזער עולם, ווי מיר האָבן אים דאָ געקענט — בראש מיט זיינע מנהיגים — אַז זיי אַלע וועלן אַ תל מאַכן פון דער יידישער מדינה. ביי אייך הייסט עס „קיבוץ־גלויות" און ביי מיר — ערב־רב. זיי וועלן דאָרט מאַכן נאָך־אַ־מדינה אויף דער וועלט־מאַפּע, אַ מדינה פון יידן (נישט דווקא פון די בעסטע יידן), אָבער נישט קיין יידישע מדינה. און פאַר מיר ארץ ישראל איז מער ווי אַ מדינה. איך וויל אַהינפאָרן זיך אָפּרוען, גייסטיק קומען צו זיך. איר פאַרשטייט".

„יאָ, איך פאַרשטיי, אָבער איר טאָרט נישט אויסמישן אַלץ אין איין קעסל. נישט

אַלע פּאַרטיי־טוערס און שליחים זענען געוואָרן פּאַרסמט פון דער מעלשטראָסע. געווען אַזוינע, ווי, למשל, די אָנפירערס מיטן צענטראַל־קאָמיטעט, וואָס זענען געווען פּאַרקלעמט פון געוויסע טיפּן. נישט אַלעמען קאָן מען גלייך באַשולדיקן, כאָטש אַלע האָבן אַ גלייכן יצר הרע״...

„ע׳, דאָס איז אַ ביטער קאַפּיטל פאַר זיך. געווען גוטס און געווען שלעכטס. דאָס שלעכטע איז באמת געווען אַ מוסטער פון געמיינקייט און פון ביטערקייט. די סאַמע שפּיצן פונם צענטראַל־קאָמיטעט האָבן געזינדיקט דערמיט, וואָס זיי האָבן געכשרט דעם חזיר; זיי האָבן אַרויסגעגעבן אַ הכשר אויף אַלע ברודיקייטן, דערמאָנען זייער יחוס?״

„ניין. נישט נייטיק. איך קען אים פון אויסנווייניק. לאָמיר אַריבערגיין צו אַן אַנדער טעמע. אָבער איידער מיר פאַרענדיקן אונזער דאָזיקן וועכנטלעכן שמועס, וויל איך זיך אַראָפּרעדן און וויאַזוי: טוט אַ קוק, איר קטיגור — אַפילו די קאָמוניסטן, וואָס האָבן ליב צו רימען זיך מיט זייערע גרויסע אויפטוען, טענהן, אַז איצט, דרייסיק יאָר נאָך זייער גרויסן זיג, האַלטן זיי דערווייל בלויז ביים סאָציאַליזם; ביז צום קאָמוניזם איז נאָך ווייט... על אחת כמה וכמה מיר, אַ געטאָ־פאָלק, רעשטלעך אַרויס פון פייער — דאַרף מען דאָך קודם האָבן ווו דעם קאָפּ אַוועקצולייגן, דעם בידנעם גוף, ערשט שפּעטער וועט מען טראַכטן וועגן האַרץ, רחמנא ליבא בעי, וועגן מוח און נשמה. אַלץ אויפאַמאָל דערלאַנגען אויף אַ גיל־דענער טאַץ? אויך צווישןביידע חורבונות און פריער און שפּעטער און אויך ווען די בתי המקדש זענען געשטאַנען אין זייער גאַנצער פּראַכט, אויך דעמלט האָבן יידן געזינדיקט. מען דאַרף בלויז אַ קוק טאָן אין תנ״ך, זיך צוהערן צו די שטראָף־רייד פון די נביאים... און איך זאָג אייך, אַז הייַנטיקע יידן זענען פיל בעסער פון יענע יידן, ווייל די הייַנטיקע זענען געריינִיקט געוואָרן אין די קאַלכ־אויוונס, אַרויס פון פייער אַרומגעזענקטע מיט פלאַם אויף זייערע לייבער — —״

אָט אַזוי טוען מיר זיך אַמפּערן: ער — קעגן מיין קטיגוריה, איך — קעגן זיין סניגוריה.

אַזאַ איז ער, משה לעסטני, ביי וועמען אין שטוב איך פיל זיך היימיש. אמת, אין זיין כאַראַקטער און אין זיין טראַכטן איז ער מיין „קעגנער״, אָבער גוט ביי אַזאַ איינעם צו פאַרשפּילן, איידער ביי אַ גראָבן יונג צו געווינען. דער זאָג: „עם הארץ מותר לקורעו כדג״, איז ספּעציעל אָנגעצייכנט פאַר געוויסע טיפּן, וואָס האָבן זיך באַקליידט מיט מנהיגימשאַפט — — —

15. אַ בינטל „פּאַטשערקעס״ וועגן דעם „צעקאַ״

דער „דזשאָינט״ לעבט נישט בשלום מיט די יידן פונם „צענטראַל־קאָמיטעט״: מען דאַרף זיי נישט דאָ — זיי, מיט זייערע פּאַרטייען. אַ וואָקזאַל. צידה לדרך —

און א גליקלעכע רייזע. דא דארף מען נישט קיין „אינסטאנצן" און פארמיטלערס! זענען דערמיט נישט מסכים די יידן פונם צעקא. אויף א וואקזאל זיצט מען א נאכט, א טאג מיט א נאכט (למשל, אויף א סאוועטישן וואקזאל), אבער דא זיצן יידן — יארן. די טויערן פון ארץ ישראל זענען געשלאסן (און יידן דארפן פארן בלויז קיין ארץ־ישראל!), די וועלט איז אכזריותדיק; יידן זיצן אוןווארטן — דארף מען זיי ארגאניזירן, דערציען, מאכן פון זיי גוטע יידן און ארנטלעכע בירגער.

נו, האט דער צעקא — דאס קעסטקינד פון „דזשאינט" — באזיגט דעם באלעבאס: יידן פארן, יידן קומען — יידן זענען נישט הפקר! מאכט מען וואלן. פראפאגאנדע. טומל. מהומה. דערנאך ווערט שלום. קאאליציע. מען טיילט זיך איין — פראפאר־ציאנעל: דו ועסט זיין ווירטשאפט־לייטער, דו — פינאנץ־לייטער, דו — פראפאגאנדע־לייטער. פאנאנדערגעטיילט די לייטערס — שטעלט זיך אוועק אויפן סאמע שפיץ פון אלע לייטערס דער פרעזידענט: א קליין, דריבנע מענטשעלע פון א גרויסער פארטיי.

„עמך" האט נישט זייער גערן די מיני־לייטערס פונעם „צענטראל־קאמיטעט". ליידיקגייערס, וואס פאראדירן מיט דייטשע לוקסוס־אויטאס און דייטשע שאפערן; אויסגערוטע חברה־לייט, לייטיש אנגעטאן, רייכערן אמעריקאנישע סיגארעטן. וואס ווילן זיי? ווינציק פאראן אנגעשטעלטע אין „דזשאינט", אין „אונרא"? מילא, יענע, יאק יענע, אבער די־א? אט האט גענומען דער סאמער פרעזידענט פון לאנדסבערג־לאגער און „עולה"־געוועזן קיין אמעריקע. א וואזשנער ציוניסט. גע־האלטן שטארקע רעדעס. ער האט עס געמאכט בגלוי. אנדערע לייטערס און לייטערלעך מאכן עס בסוד: זיך רעגיסטרירט און אוועק אין א נייעם גלות און שא. דעם לאנדסבערגער האט מען אבער געפאקט איך־מיטן־דרינען. איז וואס? — וועט ער אין אמעריקע זיין א גוטער ציוניסט. אזוי האבן יידן הנאה פון אריגינעלן הומאר אויפן חשבון פון די פארטייאישע ציוניסטן, די שיינע לייט און לייטערס און די פארשידענע באגלייטערס פון די לייטערס.

איז אויך כדאי צו פארצייכענען: אנומלט האט דער קולטור־לייטער גענומען זיינס א באגלייטער און ביידע האבן זיי דורכגעפירט א פרץ־אוונט. איז עס דאך באמת קולטורעל. זאלן לאגער־יידן נישט לעבן בלויז מיט „רח קח", עס הייסט: מיט „ראציאנירטע קאלאריעס", אויף וועלכע עס איז גילטיק דאס געבאט: „נעם!" — נייך. מען דארף אויך געבן א פארציע פרץ. נו, האבן יידן — ווידער געלאכט, הנאה געהאט — פונם לייטער־באגלייטער. דהינו? דער באגלייטער פונם לייטער — א פראפעסאר לויט דער פראפעסיע — האט מיט גרויס ענטו־זיאזם ארויסגעשריגן פון דער טריבונע, אז „דער גרויסער יהודה לייב פרץ איז דער סאמע גרעסטער"... איין מאל און נאך־א־מאל: „יהודה לייב", בעת א ייד

וואָס האָט אַמאָל געלייענט פּרצן ווייס, אַז אונזער קלאַסיקערס נאָמען קלינגט אַזוי יידישלעך און היימישלעך: „יצחק לייביש" — — —
און ווידער: האָט דער קולטור־לייטער געמאַכט אַן אָוונט פאַר דעם שרייבער שלמה בער. נו, עס קומט אים. פאַרט „דער עלטסטער צווישן די שרייבערס". זענען געמאַכט געוואָרן קול־קוראס, פאַנאַנדערגעקלעפּט איבער די ווענט און דאָרט איז געשטאַנען, אַז דער אָוונט ווערט געמאַכט לטובת „דעם דיכטער..." מילא, דער לייטער איז נישט מחויב צו וויסן דעם חילוק צווישן אַ פּאָעט און אַ פּראָזאַיקער, אָבער ער אַליין, דער חתן דנן, האָט זיך אַביסל געשעמט. אַ סימן: ער איז אַרומגעגאַנגען מיט אַ בלייער און אָוועקגעשטעלט: אויפן אָרט פון „דיכטער" — „שרייבער". אַז ער האָט דאָך אויף זיין לעבן קיין לידער נישט געדיכטעט! — — —
אַזוי זענען זיי, די לייטערס און באַגלייטערס פונם „צענטראַלן קאָמיטעט". אָבער די ריכטיקע קאַשע האָט דער „צענטראַל־קאָמיטעט פון די באַפרייטע יידן אין דער אַמעריקאַנער זאָנע, דייטשלאַנד" (אַ נאָמען, ווי דער גלות לאַנג!) — פאַרקאָכט מיט איינעם אַ „קאָנגרעס פון די באַפרייטע יידן" אין באַד־רייכענהאַל. אַ ליקווידאַציע־קאָנגרעס. אָבער צו דער „ליקווידאַציע" זענען פאַרבעטן געוואָרן „באַזעסענע" באַלעבאַטים: פאַבריקאַנטן־דעלעגאַטן, סוחרים־דעלעגאַטן, וואַיאַזשאָרן און אינטעלעקטואַלן־דעלעגאַטן וכדומה. און ווי דער מנהג אויף דער גאַנצענער וועלט, אויך דאָ האָבן געטאָן אַראָפּשיינען פונם פּרעזידיום צופרידענע פּנימער, בריליאַנטענע שפּילקעס, גאָלדענע רינגען... און דער לייטער איבער די לייטערס, דער סאַמע פּרעזידענט, איז אַזש אונטערגעשפּרונגען (ער איז קורץ־געוואַקסן) ביים האַלטן די שאַרפע רעדע זיינע — וועגן „ליקווידאַציע דאָ" און וועגן „איב־טעגראַציע דאָרט" —
אוי, האָט ער גע־רעדט! — —
דערביי האָבן אייניקע לאַגער־יידן אַרומגעבלאָנקעט איבערן זאַל, אַפילו קיין חוזק־שמייכעלע נישט געהאַט דעם כוח פון זיך אַרויסצוברענגען. זיי האָבן געביסן די נעגל און געשטיקט אין זיך טרערן — יידן פון לאָדזש, פון לאָדזשער געטאָ: „זע־נאַר, דער מערדער זיצט דאָך אויבנאָן!"
אויפן דאָזיקן „קאָנגרעס" בין איך נישט געווען, ווי כ'האָב בכלל אויסגעמיטן אַלע „אויפטריטן" פון די צעקאָ־לייטערס. אָבער די ווייטערדיקע מעשה געוואָר־געוואָרן בעת אַ שמועס מיט אַ לאָדזשער ייד, אַ רעציטאַטאָר, וואָס האָט דורכ־געמאַכט אַלע פּיינען פון רומקאָווסקיס מלוכה.
„הערט — האָט ער אָנגעהויבן מיט אַ פאַרשטיקט קול — ווייסט איר ווער עס רעפּרעזענטירט די שארית־הפּליטה? איר וועט נישט גלייבן. דאָס איז דאָך דער געוועזענער שעף פון דער זאָנדער־פּאָליציי אין לאָדזשער געטאָ. איר קוקט

מיך אַן פאַרוואונדערט? אויך איך האָב נישט געגלייבט, אַז דערדאָזיקער פאַרשוין זאָל זיצן אויבנאָן, ביז כ׳האָב געהערט אויפרופן זיין טריפהנעם נאָמען. אָט איז ער דאָך דער אויסגעפּרעסענער מערדער! אַז ווי צו מיר! דאָס האָט ער דאָך אונטערגעשריבן צוזאַמען מיטן מערדער ביבאָוו די קינדער־אַקציע. דאָס איז ער דאָך פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער „שפּערע״, פאַר די אויסזידלונגען, פאַר צורויבן ביי יידן זייער׳ פאַרמעגן צוזאַמען מיטן לעבן. אַז ווי צו אונז! ווער עס איז אונזער רעפּרעזענטאַנט! אַנשטאָט ער זאָל זיצן אין תפיסה, זיצט ער גאָר אויבנאָן אויף אַ קאָנגרעס פון דער שארית־הפליטה! — — —״

שעף פון דער זאַנדער־פּאָליציי! זאַנדער! דייטשע פּאָליציי אין אַ יידישער אויפלאַגע! יידישע געשטאַפּאָ!...

און דערביי האָב איך זיך געוואונדערט: יידן, געוועזענע יידישע קאַצעטלער, האָבן געפּלעגט כאַפּן קאַפּאָס, פּאָליציאַנטן און פאַרשידענע „זאָנדעראַוצעס״, זיי צעבלוטיקן, מאַכן געריכטן, טרייבן זיי ווי די הינט; און דאָ דרייט זיך אַרום אַזאַ־אַ העכט, אַזאַ מערדער — און גאָרנישט. עס איז אים גאָר געלונגען אַריינצוקריכן צווישן די סאַמע שפּיצן — צו רעפּרעזענטירן די יידישע סוחרים. פאַרוואָס האָבן פאַרבליבענע לאָדזשער יידן אים נישט אַראָפּגעשלעפּט פון דער בינע, נישט צעטראָטן ווי אַ שרץ? זעט אויס, אַז אויך איצט שרעקן זיי זיך פאַר אים. זיין פּחד־אָנוואַרפנדיקער בליק גייט זיי נאָך. מען האָט זיך געשושקעט אין די ווינקלען, זיך אומגעקוקט צי קיינער הערט נישט.

אָבער איך האָב געהערט — געהערט די געוויינען און געשרייען פון געפּייניקטע. ביים „צענטראַל־קאָמיטעט״ געפינט זיך אַן ערגעריכט, אַ מין קאַריקאַטור, געשאַפן פאַר ספּעקטאַקל און חוזק. די געריכטלער (לויט אַ פּאַרטיי־שליסל) מאַכן סעסיעס און גיבן אַרויס אורטיילן: דער און יענער געוועזענער געטאָ־פּאָליציאַנט, קאַפּאָ, „טאָר נישט פאַרנעמען קיין געזעלשאַפטלעכן פּאָסטן״... וואַזשנע אָנגעשראָקן! אָבער בלית־ברירה — האָבן יידן געטענהט — וואָס דען זאָל מען טאָן? איז דאָך נישט פאַראַן קיין יידישע תפיסה אויף מעלשטראָסע! דאָך — דאַרף די „אינסטאַנץ״ וויסן מיט וועמען זי זיצט ביי איין טיש און ווער עס זענען די רעפּרעזענטאַנטן. על כל פנים — דאָס!

איך האָב געשריבן וועגן דעם „זאָנדעראַוויעץ״ — ראשית אין אויסלאַנד. עס האָט זיך אַ רודער געטאָן. דער יידישער וועלט־קאָנגרעס האָט געשיקט דאָקומענטן. פון פּוילן האָט מען פאַרלאַנגט זיין אויסליפערונג. עדות האָבן זיך אָפּגערופן. וואָס בלייבט איצט צו טאָן? איצט איז געקומען די צייט פאַרן ערגעריכט. ווער עס האָט נאָך אַזאַ קאַריקאַטור נישט געזען, דער ווייס נישט וואָס אַ ריכטיקע קאַריקאַטור מיינט:

די „ריכטער״ פונם ערגעריכט פּילן־אויס דעם אויבנאָן. דער באַשולדיקטער

איז געקומען פּינקטלעך. זיין אויסזען — אַ פּאַרבלוטיקטער קצב־יונג. אויך די עדות זענען דאָ. איך זיץ נעבן דעם דבר־אחר, קוק אַריין אין זיינע קרומע אויגן, וויל פון דאָרט אַרויסלייענען: הלמאי האָט אַ ייד, מעג ער זיין פון דער אונטער־וועלט ווי דער־אָ, געשלאָגן יידן, אַרעסטירט יידן, באַרויבט יידן און אַוועקגע־רויבט זייערע קינדער — — ? און איך קוק אויפן עולם. עדות צאַפּלען ביי זיין אַנבליק. געפינען זיי זיך דאָך איצט אויסער דעם געטאָ — וועט אפשר אימעצער פון זיי אים דערלאַנגען מיט אַן אייזן איבערן קאָפּ? כאַטש דאָס! מיינען זיי, אַז מיטן אויסטענהן זיך פאַרן „געריכט" וועט דעם פאַרשווין אַראָפּ־פאַלן כאָטש אַ האָר פון קאָפּ? די עדות דערקלערן איינער נאָכן צווייטן:

„ער האָט דורכגעפירט קינדער־אַקציעס!"

„ער האָט געפרעסן צוזאַמען מיט ביבאָוון"

„ער האָט באַרויבט די יידן אין געטאָ!"

„ער — — —"

ער האָט געברענגט פאַרטיידיקונג־עדות. געפּוצטע יונגען. זיי רעדן פּויליש. דערציילן ווי גוט ס'איז געווען אין געטאָ ביי זיין הערשאַפט. ער האָט אַריינגע־פירט קאַרטאָפלעס. קיין וואָרט וועגן זיין „זאָנדער"־ראָל, וועגן זיין מיטאַרבעט מיט דער קריפּאָ — דער דייטשער קרימינאַל־פּאָליציי. לאָדזשער יידן שושקען זיך: פּסולע עדות. מען טאָר זיי נישט אויסהערן. דאָס זענען דאָך אַלץ געוועזענע „רעסאָרטאָווצעס", וואָס האָבן אָנגעפירט מיט רומקאָווסקיס מלוכה, מיט זיינע וואַרשטאַטן; דאָס האָבן זיי דאָך געטיילט טאָלאָנען און באַגנבעט די הונגעריקע יידן פון לעצטן ביסן; מען דאַרף זיי משפטן! — — —

די ערשטע זיצונג איז געענדיקט. אַן עדות באַקלאָגט זיך:

„ווער איז דאָס געריכט? קיינער פון זיי איז דאָך נישט געווען אין לאָדזשער געטאָ! זיי האָבן דאָך אַפילו קיין געטאָ נישט אָנגעזען, קיין קאַצעט! יוריסטן? ווער קען זיי דען נישט, די פּאַרטייאישע יוריסטן?! — — —"

צו די ווייטערדיקע זיצונגען בין איך נישט געגאַנגען. איך האָב פּשוט מורא געהאַט — נאָכן צוזען די קאָמעדיע, וואָס יידן מאַכן פון אַ טראַגעדיע — נישט צו רעאַגירן פיזיש: צו שליידערן אימעצן דאָרט אַ שווערע זאַך אין קאָפּ אַריין... און דאָס געריכט האָט זיך געענדיקט. צו אַלעם קומט אַ סוף. אָבער דאָ איז צום סוף־פּסוק נישט געקומען. בעסער אַזוי. די ריכטלערס האָבן איבערגעריסן דאָס ריכטעווען. עס איז געוואָרן שאַ און שטיל. אַפילו נישט אַוועקגענומען פון אים די רעכט — צו זיין אַ גזולשאַפטלעכער עסקן. געבליבן ווי געווען. ער איז דער רייכסטער סוחר, דער רייכסטער פאַבריקאַנט, דער רייכסטער אימפּאָרטירער און עקספּאָרטירער — דער אָנגעזעענסטער און בכבודיקסטער מיטגליד פון יידישן סוחרים־פאַריין אין מינכען... אַ פיינער קופּיעץ — דער געוועזענער

קריפּאָוויעך. אַמאָליקע צייטן וואָלט מען געזונגען טרויער־לידלעך אויף אַזאַ בלוטיק־קצבישער כּאָסלעלע, איצט — האָבן דאָך יידן געזען אַזויפיל מערדערס, אַזויפיל בלוט — — — און דערפאַר מסתמא: אַלע לאָדזשער קענען אים, טרעפן אים און דאָך — „מיט מיר האָט עס נישט צו טאָן!” — — —

16. אַ גוטע בשורה: אַרגענטינע

דעם 28טן יוני 1950 — אַוועקגעשיקט אַ בריוו צו פּנחס שוואַרץ, עקזעקוטיוו־סעקרעטאַר פון קולטור־קאָנגרעס. סיידוי איז מיר קלאָר פון די פאַריקע בריוו, אַז זיי דאָרט זענען נישט בכוח עפּעס צו טאָן לטובת אַזאַ ייד ווי איך און ענלעכע, וואָס זענען אַריינגעפּאַקט געוואָרן אין „פּעקל”. איך ווייס דאָס. עס ווילט זיך אָבער אָפּרעדן ס׳געמיט. אויפן סדר־היום שטייט נישט איצט אַמעריקע אָדער ישראל. דער ענין האָט צו טאָן מיטן תוכן: ווי האָבן יידן אַזוי פאַרלוירן די מענטשלעכע און יידישע צורה, אַזוי דערגאַנגען צום אָפּגרונט, ביז — צוטראַכטן בלבולים, מסירות?! — בלויז אָפּרעדן...

פּנחס שוואַרץ ווייזט זיך אַרויס צו זיין אַנדערש פון אַנדערע. ער האָט געדולד אויסצוהערן, צו דערלייענען אַ בריוו ביזן סוף. און אפשר... אפשר וועט ער פּאַרט עפּעס צוטראַכטן? יאָ, אויך אים שוין פאַרמאַטערט. לעב איך דאָך אין אַן אַנדער וועלט — אַזוי נאָענט פון דאַכאַו... אין דאַכאַו איז פאַרברענט געוואָרן דער יושר. וואָס וויל איך איצט?

סוף חודש יולי. פאַרביי אַ חודש בערך. אויפן בריוו נישט באַקומען קיין תשובה. נו, ווידער זיך אַנטוישט. — נישט ס׳ערשטע און נישט ס׳לעצטע מאָל.

6טער אויגוסט. היינט אַ ספּעציעל־פריילעכער טאָג. גוט, וואָס ערגעצוווּ געפינט זיך אימעצער, — מיט פאַרשטענדעניש פאַרן צווייטן. דאָס איז פּנחס שוואַרץ. פון אים היינט באַקומען פאָלגנדיקן בריוו:

אַלוועלטלעכער יידישער קולטור־קאָנגרעס, ניו־יאָרק,
דעם 2־טן אויגוסט 1950

... איך האָב אייך ביז איצטער נישט געענטפערט אויף אייער בריוו פון 28־טן יוני נישט דערפאַר, ווייל מיר האָבן וועגן דעם פאַרגעסן. פאַרקערט, איך האָב געפּרוווט עפּעס טאָן וועגן דעם און איך האָב געמאַכט ביי זיך, אַז איך וועל אייך שרייבן ערשט דאַן, ווען איך וועל האָבן עפּעס קאָנקרעטעס. מיר האָבן געמאַכט אַ ווענדונג צו אונזער אָפּטיילונג אין אַרגענטינע, אַז זיי זאָלן מאַכן פאַר אייך אַלע מעגלעכע באַמיאונגען. איצט האָבן מיר באַקומען פון אַרגענטינע אַן ענטפער. איך גיב אייך איבער אַ ווערטלעכע ציטאַטע פון יענעם בריוו:

„אויף דער זעלבער עקזעקוטיוו־זיצונג איז אויסגעטיילט געוואָרן אַ ספּע־ציעלע קאָמיסיע, וואָס האָט די אויפגאַבע צו פועלן אין די געהעריקע אינסטאַנצן אַ געהעריקע צאָל אַריינפאָר־וויזעס פאַר שרייבער און קולטור־

טוער פון אייראָפּע. מיר האָבן אין פאָרם פון אַ שטרענג־פּאַרטרוילעכן בריוו געבעטן, אַז די אייראָפּעאישע ביוראָ פון קולטור־קאָנגרעס זאָל לויטן אייגענעם איינזען אונז צושטעלן אַ רשימה פון 10־15 משפחות. פּרוווט אונז דעריבער צושיקן די גענויע פּערסאָנאַליען פון מ. טשעמני. פאַר־שטענדלעך, אַז מיר קענען אַבסאָלוט נישט צוזאָגן, דאָס אונזערע באַמי־אונגען וועלן געקרוינט ווערן מיט דערפאָלג. פילנדיק אָבער די טראַגישע סיטואַציע פון אַ געוויסער קאַטעגאָריע שרייבער און קולטור־טוער אין איצטיקן אייראָפּע (פון אַ טייל פון זיי איז שוין אָנגעקומען אַלאַרם־רופן), וועלן מיר אַלץ טאָן כדי אונזערע באַמיאונגען זאָלן זיך איינגעבן.״

מיט דעם ענין פאַרנעמט זיך דער נייער סעקרעטאַר פון אונזער אַרגענטיי־נער אָפּטיילונג ש. קאַטשערגינסקי. ער איז ענערגיש. ער האָט אַ טיפן געפיל פאַר חברים און ער וועט זיכער טאָן אַלץ מעגלעכע. איר דאַרפט אים תיכּף אַרויסשיקן אַלע נויטיקע דאַטעס און פּרטים וועגן אייך. אויך — פאָטאָגראַפיעס. די גאַנצע ידיעה דאַרף בלייבן זייער פאַרטרוילעך — האַלט מיך אינפאָרמירט וועגן ווייטערדיקן פאַרלויף פון אייער ענין. — — —

פּ. שוואַרץ

געלייענט דעם בריוו אייך מאָל און נאָך אַמאָל, אַריינגעטייטשט און אויסגעטייטשט און זיך געפרייט ווי מיט אַ גרויס געווינס.

אָבער דאָס ווערעמל עגבערט אין מוח: וועט אַלץ דורכגיין כשורה? מיינט דאָך דער גוטער פּנחס שוואַרץ מסתמא די מוסרים, ווען ער וואָרנט, אַז „די גאַנצע ידיעה דאַרף בלייבן זייער פאַרטרוילעך״... סייווי — עפּעס האָט זיך ביי מיר געעביטן. נישט אַלץ איז פאַרלוירן. נאָך פאַראַן מענטשן אויף דער וועלט — — —

ז י ב ע ט ע ר   ט י י ל

1. אַ נייע צייטונג — נייע צרות

איך זיץ אָוונטן ביי משה לעסטני. ער איז אַ צוגענגלעכער, אַ פריילעכער אַזאַ. גוט מיט אים צו שמועסן. ער איז מלא כרימון אין ענינים, וואָס אינטערעסירן מיך אויך. וויל איך, מאַך איך מיט אים אַ היפשן שפּאַציר אויף צוריק — אין רבינס הויף, אין ישיבה, אין „שטיבל"... לרוב דרייען זיך אונזערע שמועסן אַרום דעם אַקטועלן. ער גרייט זיך צו פאָרן קיין ישראל. פאַקטיש איז דער איצטיקער שמועס אַ המשך פונם פאַריקן:

„איר שרעקט זיך פאָרן ערב־רב? נישטאָ פאַרוואָס זיך צו שרעקן. דאָס פסולת שווימט אַרויף, שווימט צוריק. אין ישראל וועט בלייבן דאָס סולת".

„נו, זאָל זיין אַזוי. מיך אינטערעסירט אָבער דער סאַמע עיקר: ארץ ישראל אָדער מדינת ישראל? דאָס ערשטע איז פאַרבונדן מיט יידישער מסורה, מיטן חומש, מיט גייסטיקער מנוחה; דאָס צווייטע זאָגט פאָר: אַ מדינה פאַר דער שארית־הפליטה, אַן אָרט ווו דעם קאָפּ אוועקצולייגן, ווו צו ראַטעווען זיך פון פיזישן אומקום. נו, דאָס קאָן מען דאָך אויך געפונען אין די אַמעריקעס און אין אַנדערע מדינות. דאָס יידישע לאַנד דאַרף זיין אַנדערש פון אַנדערע לענדער און דאָס יידישע פאָלק — אַנדערש פון אַנדערע פעלקער".

דערויף טוט לעסטני ווי זיין שטייגער שמייכלען:

„אַ שיינע מעשה; דער וויכוח איז נישט קיין נייער און די שרעק — אויך נישט. כדי צו מאַכן פון דער מדינה וואָס זי דאַרף זיין — לויט אייך, לויט מיר און לויט אַלע גוטע און פרומע לייט— דאַרף מען אַהין קומען, זיך דאָרט באַזעצן און דאָרט ממשיך זיין מיט די וויכוחים. דאָס בלויזע זיצן אינם אייגענעם לאַנד איז אויך אַן ענין. ווי שטייט דאָרט געשריבן"...

„מסכים. איך וועל אָבער אַביסל צוװאַרטן, אַביסל אָנזאַמלען כוחות. אויף צום זיצן דאַרף מען אויך האָבן כוח. פאַראַן אַנדערע וואָס פאַרמאָגן נישט דאָס ביסל כוח צום זיצן; זיי מוזן נעבעך ליגן"...

אַזוי פאַרברענגען מיר די אָוונטן מיט דיסקוסיעס און „אריינזאָגענישן" ביי אַ היימיש גלעזל טיי. צום פאָרן קיין ישראל האַלט עס אויך ביי לעסטנין נישט אַט־אַט. און ביי מיר איז אַריינגעשפּרונגען דער ענין אַרגענטינע. בין כך ובין כך איז נישט קיין תכלית צו זיצן סתם־אַזוי אינם בייערן־לאַנד. און דער ווינטער

רוקט זיך אָן — שוין דער פינפטער װינטער — און אַלץ שלעפּט זיך דאָ װי ביי אַ טשערעפּאַכע.

אויך די „װידערגוטמאַכונג" — דער איינציקער „אָנהאַלט" פאַר די פאַרבליבענע, געקומענע און צוריקגעקומענע — שלעפּט זיך צװיטנװײז; מיט צװיטן ממש. עס רודערט זיך ביי די „גוטמאַכערס". זיי באַשולדיקן שוין אָפן: די יידן באַראַבע־װען! זיי זענען נישט חלילה קעגן, יידישע קאַצעטלער זאָלן באַקומען כּך־וכך מאַרקן פאַר זייערע אַרבעט־טעג. עס קומט זיי דאָך. זיי האָבן דאָך געאַרבעט! נאָר װאָדען: אַביסעלע איבער דער מאָס! דייטשן האָבן ליב געזעץ. און געזעץ פאַרמאָגט פונקטן און פּאַראַגראַפן. עד כּאן. װייטער נישט. אָבער די יידן זענען געגאַנגען װייטער, אַרומגעגאַנגען דאָס געזעץ. זיי האָבן צוגעשטעלט פאָדערונגען פאַר יידן, װאָס האָבן זיך בכלל נישט געפונען — נישט אין דייטשלאַנד, נישט אין קאַצעטן, נישט אויף דער װעלט בכלל... אויך האָבן יידן געאַרבעט אין רוס־לאַנד, דאָרטן געליטן. דאַרפן דערפאַר די דייטשן צאָלן? ניין און ניין! פאַראַן דערויף אַ ספּעציעלער פונקט...

נו, רודערט זיך אויף געװיסע שטראַסען און אין געװיסע ביוראָען. דאָס דייטשע געזעץ שיקט דייטשע פּאָליציי. אַ גערוף אויף אויספאָרשונגען. די מער מזלדיקע האָבן עוקר־געװען. די פאַראַנענע — אויף אויספאָרשונגען לויט אַ דייטשן סדר: נישט געאיילט, פּינקטלעך און — דערװייל — הינטער די גראַטעס...

אַלע פיינע לייט פון די זיבערט־און מעלשטראַסעס, בראש מיטן „יידישן מיניס־טער" און מינכענער „רב", זענען פאַרמישט, זענען טיף פאַרקראָכן. מען רופט און מען פאַרשט. מען זעצט אין תּפיסה. װי גרויס די חרפּה!

דאָס „געזעלשאַפטלעכע לעבן", אויף װיפל אַזאַ האָט עקזיסטירט, איז בכלל צערינען. מינכען האָט אויפגעהערט צו זיין דער „מרכּז". גיכער לאָזט עס זיך איצט פילן אינם נאָענטן לאַגער פערנװאַלד, װוּ עס האָבן זיך װידער צונויפ־געקליבן איייניקע טויזנט יידן.

עולם פאַרשװינדט פון „אויבערפלאַך". פון די שרייבערס — געבליבן בלויז געװיסע „פּרעטענזיעניקעס", װאָס — צו שטיין אין זייערע ד׳ אמות פאַרפעלט ליופט...

און איך? מסתּמא װעט לאַנג נישט דויערן און עס װעט אָנקומען די װיזע פון אַרגענטינע. איצט גראָב איך זיך טיפער אין די צייטונגען, װאָס קומען פון בוענאָס איירעס. עס װילט זיך מיר „דערלערנען" דעם דאָרטיקן ישוב, כּדי נישט אַנצוקומען אַהין אַ „גרינער". און װאָס פיל איך? יאָ, איך פיל, אַז דאָרט איז צו־גוט. לויט זייערע צייטונגען, איז ביי זיי אַלץ — אָן קריטיק. עס איז שיין און עס איז פאָלקסטימלעך און עס איז דער יורש פונם געװעזענעם יידישן װאַרשע. אַביסל צופיל זעלבסטלויב, דאַכט זיך, אַביסל צופיל חשיבות פאַר „אונזער ישוב"

און אויך — צופיל באַנקעטן. דאַכט זיך: די דאָרטיקע יידן האָבן שטאַרק הנאה פון אַ לאַנגן, געשמאַקן שלאָף; מעגלעך, דער קלימאַט דינט זיי דאָרט אַזוי צו, מעגלעך, דער רעזשים. מחמת דער פרעזידענט זייערער, לויט די לויבערייען אין די צייטונגען, איז דער „איינציקער, שענסטער, קליגסטער און בעסטער". אַזוי אויך דער „ישוב". מאָך איך אפשר אַ טעות? בכלל: איז דען אַ תכלית זיך שוין צו נעמען „אַרומרייסן" נאָך איידער כ'בין געקומען אַהין?

דאָס איז אַ בפירושער בלבול — אויף זיך אַליין. בין איך דאָך נישט חלילה בלינד; און מבין אויף די דריבנע אותיות בין איך דאָך! פאַרוואָס נישט זען וואָס עס ווערט סערווירט?

אַ חידוש: עס גרייט זיך אַ נייע צייטונג, טאַקע אַ נייע יידישע צייטונג אין מינכען. משוגע, מיינע שונאים!

משה לעסטני האָט מיר אַנגעזאָגט די בשורה: מען דאַרף זיך צונויפקומען, דעם עניין אַרומשמועסן.

שפּעטער הערבסט. די דייטשן גרייטן זיך צום „אָקטאָבער פעסט". פון אַלע ווענט שרייט אַראָפּ די רעקלאַמע: אָקטאָבער... פעסט... פעסט אין די פרעסט, ווו מען זויפט און מען פרעסט...

דייטשקעס מיט רויט־פּלאַמיקע בעקלעך פירן וועגעלעך מיט עסנווארג, איינגע־קויפט אין די איבער־געפּולטע קראָמען. „גריסגאָט" און „גאָטהעלף" גאָרגלען אין גאָלדיק־האַרבסטיקן אַוויר.

איך בין אַוועק אין „טיער־גאָרטען". דאָרט געפינט זיך אַ מאַלפּע אַזאַ, וואָס וואָרפט־אָן שרעק אויף די דייטשן.

הונדערטער קוועטשן זיי זיך אַרום דער שטייג, ווו עס לויפט אַרום די מאַלפּע — אַ ריז. יעדע ווילע ווערט אַ געקוויטש: די „אַפּע" לאָזט זיך מיט אַ ברעט צו די גראַטעס. זי שפּייט, קריצט מיט די ציין. דאַכט זיך, אַז פון איר קריצעניש איז אַרויסצוהערן:

„פערפלוכטער! דו האָלטסט מיך הינטער גראַטעס! איך האָב דאָך קיינעם נישט געהרגעט, נישט פאַרברענט, נישט פאַרגאַזט, נישט דערשטיקט קיין קליינע קינ־דער... דו ביזט אויף דער פריי און מיך האָלטסטו פאַרשפּאַרט... פער־פלוך־טער!"

„באַרואיקט" די נערוון. אַוועק צום צוזאַמענטרעף וועגן דער צייטונג. אמת, כ'וואָלט געקאָנט דאָ צוזאַרטן ביזן באַקומען די אַרגענטינישע וויזע אָן צו פאַר־פּלאָנטערן זיך אין ווידער־אַ־צייטונג — עס איז ביי מיר געבליבן אַ ביסל אָפּגע־שפּאָרט געלט פון האָנאָראַר און פון די צייטונג־אַרבעט ביז איצט; דאָך — כדי נישט צו פאַרלירן דאָס לשון אין דער פאַרשאָלטענער סביבה — לאָמיר זיך באַקענען מיטן נייעם באַשעפעניש. אפשר וועט עס געבן אַביסל סאַטיספאַקציע. דער צוזאַמענטרעף — אין דער יידישער דרוקעריי. דאָרט וועט זי געדרוקט ווערן,

די צייטונג. די דרוקערס וועלן זי אויך פאַרשפּרייטן, זיין שותפים צו דער נייער אונטערנעמונג; אויך וועט דער „דזשאָינט" געבן אַביסל ממתקים. אַלץ איז פאַר־טיק. פאַראַן אויך אַ נאָענטער מיטאַרבעטער, אַ יידיש־ענגלישער זשורנאַליסט, מיט באַגייסטערונג פאַר „דער זאַך".

מיר האָבן זיך צונויפגערעדט. לעסטני לייגט־פאָר דעם נאָמען פון זיין געווע־זענער „יידישע צייטונג" מיטן צוגאָב „נייע" און דערביי בלייבט עס: „נייע יידישע צייטונג" מיטן אַן אונטערקעפּל: „אומפּאַרטייאיש־נאַציאָנאַלע וואָכנצייטונג פון דער שארית־הפליטה אין דייטשלאַנד".

געלער בלעטער־טעפּעך אונטער די טריט, וואָס טאַפּטשען אינם אָפּגעשטאָרבע־נעם געבלעטער־פאַל. לעצטע טעג פון הערבסט. גאָלדענע טעג. דער פּוילישער הערבסט איז אָנגעפּילט מיט גרין־געלן זאַפט. דער דייטשער הערבסט — מיט טויט. געלע בלעטער — מתים אונטער די טריט. טויזנטער. מיליאָנען.

איך איל איבער די גאַסן, זינק מיינע טריט צווישן אָפּגעשטאָרבענעם בלעטער־פאַל. אַרום מינכען — דאַכאַו, קאַופעריִנג. ברידער־קברים.

אויף היינט אָוונט האָט מיך לעסטני באַשטעלט צו גיין ערגעץ פאַרברענגען. ער וויל פאַרשאַפן אַביסל פאַרגעניגן זיין קליין טעכטערל. אַ היפּשער מהלך צו אים. די אָנקומענדיקע נאַכט ראַנגלט זיך צווישן זון־אונטערגאַנג און לבנה־אויפגאַנג. ליכטיקער בין־השמשות אויף רויטע דעכער. נעאָן־ליכטער צעטרייבן די חשכות. משה לעסטני באַגעגנט מיך ווי זיין שטייגער מיט אַ פול פּנים געלעכטער. ער איז שוין גרייט צום גיין פאַרברענגען. וווהין? ערגעץ אויף אַ משוגענעם געלויף. ער איז מיד פון זיצן אין שטוב, פון טראַכטן. און אַז ער טראַכט שטעלט זיך פאַר אים ווידער אָוועק דער מאוימדיקער געטאָ, דאַכאַו... ער וויל פאַרטרייבן פון זיך דידאָ־זיקע שאָטנס. ער וויל, כ'זאָל אים מער נישט „פּראָוואָצירן" צו קיין וויכוחים וועגן „כדאיזם". עס איז כדאי, אַלץ איז כדאי. עס ווילט זיך נאָך הנאה האָבן פון לעבן. אַרום די טריט — צונויפגעקאַרטשעטע, אָפּגעשטאָרבענע בלעטער. אויך דער הימל הענגט ווי אַ פעל פון אַן אָפּגעשינדענעם פּגר. אויך די נעאָן־ליכטער שפּרייטן אַרום זיך — טויט ליכט.

זיכער האָט מיין געליטענער חבר רעכט: צו להכעיס דעם טויט, צו להכעיס די טויטערס — דאַרפן מיר לעבן.

נישט קיין קאַטאָוועס. עס דערשיינט נומער נאָך נומער „נייע יידישע צייטונג". פּינקטלעך. אויף יעדן ערב־שבת. אין יעדן נומער — קריטיק, שאַרף־בייסיקע קריטיק קעגן די פאַרשידענע „מאַכערס", וואָס זענען שוין אָוועק און וואָס דרייען זיך נאָך דאָ אַרום. די צייטונג באַרעכטיקט איר עקזיסטענץ. עס קומען אָן אָפּרופן און לויב־געזאַנגען פון שרייבערס אומעטום. מען שיקט מאַנוסקריפּטן. ספּעציעל פון פּאַריז. דאָרטיקע שרייבערס קלאָגן זיך אויף זייער שפל המצב. זיי בעטן

האַנאַראַר. אויך פון ישראל דאָס אייגענע צו הערן. און אַזוי איז מיר אונטער־געקומען אַ גוטע „באַנק־אונטערנעמונג”. איך האָב געשריבן קיין אויסלאַנד, צו די רעדאַקציעס ווו כ׳אַרבעט־מיט, אַז פּאַר מיין האָנאַראַר זאָלן זיי שיקן שפּייז־פּעקלעך קיין ישראל צו געוויסע שרייבערס; די טשעקלעך פון ניו־יאָרק שיק איך קיין פּאַריז. עס איז — זה נהנה וזה לא חסר... — אַ סאַטיספּאַקציע פאַר מיין זיצן אין דייטשלאַנד. זאָל מיך דער ליבער נאָמען נישט שטראָפן פאַרן דאָזיקן חטא... ווידער אַנטדעקט אַ גרידער־קבר. דייטשן האָבן געגראָבן אַ באַרג און אויסגעגראָבן — סקעלעטן,ביינער. דער באַרג געפינט זיך בשכנות פון אַ דאָרף. אונטן — רויטע דעכער איינגעטונקען אין גרינס, אויבן — אַן אָנשיט מיט מענטשלעכע ביינער. צוזאַמען מיט אַנדערע שטיי איך אויפן באַרג, קוק אַראָפּ אונטן. פאַרוואָס זענען די דייטשן נישט איינגעזונקען אונטן בעת זיי האָבן געהערט די שיסערייען אויבן? אַ דייטשקע הייבט זיך איבערן וועג אַרויף. אויך זי וויל זען דאָס געשעעניש. האָבן דאָך די צייטונגען געשריבן דערוועגן. אַ חידוש פאַר דער דייטשקע. איך גלייך זיך אויס מיט איר. יאָ, זי וווינט אונטן. די גאַנצע מעשה איז „איין אירטום”. זי וויס דעם אמת: דאָ ליגן פראַנצויזישע סאָלדאַטן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. זי לאָזט זיך צוריק אַראָפּ. איר ברייטער הינטן פּאַכעט אַרום זיך מיטן אַ שאָטן פון אַ מיאוסן קאַרליק: „איין אירטום”...

ביי מיין צווייטן מאָל אַרויפגיין אויפן באַרג — דאָס אָרט אַרומגעצוימט. מען גראָבט שוין נישט. אינעווייניק — אַ צלם אַנטקעגן אַ מגן־דוד. אויסגעגלייכט דער חשבון. גלייך אויף גלייך.

נישט ווייט פון דאָנען געפינט זיך קאַופערינג. דאָרט, אין לאַגער נומער 1 האָבן די דייטשן באַגראָבן דעם שרייבער מיכאל בורשטין. צווישן — דאַכאַו. אַ געפּוצט שטעטעלע. די דייטשן שעמען זיך נישט מיטן דאָזיקן נאָמען — זייער חרפה, זייער מאָרד־פאַבריק. גאָרנישט. פאַרקירעוועט לינקס פון וואָקזאַל — אַ לאַגער, אַ תליה, אַ בעטאָנענע צעשיט־וואַנט, אַ פאַרגאַזונג־קאַמער און צווי שרפה־אויוונס. איבער דער קאַמער אַן אויפשריפט: „באַדע־צימער”. אינעווייניק — די פאָרם פון אַ דוש. יאָ, אַן אָרט צו דערדושען מענטשן. עס וואַלגערט זיך נאָך אַרום אַ האַנטעך, אַ שטיקל זייף. נעבן איינגאַנג, אינעווייניק — אַן „אויג”, דורך וועלכן דער פאַר־גאַזער האָט אַריינגעקוקט, געזען ווי מענטשן שטיקן זיך, ווערן דערשטיקט. און זיין טריפה הארץ האָט נישט געפּלאַצט. ער איז געווען בלויז אַן אָנגעשטעלטער — באַקומען כך וכך רייכסמאַרקן פאַר זיין אַריינוואַרפן דעם „ציקלאָן”. מיט דייטשער פּינקטלעכקייט האָט דאָ געאַרבעט די טויט־פאַבריק: פון די באַראַקן צו דער גאַזקאַמער; דורך דער פאָדערטיר אַריינגעשטויסן נאָך־זשיפּענדיקע סקע־לעטן, דורך דער הינטערטיר — אַרויסגעוואָרפן פאַרגאַזטע. פון דאָרט — אין

אויוון אַרייַן. אָט ליגט נאָך די שטאָלענע אַריינשיט־לאָפּעטע, אויף וועלכן דער קרבן איז אַריינגעשליידערט געוואָרן אינם פייערדיקן פּיסק אַריין.
שוואַרץ און פינצטער דער אַרום. אָבער אין שטעטל, אין דאַכאַו, איז פריילעך און רעשיק. איז טאַקע דאָס גאַנצע דייטשע פאָלק אַזוי טעמפּ־רוצחיש? אויך דאָס שכנהשע לאַנדסבערג איז „אַרומגעהילט" מיט ברידער־קברים און לאַגערס. אין לאַנדסבערג קומען איצט אָפּ זייער שטראָף היטלערס משרתים, פאַרמשפּטע אין נירנבערג. ווייסן אויך די דייטשן נישט דערפון? דער „קליינע מאַן" פאַרנעמט זיך נישט מיט „האָכפּאָליטיק": נישט ער האָט געהערט, נישט מ׳האָט אים געפרעגט און נישט ער ווייס פון אַ שוואַרצן חלום צו זאָגן. ער וויל לעבן, דער דייטש. דער „מאַרשאַל־פּלאַן" שפּייזט אים. ער וויל פרעסן און זיך ווייַלן. זיין יום־טוב — דער „אָקטאָבער־פעסט".

דאָרט, אויפן „אָקטאָבער־פעסט", זעט מען אים, דעם דייטש, אַן אויסגעטאָענעם, אַ נאַקעטן. זיין גאַנץ וועזן — ביר. ווורשט און יאָמער־מוזיק. יאָמערן זיי אפשר אַזוי נאָך זייערע אייגענע מיליאָנען טויטע, נאָך זייערע אייגענע צעשאָסענע שטעט? אָ, ניין. דאָס איז אַ מין יאָמער־געביל, אויסגעמישט מיט גאָרגלדיק געלעכטער: קופּעל ביר, הייסע ווורשטלעך, ווייסע בולקעס און נקבות. אַ געשטופּ. אַ געשטויס. אַ מהומה און געיאָמער. „אָקטאָבער־פעסט־פּרעסט" אין מינכען. פּראָסטיקער אָקטאָבער 1950.

איך בין אַוועק קיין פערנוואַלד. דאָ האָט זיך גאָרנישט געענדערט. אַזוי האָט זיך געטומלט מיט פיר יאָר צוריק, ווען אויך איך בין געווען אַן איינוווינער דאָ. עס איז געווען און פאַרבליבן — רעשיק. דער באַזאַר ווי געווען. האַנדלוואַנדל. נישטאָ קיין אויסוועג. הפקר. שומרים ביים טויער. עולם כאַפּט — מען כאַפּט אַריין דאָס פאַרלוירענע... כ׳לעבן, צייט צו פאַרמאַכן דעם לאַגער, צו עפענען די טויערן פון די געוויסע באַרמהאַרציקע מדינות. וועט אימעצער הערן מיין געבעט? וועט די ביוראָקראַטיע פאַרוואַרפן די פּאַפּירן אויף מיין בקשה?
אַ הפקר־לעבן. דייטשקעס אין לאַגער. ווערן געשפּייזט פון יידישע געליבטע זייערע מיט „דזשאָינט"־פלייש און שאָקאָלאַד. די „פּרוויליינס" רייסן זיך קיין פערנ־וואַלד. אַזאַ גוט לעבן!

פּראָסטיקע טעג. דער פינצטער ווינטער. וועגן די דייטשן שוין „באַשריבן אַ וועלט". שוין אַלץ דערציילט. אויך זיי שרייבן וועגן זיך. ווער עס וויל „פּולע דעמאָקראַטיע", ווער — „סאָציאַלע דעמאָקראַטיע" און ווער עס פאָדערט — „קריסטלעכע דעמאָ־קראַטיע". און אַלע צוזאַמען זענען זיי — דייטשן. זיי זענען פאַר קאָלעקטיווער פאַרטיידיקונג פון „פליכטלינגס־רעכט", פאַר קאָלעקטיוו נישט־אָננעמען די אָדער־ניסע גרענעץ־ליניע, פאַר קאָלעקטיווער פאָדערונג אָפּצושטעלן די פּראָצעסן קעגן

די נאַציס — קאָלעקטיוו; אָבער אַז מען דערמאָנט זיי דעם דייטשן מאָרד איבערן יידישן פאָלק, זענען זיי קעגן דער קאָלעקטיווער באַשולדיקונג...

קאַלט. אַ ביטערע קעלט. אַ שטעכיקער ווינטער. די דייטשן זענען פאַרליבט אין סקי־ספּאָרט. די וועגן זענען אויסגעפּילט מיט זיי און מיט זייערע גליטשערס. פריילעך און פריידיק קלינגען זייערע געלעכטערס. די וועלט איז מיט זיי. די וועלט האָט רחמנות אויף זיי.

עס האָט מיך אַ כאַפּ געטאָן די גריפּע. אַ מיאוסע חולאת. עס זענען געקומען באַזוכערס, צווישן זיי — מרדכי בערנשטיין־חבר מאַטורי, געוועזענער אַקטיווער בונדיסט אין אַמאָליקן וואַרשע. ער איז מיטאַרבעטער אין דער „נייע יידישע צייטונג". ער וווינט אין שטוטגאַרט. פאַרעפּנטלעכט אויך חורבן־פאָרשונגען אין דער דיסלדאָרפער דייטש־יידישער צייטונג. ער איז שטאַרק אַקטיוו און שעפעריש. נאָך אייניקע טעג ליגן אין בעט בין איך אַראָפּ אויף דער גאַס. צופרי אַראָפּ. שווער דאָס שלעפּן די פיס. אָבער קיין תכלית נישט צו ליגן. ערשט איצט בין איך געוואָר געוואָרן, אַז כ׳בין „פאַרליגן" אַ גאַנץ יאָר... שוין אַריבער דאָס נייע יאָר; שוין אַריין אין 1951. אוך, ווי „פאַרקאַלעכט" כ׳בין געוואָרן!

מען פאַרלאָזט אונז נישט. עס קומען אַהער רעדאַקטאָרן — אַפריקאַנישע, קאַנאַדישע... זיי מאַכן זיך ווייער וויכטיק. ווער זענען זיי און ווער — אונז, משטיינס־געזאָגט, אָר־הו! זיי טראָגן די קראַוואַטן אין דער ברייט. די קנעפּלעך אויף זייערע רעקלעך קנעפּלען זיי פון רעכטס אויף לינקס. אַביסל קאָמישע יידן. זיי האָבן הנאה, אַז מ׳שטייט צו זיי אין „אַטשערעד". ווער עס וויל אַ גרוס, ווער עס זוכט אַ קרוב. עס ברענט נישט: „איך בין דאָך זייער פאַרנומען"...

און עס קומען אויך אַקטיאָרן. דזשיגאַן און שומאַכער האָבן אויפגעהייטערט דעם עולם — ביז דער פאָרשטעלונג. זיי האָבן זיך געמאַכט נאַריש אויף דער סצענע. זענען זיי דאָך אַ דערמאָנונג פון אַ געוועזענעם גוטן יידישן אַמאָל! נו, האָט דער עולם זיך באַגנוגנט מיט קוקן אויף זיי. גענוג. די רעשט אַראָפּגעשלינגען און — געשוויגן.

אויך פון פּאַריז קומט מען אַהער. דער דייטשער מאַרק — די בעסטע מטבע אין אייראָפּע. דער דיכטער־רעדאַקטאָר פון אַ פּאַריזער קינדער־זשורנאַל פאַר גרויסע איז געקומען קיין מינכען שאַפן אַנאָנסן. ער איז געווען מיין גאַסט. אַ צעבראָכענער ייד. איך בין כּליפּי אים — ראַטשילד.

און געווען איז דאָ דער אַקטיאָר יעקב מאַנסדאָרף. געקומען אַהער פון ישראל שאַפן געלט פאַר אַ יידישן טעאַטער־בנין. נישט קיין בנין. אַ מין געלענדער אַזאַ. וואָס מען זאָל אים קאָנען פירן פון אָרט צו אָרט. ער האָט געגעבן „שיילאָק" פאַר אַ היפשן עולם. ער האָט ממש געלעבט אינם מאָנאָלאָג. אַ שאָד וואָס אַזאַ אַקטיאָר דאַרף אַרומוואַנדערן.

עס מאַכט ביי מיר אָפטע באַזוכן אַ קוויטשענדיקער חי וקים, אַ ייד אַ סאָציאַליסט, וואָס אַלע זיינע טאַשן און אויך דער אונטערשלאַק פון זיין אָפגעשאָסענעם מאַנטל זענען אויסגעפילט מיט ביכער. ער שיקט ביכער קיין ישראל, אין דער בונדישער ביבליאָטעק. אַזוי זאָגט ער. דערזעט ער אַ בוך אויף מיין טיש — אַריינגערוקט אונטער דער פּאָלע. אַנומלט האָט ער מיר דערציילט, אַז ר׳האָט גערעדט „פאַר די דייטשע אַנאַרכיסטן”. אַ קליינער בעל־חלומות אויף גרויסקייט־אָנפירונג־מאַניע. אַן אַראַביש מעשהלע דערציילט: דאָס אייזל איז געגאַנגען איינהאַנדלען הערנער און דערביי פאַרלוירן די אויערן. מיט הערנער דאַרף מען געבוירן ווערן. סתם זיי אַרומזוכן — דראָט מיט סכנת־נפשות...

די צייט רוקט זיך און צוזאַמען — פאַרשווינדט יעדער חוש פאַר אַרבעט, פאַר טראַכטן. אַ פאַרגליווערונג דריקט אויף די ביינער. שוין דערעסן אַלץ דאָ. די צייטונג איז אַ פרנסה־ענין פאַר די אַרויסגעבערס, וואָס טראַכטן ווינציק וועגן אַוועקגיין פון דאַנען. עס האַלט דערביי, אַז די רעדאַקציע זאָל זיך צעפאַלן. משה לעסטני פאַקט זיך. נאָך פסח פאָרט ער קיין ישראל. אפשר וועל אויך איך באַקומען דאָס סטעמפּעלע פון אַרגענטינע. וואָס אמת, זיך געדאַרפט פאַרנעמען צוזאַמען מיט לעסטנין — און אויס מיט אַלע טראַכטענישן. דאָך, איז אונטער־געקומען דער אַרגענטינישער ביסן — דאַרף מען אים אַראָפּשלינגען. און גאָר מעגלעך, אַז כ׳וועל נאָך טאַקע דאָ מקיים זיין די מצוות עליה. איך גלייב ווינציק, מ׳זאָל מיר לאָזן אַזוי לייכט הנאה־האָבן פון דער אַרגענטינישער וויזע. כאָטש גוט, וואָס קיין ישראל מעגן פאָרן — אויך געמסרטע — — —

אָבער פריילעך איז דאָ פאָרט. די פריילעכקייט דרייט זיך אַרום דער „גוט־מאַכונג”. יידן לויפן אַרום זוכן עדות. זיי צאָלן פאַר עדות... די היינטיקע „זיד־דויטשע” אַלאַרמירט קעגן „אויסליידיקן די דייטשע קאַסע”. זי איז פאַר דער אינדיווידועלער אויסצאָלונג, ווי זי רופט עס אַן אײדל, אָבער קעגן — פעלשונ־גען... די חרפה איז גרויס. יידן האָבן פאַרלוירן יעדער ביסל בושה; זיי שטייען אויף די קני פאַר אַ פאַר דייטשע מאַרקן — גוט־מאַ־כונג. פאַרשווונדן די גרענעץ צווישן „פּראָסטן המון” און דער „אינטעליגענץ”. איינער וואָס באַטיטלט זיך „שריפטשטעלער” שעמט זיך נישט צו געבן אַן אַנאָנס, אַז ער זוכט עדות פון געטאָ. און יידן ווייסן, אַז ער איז גאָר געווען אין רוסלאַנד. אויך ער פאַרקויפט זיין משפחה פאַר די דייטשע מאַרקן. טאָ וואָס זאָל טאָן „דאָס פאָלק”!

איך האָב פאַרעפנטלעכט אַ גרעסערן מאמר אונטערן נאָמען: „די חרפה פון ווידערגוטמאַכונג”. כאָטש אָפּגערעדט די ביטערניש. קיין פעולה וועט עס סיווי נישט האָבן. דער דייטשער מאַרק איז אַ מטבע עובר לסוחר.

15טער מערץ 1951. מיטן אַנרוקן פון פסח ווערט פריילעכער אויפן געמיט. אַ פריילעכע בשורה היינט געהאַט פון ניו יאָרק — אַ בריוו פון ה. לייוויק — 9 מערץ 1951

... אויפן סמך פון אייער „די חרפה פון 'ווידערגוטמאַכונג' " האָב איך אָנגעשריבן אַן אַרטיקל „די 'ווידערגוטמאַכונג'-חרפה". איך שיק אייך צו מיין אַרטיקל. אויב איר געפינט פאַר נויטיק קאָנט איר אים איבערדרוקן אין אייער צייטונג. איך רעכן אַז דער ענין איז זייער אַ וויכטיקער און עס מוז געזאָגט ווערן ערלעך און אָפן אַלץ וואָס ס'איז נויטיק. — — —

עס טוט מיר באמת ווי פאַר דער שארית הפליטה, פאַרן ביסל יידן וואָס זענען נאָך אין דייטשלאַנד. איך קען נישט שטילן אין זיך מיין אויפרעגונג ווען איך זע אַז היפשע טיילן פון דער איצטיקער ש. ה. ווילן בלייבן אויף דער דייטשער ערד אין זייער פולן רצון. מיין שטענדיקע פאַרטיידיקונג פון די ש. ה.-יידן הייבט זיך אָן אַביסל צו וואַקלען. איך בין זיך מודה.

כ'האָב היינט געשריבן אויך וועגן דעם ווי-רוף פון די פאַציענטן פון גאַוטינג. כאָטש איך נעם נישט אָן זייער איבערגעכאַפּטן און פאַרצווייפלטן טאָן, אָבער דער פאַקט וואָס זיי זענען נאָך אַלץ אין גאַוטינג קאָן נישט פאַרבייגעגאַנגען ווערן. — — —

אַלדאָס גוטס
אייער ה. לייוויק

נו, צו די שארית-הפליטה יידן געהער דאָך אויך איך... אַוועקגעשיקט אַ בריוו צום דיכטער, אים דערציילט וועגן מיין וואַרטן אויף דער אַרגענטינישער וויזע. זיך אַראָפּגערעדט פון געמיט און ווידער דערפילט פאַרלייכטערונג.

2. האָט „חבר מאַטיע" שייכות מיט שטוטגאַרטער אַנטיקן-גאַלעריע ?

משה לעסטני איז אַוועק פון דער צייטונג. אַ שאָד. אי ס'וועט ווערן היפש קאַלעמוטנע אָן אים, אי — דער עול וועט ווערן שווערער. און אָט מוז איך זיך איינשפּאַנען אינם פּסח-נומער. געבליבן איז, אַז מיר זענען ממשיך מיט דער צייטונג; מיר, מיינט: די דרוקערס און איך. מיין „זשאַלאָוואַניע" איז געזיכערט. נו, קיין קאָנטראַקט וועט מען נישט מאַכן, אָבער כל-זמן כ'וועל זיין אין דייטשלאַנד... האָב איך נישט אָפּגעזאָגט. אדרבא. אָן דער צייטונג וואָלט איך גאָר אַראָפּ פון זינען. בכלל: לענגער ווי ביז סוף יאָר טאָר עס נישט דויערן. אויב וועט עס נישט גיין אויפן לעגאַלן וועג, וועל איך באַצאָלן אַ „מאַכער" און — כ'וועל זיך „אַריינמאַכן" קיין אַרגענטינע. יאָ, אַרגענטינע געפעלט מיר גראָד. איך פיל, אַז דאָרט בליצלט אַ פינקל פון דער אַמאָליקער יידישער התלהבות.

נו, בין איך טרוד אין גרייטן מאַטעריאַל, אין איבערקוקן מאַנוסקריפּטן, אין

„שטעלן זייטן". און אָט ברענגט דער בריוועטרעגער אַ דיקן קאָנווערט. מסתמא פּסחדיקע סחורה פון ערגעץ פאַר דער צייטונג. איך עפן דעם קאָנווערט. אַ קאַטאַלאָג מיט יידישע אותיות פון שטוטגאַרט. פון שטוטגאַרט גאָר. יידישע אותיות פון דאָרט? איך ווער טשעקאַווע. כאַפּ אַן אייליקן בליק:

דער שערבלאַט רעכטס — יידיש: די גאַלעריע לוטץ און מייער, שטוטגאַרט, נעקער שטראַסע 36 — קאַטאַלאָג נומער 41 — יודאַאיקאַ און העברעאיקאַ פון די געביטן: געשיכטע, טעאָלאָגיע, ווירטשאַפט, ליטורגיע, ביבל־קריטיק, שפּראַך־וויסנשאַפט, ציוניזם, פּאַלעסטינאָגראַפיע אאַ"וו — אַ הגדות־קאָלעקציע פאַר די יאָרן 1695—1947 — — —

אַ הגדות־קאָלעקציע פון שטוטגאַרט? —

איך לייג אַוועק דעם קאַטאַלאָג אָן אַ זייט. עס איז נייטיק ספּעציעלע צייט, כדי זיך צו פאַרטראַכטן איבער דעם ענין: ווער איז די דייטשע גאַלעריע און ווו האָט זי גענומען די יידישע אַנטיקן?

איך פיל בפירוש — און שרעק זיך אויך — אַז כ'וועל דאָ אַריינגעצויגן ווערן אין אַן אומבאַקוועמען ענין. דעריבער — אָפּלייגן און אַריינטראַכטן.

טאָ וואָס טוט גאָט? ער הייסט נישט אָפּלייגן. וואָס דו האָסט צו טאָן — טו שוין! פון פּאַריז איז אָנגעקומען „אונזער וואָרט". איז דאָרט פאַראַן פאָלגנדיקע נאָטיץ:

ש"ס, הגדות און יודאיסטיק אין דייטשלאַנד

די גאַלעריע „לוטץ עט מייער" פון שטוטגאַרט האָט לעצטנס אַרויסגעגעבן איר קאַטאַלאָג נומער 41. דער לעצטער קאַטאַלאָג פון דער גאַלעריע (נומער 40) איז נאָך דערשינען אין יאָר 1934. דערדאָזיקער אילוסטרירטער קאַטאַלאָג, נאָך אַן איבעררייס פון 16 יאָר איז געווידמעט בלויז פאַר יודאַאיסטיק. צום דייטשן קאַטאַלאָג איז אויך צוגעגעבן אַן אַריינפיר אין יידיש. וואָס אונז איבעראַשט, איז דער גרויסער אויסוואַל נישט בלויז פון מאָדערנע ווערק איבערן יידנטום נאָר אויך פון דער אַלטער ספרים־ליטעראַטור. צוזאַמען מיט די שריפטן פון מאַרטין בובער, פראַנץ ראָזענצוויג, בעער, מאַקס בראָד א"א קען מען אין היינטיקן דייטשלאַנד אויך באַקומען... ווילנער ש"סן, הגדות של פסח מיט אברבנאלס פירוש, תנ"כן א"א זעלטענע אויסגאַבעס פון אַמאָליקע יידישע צייטן. טייל פון זיי זענען שוין אַלט, עטלעכע הונדערט יעריקע אויסגאַבעס. מיט געמישטע געפילן נעמען מיר אויף דידאָזיקע ידיעה. אַ געדאַנק לאָזט נישט צורו, אַז די דאָזיקע צאָלרייכע הגדות האָבן זיכער געהערט צו יידן, וועלכע האָבן זיי געלאָזט בירושה דור נאָך דור און געפּראַוועט מיט זיי סדרים אין יידישע היימען וואָס זענען איצט אויסגעריסן געוואָרן מיטן וואָרצל.

וויאַזוי קומען די צענדליקער הגדה־אויסגאַבן פון פיורדא, פירט, אַמסטערדאַם, באַזעל און פראַנקפורט דמיין אין דער גאַלעריע פון „לוטץ און מייער" קיין שטוטגאַרט? דידאָזיקע ספרים, וואָס זענען אַדורכגעווייקט מיט יידישן סדר־ווייַן און יידיש בלוט, וואָלטן זיכער געהאַט זייער אייגענע, נאָך נישט געשריבענע הגדה צו דערציילן...

אַפילו כ'זאָל נישט וועלן זיין דער איינציקער צדיק אין סדום, דאַרף איך דאָך אָפּוואַרפן דעם מעגלעכן חשד וואָס אימעצער זאָל וואַרפן אויף מיר: זע, דער־אָ — מסתמא האָט ער שייכות מיטן קאַטאַלאָג... הכלל: איך האָב זיך גענומען צו דעטעקטיוו־אַרבעט (בלויז דאָס פעלט מיר נאָך אַט־דאָ!) איך האָב אויסגעפונען, אַז דעם קאַטאַלאָג האָט צונויפגעשטעלט מרדכי בער... דערצו דאַרף איך אַפילו נישט זיין קיין געניטער דעטעקטיוו: בלויז פאַרגלייכן די שרייבמאַשין־אותיות פון זיינס אַ מאַנוסקריפּט מיט די אותיות פונם מימיאָגראַפירטן קאַטאַלאָג; אויך: די זעלביקע הגדה־קלישעס אין קאַטאַלאָג זענען אַריינגעפלאָכטן אין זיין פסח־אַרטיקל פאַר דער צייטונג.

נו, איז דער פסח־נומער פאַרטיק. אַ דאַנק דעם באַשעפער. אַ שווערע אַרבעט געהאַט. אוף! שיער געשטרויכלט געוואָרן מיט איבערדרוקן די פאַריזער נאָטיץ מיט אַן אייגענער באַמערקונג. גלייכער, צוואַרטן. אפשר שרייבן אַ בריוו צו מ. ב. און בעטן אַן אויפקלערונג. אפשר זיך טרעפן מיט אים ערגעץ.

לעסטני באַטייליקט זיך נישט אין פסח־נומער. ער האָט זיך שוין פאַרפּאַקט. ער האָט פאַרבעטן אויף אַ „געזעגנונג־טיי". ביי זיך. פּרייטיק־אָוונט. איך בין אַוועק. אויך מרדכי בער, דער „חבר מאַטיע", איז געקומען. איך באַמי זיך אויסצומיידן זיין בליק. טאָמער חלילה וועט קומען צו אַ היכן צוזאַמענרייד. עס האָט זיך אָבער נישט איינגעגעבן. עפּעס איז ער צופיל צעטראָגן. זיין וואָנסע — אַ שטעכיקע באַרשט — טרייסלט זיך מאָדנע אויף זיין מגושמדיקער ליפּ. דאַכט זיך, אַז ער קוקט אויף מיר מיט רוגזה. ער לייענט מיינע רעיונות. אפשר איז ער חושד, אַז דאָס האָב איך אַ יד אין דער פאַריזער נאָטיץ? מאַלע, וואָס אים קאָן איינפאַלן!

מיר טרינקען „לחיים". איך גיס אַריין אין גלעזל און נאָך אַ גלעזל. עס ווילט זיך מיר — פאַרגעסן... אָבער — נישט אויף לאַנג. איך טו אַ זאָג סתם אַנטקעגן דעם טיש:

„מרדכי, איך האָב דערהאַלטן אַ קאַטאַלאָג און אַן אַפּרוף".

ער לאָזט מיך נישט פאַרענדיקן. דער ענין איז אים יאָ און נישט באַקאַנט; ווינציק אינטערעסאַנט. ווי ער האָט אָבער געהערט —

„וועט דאָס פאַריזער „אונזער וואָרט" גיין פאַר אַ געריכט איבער דער נאָטיץ".

„סטייטש?!" — האָב איך אָנגעשטעלט אַ פאַרוווּנדערטן בליק.

אָבער קיין תשובה נישט באַקומען. ביים אַראָפּגיין — אויף דער גאַס געפּרוווט פאַרזעצן דעם שמועס, אַפילו געמאַכט אַ באַמערקונג וועגן דעם פאַרגלייך צווישן די אותיות פון זיינע מאַנוסקריפּטן און די פונם קאַטאַלאָג. עס געמאַכט דעליקאַט, צוריקגעהאַלטן. פּלוצים — איך האָב נישט מיט וועמען צו רעדן. ער איז אַריינגעשפּרונגען אין אַ טראַמוויי אַן אַ „גוטע נאַכט". פאַרשווּונדן דער „חבר מאַטיע".

וואָס איז פּאַרט זיין שייכות מיט דער שטוטגאַרטער גאַלעריע? — אָ, דער „חבר מאַטיע״! — — —

איך האָב באַגלייט די לעסטני־משפּחה צום צוג. מיטן זומער 1951. נאַרוואָס גע־פּראַוועט דעם פּערטן יום־העצמאות פון מדינת ישראל. אַ לאַנגער צוג מיט טראַנס־פּאַרט־וואַגאָנעס. אַ היפּשער עולם — עולים. מען טראָגט די לעצטע קאַסטנס און קופערטס. עולם פילט זיך היימיש אויפן דייטשן פּעראָן אַרום צוג, וואָס פירט אויפן וועג צום ייִדישן לאַנד.

לעצטער טרייסל מיט דער האַנט. שוין. איצט בלייב איך אַליין דאָ. שווערלעך אויפן געמיט. אַ שאָד. נישט פאַרענדיקט מיט לעסטנין דעם וויכוח: ארץ־ישראל אָדער מדינת ישראל? אַ ייִדישע מדינה דאַרף זיין מער פון „נאָך אַ מדינה״ — זי דאַרף זיין אַנדערש. ארץ־ישראל האָט אַריינגעגעבן אינם גלות־ייִד כוח איבערצוטראָגן די צרות; אים אַנגעפּילט מיט בענקשאַפט צו אַ גרויסן גייסטיקן יש. יאָ. זאָל דער מלאך־השלום באַגלייטן די ייִדן־עולים. הלוואי וואָלט אויך איך נישט געפּטרט דעם מוח מיט טראַכטענישן און גריבלענישן...

מיין אַרבעט אין דער צייטונג — איינגעסדרט. אַביסל שווערלעך וועט איצט ווערן מיטן האָנאָראַר, וואָס די צייטונג האָט געפּלעגט צאָלן פאַר מיטאַרבעטערס אין אויסלאַנד. מסתמא וועט אויך דער ענין ווערן איינגעסדרט.

און אַרום די אַלע נייע סידורים און טראַכטענישן, קומט מיר אין קאָפּ אַ געדאַנק: אפשר גאָר אַריבערפאָרן קיין פּאַריז און דאָרט, צוזאַמען מיט אַלע, וואַרטן אויף דער אויסלייזונג. וואָס דאַרף קומען פון אַרגענטינע? פּאַרט פאַראַן דאָרט טאָג־צייטונגען, שרייבערס און היימישע ייִדן. נו, מאַכט עס זיך נישט אַזוי ווי עס טראַכט זיך. בפרט... יאָ, בפרט, אַז דאָרטיקע בכבודיקע שרייבערס דערוואַרטן גאָר הילף פון מיר. אָט גרייט איך זיך צו ענטפערן אויף צווי בריוו פון איינעם אַן עלטערן דיכטער, וואָס זיצט צוזאַמען מיט אַלע אין עפּעס אַ מין „האָטעל״, אין אַ געגנט מיטן נאָמען „גי פּאטען״. הכלל: שרייבט דער פּאָעט־פּליט:

פּאַריז, 22 מאַי 1951

... כ׳שיק אייך דאָס אָנגעזאָגטע אַרטיקל (זכרונות) וועגן פּרצן. — די גרושן (פלוס 20 ד׳)... באַקומען. — אַ ישר כוח! — — —

פּאַריז, 20 יוני 1951

... איך שיק אייך דאָ אַן אַרטיקל וועגן שלום־עליכמען צו זיין 35טן יאָרצייט — — — עס וואָלט געווען אַ יושר גדול איר זאָלט ווידער מאַכן אָנשטרענ־גונגען, כדי צו שיקן עפּעס האָנאָראַר — — — (איר האָט) זיכער אָפּגענומען אַ גרויס וויאַזוי עס לעבט זיך אונזערע פּליטים־שרייבער. איך גלויב אין אייער חברישקייט און איר וועט טאָן דערין וואָס עס לאָזט זיך — — —

איך מוז זיך אָננעמען מיט געדולד. אמת, די טעג זענען ליידיק און לאַנג און די אָוונטן פּוסט און שרעקעוודיק. דאָך האָב איך דאָס געפיל, אַז כ׳אַרבעט אין

אַ יידישער צייטונג און אַז כ׳טו עפּעס אויף מיט מיין אַרבעט. צוואַרטן נאָך אַביסל, נאָך אַביסל. אויך דערצו וועט זיכער קומען אַ סוף.

3. די קאָרעספּאָנדענץ פונם חבר — שקר

מיין בריוו צום „חבר מאָטיע" — געבליבן אָן תשובה. זייער העפלעך אים געבעטן אויפקלערונג וועגן זיין ירגזון אויפן לעסטני־אַוונט און וועגן זיין כעסדיקן אַרייַנשפּרינגען אין טראַמוויי, — נישט געענטפערט. ווי פּאַסט עס זיך גאָר אַרייַן אין רעמל פון אַ ייד אַ סאָציאַליסט? איז דאָך דער ענין נישט קיין פּערזענלעכער! נו, זיין נישט ענטפערן איז אויך אַן ענטפער.

האָב איך וועגן דעם ענין געשריבן קיין בוענאָס איירעס. „די פּרעסע" דרוקט אַלע מיינע צושיקונגען, וועט זי מסתמא אויך דאָס דרוקן. דאָרט פאַרלאַנג איך עפנטלעך אַ תשובה פון מ. ב. — מכוח זיין שייכות צום קאַטאַלאָג.

פאַרביי אַ וואָכן צוויי — באַקומען אַ שווערן קאָנווערט פון שטוטגאַרט: אַ פאָטאָקאָפּיע פון מיין קאָרעספּאָנדענץ און אַ בייגעלייגטן בריוו, לאַנג ווי דער גלות. דאָס מאָל האָט ער יאָ געענטפערט — אומדירעקט. אָט ווי דער בריוו הייבט זיך אָן:

שטוטגאַרט דעם 19 יוני 1951
זער געערטער פריינט!
בייגעלייגט שיק איך אייך איבער אַ פאָטאָקאָפּיע פון אַ קאָרעספּאָנדענץ, וואָס דער הייזיקער ליטעראַרישער אַרויסגעבער פון דער מינכענער „נייע יידישע צייטונג" מלך טשעמני... האָט וועגן מיר פאַרעפנטלעכט אין דער אַרגענטינער יידישער טאָג־צייטונג „פּרעסע", אין נומער פון 5 יוני 1951.
איך וויל איצט נישט געבן קיין שום דערקלערונגען, נישט וועגן אינהאַלט און נישט וועגן פאָרם פון דאָזיקן בריוו, איך לאָז דאָס איבער פאַרן געריכט, וועלכער וועט זיך וועגן דעם אַרויסזאָגן — — —

ער פאַרלאַנגט פון מיר, אַז איך זאָל אים רופן צו אַ געריכט, צו אַ יידיש געריכט. ער סטראַשעט מיך מיט מאָדנע סטראַשונקעס. דער עיקר — מיט אַ „נישט־יידישן געריכט", אויב איך וועל נישט אאַ״וו. ער צילט צו פאַרשלעפּן דאָס עסק, מיך אַריינצושלעפּן אין אַן עפנטלעכער דיסקוסיע; נו, וועל איך אים נישט שאַנעווען. און אָט — ווי דער ענין האָט זיך „אויסגעוויקלט":

איך האָב אים אָפן און קלאָר באַשולדיקט אין מיטאַרבעט מיט די שטוטגאַרטער דייטשן. האָט ער דערויף ווידער אַריינגעשיקט אַ דיקן קאָנווערט מיט אַן אָנגעפּיקעוועטן בריוו און בייגעלייגט — ווידער אַ קאָפּיע. עד, ווי דער דאָזיקער ייד איז עס מסוגל צו פירן אַ ביוראָ מיט שנעל־שרייבנדיקע בריוו, מיט קאָפּיעס,

מיט אייליקע קאָרעספּאָנדענץ און דאָס אַלץ — אויפן אָרט פון אייניקע אויפ־
קלערונג־שורהלעך.

יאָ. דעם איצטיקן בריוו פאָדערט ער צו פאַרעפנטלעכן אין צייטונג „בהסכם
מיט די פאַרפּליכטנדע פּרעסע־תקנות פון דער אַמעריקאַנער אָקופּאַציע־מאַכט".
ער באַמערקט אויך אינם רעשיקן בריוו, מיט דער דאַטע פון 28טן יוני, אַז „די
בייגעלייגטע נאָטיץ (וואָס איז שוין היינט געדרוקט אין מער ווי 20 יידישע צייטונ־
גען אין דער וועלט) איז אייגנטלעך אַן ענטפער, וואָס אויסלאַנד טראַכט און
ווייס וועגן טשעמנין" —

וואָס אַזוינס:

איך האַלט דעם פּאַמפלעט אין האַנט און וווּנדער זיך, ווי אַ ייד מיט פּאַרטייאיש־
אָרגאַניזאַציאָנעלן סטאַזש, מיט דיסציפּלין און מיט חוש פאַר געזעצלעכקייט
און פאַר יושר און נאָך פאַר אַזוינע שיינע זאַכן, זאָל אין אַזאַ ייד גאָר אַריין
דער דיבוק פון שקר און חוצפה. הו! סאַראַ גאַסן־שפּראַך ער באַנוצט, כדי צו
מאַכן פון מיר — שעטשקע!

געדרוקט איז דער גרויסער שקר אין דער קאָמוניסטישער צייטונג „היינט",
דינסטיק דעם 12טן יוני 1951, דערשיינט אין בוענאָס איירעס. דער „קאָפּ" אויף
פיר שפּאַלטן לייענט זיך: „ווער איז מיילעך טשעמני?" — און אַן אונטערקאָפּ:
„יבא הקהל וישפוט". צו פילן, אַז קיין שום לייטישער רעדאַקטאָר האָט נישט
געוואָלט האַלטן אין האַנט דעם שקר, אים אַריינגעוואָרפן אין מיסט־קויש; האָט
„חבר מאָטיע" זיך באַגנוגנט מיט דער קאָמוניסטישער צייטונג, ער, דער חבר
שקר — מיטן קאָמוניסטישן שקר...

וואָסזשע שרייבט זיך דאָרט? — אַ ווענדונג „צו אַלע יידישע שרייבער אין גאָר
דער וועלט!" אונטערגעשריבן: „גרופּע יידישע קולטור־טוער אין מינכען".
אויסגערעכנט זענען 5 שקרים־פּונקטן, באַשולדיקונגען קעגן מיר:

1. צוויעס און צווייטייטיקייט; 2. רעכילעס און בילבולים; 3. פעלשונגען, צואייג־
נונג פון פרעמדע דאָקומענטן; 4. געריכטן; 5. מעסירעס. אונטער יעדן פּונקט
ווערן אויסגערעכנט אַן אַ שיער חטאים מיינע, וואָס פאַר יעדער פון זיי דאַרף
איך מינימום קריגן צוויי יאָר תפיסה. צוזאַמען — לויט אַן אָרנטלעכן חשבון —
אַזויפיל יאָרן, בערך, ווי עס האָט געלעבט אונזער זיידע מתושלח...

יאָ. ער האָט גאָר פאַרלוירן דעם קאָפּ, ער דער באַליבטער (ביי זיינע געליבטע...)
„חבר מאָטיע" — — — איך וויל אַ פּשוטע אויפקלערונג אויף אַ שרייענדיקער
עוולה און ער — שרייבט שקרים. ער איז שוין גאָר אַראָפּ פון זינען, פאַרלוירן
יעדע פּראָפּאָרץ פון מענטשלעכער גלייכגעוויכט. זיינע בריוו — דאַטירט דעם
10טן יולי, דעם 13טן יולי, דעם 14טן יולי... דער לעצטער — געשריבן אין
דייטש. דאָס אַליין איז אַ געניגנדיקע ביטש פאַר שרעקעווּדיקע. דאָס שמעקט

שוין מיט — דייטשער ערנווירדע — — —

אוף! באמת נייטיק, אין כבוד פון יידישן וואָרט, אָפּצושטעלן די פּאָלעמיק מיט אַן אומנאָרמאַלן פּאַשקווילִיסט. איך וועל דאָס מוזן טאָן — אַפילו קעגן מיין ווילן. אָבער אין איין פּונקט דערגיין ביזן סוף: אים אָוועקשטעלן אַ נאַקעטן — אים און זיינע מיטהעלפּערס בראש מיטן גאָלד־קייט־פּאָרל (די צוויי שרייבערס פון דער מעלשטראָסע). דער פּונקט איז: ער טענהט, אַז ער פּאַרמאָגט באַשטעטי־קונגען וועגן מיינע באַגאַנגענע חטאים — — זאָל ער דאָס אַלץ פּאַרעפנטלעכן! וועט ער דאָס נישט טאָן — באַשטעטיקט ער דווקא בנוגע זיך, אַז ער איז דער ריכטיקער דעגענעריִרטער פּאַרשוין.

און ער איז דאָס! נישט ער האָט געוויזן און נישט פּאַרעפנטלעכט קיין שום דאָקומענטן! — — — די גאַנצע מעשה איז אַ ווילד־פּאַרטיזאַנישע פּאַנטאַזיע פון מלחמה־קרבנות. יאָ, נאָר די מלחמה האָט גורם געווען צו אַזאַ טיפער דעגע־נעראַציע און פּאַרפוילונג פון אַזוינע, וואָס האָבן אַמאָל געטראָגן אויף זיך דעם נאָמען: מענטש. אָבער ערגעצווו האָט ער דאָך געצילט, דער חבר שקר. וואָס איז ער אויסן געווען מיט זיין בלבול? ער האָט געוואָלט מיך „זאַטשמעליען", כדי כ'זאָל האָבן צו טאָן „מיט זיך" און פּאַרגעסן, אַז ער דאַרף ענטפערן וועגן זיין געשעפּטלעכער פּאַרבינדונג מיט דער דייטשער גאַלעריע; וועגן די ספרים און הגדות ביי די דייטשן.

נו, דערווייל וועל איך איבערכאַפּן דעם אָטעם. זאָל ער שרייבן בריוו. מיינס האָב איך דערווייל אָפּגעטאָן. און איך וועל אים צווינגען צו ענטפערן. ער וועט מוזן אויפקלערן זיין שייכות מיטן דאָזיקן ספרים און הגדה־מסחר!

4. אָפּאַטאָשו: „פּאַרשווייגט";
לייוויק: „ווען יידן הויבן אָן פּאַלן"

דערהאַלטן אַ פּעקל ציַיטונג־אויסשניטן און בריוו. צווישן זיי — אַ בריוו פון י. אָפּאַטאָשו, אַ גרעסער אַרטיקל פון ה. לייוויק און אַ נאָטיץ אין פּאַריזער „אונזער וואָרט". אַלץ דרייט זיך אַרום דעם „ענין". אין אָפּאַטאָשוס בריוו — פּאָלגנדיקער אָפּזאַץ:

> ... וואָס רייסט מען זיך ביי אייך אין מינכען אַזוי אַרום? וואָס קען מען זיך נישט איינטיילן מיט די געבליבענע קברים? ס'דערגייט דאָך טאַקע צו פּאַשקווילן. ס'איז נישט שיין פּאַר שרייבער און פּאַר יידישע אוודאי נישט. מיין עצה — פּאַרשווייגט...

אייער י. אָפּאַטאָשו

אין פּאַריזער „וואָרט" שרייבט אַ גרעסערע נאָטיץ ז—ק. די ציַיטונג וואָרט אויפן געריכט, וואָס ב. האָט אָנגעזאָגט קעגן איר —

... היות ווי מיר האָבן ביזאיצט נישט באַקומען קיין אויפפאָדערונג פון געריכט, ווייסן מיר נישט אין וואָס דאָ איז אונז שייך צו „באַשולדיקן". לויט אונזערע בעסטע ידיעות האָבן די שטוטגאַרטער דייטשן קיינמאָל נישט געלערנט קיין גמרא פון ווילנער ש״סן. זיי האָבן אויך קיינמאָל נישט געפּראַוועט קיין סדרים פון הגדות של פסח מיטן דון יצחק אבר־בנאלס פירושים... דאָס האָבן געטאָן נאָר יידן. ווי אַזוי־זשע זענען זייערע הייליקע יריעות געקומען אין דער שטוטגאַרטער גאַלעריע צום פאַרקויפן? שטאַמען נישט אַמאָל די אַלע ספרים פון אויסגעמאָרדעטע און אויסגע־פּלינדערטע יידישע הייזער, איבער וועלכע די מסחר־אָריענטירטע דייטשן פון איצט האָבן דאָן געוווילדעוועט? אָט אויף די פראַגעס וועלן מיר סייווי שטענדיק זוכן אַן ענטפער — — —

דער שרייבער באַמערקט, אַז זיי דאָרט, אין פאַריז, ווילן „אויסמיידן די פּאָלע־מיק" צווישן מיר און מ. ב. —

גענוג ווי מיר נעמען נישט אין אַכט די אַנאָנימע בריוו וואָס פאַרפּלייצן יידישע רעדאַקציעס קעגן מלך טשעמני.

די נאַטיק פאַרענדיקט זיך מיט דער פאָדערונג, אַז — „מרדכי בערנשטיין (דאַרף) בעיקר אויפקלערן די יידישע רעדאַקציעס וואָס עס איז פאַרגעקומען מיט די ספרים". אין ניו־יאָרקער „טאָג" איז געווען פאַרעפנטלעכט דאָנערשטיק דעם 7טן יוני אַ גרעסערע מאמר פון ה. לייוויק, א״ק: „ווען יידן הויבן אָן פאַלן".

— אָט אייניקע אָפּזאַצן:

נישט לאַנג צוריק האָב איך דערהאַלטן אַ פּעקל אַרטיקלען, וואָס זענען געווען געדרוקט אין איינער פון די צוויי יידישע צייטונגען, וואָס דאָס רעשטל פון דער שארית הפליטה גיט נאָך אַרויס אין נאַצי־לאַנד אין מינכען. די צייטונג הייסט „אונזער היינט", און די אַרטיקלען, מאָוימ־דיקע אין זייער זידל־טאָן, זענען געווענדט קעגן דער „נייע יידישע צייטונג", וואָס גייט אַרויס אין מינכען — — — די ביטערסטע אַטאַקעס גייען אויפן חשבון פון מ. טשעמני — — — אַ צוגאָב צו דעם — דער־האַלט איך נאָך די טעג אַ גאַנצע פּראָקלאַמאַציע, אַ קול קורא אַזאַ, אונ־טערן נאָמען, נישט מער און נישט ווייניקער ווי „יבוא הקהל וישפוט!" — אַ רוף צו אַלע יידישע שרייבער אין גאָר דער וועלט! —

וואָס וויל דער רוף פון אַלע יידישע שרייבער אין גאָר דער וועלט? און ווען זאָל עס דער גאַנצער יידישער קהל, צוזאַמען מיט אַלע יידישע שרייבער פון גאָר דער וועלט משפטן? — ווידער אַמאָל מ. טשעמנין. אונטערגעשריבן איז דער רוף אַנאָנים, אַ „גרופּע יידישע קולטור־טוער אין מינכען".

בין איך זיך מודה, אַז גלייך ווי איך האָב דערזען דידאָזיקע אונטערשריפט, האָב איך דעם גאַנצן אויפרוף, וואָס איז אָנגעפּיקעוועט ווי אַ מילגרוים מיט די ווילדסטע אַטאַקעס אויף אייניינציקן מענטשן, נישט געוואָלט אַפילו איבערלייענען, נישט דערפאַר ווייל איך שטיי אַפּריאָרי אויפן צד פון מ. טשעמני און אויפן צד פון דער „נייע יידישע צייטונג" און איך

קאָן זיך פאַנאַנדערקלייבן פון דער ווייטנס אינם תוך פון די סכסוכים, וואָס קומען פאָר צווישן די היינטיקע אָנפירער פון דער שאַרית הפליטה, נאָר פשוט צוליב דעם וואָס מענטשן, אַז זיי טרעטן אַרויס מיט אַ „יבוא הקהל וישפוט!" און התמענען זיך נישט אונטער מיט זייערע נעמען, נאָר גיבן גלאַט אָן אַן אַנאָנים „יידישע קולטור־טוער", האָבן נישט קיין רעכט צו דערוואַרטן, אַז זייער רוף זאָל אַ שרייבער, ווער עס זאָל נישט זיין, אויב ער פאַרמאָגט נאָר אַביסל אחריות, נעמען ערנסט.
וואָס מיינען זיך די מענטשן דאָרט אין מינכען, וואָס פאַרדעקן זיך מיט אַ סתם־אונטערשריפט, אַז גלייך ווי זיי וועלן אָפּדרוקן אַן אויפרוף און אַנהאַגלען אויפן קאָפּ פון אַ יידישן שרייבער פון אַ צווייטער צייטונג אַ מבול מיט באַשולדיקונגען, און זיי וועלן עס צעשיקן איבער ארבע פנות העולם, — וועלן די ארבע פנות העולם גלייך אויפהייבן זיך און פאַטאַקעווען צו זייערע באַשולדיקונגען? —
דער פאַקט אַליין וואָס מענטשן האָבן נישט דעם מוט אונטערצושרייבן זייערע נעמען וואַרפט אַ חשד אויף דער גאַנצער סומאַטאָכע.
אויב מען זאָל, גאָט באַהיט, נעמען ערנסט אַנאָנימע באַשולדיקונגס־אַקטן — קאָן מען אַזוי אַרום וועלטן חרוב מאַכן, און וועלטן זענען טאַקע חרוב געוואָרן צוליב דעם, טורמעס און קאַטאָרגעס זענען טאַקע אָנגעפילט געוואָרן צוליב אַזעלכע אַקטן, נישט איין אומשולדיקער מענטש איז געווען אַ קרבן צוליב דעם.
דער אמת איז, אַז כ'וואָלט אינגאַנצן נישט רעאַגירט אויף דעם אַנאָנימען קול־קורא, אָבער איך דערוויס זיך, אַז איך בין נישט דער איינציקער, וואָס האָט אים באַקומען. אַ גרויסע צאָל שרייבער דאָ ביי אונז האָט דעם אויפרוף דערהאַלטן, און כמעט איך בין זיכער, אַז אַלע וואָס האָבן דעם אויפרוף דערהאַלטן, וועלן קווטשן מיט די פלייצעס, ווי איך פון דער־שטוינונג און פאַרדראָס, — פונדעסטוועגן וועט אויסקומען אַז די, וואָס האָבן דעם קול קורא פאַנאַנדערגעשיקט, וועלן קאָנען אַ טראַכט טאָן, אַז צו אימעצן ערגעצווו האָבן זיך זייערע אַנאָנימע אַטאַקעס אויף אַ מענטשן צוגעקלעפּט.
האַלט איך דערפאַר פאַר מיין חוב צו דערציילן ווי דערווידעריק ס'איז מיר געווען אַפילו נאָר צו האַלטן אין האַנט דעם „יבוא הקהל וישפוט", ווען איך האָב דערזען די אַנאָנים־אונטערשריפט. ס'שלאָגט פון איר אַ שלעכטער, מיאוסער ריח.
איך האָב געהאַט חרפה און בושה דערפון. איך האָב דערזען נאָכאַמאָל, וואָס כ'האָב זייער נישט געוואָלט דערזען, אין וואָס פאַראַ ירידה־צושטאַנד דאָס ביסל פון דער שאַרית־הפליטה געפינט זיך היינט אויף יענער ערד, אויף וועלכער זי האָט זיך היינט בשום אופן נישט געטאָרט געפינען מער — — —

מיט שרעק וואַרף איך דורך אין געדאַנק דעם גאַנצן „ענין" און — איך שעם זיך; יאָ, איך שעם זיך; און דאַך — כדאי געווען: ווידעראַמאָל אויפגעשטאַכן אַ בלאָטער... וואָס מער שטעכן — מער פאַסקודטסווע וועט אַרויס — — — תם!

לייבעלע זיסקינד איז קורץ געוואַקסן; דערפֿאַר שפּרינגט ער אונטער ביים רעדן. ער וויל אַרויסשפּרינגען פֿון זיך, וויל באַווייזן, אַז אין דער אמתן איז ער העכער ווי ער איז. ער איז אַ שטיק אויפֿטוער אין מינכען. דעריבער קאָן ער נישט מוחל־זיין, הלמאַי ר׳איז נישט „אַריין״ אין צע־קאַ.

„איך — פֿאַרענטפֿערט ער זיך — געהער טאַקע צו אַ פּאַרטיי און בין אַ ציוניסט נאָך פֿון דער היים. אָבער דאָ האָב איך געשאַפֿן עפּעס אַזוינס: אַן אייגענע צייטונג, אַן אייגענע לאַנדסמאַנשאַפֿט, אַן אייגענע טריבונע... און דערפֿאַר האָט מיך די פּאַרטיי נישט „אַרויפֿגעשטעלט״.

ער רעדט און שפּרינגט און דערביי בלאָזן זיך ביי אים די באַקן, ווי זיי וואָלטן פּאַטאַקעוועט: „יאָ״, יאָ״ צו די רייד פֿון זייער צופֿרידענעם באַלעבאָס.

איצט האָט זיסקינד צו מיר טענות הלמאַי איך „רייס איין״ מיט דער גאַנצער וועלט. לויט מיר נאָך קומט אויס, אַז עס איז גאָר נישט בנמצא קיין שיינס און קיין גוטס ביי דער שארית־הפּליטה. ווי קאָן דאָס גאָר אַ ייד טראַכטן אַזוי? וואָסי? די דייטשן שרייען, אַז די יידן באַראַבעווען זיי? זאָלן זיי שרייען אויף די ציין. זיי פֿאַרמאָגן דאָך נישט צו באַצאָלן בלויז פֿאַר איינאיינציק דערמאָרדעט יידיש קינד! נאָר די קעפּ זיי אָפּצושניידן, די קעפּ!

„אַז די גאַנצע מעשה איז אַ טאָפּלטער שקר — קוק איך אופֿן באַוועגלעכן זיס־קינד און רעד ווי צו זיך — נישט יידן ראַבירן ביי די דייטשן... יידן ראַבירן ביי יידן; ביי לעבעדיקע יידן און ביי טויטע יידן. „ווידערגוטמאַכונג״ נישט „לויטן געזעץ״ מיינט: פֿעלשן פּאַפּירן; מיינט: מחלל־זיין די קדושים, האַנדלען מיט זייערע נשמות; ווידער: „געזעצלעכע גוטמאַכונג״ מיינט — מחילה, מוחל־זיין דעם מער־דער; ווייל ביים דערלאַנגען די דייטשע מאַרקן, ווערט דער דערלאַנגער אַ פֿיינער מאַן. מחמת עס איז דאָך נישט געמאָלט, אַז דער געלט־נעמער זאָל דעם געלט־געבער אַ שפּיי טאָן אין פּרצוף בשעת מעשה. ניין, נישט אַזוי ציט מען אויס די האַנט צו — געלט. ווי־דער־גוט־מאַ־כונג. טראַכט זיך אַריין אין דעם וואָרט: זיך צעקריגט — לאָמיר זיך פֿאַרגיטיקן, זיך איבערבעטן. איז גאָר מעגלעך אַזאַ זאַך, האַ?״

לייבעלע זיסקינד דערלאַנגט אַ האַסטיקן שפּרונג. מער קאָן ער נישט הערן מיינע „אַטאַקעס״. אָפּגעהאַקט און פֿאַרטיק. איצט —

„לאָמיר רעדן תכלית. איך ווייס דאָך יאָ וואָס און ווו אייך בייסט. מ׳קען אַלץ פֿאַרגלעטן, אַבי געזונט און אַבי די ״גרינע בומאַזשקעס״...

ער האָט מיך נישט איבערראַשט ביים אַנטפּלעקן: ער ווייס וועגן די מסירות און אַז איך בין איינער פֿון די געמסרטע; ער האָט מיך נישט איבערראַשט, מחמת — איז דאָך זיסקינד דער פּראָטאָטיפּ פֿון אַ שארית־הפּליטה־פּירער, וואָס זיין סלאָגאַן איז: כאַפּ און פֿרעס! — — —

אַ געדיכטע ענגשאַפּט ביז צום דערשטיקט ווערן, רחמנא־לצלן. פון איין זייט — דייטשן, פון דער צווייטער — יידן וואָס פאַרשעמען דעם נאָמען ייד. אוודאי האָב איך זיך דאָ איזאָלירט; אָבער — די לופט! — — איך וויל דווקא אַוועק קיין פּאַריז. דאָרט צוזאַמען מיט אַלע צווואַרטן ביזן פאָרן קיין אַרגענטינע. פון דאָרט וועט מיר זיין לייכטער. דאָ —אוממעגלעך זיך אויסצובאַהאַלטן. אוממעגלעך.

עד, פּאַריז — שטאָט פון ליכט און ליכטער!

אויף מיין טיש האָבן זיך ווידער אָנגעקליבן בריוו. דאָס ענטפערן אויף זיי איז ביי מיר אַ שווערע עבודה. איך וועל גיכער אָנשרייבן אַ מאמר פאַר אַ גאַנצער ציטונג־זייט, איידער ענטפערן אויף אַ קליין בריוועלע. נו, ליגן זיי אויפן טיש, וואַרטן אויף אַ „רואיקן טאָג". אָט רוקן זיך אַפער צוויי בריוו, געשריבן פון איינעם אַ דיכטער און מיטאַרבעטער פון דער „נייע יידישע ציטונג" —

פּאַריז, 14 אויגוסט 1951

... דורכגעמאַכט אַ שווערע קוראַציע אין ווישי (צוליב אַ לעבער־קראַנקהייט) און ערשט צוריקגעקומען. געפונען אייער בריוו פון 20טן יולי. איך ראַנגל זיך איצט ספּעציעל מיט מאַטעריעלע שוועריקייטן און וואָלט אייך דעריבער געבעטן מיר צו באַזאָרגן אַביסל געלט וויפל איר קאָנט און וויפל איר קאָנט נישט... ד. ה. אויסער דעם צענערל, וואָס איר האָט שוין פון לאַנג, לייגט צו כאָטש נאָך אַ צענערל — — — דערהאַלטן איצט בריוו פון אַרגענטינע. דער ענין וויזעס פאַר שרייבער ווערט ווידער אַקטועל — — —

פּאַריז, 28 אויגוסט 1951

... דערהאַלטן אייער בריוו פון 22טן אויגוסט. באַקומען אויך די 5 ד׳... על פּי יושר דאַרפט איר מאַכן אַלע נויטיקע אָנשטרענגונגען און צו די 10 ד׳ אויספּועלן כאָטש נאָך 10 ד׳ — — —

נו, אויב דער ענין וויזעס טוט זיך רירן, וועט עס דאָך מסתמא לאַנג נישט דויערן. בכלל, טו איך אַריינטראַכטן אינם ענין: די וויזע וועט דאָך מסתמא אָנקומען אַהער אויף מיין נאָמען און אַדרעס — האָט דערפאַר נישט קיין טעם אַוועקצופאָרן פון דאַנען; כ׳וועל נאָך קאַליע מאַכן דאָס גאַנצע עסק. און אָט — האָב איך אויך די ריכטיקע תשובה פון פּאַריז, וויאַזוי שרייבערס לעבן דאָרט. אסור, נישט איך וועל האָבן די פעאיקייטן צו „רייסן פּאָסן" און נישט...

נישט דאָס און נישט יענץ. ווו איז דער אויסוועג? געדולד איז אַ זיכערער ביסן. און ווער ס׳האָט נישט קיין געדולד — עסט פון דער קאָטשערע. און אַזוי וועט עס זיין מיט מיר. איך וועל טאַקע פאָרן קיין אַרגענטינע, אָבער מיט אַן אומוועג. איך האָב נישט קיין געדולד צו וואַרטן — — —

5. אַ רייזע־אַגענט וואָס ראַטעוועט שרייבערס

אין דרוקעריי איז אַריינגעקומען אַן אַמעריקאַנישער ייד מיט אַ בכבודיקן אויס־זען און מיט אַ ריינעם, געשמאַקן יידיש. האָט זיך פאַרגעשטעלט: ער טראַגט זיך אַרום מיט אַ געהויבענעם ענין און וויל מיך מיט אים באַקענען. דער ייד פאַר־נעמט זיך מיט רייזע־ענינים. ס׳הייסט: אַ רייזע־אַגענט. דאָס איז זיין פאַך מכמה יאָרן. על כן, וויל ער זיך רעקלאַמירן אין צייטונג. זאָל אַ וועלט וויסן, ווער עס איז געקומען פון ניו־יאָרק קיין מינכען. ער וויל אויך, איך זאָל אים באַזוכן אין האָטעל. דאָרט וועט ער מיך איבעראַשן מיטן „געהויבענעם ענין״.

בכלל, איז דייטשלאַנד אַ מקום פאַר אַמעריקאַנישע ביזנעס. דער מערבדיקער טייל איז כמעט געוואָרן אַ שטאַט פון די אַמעריקאַנישע שטאַטן. דאָ איז דער דאָלער אַ היפּשע מטבע; פאַראַן געפּאַקטע קראָמען און פאַראַן אויך — נקבות. בפרט זענען זיך מיטן לעצטן אַרטיקל מטפּל די קאַלירטע אַמעריקאַנער. לויט אַ סטאַטיסטיק, באַרייכערן זיי מיט זייער פאַרב דער דייטש־אַרישער ראַסע יעדן חודש מיט, לפּחות, אַ הונדערט קאַלירטע ממזירימלעך.

דויטשלאַנד איבער אַללעס!

איך בין אַוועק אין האָטעל פונם אַמעריקאַנישן רייזע־אַגענט. ער וווינט זייער באַשיידן, פאַראַדירט נישט מיט גרויסקייט און ביטול כלפּי אַ „דיספּלייסד פּער־זאָן״. נאָך אַ קורצן שמועס און כיבוד, נעמט דער ייד אַרויס אַ פּעקל פאַרגעלבטע פּאַפּירן. אָט איז ער, דער „געהויבענער ענין״:

דער ייד שטאַמט פון רוסלאַנד. אויך דאָרט, בימי ניקאָלייקע, האָט ער זיך פאַר־נומען מיט רייזע־ענינים. שוין אַ קימאַ לן אַ יאָר דרייסיק זינט דעמלט. אוך, ווי די צייט לויפט! בעת דעם שטורעם פון אויפשטאַנדן און רעוואָלוציעס, איז מען געקומען צו אים פון אַ גרופּע העברעאישע שרייבערס, אַז ער זאָל עפּעס טאָן לטובת זייער אַנטרינען פון רייסן... הכלל, ער האָט זיך איינגעשפּאַנט, זיי אַרויסגעראַטעוועט און אָט זענען זייערע דאַנק־בריוו.

„הע? ווי געפעלט עס אייך?״

עס געפעלט מיר זייער. באמת, אַ שיינע טאַט. ריכטיק און קלאָר ווי גאָלד. אָט לייען איך שוואַרץ אויף געלבס. נו, אפשר וויל דער ייד־אויפטוער אויך פון מיר אַ דאַנק־בריוו? איך בין גרייט. און נישט בלויז אַ בריוו וועל איך אים שיקן פון אַרגענטינע; איך בין מוכן צו באַצאָלן אים, צו באַצאָלן אויפן אָרט מיט גרינע פּאַפּירלעך ממש.

אָט אַזוי — אָפּגעשלאָסן אַ געשעפט.

דער רייזע־אַגענט גיט צו פאַרשטיין מיט אַ שיינעם, אַ רוסישן יידיש, אַז דער גאַנצער ענין איז אויף דער האַנט: מיטן קאָנסול אין דייטשלאַנד איז אים שווער עפּעס אויפצוטאָן, וועט ער זיך פאַרבינדן מיט דער שווייץ — איינס און צוויי און

איך האָב די אַרגענטינישע וויזע. וואָס? וויאַזוי? דאָס איז אַ סוד. איך דאַרף אים בלויז איינצאָלן כך וכך. די רעשט וועט שוין קומען אין שטוב אַריין.
באמת, אַ גליק פון הימל. אַזאַ ווילער ייד, אַ צדיק ממש. גראַטעוועט באַרימטע העברעאישע שרייבערס פון רוסלאַנד, וועט ער דאָך אויך מיך — נישט אַזוי באַרימט — געוויס ראַטעווען פון דייטשלאַנד. איך פיל פאַרלייכטערונג אויפן געמיט. איך שמייכל. יאָ, איך שפּאַן איבער דער גאַס און שמייכל. אָט וועל איך אָנקומען קיין אַרגענטינע — אַ מכה די מוסרים!

און ווידער פאַלן בלעטער פון דיביימער, געלע, אָפּגעטויטע בלעטער. סעפּטעמבער 1951 אין בייערן. עס רוקט זיך אָן דער ווינטער. דער זעקסטער ווינטער. דער זעקסטער — און לעצטער!
נעכטן באַקומען אַ פּריילעכע בשורה פון אַרגענטינע — אַ בריוו, געשריבן אין יידיש. דאָרט איז פאַראַן די ידיעה, אַז „זיין עקסילענץ, דער פּרעזידענט פון דער רעפּובליק, גענעראַל כואַן דאָמינגאָ פּעראָן, האָט באַוויליקט אייער בקשה" אאז״וו.
דער בריוו טראָגט דעם חותם: "איאָ", ראשי תיבות: אַרגענטינער יידישע אָרגאַניזאַציע. אויך באַקומען פון פּאַריז אַ צייטונג־אויסשניט, ווו עס ווערן אויסגערעכנט די נעמען וואָס זייערע וויזעס קיין אַרגענטינע זענען באַשטעטיקט געוואָרן. צווישן זיי — מרדכי בער...
וועט ער, דער „חבר מאַטיע", באַוויליקן מיך צו האָבן פאַר אַ שכן אין אַרגענטינע?

איך בין אַוועק אויפזוכן דעם רייזע־אַגענט און באַפרייער פון די באַרימטע העברעאישע שרייבערס. ער האָט געהאַט מבטיח געווען: די נאָנטסטע צוויי וואָכן! איז שוין נאָענט צו אַ חודש. ביזאיצט פון אים קיין קלאָרע תשובה נישט באַקומען. אָט איז דער קאָנסול אויף אורלויב; אָט איז גאָר געקומען אַ פרישער קאָנסול אויפן אַלטנס אָרט; אָט וואַרט ער אויף אַ בריוו פון שווייץ; אָט אַהין און אָט אַהער. היינט מוז איך הערן פון אים אַ קלאָרע תשובה: אָדער די וויזע אָדער דאָס געלט צוריק! פאַראַן דאָ גענוג „מאַכערס" און „דרייערס" אָן אים.
און, יאָ — דער שלימזל לויפט מיר פאָרויס.
ווי ער וואָלט געוואָרט אויף מיר, האָט דער רייזע־אַגענט ביי מיין עפענען די טיר אַראָפּגעקלונגען צום „הער אָבער", ער זאָל אַרויפברענגען מטעמים. זיין בייכל — שפּיציק און טרייסלדיק. ער איז צופרידן פון זיינע עסקים דאָ, פון זיינע יחוסדיקע דאַנק־בריוו, וואָס מיט זייער הילף מאַכט ער זיך רעקלאַמע (אויך איך בין אַריינגעפאַלן אין קאַלוזשע: פאַרנומען מיט אים און מיט זיין פּיקטשע אַ „קעלנער" אין צייטונג); צי זיינע קליענטן האָבן פון אים הנאה? אַ ספק. בין איך דאָך אויך זיינס אַ קליענט און גראַד פון די בעסטע.

„ניין! איך וועל גאָרנישט טרינקען. איך בין נישט אייער גאַסט. איר דאַרפט מיר איצט געבן אַ קלאָרע תשובה!"

„כי־כאַ־כאַ! — לאַכט דער אויסלייזערישער רייזע־אַגענט בייכלדיק און צופרידן — פאַרוואָס אַזאַ זויער פּנים? וואָסי ס'איילעניש? איר געפינט זיך דאָך אין אַמעריקע, קכי־כאַאַ!"

דער טיש — באַשטעלט מיט וויסקי, ווורשט און ווייסע בולקע. ער גיסט און קנייפּט. מיך שליידערט עס. אַט וועל איך אַ נעם טאָן דעם טיש און אים איבער־קערן אויף זיין פּליך.

„הערט, רעב ייד, איך האָב פיינט אַזעלכענע פירעכצער. ביי אייך אין אַמעריקע טוט וואָס איר ווילט. דאָ בין איך אויסער אייערע געזעצן. מיט מיר זאָלט איר זיך נישט חכמהנען... פאַרשטאַנען?"

ער האָט פאַרשטאַנען. פון די אויגן זענען אים אַנטלאָפן די שוואַרצאַפּלען. איך האָב זיך אויפגעשטעלט.

„איין רגעלע — האָט ער זיך מיט מיר אויסגעגלייכט — אַט איז דער קאָנסול שוין געקומען... דערהאַלטן אַ ידיעה".

„דאָס געהערט פון אייך מיט אַ וואָך און צווי צוריק; איצט — דאָס געלט צוריק! צו־ריק! — — —"

יאָ, ווי שטייט דאָרט געשריבן: בתר עניא אזלא עניותא... — געענדיקט איין שלימזלדיק עסק, אַריינגעקראָכן אינם צווייטן. אַ באַשערטע זאַך.

איצט דאַרף איך באַשליסן: זיך אַנטשעפּן אין אַ צווייטן „מאַכער", אויפזוכן אַזאַ „מיט צוטרוי", אָדער וואַרטן געדולדיק אויפן לעגאַלן און נאָרמאַלן. האָב איך, אַט אַזוי, טרעטנדיק און טאַפּטשענדיק צווישן די געלע בלעטער, אַ האַסטיקן שפּיי געטאָן איבער דער ברייט פונם טראָטואַר. דערמיט איז געוואָרן געחתמעט: איך שפּיי אויף זיי! — — איך וואַרט!

אַנטקעגן איז מיר אָנגעקומען אַ מיידעלע. אירע אויגן — שוואַרצע, שעמעוו־דיקע — ייִדישע. איר גאַנצער געשטעל און צניעות דערמאָנען מיך אָן מיין פריידקע, ווען זי האָט מיר געפּלעגט קעגנגיין אויף אַ וואַרשעווער גאַס.

ער, פריידעלע!

6. בריוו... רייזע־פיבער — היץ־פיבער

ווידער אַ טאַפּטשען אין טיפן שניי. ווידער לייגט די אַלטע דייטשקע וואַרעם־פלאַשן אונטער דער פעדערן־דעק. דער זעקסטער ווינטער אַזוי. גאָרנישט געענ־דערט אויף דער שטראַסע. אויך די פאַרזשאַווערטע פינגער פון דער אויפגערי־סענער הערצאָג רודאָלף־סינאַגאָגע האָבן זיך נישט אויסגעגלייכט. קליינע דייטש־לעך פאַרהילכן די לופט ביים גליטשן זיך באַרג־אַראָפּ. זייערע מאַמעס האָבן

אויסגעגאָסן וואַסער אויפֿן גרוז־באַרג, וואָס איז געבליבן נאָכדעם, ווי זייערע מאַנען האָבן אויפֿגעריסן די סינאַגאָגע. גליטשן זיך דייטשע קינדער אויפֿן פאַר־בליבענעם באַרג נאָך דער געוועזענער סינאַגאָגע. אַז מקוים ווערן זאָל אויף זיי אַלע כאַטש אַ העלפֿט וואָס איך ווינטש זיי!

עס רופֿט מיך די בריוו־טרעגערין. זי דערלאַנגט מיר ווי שטענדיק אַ פּאַק צייטונ־גען, זשורנאַלן. די בריוו גיט זי מיר באַזונדער. זי קוקט מיר אין די אויגן אַריין מיט חניפֿה און דאַנק פֿאַר דער באַלוינונג וואָס איך גיב איר ווי יעדער מאָל. איך עפֿן איין בריוו נאָכן צווייטן. שרייבערס רעדן צו מיר, רעדן זיך אָפּ זייער ביטערע דאָליע; אַנדערע שמייכלען, ווילן וויסן ווען איך טראַכט צו ווערן אַ „נאָרמאַלער מענטש". אויך דאַנקען פֿאַר געבן אין צייטונג אייניקע שורות לטובֿת אַ בוך, אַ בעל־יובֿל; אויך דאַנק־בריוו פֿאַר שיקן האָנאָראַר (קיין פּאַריז), פֿאַר שיקן שפּייזפּעקלעך (קיין ישׂראל).

צווישן די בריוו — איינער פֿון בוענאָס איירעס, פֿון „די פּרעסע". דער בריוו אינטערעסירט מיך ספּעציעל. גוט אָנצוהאַלטן קאָנטאַקט. וועל איך דאָך דאַרפֿן האָבן דאָרט ווו אַריינצוגיין, ווו אַן עצה פֿרעגן.

דער בריוו — אַן אינפֿאָרמאַטיווער:

... מיט דעם לאָזן מיר אייך וויסן, אַז אין איינקלאַנג מיט אייערע אָנווייזונגען האָבן מיר אַרויסגעשיקט אויף אייער חשבון דריי שפּייזפּעקלעך, צו 10 קילאָ יעדעס פּעקל, צו (דאָ קומען נעמען פֿון 3 שרייבערס אין ישׂראל)... די פּעקלעך באַשטייען פֿון פֿליש, שמאַלץ, טרוקענע פּרוכט, קאַקאַאָ, זיס־קייטן, פּודער־מילך, זיס־קרעם פֿון מילך און האָניק. דאָס זענען די פּאַ־סיקסטע און גרעסטע פּעקלעך וואָס מען קען שיקן פֿון אַרגענטינע מיט היגע פּראָדוקטן. דער באַטרעף פֿון יעדן פּעקל באַזונדער איז 183 פּעזעס, און צוזאַמען באַטרעפֿן אַלע דריי פּעקלעך 549 פּעזעס. — — — — וואָס אָנבעלאַנגט דער וויזע פֿאַר אייך, האָט איך שוין זיכער דער יידישער קולטור־קאָנגרעס וועגן דעם געשריבן. אין פּרינציפּ זענען די וויזעס פֿאַר די שרייבער באַשטעטיקט געוואָרן.

בוענאָס איירעס, 15 נאָוועמבער 1951.

פֿאַר „די פּרעסע" עוזר בומאַזשני.

אַ זיסער בריוו פֿון אָנהייב ביז סוף: זיסע פּעקלעך פֿאַר חברים און אַ זיסע ידיעה, אַז בקרובֿ וועל איך זיך — אָוועקשיפֿן פֿון דאַנען.

און צוזאַמען מיטן דאָזיקן זיסן בריוו איז אינם פּאָסט־פּעקל אויך געלעגן אַ ברי־וועלע פֿון פּאַריז — אַן צוריקאַדרעס און אונטערשריפֿט — אַן אַנאָנים בריוועלע אין וועלכן דער אַנאָנימער שרייבער לויבט מיך שטאַרק פֿאַר „עפֿנטלעך אַנט־פּלעקן" דעם „חבֿר שקר" — „וואָס האָט מיר באַזונדער אָנגעטאָן צרות"; דער בריוו־שרייבער באַמערקט דערביי: לייענט גראָסמאַנס „דזשוגאַשווילי", 2טער באַנד, זייט 310, פּאַריז 1949. דאָרט וועט איר געפֿונען פֿאָלגנדיקע שורות:

איך האָב נאָך, אין טאַשקענט, זיך געדאַרפט אויסהיטן פון אַ געוויסן געזעלשאַפטלעכן טוער פון פוילן, אַ סאָציאַליסט, אויף וועלכן מ׳האָט געהאַט אַ חשד, אַז ער איז אַ מסור, אַ פאַררעטער, מיטגעאַרבעט אין נקוו״ד. ער איז פריער אַליין געווען אַרעסטירט. אַ לאַנגע צייט געזעסן. פלוצים האָט מען אים באַפרייט. דאָס האָט ער זיך אוודאי אויסגעקויפט דערמיט, וואָס ער האָט זיי צוגעזאָגט צוצושטעלן קרבנות, זיינע אייגענע געוועזענע פאַרטיי־חברים — — —

נו, נישט געמאַכט קיין טעות. ליידער. זיך דאַרפן היטן פאַר אים, אָבער וויאַזוי? האָט ער דאָך אויך די רשימה פון די שרייבערס, ווו אויך מיין נאָמען געפינט זיך! און אָט איז מיר איינגעפאַלן אַ געדאַנק: איך וועל אים שרייבן אַ בריוו. יאָ — אים שרייבן. זאָל ער וויסן, אַז איך האָב אים נישט פאַרגעסן. אים אָנפרעגן סתם אַזוי — אינפאָרמאַציע. לויט זיין ענטפער וועט מיר קלאָר ווערן — וואָס ער טראַכט צו טאָן אין מיין ענין...

דאָס לעבן שפּאַנט נאָרמאַל. דער „ישוב״ וואַקסט. ביי אַ נאָרמאַלן ישוב וואָלט איך געדאַרפט צום „וואַקסט״ צושטעלן: „אָן עין הרע״. דאָ איז אָבער אַ קאַרי־קאַטור פון אַ ישוב. מוז נישט שטענדיק אַ קאַריקאַטור וואַקסן.

די „נייע יידישע צייטונג״ נעמט פאַרלירן דעם טעם פון אַ יידישער צייטונג. איך מאַך די אַרבעט אויטאָמאַטיש. אַרטיקלען קומען פאַרטיקע פון אַמעריקע; זיי קומען פון דאָרט מיט לופטפּאָסט — נאָך זייער דערשיינען אין די ניו־יאָרקער יידישע צייטונגען. פריש מאַטעריאַל און רעדאַקטירט. טאָ וואָס האָב איך צו טאָן אַרום זיי? — — — און אויב שרייב איך יאָ עפּעס אָן, איז בלויז כדי צו פטרן די צייט. שוין וועגן אַלץ און אַלעמען געשריבן. מיט אַ יאָר און צוויי צוריק — כאָטש געווען מיט וועמען זיך צו „קריגן״, צו „זידלען״... עס איז שאַ, שטיל און רואיק. אַ רואיקער ישוב, וואָס וואַקסט מיט „היימקערער״ פון דער גאַנצער וועלט, בפרט פון ישראל. און שטיל איז דאָ, ווי שטיל עס דאַרף זיין אויף אַ בית־הקברות. בלויז אַרום דער „ווידערגוטמאַכונג״ טומלט זיך. די דייטשן כאַפּן כסדר שווינדלערס. יידן לויפן אין פאַרשידענע ביוראָען. דער דייטשער סטראַשונאַק שרעקט זיי נישט. מען לויפט מיט „ראַיעלע״ און „געמאַכטע״ פּאַפּירלעך. דאָס ביסל מאַרקן וועט העלפן ביים עפענען ערגעץ אויף אַ שטראַסע אַ קרעמל. די מעלשטראַסע איז פאַרביטן געוואָרן אויף פראַועגשטראַסע, אויף שילערשטראַסע, אויף לאַנדוועהרשטראַסע און אַנדערע שטראַסעס. דער „ישוב״: כשרע יאַטקע, כשרע ווורשט, רעסטאָראַן „תל־אביב״ און אייניקע שילעכלעך מיט אַ מין תלמוד־תורה און זכר־שילעכל אויף מעלשטראַסע, ווו מען דאַוונט „יעדן שבת קודש 9 פרי״ — מאָנומענט פון אַ „יידיש לעבן״ בימי „צענטראַל־קאָמיטעט פון די באַפרייטע יידן אין דער אַמעריקאַנער זאָנע דייטשלאַנד״ — אַ טיטל ווי דער גלות לאַנג.

די צייטונג איז אויסגעפילט מיט גרויסע, פעטרעמלדיקע אַנאָנסן וועגן יידישן האַנדל מיט „אַלערליי וואַרעז" — עקספּאָרט־אימפּאָרט. גאָלד, זילבער, משקה, טעקסטיל און — שטיצע פאַר ישראל.

דער אַרגענטינישער קאָנסול געפינט זיך אין פראַנקפורט — אַ נאַכט פאָרן פון מינכען. איך מוז דאָרט זיין, מוז זיך באַקענען מיט „מיין קאָנסול", מוז הערן פון אים, וואָס עס הערט זיך בנוגע די וויזעס זייערע, עס הייסט — מיין וויזע.
געטראַכט און געטאָן.
זיץ איך איינגעקוועטשט אין וואַגאָן־ווינקל. אַ פייף אין פראָסט. נאָך אים — אַ גאָרגלדיקער:
„ווינשע איינע גוטעס פאַהרען — גוטע נאַכט!"
אויף די וואַגאָן־פענצטערס צייכענען זיך פראָסט־בלומען. אָנהייב דעצעמבער 1951. איך באַמי זיך צו כאַפּן אַ דרעמל אויף מיין וואַנט־אָנשפּאַר. די פּאַסאַזשירן צעלייגן זייער „בוטערבראָט" אויף קני און טשעמאָדאַנעס. דער זייגער ווייזט אויף אַכט דרייסיק. „אַבענדברויט". דייטשע פּרעס־פּינקטלעכקייט.
מיין וואַגאָן־ווינקל דערמעגלעכט מיר צו אָבסערווירן די מיטפּאָרערס. זיי זענען רואיק און געמיטלעך. קיין „הויכע ענינים" אין זייער שמועסן. מען רעדט וועגן סקי, גליטש, בערג. דער וואַגאָן איז אויסגעפילט מיט גליטשערס, מיט ספּאָרט־שיך און בגדים, אונטערגעבעט מיט פוטער. אַלץ פאַנאַנדערגעהאַנגען אונטערן סופיט און אויף די פּאָליצעס. אַזאַ רואיקייט! אַזאַ געמיטלעכקייט! איך פאָר און זיי פאָרן. איך מוז אַנטלויפן פונם דייטשן קברים־לאַנד, זיי — זיי פאָרן זיך גליטשן אויף בערג, אויף ברידער־קברים — — —
אָנגעקומען צו־פרי. פאַרפרוירן געוואָרן העכער אַ שעה אויף דער גאַס. און אַז די טירן האָבן זיך געעפנט, בין איך געווען דער ערשטער צו באַגריסן די... דייטשקע מיט אַ „גאָט העלף".
„גריס גאָט!" — האָט זי מיך אויפגענומען מיט אַ געשענקטן שמייכל. ניין, זי איז נישט קיין דייטשע דייטשקע. זי איז אַן אַרגענטינישע בירגערין פון דייטשען אָפּשטאַם. זי האָט באַוויליקט מיט מיר צו שמועסן נאָך מיין פאָרשטעלן זיך: אַ פּרעסע־קאַרטע פון אַן אַרגענטינישער צייטונג. אַ! זי האָט זיך אויפגעשטעלט פון בענקל, זיך פאַרקוקט אויפן בילד אַנטקעגן. דאָרט, אויף דער וואַנט, הענגט אַ גרויסער פּלאַקאַט. פון אינעווייניק קוקט אַראָפּ — זי: עוויטאַ, אַ בלאָנדע, אַ גאָלדענע, כמעט־אַ־מלאך; די גאַנצע גוטקייט שיינט אַרויס פון אירע העלע, גלעטנדיקע און וואַרעם־שמייכלדיקע אויגן. זי, די ערשטע בירגערין פון ארגענטינע, איז איינגעטונקען אין בלומען און אַרומגערינגלט פון קינדער. בלומען און קינדער. זי האָט זייביידן ליב. און אַלע האָבן זי ליב. אַזוי איז אַראָפּצולייענען

פונם זוניק־פאַרביקן פלאַקאַט. אַזאַ פלאַקאַט האָב איך שוין ערגעצוווּ געזען. דאָ טראָגט די „געליבטע" גאָלד־בלאָנדע, ווייבערשע האָר; דאָרט טראָגט דער „געליבטער" דיקע, מענערשע וואָנסעס...

אַ פאַרגלייך?

אַז דער קאָפּ אַרבעט נישט, מוזן זיך די פיס באַוועגן. צו וואָס בין איך אַהערגעקומען און מיט וואָס פאָר איך אַוועק? די דייטשע אַרגענטינערין ווייס נישט וואָס איך וויל. אַז איך האָב — ווייזט זי אירע ווייסע ציין — אַ בוענאָס איירעסער פרעסע־קאַרטע, האָב איך דאָך מסתמא אויך אַן אַרגענטיניש ביכל — טאָ וואָס איז דען די שוועריקייט... ניין. זי ווייס נישט, זי קען נישט מיין שוועריקייט. דער סעניאָר קאָנסול איז ערגעץ אַוועקגעפאָרן. עס איז ערב גרויסע ימים טובים. קריסטוס איז געבוירן געוואָרן היינטיקן חודש און אַ ניי יאָר רוקט זיך אויך אָן. וויל זי נישט קאַווירן, אַז מיין וויזע זאָל האַיאָר פאַרטיק ווערן. וואָרום, אויך אין אַרגענטינע איז איצט ערב די גרויסע ימים טובים. מסתמא איבעראַיאָר. עס איז דאָך נישט לאַנג צו וואַרטן — — — איבעריקנס, וועט מען מסתמא אַרויסשיקן אַ טעלעגראַם אַ צוויי וואָכן פריער, פאַרן אָפּגיין פון דער שיף.

איך ווינטש דער חנוודיקער אַ פריילעכן יום טוב און צוריק אַוועק צום וואָקזאַל. בגפו יבא — בגפו יצא. און דאָך — מוזן זיי דעם „עניין" פאַרענדיקן נאָך האַיאָר, עס הייסט — 1951. מחמת, די „אונראַ" וועט אין קומענדיקן יאָר נישט אַרבעטן דאָ מער. נישטאָ מער קיין פליטים און זי צאָלט נישט מער פאַר קיין שיפן. יאָ. האַיאָר וועל איך אַוועקפאָרן. נאָך אַ וואָך־צוויי. נישט שפעטער.

שטיקער אייז פאַלן פון הימל. געפּטרט אַ נאַכט. איצט אַ טאָג. די ציין טרייסלען זיך — פון קעלט און פון כעס...

אַ בריוו פון שטוטגאַרט אויף מיין טיש. די פירמע: מרדכי בער... בעבעל־שטראַסע 75′ אַ. דאָס איז די תשובה אויף מיין בריוו צו אים. נו, ער איז דאָס מאָל דזשענטלמעניש. זיין ביוראָקראַטיש מאַשינקעלע האָט געקלאַפּט אין צייט. און געקלאַפּט האָט עס — אויף דייטש. אַ דייטשע חולאַת איז אַריין אין אים, אינעם „חבר מאָטיע". אַז ער וויל מיך אָפּשרעקן — שרייבט ער אין דייטש. און דווקא אין אַ לייטישן דייטש. דאָס דערקען איך לויט דער זיכערקייט זיינער, לויט דער געוואַגטקייט —

„איך בעשטעטיגע דאַנקענד דען עמפפאַנג איהרעס וו. שרייבענס"... האַ, נישט קאָרעקט? ער עצהט מיך זייער אינטעליגענט, זיך צו ווענדן וועגן דעם „עניין וויזעס" קיין ניו־יאָרק, בוענאָס איירעס, פאַריז און פראַנקפורט, „וועלכע זיך מיט דיזער זאַכע בעשעפטיגען. מיך לאַסען זי ביטע אין רוהע" — — —

נו, זיכער. איך וועל אים לאָזן „אין רוהע"... פון זיין תשובה קומט אַרויס, אַז

ער וועט קיין רו נישט האָבן, אויב — איך וועל זיין אַ שותף צו זיין רייזע. יאָ. דער ברייוו טראָגט די דאַטע: 11.12.1951.
און אין מיר עגבערט: ווו האָט ער באַוויזן זיך אויסצולערנען אַזאַ עכטן, אַזאַ „גראָסדויטשען" דייטש? ביי זיך דאָרט אין שטעטל האָט ער מסתמא קיין דייטש נישט געהערט. און אויך בין איך מסופק, צי אויסער יידיש האָט ער בכלל באַנוצט נאָך אַ שפּראַך, חוץ דער גמרא־שפּראַך, וואָס ער, דער געוועזענער ישיבה־בחור, האָט געלערנט אין דער סלאָנימער ישיבה.
הכלל: נאָך אַ קשיא, וואָס מען דאַרף זי אַנהענגען אויף דער איצטיקער, דער דעמאָראַליזירטער צייט.
סיום — הזמן הולך וחסר. וואָס אַ טאָג־וויטער — נענטער צום סוף־חודש. און אין מיין צימער בין איך אַ פאַרלייגטער מיט בערך דריי טויזנט ביכער, מיינע ביכער: „טעג אַזעלכע" און „אוזבעקיסטאַן". זיי דריקן אויף מיר ווי שטיינער. און אַ פּאָר הונדערט ביכער צוגעשיקטע. און אַז די טעלעגראַמע פון פראַנקפורט וועט קומען...
ביים צונויפשטעלן דעם צייטונג־נומער טו איך אַלץ כדי נישט אויפצוועקן אין דרוקעריי דעם חשד וועגן מיין רייזע־פיבער. זאָל נאָר פאַרביי דאָס יאָר 1951 מיט אַלע אירע צרות, וועל איך פאַרפּאַקן מיינע קלימיקלעך און ווערן אַן „עולה". יאָ. גוט צו האָבן אַן אייגענע מדינה... איך וועל צוביסלעך אַוועקשיקן אַהין די ביכער און פּטור אַן עול. אויב צרות — זאָלן זיי זיין יידישע — — —

7. ווונדער אין וואַנדער

28טער דעצעמבער 1951. שפּעט אָוונט. מינכען גרייט זיך צום גרויסן קבלת־פּנים: אויפצונעמען דעם "זיידע פראָסט". די שטאָט איז איינגעטונקען אין ליכט, אין ביר, וויין און פרעס. מיין וועג — דער וועג פון יידישן נע־ונדניק: אויב זיך מאַטערן — — אין דער יידישער מדינה. נישט געאיילט. באַטראַכטן דעם עניין און פאַרפּאַקן די זאַכן. אַרגענטינע — איז געוועזן אַן אויפרייצנדיקער עפּיזאָד. סיי שמערקע און סיי פּנחס שוואַרץ און סיי די אַלע, וואָס האָבן אויסגעפּועלט די אַריינפאָר־דערלויבענישן זענען נישט שולדיק, אויב... איך הייב זיך איבער די טרעפּ. 3 שטאָק טרעפּ. אַ וויסטע קעלט. וועל הייסן דער דייטשקע, זי זאָל אַריינלייגן אין בעט צוויי וואַרעם־פלאַשן, דריי, פיר... איך בין פאַרשטאַרט פון קעלט — — —
אַן אָטעם שטיי איך ביים טיש, האַלט אין האַנט אַ טעלעגראַמע: „זאָפאָרט נאָך פראַנקפורט. פּאַספּאָרט וויזירט. שיף־אָבפאַהרט נעאַפּאָל 31 דעצעמבער".
טפו! וועמענס האַנט שטעקט דערין? דאַרף איך דען אַוועקשטעלן אַ פרעגצייכן? איז דאָך אַלץ קלאָר: אויב יענער, דער אותו־איש, האָט נישט פאַרמאָגט דעם

כוח בכלל מבטל־צו־מאַכן די וויזע, האָט ער כאָטש אויסגעפּועלט — און דאָס איז זייער לייכט מיט אַביסל מינץ... — אַז דער טעלעגראַמע־אָפּשיקער זאָל זי ביי זיך פאַרהאַלטן ביזן סאַמע לעצטן טאָג — — —

איך וואַרף אַ בליק אויף דער שאַנק, אין דער שאַנק. דאַרף פאַרפּאַקן. כדאי מוותר־צו־זיין... איך וועל עס נישט טאָן... ניין. נישט איצט וויל איך אַריינ־טראַכטן, פאַרענטפערן מיין טאַט. „זאַפּאַרט"? אין בעט ליגט שוין די וואַרעם־פלאַש. טאַקע אַ דייטשקע, אָבער פּאָר מיינע מאַרקלעך באַדינט זי מיך נישקשה. זיך אָפּגעוואַלגערט אייניקע שעה אין בעט. דאַכט זיך, עס וואַרפט מיך אין היץ. האָט מיך נישט געכאַפּט די שיינע גריפּע? ניין. איך טאָר נישט קראַנק ווערן. איך מוז פאַרפּאַקן, זיך אַוועקפּאַקן וואָס־גיכער — „זאַפּאַרט"!

מיט טאָג־אויפגאַנג זיך אַראָפּגעוואָרפן פון בעט. נאָך אַזאַ פראָסט האָיאָר נישט געווען. ווידער אַ בליק אויף דער שאַנק. וואָס טוט מען מיט די ביכער? וואָלט איך באַקומען די טעלעגראַמע מיט צוויי וואָכן צוריק, ווי עס איז געווען פאַרצוזען, וואָלט איך פאַרפּאַקט די ביכער אין אַ קאַסטן, אין צוויי קאַסטנס, זיי אַוועקגעשיקט קיין בוענאָס איירעס. איז דאָך דאָרט אַזאַ פאַלקסטימלעכער ישוב. וועל איך זיי, די יידישע ביכער מיינע, דאָרט פאַרצוקערן... איצט? און וואָס טו איך מיט מיינע שמאַטעס און שמאַכטעס — הויזן, שיך, העמדער און רעקלעך? אַ פולע שאַנק, אָנגעקליבן במשך יאָרן. און נאָך שמאַטעס און מאַנוסקריפּטן און... יאָ. פאַרמאָג איך דאָך געלט אויך — דעוויזן. און וואָס נאָך? און בכלל: וואָס פריער און וואָס שפּעטער? אויב נישט היינט... אפשר נעמען דעם וויזירטן פּאַס און פאָרן שפּעטער אויף אייגענע הוצאות? און אפשר זאָל איך... און אפשר...

אין דרוקעריי איבערגעקוקט דאָס מאַטעריאַל, די אָפּגעדרוקטע זייטן. די רעשט וועט שוין מאַכן אַן אַנדערער. נישט איך...

„היינט פאָר איך אַוועק!" — טו איך אַן אייליקן זאָג צו דער זאַצמאַשין, ווו עס קלאַפּט אויף די קלאַווישן איינער פון די ברידער־באַלעבאַטים.

„וואָס? פּלוצים?"

איך ווייז אים די טעלעגראַמע. ער שפּייט־אויס מיט כעס. אויך ער פילט, אַז „אימעצער" האָט דאָ אַריינגעשטעקט אַ ברודיקע האַנט...

„איך וויל, איר זאָלט מיר צוהעלפן צום אַוועקפאָרן. איך וועל זיך אַליין נישט קענען קיין עצה־געבן. איך דאַרף זיך פאַרפּאַקן"...

„ס'הייסט — שטעלט יענער אַן אַ תמוהאַטן בליק — איר מאַכט חוזק פון אונז? לאָזט איבער דעם נומער אין מיטן... פאַרוואָס האָט איר נישט געזאָגט כאָטש מיט אַ וואָך־צוויי פריער?"

„דעם ענטפער דערויף וועל איך געבן אין אַ מער־רואיקער צייט. אָבער פריער

וועל איך מוזן אַנפרעגן אין פראַנקפורט, הלמאי זיי האָבן מיר געגעבן צייט בלויז איניקע שעה מיט אַ ,זאָפּאַרט׳״...
זיך איילִיק געזעגנט. פּראַקטיקער אָוונט. דער יונגערער ברודער האָט מיך באַגלייט. אַ פּשוטער און ווילער בחור. איילִיק פאַרפּאַקט, אַריינגעוואָרפן אין טשעמאָדאַן וואָס עס איז געקומען אונטער דער האַנט. אויך פאַרפּאַקט אַ טשעמאָדאַן מיט ביכער. נישט פאַרגעסן אָנצוהענגען אויפן אַקסל די שרייבמאַשין. אויך אָנגעפּאַקט די קעשענעס מיט שמאָנצעס. איך אַליין, אָן די טשעמאָדאַנעס, וועג מסתמא אַ האַלבן טאָן. אויך פאַרשידן־קאָליריקע פּאַפּירלעך — געלט אַזאַ פון דער גאַנצער וועלט — אָנגעקליבן במשך יאָרן אויף אַ „שוואַרצן טאָג״, — אַריין אין קעשענע. נישט געקומען אויפן רעיון, אַז אַ „די פּי״ טאָר נישט פאַרמאָגן קיין געלט...
מיין רייזע־פּלאַן: פראַנקפורט־באַזעל־רוים־נעאַפּאָל. דאָרט „כאַפּן״ די שיף וואָס וועט אָנקומען פון גענוע. פאַקטיש האָב איך פון גענוע געדאַרפט אָפּפאָרן. וואָלט דער „ענין״ געגאַנגען נאָרמאַל — נישט אין איילעניש — וואָלט איך איצט נישט געדאַרפט „אָניאָגן״ די שיף — — —

איך טרייסל זיך אין וואַגאָן אויפן וועג קיין באַזעל. אין מיין מוח נעמט זיך פּלוצים טרייסלען איינע אַ רעשיקע געשיכטע:
יידן מיט בערד און פּאות זענען געכאַפּט געוואָרן אויפן דאָזיקן וועג, נאָנט קיין באַזעל, ביים אַרויספירן דעוויזן פון דייטשלאַנד. אַ סקאַנדאַל. די דייטשע צייטונגען — אָפּן און פאַרשטעלט — פול מיט סענסאַציעס און גרויל־באַשרייבונגען וועגן די יידן־שמוגלערס. און נישט סתם געשמוגלט. זיי האָבן די „ווייכע״ געהאַט אַריינגעשטופּט אין די זייטשע־מוחלס. און כדי זיי פון דאָרט אַרויסצובאַקומען — הער אַ מעשה! — האָט מען די יידן געצוווּנגען אויסצוטרונקען צו גלאָז ריצנאייל און צו זיצן אויף „פאַראַשעס״ אַזוינע... אָט אַזאַ־אַ מעשה האָט וואָכן־לאַנג געהאַלטן אין שפּאַנונג די סענסאַציע־זוכערס. מען האָט געלאַכט „אין די פויסטן״. און דאָס געלעכטער פאַר די דייטשן האָבן צוגעגרייט די אַמעריקאַנער. און אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז דידאָזיקע יידן האָבן געהאַט אַ ישיבה ערגעץ אין דער שווייץ און דאָס געלט „געטרעבעוועט״ פאַר די ישיבה־לייט. נו, האָט אימעצער אונטערגעמסרט. גיי ווייס...
האָט זיך מיר איצט, טרייסלענדיק זיך אין וואַגאָן אויפן וועג קיין באַזעל, דערמאָנט אָן דער מעשה — בעת איך האָב געהאַלטן אַ האַנט פאַרקוועטשט אויף דער קעשענע. און אָט דערנענטערט זיך דער צוג צו דער גרענעץ. און אַז אימעצער וועט אַריין און וועט אַ פרעג טאָן (און אפשר אויך אַ טאַפּ טאָן?). און באמת: וואָסי געווען דאָס איילעניש? געקענט זיך געזעגענען מיטן לייטישן

קאָנסול און פאָרן אויף אייגענע הוצאות?! איצט... נישט געהאַט אפילו קיין צייט „איינצוליאַדערן" דעם עניין דעוויזן...

...נו, יאָ. שוין צוריקגעקומען פון וואַשצימער, זיץ שוין צוריק אויף מיין פלאַץ. דאָרט, דורכן קליינעם קלאָזעט־פענצטערל, — באַגלייט מיט אַ מידן בליק די פיצלעך און ברעקלעך פון די קאָלירטע פאַפּירלעך, וואָס זענען פאַרכאַפּט געוואָרן פון קאַלטן ווינט, ווי פאַרבלאָנדזשעטע זומער־פייגעלעך אין אַ סיבירער פראָסט — — —

איז מעגלעך, אַז זומער־פייגעלעך זאָלן קומען גאַסטראָלירן אין פראָסטיקן סיביר? — אַזאַ שאלה זיך געשטעלט ביים זיצן אויף דער וואַגאָן־באַנק, ביים חושד זיין יעדן פּאַסאַזשיר, אַז דאָס ווייס ער וואָס איך האָב איצט אָפּגעטאָן — אַזאַ אומגע־רעכטיקייט כלפּי דעם טייערסטן אויף דער וועלט: געלט... יאָ. אַזאַ שאלה און נאָך אַ שאלה: ווי קומט דאָס, בעת כ'האָב זיך אָנגעגורט דורכצומאַכן די וועלט־רייזע — נישט פאַרטריבן פון זיך דעם שותף מיינעם, דעם ישיבה־בחור, דעם נאיוון מלמדניק, וואָס שטערט מיר, וואָס קריכט מיר „אין דער גאַל אַריין" אין מיין גאַנצן נע־ונד? — „האַ, ווען וועסטו שוין באמת ווערן אַ שטיקל מענטש?!" — — —

גרענעץ־קאָנטראָל. פּאַס־קאָנטראָל. אַלע פּאַסאַזשירן זענען רואיק. און איך בין רואיקער פון אַלע. איך בין איצט באמת אַן אָרנטלעכער, אַ רואיקער פּאַסאַזשיר. איך פיר נישט מיט זיך קיין שום דבר־פּסול. חלילה. נישט מיין פאַך: עובר צו זיין אויף גרענעץ־געזעצן.

מיין רייז. דערלאַנג מיין דייטשן „פרעמדענפּאַס". אויפן בלעטל מיט דער שווייצאַרישער טראַנזיט־וויזע ווערן אַרויפגעקוועטשט צוויי סטעמפּעלעך. אַ בליק און אַ מיש. געענדיקט. דעוויזן? זיי האָבן יאָ און נישט געפרעגט, וויסנדיק פאָרויס, אַז אַלע זענען דאָ „ריין", ספּעציעל איך אַ „די פּי"...

די סטעמפּעלעך אויף מיין פּאַס דערציילן: היינט איז דער 29 טער דעצעמבער 1951. איך האָב רעכט צו פאַרברענגען אין דער שווייץ אַ גאַנצן חודש, הנאה האָבן פון דער באַרג־לופט און פון דער פריינטשאַפט צו טוריסטן. נו, בין איך דאָך נישט קיין דייטש, קיין טוריסט פון דייטשלאַנד. אַזאַ הנאה מעגן זיי זיך דערלויבן. דאָס איז צו דערקענען אויף מיינע מיטפּאַסאַזשירן, וואָס פאָרן פאַר־ברענגען די יום־טוב־טעג צווישן בערג. איך בין אָבער אַ צו־שווערער טוריסט, כדי צו קענען קלעטערן אויף די בערג פון לוגאַנאָ. מיינע טשעמאָדאַנעס, ספּעציעל דער טשעמאָדאַן מיט ביכער און די שרייבמאַשין, וואָס כ'האָב זי ממש אין דער לעצטער רגע דערזען אויפן טיש און דערהערט איר צער: דיך געדינט אַזויפיל יאָרן און איצט ווילסטו מיך לאָזן אויף הפקר! — — יאָ, די שרייבמאַשין, אַ צולאָג צום טשעמאָדאַן, אויסגעפּילט מיט ביכער — שטיינער — — —

באַזעל. פּראָסטיקע נאַכט. דאָ דאַרף מיך אָפּוואַרטן אַ פאָרשטייער פון דער „לאָיד״־רייזע־ביוראָ. ער וועט מיך אַריינזעצן אינעם צוג קיין רוים. מאָדנע. בין איך טאַקע דער איינציקער „די־פּי״, וואָס דאַרף זיך יאָגן הענדעם־פּענדעם איבער מדינות, כדי צו כאַפּן די לעצטע שיף? פאָרן נישט פון דייטשלאַנד נאָך אַזוינע ווי איך מיט דערדאָזיקער שיף? ניין. נישט צו זען קיינעם. מיך איינעם וואַרט־אָפּ דער „לאָיד״־פאַרטרעטער. בלויז מיין נאָמען רופט ער אויפן פּעראָן. און יענער דאָרט, וואָס כ׳האָב נישט קיין געוואַשענע הענט זיין נאָמען צו דערמאָנען, דער „חבר מאָטיע״ — פאָרט ער נישט קיין אַרגענטינע? פאַרוואָס שטייגט ער נישט אויס פון דאָזיקן צוג? — — —

געבליבן אין מיין טאַש אַביסל דייטשע מאַרקן. איצט פרעג איך מיין באַגלייטער, צי די מאַרקן געהערן נישט צו דעוויזן... ער שמייכלט. ער האַלט אפּנים, אַז איך — וואָס כ׳פּיל זיך אַזוי צעשמייכלט — שמייכל אויך. נו, שמייכלט ער אַריין אין מיר: אויב די דייטשע מאַרקן שטערן דיר, בין איך גרייט דיך צו באַפרייען פון זיי. אָבער ער זאָגט עס נישט. ער פירט מיך אַריין אין אַ זייגערלעך־קראָם. אָ, די שווייצאַרישע זייגערלעך! זיי ליגן פאַרפּאַקט אין פּודלעס. הונדערטער. די סוחרטע גיט מיר צו פאַרשטיין, אַז פאַר מיין געלט איז זי מיר גרייט צו געבן אַן אויטאָמאַטישן „אָמעגאַ״ — מיט אייביקער גאַראַנטיע. אַזוי ווי איך בין אַ טוריסט — וועל איך זי אייביק געדענקען. יאָ. שוין אויסגעלייזט פון לעצטן דעוויזן־זכר... איך כאַפּ אַ בליק אַרום זיך: קונים לויפן־אָן פון צוג. זיי קויפן פּודלעס, גאַנצע פּודלעס מיט זייגערס. הונדערטער. טויזנטער „אָמעגאַס״. און לויפן צוריק צום צוג. אָנגעקומען פון דייטשלאַנד. און לויפן צוריק קיין דייטש־לאַנד. געקומען קויפן זייגערס... עד, וויפל זייגערס איך האָב עס געקאָנט איצט איינקויפן פאַר מיינע „אָוועקגעפלויגענע״ זומער־פייגעלעך אינעם פּראָסטיקן ווינט! אַ געשעפט, אַ גאַנצן מאַגאַזין, מיט זייגערס וואָלט איך געקאָנט עפענען אין בוענאָס איירעס — — —

יאָ, כדאי געווען. אַבי שוין ווייט פון די דייטשע גרענעצן, — אַזוי טו איך זיך טרייסטן בעת כ׳טרייסל זיך ווידער אין צוג, וואָס דאַרף מיך פאַרטאָג ברענגען קיין רוים.

דורכן וואַגאָן־פענצטער קוקט אַריין די נאַכט, אויסגעשטערנט מיט טאַנצנדיקע ליכטלעך אויף באַרג און הימל.ביידע — באַרג און הימל — בייטן זיך צייטנווייז: אָט שטעקט אַ שטיק ליכטיקער באַרג אין הימל, אָט — אַ שטיק הימל אין באַרג. אַנדערש איז די נאַכט אין דער שווייץ. און אַנדערש — די פּאַסאַזשירן אין וואַגאָן. די דייטשן האָבן געשוויגן פון פראַנקפורט ביז באַזעל. איצט פאָרן איטאַליענער. זיי שוויגן נישט. אויפן ערשטן בליק — גוטמוטיקע קבצנים. ווער זענען זיי און פון וואַנען פאָרן זיי? נישט שייך זיך מיט זיי צונויפצורעדן. אַ פרעמד לשון.

פלוצים ווערט אַ פריילעך געפילדער: לוגאַנאָ! דורכן פענצטער — אַ באַוועגלעכע בליציקייט. דאָס לייכט אַזוי די באַרג־הויכקייט פון דער שווייצאַרישער טוריסטיק־שטאָט. שוין ווייט נאָך חצות. מען דאַרף זיך גרייטן צו אַ נייעם טאָג, צום אויפנעמען חידושים.

הייס. פון וואַנען האָט זיך פלוצים אַהערגענומען די היץ, דאָ, אויפן פעראָן אין רוים, סוף דעצעמבער? דאָס קומט די היץ פון מיר, פון אַלע מיינע אברים. מעגלעך, אַז איידער עס זאָל מיך וואַרפן פון קעלט, איז בעסער — היץ. און גאָר מעגלעך, אַזביידע טויגן זיי נישט...

דאָ ווערט נישט קיינער אויף מיר. באַלד דאַרף קומען דער צוג קיין נעאַפּאָל. מיינע הענט און פיס, ווי געליימט. וואָלט אימעצער אויף מיר רחמנות געהאַט און אַוועקגעגנבעט דעם טשעמאָדאַן מיט ביכער...

אַן אַנגעלויף. דער צוג רוקט זיך אָן פּאַמעלעך. סאָלדאַטן און סתם־פּאַסאַזשירן נעמען שפּרינגען איבער די וואַגאָנעס. איינער אויפן צווייטן. דער צוג האָט זיך נאָכנישט אַוועקגעשטעלט און דאָ — אַזאַ בהלה. אַ מלחמה־בילד. האָט זיך נאָך אין איטאַליע די מלחמה נישט געענדיקט? מען שפּרינגט איבערן דאַך און דורך די פענצטער. מען לויפט איבער מיר. מען שטויסט מיך. איך קלאַמער זיך אָן מיינע טשעמאָדאַנעס. נאָך אַ ווײַלע און כ׳וועל דאָ צעטראָטן ווערן, צעריבן ווערן... איך מוז דאָך אַריין אין צוג. דאָס איז דאָך דער לעצטער צוג... אָן אים וועל איך נישט גרייכן צו דער שיף, וועל איך... אַ שטויס און נאָך אַ שטויס. אָבער איך וועל זיך נישט לאָזן צעטרעטן דאָ, ניין! האָב צונויפגענומען מיינע לעצטע כוחות־רעזערוון, פאַרוואָרפן איין טשעמאָדאַן אויף דער פּלייצע, דעם צווייטן אויפן בויך, דעם דריטן (מיט די ביכער־שטיינער) אויפן רעכטן אָרעם, די שרייבמאַשין אויפן לינקן — און נעם זיך שלעפּן צו אַ פאַרשטאָפּטן, פאַרלייגטן און פאַרפּראָפּטן וואַגאָן, איבער וועלכן עס צאַפּלען הענט און פיס און קעפּ... אָבער איך שלעפּ זיך און רוק זיך און טאַטשע זיך פּונקט אַריין אין מיטן דער בהלה. שוין. איצט פיל איך שוין גאַרנישט. פון הינטן איז אָנגעלאָפן אַ פאַרשפּע־טיקטע מחנה פּאַסאַזשירן. איצט לויפט מען איבער מיר, אויף מיר. אָאָאָ! אַ סוף! אָט איז דער סוף געקומען! — — —

האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז נאָך ווייט צום סוף; און דער צוג האָט נישט בדעה אָפּצוגיין אָן מיר. ממש אַ נס געשען: אימעצער האָט מיך אויפגעהויבן פון מיין געוואַלגער; איך האָב יענעם אָנגעקוקט מיט גרויס נייגער: נישט איינער — עטלעכע פּאַסאַזשירן, בתוכם אַ גלח, האָבן זיך מיט מיר מטפּל־געווען: אַריינ־געשטויסן דורך אַ פענצטער פון אַ פאַרשטאָפּטן וואַגאָן מיינע טשעמאָדאַנעס (אויך דעם מיט די ביכער!). זיי האָבן שווער געאַרבעט אַרום מיר. גוטע איטאַל־יענער! מיינע טויזנט „גראַציאָס" אייך!

איצט פאַרנעמט זיך דער צוג אין וועג אַריין. ער לויפט איבער רוים. פאַרביק איז די אוראַלטע שטאָט אינם שפעטן פרימאָרגן. אונטערוועש און אייבערוועש און פאַרשידענע קליידלעך און ווינדעלעך — אַלץ בלאָזט זיך מיט קאָלירן־מיראַזש איבער און אַרום די הונדערטער מאָסיוושטייניקע בנינים, אויף זייערע פענצטער און דעכער. קבצניש־פאַרביקע וועלטשטאָט. חנוודיק און רעשיק, ווי אירע איינוווינער: נישט לאַנג צוריק האָבן מיינע מיטפּאַסאַזשירן זיך געריסן ביי די הויזן און ביי אַלץ, ווו עס לאָזט זיך נאָר זאַטשעפּען אַ פינגער־בינטל; איצט שמועסט מען און לאַכט מען; איז מען זיך מכבד מיט פּאַפּיראָסן און געלעכטער. אַן איבערשמועס פון פריילעכע קרובים — — —

עס דושעט אויף מיר אַ מידקייט, ווי כ׳וואָלט געווען אַנגעגאָסן מיט בליי. און ווי כ׳האָב פאַרגעפילט: אויך אויפן נעאַפּאָלער וואָקזאַל האָט מיך קיינער נישט אָפּגעוואַרט. מעשה שטן. שטיל אויפן פעראָן. נישטאָ קיין לעבעדיקער פּאַסאַזשיר. ווי זיי זענען אָנגעלאָפן, זענען זיי פאַרשוווּנדן. אַפילו קיין טרעגער נישטאָ. אָט וועל איך נעמען און זיך אָוועקלייגן אויף די טשעמאָדאַנעס, איינשלאָפן, אָפּנעמען די נישט־געשלאָפענע נעכט. אָבער — נישט איצט. ניין. איך האָב איבער־געלאָזט די טשעמאָדאַנעס און געמאַכט אַ שפּאַציר ביז צום סאַמע ברעג פונם לאַנגן פעראָן. און וווּנדער: פון אונטן קוקט אַרויף די שטאָט. אויבן די באַן, אונטן — די שטאָט־שיינקייט אַליין. אָבער עס ווערט שפּעט. איך מוז אויסזוכן אימעצן, וואָס זאָל מיך אָוועקפירן צום דורכגאַנג־פונקט, פון וואַנען מ׳דאַרף מיך פירן צו דער שיף.

און ווידער אַ נס: אַן אינפאָרמאַציע־ביוראָ. דאָרט גיט מען מיר אַן עצה, אַז כ׳זאָל אַראָפּגיין אונטן, נעמען אַ טעקסי און הייסן דעם שאָפער ער זאָל מיך אָוועקפירן קיין באַלאָגנאַ (יאָ, עס קלינגט מיט — באַלאַגאַן)... דאָרט איז עס. אַ, ניין. איך דאַרף מען זאָל אַראָפּטראָגן די טשעמאָדאַנעס; מען זאָל מיך נעמען פאַר אַ האַנט און פירן... פירן... איך לאָז זיך אַראָפּ אויף אַ שטול. שוין לאַנג נישט געזעסן אַזוי ווייך. דער אינפאָרמאַטאָר האָט סוף־סוף ערגעץ אָנגעקלונגען. דער ענטפער: יאָ. מען וואַרט דאָרט אויף מיר. און אָט איז אָנגעלאָפן אַ בחור, האָט אַ כאַפּ געטאָן מיינע טשעמאָדאַנעס. און אָט וויקל איך זיך אין דער שיינער פּאַנאָראַמע, וואָס רופט זיך נעאַפּאָל און וואָס שלעפּערט־איין מיט איר זיסקייט, פאַרבן־רייכקייט. אַ שאָד, וואָס כ׳בין נישט קיין טוריסט.

אַ שאָד, וואָס די מאַשין האָט זיך אָוועקגעלאָזט אין אַ זייטיק געסל, אַרויס הינטער דער שטאָט און — פאַרפאָרן ערגעץ צו אַ טויער פון אַ קאַזאַרמע — באַלאָגנאַ. דאָ איז עס. אַבי אָנגעקומען. פון דאַנען וועל איך מאָרגן מאַכן די נסיעה צו אַ ווייטן קאָנטינענט, אַ וואַרעם־היימישן.

און ווידער — מיינע טשעמאָדאַנעס! ווידער האָט מען געשוויצט ביז צום אַרויפ־

טראָגן זיי איבער טרעפּ און שטאָקן, ביז צום באַלייגן זיי אויף אַ זעלנערשער פּריטשע. דאָ וועל איך דאַרפֿן איבערנעכטיקן, זיך אויסרוען, זיך גרייטן צו דער גרויסער ים־נסיעה.

איך שטיי ווי צוגעוואַקסן צום אָרט. אַרום און אַרום — אַ ווילד כאַכאַטשען. מיינע חושים אָנגעשפּיצט צום אַרום. ווו בין איך דאָ אַריינגעפּאַלן? אַפילו אויף איין נאַכט, איין שעה, ווילט זיך זיין צווישן אייגענע. אַזוי איז דער יידישער גורל. דער ייד שרעקט זיך פֿאַר פֿרעמדע, בפֿרט פֿאַר אַזוינע, וואָס נעמען נישט פֿון אים אַראָפּ דעם בליק. פֿון אַלע נאָרעס קוקט מען צו מיר — גראָבע, רוצחישע פּרצופֿים. מען רעדט רוסיש, אוקראַיניש, פּויליש. די אַלע, הונדערטער — — פּליטים. זיי זענען מיינע שותּפֿים, מיינע אַחים לצרה. און עס ווילט זיך מיר אַ הילכיקן געשריי אַרויסלאָזן. די ווענט — פֿאַרהאָנגען מיט צלמים און קריסט־ביימלעך. מאָרגן איז סוף־יאָר, נאָווי גאָד.

כ׳זוך אַ יידיש פּנים. נישטאָ. שוין באַלד אַוועק אַ שעה וואָס כ׳שטיי דאָ איבער דער נאָרע. איך הער אַ נאָנט געלעכטער. דאָס לאַכט מיין שכן פֿון אונטן. ער לאַכט פֿון מיין אומבאַהאָלפֿנקייט. גאָר מעגלעך, אַז די שרעק מיינע האָט נישט קיין אָנהאַלט, איז סתּם אַ צוטשעפּעניש צום בונט צרות, וואָס כ׳האָב פֿרייוויליק אָנגעהאָנגען אויף מיינע באַרקעס זינט דער שפּאַנענדיקער נסיעה פֿון מינכען און פֿראַנקפֿורט. יאָ. שרעק האָט גרויסע אויגן. און טאַקע דערפֿאַר — וועל איך זיך נישט אַוועקלייגן אויף דער נאַרע! לעב איך דאָך נישט אויף קיינעמס לאַסקע.

לסוף: אַ נעם געטאָן די טשעמאָדאַנעס, זיי גענומען שלעפּן — איינעם נאָך איינעם — אַראָפּ, איבער טרעפּ און שטאָקן, אַראָפּ צו דער „קאָמיסאַריע“, ווו עס געפֿינט זיך די „שמירה“ — אַ קאָמענדאַנט מיט געהילפֿן. איך האָב אים געהערט רעדן פּויליש. דערפֿאַר — אים איצט אַ פֿרעג געטאָן:

„הער, פּאַניע שאַנאָווני: געפֿינט זיך נישט דאָ קיין ייד, כ׳מיין — יידישע ,די פּיס׳?“

מיין ווענדונג צום „פּאַן קאָמענדאַנט“ — אַן אַרויסרופֿערישע. זיין אויסזען — פֿון אַן אַרומגעפֿליקטן, ווילד־צעוואַקסענעם בוים. אַוודאי ווילט זיך מיר נישט האָבן קיין „בענטערע באַרירונג“ מיטן דאָזיקן פֿאַרשוין. אויב איז ער קאָמענדאַנט (אויף איטאַליעניש רופֿט ער זיך „קאַפּאָ“ און אַזאַ שילדל הענגט איבער זיין געזעס) האָט ער רעכט איבער מיר צו באַפֿעלן. וועל איך אים מכבד־זיין מיט אַ „קאַמעל“ און פֿאַרגעסן דאָס פּולע פּעקל אויף זיין טיש. ערשט איז מיר לייכטער צו געבן אים צו פֿאַרשטיין, אַז דאָס ברענגען מיך אַהער אין דער קאַזאַרמע איז געווען אַ טעות. תּיכף האָט ער באַקומען לשון:

„צאָ? זשידעק?“

ער האָט מיר אונטערגערוקט אַ שטול, באַפוילן איינעם פון די יונגען, ער זאָל אַרויס און זאָל אַריינבריינגען דעם...

במשך דער קורצער צייט פון מיין אַרומפּלאָנטערן דאָ האָב איך באַוויזן צו „קומען צו זיך": אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם און געזוכט דעם וועג — אַרויס. אַ פאַרהוילענער כוח טוט מיך טרייבן — דורך איין טיר אַריין, דורך דער צווייטער אַרויס... וואָס פּלוצים זיך פאַרבענקט נאָך אַ ייד? — — —

טאַקע איצט, ווי נאָך קיינמאָל נישט, דערפילט דעם גוטן טעם פון זיין צוזאַמען מיט אַ ייד. האַ? נאָך אַזאַ טעם נישט געפילט? וועגן דעם תּוך וועל איך טראַכטן אַ צווייט מאָל. איצט... איז אַריינגעקומען אַ בחור. דער קאָמענדאַנט האָט זיך אַזש צעשמייכלט:

„פּראַשען... זשידעק"...

עך, דער כוח פון אַ פּעקל „קאַמעל"!

דער בחור האָט זיך אָפּגעשטעלט נעבן מיר. יאָ, דאַכט זיך, שוין יאָרן וואָרט איך אויף דערדאָזיקער רגע — צו הערן רעדן יידיש. ער פאַרוואַרפט אויף זיין אַקסל איין טשעמאָדאַן, דעם צווייטן אין דער האַנט; ער איז אַוועק און צוריקגעקומען מיט נאָך אַ בחור. אין דרייען האָבן מיר זיך געלאָזט איבער דער טונקל פון אַ ריזיקן קאַזאַרמע־הויף. באמת, גוטע יידישע בחורים. זיי האָבן מיך אַריינגענומען אין זייער ווינקל, אָפּגערייניקט פאַר מיר אַ נאַרע אין אַ באַראַק, ענלעך צו דעם, וואָס כ'בין מיט אַ ווײַלע צוריק פון אים אַנטלאָפן. איצט פיל איך זיך זיכער; איצט קען איך אָפּרוען. דאָ איז אַ מין יידישער געטאָ אין אַ באַראַק מיט הונדערטער „סלאַוון" — כשרע בירגערס פאַר דעמאָקראַטישע לענדער.

אַן ענג יידיש ווינקעלע: זעקס צוויי־שטאָקיקע פּריטשעס אַריינגעקוועטשט אין אַ מחנה וואָס וועקט ביי אַ ייד אומצוטרוי. און דאָ, צווישן די נאַרעס, האָב איך זיך גענומען פילן אַזוי גוט, כאָטש אויף אייניקע שעה. די נאַרע האָט מיר אָפּגעטראָטן דער בחור, וואָס האָט מיך געברענגט אַהער. ער איז אויך אַ שומר ביים טויער. ער וואַרט שוין דאָ לאַנג אויף זיין ריי אויסצוואַנדערן. איך בין אים מבטיח איבערצולאָזן מיין פּאַלטן; אויך געלט וועל איך אים געבן, וויפל נאָר עס געפינט זיך אין מיין רשות. איך פאַר דאָך אַוועק. איך געהער דאָך צו די גליקלעכע. דאָרט, אין אַרגענטינע, איז איצט אין סאַמע אָנהייב פון הייס־צעפּאַרעטן זומער. איז גלייכער דעם פּאַלטן דאָ איבערצולאָזן. דער בחור האָט אים פאַרדינט. נו, היינט ביינאַכט האָט ער סיווּעי שמירה. קאָן ער מיר אַוודאי אָפּטרעטן זיין פּריטשע. ער איז צופרידן:

„וועל איך האָבן אַ טובה געטאָן אַ ייד און איך וועל נישט האָבן קיין רעה".

„יאָ — ענטפער איך פון מיין הויכן געלעגנדער — ווי עס שטייט געשריבן: זה נהנה וזה לא חסר"...

„אָ, — האָט זיך אימעצער פון אונטן אָפּגערופן — איר רעדט צו אונז אויס־לענדעריש; אייך איז גוט. איר פאַרט קיין אַרגענטינע. וואָס זאָלן מיר טאָן?"

איך האָב גענומען דרעמלען. ערשט דערפילט די ווייטיקן אין אַלע מיינע אברים. שווער איינצושלאָפן. אַ מיין היגער־פּלעט דושעט אויף מיר. בכלל, איז דער באַראַק נישט קיין אידעאַלער פּלאַץ אויף צום שלאָפן. ער באַוועגט זיך. אַלע קולות, פון נאַרע צו נאַרע, אויסגעמישט אין איין הילכיקן געזשום. ווער עס שרייט זיך איבער מיט אַ „פּאַ מאַטערי", ווער עס רייניקט דאָס „משפחה־ווינקעלע" צום מאָרגנדיקן יום־טוב. פאַראַן נאַרעס מיט איבערגעהאַנגענע קאָלדרעס. אויך פאַראַן אַן אויסגעפוצט ווינקעלע, באַהאָנגען מיט פאַרשידענע „מאַטקעס" און מיטן געקרייציקטן בראש — אַ מין קלויסטערל פאַר פרומע לייט.

פאַרטאָג. אַ ווינטעלע, אָנגעזאַפּט מיט פרימאָרגן־טוי, האָט מיך אַרומגעווישט פון דער שווייסיקער נאַכט — אַ תענוגדיק ווינטעלע, וואָס טראָגט מיט זיך אַלע פאַרגעניגנס פון ים און כוואַליע־געררויש. באַלד דאַרף קומען די שיף פון גענואַ. אַנטקעגן גייט דער גוטער בחור, וואָס האָט מיר אַוועקגעגעבן זיין געלעגער. ער איז מיד, נישט אויסגעשלאָפן. אַ גאַנצע נאַכט געשטאַנען אויף שמירה.

„נו, גייט שלאָפן; אייער געלעגער איז פריי — האָב איך אים באַגעגנט מיט אַ שמייכל און אויסגעטאָן דעם פאַלטן — אָט איז מיין צוזאָג".

אויפן וועג צום באַראַק האָט ער זיך אָפּגערעדט:

„שלעכט מיט אונז דאָ; אונזער גרופּע, ווי איר האָט זי געזען, האָט זיך מיאוס פאַרפלאָנטערט: מיט גלחים, מיט טויף־פּאַפּירלעך, מיט קאַטוילישע וויזעס"...

עס האָט מיך נישט איבערראַשט. שוין לאַנג נישט קיין סוד, אַז אין ישראל ווערן געמאַכט קאַטוילישע פּאַפּירלעך פאַר יידן, וואָס ווילן פאַרלאָזן דאָס לאַנד.

„האָ? — האָב איך אים אָנגעכאַפּט ביי די דינע אַקסלען — זענט איר געשמדט?"

„כ'וויים נישט. אָבער „אָפּגעשוועוצלט" זענען מיר. וואָס איז די נפקא מינה. אַז מיר וועלן קומען צווישן יידן"...

עס ווילט זיך נישט אַריינלאָזן אין פרטים וועגן דעמדאָזיקן אומהיימלעכן ענין; איך גיב אָבער דעם בחור אַן עצה, אַז עס איז גלייכער וואָס ווינציקער צו רעדן דערוועגן.

„ווייל אַז איר וועט קומען צווישן יידן וועט מען אייך נישט לאָזן איבער דער שוועל און ערשט דאָרט וועט איר דערפילן, ווי שוין ביים לעבן האָט איר פאַר־לוירן ביידע וועלטן".

ער האָט שווער אָפּגעזיפצט. אַ בחור פון אַ שטעטל אין פוילן. שוין באַוויזן

דורכצוגיין אַלע גיהנומס זינט זיין פֿריער קינדהייט. עלף יאָר אַלט געווען בעת ר׳איז אַנטלאָפֿן פֿון שטעטל צוזאַמען מיט זיין עלטערן ברודער. דעם ברודער ערגעץ אין רוסלאַנד פֿאַרלוירן און אַזוי בלאָנקעט ער אַרום איבער דער וועלט. שוין אויך געדינט אין דער ישראל־אַרמיי, פֿאַרווונדעט געוואָרן. מער קען ער נישט... ער וויל נאָך הנאה האָבן פֿון לעבן... זאָל איך אים שטראָפֿן? זאָל איך האָבן טענות צו אים — און צו זיינע חברים, וואָס זייער גורל איז ענלעך צו זיינעם — פֿאַר אָפּטאָן אַזאַ מיאוסע, אַזאַ אומבאַרעכנט־אידיאָטישע מעשה? נישט עס וועט פֿועלן און נישט איך האָב רעכט דערצו.
פֿאַרן אַרויפֿגיין אויף דער שיף, בעת איך האָב אים געגעבן אַ פֿולע האַנט מיט לעצטגעלט — פֿראַנקן און לירעטעס — זענען זיינע פֿאַרטרערטע אויגן געווען אויסגעפֿילט מיט דאַנק. ער האָט זיך געבעטן: „איינצורייסן וועלטן" אויף זייער ביטערן גורל...

כדאי צו פֿאַרצייכענען דעם נאָמען פֿון דער שיף, וואָס פֿירט מיך היינט, דעם 31טן דעצעמבער 1951, אין אַ נייער וועלט אַריין — אַרויס פֿונם צעפּייניקטן און גלייכצייטיק פֿאַרשאָלטענעם אייראָפּע. די שיף רופֿט זיך: „קאָנטע גראַנדע", אַן איטאַליענישע שיף מיט משפּחה־יחוס. זי קומט איצט פֿון גענואַ. דאָרט האָט זי אויפֿגענומען אַ היפּשן עולם. איצט ——— איך שטיי אויפֿן דעק. די שיף ווערט אָפּגעבונדן. באַלד וועט זי זיך אַריינשניידן צווישן די כוואַליעס. דער אָוונט רוקט זיך צו. שוין. נישט צו פֿילן: דער שיפֿס נאָז נעמט זיך שניידן אין שוים.
אין מיין קאַיוטע זענען מיר זאַלבע פֿיר. אויך צוויי יוגאָסלאַוווער און איין איטאַליענער. זיי פֿאָרן מיט אַרבעט־קאָנטראַקטן קיין אַרגענטינע. אַנטקעגן לייכט די שטאָט מיט יומטובדיקער באַפּוצונג. אויך די שיפֿן אין פּאָרט לייכטן מיט הונדערטער פֿייערלעך. אויך אויף „מיין" שיף וועט היינט זיין פֿריילעך — סילוועסטער־נאַכט — די ערשטע נאַכט אויפֿן ים.
אָבער איך וועל זיך גראָד פֿילן יומטובדיק — אין בעט. עס ווילט זיך רוען נאָך דורכמאַכן אַזויפֿיל אויסטערלישע מאַטערנישן. אַביסל צופֿיל פֿאַר אַ צוויי מעת־לעת.
נישט געפֿילט ווי די נאַכט איז פֿאַרשוווּנדן. ערשטער טאָג אויפֿן ים. נאָך זיבעצן אַזוינע טעג. סאַראַ רזבות! סאַראַ הימל! סאַראַ ים! עס ווילט זיך מיין התפּעלות אויסשרייען אויפֿן קול. עס ווילט זיך מיר אַ שלעפּ טאָן די „מוזע" ביי די אויערן, איר באַווייזן די שיינע וועלט און זאָל זי זיך אָוועקזעצן צוזאַמען מיט מיר אָטאָ דאָ, אויפֿן דעק — און לאָמיר אָפּגעבן אַ שבח צו גאָטס באַשאַף.
וואָזשע טוט גאָט? ער, דער וועלט־באַשעפֿער, האָט זיכער געאַנט וועגן מיינע

מחשבות און ער האָט באַשלאָסן, זיי צו צעשטערן. פאַרוואָס? נישט שייך צו פרעגן אויפן רבונו של עולמס טוּאונגען ——— איך האָב פּלוצים דערזען דעם — „חבר מאַטיע״... ער לויפט טרעפּ אַראָפּ, טרעפּ אַרויף, לויפט מיט פאַפּירן אין די הענט. אַנגעשטעלט זיין בליק אויף מיר, איז ער אַ ווילע געשטאַנען מיט אַ שאלה אויף דער וואָנסע־באַרשט: האַ, וואָס טוט ער דאָ? וויאַזוי האָט ער עפּעס אוספּייעט אָנצויאָגן די שיף נאָך אַלץ און אַלעמען? ——— יאָ. פון גאָט צוגעשיקט. דער חבר שקר וועט פון מיר אָוועקנעמען דאָס ביסל ים־פאַרגעניגן. נישטאָ קיין מזל. אָבער דער אייגענער שלימזל וועט אויך באַגלייטן אים...

שפּעטער אים געזען שפּאַצירן מיט איינעם אַ בחור. איז כדאי זיך מיטן דאָזיקן בחור צו באַקענען, כאַפּן אַ שמועס סתם־אַזוי. דאַרף איך דאָך דערגיין דעם באַשייד: הלמאַי איז מ. ב. פּריווילעגירט צו פאָרן מיט דער שיף פון גענוואָ און איך האָב זי געמוזט „כאַפּן״ אין נעאַפּאָל?

נאָך מיטאָג. אַרויף אויפן דעק. דערזען דאָרט דעם בחור, אים פאַרבעטן צום שאָך־טישל. אויך ער פאַרט קיין אַרגענטינע. די וויזע האָט ער באַקומען צוזאַמען מיט זיין חבר, עס הייסט, מיטן „חבר מעם״ בערך אַ דריי וואָכן צוריק. פון פראַנקפורט האָט מען זיי געפירט דורך שווייץ קיין גענוואָ, וווּ זיי זענען איינגעשטאַנען אין אַ האָטעל, אַרומשפּאַצירט איבער דער שטאָט ביז צום אָפּפאָרן פון דער שיף.

„כ׳בעט אייך — טו איך אים אַ פרעג — וועגן וועמען רעדט איר? וועגן דעם מיט די גראָבע וואָנסעס? ווער איז ער?״

„אָ, דער? מיין חבר? ער איז אַ באַרימטער היסטאָריקער. ער איז געוועזן ביים שיף־קאַפּיטאַן, אים דערציילט ווער ער איז און ביי אים געבעטן ציפערן וועגן דער שיף: איר לענג און ברייט, איר הייך און טיף, וויפל מעטער און סענטימעטער און ווען און ווו זי איז געוואָרן געבויט... דער קאַפּיטאַן ווייזט אַרויס צו אים אַ ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט און ער דערלויבט אים אַלץ צו זען און צו פאַרצייכענען״...

משוגע! ער איז משוגע! האַ? און אפשר לוינט עס אים אַזוי. וואָרום, עס איז דאָך בעסער צו האָבן גוטע באַציאונגען מיט גרויסע מענטשן. בפרט אויף אַזאַ לאַנגער רייזע. אָ, ער טויג זיך אויס. ער האָט דורכגעמאַכט אַ גוטן קורס. ניין. ער איז נישט משוגע. ער ווייס בלויז ווי מען דאַרף לעבן — אַן שטערונג. ער האָט מיך דווקא נישט געוואָלט האָבן פאַר קיין שכן — נישט אויף דער שיף און נישט אין אַרגענטינע; האָט ער געטאָן וואָס ער האָט געטאָן — — איז ער געזעסן אין אַ האָטעל אין גענוואָ און איך... — חוץ אַ מאַניאַק איז ער אויך אַ סאַדיסט. אַלץ באַשטעטיקט זיך וועגן אים, אַלץ! — — —

יאָ. סאַדיזם געפּאָרט מיט מאַניאַקיזם.

און אַז ר׳איז אַ מאַניאַק האָב איך געזען צומאָרגנס, ווען כ׳האָב זיך אַוועקגעזעצט איבער דער שרייבמאַשין אין גרויסן זאַל, כדי אָנצושרייבן אַ קאָרעספּאָנדענץ פֿאַר „די פּרעסע״. טו איך אַ קוק: ער לויפֿט און שלעפּט נאָך זיך אַ שווערע שרייבמאַשין מיט אַזאַ געפּילדער, וואָס האָט געהאַט דעם ציל אַלעמען אויפֿצוועקן פֿון דרעמל: זעט, אויך איך שראַאַאַב! זיין קלאַפּן איבער די קלאַווישן האָט פֿאַרשטומט דעם געוויש פֿון די ים־כוואַליעס. ער קלאַפּט פֿון לינקס אויף רעכטס. שרייבט ער דאָך אַזוינע גראַמאַטנע בריוו אויף דייטש...
פֿון איצט אָן וועל איך בלייבן מיט דער מאַשין אין קאַיוטע. אויך דאָרט איז פֿאַראַן אַ טישל.

אין באַרצעלאָנע וועט די שיף אַנקערן זעקס שעה. היינט איז זונטיק. ערשטע טעג יאַנואַר 1952. די לופֿט שמעקט מיט מאַנדלען און מיט מאַראַנצן. מיין הלבשה איז נישט צוגעפּאַסט צום באַרצעלאָנער יאַנואַר. איך טראָג אויף זיך דעם אייראָפּעאישן פֿראָסט. עך, ווי שיין די גאַס איז, ווי אָנגעגאָסן מיט זון. איך בין שוין היפּש אַרויס פֿונם ריזיקן פּאָרט. איצט שפּרייט זיך אַ גרין־זוניקע אליי, גלייך צוגעשניטן ווי מיט אַ ווירע. איך שפּאַן פֿאַרזיכטיק. לאָמיך נישט אַראָפּ פֿון וועג, פֿאַרבלאָנדזשען ערגעץ.

באַרצעלאָנע איז מיר איינגעקריצט אין זכרון פֿון בירגערקריג. באַרצעלאָנע, מאַדריד, בילבאַאָ, סאַראַגאָסאַ... — „נאָ פּאַסאַראַאָן!״: זיי וועלן נישט דורך... אָבער זיי זענען יאָ דורך. אָט איז שוין באַלד זיבן יאָר נאָכן דערדושען די היטלער־שלאַנג, אָבער זיין שותּף, דער גענעראַליסמאַ, באַלעבאַטעוועט אין שפּאַניע. די אָקס איז נישט צעבראָכן. דאָך טו איך פֿילן בעת מיין איצטיקן שפּאַציר איבער דער רחבֿותדיקער גאַס פֿון באַרצעלאָנע, אַז פֿראַנקאָ איז נישט גאָר זיכער אין זיין מדינה. והראיה: מיליטער מיט מאַשינביקסן האַלט וואַך ביי פֿאַרשידענע געביידעס; גרין־מונדירטע, שפּיציק־אויגיקע... גיי ווייס. איך דאַרף שפּאַנען גלייך. קוקן גלייך. און טאַקע גלייך: טרעפּ, פֿיל צענדליקער טרעפּ פֿירן אַרויף צו אַ הויכן, ריזיקן מאָנומענט. מסתּמא שטייט ער דאָ, דער גרויסער באַפֿרייער, אויסגעצויגן מיט אַ האַנט צום ים. יאָ. איך שפּאַן אַרויף אייניקע טרעפּ, קוק אַרויף הויך, מסתּמא אַ מעטער פֿופֿציק. דער מאַרמאָרענער קאָלאָס געהער נישט צום גענעראַליסמאַ. דערווייל נישט. גרויסע, גאָלדענע אותיות זאָגן־אָן: קאָלומבוס.

איך דריי־אויס דעם קאָפּ, קוק זיך אַרום כּדי נישט צו פֿאַרלירן דעם צוריקוועג און שטויס זיך אָן אויף — „חבֿר מעם״... ער לויפֿט מיט אַ בינטל פּאַפּיר אין צעשפּרייטע הענט, ער, דער פֿאָרשער, דאַרף זיך אַרומכאַפּן מיט קאָלומבוסן און אים אויך — — אויספֿאָרשן. דערזען די מאַניאַק־שפּיל, האָב איך זיך פֿאַרדרייט

ביים הינטערשטן אַראָפּגאַנג און דערביי שיער פאַרלוירן דעם „קאָמפּאַס" פון מיין שיף, שיער פאַרלוירן דעם וועג צום פּאָרט.
קיאָסקן פאַרלייגט מיט צייטונגען. „זיין" בילד קוקט אַראָפּ פון אומעטום און אין פאַרשידענע פּאָזעס. אָט רעדט ער, אָט אַפּלאָדירט ער. אַלץ געהער אים. אויך די גאַס איז זיינע. זיין אויג איז אָנגעשטעלט אויף אַלץ און אַלעמען. שטיל, רואיק און געמיטלעך, טאַקע ווי אין אַ זונטיק־זוניקן נאָכמיטאָג.
איך פאַרטרייב פון זיך שלעכטע מחשבות. אָבער עס עגבערט מיר עפּעס אין מוח: דער חרם, דער יידישער חרם אויף שפּאַניע; אַ פינף הונדערט יאָר בערך זינט דער אינקוויזיציע און גירוש. און אָט שפּאַן איך, אַן אייניקל פון יענע מאַרטירערס, אויף דערדאָזיקער פאַרחרמער ערד, האָב הנאה פון איר זון, פון איר גאַסטפריינטלעכקייט — — — און ווו זענען זיי, די חרם־לייגערס, איצט? האָבן היטלערס שייטערהויפנס נישט געפלאַקערט אַזוי העליש ווי די פון דער אינקוויזיציע? האָבן דאָך יידן ביי די דייטשע אינקוויזיטאָרס נישט געהאַט די פּריווילעגיע — צו שמדן זיך. אויך משומדים האָבן די דייטשן געוואָרפן אין פייער. און זע: רבנים און שליחים און ציוניסטן און סתם שיינע יידן — אַלע זיצן זיי אין מינכען, אין נירענבערג און אין פראַנקפורט. זיי האַנדלען, וואַנדלען און כשרן דעם דייטשן אינקוויזיטאָר.
מעג מען זיך מיט אַזאַ מענטשן־פרעסערישן דייטש פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט יאָ איבערבעטן און מיטן „סאָלידן" שפּאַנישן אינקוויזיטאָר פון פופצנטן יאָר־הונדערט — נישט?

עס ווילט זיך עסן. שוין אַלץ געזען. איצט דאַרף מען אָפּרוען, זיך גרייטן צו דער ווייטערדיקער נסיעה. איך פאַרקוק זיך אויף קאָלומבוסן, אויף זיין אויס־געשטרעקטער האַנט צום פּאָרט — דער וועגווייזער, וואָס האָט מיר געוויזן דעם וועג צוריק צום ים. דאָ און דאָרט — קרענצלעך זונטיקדיקע באַרצעלאָנער. גרופּקעס זאַמלען זיך אַרום אַ ברייטן טויער־איינגאַנג. איבער דער ברייט פון טויער — אַ לאָזונג. איך דערזע דאָס וואָרט „פאַלאַנגאַ".
איך לאָז זיך אייליק אַוועק צו דער שיף.

אין די נאָכמיטאָגן רוט מען אויפן דעק. די „קאַנטע גראַנדע" איז אַ רחבותדיקע, אַ באַקוועמע שיף — אַ פּיל גאַרנדיקער בנין. אַלץ פאַרמאָגט זי: קאָנצערט־זאַלן, שווים־באַסיינען, ווייכע טעפּעכער און ספּעציעל — לאַנגע, ווייסע מאַקאַ־ראָנעס צו יעדן מאָלצייט. עס פעלט אָבער אין איר איין עיקר: לופט — נישטאָ קיין לופט אין דער ריזיקער שיף. היתכן? יאָ, נישטאָ קיין לופט אין די קאַיוטעס. נישטאָ ביינאַכט מיט וואָס צו עטעמען. עס פעלן דאָרט די נייטיקע לופט־מכשירים. ליגט מען אויפן דעק, מען ליגט אין די פאַרטאָגן מידע, נאָך שלאָפלאָזע נעכט,

אין די בייטאָגן און אין די נאָכמיטאָגן. מען ליגט אין די אויסלייג־שטולן, וואָס וואַקלען זיך לויטן באַוועגן פון די כוואַליעס.
נאָך פאַראַן אַ היפּש ביסל מעת לעתן צו קאַטשען זיך איבערן ים. אַ טשעקאַווע רייזע — פאַר די זוניקע בייטאָגן. נישט פאַר די נעכט. סיידן — צו ליגן אַ גאַנצע נאַכט מיט דער נאָז צווישן די קראַטעס — צו די כוואַליעס. און אַזוי טו איך. און אַזוי טוען אויך אַנדערע. אין מיטן נאַכט — אַרויף איבער די טרעפּ צום דעק, אַריינעטעמען דאָס ים־זאַלץ. אויך די כוואַליעס, אַפילו אומרואיקע, שפּייען מיט שוים — אָן אַ ווינטעלע פון זיך אַרויסצולאָזן. אַזוי נאַכט נאָך נאַכט. און וואָס אַ נאַכט ווייטער — דושנער. צו פילן: די שיף גליטשט זיך אַריין אין תחום פון גיהנומדיקער היץ — אין גיהנום אַריין. איר וועג — דאַקאַר, עקוואַדאָר. דאָרט, שמועסט מען, איז עס טאַקע, דאָס גיהנום.
נעכטן איז געווען אַן אַלאַרם אויף דער שיף. יעדער האָט איילִיק אַרויפגעצויגן אַ מין שווים־וועסטעלע, אַרויף דערמיט אויפן אייבערשטן דעק און געהערט פון קאַפּיטאַן אַ לעקציע וועגן „ראַטעווען זיך בעת אַ קאַטאַסטראָפע”. דערביי ווערט אויף אַן אַמת קאַלעמוטנע. אָבער דאָס „וועסטעלע” געהער אויך צו דער איטאַליענישער שיף־דיעטע: ספּאַגעטי יעדן טאָג, אַ וועסטעלע איין מאָל אין וואָך.
דער וויפלטער טאָג אויף דער שיף? שוין דערעסן, בנאמנות. אַלע זענען אויפן דעק. עס זעט זיך יבשה. די שיף גרייט זיך צום אַריינשיפן אין פראַנצויזיש־אַפריקאַנישן דאַקאַר.
ים, הימל און באַרג. אויפגייענדיקער פרימאָרגן. עס בלאָזט אַ ווינטל. מויל און נאָז צעעפענען זיך. די זון קריכט אַפער פון הינטער אַ באַרג. אַ רויט געשפּענסט. די שיף ווערט געשלעפּט צום פּאָרט. ווידער אַביסל יבשה, ווידער אויסגלייכן די פיס. אונטן — שוואַרצע, שוויס־גלאַנציקע, נאַקעטע לייבער — גלאַנציקער קופער. יאַנואַר־חודש — און סאַראַ היץ! פּפּפו!
געהערן די אַפריקאַנער, די שוואַרצע, צו דער ציוויליזירטער וועלט? אַ סברא, אַז זיי שטעקן נאָך אין דזשונגל, אין וואַלד, קריכן נאָך דאָרט אַרום צוזאַמען מיט די מאַלפּעס. אָט זע: איבערן דעק שטייט אַריבערגעבויגן איינער אַ הער, וואַרפט ווייסע בולקעס אין ים; אונטן שפּרינגען שוואַרץ־לייביקע צווישן די כוואַליעס, מאַכן קאָזשעלקעס און כאַפּן מיט די מיילער די בולקעס. דערנאָך שטעקן זיי אַרויס די נאַקעטע פיס־שטעקעלעך. דער ציוויליזירטער וואַרפט ווידער ווייסע בולקעס און די שוואַרצע כאַפּן זיי מיט די פיס... אַן אַטראַקציע פאַר צירק־ליבהאָבערס, פאַר חיות־דרעסירערס.
די זון האָט איצט דעם אויסזען פון אַ גרויסן, פלאַטשיקן טעלער, אויסגעפילט מיט מאַקאַראָני. אַ האַלב־נאַקעטער שוואַרצער ליגט אויף די קני, דעם קאָפּ

איינגעגראָבן אין זאַמד. ער דאַוונט צו דער זון. ער בעט זי, מסתמא, אַז זי זאָל אים באַשערן מיט אַ טעלער ספּאַגעטי איין מאָל, צוויי מאָל אין טאָג.

די שטאָט געפינט זיך נעבן פּאָרט. איבערן וועג — פּאַרקויפערס פון פּאַטשער־קעס, שניצערקעס, צאַצקעס — אַ ריזן־באַזאַר פאַרפולט די שטאָט ביזן סאַמע צענטער. ערשט דאָ באַוויזט די זון איר כוח: זי „שיסט" מיט פליענדיקע בייסערס — בלאָע, רויטע, געלע, גרינע — פליגן אַזוינע. גרויסע, פעטע. זיי בייסן און נאָגן. די שוואַרצע ווייסן מסתמא ווי זיך צו פאַרהיטן פון די בלוט־נאָגערס. גאָר מעגלעך, אַז דאָס מאָגערע שוואַרצע בלוט טוען זיי נישט נאָגן, די נאָגערס. צו מיר, דעם ווייסן, האָבן זיי זיך גאָר צוגעטשעפּעט. זיי וואַרטן שוין לאַנג אויף מיר. און איך זע גאַרנישט אַרום. איך בין פאַרנומען מיט יאָגן זיך נאָך די פליגן. איך טרייב זיי פון אַלץ און פון אומעטום. איך טרייב זיי פון די באַזאַר־טישן, פון די ווענט און פון די שוואַרצע פּנימער. איך ווער ממש ווילד. איך פּאַטש מיט הענט און פיס. עס ווילט זיך מיר וויינען, שרייען. בין איך אַראָפּ פון זינען? עס קוקט דאָך אויס, גלייך דער מאַגיסטראַט וואָלט מיך אַנגאַזשירט כ'זאָל זיך פאַרנעמען מיט פליגן־טרייבעריי...

אָבער נישט איך האָב פאַרטריבן די קאָלירטע בייסערס. זיי האָבן מיך פאַרטריבן, אַוועקגעטריבן צום פּאָרט. זיי האָבן דערפילט אין מיר דעם פרעמדן. ווייס איך נישט סאַראַ פּאַרב ס'האָבן געהאַט מיין פּנים און אויגן בעת כ'בין אַרויף אויף דער שיף, אָבער לויט דעם ווי פּאַסאַזשירן האָבן מיך באַוווּנדערט, איז געוועזן צו דרינגען, אַז דאָס שוואַרצע דאָקאַר האָט געלאָזט נישקשהדיקע צייכנס אויף מיין פּרצוף. חוץ מזה — האָט דער שיף דאָקטאָר מיך אַרומגעפּאַרבט; דערביי געוואָרנט: כדי צו גיין אויפן באַזאַר דאַרף מען דאָס פּנים פאַרדעקן מיט אַ ספּעציעלן טוך. נו, מער וועל איך נישט גיין אויפן באַזאַר — — —

די נסיעה פאַרמאַטערט. אַוודאי באַוויזן ים און הימל חידושים — פאַר טוריסטן. און טוריסטן זענען גאָר אַנדערש געקנאָטן. זייער פאַרגעניגן פאַרטרייבט אַלע שוועריקייטן. זיי, למשל, שעמען זיך צו דערציילן, אַז זיי שטיקן זיך אָן לופט אין די קאַיוטעס; אַז זיי ליגן מיט די נעז אויפן דעק, אויסגעשטרעקט צו די ים־כוואַליעס — און שעפּן זאַלץ־וואַסער; זיי פאַרשווייגן אויך וועגן די בייספליגן אויפן באַזאַר אין דאָקאַר. נו, בין איך נישט קיין טוריסט. האָב איך נישט קיין ספּעציעלע הנאה פון דער לאַנגער ים־נסיעה. שוין קרוב צוויי וואָכן, ביזאיצט געוועזן האָפענונג אויף יבשה. פון איצט — לאַנג צו וואַרטן. ים און הימל און — מאַקאַראָנעס. אָבער די ישועה וועט דאָך קומען: אַריבער דעם עקוואַדאָר, אויפן וועג קיין בראַזיל און פון דאָרט — אַ שפּרונג בלויז.

עולם זוכט פאַרווייליונג. אין שפּעטע נאַכט־שעהן, ווען די היץ פאַרטרייבט דעם שלאָף, טרייבט אַרויס פון די פאַרשטאָפּטע שלאָף־קעסטלעך אַרויף, צום דעק,

באַווייזן זיך די פּאַסאַזשירן (ספּעציעל די פּאַסאַזשירקעס) אין טונקעלע אָונט־גאַרדעראָבעס, „צוגעפּאַסט צום קלימאַט“ און מ׳נעמט זוכן פּאַרטנערס צום טאַנץ, צו פּאָקער, צו פלוידערײ־סתם.

איך געהער צו דידאַזיקע, וואָס טוישן נישט די גאַרדעראָבע. איך קלאַמער זיך אָן די שטאַכייטן, שעפּ געזאַלצענע ים־לופט און האָב הנאה פון די פריילעכע מאַטראָזן און זייערע שפּילערייען. זייער שפּיל־פּלאַץ געפינט זיך נישט אין ליכטיקן זאַל, נאָר — ביים קעסל און צווישן די שטריק. דאָרט זיצן זיי אין די נעכט און חלומען וואַכנדיק וועגן היים, ווייב, געליבטע. און אַז עס ווערט זיי מיאוס דאָס זינגען, ווערט אַ שפּיל „אין פּעטשעלעך“. מען כאַפּט אַ מאַטראָז. מען פאַרשטעלט אים די אויגן און איינער נעמט אים דערלאַנגען אין הינטן אַריין. טרעפט ער נישט ווער דער „דערלאַנגער“ איז — אַז אָך און וויי צו אים. קאָן ער אַזוי שטיין און אַריינכאַפּן אַ פּעליקע נאַכט. און דערמיט — די געשרייען און געפּיפּערייען, אַז דער „ים שפּאַלט זיך“.

דאַכט זיך, ערשט נעכטן האָב אויך איך זיך געשפּילט „אין פּעטשעלעך“. דאָס איז געווען צווישן די ווענט פון חדר — אין מיינע חדר־יאָרן. איצט אָבער איז די הנאה שטאַרקער. עס איז פריילעכער. די שפּיל קומט דאָך פאָר צווישן ים און הימל.

האָ? ווו איז פאַרשוווּנדן דער היסטאָריקער? נישט צו זען אים, דעם חבר שקר. זיך פאַרשטעקט ערגעץ. נו, מיר וועלן זיך, אם ירצה השם, טרעפן און טרעפן — אין בוענאָס־איירעס; שייך, אַז מיר זאָלן זיך נישט טרעפן! — — —

האָ? האָב איך אַ טעות? רופט מען מיין נאָמען? יאָ. אין „קאָמיסאַריע“. איך לויף אַרויף. אַ טעלעגראַמע. „ברוך הבא“ אין לאַטייניש׳ע אותיות. פון וועמען דער היימישער קבלת־פּנים? פון די וואַרשעווער און פּראַגער אין בוענאָס איירעס. פאַרט לאַנדסלייט. עס ווערט פריילעכער אויפן געמיט. פאַראַן משפּחה. היימישע יידן.

איצט נעמען די טעג לויפן גיכער. דער וועג ציט זיך קיין סאַנטאָס. נאָך אַ פינף־זעקס טעג. ריאָ דע זשאַנעיראָ, מאָנטעווידעאָ. דערנאָך וועט זיך אויסשפּרייטן אַ גרויסע, אַ רחבותדיקע יבשה, ווו ס׳וועט זיין געגוג פּלאַץ צו שפּאַנען און שפּאַנען — אין דער ברייט און אין דער טיף...

די וויכטיקייט פון יעדן פּאָרט, אָדער גרויסקייט פון שטאָט, מעסט איך לויט דער באַוועגונג פון די פּאַסאַזשירן — היימישע מיט דער געגנט אָדער תושבים. כנהוג: ערב דעם אָנקערן פון דער שיף נעמט מען פּאַקן רענצלעך, ציילן געלט און גרייטן דעם פּאַס. טו איך אויך ס׳אייגענע (אָן צו פּאַקן די רענצלעך און ציילן געלט), אייל זיך אונטער און שטיי פון די ערשטע ביים שיף־אַרויסגאַנג. אָבער נישט אין סאַנטאָס. דאָ האָבן זיך נישט געאיילט צום אָפּשטייגן — נישט

די טוריסטן און נישט די סתם־פּאַסאַזשירן. שוין פון ווייטן האָט געגומען שמעקן מיט — פיש. דאָ איז דער ים — זאָגן געניטע שווימערס — נישט קיין ים, נאָר אַ באַליע מיט פיש־יויך: אַביסל צופיל געזאַלצן, אַ קאַפּ אונטערגעשטונקען, אַלץ אין דער וועלט, אָבער נישט קיין ים...

נישטאָ וואָס צו טאָן אינם סאַנטאסער פּאָרט, אויסער — זיך פאַרשטאָפּן די נאָזלעכער. בלייבט מען אויף דער שיף. באַלד וועט מען רופן צום ספּאַגעטי־מיטאָג. די היץ — אַ טרוקענע. זי טריקנט־אויס די אינגעווייידן; די צונג — אַ טרוקענע פעל. שוין אייניקע מאָל איבערגעפּאַקט מיינע מלבושים, אַרויסגענומען די זומערדיקסטע, די לייכטסטע — עס העלפט נישט. אַ גיהנום אין מיטן חודש יאַנואַר. אַן איבערגעקערטע וועלט. יאָ, איך פאָר אַריין אין אַ וועלט, וואָס שטעקט, דאַכט זיך, מיט די פיס אין הימל און מיטן קאָפּ...

די שיף שווימט צווישן בערג, וואָס נענטער צו בראַזילס הויפּשטאָט — מער בערג אין ים־וועג. די שיף־פּירערס ווייזן באמת אַרויס גרויס מייסטערשאַפט מיט זייער קונציקן אַוועקדרייען די שיף־נאָז פון די בערג. און וואָס געדיכטער מיט בערג — נענטער צו ריאָ דע זשאַנעיראָ. עולם שטייט אויפן דעק און באַוואונדערט די שיינע פּאַנאָראַמע. איינער אַ פּאַסאַזשיר מיט אַ שפּאַקטיוו האָלט אויסגעצויגן אַ פינגער צום הימל. ער שרייט באַגייסטערט:
„אָט, איז ער!״
זיין התלהבות וואַקסט. אויך איך קוק און זע — גאָרנישט. די לעצטע נאָכט אָרום די שטאָכייטן. פאַרטאָג — ריאָ דע זשאַנעיראָ.

האָב איך דאָך אָנגעהאַלטן פאַרבינדונג מיט דערדאָזיקער שטאָט. דאָ הייבט זיך פּאַקטיש אָן אַ „יידישע באַוועגונג״. ביז אַהער — קאָן אַ ייד פאַרלוירנגיין. נישטאָ ווו אַריינצוגיין און אַריינצוכאַפּן אַ מנחה — נישטאָ אין ערגעץ קיין יידישער ישוב; פון בראַזיל הייבט עס זיך אָן. דאָ איז דער „אַריינפאָר״ אין אַ נייער „יידישער וועלט״ — דרום אַמעריקאַנישע ישובים.

ערב זון־אויפגאַנג. איך האָב זיך געפעדערט. ווי שטייט דאָרט געשריבן... יאָ, איך שטיי שוין אויף דער „נאָז״, קוק צום מאַנסטעריעזן וווּנדער איבער דער שטאָט, אַ שוועבנדיק וווּנדער מיט אויסגעשפּרייטע הענט — אַ פייערדיקער „אויסלייזער״, דער געקרייציקטער, דער רועה צאן, היט זיינע שעפעלעך. באמת, פאַנטאַסטיש. אַפילו איך בין שוין לאַנג ווייט פון גלייבן אין ניסים און מופתים — זע איך פאָרט אַ וווּנדער! און דערפאַר האָט דער פּאַסאַזשיר מיטן שפּאַקטיוו אויסגערופן מיט אַזויפיל התלהבות: „אָטאָ־איז־ער!״
כ׳זעץ זיך אַראָפּ אויפן שטריק־בייגל. דעם איינציקן נס וואָס כ׳פּיל איצט איז — אַ סוף צו דער ים־רייזע. סכנות נפשות.

נו, ווי דער שטייגער: זון־פייער, ברעג, פּאַס־קאָנטראָל, שלעפּשיפּלעך — מען שלעפּט אונזער לויתן צום פּאָרט.

פון דאַנען קיין אַרגענטינע איז בלויז אַ מין ערב שבת צום קבלת שבת. און יידן גרייטן זיך דאָך צום שבת אַ פּעליקע וואָך. נו, וועל איך זיך גרייטן בלויז אַ פּיר ים־טעג. עס וועט סטייען.

איך האָב זיך „איינגעאָרדנט" אויף די שטריק. פון דאַנען זע איך די שטאָט „אויף דער האַנט". אָבער די שטריק ליגן דאָ, קענטיק, נישט פאַר מיין פאַרגעניגן. און דאָס האָט תיכף באַשטעטיקט איינער פון די שיף־יונגען, וואָס ביי דער „פּעטשע־לעך" שפּיל האָט ער געפּלעגט אַריינכאַפּן די גרעסטע צאָל פּעטש און דערנאָך געקוקט אויף מיר מיט תרעומות, הלמאי איך לאָך אַזוי מיט הנאה פון זיין שלימזל; איצט, אין זוניקן פאַרטאָג, איז ער פּלוצים אָנגעשפּרונגען מיט לאָכנדיקן ירגזון, קונציק אַ כאַפּ געטאָן דעם ברעג פונם שטריק־בייגל און געטאָן אַזאַ האַסטיקן שלעפּ הינטער מיין פּלייצע, אַז איך האָב זיך נישט געקאָנט אַרויס־פּלאָנטערן פון די שטריק. פון וויטן האָט זיך געטראָגן צו מיר זיין געלעכטער: אַנו, לאַך איצט!

די שיף וועט דאָ שטיין ביז אָוונט. היינט וועל איך מוותר־זיין אויף די מאַקאַראָנעס. וועל אַ גאַנצן טאָג אַרומבלאָנקען איבער דער שטאָט.

און אָט — כדאי געווען די ערשטע טריט אויף דער יבשה:

אַ טוריסטן־אינפאָרמאַטאָר — אַ ברייט־צעוואַקסענער פאַרשוין — רעדט מיטאַמאָל אויף אַ פּופּצן שפּראַכן און צווישן זיי: העברעאיש און יידיש...

„העי, מיסטער, זדראַסטוויטיע, פּאַר־לאַ פראַנס? קאמא־לי־ווא? סעניאָר! מלון? בבקשה! נישט וויט פון דאַנען! פּראָשען פּאַנאַ. פּערלאַנגען זי עטוואָס? כאַוואַדזשאַ!"...

איך שטיי און קוק אויף אים. ער כאַפּט־אויף מיין צעשמייכלטן בליק. תיכף לאָזט ער איבער די פּאַסאַזשירן. איצט וועט ער זיך מטפל־זיין מיט מיר:

„שלום עליכם, פון וואַנען אַ ייד?"

„פון דער גאַנצער וועלט" — ענטפער איך אַ צופרידענער.

„אַזוי? — לייגט ער אַרויף אַ שווייסיקע האַנט, אַ ווייכע אַזאַ, אויף מיין אַקסל — טאָ וואָס הערט מען אויף דער וועלט?"

אַזאַ־אָ טשעקאַווע באַגעגעניש. ער איז אַ לעבעדיק אַדרעסן־בוך. אויסגעוועזן אַ וועלט, אויף אַלע פינף קאָנטינענטן. און מחיה איז ער זיך, אַז עס קומט אונטער אַ ייד, מיט וועמען ער קען זיך אויסשמועסן אויף יידיש. און תיכף פאַרגעסט ער, אַז דאָס רעדט ער מיט מיר כדי זיך „אויסצורעדן" אין יידיש און ער נעמט מיר געבן אינפאָרמאַציע. אַ האָטעל? אַ געשעפט פאַר אַנטיקן? די גרויסע פּלאַזשע? איך האָב אים איבערגעלאָזט, דעם ייד־פאַרשוין, מיט דער הבטחה באַלד ווידער

זיך צו טרעפֿן. בין אַריינגעשפּרונגען אין אַ טראַמווײ. מאָדנע טראַמווייען אין דעם ריאָ. אָפֿענע. אַזוי האָבן מסתמא אויסגעקוקט די ערשטע טראַמווייען אין וואַרשע, מיט אַ הונדערט יאָר צוריק (בערך), בעת זיי זענען געווען איינגעשפּאַנט אין פֿערד; און אַזוי האָבן זיכער אויסגעקוקט די אָפֿענע בוידן, וואָס האָבן אַמאָל, אין די לופֿטיקע זומערס, געפֿירט חסידים פֿון וואַרשע קיין גער און ווורקע... יאָ. איך האָב זיך אַריינגעטרייסלט אינם טראַמווײ און געגומען זיך וויגן און וואַקלען צוזאַמען מיט (אפֿשר) אַ טויזנט שוויס־פּיכטע פּאַסאַזשירן, ווייסע, שוואַרצע און שאָקאָלאַדנע.

און אַזוי האָב איך זיך דערזען אין יידישן צענטער, ווו מיין ייד־אינפֿאָרמאַטאָר האָט מיך אינפֿאָרמירט אָפּצושטייגן. עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז ער האָט מיר נישט געגעבן דעם ריכטיקן אַדרעס. ס'הייסט: אַטאָ־דאָ, אַ קרעמל דאָ, אַ קרעמל דאָרט — איז טאַקע אַ ווינאָרט פֿאַר יידן, אָבער קיין יידישער צענטער איז עס נישט, מחמת — אין ריאָ געפֿינט זיך בכלל נישט קיין צענטער אַזאַ, צוגלייך — ווי אַ יידישער פֿריזיער האָט מיר קלאָרגעמאַכט: אין דער שטאָט איז בכלל נישטאָ קיין צענטער צום מנין... ביים אַרומרייניקן מיינע באַקן און קאָפּ פֿון דער אַנגעוואַקסענער האָר־ווילדקייט, האָט דער פֿריזיער — ווי דער שטייגער פֿון אַ פֿריזיער — גערעדט און גיך גערעדט און אויך מיט הנאה, אַ שטייגער: ר'וואַרט שוין אויף מיר מי־יודע ווי לאַנג:

„געווען דאָ, אויף דער „פּראַסאַ“, אַ יידישער צענטער מיט שולן און תּלמוד־תּורהס, אָבער דאָס אַלץ איז געווען. איצט זענען יידן אַוועק צום ים, זיך אַרויפֿגעאַרבעט, אַנגעטאָן צילינדערס... זייערע קינדער רעדן פּאָרטוגעזיש מיט אַ בעסערן אַקצענט פֿון די בראַזיליאַנער. זיי הוליען און הירן צו דער זעט... וויפֿל איר דאַרפֿט מיר באַצאָלן? איר פֿאַרמאָגט דען קרוזעיראָס? איך זע דאָך אויף אייך... גוט. האָט אַ גליקלעכע רייזע. נאָר רעדט נישט קיין שלעכטס אויף די בראַזיליאַנישע יידן. אַמאָל זענען זיי געווען גוטע פֿעטערס און מומעס און געפֿירט שיפֿן מיט כּלות... אַ גליקלעכע רייזע... פֿאַרגעסט מיך נישט“———

די שיף זאָל נאָר נישט דאַרפֿן וואַרטן אויף מיר. שוין וויט אַריבער די מיטאָג־שעה. צוריק וועל איך שפּאַנען צופֿוס. דעם וועג האָב איך אָנגעצייכנט לויט הייזער און הייזקעס. יאָ. אַ מאָדנע צעוואַקסענע און פּוסטע שטאָט.ביידע צוזאַמען. אַרום ים — ריזיקע וואָלקנקראַצערס, וואָס דושען מיט זייער משוגעדיקער האַמעטנעקייט אויפֿן מוח און אַבּיסעלע נידעריקער — הילצערנע כאַטעס און געלע קאַלוזשעס און זאַמד אויפֿן גומען... מאָדנע זעאונגען אין דערדאַזיקער וועלטשטאָט. יאָ. אָט זע איך אים איצט גאָר בולט, דעם געקרייציקטן, וואָס האָט אַזוי געלייכט אין היינטיקן ערב טאָג־אויפֿגאַנג. ער שטייט אויף אַ הויכן באַרג. ער פֿליט נישט. ער שטייט. קוקט אויס, אַז דאָס גאַנצע לעבן דאָ שטייט אונטער

די פליגל פונם דערלייזער. ווו אַ קער מיטן בליק — צלמים, קלויסטערס און מאַטקעס. וואָס־נענטער צום ים — גרעסער דער טומל. דאָס גאַנצע ביסל דאַברע מזל געפינט זיך אַרום ים.

נו, שוין. די שיף שטייט אויפן אָרט. איצט וועט דאָס שווימען זיין — ווי אַ שפּאַציר צופוס: מאָנטעווידעאָ, בוענאָס־איירעס. אין מאָנטעווידעאָ וועל איך אויך מאַכן אַ שפּאַציר איבער דער שטאָט, וואָס האָט אַזאַ גוטן יידישן שם — אַ יידישע שטאָט. סיידוי וועט כדאי זיין צו מאַכן אַ באַזוך אויף דער גאַס פּאַנדאָ, ווו עס וווינט דער קוזין מיינער, מיין מאַמעס ברודערס זון, וואָס האָט נישט געענטפערט אויף מיין רוף — צו שיקן אַן אַרויספאָדערונג קיין מינכען... כדאי צו זען זיין מעבל־פאַבריק — זיין „פאַבריקוע דע מעבלוע", זען, ווי פון אַ פערד־גנב, וואָס האָט זיך באַהאַלטן אין מיין בעט מיט אַ פערציק יאָר צוריק, איז געוואָרן אַ לייטישער און אָנגעזעענער באַלעבאָס.

אָבער כ'בין געצוווּנגען געוואָרן זיך אָפּצוזאָגן פון די פּאַרגעניגנס. דער ספּיקער פון דער „קאָמיסאַריע" האָט אָנגעזאָגט, נישט צו דערווייטערן זיך פון דער שיף. בין איך בכלל נישט אַראָפּ. איך בין אָבער געשטאַנען אויפן דעק און געזוכט צווישן די מאָנטעווידעער תושבים מיין קוזינס — נאָז. גראָד די נאָז זיינע האָט זיך מיר איינגעקריצט אין זכרון — אַ לאַנגע, אַ פויגלשע נאָז. ניין, נישטאָ אַזאַ נאָז צווישן די באַזוכערס ביי דער שיף.

מאָרגן פרי אין בוענאָס איירעס. תם ונשלם.

אַכטער טייל

1. בוענאָס איירעס: גוטע לופט — „מוי ביען"

ערשטע חדשים 1952. בין איך שוין, ברוך השם, כמעט אַן אַרגענטינער. איך גליטש זיך — גאַס־איין, גאַס־אויס. די היץ איז דאָ אַ גליטשיקע. עס קאַפּעט פון הימל — שווייס. דער אַספאַלט — נאַס און ווייך. אַ שוויצבאָד. אוף!

שוין נאָך די רעדעס, באַגריסונגען און קבלת־פּנימס. אַ מאָדע אַזאַ. מילא. אַזאַ איז דער נוסח דאָ.

די מויערן — באַהאָנגען מיט די בילדער פונם פּרעזידענטן־פּאָרל; אונטערשריפטן: „פּעראָן קומפּלע, עוויטאַ דיגניפיקאַ"; ווי מען פּאַרטייטשט, הייסט עס: פּעראָן זיגט, עוויטאַ העלפט, — אַזוי בערך.

און אַזוי יידלט עס זיך. נישט חלילה טראַכטן שלעכט וועגן די יידן דאָ. פּשוט: עס איז הייס — איז מען היציק. צווישן די שפּאַנישע ווערטער, וואָס כ'האָב שוין באַוויזן אויסצולערנען, פאַרנעמען אַ באַזונדער אָרט — צוויי: „מוי ביען" — „זייער גוט". אויסגעלערנט זיי אויף אייניקע „באַערונגען", ווו דער נוסח איז: אַז אַ רעדנער פאַרענדיקט זיין רעדע, זאָגן אַלע אַרום די טישן אין כאָר: „מוי ביען" און פּאַטשן דערביי הילכיק מיט די הענט. קאָמיש אָבער היימיש (עס גראָמט זיך). איך ווער אַריינגעצויגן אין דער געזעלשאַפט. אויף מיין צונג נעמט זיך איינהיימישן דער „מוי ביען".

אין סך־הכל: שטעטלשע יידן דאָ. דעם חותם לייגן די לאַנדסמאַנשאַפטן: ראַדזי־מין און וואָלאָמין, קאַרטשעוו און פּאַרטשעוו און יאָ־און נישט־געגראַמטע שטעט און שטעטלעך פון קאָנגרעס־פּוילן, וואָלין, גאַליציע און ליטע און אוקראַינע און בעסאַראַביע — — — די יידן פּראַווען דאָ אויטאָנאָמיע: יעדער שטעטל מיט איר אַמאָליקער התנהגות.

„מיינע יידן" זענען די וואַרשעווער־פּראַגער. זייער יידיש איז געבליבן דער — וואַרשעווער מיטן „יאָך" און „וווע" און „גאַי שוי גאַי". אַפילו די קינדער זייערע, דאָ געבוירענע, אַז זיי באַווילִיקן אַרויסצורעדן אַ יידיש וואָרט — איז עס אַ וואַרשעווער יידיש וואָרט. יאָ. האָבן מיינע לאַנדסלייט מיר פאַרגעלייגט הילף: אַ געראַטעוועטער, געקומען „פון די לאַגערן". האָב איך זיי געדאַנקט. נאָר וואָדען. הילף? מהיכי תיתי. איך בין גרייט צו נעמען. זאָלן זיי מיר העלפן אַרויסגעבן אַ בוך, אַ וואַרשעווער בוך. דאָס אַלץ. זענען זיי מסכים? נישט געדאַרפט לאַנג וואַרטן אויף זייער תשובה. זענען זיי דאָך וואַרשעווער.

אין מיינע נאָטיצן נישט פֿאַרצייכנט די אויפֿנאַמעס, וואָס יידן דאָ האָבן געמאַכט צו מיין אָנקומען אַהער. עס איז געווען סטאַנדאַרט. פֿון די באַגריסונגען האָט זיך אַרויסגעפֿילט דער אויטאָמאַטישער „מוי ביען". מילא. זאָל זיין גוט.

אָבער מיט פֿאַרשפּעטיקונג פֿאַרצייכן איך יאָ איינציקע „אינצידענטן" — אין פּועל יוצא פֿון די אויפֿנאַמעס —

מיין ערשטער טאָג אין בוענאָס איירעס. שמערקע קאַטשערגינסקי פֿירט מיך צום קבלת־פּנים פֿון קולטור־קאָנגרעס. מיר געפֿונען זיך אויף דער גאַס קאָריענטעס, נעבן קאַפֿע „קאָמערסיאַל". שמערקע טוט אַ קוק אויפֿן זייגער: נאָך פֿרי. וועל'מיר אַריין אין קאַפֿע, וואַרטן ביז עולם וועט זיך צונויפֿקומען. מיר זיצן ביי אַ טישל. פּלוצים טוט אַ פֿאַל זאַריין דזשיגאַן. ער זעצט זיך אַוועק נעבן אונז. ער וויל וויסן, צי האָב איך אפֿשר עפּעס געברענגט אַ ידיעה וועגן אַ געוויסן באַרימטן לאָדזשער דיכטער, וואָס איז ערגעץ פֿאַרפֿאַלן געוואָרן אין ראַטנפֿאַרבאַנד. יאָ. איך האָב זיך דערמאָנט וועגן דאָזיקן דיכטערס התנהגות אין ביאַליסטאָק, ווו ער האָט זיך באַמיט צו זיין סטאַליניסטישער פֿון די סטאַליניסטן; ווו זיין אויפֿפֿירונג האָט זיך געגרענעצט מיט אינטריגע און בלבול... האָב איך איצט געזאָגט: „ניין. נישטאָ קיין ידיעה וועגן אים. געווען וואָלט איך אָבער צופֿרידן, אַ שטייגער: ער זאָל דאָ זיצן צוזאַמען מיט אונז און איך — זאָל אים אַ שפּיי טאָן אין פּרצוף אַריין"...

האַ? וואָס? דזשי. האָט זיך אָפּגעבריט. ער איז אַזש אויפֿגעשפּרונגען.

„העי, קעלנער — האָט ער זיך טעאַטראַליש אויפֿגעשטעלט — דערלאַנגט מיר אַ טעלער! אָט וועל איך אים!"...

נו, ער האָט גאָרנישט געטאָן. עס פֿעלט אים אָבער אַביסל אינטעליגענץ, כדי נישט צו דאַרפֿן טאַנצן „קדוש" מיט פֿאַרמאַכטע אויגן אַנטקעגן אַ סלופּ. ער קאָן זיך נאָך די נאָז צעקאַלעטשען — — —

איצט, נאָך דעם אַקטיאָרישן געפּעכט, בין איך אַוועק אויפֿן קבלת פּנים. דאָ איז דער „ברוך הבא" געווען אַ שותּפֿותער — אויך פֿאַר מיין „היסטאָרישן" שיף־שותּף. ער פֿאַרמאָגט אַ גלאַטע צונג; ער, דער חבר מאָטיע, רעדט זייער איבער־צייגנדיק. זיינע חברים האָבן אים שטאַרק אַפּלאָדירט. ער האָט גערעדט אויך פֿאַר מיר... מה נאמר ומה נדבר... איך פֿאַרגין אים דעם קבלת־פּנים. די פּאַסקודסטווע וועט ממילא אַרויסקאַפּויערן...

אַביסל טעג שפּעטער — אַ קבלת־פּנים ביים פֿאַרבאַנד פֿון די וואַרשעווער און פּראַגער. יידן. ווילע יידן. אָן פּרעטענזיעס. אָבער איינגעבירגערטע אין אַרגענטינע זענען זיי, מוזן זיי מיטמאַכן דעם — „נוסח אַרגענטינע".

זיץ איך אויבנאָן. אַרום — „געדעקטע טישן". עס איז פֿייערלעך און שוויצנדיק. אַנטקעגן מיר — אַן ער מיט אַ זי. ביידע שמייכלען. קוקן אויף מיר און —

שמייכלען. ווו איך קער מיין בליק — זיי קערן־מיט און — שמייכלען. צופרידענע. זיי זענען אַזוי צופרידן מיטן „געהויבענעם און חשובן גאַסט״, אַז זיי פאַרגינען זיך נישט צו קוקן אויף קיין שום זאַך אויסער אויף מיר — זאָל איך דאָס וויסן און אָפּשאַצן: קוקן אויף זייערע צופרידענע פּנימער און צוזאַמען מיט זיי — שמייכלען צו זיי. נו, דער ענין איז מיר געוואָרן פריקרע. האָב איך גענומען טראַכטן וועגן באַזעצן זיך אַנדערשוווּ, אָבער דערביי פאַרגעסן, אַז דאָס בין איך דער גאַסט און ווו איך זיץ — איז דער אויבנאָן. האָב איך גענומען קוקן איבער דעם פּאַרל, איבער זייערע אויגן און קעפּ; האָט דאָס געהאַט פּעולה, אַז דער ער און די זי זאָלן דערפילן מיינע שלעכטע כוונות; און כדי נישט צו פאַרלירן די טייערע צייט און דעם טייערן גאַסט, האָט דאָס ווייבל זיך אַריבערגעבויגן איבערן טיש, זיך אַריינגעבויגן מיר אין פּנים אַריין. דערמיט האָט זי אויך געצילט צו באַווייזן פאַר אַלעמען — אַזאַ מקורבטע צום באַערטן! — מיר אַריינגעפרעגט איןביידע אויערן אַריין:

„האַ, דערקענסט מיך גאָרנישט, ווווּ?״

איצט ווערט שוין דער ענין ערנסט. ווער איז דאָס ווייבל און וואָס מיינט דער „פער דו״? ניין. איך האָב דאָס ווייבל קיינמאָל נישט געזען, נישט געהאַט מיט איר קיין שום נענטערע באַציאונגען.

„ניין! — האָב איך אַריינגעוואָרטשעט אינם ווייסן טישטעך קאַטעגאָריש — איך קען אייך נישט!״

איצט איז דאָס ווייבל געוואָרן דרייסטער. זי האָט אַרויפגעלייגט אַ ווייך הענטל אויף מיין אַקסל:

„ש׳קאָשע. מעגסט מיר זאָגן „דו״. איך בין דאָך דיין קוזינקע, דיין מאַמעס ברודערס טאָכטער!״

איך האָב אָפּגעקערט דעם בליק פון איר, אים אַנגעשטעלט אויפן רעדנער, וואָס האַלט אין מיטן פאַרשטעלן מיין אָפּשטאַם, מיין יחוס, מיין וויכטיקייט. „די מאַמע זיינע — שרייט דער ייד, וויזנדיק מיט אַ האַנט צו מיין זייט — איז געווען אַ צדיקות, אַ כשרע נשמה״... דער רעדנער, ווייזט זיך אַרויס, איז פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה געווען „זשאַנדצע״ אויפן הויף אין וואַרשע, ווו איך האָב געהאַט דאָס גליק צו קומען אויף דער וועלט. ער, הייסט עס, האָט מיך „איינגע־מאַלדן״, פון מיר געמאַכט — אַ מענטש. איצט, אַ פערציק יאָר שפּעטער, איז ער גליקלעך אויסצורופן בקול רם: „ווען ער איז נאָך געווען אַ פּעמפּיק האָב יאָך פאַרגעזאָגט, אַז עס וואַקסט אַ וועלט־באַרימטהייט; נו, זעטץ — האָט ער ווידער אויסגעצויגן די האַנט צו מיין זייט — כ׳האָ ניש געמאַכט קאַ טעות״... געענדיקט, האָט ער זיך דורכגעשטופּט צווישן די באַזעסענע בענק, אַריינגעשטויסן זיין געפּאַקט גופל צו מיר, אויף מיר אַרויפגעפאַלן מיט הייסע קושן.

אָ, ערשט האָבן מיינע באַקן געגומען פלאַקערן פון שרעק: איך פיל בפירוש, אַז אויך מיין קוזינקע גרייט זיך צו אַזאַ „אַקט". האָב איך גיך און קאַטעגאָריש פאַרכאַפּט:

„ניין. איך געדענק אייך נישט! מיין קוזינע? פאַרוואָס זענט איר געקומען אַזוי שפּעט? פאַרוואָס האָט איר נישט געלאָזט הערן פון זיך?" — — —

זי האָט נישט געהערט — נישט געוואָלט הערן — מיינע שטראָף־רייד. זי האָט געשטראַלט (שוין אָן דעם שמייכל) צום מאַן אירן: „זע נאָר ווי שיין דער ,זשאַנדצע' האָט גערעדט וועגן זיין מאַמע, מיין מומע; זי איז דאָך באמת געווען" ...

דער פּרעזידענט האָט מיר „צוגעטיילט דאָס וואָרט". איז מיין בקשה געווען: מחמת באַקוועמלעכקייט — צו טוישן זיך מיט די ערטער. ערשט איצט, אויפן נייעם פּלאַץ, אָפּגערוקט פונם שיינענדיקן פּאָרל, האָב איך זיך געפילט פרייער, באַקוועמער און זיכערער — וואַרטנדיק מיט אַנגסטן אויפן סוף פון מיין רעדע — — —

2. בערל גרינבערג: „זאָל זיך דיר דער קאָפּ נישט פאַרדרייען"

צווייַ נעמען זענען די פּאָפּולערסטע צווישן די יידן אין בוענאָס איירעס: שמערקע קאַטשערגינסקי און יעקב באָטאָשאַנסקי. די יידן דאָ, ווי אַלע יידן אויף דער גאַנצער וועלט, האָבן הנאה פון אַ פריילעכער נגינה, פון אַ שיינענדיקן זינגער, פון אַ וויציק מעשהלע. הכלל: שמערקע איז ווי אַ שפּרינגפעדער אַנזעעווודיק אויף פאַרשידענע שמחות, שרייבערישע און סתם־קולטורעלע. ער איז מלא מיט שפּרודלדיקן הומאָר, מיט חברשן קלאַפּ־אין פּלייצע, מיט גרייט צו טאָן אַ טובה. ער איז עס געווען דער, וואָס האָט מיך אַריינגעפירט „אין לעבן", פאַר מיר געשילדערט דעם „ווו איין, ווו אויס".

יעקב באָטאָשאַנסקי, אַן אַלטער תושב דאָ, „נעמט" דעם עולם מיט זיינע משלים און מעשהלעך. ער פאַרמאָגט הומאָר און אויך — גאַל. אומעטום רעדט ער, אויף אַלע שמחות — זיין וואָרט, זיין שאַרפזין און וואָרטשפּיל.

מיין ערשטער צוזאַמענטרעף מיט אים — אַן אָפּשרעקנדיקער; זיין פּנים און אויגן: להיפוך צו זיין צונג — קרענקלעך־אומצופרידן. ער האָט נישט פאַרגעסן מיר צו דערמאָנען, אַז איך זאָל נישט פאַרגעסן: דאָס האָט ער דאָך מיך אַראָפּ־געבערענגט אַהער ...

לעת־עתה ווייס איך נ'שט מיט וואָס כ'וועל זיך דאָ מתעסק־זיין. פון „די פרעסע" באַקומען אַ היפּש ביסל פּעזעס האָנאָראַר פאַר מיינע מיטאַרבעטן ביזאיצט. נו, קאָן איך דערווייל פּראָוון „האָניק חדשים".

און אַז צייט איז פֿאַראַן — זיך גענומען צו ברענגען אָרדענונג אינם צימערל פֿונם שרייבער־פֿאַריין. פֿאַראַן אַזאַ אין בוענאָס איירעס. און באָטאָשאַנסקי איז פּרעזידענט דאָרט. און דאָס האָט ער מיר פֿאָרגעלייגט איבערצונעמען „די אָרדענונג" אין פֿאַריין און שאַפֿן אַ סעקרעטאַריאַט. דאָס צימערל — סובלאָקאַטאָר אין אַ הייפֿל מיט טירן, טירן (אָן פֿענצטער), מיט צימערלעך, וואָס אין יעדן זיצט אַ לאַנדס־מאַנשאַפֿט, צימערלעך ווי געוועלבער ערגעץ אין אַ האַנדלס־הויף. — „מיין" צימערל פֿאַרמאָגט אַ טישל, אַ סטעמפּל „שרייבער פֿאַריין ה. ד. נאָמבערג" און אַ הענג־שענקעלע איבערן טישל. אינם שענקעלע — פֿלעשלעך טינט, פֿאַר־פֿעטסטע פּאַפּירן, סערוועטקעס און — צאָן־שטעכערס. הונדערטער, טויזנטער צאָן־שטעכערס. צו וואָס דאַרף אַ שרייבער־פֿאַריין אַזויפֿיל צאָן־שטעכערס?

איך זוך דערויף אַ באַשייד ביי שמערקען. ער צעשמייכלט זיינע לוסטיקע אויגן: „הער, אין אונזערע מקומות האָט אַ שרייבער געריבן מיט אַ פֿינגער אויפֿן מוח, כדי פֿון דאָרט אַרויסצוקוועטשן אַ בילד, אַ מעטאַפֿאָר; אין די היגע מקומות רייבט אַ שרייבער מיט אַ צאָן־שטעכער צווישן די ציין, כדי פֿון דאָרט אַרויס־צוגראַבלען די צויטן פֿון נעכטיקן באַנקעט"...

פֿון דערדאָזיקער אַרבעט, זע איך, וועט קיין נחת נישט זיין. איידער צו זיצן אין דעם פֿינצטערן חדרל, צווישן די שרייבערשע צאָן־שטעכערס — זיך באַקענען מיט דער יידישער גאַס, מיט די יידן: מיטן ישוב. לאַנג און ווייט זוכן דאַרף איך נישט. דאָס גאַנצע ביסל יידיש האָב־און גוטס געפֿינט זיך אויף אַ קליינעם שטח, אין אַ מין פֿרייוויליקן געטאָ, צווישן צוויי צענטראַלע גאַסן: קאַזשאַאָ, די גרענעץ פֿון שטאָט־צענטער; פּוערעדאָן, דער שטאָט־טייל „אָנסע" — צווישן צענטער און הינטערשטן שטאָט־פּירטל. דאָ געפֿינט זיך די קהילה; דאָ — ביידע טאָגצייטונגען, קולטור־קאָנגרעס, ייוואָ, יידישע באַנק און — „יידישע קאַפֿעען": טרעפֿפּונקטן פֿאַר עסקנים, אַקטיאָרן, רעדאַקטאָרן און „עמך"; די קאַפֿעען זענען אויך אַ פֿאַרקויף־פּונקט פֿאַר יידישע ביכער, וואָס זייערע מחברים צעלייגן איבער די טישלעך און וואַרטן אויף די פֿאָר פּעזעס. און אַביסעלע אָפּגערוקט, נישט אַזוי קאָמפּאַקט, הינטער דער גאַס פּוערעדאָן — די שולעס, לאַנדסמאַנשאַפֿטן, זאַלן פֿאַר אסיפֿות, חתונות, בר־מצוהס און סתם באַנקעטן. אָט אַזוי איז מיר גוט אויף דער נשמה ביי מיינע שפּאַצירן. יידן, יידן, יידן — אָן בייז אויג. יידן קוקן אויף מיר און שמייכלען צופֿרידן. זיי דריקן די האַנט, באַגריסן. מיינע לייענערס במשך יאָרן.

ביי הייַנטיקן שפּאַציר — אַ סורפּריז: אַ ייד האָט מיך אָפּגעשטעלט, געזאָגט: בערל גרינבערג. איז דאָס פֿאַר מיר גענוג, כ'זאָל זיך מיט אים אַרומכאַפּן. געהערט פֿון אים, געלייענט זיינע שיין־געשניצטע נאָוועלן, געוווּסט, אַז ער געהער דאָ צו די יחידים מיט רעכט צו טראָגן דעם טיטל — שרייבער. מיר

שפּאַצירן איבער קאָריענטעס, צווישןביידע רעדאַקציעס. ער איז צופרידן פונם צוזאַמענטרעף. דאָס איז אַרויסצולייענען פון זיינע אויגן, פון זיין שמייכל, וואָס צאַפּלט צווישן דינע ליפּן, אויפן שפּיציקן קין פון זיינע ראָז־פלאַמיקע באַקן. ער קוקט אויס אַרום די פערציקער. ער זאָגט:

„איך בין אַ וואַרשעווער, טאָ לאָמיר זיך זאָגן ,דו׳, ווייל אויך דו ביזט אַ וואַרשע־ווער. לאָמיר זיין חברים. איך געפין זיך שוין דאָ באַלד אַ יאָר דרייסיק און דו בלויז אַ וואָכן דריי; האָב איך מער דערפאַרונג פון דיר; אויך בין איך אַביסל עלטער פון דיר — וועל איך דיר לערנען וויאַזוי אויפצונעמען די היגע יידן און זאָל זיך דיר דער קאָפּ נישט פאַרדרייען״...

אַ פאַנטאַן. ווערט נישט מיד פון רעדן. ער וואַרט שוין לאַנג אויף מיר. איז דאָ עלנט. וויל זיך ביי מיר אָפּנעמען פאַר דרייסיק יאָר — שווייגן. פאַרוואָס האָט ער געשוויגן?

„איך האָב געשוויגן, ווייל מ׳האָט מיך פאַרשריגן. מען האָט מיך נישט געלאָזט רעדן. איך בין דאָ געווען אַ סטאָלער, אַ בעקער, אַ לינאָטיפּיסט. און פון אומע־טום האָט מען מיך געטריבן. ווייל אומעטום זענען געווען קליגערע פון מיר, מער באַרעכטיקטע צום לעבן פון מיר״.

ביזאיצט איינגעזאַפּט אין זיך בלויז לויב וועגן די היגע יידן — סיי פון שמועסן, פון רעדעס און באַגריסונגען, סיי פון די צוויי טאָגצייטונגען, וואָס שרייבן וועגן אַלץ „אימפּאָזאַנט״ און „איינדרוקספול״. איצט הער איך אויך קריטיק. דאַכט זיך, אַז דאָס בילד איז שוין גאַנץ. מחמת אונזער וועלטל ווערט נישט אונטער־געהאַלטן פון בלויז צדיקים אָדער בלויז רשעים. עס איז אַ מין קאַשע, ווו עס קאָכט זיך אויך אַ היפּש ביסל ווערעמדיקע אַרבעס. אַזוי דאַרף עס זיין. און אַזוי קוקט אויס דער היגער ישוב. אלא מה? בערל גרינבערג איז נישט מסכים מיט מיין פּשרנות. מ׳וועט נאָך שמועסן און שמועסן. איצט געזעגענען מיר זיך ווי אַלט־באַקאַנטע, היימישע. ער האָט נישט פאַרלוירן דעם שמייכל פון צווישן זיינע ליפּן און אויגן. ער וויל בלויז עפּעס צוגעבן צו אונזער שמועס. און אין דעם „עפּעס״ פיל איך באַרעכטיקטע קנאה פון אַ טאַלאַנטירטן שרייבער־תושב —

„זע, נאָר זיי נישט בייז אויף מיר: גוט, וואָס מ׳ברענגט אַראָפּ שרייבער־פּליטים פון אייראָפּע, אָבער פאַרוואָס אַזאַ טומל? קיין קלאַסיקערס זענען זיי דאָך נישט; און בערל גרינבערג דאַרף נישט קומען צו זיי־אַ זיך לערנען שרייבן אַ שורה פּראָזע״...

ער איז אַוועקגעגאַנגען און תיכף זיך אומגעקערט:

„זע, חבר מיינער, אַז אין אַ יאָר־צוויי אַרום זאָלסטו נישט זיין אַזאַ צעטראָטענער ווי בערל גריבערג״ — — —

3. פיגורן אין רעדאַקציע „די פרעסע"

איך בין שוין אָפיציעל צוגערעכנט צום רעדאַקציע־פערסאָנאַל פון „די פרעסע". איצט נעמט דער באַדן ווערן זיכערער. אַזוי מיין איך. מסתמא וועט עס „זיך אַריינאַרבעטן".

פאַקטיש פאַרמאָגט נישט די צייטונג קיין רעדאַקציע מיט פאַראַנטוואָרטלעכע פאַר אָפטיילונגען, ווי: ליטעראַטור, פּאָליטיק, לאָקאַלע ענינים, אויסלאַנד און די פאַרשידענע רובריקן, וואָס אַ טאָגצייטונג פאַרמאָגט אָדער דאַרף פאַרמאָגן אין אַ מעטראָפּאָליע. פאַראַן בלויז אַ רעדאַקציע־סעקרעטאַר, וואָס ער איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם גאַנצער צייטונג. ער הייבט אָן זיין אַרבעט אין אָוונט און פאַרענדיקט מיטן איבערגעבן דעם נומער צום דרוק. דאָס מאַטעריאַל קומט לרוב פון אויסלאַנד. טייל אָריגינעלע קאָפּיעס, טייל געדרוקטע אויסשניטן. דער סעקרעטאַר קען די נעמען פון די מחברים. איז גענוג צו כאַפּן אַ בליק אינעווייניק און — אַוועק צום זאַץ. פאַראַן אויך צוויי ידיעות־איבערזעצערס פון שפּאַניש. איינער פון זיי — משה גראַניטשטיין — האָט ביזאיצט אַרויסגעגעבן אַ דרייסיק ביכער. מען זאָגט וועגן אים: ער צאָלט דעם דרוקער חודשלעך — אַ יאָר אַ בוך. ער איז אַ ביטערע זאַך, דער מ. ג., ער איז גיפטיק אין רעדן און אין אויסזען. איך האָב ספּעציעל נישט קיין מזל צו אים — אפשר מחמת קנאה: „געקומען צום גרייטן"; אפשר ווייל אַזוי איז זיין טבע: גיפט און גאַל.

די צייטונג ווערט געמאַכט אין אַ האַלב־איינגעפאַלענער בודע. הילצערנע ווענט־לעך צעטיילן זי אויף אַ זעצעריי־דרוקעריי, אַדמיניסטראַציע און רעדאַקציע.

אין איינעם אַזאַ לאָך־צימערל זיצט דער גרינדער און פאַרוואַלטער פון „די פרעסע", עוזר בומאַזשני. ער איז שוין אין די הויכע זעכציקער, אָבער זיין נידעריקע וווקס, זיינע ווייכע־און שמייכלדיקע אויגן מאַכן אים פאַר אַ סטאַ־טעטשנע, וווּיל־צוגעלאָזן בחורל. ווען נישט די גלאַט־פאַרקעמטע גראָ־שיטערע האָר וואָלט איך זיך ווי צו אַזאַ באַצויגן צו אים. ער פאַרמאָגט נישט קיין בייזע ווערטער, קיין שאַרפע אויסדרוקן, קיין באַלעבאָס־געשטעל, כאָטש ער איז דער פאַקטישער באַלעבאָס פון דער צייטונג. אַז ער זעט מיך פאַרבייגיין זיין לעכל, רופט ער מיך כמעט שטענדיק. און שטענדיק הייבט ער אָן מיט אַן אָפּשאַצנדיק לויבוואָרט. למשל:

„אייער היינטיקער פעלעטאָן איז באמת מייסטעריש אָנגעשריבן, איר פאַרשטייט, נאָר וואָס זאָל איך אייך זאָגן — אַביסעלע צו־בייסיק, האַ, איר פאַרשטייט דאָך מסתמא"...

יאָ. איך פאַרשטיי. דערפאַר זוך איך אַן אומוועג, ביים גיין צום סעקרעטאַרס צימער, כדי אויסצומיידן דעם צוזאַמענטרעף מיטן פאַרוואַלטער. וואָס־אמת,

געהער ער, בומאַזשני, צו די סימפּאַטישסטע יחידים אינם קאָאָפּעראַטיוו, דאָך — יעדן טאָג דאָסזעלביקע:

„מיר האָבן אַ סך געאַרבעט ביזן אויפשטעלן „די פּרעסע״; נישט געגעסן, נישט געשלאָפן. דאָס איז געווען מיט דרייסיק יאָר צוריק. נו, איצט זענען מיר שוין אויף אַ מעמד, איר פאַרשטייט, אָבער דער שווייס רינט נאָך פון אונז״...

קען איך שוין די שורות פון אויסנווייניק. וויפל איז דער שיער זיי איינצו־חזרן?

מיין טעגלעכן רעדאַקציע־קאָנטאַקט האָב איך מיטן סעקרעטאַר, יוסף אַקסענצאָוו הייסט ער. אַ הויכער, אַ דינער, זייער אַ דינער. דאַכט זיך: אָט וועט ער זיך אויסבייגן און איינברעכן. אַזוי זיין פּנים. ער טראָגטברילן, האָט קאַלטע הענט און איז אָן ברעמען. עס הייסט: ברעמען האָט ער יאָ, נאָר זיי זענען — גע־פאַרבטע. במקום האָר — פאַרב. ער איז אַ קאָמוניסט, אַקסענצאָוו. און אויב עס זענען פאַראַן ערלעכע קאָמוניסטן, איז ער דער ערלעכסטער צווישן זיי. ער איז אַ קאָמוניסט נאָך איידער פון קאָמוניזם איז געוואָרן אַ מלוכה. ער טראַכט נאָך און לעבט נאָך מיט יענע צייטן, ווען יידיש־רוסישע יונגעלייט האָבן געחלומט פון אַ וועלט אָן אונטערדרוקערס און אָן באַלעבאַטים. אמת, ער אַליין געהער איצט צום סאָרט באַלעבאַטים, לעבט אָן דאגות און דווקא צופרידן אונטער אַ באַלעבאַטישער, האַלב־פאַשיסטישער אָרדענונג, דאָך... און דאָ נעם איך אַ וואָרט: יוסף אַקסענצאָוו איז זייער ערלעך, זייער פריינטלעך און זייער חבריש. יאָ, חבריש אַפילו צו אַזאַ איינעם, וואָס וויל זיך נישט חברן מיט זיין כאַוועָ־רישקייט... צווישן אַנדערע דערציילונגען פאַרגעסט ער נישט צו דערמאָנען יענע צייט, ווען די אַרגענטיניש־פאַשיסטישע פאָליציי — העכער אַ דרייסיק יאָר צוריק — האָט אים געפּייניקט און אויסגעריסן זיינע ברעמען. אָ, יענע צייטן! וויפל קאַמף און ענעורגיע...

איצט זיצט ער רואיק ביי זיין טיש. ער האָט שוין זיינס אָפּגעטאָן. אין מאָסקווע שטייט דער בית־המקדש. ער היט זיך צו שרייבן דאָס וואָרט „קרעמל״ (אָן אַן עין). זאָל מען נישט זאָגן, אַז אין מאָסקווע געפינט זיך אַ קרעמל... דערפאַר זוכט ער אין די צוגעשיקטע מאַנוסקריפּטן דאָסדאָזיקע וואָרט. און אַז ער געפינט עס; און אַז עס איז נישטאָ די עין, שטעלט ער זי אַריין זייער פאָרזיכטיק. עס ווערט אַ „קרעמעל״ און ער זאָגט מיט אַ זיגעריש שמייכעלע:

„איר זעט, שוין ווידער געפּאַקט. אַז מ׳קען זיך גאָרנישט אויסהיטן פאַר זיי!״...

חוץ רעדאַקטאַר־קאָרעקטאָר איז ער אויך איבערזעצער פון שפּאַניש: אַרויסגע־געבן פאָליטישע בראָשורן. אָ, שוין לאַנג צוריק. אַ דרייסיק יאָר. איצט האַלט ער אין שרייבן זיין ביאָגראַפיע. אַז מ׳וועט לעבן...

ביים קעגנאיבערדיקן טיש זיצט אַ קאָאָפּעראַטיוו־מיטגליד, דער היפוך פון זיין

שכן: אַ גיפּטיק געלעכטערל באַדעקט זיין געל פּנים. ער ליידט אויף אַסטמע. עס איז אים שווער דאָס עטעמען, בפרט — קאָמוניסטישע לופט. פּיניע וואַלד זיין נאָמען. ער זעצט־איבער די טאָג־כראָניק פון שפּאַניש. געבוירן אין פּוילישן טאָמאַשאָוו, אין איין עלטער בערך מיט זיין איצטיקן צימער־שותף. שוין קרוב צו די פופציק יאָר אין אַרגענטינע; דורכגעמאַכט היים און קאַלט. אַ שרייבער פון זכרונות. אַ סאָציאַליסט. קלאָרער: אַ בונדיסט. און נישט סתם אַ בונדיסט. אַט ווי זיין מיטשותף: אַקסענצאָוו איז קאָמוניסט פון פאַר 1905, דאָס אייגענע — וואַלד: אַ בונדיסט. און מיט אַקסענצאָוון איז ער — ווי אַ מעסער אויף אַ שטיין. „אַזאַ היפּאָקריט!" — אָבער ביים טיש קריגט מען זיך נישט איבער פּאַרטיי־ענינים. דאָס געהער נישט אַהער. און זיי ביידע — דער קאָמוניסט אַקסענצאָוו און דער בונדיסט וואַלד — זענען דאָך נישקשהדיקע באַלעבאַטים מיט פיינע הכנסות, אויף אַלע קאָמוניסטן און בונדיסטן געזאָגט געוואָרן (וועלן זיי זיכער ווערן „געוועזענע"...).

סיוּוי נעמט זיך אַקסענצאָוו נישט איבער מיט וואַלדס בונדיזם. עס אַרט אים נישט. ער יאָדעט זיך נישט. דערפאַר נעמט זיך וואַלד פילן שלעכט, בעת ער זעצט זיך אַוועק אַנטקעגן אַקסענצאָוון. ער דרייט מיטן קאָפּ רעכטס, לינקס, אַרויף צום סופיט. די אַסטמע דושעט אים. עס דושעט אים די לופט וואָס קומט פונם קעגנאיבערדיקן טיש.

יוסף אַקסענצאָוו איז אַ רודף שלום. ער קומט־דורך מיט אַלעמען, אַפילו מיט די שאַרפסטע רעאַקציאָנערן. דאָ איז אַ געשעפט. און אין אַ געשעפט האַנדלט מען מיט אַלעמען. בכלל, דאַרף מען נישט וויסן אין גאַס וואָס עס טוט זיך דאָ, אינעווייניק.

אַן אַנדערע מיינונג האָט יעקב באַטאַשאַנסקי. ער איז נישט־אָפיציעל: שעף־רעדאַקטאָר. אָפיציעל האָבן אַלע גלייכע טיטולן: מיטרעדאַקטאָר. אָבער י. ב. וויל נישט זיין קיין „מיט" צוזאַמען מיט דעם־אַ־דאָרט, וואָס קען רעכט נישט אָנשרייבן קיין גלייכע שורה. ער איז זייער אומצופרידן, באַטאַשאַנסקי. ער פאַר־געסט נישט כסדר צו דערמאָנען, אַז „די פּרעסע" האָט אים אַראָפּגעבריינגט פון איירָאָפּע „אויף דעם פאַרלאַנג פון די לייענער". דערפאַר קומט אים, לכל הדעות, די בכורה. און דערפאַר טאַקע איז ער זייער ברוגז אויף אַקסענצאָוון, הלמאי ער גיט אים נישט צו לייענען די מאַנוסקריפּטן, בפרט פון די אינעווייניקסטע מיט־אַרבעטערס.

אַ בעסאַראַבער, מיט אַ שווערן גאַנג, דעם קאָפּ אַן אַ זייט. אַ דאַרפישער. איז עפּעס ווי אויסגעקריצט אויף זיין גאַנג און באַוועג — אַן אַרענדאַר. אָבער אינעווייניק איז ער מלא כרימון. אַלץ וויס ער און פון אַלעמען גיט ער. איינער פון זיינע פּסעוודאָנימס איז: „יאַנקעלע גיבאַלעס". ער גיט „אַלעס" וואָס נאָר

מ׳פאַרלאַנגט פון אים: קריטיק, דערציילונג, גראַמען, הומאָר, סאַטירע, טעאַטער, קונסט... אַלללעס! אַקסענצאָוו איז גראָד צופרידן פון אים. „אַז איך דאַרף שורות, קלינג איך צו אים אין מיטן נאַכט און ער מאַכט"... יאָ. ער „מאַכט". ער מאַכט אויך סקאַנדאַלן. וואָרום, עס טרעפט: אַ זעצער פון קאָאָפּעראַטיוו שטויסט זיך אָן אין זיין מאַנוסקריפּט אויף שורות, וואָס לויט אים נאָך קאָנען זיי ברענגען שאָדן דער „זאַך" און ער טענהט, אַז מען דאַרף זיי אַרויסוואַרפן; נעמט יאַנקעלע קלאַפּן אין טיש: „עיעך וועל נישט לאָזן, אַז זעצער זאָלן מעיעך רעדאַגירן!"

„גיבאַלעס" איז דער בעסטער און טרייסטער לייענער פון זיין צייטונג. ער לייענט אַרום די שורות און צווישן די שורות. און שטענדיק געפינט ער אַ שורה, וואָס איז „געצילט קעגן אים". דאָס האָט שוין ווידער אַ מיטאַרבעטער עפּעס „אַריינ־געקנאַקט"... ער איז אויף „מעסער־שטעך" מיט די מיטאַרבעטערס. ער איז שטענדיק גרייט זיך צו וואַרפן אויף זיי מיט די פויסטן און שטענדיק טרעט ער אָפּ דער ערשטער. עס גייט אים נאָך אַ געשפּענסט: טאָמער וועט אימעצער אַריינקריכן אין זיינע רובריקן. זיין מאַנאָפּאָל איז קריטיק. טאָ זאָל אָפּגעהיט ווערן אַ רעדאַקציע מיטגליד פון אָנשרייבן אַ רעצענזיע אויף אַ בוך. נישט זיכער מיטן לעבן.

בפרט קאָן ער נישט פאַרטראָגן זיין ערנסטן קאָנקורענט אויפן שעף־טיטל, דעם ד״ר לאַזאַר זשיטניצקי, וואָס שרייבט אויך: קריטיק, פּאָליטיק, טעאַטער, קונסט, עקאָנאָמיק; אויך אַ מין כל־בו — אָן „אַלעס"־קאָנקורענט צו באַטאַשאַנסקי. דעם דאָקטאָר־טיטל האָט זשיטניצקי געבּרענגט קיין אַרגענטינע פון דער קיעווער „אַלעקסעישע מיליטער שול" און דערפאַר מסתמא איז ער אַזאַ געלאַסענער, אַ דיסציפּלינירטער — אַ מיליטערישער. זיינע שפּאַצירן זענען אויך זייער גע־לאַסענע, באַגלייט מיט אַ דיקן שטעקן. ער איז זייער אַ פריינטלעכער שמועסער. אַ קיילעכיקער און בייכלדיקער. בשעת ער שפּאַנט איבער דער קאָריענטעס איז צו פילן: די גאַס געהער צו אים. מחמת ער האָט אַ היפּשן חלק אין דעם אויפבוי פונם „ישוב" — זיינע שולעס, זיין טעאַטער, זיין וויסנשאַפט און אויך — זיינע קאָמוניסטן. ער איז געקומען צו זיין נאַציאָנאַלישקייט פון די לינקעוואַטע, ווי כמעט אַלע זיינע חברים פון „די פּרעסע" און פון אירע לייענערס. בכלל — איז ער צופרידן פון זיך און פון יענעם — אַבי יענער טשעפּעט נישט מיט אים. אַפילו עס טרעפט (און עס טרעפט כסדר), אַז י. ב. טוט אַ שרייב אין איינעם פון זיינע רובריקן: „גיי ווייס, אַז ביים דאָקטער מיינט מען — איך", שווייגט אויך זשיטניצקי. ער פאַרנטוויט זיך בלויז אין דער שטיל: „ער זוכט זיך; זאָל ער זיך זוכן, דער גאון בדורו"...

זש. איז אָן עניו אין זיין שרייבן. ער נוצט נישט דעם „איך": „איך האָלט", „איך

זאָג". נײַן. ער שרײַבט „מען": „מען האַלט", „מען זאָגט"... ער טוט ס'פּאַרקערטע פון י. ב. יענער שטעלט אַלץ אויף זײַן „איך". ער איבעוועט צופּיל: „איך" האַלט, „איך" מײַן, „איך" שאַץ — — —

4. „אַקטן"־געזעלשאַפט

ייִדן מאַכן אין בוענאָס אײַרעס „אַקטן": אַ שלום עליכם־אַקט, אַ ביאַליק־אַקט, אַ חנוכת הבית־אַקט, סתם־אַזוי־אַן־אַקט. עס ווערן אויך געמאַכט אַנדערע זאַכן: באַערונגען, צוזאַמענטרעפן, פּרעסע־קאָנפערענצן, אויפטריטן, פּרימאַרגנס און אָוונטס. דאָס אַלץ און נאָך זאַכעניש, וואָס פילן־אויס די טעג און נעכט פון אַ גאַנץ יאָר ביי ייִדן אין גרויסע און קליינע שטעט פונם גאַוטשאָ־לאַנד.

צווישן מײַנע אַרבעטן אין רעדאַקציע, אויך — זיך באַקענען מיטן לעבן „אין ישוב", אַרײַנדרינגען אין דער טיף, זיך אויסגרינען — דורך באַזוכן די „אַקטן" און אַלץ אַרום זיי; באַריכטן און קאָמענטירן אויף די שפּאַלטן פונם בלאַט. לכאורה, אַ פּאָזיטיווע אַרבעט: הער רעדעס און באַגריסונגען, באַגריס אַליין אויך, זאָג צוזאַמען מיט אַלע: „מוי ביען". וואָדען? אויף אַלע „אַקטן" הערט זיך אײַן שטריך: אַלע, אַלע זיי, די באַערטע און באַגריסטע, זענען אַ „ברכה פאַרן ישוב"; קיין שפּרענקעלע קריטיק. און אומעטום ווערט גערעדט וועגן „אונזער ייִדישער פאָלקסטימלעכקייט" אין — „קאַסטעזשאַנאַ": „ען נאָמברע", עס הייסט: אין נאָמען פון מיר און „דעל מי עספּאָסאַ" און אין נאָמען פון מײַן ווײַב האָב איך דעם כבוד צו באַגריסן... און נאָך די באַגריסונגען — אַ סדרה „פּאָזשאָ" — געבראָטענע הינער, וואָס די קעלנער דערלאַנגען זיי היפּש נאָך חצות. און צו דידאָזיקע „פּאָזשאָס" זענען געווענדט אַלעמענס בליקן און — הענט. יאָ. די הענט. ספּעציעל די ווײַבערשע הענטלעך. זייערע פינגער — יעדער פינגער אַ מיליאָן — באַלייגט מיט גלאַנציקע שטיינדלעך און בלישטשענדיקע בלעכלעך: גאָלד און בריליאַנטן. און אַרום זייערע גוידערדיקע העלזער — קייטן און קייטלעך און אויף די אויערן — עס בלישטשעט און עס גלאַנצט. און די פּנימער — געשפּאַכלעוועט און די ליפּן — ציגל־רויט. אָט אַזוי טוען זיי שטופּן אין די רויט־געפאַרבטע לעכער די שטיקער „פּאָזשאָ" מיט אַזאַ אַפּעטיט (אָן עין הרע), גלײַך נאָך אַ שווערן יום־כיפּור־תענית, בנאמנות...

מאַנאָטאָן, נודנע, איינטאָניק און — זעלבסטצופרידן. איך שרעק זיך — פאַר ווערן אַרײַנגעשלעפּט אין דערדאָזיקער „מוי ביען"־און „פּאָזשאָ"־געזעלשאַפטלעכקייט — וואָס דערגייט פיל מאָל צו לעכערלעכקייט.

היינט נאָכמיטאָג, פאַרבײַגייענדיק בומאַזשניס צימער־לעכל, הער איך ווי ער רופט מיך. שוין ווידער! אמת, ער איז דער סימפּאַטישסטער פון אַלע דאָ, שמייכלט

אַפילו ער האָט טענות, אָבער די מעשה איז וואָס ער רעדט צופיל. פאַלט מען אַריין צו אים — נישטאָ קיין אַרויס.

איצט שמייכלט ער ווי שטענדיק מיט זיין גלאַטיק־יינגלש פנימל, דער אויסער־לעכער יוגנטלעכער, גראָעטשקער עוזר בומאַזשני:

„איר פאַרשטייט, אייער היינטיקער פעלעטאָן פאַרמאָגט אין זיך, כ׳וואָלט געזאָגט, אַזויפיל קלאַסיק, דערפינדערישקייט, אַז — קכי־כי־כאָ!״...

ער האָט זיך פאַרקייכט. און איך דערוויל „וואָרף דורך״ אין קאָפּ דעם היינטיקן פעלעטאָן: אַנומלט געווען אויף איינער אַ „באַערונג״; די רעדעס האָבן פון מיר אַוועקגענומען דעם אַפּעטיט — ווי שטענדיק ביי אַזוינע שפּעט־נאַכטיקע „אַקטן״. און אַז עס האָבן זיך גענומען ציען אויגן און הענט צו די געבראָטענע „פּאָזשאָ״־פּולקעס, האָב איך זיך פאַרנומען מיט זוכן דעם וועג צום אַרויסגאַנג. נו, האָט דער קעלנער אַוועקגעשטעלט נעבן מיר אַ פולן טעלער. בין איך געזעסן און געגענעצט. אַנטקעגן מיר — אַ פאַרל, צוזאַמען — נישט ווייט פון די מאה וחמישים, אָן עין הרע. אַרום מיר — אַ ליפּן־סמאַטשקעניש, אַ ביינער־נאַגעניש. דאָס ווייבל אַנטקעגן מיר — ראשה ורובה אַריינגעטאָן אין איר טעלער און אין... מיינעם.

„פאַרוואָס עסט איר נישט? אַזאַ גוט שטיקעלע ,פּאָזשאָ׳!״

איך ענטפער נישט. זי האַלט שוין מיין טעלער צווישן אירע פינגער, גלאַנציקע פון גאָלד און פעטס —

„עסט! — טוט זי לסוף אַ געשריי — איר זענט אַ פערד... אַזאַ ווייך ,פּאָזשעלע׳...״

זי טוט אַ דריי דעם טעלער — רעכטס און לינקס און פאַרבלאָנדזשעט מיט אים צום מאַנס טעלער. איבערגעדרייט און ביידע — אַריין מיט די פינגער, פאַרציקט מיין פולקע־חלק — — —

„איר פאַרשטייט, וואָס זאָל׳ך אייך זאָגן — זעצט בומאַזשני פאָר מיט זיין חנוודיקן שמייכל — איך האָב באמת געלאַכט און הנאה געהאַט. נאָר וואָדען. אָט האָט דער טעלעפאָן געקלונגען און אָן אַנאַנים קול האָט זיך שטראַק געבייזערט, הלמאי מען באַליידיקט דאָ מענטשן און זיי וועלן מער נישט געבן קיין אַנאָנסן... קכי־כי־כאָ! נו, אַ כפרה די אַנאָנסן, אָבער איר פאַרשטייט דאָך... אַביסעלע צו־שאַרף, צופיל פעפער״ — — —

שמערקע האָט פאַר מיר אַן ענין, היות איך האַלט אין מיטן „באַקענען זיך מיטן ישוב״, ווי ער פילט דאָס אַרויס פון מיין שרייבן, וואָלט במילא נישט געווען אויסערן וועג, כ׳זאָל זיך אַראָפּכאַפּן אין די ייק׳א־קאָלאָניעס.

„ווי מיינסטו? דער קולטור־קאָנגרעס האָט באַקומען אַ פאַרבעטונג פון דער

ייק׳א־אַדמיניסטראַציע. זי וויל איינעם פון די פריש־געקומענע שרייבערס און אַ זינגערין. דער שרייבער זאָל רעדן און די זינגערין — זינגען. וועסט אויך באַקומען אַ פיינעם האָנאָראַר״.

מסכים. איז דאָך וועגן די יידיש־אַרגענטינישע קאָלאָניעס און זייערע יידן אָנגע־שריבן געוואָרן אַ ליטעראַטור אַ גאַנצע. בכלל, איז כדאי אַביסל זיך צו באַפרייען פונם בוענאָס איירעסער כסדרדיקן יום טוב. פשוט: אָנשרייבן אַ סעריע רעפּאָר־טאַזשן פון די קאָלאָניעס. איך האָב זיך דורכגעשמועסט דערוועגן מיט אַקסענ־צאָון. ער איז אַנטציקט:

„אמת, קיין ספּעציעלע חידושים וועט איר נישט אַנטפּלעקן, ווי די קאָלאָניעס גופא זענען שוין גאָרנישט מחדש, אָבער פאַר אייך, אַ פרישן, וועט עס זיין אַן איבערלעבונג, כאָטש די איצטיקע קאָלאָניעס זענען שוין נישט צו פאַרגלייכן מיט די קאָלאָניעס פון אַ פערציק יאָר צוריק״ — — —

סוף אַפּריל 1952. אָנהייב פונם אַרגענטינישן ווינטער. די היצן מאַטערן נאָך נישקשה, אָבער צוזאַמען מיט זיי הערן זיך שוין אין די נעכט וואַיענדיקע ווינט־לעך, וואָס זאָגן־אָן אויף קעלטן און שטעכיקע רעגנס.

צוזאַמען מיט מיין פּאַרטנערין — דער זינגערין מיטן קאַלטן נאָמען: סיבירצעוואַ — האָב איך זיך ראשית באַקענט מיט אַ וויגנדיקן וואַגאָן פון דער אַרגענטינישער אייזנבאַן. מיר פאָרן צו דער פּראָווינץ ענטרע־ריאָס, אַ קאָלאָניסטישער צענטער. אַרגענטינע איז גרויס, ריזיק־גרויס. די באַן וויגט זיך שעהן לאַנג צווישן פליכעוואַטע פעלדער, אויסגעפּילטע מיט פלייש־בהמות, סקאָט — קילאָמעטערס ווייט.

„ענטרע ריאָס״ האָט אַ טייטש: „צווישן טייכן״. נאָך שעהן זיך וויגן און וואַקלען האָבן דורכן וואַגאָן־פענצטער געגומען גלאַנצן לאַנגע שטחים מיט זומפּן, אין זיי — אינזעלעך און ווידער — זומפּ און וואַסער און טייכן; זענען מיר אַזוי אַרום אָנגעקומען — צווישן טייכן. די באַן פאַרלאַנגזאַמט. מסתמא וועט זי באַלד אַרויף אויף אַ בריק, וואָס וועט זי אַריבערפירן אויף יענער זייט טייכן. די באַן האָט זיך אָפּגעשטעלט. זי שטייט. דער לאָקאָמאָטיוו איז אויסגעשפּאַנט. ער פאָרט אַהין־אַהער, פירט וואַגאָנעס דאָ, וואַגאָנעס דאָרט. די באַן איז צעטיילט אויף צוויי חלקים. זי שטייט נישט, ווי מיר האָט זיך געדאַכט. זי שווימט. יאָ, די באַן שווימט אויפן וואַסער. דער צוג איז אין צוויי טיילן אַרויפגעפירט געוואָרן אויף רעלסן, וואָס געפינען זיך אויף אַ שווימענדיקער בריק אַזאַ. און אָט שווימט די באַן מיטן גאַנצן באַגאַזש אירן צום צווייטן ברעג. עס רעדט זיך אַזוי. אַזוי מסתמא שווימט אַ זשאַבע אין זומפּ. אַ שעה, צוויי, פיר, שוין באַלד זעקס שעה. אַזאַ נודאַטע! מיט אַזויפיל וואַסער קאָן מען פרוכפּעריק מאַכן אַ מדבר. נישט אומזיסט איז די אַרגענטינישע ערד אַזאַ פעטע, אַזאַ „פליישיקע״...

ווידער — יבשה. ווידער ווערט דער לאָקאָמאָטיוו איינגעשפּאַנט, פירט פּאַמעלעך די וואַגאָנעס אַרויף אויף יבשה־רעלסן, קומט צוריק, פירט ווידער, די רעדער דרייען זיך שוין ווידער אויף האַרטן באָדן.
די ערשטע סטאַציע: דער קאָלאָניסטישער שטאָט־צענטער — באַסאַווילבאַסאָ. אַ קאָלאָניסטישער וואָגן אויף צוויי הויכע רעדער, אַ „סולקע" פירט אונז אין שטעטל. דער באַלעגאָלע — אין ברייטע הויזן, אַז איך צוזאַמען מיט מיין פּאַר־טנערען וואָלטן זיך אין זיי נישקשה איינגעאָרדנט. איך קוק און שמייכל. ער צעלאַכט זיינע ווייסע ציין:

„הע, נישט מאָדיש? אַזוי קוקט אויס אַ „גאַוטשאָ", וואָס לעבט אויף דער „פּאַמפּאַ" און וואָס מוז קעמפן קעגן דער „פּאַמפּעיראָ"... נישקשה".
זיין יידיש — אַ האַ־טער און שיטערער אַזאַ. ציילט יעדער אות, ציילט און ציילט־איבער... אַ ייד פון אוקראַינע. זיין זיידע האָט געהאַט ערד אַרום קרע־מענטשוג. האָט ניקאָלייקע די ערד צוגענומען. איז מען געלאָפן קיין קאָנסטאַנטי־נאָפּאָל און פון דאָרט אַהער...
„וויאָאַ, טרעקלאַטאַיאַ!"

די ערד בלאָטיק. עס רוקט זיך אָן דער פאַרנאַכט. איןביידע זייטן וועג — צעהויקערטע, צעבערגלטע רויערד. די שטאָט. אַ ברייטע, גאָר ברייטע גאַס. דאָס וועגעלע בלייבט שטיין נעבן אַן אַריינפאָר, אַ מין האָטעל. אויסגעגלייכט די פּיס. היינט — דער קבלת־פּנים. אָן דעם גייט'ס נישט. מאָרגן אָוונט — אויפטריט אין דער שטאָטישער ביבליאָטעק, אויף איינער אַ וואַנט — אַ מודעה אין שפּאַניש. ווייזט־אויס, אַז דאָס איז צו מיינען דעם „אויפטריט". איך געפין דאָרט עפּעס ענלעך צו מיין נאָמען. איך הער ווי די זינגערין מאַכט שוין רעפּעטיציעס. נישקשה פון אַ קוויטשעלע. וואָס דאַרף איך טאָן? זיך אַרומשטויבן, זיך גרייטן צום „באַקענעניש". דערנאָך — אויספלאַנען אַ רעדע. וועגן וואָס רעדן? וואָס זיי דערציילן? חורבן אין אייראָפּע? און אפשר גאָר עפּעס פריילעכס? שלום עליכם: מנחם מענדל, שיינע שיינדל, בערזע, האָסע, בעסע, שידוכים... איך ראַזיר זיך, שטויב זיך, וואַש זיך. ערשט — אַ צעוואַקסענע פיגור אין דער טיר: לאַנגע האָר, ברייטער קאַפּעלוש, אַראָפּהענגענדיקע וואָנסעס.
„איר זענט סעניאָר?... פּאָר פאַוואָר, אַנטשולדיקט"...
„וואָס פאַרלאַנגט אַ ייד?"

„סתם אַזוי. אַביסל שמועסן. האָב געזען אין דרויסן אַ פּלאַקע, אַז געסט קומען פון צענטער, ווילט זיך דורכוואָרפן די צונג. אַיאָ. די ייק'אַ האָט אייך געהייסן רעדן וועגן איר גרויס באַלעבאַטעווען מיט די קאָאָפּעראַטיוועס, קאָסעטשע, פּעאָנען, אַיאָ?"